STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01341

DI BIME

Y. L. Lazerov

Permanent preservation of this book was made possible
by Raye Goldberg
in memory of
Harry Goldberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די בימה

גאַנצע רעדעס אויף יעדען שבת

פון יעדער פרשה, פונקט ווי עס איז גערעדט
געוואָרען פון דעם מחבר אַליין, מאמרים,
משלים, אַפילו די „שיחת חולין“.

יעדער ספר — אַ רעדע

נאָך דעם דרוש קומען משלים, ציצים ופרחים

פון דעם מחבר הרב הדרשן והמטיף המפורסם
יהודה ליב לאַזעראָוו

ניו־יורק — תרפ"ד

ל ע ו ו אַ נ ט פּ ר ע ס
479
138 2־טע סט., נ. י.

הקדמה

איך וועל דעם מאָהל אויך ניט שרייבען קיין „התנצלות" אין מיין „הקדמה„ פון דעם גרויסען ספר, די „בימה". — וואָס דאַרף איך פאַלען „כורעים" פאַר אייך, בוקען זיך צו אייך, און ערקלעהרען, וואָס עס האָט מיר געטריבען דערצו, צו מאַכען פאַר אייך אַ ספר. זאָל איך שרייבען, אַזוי ווי די „מחברים" שרייבען אין זייער „הקדמה": ווער בין איך? אַ קריכענדער ווערימעל. וואָס בין איך? אַ בינטעל גראָז. אַ נידעריגע בריאָה... דאָס זאָלען זיי, די מחברים שרייבען, ווייל דאָס זאָגט עדות אויף זיי, אַז זיי מיינען ניט וואָס זיי שרייבען. באַלד נאָך דעם, שטעהט אַ גרויסע „הסכמה" פון הרב הגאון דער און דער, וועלכער שרייבט אויף דעם און דעם, אַז דער חבור, וואָס דער „רב וגאון" האָט געבראַכט צו איהם, איז איהם ליכטיג געוואָרען אין די אויגען זיינע, אַז דער חבור וועט פאַרשיינען די וועלט. דאַרום זאָל מען שטיצען דעם גאון המחבר. אָט זעהט מען וואָס פאַר אַן "עניו" דער „גאון מחבר" איז... ער זעהט דען ניט דעם טיטול וואָס איז געשריבען אויף איהם? און דאָך דרוקט ער עס...

מיינע טייערע! איך בין ניט קיין „בינטעל גראָז". איך בין אַ מענש, געוויס אַזוי ווי איהר. איך בין דער וויכטיגער און נוצליכער דרשן, וואָס האָט אַ סך נוצען געבראַכט אויף דער וועלט מיט זיין רעדען. איך שרייב אייך ספרים, צו נוצען פאַר דער וועלט, און איך לייג ניט צו קיין געלט. איך בין ניט קיין „ווערימעל". איך בין אויך ניט קיין „גאון". און גלויבט מיר אויף מיין עהרען וואָרט, אַז עס איז גאָר ניט דאָ בזמן

הזה קיין גאון, אבוואהל אין אמעריקא זיינען אלע „גאונים". איך האב ניט לאנג איבערגעצעהלט די גאונים (געוועהנליך ניט ווי מען ציילט, מען טאר דאך ניט, נאר מיט שערבלעך האב איך געצעהלט), איז פונקט דער צאהל פון שם"ה אין נויארק הבירה אליין, כנגד כל הלא תעשה שבתורה... איך בין ניט איינער פון זיי... איך האב געזעהן אין א צייטונג, אז איינער פון די פיצינקע מענשעלעך, וועלכער איז אזוי קליין אין חכמת התורה, טאקע ווי א גרעזעלע, האט ער אין פרשת לך שנת תרפ"ד, געלאזט זיך שרייבען אין דער אפטהיילונג וועגען לעקטשורס אנאנסען, אז הרב הגאון... וועט האלטען זיין דרוש אין זיין שוהל, דריי א זייגער. אז איהר האט עס ווער געלעזען, האט איהר געדארפט איינס פון די ביידע, לאכען אדער וויינען, לאכען וואס א חצוף, א בור, קען זיך פארגינען, וואס דער גרויסער גאון און גרעס־טער צדיק ר' ישראל מאיר דער „חפץ חיים", ה' יאריך ימיו ושנותיו, וואס ער לאזט ניט און וויל ניט מען זאל שרייבען אויף איהם „גאון". איך דיינק, אז ער דער חצוף מחוצף ווערט אפילו זיין פנים ניט רויט, ווען ער לעזט דעם אדווערטייז־מענט. פרעגט ביי מיר, וועל איך אייך זאגען ווער דאס איז, וועט איהר העלפען לאכען און קרעכצען אויף דעם בזיון התורה.

נאך אמאל, איך בין ניט קיין גאון... און בין ניט קיין „עוקר הרים" און ניט קיין „סיני", נאר איהר וועט צוגעבען, אז מעהר נוצבאר ווי יענער חצוף דער „גאון"... מיינע ספרים זיינען נוצבאר. דאס זאגען עדות די גאנצע וועלט. און איך זשאלעווע ניט, און גיב פאר אייך אלעס אוועק... איך דאנק דעם אלמעכטיגען און לויב דעם בעשעפער אונזערען, וואס ער האט מיר אימער געהאלפען, איך זאל קענען ארויסגעבען פאר דער וועלט אלע מיינע ספרים, וואס איך האב צו דאנקען

זיין ליעבען נאָמען, איז אַ גרויסער זכות דערמיט וואָס איך האָב זוכה געווען דאָס ביים לעבען מיינעם. זאָל מען ריידען אויף דער בימה פון מיינע ספרים.

טייערע ברידער. יעצט גיב איך פאַר אייך אַרויס דעם ספר, די „בימה", גאַנצע הרשות, מיט'ן משל, מיט'ן וויץ, אַלעס. אויף יעדע פרשה אַ ספר. אויף יעדען יום טוב אַ ספר. סך הכל דיינק איך, אַז עס וועט זיין 80 ספרים בעזרת השם יתברך שמו. נאָך יעדען דרוש באַזונדערע משלים, ציצים ופרחים, געהערטע געזעהענע און אין מיינע 99 טייל. איך נוץ ניט מיינע ספרים פאַר דעם ספר „די בימה", חוץ אין ערשטען דרוש אויף „בראשית" האָב איך גענוצט מיין משל פון „מטה יהודה", ווייל עס האָט אַזוי געדאַרפט זיין. ווייטער היט איך מיר פון דעם.

איך זאָל אייך בעטען קויפען דעם ספר, דאַרף איך ניט, ווייל איהר וועט זאָ ווי זאָ קויפען. איך זאָל מאַכען משונה־דיגע מינעס און זיך אַראָבוואַרפען וויל איך ניט. עס ווערט אַזוי פיעל גענוצט מיין ספר, אַז איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, אַז עס קען פאַרקויפט ווערען יעדער ספר מיינער ביי 20 טויזענט עקזעמפלאַרען. השי"ת זאָל מיר העלפען אַרויס־צו געבען דעם ספר און נאָך און נאָך.

דער מחבר.

פרשת בראשית

„בשאמר הקב"ה תדשא הארץ דשא
נזדעזעו שמים וארץ „מיד" העמיד
רגלי יוסף כנגדן". (מדרש)

ווען גאָט האָט געזאָגט צו די ערד, אַז זי זאָל זיך אָנגראָזען מיט אַלערהאַנד גראָז, בוימער מיט פרוכט זאָלען וואַקסען, דאַן האָט דער הימעל מיט די ערד געציטערט (און עס ווייזט אויס, אַז זיי וואָלטען ביידע אונטערגעגאַנגען, ווען גאָט ב"ה וואָלט באַלד די רפואה ניט געגעבען זיי: „מיד" העמיד רגלי יוסף") האָט דער ליבער גאָט „באַלד", זיי אַנטקעגען, אַוועק געשטעלט די פיס פון „יוסף הצדיק", דאַן האָבען זיי זיך באַרוהיגט.

עס קען יעדער פאַרשטעהן, אַז די „חכמים" ווילען אונז עטוואָס ערקלערען, אַ מוסר, אָדער „סתם" אַ גוטע לעהרע, ווען ניט קען דאָך אפילו אַ קינד וואָס געהט אין חדר, פרעגען אייניגע פראַגען:
1) וואָרום האָט די ערד אויך דער הימעל ניט געוואָלט קיין גראָזען?
2) מיט וואָס האָט זיי „יוסף" באַרוהיגט? 3) וואָרום גראָדע די פיס פון יוסף און ניט דער פנים, אָדער דער גאַנצער גוף זיינער?
4) וואָרום דווקא „יוסף" און ניט קיין אַנדער פון די „שבטי יה", אָדער גאָר פון די אבות?

איך ווייס אַז פיעלע ספרים האָבען שוין געשריבען אויף דעם „מדרש", אָבער דאָך האָבען זיי נאָך איבערגעלאָזען פאַר מיר אויך, וואָס צו זאָגען און צו שרייבען, און מיינע ברידער וועלען געפינען אַ מוסר און אַ שעהנעם בילד פאַר זיך, ווי זיך צו פיהרען אַלס מענש און איד, אויף דער וועלטעלע, אויף וועלכע ער דאַרף זיינע זיבעציג יאהר לעבען, און ווי אַ מענש, ניט ווי אַ „חיה" אָדער אַ „בהמה", —

„בטל זימרא — קם מאה אוזי
בזוזא ומאה, סאי חטין בזוזא ולא
אתבעי". (סוטה מ"ה)

דאָס הייסט, אַז עס איז „בטל" געוואָרען געזאַנג, בעסער געזאָגט,

פרייליכקייט, לוסטיגקייט, האט קיינער ניט געקויפט קיין „עופות", געגז, הענער, הינער א. ד. ג. — און קיין ווייצען איז ניט געברויכט געווארען, עס איז אזוי ביליג געווארען, עופות און ווייצען, אז הונדערט געגז האט מען געקענט באקומען פאר איין גילדען. דאס זעלבע הונדערט מאס ווייץ פאר איין גילדען, און פאר דעם פרייז זיינען קיין קאסטימער אויך ניט געווען.

דערמיט לאזט דער „תלמוד" אונז וויסען, אז ווען ניט די פרייליכקייט, וואלט די וועלט ניט געקענט עקזיסטירען. עס וואלט אויף אלעמען געלעגען א „מרה שחורה", מען וואלט ניט געלעבט, ניט געשטרעבט, עס וואלט אלעס אונטערגעגאנגען.

מיר זעהען עס יעצט, אז די וועלט איז א פרייליכע, א רעכט ביסעל צופיעל, ווי מיר וועלען עס ערקלערען ווייטער. אבער מיטעל וועג איז גוט, קיין „עצבות" טויג ניט.

חאצקיל לאטוטניק'ס ווייבעלע, דארף האבען צעהן פאר שי־בעלעך א יאהר. לייזט טאקע דער שוהמייקער, און אז ער איז ביזי, מוז ער האלטען א מענשען אין סטאר, און נאך איינעם א. ז. וו. — דערווייל מאכען א לעבען נאך איייניגע מענשען. און אזוי איז מיט דעם שוהמייקערס ווייבעלע, און אזוי ווייטער אין אנדערע לוקסום: איז די וועלט א לעבעדיגע, דארום איז דא באשעפטיגונג פאר אלעמען.

און אז מיר ווילען זאגען, איז השי"ת אויך צופריעדען פון אזא לעבעדיגע פרייליכע וועלטעלע, ווייל די „תורה" האט ניט פערבאטען צו עסען און צו טרינקען פון אלעם גוטען. — אין געגענטהייל, די „תורה" האט אונז אנגעוואונקען, אז גאט ליעבט ניט דעם מענשען וואס פייניגט זיך זיין קערפער. דער בעוויז איז פון „נזיר", אז ער דארף ברענגען א „קרבן" „על הנפש אשר חטא". פרעגען די חז"ל: „במה חטא?" ענטפערען זיי: „במה שציער עצמו מן היין", מיט דעם האט ער געזינדיגט, ווייל ער האט זיך מצער געווען און ניט געטרונקען קיין וויין. גאט האט בעשאפען וויין צו טרינקען, אבער ניט צו מאכען זיך „נזירות" ניט צו טרינקען.

„בגדים" האבען אויך די חכמים אונז אנגעזאגט צו טראגען וואס בעסערע און שעהנערע. איבערהויבט פאר א „תלמיד חכם"

איז א מצוה צו געהן אין גאנצע און מיטעלע, שעהנע, קלינע „בגדים“ (ברכות מ"ג): „גנאי לת"ח שיצא במנעלים המטולאים“, אין (שבת דף יו"ד) „מילתא אלבישייהו יקירא“, אין (שבת דף ל') און אין (שבת דף קי"ג). יעדער מענש זאל זעהן ווי מעגליך צו האבען צוויי סוטס, איינעם אויף שבת און נאך איינעם אויף א גאנצע וואך, (תענית ל"א) „ובלבד שתעטרוני בזהובים“, אין (מועד קטן דף ט') „עושה אשה תכשיטיה במועד“, (יבמות ל"ד) „התורה חסה על תכשיטי כלה“, „אפילו“ די וואס האבען ניט קיין „בגדים“ האט די תורה „שבעל פה“ געפונען א מיטעל! אז מיר מוזען זיי געבען „בגדים“ אדער געלט צו קויפען „בגדים“ און טאקע אבגעלערענט פון הקב"ה אליין (סוטה י"ד) „מה הקב"ה מלביש ערומים אף אתה“.

פון דעם זעהען מיר גאנץ גוט, אז די תורה הקדושה אליין ערלויבט אונז, און אדרבה, באפעהלט אונז, צו גיין אין שיינע מיטעלע בגדים, און השי"ת וויל אז מיר זאלען לעבען מיט פרייליכקייט, ניט מיט עצבות, און מיט פאסטען און פלאגען דעם קערפער. גאט האט אונז פארזאגט פאסטען „יום הכפורים“ דעם איינעם טאג, האט ער אונז געבעטען אז מיר זאלען „ערב יום כפור“ עסען וויפיעל מיר קענען, פון די שעהנסטע און בעסטע...

אבער א „ויהי“ און א „צרה“ דערביי. ווען ישראל האט פון אלעם גוטען, און ער קען געניסען פון אלעם גוטען, און ער קען לעבען גליקליך פון מאטעריעלען שטאנדפונקט, שטארבט דאן אב, אדער ער ווערט שוואך אין מאראלישען שטאנדפונקט, לעבט דער קערפער... שטארבט די נשמה... טראגט „ישראל"ס ווייבעלע דיימאנטלעך אויף איהרע פינגערלעך, וואשט זי זיך ניט צום עסען, נעמט ניט קיין „חלה“, נעמט אבער טריפה פלייש — טראגט זי דיימאנטענע אוירינגלעך, הערט זי שוין ניט דעם דרוש פון רב, נאר איין מאהל א יאהר אפשר... געהט זי אין טייערע שיכעלעך - געהט זי ניט אין — — — —

אך וואס איז מיט אונזערע ברידער און שוועסטער, ווי נאר עס איז אונז גוט מאטעריעליש, איז שלעכט ישראל מאראליש, ישראל שטארבט אב גייסטיג, ווען ישראל האט גענוג אלעם קערפערליך!

און צו דעם לוקסוס לעבען געהערען באַנייהעַ אַלע פון די רייכע איז דאָך ניט צו קלערען, דאָס איז דאָך געוויס. אפילו דער אָרימער קלאַס טאַנצען נאָך דעם רייכען אין אַלע הינזיכטען. זיי אַרבעטען איבער־טיים, זיי האָרעווען טאָג ווי נאַכט, אַבי נאַכצוקומען אין געזעלשאַפט, פונקטליך, ווי די רייכע. סטאַרען זיך צו פערדינען טאָג ווי נאַכט, און נאַכהער, ווערט עס געספענדעט פאַר איין זונטאָג, ניט אין שוהל „חס ושלום", אויך ניט אין „תלמוד תורה", ניט פאַר קיין חדר פאַר די קינדער, ניין! נאָר אין פרייליכע אַמוזמענט פלעצער, און ער האָרעוועט אַזוי לאַנג ביז זיינע כוחות געהען איהם אויס.

אין אַלגעמיין וואָלט דער מענש געלעבט מעהר און מעהר, ווי אַ מענש לעבט איצט. 12 פון יעדע הונדערט דערגרייכען צו אַן עלטער פון 50 יאָהר; 6 פון יעדע הונדערט דערגרייכען צו אַן עלטער פון 60 יאָהר; 1 פון הונדערט דערגרייכט צו 70 יאָהר, אַלעם העכסטען 2. — ווארום איז דאָס? דאַכט זיך אַז די מעדיצי־נישע הילף איז יעצט פיעל מעהר ווי אַמאָל. אַמאָל פלעגט איין פעלדשער זיין אין אַ שטעדטעל; אין אַן אויעזדנעם גאָראָד איין דאָקטאָר; אַ פּראָפעסאָר אין וואַרשאַ. אַראָבברייגגען אַ פּראָפע־סאָר האָט נאָר געקענט דער גביר. דאָך איז דאַן ניט געווען קיין מאָגען קראַנקהייט. איינער פון הונדערט נאָר. דאָ אָבער איז דאָ זעכציג פון הונדערט. דאָרט איז געוועזען די גרעסטע קראַנקהייט פאַר'ן מאָגען אַז עס איז ניט געוועזען וואָס צו עסען. נערוועזע איז דאָ יעצט נייגציג פון הונדערט. דאָקטוירים זיינען פאַראַן אין יעדען בלאָק פינף. דראָג סטאָרס אויף יעדען קאָרנער. און צום ענדע זיינען אַלע קראַנקע, אָהן ציין, אָהן אויגען, אַריינגעשטעלטע סעטס ציין, מיט אויגען גלעזער יעדערער. היינט איז פאַראַן אַ מין קראַנקהייט אַפּענדיסיטיס. דאָס איז אַן איבעריגע קישקעלע, אַז זי ווערט פול, מוז מען עס אויסשניידען. איך וועל זיך ניט שעהמען און זאָגען אייך דעם אמת, אַז די אויגען און ציין און מאָגען און לונגען און נערוועזיטעט און אַלע אַנשיקעניש'ען, איז טאַקע צוליעב די איבעריגע קישקעלע, וואָס יעדער וויל אָנשטאָפּען, אָנפילען דעם אַפּענדיקס, דעם געלט זעקעלע...

אַט צוליב דעם זעקעלע רוהט ער ניט טאָג ווי נאַכט, און זיינע

אייגעלעד קוקען אימער. אט יענער האט שוין א הייזקעלע, אט יע־נער האט שוין זיין ווייבעל אוועקגעשיקט אין די מאונטעינס. איך מוז איהם נאכיאגען. איך דארף אויך אזוי האבען. בלייבט ער אהן אויגען, אהן געזונד, אהן לעבען. די חכמים שטעלען פאר דעם „מלאך המות" פול מיט אויגען, און ער שטעלט זיך צו קאפענס פון קראנקען, און אז דער קראנקער דערזעהט איהם, מיט א שווערד, און דריי טראפענס אויף איהם, עפענט ער אויף זיין מויל, פאלט אריין א טראפען, פון וועלכען ער הויבט אן גוסס'ן פון צווייטען שטארבט ער, פון דריטען ווערט ער פארשטינקען.

דאס זיינען די האבעניקעס, דער וועלכער ציהט אן אויף זיך זיין קראנקהייט. דאס איז דער „מלאך־המות", ניט קיין מלאך פון הימעל. דער „מלאך המות" איז פול מיט אויגען. זיינע מענשליכע אויגען. ער קוקט אלץ אויף מעהר און מעהר, אזוי פיעל, ווי ער וואלט האבען מיליאנען אויגען... און קוקענדיג אזוי, קומט איהם אריין אין קאפ א געדאנק, מען דארף, עס העלפט ניט, מען מוז לויפען, טאן, ארבייטען טאג און נאכט, ביז ער לייגט זיך אוועק, דאן דערזעהט ער, דאס הייסט, דאן פארשטעהט ער, אז ער אליין האט זיך געמאכט זיין „מלאך המות", ער, קיין אנדערער, צוליעב דריי טראפענס פון זיין שווערד: „הקנאה" איין טראפען... פון דעם גוסס'ט ער... „התאוה" צווייטער טראפען, פון דעם שטארבט ער... „והכבוד" דער דריטער טראפען, דער וואס יאגט נאך נאכ'ן כבוד, אנטלויפט דער כבוד פון איהם, אלע פארהאסען איהם. ער ווערט מיאוס ביי יעדען, ווי ער וואלט זיין מסריח.

אנווענדענדיג אזוי פיעל מיה אנצושטאפען דעם געלד זעקע־לע, איז ער „מן הסתם" קיין „שומר שבת" און ווי באלד ניט שבת, איז קיין תפלין אויך ניט... און אזוי ווייטער, א „ויהי", א גרויסע צרה. גאט האט דעם מענשען בעשאפען צו עסען און צו טרינקען פון „כל טוב", האבען „הנאה". אבער א „צרה", קוים האט דער מענש כל טוב, איז דאן די צרה...

אויף דעם ענין וועל איך ברייגנען א משל, (זאגאר דער משל געפינט זיך שוין אין מיין ספר „מטה יהודה"), אום אנגענעהם פאר די לעזער צו מאכען: אין לעמבערג איז געווען א גרויסער מיליאנער, וועלכער האט פארמאגט פינף און צוואנציג מיליאן

דאלער. געהאט האט ער איין טאכטער, א „יפת תואר" און מיט אלע מעלות. א שדכן האט פארגעשטעלט א שידוך מיט א ווילנער גביר, וועלכער האט אויך געהאט איין איינציגען זוהן מיט אלע מעלות טובות. דעם גביר פון לעמבערג איז געפעלען געווארען דער שידוך. האט ער געזאגט צום שדכן: איך פון מיין זייט וועל געבען דעם בחור נדן פינף מיליאן, אויף דעם תנאי, אז ער וועט אויך געבען אנטקעגען אזויפיעל, און שרייבט, צוזאמענצופאהרען זיך אויף העלפט־וועג, די חתן־כלה זאלען זיך זעהען.

מען האט זיך צוזאמענגעשריבען און עס איז געפעלען געווארעןביידע צדדים. — אין יענע צייטען איז קיין באהנען ניט געווען. אפילו די וועגען זיינען ניט געווען געפיקסטע, און אזא „נסיעה" איז געווען איינע פון די שווערסטע ארבייט. — איז געבליבען, אז אין דער און דער שטאדט זאלען זיך דיביידע צדדים צוזאמען־פאהרען. און אזוי איז געווען. ביידע צדדים אויך חתן און כלה זיינען זיך געפעלען געווארען אויף דעם גרעסטען און בעסטען ארט. זיי האבען געמאכט א „תנאים" און מען האט פארבראכט א פאר וואכען, און מען האט זיך געזעגענט, אויף דער צייט פון א האלב יאהר, ביז דער חתונה, מיט איבערלאזענדיג פרעזענטען פון ביידע זייטען.

די צייט שטעהט ניט אויף איין ארט. און ווען עס איז געבלי־בען מעהר ניט ווי פיער מאנאט בעפאר די אבגעשטימטע צייט, איז די כלה אריין צו איהר פאטער און זאגט צו איהם: פאפא! איך האב געדיינקט, אז דו וועסט מיר דערמאנען זיך נעמען גרייטען צו דער חתונה. עס איז דאך שוין מעהר ניט געבליבען צו דער חתונה ווי פיער מאנאט. עס דארף דאך נעמען צייט צו נייען קליידער און די גאנצע אויסשטייער אנצוגערייטען...

מיין טייערע ליעבע קינד! איך וועל דיר זאגען דעם אמת, אז צוליעב א געוויסע אורזאכע האב איך שוין אבגערעדט מיט דיין חתן, אויך מיט זיינע עלטערען, אבצולייגען די חתונה אויף נאך א האלב יאהר...

אוי, פאפא! אוי, פאפא! וואס איז געשעהען? וואס איז דער מער? איז די באנק ביזנעס אזוי שלעכט. האלטסטו „חס ושלום" ביי א באנקראט? זאג מיר, פאפא, וואס איז געשעהען?

טאכטעריל, בארוהיג זיך. די ביזנעס איז גוט. פיעל בעסער ווי ביז יעצט איז געווען. די חתונה איז אבגעלייגט געווארען צו ליעב אן אנדער אורזאך, וועלכע איך קען דיר יעצט ניט זאגען...

עס איז ווידער געקומען די צייט, וואס מען דארף זיך שוין געמען גרייטען. זי איז אריין צום פאטער און ווידער געבעטען דאס זעלבע. דער פאטער האט ווידער געענטפערט דאס זעלבע, אז די חתונה איז אבגעלייגט אויף אזא צייט. דעם מאל איז פארגעקומען פיעל שרעקליכער איהר איבערראשונג. הערענדיג, אז דער פאטער האט אבגעלייגט די חתונה אויף נאך זעקס מאנאטען. מען האט איהר מיט גרויס מיהע בארוהיגט.

ווען די צייט פון די לעצטע פיער מאנאט איז געקומען, איז זי אריינגעקומען צום פאטער: נו, פאפא, וואס וועט זיין?. יא, טאכטערקע, ליעבע, טייערע מיינע, יעצט נעם דיר געלט און קענסט זיך גרייטען. די חתונה וועט שוין זיין! מאך זיך וואס דיין הארץ געלוסט. און יעצט וועל איך דיר דערקלעהרען, וואס די סיבה איז געווען, ווארום איך האב געדארפט אבלייגען די חתונה א פאר מאל, אלץ אויף א האלב יאהר.

דו ווייסט, טאכטערקע, אז א רייכען מאן פעלט ניט קיין „קרובים". ער האט פריינד אזעלכע, וואס עס איז ניט געשטויגען, ניט געפלויגען. פון „אברהם אבינו" אזויינען אלע זיינע קרובים. אז איך האב אנגעהויבען זיך אויסרעכענען, טאקע דעם זעלבען טאג וואס דו ביסט געקומען בעטען געלט פאר דיינע אויסשטייער, אנצופאנגען זיך צוצוגרייטען, איז מיין רעכענונג געוועזען, אז דריי הונדערט קרובים האב איך פון מיין צד, און פיער הונדערט פון דיין מאמעס צד, און מען מוז די אלע ארימעלייט בעטען. מען קען אנדערש ניט טהאן. איך קען ניט אנדערש, ווען ניט, פעלט ניט מעהר, ווי ארייצופאלען אין זייערע מיילער און הערען זייערע קללות, און חוץ דעם קען מען בארעדט ווערען אין שטאט. ווייסטו אבער וועלכע סארטען מענשען אונזערע ארימע „קרובים" זיינען, וועל איך דיר אלס סעמפעל פארשטעלען, ווער פון אונזערע פריינד זיינען. דו קענסט דאך מאטעל דעם שוהל־רופער, הא? ער איז א שני בחמישי צו מיר. קענסטו וויכנע דוואשע, די פעלד מעסטערקע, זי איז אויך א פריינד צו דיין מאמע, א חמישי בששי... וואס

זאגסטו, טאכטערקע, צו אזא קאמפאניע פון זיבען הונדערט שטיק...

אוי, איך בלייב אין אנמאכט. איך וועל דאס גאר ניט אויס־האלטען. גאט מיינער, וואו וועל איך פאר חרפה אנטלויפען. די צוויי משוגעים וועלען פארגעשטעלט ווערען אלס מיינע פריינד! גאט אין הימעל, איז דאס א חלום? אדער אויף וואהר?... זיי וועלען דאך מיינע אויגען פארשווארצען!

טאכטערעל טייערע, מיין ליכט פון מיינע אויגען. שרעק זיך ניט מיין ליעבע, זיסע, קינד. איך האב נאך ערגערע... זלאטע די באב אידענע, איז אויך מיינע א נאהנטע פריינד.

ווייסטו, טאכטערקע, וואס איך האב זיך אין יענעם טאג באזונען, אז רופען מוז איך דאך זיי אויף דער חתונה... עס קען אנדערש ניט זיין. האב איך באשטעלט אין פאריז א פינף הונדערט סוטס, אין רוסלאנד איינינע הונדערט רינגען, אין רומעניען דיי־מאנדס, אין מאראקא שיכעלעך, און איך האב געוואוסט אז דאס מוז נעמען מעהר ווי פיער מאנאט צייט, דארום האב איך אבגעלייגט דיין חתונה אויף נאך זעקס מאנאט, און ביי דעם צווייטען מאל האב איך באקומען א ידיעה, דאס זיי האבען נאך ניט פארטיג, דארום האב איך געמוזט נאך אמאל אבלייגען די חתונה, אום מאטעל שוהל רופער און וויכנע דוואשע זאלען זיין אויסגעפוצטע מיט אלערליי סארטען באפוצונג. און ער גיט א קלינג מיט'ן גלעקעל, מאטעל שוהל רופער קומט אריין... מאטעל אנגעטהאן מיט א פול־דרעס סוט, דער פראק פוןביידע זייטען רונד אין די פראנט (עס זאל ניט חייב זיין בציצית ד' כנפות), א סטאוו־פייפ, מיט א גאל־דענעם זייגערעל... אך ווי שעהן ער האט יעצט אויסגעזעהען, פיעל שעהנער פאר'ן מחותן... די טאכטער האט איהם געגעבען די האנט. ער האט שוין געוואוסט ווי זיך צו פארנייגען פאר איהר...

א קלונג... וויכנע דוואשע אריין! זי איז אריין אן אויסגע־פוצטע, מיט א טייערע סילק דרעס, האלב נאקעט, ווי אונזער מוטער חוה... א העט מיט פעדערען, פון די טייערסטע סטרויס פויגלען פון אפריקא... אויף איהרע פינגערלעך טייערע דיימאנטענע רינגען. אויף איהר נומער ניין פוס האט זי געטראגען א נומער פינף שוך, קנאפעל פון א האלבען פוס די הויך. וויכנע דוואשע האט מען יעצט געקענט פארשטעלען אפילו פאר מרם. קולידזש

און מרס. פואנקארע, פרעזידענטין פון פראנקרייך... און אזוי האט ער א גאנצע מחנה שלעפערס אריינגעבראכט, וועלכע זיינען געווען שעהנער פאר איהר מוטער אליין... מאטעל שוהל רופער מיט זיין גאנצער סוויטע איז יעצט פיעל שעהנער ווי איהר פאטער דער באנקיער... עס איז איבעריג צו דערצעהלען, וואס דארט איז פאר־געקומען, — אט צוליעב דעם טאכטעריל האב איך געדארפט צוויי מאל אבלייגען די חתונה צו זעקס מאנאטען...

יעצט, מיינע טייערע הערער, דער משל ווי איך זעה, האט א גרויסען ווירקונג געמאכט אויף אייך. יעצט וועלען מיר טרייען דעם נמשל אייך איבערגעבען, און ער וועט, נאך מיין געדאנקען, פארשטעלען דעם גאנצען אידישען עקזיסטענץ פון בעפאר, און אויך יעצט.

אונזער גרויסער מיליאנער, דער וואס זאגט „לי הכסף ולי הזהב נאום ה' צבאות", אונזער באשעפער, אונזער פאטער פון הימעל, האט מיט באנייהע פיער טויזענט יאהר צוריק געוואלט חתונה מאכען זיין טאכטער, די תורה הייסט זי, שוין א קינד אין די יאהרען געווען, מיט תקע"ד דורות, פינף הונדערט און 74 דורות בעפאר די וועלט איז באשאפען געווארען, דאס הייסט בעפאר דער חתן איז געבארען געווארען, אן עלטערע כלה און אימער אין אלע צייטען איז זי יונג, ווייל זי איז אן עוויגקייט, איז קיין מאל ניט אלט, אימער יונג, אין אלע דורות קען מען און מען מוז איהר פאלגען, און אימער זיינען גילטיג איהרע רייד, און גליקליך זיינען מיר אז מיר פאלגען אוים איהרע באפעהלען. אין „כלל" איז גאט'ס טאכטער, זעהר א שעהנע קינד, א געבילדעטע, מיט זעקס הונדערט און דרייצעהן מעלות (תרי"ג מצות). דער פאטער איה־רער, דער ליעבער באשעפער פון דער וועלט, האט אנגעהויבען קלעהרען וואו קריגט מען פאר איהר אזא טייערען שאץ, א פאס־סענדען שידוך? עס איז אפילו געווען א סברה חתונה צו מאכען איהר מיט עשו, פון איין זייט איז ער א גרויסער „יחסן", אבער פון דער אנדער זייט איז א ריזיקע אוועקצוגעבען צו אזא קאצאפ, אזא טייערע, איידעלע, גייסטיגע טאכטער, צו אזא דורכאוים מאטער־יאליסטישען „עשו". אזא קאצאפ, וואס קען ניט לעבען אהן „לא תרצח", קען איהר נאך ברעכען די ביינער. ער איז דאך א לומפ,

א שיכור, מיט א פיסטאָל אין האַנט. ניין, עס איז אַ געפאַהר אָב־צוגעבען איהר צו אזא מערדער. ניין, עס קען אַזוי ניט זיין...

„ישמעאל" איז אפילו אויך א יחסן. אבער ער איז נאָך מעהר געפאַהר פאַר מיין טאָכטער ווי „עשו" דער מערדער. דאס איז דאָך „סתם" אַן אומגעלומפּערטע „חיה", אַ בעסטיע אין מענשען געשטאַלט, אַ ציקענדע „חיה", אַ „פּרא אדם", אַ פוילער נפש, אַן „אוהב זנות", ער וועט זיך אַרומשלעפּען גאַנצע נעכט מיט אַנדערע. אַ „גנב" און מיט אַלעמען הייבט ער זיך אָן. געוויס וועט מיין טאָכטער קיין האַניג ניט לעקען ביי אזא „בריאה".

„עמון" און מואב", זיינען קליינע יחסנים, און ווידער, זיי ווילען גאַר ניט. און זיי קענען ניט וועלען. זיי קענען ניט נעמען אזא טייערע קינד, ווייל זי האָסט זנות. „לא תנאף" איז איהר בעפעהל. און זיי שטאַמען עפּעס ניט אזוי שעהן...

דער פאַטער איהרער האָט באַטראַכט: דאָך צו וועמען קען איך איהר פאַרקנס'ן — געקלערט, און דערקלערט, דאָס איז און וועט אימער זיין. גוט וואָס גוט הייסט, דער גרויסער „יחסן" „ישראל", דער „ממלכת כהנים וגוי קדוש", אברהם'ס אַן אור־אייניקעל, יצחק'ס אייניקעל, יעקב'ס זוהן... („עשו", ישמעאל האָט דעם דריילינג יחוס, כי ביצחק יקרא לך זרע ולא כל יצחק ודו"ק). גוט, זעהר גוט, דאָס איז דערב עסטער חתן פאַר מיין טאָכטער. ער איז אַ גוטער, ער וועט אויספאָלגען איהרע באַפעהלען. ער וועט איהר מיטנעמען וואו ער וועט געהן און וואו ער וועט שטעהען, אין פייער און אין וואַסער וועט ער לויפען צוליב איהר. יאָ, אַ גליקליכער שידוך.

דער אַלמעכטיגער האָט בעטראַכט, אַז צו אַזאַ שידוך מוז מען האָבען אַ גוטען שדכן, און אויף דעם איז גוט „משה בן עמרם", „אהרן" זיין ברודער, „מרים" זייער שוועסטער. אַזעלכע גרויסע פערמיטלער זיינען גוט פאַר מיר און פאַר דעם חתן „ישראל" דעם יחסן.

דער רייכער פאַטער, דער קעניג פון דער גאַנצער וועלט, האָט גערופען אויף דעם באַרג סיני צו משה'ן: — הער משה, מיין טייערער קנעכט, איך האָב אַ גוטען שידוך פאַר דעם אייניקעל פון אברהם, מיט מיין „טאָכטעריל". געה פרעג זיי אויב זיי וועלען

זיך אונטערנעמען מיט איהר צו הייראטהען, וועל איך באלד מאכען א תנאים, און די חופה וועט זיין „לעתיד לבא״ — פרעג זיי, אויב זיי ווילען ווערען פאר׳קנס׳ט צו מיין טאכטער.

משה געהט אראב און רעדט צום „עם ישראל״ און ווי ער שטעלט נאר פאר דעם גליקליכען שידוך, האבען זיי אויסגעשריען אלע מיט איין שטימע: „נעשה ונשמע״, ניט אזוי נאר, אז מיר וועלען אויספאלגען וואס זי וועט אונז בעפעהלען, מיר וועלען איהר קוקען אין די אויגען, און מיר וועלען אליין פארשטיין, אז זי וויל אונז עפעס זאגען, וועלען מיר עס שוין טהאן. בעפאר זי הייסט אונז. מיר וועלען נאך מעהר אויספאלגען איהרע באפעהלען, ווי זי דיינקט. מיר וועלען נאך מאכען „סייגים״, „גדרים״ און „חומרות״, אום מען זאל גאר ניט קומען עובר זיין אויף איהרע רייד.

דעם הער גאט איז געפעלען דער אנטווארט פון „ישראל״ אזי עס איז געווען א „תנאים״. מיר זיינען פאר׳קנס׳ט געווארען צו דער הייליגער „תורה״, די „ברתא דמלכא״ און די „חתונה״ איז אבגעלייגט געווארען אויף „לעתיד לבא״ ווען די אמת׳ע גאולה וועט זיין „בקרוב״ און עס איז געפראוועט געווארען א שעהנער מאהלצייט, אוןביידע צדדים זיינען געווען צופריעדען. עס איז געווארען געפראוועט דער תנאים מיט פראכט און גלאנץ, פיין און שעהן, דער חתן ישראל איז אריין אין „ארץ ישראל״, גליקליך געלעבט פאר „שלמה המלך״, און אבגעהיט די „ברתא דמלכא״ ריכטיג, ווי עס געהער צו אזא ארענטליכען „חתן״, אבצוהיטען און ליעבען אזא טייערע „כלה״.

דער „חתן״ ישראל האט אבער אויך א שלעכטע נאטור. ער האט א קראנקען מאגען, ווי נאר ישראל קריגט א ביסעל גוטעס, ווי נאר ישראל ווערט גוט־אפ, „ישראל זיצט אין אן ארץ ישראל״, אן „ארץ זבת חלב ודבש״, קען „ישראל״ ניט איינזיצען אויף זיין פלאץ. „ישראל״ איז אראב פון וועג, ישראל האט אפילו אן „עבודה זרה״ אוועקגעשטעלט אין „בית המקדש״, וואס האט „ישראל״ ניט אפגעטהאן, אלעס שלעכטעס. קיין נביא האט „ישראל״ ניט גע־פאלגט, און ישראל האט געמוזט פארטריבען ווערען אין „גלות״, ווייל ער האט ניט געקענט מעהר דארט אין דער הייליגער לאנד

זיין. גאט האט געוואל זיי זאלען לעבען גליקליך, אבער „ישראל" פארטראגט ניט אזא לעבען, א גליקליכען גוטען לעבען. אבער „ישראל" איז געבליבען. דער „חתן" פון די „ברתא דמלכא" איז ניט אנטזאגט געווארען פון קעניג'ס טאכטער, זייענדיג אין גלות און די "חופה„ וועט זיין „לעתיד לבא", ווי די חכמים זאגען „עתיד הקב"ה לעשות שבע חופות" וכו'.

און דער חתן „ישראל" האט ניט אנגעווארען חס ושלום זיין האפענונג אויף דעם „עתיד" ווען די „חופה" דארף זיין, און ערווארט טאג צו טאג, און ווי עס קומט פסח זאגט „ישראל" „לשנה הבאה בירושלים" און ווי עס קומט יום הכפורים האט מען אונז געהייסען ווייטער זאגען „לשנה הבאה בירושלים", ווייטער אב־געלייגט אויף א האלב יאהר, אבגעלייגט די חופה, וויל ווען מען זאגט עס פסח איז די תפילה אזוי — אז איבער א יאהר פסח זאלען מיר זיין אין „ארץ ישראל" און אז עס קומט יום כפור זאגען מיר ווייטער „לשנה הבאה בירושלים", איז אויף איבער א יאהר יום כפור ערשט צו זיין אין ירושלים, אבגעלייגט אויף א האלב יאהר, נאכהער פסח ווייטער אזוי.

אך, גאט! רייכער טאטע אין הימעל! וואלט דען שוין ניט זיין צייט, אז דו זאלסט די חופה מאכען? ביזטו דען ארעם?... ביזטו חס ושלום באנקראט? דאכט זיך, אז דו ווילסט, נעמסטו צו פון אזוי פיעל באנקירען זייער געלד, ווארום, טאטע זיסער, לייגסטו אב די חופה אלץ צו האלבע יאהר? טאטע אין הימעל, מיר קענען שוין מעהר ניט ווארטען, ליבער פאטער, לייג שוין ניט אב אויף שפעטער...

מיין טייערע קינד, האב קיין מורא ניט. איך וועל שוין באלד ניט אבלייגען די חתונה. עס וועט שוין באלד זיין. נאר הער זיך איין מיט קאפ, ווארום איך האב ביז יעצט אבגעלייגט די חופה, וויל, ווי דו ווייסט אליין האב איך א סך „קרובים" מיינע, גרויסע שלעפערס... גרויסע ארימעלייט, וועלכע לייגען קיין תפלין ניט, קיין ציצית טראגען זיי ניט, עסען טריפות, מחללי שבת, פרעסען יום הכפורים, און אזעלכע, וואס ווייסען שוין גאר ניט אז זיי זיינען מיינע נאהענטע... און איך מוז זיי אויף דער חתונה רופען. עס וועט ניט פאסיג זיין פאר די שטאטלייטע (די „אומות העולם")

אז מען זאל זיי ניט רופען, און אזעלכע האב איך א סך, איך האב אזעלכע שלעפערס, די וועלכע זיינען אראפ פון זינען, און זיי האבען גאר חתונה געהאט מיט „עמון" און „מואב", מיט „כסרותים" „כפתורים", „אשכנזים", „פילדש" און אזוי ווייטער. — זיי דערקענען שוין ניט זיך אליין. נו, זאג מיר מיין טייערע, וואס האב איך געזאלט טהאן מיט דרייפוס, אין פראנקרייך, אז ער האט שוין גאר ניט געוואוסט וואס ער איז, ווער ער איז, פון וואנען ער שטאמט... אדער ער האט יא געוואוסט נאר זיך געמאכט ניט וויסענדיג... האב איך באשטעלט פאר איהם אין פראנקרייך א פאר קייטעלעך... און מען האט איהם געשיקט אביסעלע זיך דערהאלטען... אויפ'ן טייפעל אינזעל... דארט האט ער זיך דערוואוסט אז ער איז א איד... און אז פאריז איז ניט זיין ירושלים, און גאנץ פראנקרייך איז ניט זיין ארץ ישראל, און זיי האבען איהם אויסגעפוצט מיט די קייטעלעך... איז ער שוין ניט אזא שלעפער... און אזוי מוז איך נאך באשטעלונגען מאכען, פאגראמען, אין רוסלאנד, דייטשלאנד, רומעניען... ביז די „נדחי ישראל" וועל איך קענען איינזאמלען, רופען זיי, הייסט עס, אויף דער „חתונה" — אין גענענטהייל, זיי וועלען זיין פון מיינע פריינד, די געלאדענע...

ביז צו די לעצטע בלוטיגע טראגעדיע, די בלוטיגע שרעקליכע מלחמה, וואס זי האט אויפגעטהאן... יעצט גרייט מען שוין צו א פלאץ... וואו די חתונה וועט זיין... און אלע שלעפערס וועלען קומען צו דער חתונה... דארום האב איך אבגעלייגט אימער אויף א האלב יאהר — ווייל די חברה האבען צופיעל געגאסען פרייהייט, און די פרייהייט האט זיי גורם געווען, אז זיי האבען פאר'שיכור'ט זייער לעצטען „בגד", אפילו „אמונה"... אט די אלע ארדערס זיי צו באקליידען, דאס איז שוין ערפילט געווארען אויפ'ן העכסטען ארט... און יעצט קען זיך ציון פרייהען... עס וועט כמעט קיינער ניט פעהלען. אפילו א סך סאציאליסטען ריידען אויך יעצט פון א אידישען שטאאט, איבערהויפט פון ציון... און דאס האט געהאט צו טהאן דער אבלייגען פון דער „חתונה" אימער, ביז די אלע סומם זיינען פערטיג געווארען... פאר מיינע ארימע פריינד, די צרות וואס איך האב זיי פארשאפט... דארום זיינען זיי יעצט שוין פיעלע אויך אנגעטהאן, מיט א ביסעלע רעליגיאן קליידער, און

א סך נאציאן „בגדים"... — דורך די אלע משפטים, וועלכע דו רבש"ע האסט געטהאן אויף דער וועלט...

איך דיינק ניט פאר איבערטריבען, ווען איך וועל זאגען, אז דאס מיינט דער „פסוק" „שמעה ותשמח ציון ותגלנה בנות יהודה למען משפטיך ה'" (תהלים צ"ז), אז ציון האט דערהערט די בלוט טראגעדיע פון די פיער יאהריגע מלחמה, די שרעקליכע בלוט באד, די לעצטע מלחמה, וואס זינט די וועלט שטעהט איז אזא בלוט פארגיסונג ניט פארגעקומען, די גרעסטע פון דער היסטאריע, און די פאגראמען דערצו איבערהויפט, וואס איז אויסגעגאסען געווארען דער צארען אויף אונזערע אידען, זייערע ליידען, דאס איז קיין מענשענ'ס קראפט צו שילדערען דעם אומגליק, אבער „שמעה ותשמח ציון", ווי ציון האט דערהערט, האט זי זיך דערפרייט, „ותגלנה בנות יהודה", וואס פרייט זי זיך אזוי שטארק, „למען משפטיך ה'", צוליעב דיינע שרעקליכע משפטים גאט וואס דו האסט געטהאן צו דעם „עם ישראל", וועלען זיי זיך אלע א נעם טהאן צו ציון וירושלים, און עס וועט געלייזט ווערען די אידישע פראגע. און געוויס וועט שוין יעצט קומען די אידישע ישועה.

דען אין וואוילטאג פארגעסען זיי זיך פון אלעס, וואס אנבע־לאנגט צו אידען, נאר טאנצען, זינגען, שפרינגען, בעלער, פיקניקס, טעאטערס און אלע אמיוזמענטס, נאר ניט דעם אידישען וועג.

א געשיכטעלע, זעהר א וויציגע, טאקע צום לאכען, אבער אין דער זעלבער צייט גיסט זיך בלוט פון די אויגען, זעהענדיג אז מיר לאכען פון זיך... אן ארעמער ארבייטער נעבעך, אז ער פלעגט אויסארבייטען די גאנצע וואך, פלעגט ער האבען דורכצו־קומען די וואך. די ווייבעל זיינע פלעגט אבער ניט קוקען דערויף, וואס ער ארבייט אזוי שווער און ביטער און מאכט קוים א לעבען. זי פלעגט ניט אויסמיידען קיין איין פלעזשור, קיין איין פערגעניג־גען, קיין איין באלל...

איין מאהל אין אן אווענד, ווען ער איז געקומען פון זיין שווערען טאג ארבייט, מיעד, נידערגעשלאגען, הונגעריג, זאגט ער צו זיין ווייבעל: קיידי! גיב עפעס סאפער, איך בין זעהר מיעד און הונגעריג.

נעהם און עס. איך האב קיין צייט ניט. איך דארף דאך געהן

צו אַ מאַסקען באַלל (דאָס איז אַזאַ סאָרט משוגעת, וואָס מען פאַרמאַסקירט זיך אַז איינער זאָל ניט דערקענען דעם אַנדערען, און מען זאָל ניט וויסען ווער מיט וועמען טאַנצט). יאָ, דזשייק! איך האָב זיך דערמאָנט, מיר פעהלט צוויי טאָלער פאַר אַ מאַסקען סוט. גיב אַהער, דזשייק, צוויי טאָלער, נו! דו גיסט, אָדער ניט...

קיידי, וואָס רעדסטו. ערשטענס האָב איך היינט ניט פאַרדיענט קיין צוויי טאָלער. צווייטענס ווייסטו דאָך מיין טייערע קיידי אַז היינט איז ניט געווען דער פיידעי, און דו ווייסט דאָך, אַז פאַרגעסטערען האָב איך געבראַכט (שבת, ווי קען דען אַנדערש זיין?) די פעי, האָט דאָך ניט געקלעקט צו בעצאָהלען אַלעמען די חובות, דעם בוטשער איז מען דאָך שולדיג געבליבען דריי טאָלער, און אין גראָסערי צוויי טאָלער. פרעג איך דיר פון וואַנען האָב איך געלט, אַז דו פערלאַנגסט פון מיר צוויי טאָלער.

וואָס אַרט עס מיר, דזשייק, אַז דו האָסט ניט. איך מוז האָבען און געגוג. וואָס דיינקסטו זיך, ווי לאַנג וועל איך זיך מוטשען אויף דער וועלט און ניט זיין מיט לייטען גלייך. ניין, איך וועל מעהר ניט דולדען. איך בין ניט ערגער פאַר מיסעס שפרינג, איהר מאַן איז אויך ניט מעהר ווי אַן אַרבייטער, אַרבייט ער אויבערטיים, אום נאָר צופריעדענצושטעלען זיין ווייב. דזשייק, עס זאָל גלייך זיין צוויי טאָלער, אַז ניט, נעהם איך איין לעפעל פון די זילבערנע, אין גאַנצען האָבען מיר נאָר צוויי לעפעל, און איך וועל איהם פאַרפאַנען, און דאָטס אָלל —

נעהם פון מיינעט וועגען ביידע. איך קען גאָר ניט העלפען. טו ווי דו פאַרשטייסט... זי האָט טאַקע געטאָן ווי זי פאַרשטייט און האָט פאַרפאַנט אַ לעפעל פאַר צוויי טאָלער, און געפיקסט זיך דעם פאַפירענעמע סוט, און איז אַוועק.

דער פאַרמאַטערטער דזשייק האָט זיך צוגעכאַפט צום סאַפער, דעם קאַלטען סאַפער, אָהן זאַלץ, אָהן פעפער. עס האָט איהם פאַראיבעלט, און ער האָט ניט געקענט עסען, און ער האָט גענומען טראַכטען וואָס צו טהאָן. לייגען זיך שלאָפען — וועט ער אָבער ניט קענען איינשלאָפען, ווייל ער האָט ניט געגעסען. און סתם רייסט איהם און צופט איהם זיין האַרץ, וואָס זיין ווייבעלע וועט דעם גאַנצען אָוועגד טאַנצען מיט פרעמדע מענער... פלוצלונג גיט

ער זיך א כאפ... ער לויפט און וואשט זיך ארום און טהוט זיך אן שנעל, און טאנצט פאר שמחה פון זיין איינפאל... און כאפט די צווייטע לעפעל... לויפט אוועק אין פאן שאפ, גענומען צוויי טאלער, איינגעקויפט זיך אלע הצטרכות פון מאסקעראד און איז אוועק צום באלל, און באלד דערקענט זיין ווייבעלע. ער האט זיך גענומען צורוקען צו איהר נעהנטער, אימער נעהנטער, און זייער העפליך איהר איינגעלאדען צום טאנצען, און זי האט די איינלאדונג אנגענומען מיט גרויס עהרענפורכט. זיי האבען זיך געדרעהט א פאר שטונדען. זי מייענענדיג אז דאס איז א פרעמדער, האט זי געקוואלען פאר שמחה. ער ווידער קוועלט, וואס ער האט איהר אבגעטהאן אויף טערקיש. אז זיי זיינען מיעד געווארען, זאגט ער צו איהר, מאדאם, מיר וועלען געהן נעהמען א טרונק און עפעס צובייסען, קענדי, אייז קרים, מיר וועלען זיך אברוהען, און ווידער טאנצען. מען האט זיך גוט אבגערוהט, זי טוליעט זיך צו איהם, עפעס געפעלט ער איהר פאר זעהר אז ארענטליכען מענש...

מיסטער! קען איך האבען די עהרע צו וויסען מיט וועמען איך האב געטאנצט?

יא, מאדאם! ווארום ניט. איך קען אייך זאגען, אז איהר האט געטאנצט מיט דעם צווייטען לעפעל — — — — — —

יעצט פארשטעהט אליין דאס איבעריגע...

איך וויל אייך נאר ווייזען, מיינע טייערע לעזער, אז אפילו די גרויסע שלעפערס, „בזמן הזה“, זיי זיינען אויך ווי די גבירים, מיט אלע משוגעת'ן, מיט אלע נארישקייטען. היינט א פשיטא דפשיטא די וואוילטאג מענשען... און דא האבען מיר דעם מאמר, מיט וועלכען מיר האבען אנגעפאנגען דעם דרוש.

„כשאמר הקב“ה תדשא הארץ דשא“, ווען גאט האט געזאגט די ערד זאל זיך אנגראזען מיט אלע סארטען גראז, אלערליי געוויקסען, וועלדער, פעלדער, פארקס, פרוכטען אלערהאנד, אלע טייערסטע מאכלים, זאל די ערד ארויסגעבען, זי זאל ווערען אן אמת'ער גן עדן פאר דער מענשהייט, אום ער זאל קענען האבען אלערהאנד פערגעניגענס, — „נזדעזעו שמים וארץ“, האבען הימעל און ערד אנגעפאנגען ציטערען, ווייל זיי האבען גוט געוואוסט, אז דער מענשעלע קען ניט פארטראגען קיין איבעריגע גוטעס, וועט

ער דאַך זינדיגען, און ווען דער מענש וועט זינדיגען, וועט דער הימעל מיט די ערד אונטערגעהן, האָבען זיי געמאַכט אַ סטרייק, און ניט געוואָלט פאָלגען. דאַן האָט זיי השי"ת דערקלערט: זייט וויסען, הימעל און ערד, אַז איך בין אַ פאָטער, און אַ פאָטער וויל אַז זיין קינד זאָל לעבען גליקליך. אַי וואָס איהר האָט מורא ער וועט צוליעב די גוטעס זינדיגען. ניט גענוג וואָס זיי דאַנקען מיר ניט פאַר די גוטעס, טהוען זיי נאָך געגען מיר... זאָל איך דען צוליעב די שלעכטע, שלעכט מאַכען מיין וועלט? ניין! דען עס איז ניט קיין מוז, אַז ווען עס איז גוט זאָל מען מוזען זינדיגען. ניין, ניין, אָט וועל איך פאַרשטעלען „רגלי יוסף", די פיס פון יוסף הצדיק, וואו זיינע פיס האָבען איהם פאַרטראָגען אין מצרים, וועלכע זי איז די „ארץ הטמאה" מעהר פאַר אַלע לענדער, זיי רופען זיך „ערות הארץ", זיי זיינען „שתופי זימה", און אַ אידען האַסען זיי מעהר ווי די גאַנצע וועלט אַנטיסעמיטען... און זיינע פיס האָבען איהם פאַרטראָגען, צוליעב שלעכטע אומשטענדען, קיין מצרים, וואָס דאָרט איז קיין איין איד ניטאָ... און נאָך דערצו ווערט ער דער וויצע קעניג פו אַזאַ גרויסע מאַכט... ווי מצרים איז דאַן געווען... ער ווערט דער רייכסטער אין לאַנד, און יוסף ווערט ניט אַנדערש. יוסף בלייבט דער „צדיק". „מיד העמיד רגלי יוסף כנגדם" ווי דער הימעל און די ערד מאַכען אַ פראָטעסט, אַז עס טויג ניט קיין גוטעס פאַר דער מענשהייט, זיי וועלען זינדיגען, די גוטעס וועט זיי אָראָבפיהרען פון וועג, האָט גאָט ב"ה געוויזען דעם הימעל און די ערד, אַז זיי מאַכען אַ גרויסען מיסטייק... אָט זעהט יוסף'ס פיס, וואו זיינע פיס האָבען איהם פאַרטראָגען, צוליעב שלעכטע אומשטענדען, און עס מאַכט איהם ניט שלעכט... איך האָב אַ וועלטעלע בעשאַפען, און איך וויל אין מיין וועלטעלע אַלע אימפראוומענטס מאַכען, און איך וויין אייך, אַז מען קען זיין אַ איד און אַ מענש, אַ מענש און אַ איד, ווייל ווער עס איז אַ איד איז זאַ ווי זאַ אַ מענש... אַי עס איז דאַ אַזעלכע, וועלכע זינדיגען צוליעב די גוטעס, בין איך ניט שולדיג, און ניט איהר, הימעל און ערד, דערפאַר אַבער די וואָס וועלען ביישטעהן דעם נסיון פון וואוילטאָג, זיי וועלען גליקליך זיין אין ביידע וועלטען. די זיינען די "צדיקים גמורים". ודו"ק.

משלים, ציצים ופרחים

א.

ביכער ווערען געל. דאָס בוך פון נאַטור איז אימער גרין. עס ערשיינט יעדען יאָהר אין אַ נייער אויסגאַבע...

בטראַכט די גרינע נאַטור, אַזוי פיעל מינים, אויף יעדער שטיקעלע ערד. וויפיעל טויזענדע סאָרטען גראָז. אַז איהר וועט גוט בעטראַכטען, וועט איהר אויסגעפינען, אַז ביי דעם גראָז וואָס איז אַ מעדיצין צו פיעלע קראַנקהייטען, אַ רפואה. ביי דעם גראָז וואַקסט נאָך אַ גראָז, וואָס ער איז אַ פּויזען, אַ גיפט. יעדער אויף זיין זאַך, מוזט איהר אויסשרייען, אַז „מה רבו", ווען זיי זיינען אַזוי פיעל סאָרטען, מוז מען זאָגען „מעשיך ה'", אַז „כולם בחכמה" מוז מען זאָגען „עשית", „מלאה הארץ" מיט אַלעם גוטען, מוז מען זאָגען „קניניך".

ב.

אונזערע קינדער

דער טיטשער פרעגט אַ אידיש קינד: זאָג מיר, דזשייקעלע, ווער האָט באַשאַפען די פעלדער, אַט דאָס וואָס דו זעהסט?

איך ווייס ניט, — ענטפערט דזשייקעלע, — ווייל מיר וואוינען דאָ ניט לאַנג. מיר האָבען דאָ ניט לאַנג אריינגעמופט.

ג.

עס זעהט זיך שוין אַ פּיסעל

אַ שווערע געווינעריז. די הייבאַם זיצט ביי איהר שוין דעם דריטען טאָג, ווי זי מוטשעט זיך אין „חבלי לידה". קיין דאָקטאָר איז שטעדטעל איז ניטאָ. אַלע אין הויז זיינען אומרוהיג. די הייבאָם האָט זיך אויפגעהויבען פּלוצלונג מיט אַ „שמחה". מיר וועלען גלייך האָבען אַ „מזל טוב". וואָס איז? וואָס איז? פרעגט מען

איהר. זי וועט שוין באלד האבען דעם קינד. עס זעהט זיך שוין א פיסעלע...

א שרעק איז אנגעפאלען אויף זיי פון דער „שמחה". זי איז יעצט אין געפאהר. דער קינד געהט פארקעהרט. און יעצט מוז מען האבען א גרויסען געניטען דאקטאר.

פריינדע! דאס אמעריקאנער יודענטהום ליידעט איצטער. דער גייסט איהרער האלט ביי דעם אבשטארבען אין גאנצען. סיידען עס זאל קומען אהער א גרויסער פראפעסאר, א גרויסער גאון און צדיק, אן אמת'ער ירא שמים, דאן קען פילייכט אבלעבען די גע־ווינעריו, דעם „עם ישראל", וואס מאכט יעצט דורך די לעצטע „חבלי לידה", „חבלו של משיח", און גראדע יעצט האבען מיר הייבאמעס וועלכע ווילען א גאולה ברייננען פאר די געווינעריו וואס ליידעט שוין אין „חבלי משיח" פון צוויי טעג, — גאט'ס טאג, הייסט עס... — די כנסת ישראל האלט ביים שטארבען חס ושלום! א שמחה... זאגען אן אונז די הייבאמעס... אט קומט שוין דער און דער צוליעב די „גאולת ישראל", אבער ניט קיין אידישער „קאפ"... מיט תפלין... ניט קיין אידישע האנד, מיט'ן „של יד" — ניט קיין אידישע הארץ, מיט ציצית... נאר א פוס... אהן תפלין, אהן ציצית, אהן שבת, אהן אלעס... פרעהט זיך אידען, דער קינד געהט פארקעהרט... ווייסט השי"ת וואס עס וועט זיין מיט די לאנגע „חבלי לידה", „חבלי של משיח"... יעצט דארפען מיר האבען א פראפעסאר... א קאפ, א האנד, א הארץ... צוצונעמען דעם קינד... איהם ברייננען צו אידישקייט... ווען ניט, ווייסט גאט!

ד.

א רייכער מאן האט גענומען אן איידעם, א גרויסען מופלג און ירא שמים. האט ער איהם אבגעגעבען א שעהנעם וואהנונג, און איהם אנגעזאגט, דא זיץ און לערען און איך וועל דיר פאר־זארגען „מכל טוב". און אזוי איז עס געוועזען. עס האט איהם ניט געפעהלט אפילו פון די טהייערסטע וויינען. און דארום איז ער געזעסען און געלערענט מיט גרוים התמדה. אין איינינע יאהר איז

ער געוואָרען איינער פון די גרעסטע מענשען אין דער וועלט, און ער האָט אויך געלערענט פיעל דרוש ספרים, די גרעסטע. ער איז געוואָרען פאַלקאַם אין אַלעם, בנגלה ובנסתר.

עס איז אוועקגעגאַנגען אַ צעהן יאָהר, איז זיין שווער, דער גביר, געוואָרען אַ יורד. עס איז איהם געוואָרען זעהר איינג. ער האָט גאָר קיין עצה ניט געקענט געפינען וואָס צו טהאָן, און איהם איז געוואָרען אַזוי איינג, אַז ביי איהם איז געבליבען, אַז ער זאָל זיך דורכריידען מיט'ן איידעם, אַז יעצט מוז ער אביסעל ארויס־פאָהרען איבער דער וועלט, זוכען אַ רבנות, אָדער אַזוי עפּעס פאַר־דינען, ווייל „באו מים עד נפש".

דער איידעם האָט דאָס געהערט, האָט ער מסכים געווען און דערצו האָט ער דערקלערט, אַז ער האָט אין יענע און יענע געגענ־דען זעהר אַ רייכען אַנקעל, נאָר ער ווייס ניט גענוי אין וואָס פאַר אַ שטעדטעל. דאַרום אַז ער וועט אָבער אויסגעפינען דעם אַנקעל, וועט ער ביי איהם קריגען אַ סך געלד.

ער איז ארויסגעפאָהרען און ער איז געקומען אין דער נאָהענ־טסטע שטעדטעל, און ער איז געגאַנגען זיך מעלדען צו אַ גבאי. הערט ער ווי מען רופט איהם מיט'ן נאָמען: יוסף, וואָס מאַכסטו? פון וואַנען קומסטו? און וואָס טהוסטו דאָ? איך ווייס דו קענסט מיך ניט. איך האָב דיך געזעהן אַז דו ביסט געוועזען אַ קליין קינד, דערקען איך דיר. איך בין דיין פעטער „דוד". זאָג מיר, וואָס טוסטו דאָ? האָט ער איהם דערצעהלט אין קורצען די גאַנצע געשיכטע. זאָגט איהם זיין פעטער: הער זיך איין, יוסף, איך האָב געהערט, אַז דו ביסט טאַקע אַ גרויסער תלמיד חכם, אָבער דאַך זאָלסטו ניט זאָגען דאָ. פאַרנעהם זיך ניט מיט אַזעלכע ביזנעס. געה אַהיים און לערן „לשמה", און איך וועל דיר געבען פינף טויזענט רובעל. פאָהר אַהיים און גיב דיין שווער, וועט ער ווידער אָנהייבען מסחר.

און יוסף האָט אַזוי געטהאָן. באַדאַנקט דעם פעטער, און איז אוועק. אָבער אין אַ האַלב יאָהר אַרום האָט ער ווידער געמוזט אוועק־פאָהרען, ווייל זיין שווער האָט אָנגעוואָרען די גאַנצע געלט ווידער. און יוסף איז ווידער אוועק אין יענע שטעדטעל, און בעט ביי גאָט ער זאָל ווידער טרעפען זיין אַנקעל.

און „כך הוה", אַזוי איז טאַקע געווען. און ער האָט אין

שטעדטעל געטראָפען דעם אָנקעל, און דעם מאָהל האָט ער איהם געגעבען דריי טויזענט רובעל, און ווידער אַוועק אַהיים און אָב־געגעבען זיין שווער די געלט. און אין אַ פערטעל יאָהר ארום איז ער ווידער געפאָהרען אין יענע שטעדטעל. ער געהט ארום אַ גאַנ־צען טאָג, ער זעהט ניט זיין אָנקעל. גאַנץ פאַרנאַכט, שוין שפּעט־ליך, זעהט ער זיין אָנקעל געהט. ער זעהט אַז ער קוקט אָבער גאָר ניט אין זיין זייט, איז ער געלאָפען צו איהם און שרייט: אָנקעל! ער קערט זיך ניט אום. אָנקעל, אָנקעל! ער הערט ניט. ביז ער האָט איהם אָנגעיאָגט. אָנקעל, וואָס מאַכט איהר? און ווער ביסטו, אַז דו רופסט מיך אָנקעל? סטייטש, אָנקעל, איהר דערקענט מיך ניט? וואָס איז מיט אייך דער מער? זאָגט דער אָנקעל צו איהם: הער זיך איין, איך בין גאָר ניט דיין אָנקעל, איך בין נאָר דער „יצר הרע". איך האָב דאָ אריינגעטרעטען אין שטעדטעל בעפּאָר דו ביסט געקומען, און איך האָב דאָ געטהאָן גוטע „מסחרים". איך האָב דאָ געמאַכט שיינע אָרדענונג, ווי מיר געפעלט, און אַז איך האָב געקריגען צו וויסען, אַז דו קומסט, האָב איך פּשוט מורא געקריגען פאַר דיר, דו זאָלסט מיר דאָ ניט קאַליע מאַכען. דו הערסט? האָב איך זיך פאַרגעשטעלט פאַר דיין אָנקעל, און דיר געגעבען פינף טויזענט רובעל, אום דו זאָלסט געהן. אין אַ האַלב יאָהר ארום, אַז דו ביסט ווידער געקומען, האָט מיר אויך געלוינט צו געבען דיר דריי טויזענט רובעל, אום דו זאָלסט דאָ ניט אָנהייבען מיט דיינע מוסר. אָבער יעצט, געה זאָג וויפיעל דו ווילסט, ווערסטו שוין מיר ניט ארויסיאָגען פון דאַנען. יעצט בין איך אויס אָנקעל, און געה זאָג...

איהר געדיינקט, רבותי, אַז אין רוסלאַנד, מיט דרייסיג יאָהר בעפּאָר, איז געווען אַ מאָדע, אַז מען האָט גאָר ניט צוגעלאָזען ריידען אַלעמען. דאָ, אין אַמעריקא, איז פריי די בימה. אַלע זאָגען. נאָ מען זאָגט. מען האַלט דרשנים נאָר צו זאָגען. מען זאָגט און מען זאָגט, מען קלאַפּט דרשות. און צו אַלעם ענדע איז דאָ די פרומ־קייט ניט אַזוי גרוים. ווייסט איהר פאַר וואָס? ווייל דער יצר הרע, דער גרויסער העלד, האָט שוין דאָ אריינגעטרעטען מיט זיין גאַנצען קראַפט, אַז ער האָט שוין גאָר ניט מורא. וויפיעל מען זאָגט, לאָזט ער זאָגען. אפילו דער פּרעזידענט וואָס איז אַ

„ירבעם בן נבט“ לאזט אויך זאגעז. איהר זאגט, און מיר װעלעז טהאז װאס מיר װילעז, װייל מיר זיינעז שוין אין גאנצען איבער־געגאנגען צום „יצר הרע“. זאגט רבנים, רעדט מטיפים, דרשנ'ט דרשנים, דער יצר הרע לאכט שוין פון אייך. ער גיט ניט א פעני פאר דעם גאנצען זאגעז. איהר מעגט שוין יעצט זאגעז און זאגעז...

ה.

צװיי סארטען מופעז

אז אשה א בריה מופט. אז אשה א „שלים־מזל'ניצע“ מופט. דער אונטערשייד פון זייערביידענס מופען איז אזוי. די בריה מופט, פאקט זי בעפאר איין די גאלד, זילבער, איהרע גוטע לייכטער, איהרע טייערע קליידער, און נאכהער אלע אנדערע זאכען, און אמאל טרעפט אז זי האט שוין אריבערגעמופט, זעהט זי זיך ארום, אז זי האט פארגעסען א שצירקע, אדער עפעס אן אנדער סמאטקע...

די „שלים־מזל'ניצע“, װי מען רופט איהר שלם־זאלניצע, אז זי מופט, פאקט זי איין איהרע סמאטקעס, שצירקעס און נאך אזעל־כע זאכען, נאכהער, אז זי האט שוין אריבערגעמופט, דאן האט זי זיך ארומגעקוקט, אה, א צרה, זי האט פארגעסען די זילבערנע לייכטער... א גוטער אונטערשייד פון דיביידע מופענישען, הא?

דער עם ישראל איז געגליכען צו די ביידע פרויען. זיי האבען אזעלכע מענשען װי די ערשטע און װי די צװייטע. דאס װייסט איהר, טייערע, אז מיר מופען שוין ארום פון אברהם אבינו מיט זיין „לך לך“ אונזער גאנצען לעבען. א גאנץ קורצע צייט זיינען מיר געװען „בעלי בתים“ פון אייגענע הייזער, „בתי מקדשים“, אבער כמעט אין אונזער גאנצען לעען מופען מיר מיט'ן װאנדער שטאק אין האנד, איבערהויפט פון נאכ'ן חורבן בית שני ביז היינטיגען טאג האלטען מיר אין איין מופען. דער איד װעלכער איז א איד, אז ער מופט, אז ער דארף אויסװאנדערען פון א לאנד, נעמט ער מיט זיינע דיימאנטס בעפאר. ער פאקט איין די תפלין, דעם שבת, די אלע אידישע אנטיקען, די ספרים, און אלעס װאס בעלאנגט צו א אידען. אז ער קומט אין לאנד, װאו ער װיל זיך בעזעצען, קוקט

ער זיך ארום, אַז ער האָט ניט מיטגענומען, אָדער ניט געקענט מיטנעמען, די סמאַטעס...

דער אנדערער, וואָס איז געגליכען צו די שלים־מזל'ניצע, דער פּאַקט די סמאַטעס, דעם קאָלער און טאַי, און אַלע סמאַטעס, און אַם ענדע קוקט ער זיך ארום אַז ער האָט פערגעסען מיטצו־נעמען די לייכטער, ליכט צו בענטשען, די תפלין צו לעגען און אַזוי ווייטער.

ו.

איינער האָט אויפהאָדעוועט אַ בערעלע און ער האָט איהם זעהר ליעב געהאַט. דאָס גלייכען, דער בער האָט זעהר ליעב געהט זיין בעל הבית. וואו ער פלעגט געהן און שטעהן, פלעגט ער דעם בערעלע מיטנעמען. אַ מאָל איז ער געגאַנגען אין וואַלד שפּיצירען, האָט ער דעם בערעל מיטגענומען. ער האָט זיך געלייגט שלאָפען אין וואַלד ביי אַ בוים, און דער בערעל איז געשטאַנען, געהיט זיין בעל הבית. די פליגען זיינען געפאַלען אויף זיין פּנים אין אַ גרויסער צאָל, און דער בער איז געשטאַנען און האָט מיט זיין לאַפּע זיי אַבגעטריבען. אָבער די פליגען דערשרעקען זיך ניט פאַר דער בערישער לאַפּע. זיי פרעסען דעם בעל הבית זיינעם דעם פּנים. ביי דעם בער האָט געפּלאַצט דער געדולד זיינער, און ווי ער האָט בעמערקט, אַז זיין בעל הבית'ס פּנים איז ווייטער בעדעקט פון פליגען, אַזוי האָט ער מיט כעס אויפגעהויבען זיין גראָבע בערישע לאַפּע און ער האָט אַ פּאַטש געטהאָן מיט זיין לאַפּע דעם פּנים פון זיין בעל הבית, אַ געפעהרליכען זעץ, אום צו טויטען די פליגען. האָט ער אָבער זיין בעל הבית מיט'ן קלאַפּ איבערגעשפּאַלטען זיין קאָפּ און ער איז געבליבען טויט.

דער נמשל, זעהר קורץ, פאַר די לעזער אַליין צו דיינקען.

די רעפאָרמער, אונזערע פערזאָרגער, זיי זעהען אַז די פליגען בעפאַלען אונז... ווילען זיי אָבטייבען די פליגען, אונזערע בלוט־זויגער... אָבער — טרייבענדיג די פליגען, האָבען זיי פיעלע פון אונז אַזוי געוואַלט פאַרהיטען, אַז זיי זיינען שוין אַסימילירט...

מיט קריסטאליכע פרויען... דאוונען אהן העמט מיט א כאהר פון שיקסעס...

די פרייע לענדער פאר אונז, די אבהיטער אונזערע, האט די פרייהייט דערלאנגט אזא פאטש אין פנים, אזא געפעהרליכען, דעם גאנצען יודענטהום, כאטש די פרייע פלעצער, די גוטע מדינות מיינען אונז ניט אפצורייסען פון אונזער אמונה, ווי די רעפארמער. אבער עס איז שוין ממילא — דער בער האט אויך ניט געמיינט צו טויטען דעם בעל הבית. אבער די רעפארמער מיינען יא...

ז.

א קלוגער פאסטוך

עס איז געווען אין א לאנד א פאסטוך, וועלכער איז געוועזען א גרויסער חכם. דער מלך פון דעם לאנד האט געשיקט רופען דעם פאסטוך צו זיך אום צו זעהען וואס די וועלט רעדט, אויב עס איז ריכטיג. ווי קען דאס גאר זיין, האט דער מלך געזאגט, אז א גאנץ פראסטער אומגעבילדעטער מענש זאל זיין אזא חכם?

דער פאסטוך איז געקומען. דער מלך האט געזאגט צו איהם: מען זאגט אויף דיר, אז דו ביסט זעהר קלוג, וויל איך דיר די ערשטע זאך פרעגען, אויב דו ביסט א חכם. ווייסטו וואס טהוט גאט?

א, יא, אדוני המלך, איך ווייס! און אז דו וועסט טהאן וואס איך וועל דיר בעטען, וועסטו אליין זעהען מיט דיינע אויגען וואס גאט טהוט. אויב נאר מעגליך, וועל איך טהאן וואס דו פערלאנגסט. זאג מיר דיין פערלאנג.

אדוני המלך! מיין פערלאנג איז אז דו זאלסט מיר אויף א ווייל לאזען אנטהאן דיינע קליידער, אט ווי דו גייסט יעצט, און דו זאלסט אנטהאן מיינע קליידער, ווי איך געה יעצט, אין גאנצען אויף פינף מינוט.

איך טהו דאס, זאגט דער מלך, און אין איינינע מינוטען זיי־נען זיי ביידע געווען איבערגעטהאן. דער מלך אין פאסטוך'ס קליידער, דער פאסטוך אין מלך'ס קליידער.

וועסטו מיר יעצט ערלויבען זיצען אויף דיין שטול, אין גאנ־

צען אויף פינף מינוט? איז געווארען א געלעכטער ביי די סע־
נאטארען. אויך דער קעניג האט געלאכט, נאר ער האט איהם דער־
לויבט. ווען ער איז שוין געזעסען אויפ'ן שטול, זאגט דער קעניג,
נו מיין חכם, יעצט ווייסטו וואס טהוט גאט?

געוויס, אדוני המלך. אט פאר א ווייל'ע בין איך געוועזען א
פאסטוך און דו א קעניג. יעצט בין איך קעניג און דו א פאסטוך.
און אין נאך א פאר מינוטען וועסטו זיין צוריק קעניג און איך וועל
זיין צוריק פאסטוך. אט דאס טהוט גאט. אט דערהויבט ער דעם
נידעריגסטען, אט דערנידעריגט ער דעם הויכען „מי ישפל ומי
ירום".

ח.

תורה וגדולה במקום אחד

הגאון החריף ר' אייזילע סלאנימער איז אמאל געפאהרען
מיט א גביר נכבד צוזאמען אין די נאהענטסע שטאדט. דער וואגען
האט זיך איבערגעקעהרט און זייביידע זיינען ארייגגעפאלען אין
א בלאטע. זאגט ר' אייזעלע: אט יעצט איז „תורה וגדולה במקום
אחד".

ט.

לומדים מופלגים

עס איז גאר ביי אידען ניטא קיין „עמי הארצים". יעדער
ווייס, וואס עס איז נייטיג, ניט וואס א איד דארף וויסען, נאר
וואס איהם קומט צוניץ צו וויסען. אומגעפעהר: דער ארימאן,
כאטש ער איז א גראבער יונג, וויים ער „כמה גדולה מצות צדקה",
ווי גרויס עס איז די מצוה פון צדקה, און ווייסט דארויף וויפיעל
מאמרים. ער וויים דעם מאמר, וואס הלל זאגט „אפילו סוס לרכוב
עליו". דער גביר דארף געבען דעם ארימאן אפילו א פערד צו רייטען,
אויב ער איז געוואוינט דערמיט. דער גביר ווייסט דעם מאמר,

„הנהנה מיגיעי כפו גדול מירא שמים“, אז דער וואס מאכט א לעבען פון ארבייט איז ער גרעסער פאר א רב א ירא שמים אפילו. און נאך א מאמר, „המבזבז אל יבזבז יותר מחומש“, מען טאר ניט געבען צופיעל, און אויב ער איז א גרויסער נדבן, טאר ער ניט געבען מעהר פון א פינפטעל, צוויי פון צעהן. אפילו דער קמצן עם הארץ, אויף זיין שענדליכער מדה, שלעכטע נאטור, ווייסט ער אויך א מאמר, „צדיקים חביב עליהם ממונם יותר מגופם“, צדיקים איז בעליעבט אויף זיי זייער געלט מעהר פאר זייער קערפער (ווייל די צדיקים פארדיענען זייער געלד כשר און איז זעהר שווער צו פערדיענען, דאס ווייסט ניט דער קמצן. ער דארף אויך וויסען, דער פאסקודנער קמצן, אז די חכמים לערנען דאס אב פון יעקב אבינו. „ויותר יעקב לבדו“ פון אריבער נעהמען די ליימענע קריגע־לעך און שטעלען זיך געפאהר) אזוי איז עס א בעוויז, אז „צדיקים חביב עליהם ממונם יותר מגופם“. זאל אבער דער פאסקודנער קמצן וויסען, אז יעקב גיט א פינפטעל פון זיין פערמעגען צדקה. קארג איז ער נאר פאר זיך, אבער מילד אויף צדקה. זעה קמצן). דער מלוה ווייסט „לוה רשע ולא ישלם“. דער לוה ווייסט „לא תהיה לו כנושה“... אין כלל אלע פראסטע עמי הארצים זיינען גאר לומדים...

די בימה

גאַנצע רעדעס אויף יעדען שבת

פון יעדער פרשה, פונקט ווי עס איז גערעדט
געוואָרען פון דעם מחבר אַליין, מאמרים,
משלים, אַפילו די „שיחת חולין".

יעדער ספר — אַ רעדע

נאָך דעם דרוש קומען משלים, ציצים ופרחים

פון דעם מחבר הרב הדרשן והמטיף המפורסם
יהודה ליב לאַזעראָוו
מחבר פון דברי יהודה, דגל יהודה, קול יהודה,
מטה יהודה, בית יהודה, אידישען רעדנער, ועוד.

חוברת ב׳

RABBI L. LAZEROW
1541—78th Street, Brooklyn, N. Y.

ניו־יורק — תרפ"ד

לעוואַנט פּרעס
479
138 2־טע כט., נ. י.

נח

„נת בכניסתו לתיבה מכנים עמו אבנים טובות ומרגליות בשעה שהיו כהות היה יודע שהוא יום ובשעה שהיו מבהיקות היה יודע שהוא לילה, ע״כ.

ווען „נח״ איז אריין אין „תבה״ האָט ער מיטגעבראַכט פּעריל און דימענטען. ווען די דימענטען מיט די פּעריל זיינען טונקעל געוועזען, האָט „נח״ געוואוסט, אז עס איז טאָג. ווען די דימענטען האבען געבליאַסקעט, האָט ער געוואוסט, אז עס איז נאַכט.

איך גלייך ניט דעם פּאַרצייטיגען סטיל אָנצופרעגען קשיות... פּאַרצייטען, אז אַ מגיד איז ארויפגעגאַנגען אויפ׳ן פּלאַטפאָרם, אויף דעם הייליגער בימה ארויפגעשטיגען, איז געוועזען אזוי צו זאָגען, נעמען אָפּזאָגען אַ קאַפּיטעל תהלים, אָדער אַ „מאמר״ חז״ל און אָנפרעגען פראַגען אַמווייניגסטען פופציג, צוברעכען דעם גאַנצען מאמר אויף פּיץ־פּיצעלעך. עס איז אין „מאמר״ ניט געבליבען קיין גאַנצער גליעד... אפילו איין „אות״ איז ניט געבליבען, דער וואָס איז ניט איבעריג אום נאָכהער אויפצובויען. איז דאָך אַ פּראַגע: ניט ברעך, ניט בוי — און מעהרערע מאָהל, איז די „קשיות״ געבליבען און געבויט אפילו גאָר ניט. דארום וויל איך גאַרניט ברעכען, נאָר איך וויל בויען. וואו עס איז גאַנץ שווער איצט, וועט נאָכהער אליין ארויסקומען, אז עס וועט פאַרשטענדליך זיין פאַר יעדען...

עס איז אַ כלל גדול „ווען גאָלד רעדט״, — „דאַן שווייגט דער אמת״. וואו מען גיט צופיעל „כבוד״ די גאָלד זעק, אין „שוהל״ אָדער אין „תלמוד תורה״, דאָרט ווערט דער גאַנצער „כבוד״ אָפּגעגעבען צו די צוויי־פיסיגע גאָלדענע קעלבער, און זיי זיינען די גאַנצע פיהרער, דאַן בלייבט די „שוהל״ נאָר אַ פּלאַץ פאַר „אבלים״ און „יאָהרצייטען״ און פאַר אַ יאָהרצייט, וועלכער האָט פאַרזאַמט דעם „מעריב״. בעט ער דעם שמש ער זאָל פאַר איהם מאַכען אַ „מלא״ און אַ „קדיש״ צו אָרדער. אויב דער שמש איז אַ קלוגער, האָט ער אַ פּאַסענדען קאַפּיטעל „תהלים״ פאַר איהם, דעם קאַפּיטעל „אלהים

באו גוים בנחלתך", „טמאו את היכל קדשך", ווייל קיין אנדער צוועק קען די שוהל ניט האבען וואו די געלד זעק, וואס זיינען אליין פון די „גוים בנחלתך" — דארט לערנט מען ניט, דארט האט קיין צורה דער „תלמיד חכם", דער „רב" טאר ניט ריידען וואס ער וויל און וואס ער דארף ריידען. דער פרעזידענט, דער „עגל הזהב" מאכט שווייגען דעם „אמת", דעם ווירדיגען „רב", ווייל דארט רעדט גאלד, מוז שווייגען דער „אמת".

ווען איך בין ארומגעפאהרען איבער די יוגייטעד סטייטס, בין איך געקומען אין א שטאדט, וואו דארט איז געוועזען אדער עס איז נאך דא אזא מין גאלדענע קאלב, דער פרעזידענט. צו איהם האבען זיך די גאנצע געמיינדע געבוקט און געשריען צו איהם „אלה אלקיך ישראל" („תיפח עצמותיו של אותו רשע"). זיין ווילדע „טבע" איז געווען, אז ווען עס פלעגט קומען דארט א „רב" אדער א "דרשן", אדער א „מחבר", פלעגט ער איהם צו „קריאת התורה" פרעגען א קעלבערנע פראגע און באלד פלעגט ער געהן און אנבורענען צו די „מתפללים", וואס איז דאס פאר א „רב"? אזא גראבער יונג, אז איך האב איהם געפרעגט א קליינע פראגע קען ער מיר ניט ענטפע־רען. וואס איז דאס פאר א „רב"? געוואלד געשריען... אום צו מאכען דעם אונגליקליכען א שלעכטען נאמען, אז ער זאל דארט גאר ניט האבען...

איך בין אין דער שטעדטעל געקומען. איך האב געהערט פון דעם „עגל הזהב" נאך בעפאר מיין קומען אהין... איך האב אפילו געוואוסט, אז ער הייסט „ניסן". שבת צו "קריאת התורה", ער איז דא ביי מיר און וויזט מיר די סדרה „חקת", די סדרה פון דער וואך. הערט „רבי!" זאגט ער צו מיר. פון אייך האב איך שוין פיעל געהערט, דארום וויים איך, אז איהר וועט מיר געוויס זאגען א ריכטיגען אנטווארט אויף מיין פראגע... אט טאקע אין דער „סדרה" איז דא א מאן וואס איך האב געהערט אימער דערציילען, אז ער איז געוועזען זעהר הויך און וויפיעל איך האב געפרעגט ביי „רבנים" קענען זיי מיר ניט זאגען ווי גרויס ער איז געוועזען. און אויף אייך זאגט מען, אז איהר זייט א גרויסער „דרשן" „ומטיף, און איהר זייט א "תלמיד חכם"... אזוי ווי אין דער וואך לייענט מען פון דעם מאן, נו זאגט מיר ווי הויך איז ער געוועזען?...

איהר מיינט געווים דעם הויכען "עוג" „מלך הבשן", הא? זעהר שעהן, איך וועל אייך זאגען אומגעפעהר, ר' „ניסן", פאזיטיוו ווייס איך ניט, נאר דאס ווייס איך, ר' „ניסן", — אז אין „מבול" האט ער נאך געבראזעט דעם קאסטען, ער האט געבראזעט דעם גאנ־צען יאהר, האט ער זיך צוגעקילט אין „כסלו" די פיס, איז ביז עס איז געקומען די קעלט צו זיין נאז פון אזא הויכען מאן האט עס גענומען פינף מאנאט, האט ער אנגעהויבען צו הוסטען ערשט אין „ניסן"... די דערביי שטעהענדע האבען געמאכט א גרויסען געלעכ־טער און איך האב גערעדט ווייטער צו איהם און צו די הערער... זייט אויך וויסען, ר' ניסן, אזוי ווי „עוג מלך הבשן" איז געוועזען אזוי גרויס איז דאך פון זיינע פיס געוועזען זעהר ווייט צו זיינע אויערען, אט אזוי זיינען דא מענשען, וואס זיינען פיציגקע, ברע־קעלעך, וואס זייער קאפ מיט די אויערען זיינען אויף די פיס... ווארים זיי הערען ניט און זעהען ניט ביז מען בוקט זיך צו זייערע פיס, און דאס זייט איהר און דענקט ניט, אז וואו אזא „עגל הזהב" רעדט, ווערט מוזען שווייגען דער „אמת". די איבעריגע האב איך איהם אוועקגעגעבען אין ריידען, אז ער האט שוין חרטה געהאט, וואס ער האט אריינגעבראזעט אין „מבול"...

אבער מיינע טייערע אידען, מיינע פרומע אידען, די אידען וואס געהען אין די שוהלען דאוונען, צו אייך וויל איך ריידען. איך פרעג אייך, איהר מיינט עס ערנסט וואס איהר געהט דאוונען? טאקע צוליעב השי"ת, איהר שפרינגט קדוש, איהר מיינט עס צור־ליעב השי"ת, אדער סתם אזוי — עס פאסט אייך צום רומעל? אה! איהר זאגט, אז דאס איז ערנסט, איהר מיינט עס אויף אן „אמת", זאג איך אייך, אז אייער אמת איז א „שקר". פון פולען זינען דאסווארט „שקר". א באווייז איז אויבענאויף, אז עס איז „שקר". ווען איהר וואלט געמיינט אמת, וואלט איהר ניט געמאכט דעם פרע־זידענט וועלכע איהר האט אין אייער שוהל, אזא „חצוף מחוצף". דאס איז נאר, ווייל ער האט געלד, און וואו געלד רעדט, שווייגט דער אמת. אה, דעם „עגל הזהב" האט איהר געמאכט פאר א "בעל הבית" איבער דעם „רב", און איבער די אלע „תלמידי חכמים", די וואס דארפען נעבעך קומען אין אייער שוהל. האלט איהר, אז די שוהל איז הייליג, טא ווי קומט עס א ירבעם בן נבט, א „חוטא

ומחטיא את הרבים", זאָל זיין דער מנהיג, און ער זאָל טייטלען אין דער "ספר תורה".

איך וויל פאַר אייך עפענען איינינע פלעצער אין ש"ס „בבלי" און איהר וועט זעהען וואָס די חכמים האָבען געדענקט וועגען אזא „נשיא" (פּרעזידענט) (תענית ז') „גשמים נעצרים בשביל עזי פנים, כל שיש לו עזות נכשל בעבירה, מותר לשנאותו", איהר זעהט אז חוץ דורך אזא סוחר ווערט פאַרהאַלטען רעגען און די וועלט ליידעט דורך איהם. האָבען זיי נאָך „מתיר" געמאַכט איהם פיינט צו האָבען. און אין אמעריקא זיינען אַט די עזות'ניקער „מנהלים" פון שוהלען און תלמוד תורות, די מתעסקים בצרכי צבור, און אזוי ווייטער. אין (חגיגה י"ד) „י"ח קללות קילל ישעיה וכו' עד שאמר יהרבו הנער בזקן והנקלה בנכבד", דערמיט האָט ער זיך באַרוהיגט, ווייל דאָס איז די גרעסטע קללה און דאָ אין אמעריקא קלייבט מען אויס אזא „נקלה", אום ער זאָל קענען הערשען אויף די נכבדים. מעהר ניט, וואָס מיר האָבען דערביי נאָך אַ שטיקעל טרייסט פון אזעלכע ברואים, ווייל די גמרא זאָגט אין (נדרים כ') „בעקבותא משיחא חוצפה יסגי", עס איז שוין אַ גוטער סימן, אז משיח דאַרף קומען די צייטען, (ב"מ פ"ד) „מדחציף כולי האי ש"מ רשיעא הוא.

דאָ האָט איהר דעם יחוס פון פּיעלע, פּיעלע העכסטע בעאַמטע פון סאָסייעטיס, חברות, לאָדזשעס, שוהלען ... געוועהנליך, זעלבסט־פאַרשטענדליך, אז עס זיינען דאָ שוהלען, וואָס די מנהלים זיינען יראים ושלמים, אָבער איהר מוזט צוגעבען, אז אַ סך, אַ סך איז פאַראַן פון די, וועלכע די חכמים האָבען שוין געגעבען זייערע מיי־נונגען וועגען די „חברה". נו זאָגט איהר וואָס פאַר אַ פּנים קען האָ־בען די שוהל, אין מאַראַלישען זין, ווען אזא חברה מאַן איז זייער „מנהיג", וואו גאָלד רעדט, מוז שווייגען דער „אמת".

ווידער, נאָך אמאָל זאָג איך אייך, אז עס איז דאָ גבירים, די, וועלכע זיינען אידען „בין אדם למקום און בין אדם לחבירו". אָבער איך קען ניט פאַרשטעהן ווארום טאַקע די, וואָס ביי זיי איז „תורה וגדולה במקום אחד", זיי זיינען ניט קיין פּרעזידענטען, קיין „מנהלים", קיין „בעלי דיעות", עס קען זיין, אז זיי פאַרשטעהען מיט וועמען זיי האָבען צו טהאָן, מיט וועמען זיי דאַרפען געהן צום טיש ...

יאָ, איך קען אייך זאָגען, אַז עס איז הימעלשרייענד. אַט, שרייבענדיג דיזע ציילען, קומט אריין צו מיר מיינער אַ „ידיד נאמן", אַ גרויסער „ירא שמים" און דערצעהלט מיר, אַז אין יענע גרויסער העכסט אָרטאָדאָקסישער שוהל האָט „שבת" געדאַווענט אַ חזן און מען האָט „בפּחהסיא" פּארקויפט טיקעטס אום „שבת". ווען געשריען, צום ערשטען צום רב זייערען. איך ווייס ניט וואָס דענקט ער, דער „ראַבאַנציג", דער שעהנער מענשעלע... ער וועט דאָך מוזען אָפּגעבען „דין וחשבון". אויף אַזעלכע „רבנים" האָט שוין ישעיה לאַנג נביאות געזאָגט, נעמליך — „כי יתפוש איש באחיו שמלה לך קצין תהיה לנו והמכשלה הזאת תחת ידך". קום מיין רבי׳לע לעבען — זאָלען מיר אָפּמאַכען, זאָגט דער פּרעזידענט צום רבי׳לע, מגיד׳ל, מטיף׳על — מיר נעהמען דיר פּאַר אַ פיהרער אונ־זערען, אָבער „והמכשלה הזאת", אַלעס וואָס דו וועסט זעהן מיט דיינע אויגען אין אונזער הויז — אין סטריט — איבערהויפּט: שוהל — זאָל בלייבען „תחת ידיך", זאָל זיין שאַ־שאַ און שאַ — שטיל זאָל בלייבען, שאַ — „תחת ידיך" ודו"ק. וואָס טראַכט זיך דער צדיק׳ל? טאַקע איין זאַך טראַכט ער, וואו „גאָלד רעדט", וואו עס האַנדעלט זיך ביי מאַכען אַ לעבען, מוז דער „אמת שווייגען", אָבער אויף דעם האָט אייך ישעיה הנביא געזאָגט „כל ראש לחלי", אַז די אַלע „קעפּ" זיינען קראַנק. דאָס הייסט די „רבנים", די „ראשי העדה", איז שוין ממילא „וכל לבב דוי", זיינען אַלע הערצער צואוועהטאָגט... דאָס איז די „בעלי בתים" די הערצער.

אַז ווען די „ראשי העדה" זאָלען אַלע זיין „אחדות", ניט מורא האָבענדיג, אַז דער גאָלד זאַק, זיין פּרעזידענט, וועט איהם אָפּשאַפּען פון שול, ווען עס וואָלט אַנאַנדער זיין שטעלע ניט פאַר־טרעטען, דאַן וואָלטען שוין ניט געהאַנדעלט מיט „חלול שבת" אין די שוהלען. דער „רב", דער „אמת" וואָלט געמאַכט שווייגען די גאָלד, און עס וואָלט געווען — וואו אמת רעדט, שווייגט די גאָלד... גאָלד...

„ישראל", דער „עם הנבחר" טאַנצט נאָך די „אומות העולם" אין יעדען הינזיכט, אַפילו אין די שוהלען, אפילו ביי גאָטעס דינסט, זאָגט מיר וואָס געהט דער „חזן" אָנגעטהאָן ביים הייליגען „עמוד"? אפילו ביי אַ לויה — זאָגט מיר, איהר ווייסט דאָך דעם „אמת"...

מיט'ן שווארצען פאס — ווי א רוסישען פעלד־פעבעל צום צווייטען דינסט, וואס ער קריגט אויפ'ן ארבעל. אפילו ביי „חתונות" — איהר ווייסט דאך אונטער דער חופה, אין שוהל, איז „בית המקדש" גלייך ווי דער „חתן" צוברעכט די גלעזעל, ווי מען צוקושט זיך, אשת איש'ן מיט מענער, אלטע מענער מיט א יונגע, געווים א נדה... טאמער איז דא איינינע נעצעהלטע „דרשנים יראים ושלמים" און זיי שרייען, איז „כקול קורא במדבר".

די חכמים האבען עס פארגעשטעלט דעם טרויעריגען בילד מיט געגויע צוויי טויזענט יאהר בעפאר, השי"ת זאל שוין געבען, אז עס זאל שוין מקוים ווערען די „ישועות ונחמות", די וועלכע זיי האבען פראפעצייעט פאראוים, אזוי ווי עס איז מקוים געווארען אלע צרות, וואס זיי האבען פאראוים מיט צוויי טויזענט יאהר גע־זאגט. קומט מיט מיר צו א מאמר חז"ל...

„מטבע של אברהם אבינו זקן וזקינה מצד אחד בחור ובתילה מצד אחד (ב"ק דף צ"ז עב'.)

קיין קשיות וועל איך ניט פרעגען, נאר איין זאך וועל איך פרע־גען. עס איז ניט אריבערצולאזען, בעפאר וועל איך פארטייטשען. די געלט פון „אברהם אבינו" איז אויף איין זייט געווען אן אלטער מאן מיט אן אלטע פרוי, אויסגעקריצט געווים, אדער געשטעמפט, ווי איצטיגע געלט. אויף דער צווייטער זייט א „בחור" מיט א מיי־דעל. אויב אברהם אבינו האט טאקע געמאכט איינענע געלט, זאל שוין זיין אזוי, האט ער ניט געפונען קיין אנדערען סימבאל אדער צייכען צו מאכען, מעהר ניט ווי אן אלטען מאן מיט אן אלטע פרוי, און פון דער צווייטער זייט א מיידעל מיט א בחור. איז דאס מעג־ליך? עס קען אנדערש ניט זיין, אז די „חכמים" האבען אונז פאר־געשטעלט א בילד. און יעצט לעזט, וואס מיר ווילען אייך פארשטע־לען א בילד און אן אמת טרויעריגען בילד!

מיט דרייסיג יאהר בעפאר, זייענדיג אין קאוונע, איז מיר אנ־געקומען א טעלעגראמע, אז איך זאל קומען אין ווארשא זאגען א הספד. אריינקומענדיג אין וואגאן, האב איך געזוכט אין וואגאן א אידען לעבען וועמען איך זאל זיך קענען זעצען און פארברענגען די געגויע זיבען שטונדען, וואס איך האב געהאט צו פאהרען... צו מיין פרייד איז קיין גרעניץ ניט געווען, ווען איך האב באמערקט

ביי דער אַנדערער זייט קאַר, אַז עס זיצט אַן אַלטער מאַן, אַ איד מיט אַ וואונדערבאַרען „הדרת פנים“, מיט אַ שעהנער ווייסער זילבער באָרד און ער זעהט זיך אַן זעהר אַ רייכער מאַן און פיליכט נאָך אַ מיליאָנער. ביי זיין זייט זיצט אַ „בחור“, אומגעפעהר אַכט־צעהן יאָהר אַלט, בלוט און מילך, שעהן און קלוג, גרויס און גראָב. איך האָב איהם געשאַצט זיין וואָג ביי גענויע צוויי הונדערט פונט. אַ גוטע פלעשעל „משקה“ און אַ לעבעלע ברויט, אויך פון די גוטע ווורשט איז ביי איהם געלעגען און ער האָט געגעסען זעהר גע־שמאַק . . .

ווי דער אַלטער האָט מיך דערזעהן האָט ער מיר געגעבען שלום און געמאַכט אַ פּלאַץ לעבען איהם. און מיר האָבען זיך פאַנאַנדער־גערעדט, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ער פאָהרט קיין ווארשא. פרעג איך איהם וועגען וואָס ער פאָהרט קיין ווארשא? האָט ער אַראָפּגעלאָזען זיין קאָפּ און איז געוואָרען זעהר טרויעריג. אַ שטיל־שווייגען פון פינף מינוט איז ביי אונז ביידען געוועזן. נאָכהער האָט ער אַ גרויסען זיפץ געטהאָן. ער האָט אויפגעהויבען די קאָפּ און אויסגערופען, אָט איהר זעהט דעם „בחור“, דאָס איז מיין זוהן. איך פאָהר מיט איהם צום גרויסען פּראָפעסאָר אין ווארשא. איך האָב אַ בליק געטהאָן אויף דעם בחור, האָב איך געזעהן, אַז פון דער פלעשעל משקה, מיט די ברויט, מיט די ווורשט איז שוין באַלד אין דער קורצער צייט, קיין זכר ניט געבליבען. טראַכט איך מיר, רבש“ע הלואי א ז א אפּעטיט אויף מיר געזאָגט געוואָרען. דאַכט זיך, וואָס פעהלט איהם?

דער אַלטער האָט פאַרשטאַנען וואָס איך דענק. האָט ער ניט געוואָרט, אַז איך זאָל איהם פרעגען, און זאָגט צו מיר: איך פאַר־שטעה, אַז איהר ווילט פרעגען, וואָס פעהלט איהם? יאָ, מיין לי־בער פריינד, הלואי וואָלט ער געוועזן בעסער קראַנק אויף דער גע־פעהרליכסטער קרענק, וואָלט איך איהם געקענט קוריערן, ווייל איך בין אַ מיליאָנער און איך וואָלט פיליכט געקענט איהם אויסקורירען, דען איך האָב גענוג געלט... ער איז קערפּערליך געזונט, איהר קענט פאַרשטעהן פון זיין אַפּעטיט. ער איז אָבער קראַנק, זעהר קראַנק גייסטליך. נערוועז, אָדער איהר רופט עס גאָר „משוגע“.
אין וואָס באַשטעהט זיין משוגעת? אָט רעד איך דאָך מיט

איהם און ער רעדט אמת קלוג, פארזיכטיג יעדען אנטווארט. מיין פריינד, זאגט ער צו מיר, ער איז גרויס געבילדעט, און אז ער רעדט מיט אייך, וועט איהר גאר ניט דערקענען און דאך איז ער ריכטיג „משוגע"... און זיין משוגעת באשטעהט אין דעם, וואס ער האט זיך איינגערעדט, אז ער איז א קליין קינד (א בייבי). ווען עס פאלט איהם אן זיין משוגעת, קען זיין א פולע הויז מיט מענשען, שרייט ער מיט „קולות": זייט וויסען איך בין א בייבי — טראגט מיר און לעגט מיר אין וויגעלע, און אפט זעצט ער זיך אויף'ן פלאר און פויזעט זיך ווי א קינד אויף אלע פיער און טהוט אלע „מעשים" פון א קליין קינד. אה! אומגליקליך בין איך. אזא שעהנער קינד, אזא געבילדעטער קינד, אזא גוטער קינד, אפט מוז מען איהם איינשליסען אין א צימער אליין, אז זייטיגע מענשען זאלען כאטש אונזערע ליידען ניט זעהען. אה! מיינע צרות... אז אזא „בחור" זאל אויף דער ערד זיך וואלגערען און טהאן אלע מעשים פון א קליין קינד.

שוועסטער און ברידער, ווי דער מאן האט מיר דערצעהלט די געשיכטע פון זיין בחור, איז מיר ארייגעפאלען א געדאנק, אז דאס זעלבע בילד האבען אויך געמיינט אונזערע „חכמים", מיט דעם אויבענדערמאנטען „מאמר", „מטבע של אברהם אבינו זקן וזקינה מצד האחד, בחור ובתילה מצד האחד"... דאס הייסט, ווען מיר זאלען באטראכטען אין דער היסטאריע, איז ביינאהע דער עם ישראל דער עלטסטער אויף דער וועלט. יא, עס זיינען פאראנען עלטערע נאציאנען פון איהם... אבער וויפיעל מאהל האבען זיי זיך שוין איבערגעביטען אין די לעצטע פאר טויזענט יאהר זייער לאנד, מיט זייער גלויבען, זייער גאט מיט זייער טראדיציאן, אז עס איז גאר ניט געבליבען קיין „זכר" פון זיי... איז דא די אלטע רוים? וואו איז עמון? וואו איז מואב? וואו זיינען די אלטע פעלקער? וואו זיינען די פארצייטיגע רוימער?

אבער ישראל, וואס שטאמט פון „אברהם אבינו", דער גרינדער פון דעם גרויסען ארדען „ברית אברהם" מיט דעם פילאזאפישען גלויבען, דער יהודענטהום, פון דאן ביז „קבלת התורה" און ביז היינט, איז דען דער עם ישראל ניטא. אפילו א מנהג פון דאן פעהלט נאך ניט. דער „ישראל סבא", דער אלטער, ער לעבט און וועט לעבען. נאר א גרויסער אומגליק האט פאסירט דעם „עם

ישראל", דעם אַלטען „בחור", דעם „עם הנבחר", דער „אתה בחרת'ניק" האָט אָנגעהויבען משוגע צו ווערען, אַראָפּ פון „שכל הישר" און ער האָט אָנגעהויבען זיך איינרעדען, אַז ער איז אַ בייבי, און ער טהוט נאָך די אַלע מעשים פון די בייבים... די יונגע פעלקער, אַלעס וואָס זיי טהוען — טוט ער. (אַלעס דאָס וואָס מען טאָר ניט) טרינקט ווי אַ בייבי... עסט ווי אַ בייבי (טריפות)... שלאָפט ווי אַ בייבי (טהרת המשפחה). ער טאַנצט נאָך די בייבים. איז דער „ישראל סבא" אין רוסלאַנד, טאַנצט ער נאָך דעם רוסישען; איז ער אין דייטשלאַנד, ווערט ער אַ דייטש; אין פראַנקרייך, ווערט ער אַ פראַנצויז...

„ישראל סבא", דער פיער טויזענטדיגער אַלטער „ישראל" קומט אין אַמעריקע, וואָס זי איז דאָך געווים קעגען איהם אַ בייבי, די אַמעריקאַ וואָס איז ערשט די פינפטע הונדערט יאָהר, זאָגט דער אַלטער „ישראל": איך מוז נאָכקרימען די יונגע בייבי. אַלטער „ישראל", דו האָסט דאָך אין דיין „תורה", וואָס איז שוין די פיערטע טויזענט יאָהר, די ליבעראַלע געזעצע וואָס אַמעריקאַ האָט ערשט איצט ניט לאַנג געמאַכט „ואהבתם את הגר"... רעכטע פאַר אַלעמען, אָהן אויסנאַהמע... און דיעזע איינינע גוטע געזעצע האָבען זיי גענומען פון דיין תורה, אַלטער ישראל, דיין תורה, וואָס דו האָסט שוין די פיערטע טויזענט יאָהר, וואָס אַלע נאַציאָנאַלען, פעלקער, „אומות", ראַסען, קעניגרייכען, האָבען איהם שוין איבערגעזעצט אין אַלע שפּראַכען און פאַרגעטערען איהר, און „ישראל" פאַרלאָזט איהר, פאַרנאַכלעסיגט איהר... „ישראל", וואָס איז מיט דיר דער מעהר... ישראל ווי אַזוי טהוסטו עס?... נאָכטאַנצען די יונגע. און וואָס די יונגע האָבען פון דיין „תורה" דעם בייבעל וכדומה, דאָס טרייסטו ניט צו האַלטען, וויבאַלד עס איז דיינע. „ישראל", „אַלטער ישראל", דו טאַנצסט נאָך די יונגע, ווייסטו, אַז דו ביסט דעם רייכענס זון, דעם אַלטען גביר, דער „עתיק יומין", זיינער אַ זוהן, און צום סוף... ביסטו אַ בייבי איצט „ישראל". מען דאַרף דיך אין משוגעים הויז פיהרען...

ישראל מיין ניט, ישראל דענק ניט, דו אַלטער ישראל, געבילדעטער בחור, קלער גאָר ניט, אַז דו וועסט משוגע בלייבען... ניין, „ישראל סבא" די פראָסעפּאָרען אין וואַרשאַ וועלען דיך קורירען.

זיי האָבען שוין באַלד דיר אויסקורירט: די אוקראַינער... די רומע־ניער... מאַראָקער... פיעלע פון די משוגענע בייבים, וואָס זיי־נען שוין לאַנג, לאַנג, משוגע שרייענדיג, אַז זיי זיינען בייבים, זיי־נען שוין האַלב געזונט געוואָרען און אַרבייטען פאַר דיין לאַנד, פאַר זייער לאַנד, קעהרען זיך אום צום נאַציאָן. מן הסתם וועלען זיי זיך אומקעהרען אויך צום רעליגיאָן.

ישראל, און אין די יונגע אמעריקא זעהסטו שוין אויך עפּעס, אַז עס איז ניט גלאַטלעך. זיי ווילען דיר שוין אָנהויבען קורירען פון דיין משוגעת. עפּעס איינער אַ „בעל עגלה" מיט אַ גאַנצער סוויטע אַנטיסעמיטען, ווילען דיר גיסען וואַסער אויף דיין קאָפּ. ישראל וואַרט ניט... וואַרט ניט ישראל... ניט ישראל וואַרט...

אַ מאָדנע זאַך מיט דיר „ישראל". פון איין זייט ביסטו דער עלטסטער פון אַלע נאַציאָנען בייגאַהע... פון דער אַנדער זייט ביסטו גאָר דער אינגסטער. גרינדליכער צו ערקלעהרען, הייסט „מטבע" די „פירמאַ" — אויף יעדער „מטבע" איז דאָ די פירמאַ פון דער „מלוכה", אַן אַדלער מיט איין קאָפּ אָדער צוויי קעפּ, אָדער אַן אַנדער סימבאָל, „מטבע" די „פירמאַ", אַזוי ווי אין „ברכות", „מטבע שטבעו חכמים בברכות"... פון וועלכער פירמאַ שטאַמען מיר אידען? פון דער פירמאַ פון „אברהם אָבינו"... אַ מאָדנע זאַך מיט אברהמ'ס פירמאַ. דער „עם ישראל", פון וועלכען „אברהם אָבינו" איז דער גרינדער, „מטבע של אברהם אָבינו", די פירמאַ פון „אברהם אָבינו", דאָס איז דער אַלטער ישראל. דאַכט זיך, „זקן וזקינה מצד האחד", אַן אַלטער מאַן מיט אַן אַלטער פרוי פון איין זייט. ישראל פון איין זייט איז זייער אַלט, טאָ ווי קומט עס ישראל אַלטער, אַז „בחור ובתולה מצד האחד", אַ יונגער בחור און אַ יונגע מיידעל פון דער אַנדער זייט. דער אַלטער טאַנצט נאָך די יונגע... ודו"ק.

און דאָס איז צוליעב דעם ריכטיגען פּשט פון „מטבע" איז דאָך גאָלד, געלט. און צוליעב די „מטבע", די געלט, מאַכט מען זיך „משוגע", פאַרבייט מען דעם „שבת", וואָס ער איז עלטער פון אַלע נאַציאָנאַלען, אפילו פאַר „קבלת התורה" איז דער שבת עלטער, וואָ־רום דעם שבת האָבען מיר שוין געהאַט אין מצרים, ווי די חכמים זאָגען אונז אין אַלע „מדרשים". דעם „שבת" בייט מען אוים פאַר'ן

זונטאָג, וואָס ער איז דער יונגער. ווי היסטאָריקער וויסען גאַנץ גוט פון ווי לאַנג די „אומות" האַלטען פאַר א רוהע טאָג דעם זונ־טאָג... סטייטש, ווארום טהוסטו אזוי „ישראל", דו ווייסט דאָך דעם אמת, אז דיין שבת איז „קודש קדשים" און זונטאָג האָט ניט מעהר קדושה פאַר מאָנטאָג, אָדער פאַר אַן אַנדער טאָג? נאָר דער תירוץ איז, ווי לאַנג דער עיקר איז די „מטבע" מוז שווייגען דער „אמת".

און דער אמת, מיינע פריינט, פרעגט איהר איצט א קשיא, מיר וואָלטען וועלען וויסען אויב דער מחבר אליין האָט פיינט געלד, געלט? זייט וויסען מיינע פריינדע, אז איך בין ניט ח"ו פון די, וואס ווילען איבערפיהרען די וועלט, „חרוב" מאַכען הייסט עס גאָר „פשוט", ווי יעצטיגע „חברה" „ימח שמם". ניין, טויזענט מאָל ניין. איך אליין האָב ליעב געלט... איך אליין דאַרף געלט. הלואי וואָלט איך אזוי פיעל האָבען, ווייל אָהן דעם קען מען גאָר ניט עקז־זיסטירען. נאָר דאָס זאָג איך אייך בעשטימט, אז עס איז דאָ צייט־טען, ווען איך האָס דאָס געלט „תכלית שנאה" האָב איך פיינט. א סך קענען מיר. וויפיעל מאָהל טרעפט, אז איך לאָז אוועק אין איין וואָך עטליכע פינף און צוואַנציגער פאַרדינסט, ביי ניט קיין ריכטיגען והספד'ל, וואָס מיר געפעהלט ניט, אז קוים פאַרשטעה איך, אז עס איז ניט ריכטיג, געה איך צום „אמת" ניט צום „שקר" געלט... זאָל אימיצער אויף מיר זאָגען, אויב איך האָב צוליעב געלט וואָס און ווען שלעכטס געטהאָן. איך ווייס א סך ביישפילע אייך פאַרצושטעלען, אָבער וועגען זיך וויל איך ניט שרייבען... מיך פאַרדריסט אויף די זעלבע... איך זאָג אייך באַשטימט, אז איך האָב ליעב געלט, נאָר וואו מען דאַרף, און איבער'ן „אמת" ניט אריבערצוטרעטען, פאַרקויפען די „נשמה" צוליעב געלט? דעם „שבת" אוועקגעבען צוליעב געלט? אָדער רויבען, אבי צו האָבען געלט? — ניין, טויזענט מאָהל ניין!

נאָר „אמת" — פאַרדינט וואָס מעהר... נאָר פאַרשטופט ניט דעם „אמת"... זעהט וואָס די חכמים האָבען געזאָגט וועגען אמת... („ברכות" ד' ע"א) „שמא יטעו אצטגניני פרעה ויאמרו משה בדאי הוא", משה, כאָטש ער ווייס באַשטימט אָבצושטימען, ווען האַלבע נאַכט איז, דאָך זאָגט ער „כחצות", פיליכט וועלען זיי האָבען א

מיסטייק אויף זייער צייט, וועלען זיי זאָגען, אז משה איז אַ ליג־נער... (שבת נ"ה) „חותמו של הקב"ה אמת", גאָט'ס סטעמפּ איז אמת. זאָגען שוין ספרים הקדושים, אז דער וואָס געהט מיט'ן אמת, קען קיינמאָהל ניט דורכפאַלען, און מיט דער צייט אַנערקענען איהם אַלע, אז דער איז אַ „איש אמת", און הקב"ה האָט אַליין אויסגע־קליבען דעם אמת פאַר זיין „חתימה" (סטעמפּ), ווייל דער אמת בלייבט אימער שטעהען. אַט רעכענט דעם וואָרט אמת אויף „מספּר קטן", איז דער באַטרעף 9. איצט דאָפּעלט דעם 9 אויף וויפיעל איר ווילט, וועט אימער אויסקומען צוריק 9. אומגעפעהר זאָגט 2 מאָהל 9 איז 18, איז דער 18 ווידער 9. ווי אַזוי פרעגט איהר? גאַנץ איינ־פאַך, 8 מיט 1 איז ניין; זאָגט 3 מאָל 9 איז 27 — איז ווידער אַזוי, — 7 מיט 2 איז 9; אַזוי זאָגט 9 מאָהל 9 איז 81 — איז 1 מיט 8 וויעדער 9. אָדער די אויבערסטע ליין שטעלט וואָס פאַר אַ ציפער איהר ווילט, נאָר אונטען שטעלט אַ 9 און מיט דעם 9 מאַכט „כפל", וועט די אונטערשטע שורה אַלץ בלייבען 9.

אומגעפעהר שטעלט אוועק — 61235678
דאָפּעלט מיט'ן — 9

צעהלט צוזאַמען די אונטערשטע ליין — 551121102

וועט באַטרעפען 18, איז ווידער 8 מיט 1 איז 9 — און אַזוי טהוט כסדר, וואָס איהר ווילט נאָר אויסדענקען זיך פאַר די ערשטע ליין, נאָר דאָפּעלט מיט אַ 9 אָדער מיט 2, אפילו מיט 10 ניינען, וועט די אונטערשטע שורה בלייבען 9. דער 9, וואָס דאָס איז "אמת" מוז בלייבען „אמת" ווי מען זאָל דרעהען. אמת שטעהט „קושטא קאי" „שיקרא לא קאי" שבת ק"ד, ודו"ק. „אמת" איז חותמו של הקב"ה (סוכה מ"ו ע"ב) ואמר ר' זירא „לא לימא איניש לינוקא דיהיבנא לך מידי ולא יהיב ליה משום דאתי לאגמורי שיקרא". רבי זירא זאָגט, אז אַ מענש זאָל ניט זאָגען צו זיין קינד, איך וועל דיר עפּעס געבען און ער וועט איהם ניט געבען, ווייל דאָס קינד וועט זיך לערנען צו זאָגען ליגען, אז ער זעהט דער פאָטער איז אַ ליגנער.

נו, ווי איז יעצט, אז דער קינד זיינער איז שוין אַ גרויסער און ער זעהט אַמאָהל קומענדיג אין שוהל, אז זיין אייגענער פאָ־

טער איז דעם אמת „מרחק“, דאָס הייסט דעם רב איז ער אַ דם שונא, און דער רב איז דאָך דער אמת אַליין, ווייל גאָטעס זיגעל איז אמת און זיין תורה הייסט „תורת אמת“, און דער רב האַלט פון זיי ביידען, איז ער דאָך דער אמת אַליין. און וועמען גיט „כבוד“ זיין טאַטע? דעם גביר, דעם עם הארץ“, דעם פויער, דעם „קל שבקלים“, וואָס בלייבט ביי דעם קינד אין קאָפּ, אַז זיין טאַטע אַליין איז דורכאויס „שקר“, אפילו אין שוהל וואו עס האַנדעלט זיך וועגען „אמת“.

איך גלויב, און געוויס גלויבען מיר אַלע, אַז עס וועט אין גיכען קומען די צייט, ווען מיר וועלען זוכען דעם „אמת“ און מיר וועלען געפינען און עס וועט ניט זיין פאַר'ן „שקר“ קיין אָרט, דאַן וועט ניט הערשען די וואָס האָבען די דיימאַנדס און גאָלד אויף דעם „אמת“ אין די שוהלען. מען וועט נאָר אויסקלייבען פאַר הערשער אין די שוהלען און תלמוד תורות מענשען מיט אמת און די גאָלד־זעק אַליין וועלען אויך זיין „אמת“...

„נח“, ווען ער איז אַריין אין קאַסטען און ער זעהט, אַז דער „מבול“ דערטרינקט די גאַנצע וועלט, האָט ער גענומען באַטראַכטען די „סיבה“ פון וואָס און צוליעב וואָס איז געקומען צו אַזאַ „מדרגה“. האָט ער זיך באַזונען, אַז נאָר דערפון, ווייל זיי איז געוועזען צו גוט. ווי „מדרשים„ שילדערען, ווי די ערד האָט אַרויסגעגעבען איהרע פּרוכטבאַרע גרינסען און פרוכטען, קאָרען און ווייץ, און זיי איז געוועזען צו גוט... און צוליעב דעם האָבען זיי געזינדיגט און ער האָט דערקלעהרט נאָך מעהר, אַז ווייל עס האָט צופיעל געבליאַסקעט די גאָלד, די דיימאַנדס, דאָס הייסט צופיעל „כבוד“, האָט מען געגעבען צו די גאָלדזעק אויף דער וועלט, אַז נאָר אַ סאָסייעטי פאַר „צדקה“, אַ גביר, אַ טריפה'נער ביין איז דער „מנהיג“. וואו נאָר אַ תלמוד תורה, אַ גביר, אַן אויסוואורף איז דער „מנהג“. דער „עגל הזהב“, און די פרומע אָרימע בעלי בתים האָבען קיין „דיעה“ ניט און זאָגאַר די פרומע גבירים הערט מען אויך ניט, און נאָר וואו די גאָלד און דיימאַנדס האָט געבליאַסקעט און וואו זיי שיינען, האָט קיין דעה ניט דער אמת, און דאָס איז אַ „סימן“, אַז עס איז און מוז זיין פינסטער, גאַנץ פינסטער, און פינסטער, הייסט נאַכט.

„נח בכניסתו אל התבה“, נח ווען ער איז אַריינגעגאַנגען אין

באקס, האט ער באטראכט פון וואס פאר א „סיבה" איז געקומען אזא קאטאסטראפע, האט ער ערפאהרען, אזוי ווי איך האב איצט געשריבען. ער האט אבער געוואלט אויך וויסען וואס עס וועט שפע־טער זיין, ווען עס וועט ווידער, נאכ'ן מבול געבויט ווערען די וועלט, מיט וואס זאל די וועלט קענען עקזיסטירען עס זאל ניט דארפען אונטערגעהן די וועלט מיט א „מבול", אדער — ווי יעצטיגען בלוט מבול פון דער גאנצער וועלט, האט ער געמאכט די פראבע „מכניס עמו אבנים טובות ומרגליות", האט ער מיט זיך מיטגעבראכט דיי־מאנטלעך, „בשעה שהיו כהות, היה יודע שהוא יום", אז ער האט בעטראכט, אז די דיימאנטלעך זיינען טונקעל, עס בליאסקען ניט די דיימאנטען אין מענשענ'ס אויגען, מען גיט ניט אוועק פאר דעם דעם גאנצען „יחוס", דעם גאנצען אידעאל, דעם „שבת", דעם „יום־טוב", די מענשעסקייט, און ביי אלע מענשען איז ניט דער יחסן נאר דער, וועלכער איז אנגעשטאפט מיט געלד, ניט זיי מאכט מען פאר „מנהיגים" איבער שוהלען און אלע הייליגע זאכען, נאר מען מאכט א ריכטיגען אידען, וואס „שבת" בליאסקעט ביי איהם מעהר ווי מיליאנען, געלד און דיימאנדס, — דאן ווייסט נח, אז עס איז טאג, עס וועט אימער זיין ליכטיג אויף דער וועלט.

„ובשעה שהיו מבהיקות, היה יודע שהוא לילה". און אין דער צייט, ווען דיימאנדס ווערען בליאסקען, דעם „ירא שמים" וועט מען ניט אכטען, נאר דעם „עגל הזהב", איהם וועט מען מאכען פאר דעם פרעזידענט, און דעם גאנצען כבוד וועט איהם געבען, דאן וועט די וועלט ניט קענען עקזיסטירען, און דאן ווערט נאכט, פינסטער אין שוהל, ווייל דער „ירבעם בן נבט" איז פרעזידענט. פינסטער איז דעם רב, פינסטער ווערט אין אלע שטעגעלעך. ודו"ק.

טייערע ברידער, פיליכט וועט ווער פרעגען: שטייטש, ווי מאכט דער מחבר אזא תכלית פון גבירים? דאכט זיך, אז די גמרא זאגט אין (ברכות ט"ז) אז רב האט געבעטען „חיים של עושר וכבוד" און אונזערע גרויסע מענשען האבען די תפילה אבגעשטעלט פאר אונז „בני הגולה„ מתפלל צו זיין „שבת מברכין החדש"? אויב יעמאנד וועט פרעגען, וועל איך איהם פרעגען אויך פון (מ"ס ברכות, דף ל"ב) „בשביל כסף וזהב שהשפעת להם עשו את העגל", נו, וואס וועט יענער מיר איצט פרעגען? און א בעסערען תירוץ וועל איך

איך זאָגען אויף רב'ס תפילה „חיים של עושר וכבוד". נאָר זאָלען מיר טאַקע באַטראַכטען אין די זעלבע „תפילה" אַ פּאָר ווערטער בעפאָר דעם געבעט „חיים של עושר וכבוד", וועלען מיר געפינען, אַז דאָרט איז פאַראַן עפּעס בעפאָר די „עושר וכבוד", אַ „חיים שתהא בהם" „יראת שמים ויראת חטא", און נאָך דעם „יראת שמים" בעטען מיר „חיים של עושר וכבוד" און נאָך די „עושר וכבוד" בעטען מיר „חיים שתהא בנו אהבת תורה ויראת שמים", אַט טאַקע אַזאַ „עושר וכבוד" אויף אונז געזאָגט געוואָרען און אויף אונזערע קינדער און קינד'ס קינדער, אַז בעפאָר די עושר וכבוד איז „יראת שמים" און נאָך „עושר וכבוד" איז ווידער אהבת תורה יראת שמים" איז גוט, זעהר גוט אַזאַ „עושר וכבוד" מיט „יראת שמים", און מיט „אהבת תורה". אַט דעם „עושר וכבוד" ווילען אָבער אַמעריקאַנער מעמבערס ניט מאַכען פאַר אַ פּרעזידענט אין שוהל און אין תלמוד תורה. זיי ווילען מאַכען בעסער אַזאַ „חיים"־ען פאַר פּרעזידענט, אַ „חיים" של „חילוץ עצמות" וואָס קען אַן אָרימאַן צוברעכען די ביי־נער און אַ רב אַרויסטרייבען פון שוהל, און אַ „דרשן", פאַרשליסען די שוהל שבת בעפאָר דעם „דרוש", און פאַליסלייט עפענען די שוהל, אַט אַ ז אַ דאַרפען אַמעריקאַ...

אַ „חכם" האָט געזאָגט, אַפילו דער גרעסטער נאַר ווייס וואָס עם באַדייטעט דער וואָרט רייך... אָבער ניט אַלע רייכע ווייסען וואָס ער בעדייטעט דער וואָרט אָרעם... און אַזעלכע גבירים האָט איך און פאָלגט מיך האָסט זיי אויך. זיי זיינען ניט ווערט, אַז מען זאָל זיי ליעבען, ווער רעדט נאָך, אַז מען זאָל אַזעלכע ברואים מאַ־כען פאַר עלטסטע און זיי זאָלען טרעטען אויף די אָרימע ליידענדע מענשען.. און נאָך דערצו צו הערשען אויף „תלמידי חכמים" — אין די אויגען פון קליינע נשמות ערשיינען אַלע מענשען ווי ווערים — קורץ! איך זאָג אייך נאָכאַמאָל, אַז הלוואי זאָל איך געשטראָפט ווערען מיט עטליכע צעהנדליגער טויזענט דאָלאַר, און הלואי יעדער אָרימאַן, נאָר די ביידע אינדזשענס וואָס דאַרפען שלעפּען אַזוי פיעל קאָרס מיט גאָלד און זילבער, דאָס הייסט דעם „חיים של עושר וכבוד", די אינדזשענס הייסען, די ביידע „יראת שמים" און „אהבת תורה ויראת שמים" גליקליך איז דער מיט זיין געלט... ער האָט די וועלט און יענע וועלט...

משלים, ציצים ופרחים

י.

זיי האלטען די שוהל פאר „קדשי קדשים"

דער רעפארם רב טהוט זיך אן ביי גאטעס דינסט אין א סארט „בגדים" להבדיל אלף הבדלות ווי דער כהן גדול, און אין אמת איז דאס פון „חוקות העמים", גלחים קליידער, און ער דענקט, ווען ער שטעהט מיט זיין פנים צום פאלק, אז ער איז טאקע דער „כהן גדול, „לכפר על עון העם"... און ווארום זאל ער טאקע אזוי ניט דענקען, אז זיינע מעמבערס האלטען די שוהל פאר קודש, דען זיי קומען איין מאהל א יאהר אין שוהל ווי דער כהן אין קדשי קדשים איין מאהל א יאהר.

יא.

א „חברה קדישא סעודה" מיט צוויי הונדערט יאהר בעפאר

4 היהנער — 14 קאפיקעס; 4 גענז — 4 קאפיקעס; 1 וואגען האלץ, 5 קאפיקעס; 1 אינדיג, 18 פונט, 16 קאפ.; 3 צעהנדליג אייער, 6 קאפ.; 1 בארעל ביער, 3 קאפ.; 10 קלענערע אינדיקעס, 90 קאפ.; 1 קאלב, 12 קאפ.; 1 שעפס, 7 קאפ.; 30 פונט „בשר", 27 קאפ.; 12 קווארט יי"ש, 26 קאפ.; 18 פונט שמאלץ, 9 קאפ.; די קעכין, 3 קאפ. — סך הכל 2 רובעל מיט 32 קאפיקעס. — געגעסען אויף דער סעודה 145 מענשען.

איינצוקאלעקטען דעם חוב האט מען געטעקסט די גאנצע שטע־טעל יעדען בעל הבית מיט א גראשען, וואס מוז אין א האלב יאהר באצאהלט ווערען.

יב.

עס העלפט ניט דער וועקען

ווער עס וויל ניט אויפשטעהען, דעם העלפט ניט דאס וועקען... דער וואס האט ניט קיין הארץ, דעם העלפט ניט דער „דרשן" מיט

זיין מוסר, אפילו ווען דער דרשן זאגט מיט הארץ. אי, איז דאך א „קשיא“? די חכמים זאגען דאך, אז „דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב“, איז דאך גאר א סימן, אז דער דרשן זאגט ניט מיט הארץ, ווארום ווען ער וואלט זאגען מיט הארץ מוז דאך אריינגעהן צום הארץ פון דעם הערער, און אז זיי ווערען ניט בעסער, איז דאך דאס ניט „דברים היוצאים מן הלב“? — ניין, מיינע טייערע, ווער עס וויל ניט אויפשטעהן, דעם העלפט ניט דער וועקען, און דער „דרשן“ איז ניט שולדיג ווארום ווען די „חכמים“ וואלטען געזאגט „דברים היוצאים מן הלב נכנסין אל הקיר“, די רייד וואס געהען ארויס פון טיעפען הארצען געהען אריין אין וואנט. וואלט טאקע דער דרשן שולד געהאט. עס איז ניט „דברים היוצאים מן הלב“, אבער אז זיי זאגען „נכנסין אל הלב“, געהען אריין אין הארץ, טא וואס זאל דער דרשן טהאן, אז דער הערער האט קיין הארץ. דארום זאגט „שלמה מלך ישראל“: „הביאה למוסר לבך“, ווען דו קומסט אין שוהל הער־רען דעם רב, ברענג מיט דיין הארץ און דער רב וועט רעדען צום פאלק. „דברים היוצאים מן הלב וועט זיין נכנסין אל הלב“.

יג.

צוברעכען די לוחות

אין יעדען דור צוברעכט דער „עגל הזהב“ די „לוחות“. אוי, דער איצטיגער „עגל הזהב“ (דער דאלאר) ער צוברעכט די לוחות אין גאנצען, אבער אין גאנצען, מיט די גאנצע תורה, כידוע.

יד.

דער „מגן דוד“

די היינטיגע [ציוניסטען, פרחי־ניסטען, וכדומה אלע גארנים־טען און רעפארמיסטען, וועלכע טראגען אויף זיך באטענס מיט'ן סימבאל „מגן דוד“ און די לעצטע, וועלכע לאזען מאכען אויף זייערע שוהלען און אין די שוהלען מגן דוד'ם — דענקען זיי געוויס, אז מעהר דארפען זיי ניט. ניט קיין תורה, ניט קיין עבודה, ניט קיין שבת — ניט קיין „טהרת המשפחה“ און אבסאלוט אין גאנצען קיין

פונק פון אידישקייט, אבי נאר א „מגן דוד". — ניין, ליבינקע. קליינינקע נשמה'לאך, פארפוילטע מוח'לאך. עס הויבט זיך גאר ניט אן. מילא פון אייער בר־מצוה אן האט איהר טאקע קיין תפלין ניט געלעגט און דעם „מפטיר", וואס מען האט אייך געגעבען צום בר־מצוה איז דער ערשטער און דער לעצטער „מפטיר". נאר ווייל איהר האט דאן גוט איינגעשטודירט, פיליכט געדענקט איהר נאך די „ברכות הפטורה", האט מיר קיין פאראיבעל ניט און זאלען מיר זיך דערמאנען די ברכות. איהר זייט דאך ציוניסטען, וועלען מיר אנפאנגען פון א ברכה מיט א געבעט צוזאמען נאר פון ציון... „רחם על ציון כי היא בית חיינו וג"ו ברוך אתה ד' משמח ציון בבניה" שמחנו וגו' באליהו הנביא וגו' (עפעס אליהו הנביא דארף מען ביי ציון...) „על כסאו לא ישב זר וכ"ו מגן דוד" — און ווי איהר פינדעשט „מגן דוד" פאנגט זיך אן „על התורה (דאס מוז זיין) ועל העבודה (דאוונען דארף מען. תפלין פיליכט דארף מען אויך.) „ועל יום השבת")דארף מען צום „מגן דוד". קורץ צום מגן דוד דארף מען תורה, עבודה און שבת קודש). רעפארמיסטען און ציר־ניסטען און אלע גארניסטען, עס קען ניט העלפען אייך מיליאנען „מגן דוד'ס" אויב עס איז אהן תורה, אהן עבודה, אהן שבת, א. אז. וו. עס וועט אייך גאר ניט העלפען, קיין פלעגס מיט מגן דוד'ס, און קיין באלפור מיט גאנץ ענגלאנד צוזאמען. אויב צום מגן דוד וועט ניט זיין תורה ועבודה, וג"ו

טו.

איבערגעיאגט דעם רב

ווען ר' אייזעלע חריף איז אלט געווען זעקס יאהר, איז זיין פאטער געגאנגען מיט איהם אין גאס. א רעכטע שטיק וועג פאר־אוים זיי איז געגאנגען דער רב פון שטאט. מיין קינד, אז דו וואלסט וועלען זיין א גוט קינד, און וועלען לערנען, וואלסטו מיט דער צייט קענען לערנען אזוי ווי דער רב.

— טאטע, זאגט אייזעלע, — איך וועל אין גיכען און אפשר באלד נאך איבעריאגען דעם רב. געה שוין, געה שוין, מיין קינד, ווער ווייסט?

— טאַטע, אויב דו ווילסט זעהן, וועל איך דיר גלייך ווייזען.
מיט די רייד האָט ער זיין הענטעל ארויסגעריסען פון זיין פאַטערס האנט און האָט אַנגעפאַנגען לויפען און איז פאַרביי געלאָפען דעם רב, דאַן איז ער צוריק געלאָפען צום פאָטער, — נו, וואָס זאָגסטו טאַטע, האָב איך דען ניט איבערגעיאָגט דעם רב... (און ער האָט טאַקע שפּעטער איבערגעיאָגט דעם רב אויף אַן אמת, אין תורה טאַקע).
אָי, די היינטיגע לויפערס יאָגען טאַקי איבער דעם „רב". זיי געהען איהם פאַראויס... און אָפטמאָל יאָגען זיי איהם אין גאַנצען ארויס.

טז.

דער באַנק-בוך

ביי פיעלע איז ניטאָ קיין אינטערעסאַנטערעס בוך אויף דער וועלט ווי דער באַנק בוך. וואָס גרעבער, וואָס מעהר עס ווערט אָנגעשריבען אין דעם באַנק בוך, אַזוי פיעל וויכטיגער ווערטה האָבען ביי איהם אַנדערע ביכער, אפילו דער בוך, דער הייליגער „תורת משה"... איז ניט גלייך צום באַנק בוך.

יח.

„כבוד אב"

ווען דער טאַטע פאַרהוסט זיך זעהר שטאַרק און ער זאָגט הוסטענדיג „מה כוחינו" מה־מה־מה גבור־ר־תי־נו" — זאָגט דער זוהן שטילערהייט „מה יפה ירושתינו".

יז.

דער קאַרגער גביר

א קאַרגער גביר, וועלכער האָט אין זיין לעבען ניט געגעבען פאַר קיין „דבר שבצדקה", איז ער אמאָהל שטאַרק קראַנק געוואָרען. ביי אַלע דאָקטוירים איז אַ גרויסער קלער געוועזען אויב ער

וועט שוין אויפשטעהן פון זיין בעט. די פאמיליע האט גערופען מאכען א קאנסולע פון דריי פון די גרעסטע פראפעסארען. נאך א לאנגער בעראטונג האבען זיי דער פאמיליע געגעבען זייער ערקלע־רונג. אז היינטיגען טאג הענגט אפ דער לעבען און טויט. ביז זעקס פארנאכט, אז ער וועט שוויצען וועט ער געזונט ווערען, אויב ניט, וועט ער ארום זיבען, א שטונדע שפעטער שטארבען. זעהט, בעט ביי גאט, טהוט אלע מיטלען איצט וואס איהר קענט.

דאן האבען זיינע פריינד אנגעהויבען איינצוטענה'ען ער זאל טרייען מיט אידישע מיטלען. געבען „צדקה", און צדקה איז דאך „תציל ממות". די פאמיליע האט געשיקט רופען דעם רב מיט זיינע „דיינים" און זיי האבען מיט איהם איינגעטענה'עט ער זאל געבען עפעס א „דבר גדול" פאר דער שטאט. און פון דעם „זכות" וועט ער בלייבען לעבען. קיין גרויסע זאך האבען זיי ביי איהם בשום אופן ניט געקענט קריגען, נאר א גאנץ קליינע הייזקע אין ווערטה פון דריי הונדערט טאלער, האט ער געהייסען שרייבען אין צוואה, אז ער גיט עס אוועק צו דער שטאט צו בויען א נייע „מקוה" אויף דעם פלאץ... דאס האט גענומען עטליכע שטונדען ביז ער האט אויף דעם איינגעוויליגט.

דער שרייבער האט גענומען שרייבען, אזוי ווי דער און דער גיט אפ זיין הייזקע, די און די... צום „קהל". און דער שרייבער האלט אין שרייבען „פאר דעם צוועק", פלוצלונג האט דער קראנ־קער א געשריי געטהאן: „האלט, שרייבט ניט, איך האב חרטה, שרייבט ניט, איך שוויץ שוין, איך שוויץ שוין, איך גיב ניט, איך דארף שוין ניט דעם מיטעל אייערען"...

יט.

דער צובראכענער גאטט

א איד, וועלכער האט געהאלטען לאנד, מיט א קרעטשמע פון א פריץ. געמאכט האט ער א גאנץ ארימען לעבען. אויף אפצושפארען א טאלער האט ער קיינמאל ניט געקענט. איין מאהל אין מיטען נאכט, האט מען שטארק אנגעקלאפט אין טהיר, ער האט זיך דער־שראקען און עס איז אריינגעגאנגען דער „גלח" פון יענעם געגענד.

ער האָט איהם באַרוהיגט מיט די ווערטער: שרעק דיך ניט, מאַך דעם סאַמאָוואַר און אַ גוטע וועטשערע. איך בין פאַרפרוירען און הונגעריג. הער, מאַך פון דאָס בעסטע פאַר מיר מיט מיינע מענשען.

געמאַכט אַלעס און דערלאַנגט „ביראת הכבוד". ער האָט איהם מיט אַלעם צופרידענגעשטעלט. אין דער פריה, נאָך ברעקפּעסט, רופט ער צו דעם „בעל הבית". נו, מאָשקע, איך בין פון דיר העכסט צופרידען. איצט זאָג מיר, וויפיעל קומט דיר?

מיר קומט גאָר ניט ביי מיר איז דאָס דער גרעסטער „כבוד", וואָס איך האָב דיר געקענט באַדיענען און צופרידען שטעלען... דער גלח האָט זיך זעהר פיעל געבעטען ער זאָל נעהמען געצאָהלט, אָבער ער וויל ניט, און אַזוי איז עס געבליבען. דער גלח איז אַוועק־געפאָהרען.

דער איד זאָגט צו זיין פרוי: איך האָב איבערגעלעבט טויט־שרעק. אַ קלייניגקייט, דער גלח, דער שונא ישראל. איך האָב נאָר געמיינט, אַז ער זוכט עפּעס אַ בלבול אויף אונז... דו האָסט גוט געטהאָן; וואָס דו האָסט פון דעם „צורר היהודים" ניט גענומען קיין געלט, זאָגט זיין פרוי.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז די פרוי אַריין אין דעם חדר, וואו דער גלח האָט געשלאָפען איהם אויפצוראַמען. ווי איבעררראַשט און דערשראָקען איז זי געוואָרען, ווען זי האָט געפונען אונטער דער שטרוי פון בעט אַ גאָלדענעם געטעל... זי האָט זיך צושריען און צואויינט. אָט דאָס האָט ער געמיינט, דער „צורר היהודים" אונז אונטערצוואַרפען.

— ניין, זאָגט איהר מאַן, עס קען ניט זיין, ווייל עס איז שוין פאַראיבער אַ גאַנצע וואָך פון דער צייט, וואָס דער „צורר" דער גלח האָט דאָ געשלאָפען. דאָס איז אַ באַווייז, אַז ער מיינט גאָר קיין שלעכטס צו טהאָן, נאָר ער האָט פאַרגעסען, אָדער ער ווייסט ניט וואו ער האָט דעם געטעל געלאָזען. זאָלען מיר שווייגען, און שאַ.

עס איז אַוועק אַ האַלב יאָהר פון דער געשיכטע, האָט דער איד דעם געטעל צובראָכען, אַראָפּגעבראָכען דעם קאָפּ, די הענטעלעך און פיסעלעך, אַוועק אין אַ גרויסע שטאָט און פאַרקויפט פאַר אַכט טויזענט טאַלער. געקומען צוריק און האָט זיך אויפגעבויט אַ שעהנע

גרויסע הויז פאר דעם געלט. פארצייטען האט מען געקענט א האל־בע שטאט בויען.

אין א פאר יאהר צייט איז גראדע דער גלח פארבייגעפאהרען דעם פלאץ, פרעגט ער זיך נאך וואו וואוינט דא דער איד, ווייל ער האט דעם פלאץ ניט דערקענט. זאגען איהם די פארבייגעהער, עס איז שוין א פאר יאהר ווי ער איז געווארען זעהר רייך. ער האט זיך אויפגעבויט די נייע הויז און דא וואוינט ער.

דער גלח איז אריין אין הויז. דער איד האט איהם אויפגענו־מען זעהר שעהן. דער גלח פרעגט איהם: ווי געהט עס דיר מאשקע? עפעס זעה איך, אז דו ביסט רייך געווארען מאשקע... יא, ענט־פערט דער איד, גאט האט מיר געהאלפען.

פרעגט איהם דער גלח, זאג מיר דעם אמת, וועלכער גאט האט דיר געהאלפען, מיינער, צו דיינער? ענטפערט דער איד, וואס הייסט, מיין גאט האט מיר געהאלפען. צולאכט זיך דער גלח און זאגט צו איהם: מיין פריינד, דו דינסט שוין דיין גאט אריבער פופציג יאהר און דו ביסט געווען א שלעפער און זינט איך האב איבערגעלאזען מיין גאט ביי דיר ביזטו רייך געווארען... איך מיין גיט קיין שלעכטעס, זאל דיר גאט העלפען, האב גאר קיין מורא ניט, איך האב איהם איבערגעלאזען ביי דיר, אז ער זאל דיר העלפען.

הער זיך איין גלח! דער אמת איז, אז דיין גאט האט מיר גע־האלפען, נאר דיין גאט העלפט, אז מען צוברעכט איהם, אבער ניט גאנצערהייט, אבער אונזער גאט העלפט, אז מען דינט איהם מיט דעם גאנצען הארצען, און מען צוברעכט ניט זיין „תורה" און „אמונה". (דעם נמשל אליין צו פארשטעהן ווי צו נוצען).

די בימה

גאַנצע רעדעס אויף יעדען שבת

פון יעדער פרשה, פונקט ווי עס איז גערעדט
געוואָרען פון דעם מחבר אַליין, מאמרים,
משלים, אַפילו די „שיחת חולין“.

יעדער ספר — אַ רעדע

נאָך דעם דרוש קומען משלים, ציצים ופרחים

פון דעם מחבר הרב הדרשן והמטיף המפורסם

יהודה ליב לאַזעראָוו

מחבר פון דברי יהודה, דגל יהודה, קול יהודה,
מטה יהודה, בית יהודה, אידישען רעדנער, ועוד.

חוברת ג׳

RABBI L. LAZEROW

1541—78th Street, Brooklyn, N. Y.

ניו־יורק — תרפ״ד

לעוואַנט פרעס
479
138 2־טע כט., נ. י.

לך לך

„ויאמר ה׳ אל אברם לך לך, רבי ברכיה פתח לרוח שמניך טובים שמן תורק שמך וגו׳ למה היה אברהם אבינו דומה לצלוחית של אפולסימון מוקפת צמיד פתיל ומונחת בזוית ולא היה ריחו נודף, כך אמר הקב״ה לאברהם אבינו טלטל עצמך ממקום למקום ושמך מתגדל בעולם״. (מדרש)

טייערע הערער, דעם „מדרש" וועלכען איך האב אוועקגעשטעלט דא, ער רעדט פאר זיך אליין. עס איז ניט נויטיג צו זוכען אויף אים „באורים", און איך וועל טאקע מעהר ניט, ווי אויף א קינסט־ליכען אופן איהם דייטליך ערקלערען, דעם „פשט" מעהר ניט, און יעדער וועט צוגעבען, אז עס איז קינסטליך געשילדערט.

יונה הנביא! זיין פאסירונג און די פאסירונג פון עם ישראל זיינען אין אלע הינזיכטען גלייך. יעדער „פרט", איינצעלנער „פסוק", איז יעדער איינצעלנער איד. דער גאנצער „ספר יונה", דער גאנ־צער „כלל ישראל". יונה מוז געהן אין ננוה „מוסר" זאגען. דער איד מוז וואנדערען די וועלט מוסר זאגען, בילדען די וועלט, זיי זאלען גלויבען אין „אחדות הבורא", זיי זאלען ניט גלויבען אין א שטיין, און ביין און צו די „צבא השמים".

יונה וויל ניט געהן... ישראל וויל אויך ניט געהן. „ישראל" וויל זיצען אויף זיין פלאץ און וויל ניט זיין דער „רבי" פון דער גאנצער מענשהייט. „יונה" וויל ניט געהן און מוז... ניט ווילענדיג געהן. „ישראל" וויל אויך ניט געהן, אבער ער געהט, ווייל „השם יתברך" הייסט... ישראל דאס זעלבע... יונה אנטלויפט פון גאט. ישראל, אויסוואנדערענדיג אנטלויפט אויך פון גאט ב״ה, צייטענ־דיג... השי״ת שיקט אויף ישראל אן „מלכים ושרים" אנטיסעמיטען און גאר הוליגאנעס, קאצאפעס, פוילען, און זיי גיבען קלעפ, וואנ־דערט דאן אויס ישראל און קומט אין אזא לאנד, וואו ער פאר־שטעהט ניט זייער שפראך.

„יונה“, אז ער האָט שוין געקויפט דעם טיקעט, ניט „חס ושלום“ צווייטער קלאַס, נאָר „בירכתי הספינה“, דריטער קלאַס, אינסייד וואו ס'איז פינסטער, חשך, נאַס און גליטשיג, און דאָרט גופא ליגט ער אין שרעק. ער דענקט מען יאָגט איהם, דאָס גלייכען „ישראל“, פאַרקויפט די בעבעבעס אלע זיינע, און האָט שוין א טיקעט דריטען קלאַס „בירכתי הספינה“ און איהם דוכט זיך נאָך, אפילו שוין זייענדיג אין מיטען דער רייזע, אז מען יאָגט איהם און אין טויט שרעק, פיליייכט, שיקט מען איהם צוריק.

דער שטורעם ווערט גרויס. „יונה“ איז בירכתי הספינה“, יונה שלאָפט, דער קעפטען ווארפט „גורל“, עס פאַלט אויף יונה, אז ער איז שולדיג, צוליעב איהם איז דער שטורעם. מען ווארפט יונה'ן אין וואַסער אריין. ישראל, דאָס גלייכען. דער שטורעם אויף דער וועלט ווערט גרויס, די בלוטיגע גרויסע פינסטערע מלחמה, די שיפעלע פון דער וועלט האַלט ביים אונטערגעהן. ישראל שלאָפט נאָך, יעדעם לאַנד ווארפט גורל, צוליעב וועמען איז די בלוטיגע מלחמה... „ויפול הגורל על יונה“, עס פאַלט אויף דער טייבעלע, „כנסת ישראל“, „יונתי תמתי“, זי איז שולדיג אין די בלוט מלחמה — דער דייטש שלאָגט דעם אידען, ער זאָגט ער איז א שפּיאָן... דער רוס זאָגט, ווייל ער האַלט מיט דייטשען. פּוילען זאָגט, ווייל ער איז א באָלשעוויק. די באָלשעוויקעס האָבען „סתם“ פיינט א אידען. דאָרט איז נאָך א „צרה“, דער אידישער באָלשעוויק איז רודף זיין ברודער דעם אידען, ווייל ער איז פרום, אלע ווארפען די שולד אויף ישראל'ן.

בעטראַכט אליין דעם גאַנצען ספר יונה, וועט איהר זעהן, אז דער איד איז גלייך אין פרט און אין כלל צו יונה. יונה געהט אין ננוה, אויסגעבילדעט ננוה, זי ווערט פיין און שעהן. יונה האָט קיין אָרט, ער מאַכט זיך א ביידעל אויסער דער שטאָט, אפילו דאָרט ווערט זיין וואוינונג צוגריזשעט פון א וואָרים. ער מוז פון דאָרט אוועק. דער איד בילדעט די וועלט אין גאָטהייט, אין בילדונג, אין ביזנעס, מאַכט רייך די וועלט און נאָכהער מוז ער אויסוואַנדערען. פאַר איהם איז קיין פּלאַץ... און אז ישראל קריגט שוין א פּלאַץ ערגעץ וואו אויסער דער שטאָט, קומען ווערים, אנטיסעמיטען, און העצען, און טאַצען, ישראל מוז וואַנדערען ווייטער, ישראל

מוז נעהמען זיין וואנדער שטאק אין האנט און ווייטער לערנען די „סדרה" לך־לך, וועלכע זייער גרינדער אברהם האט אנגעפאנגען מיט געגויע פיער טויזענט יאהר צוריק. פאר אלעם גוטעס, וואס ער טהוט אויף פאר זיי, גיט מען איהם ניט קיין זיכערע היים... איך האב מורא ארויסצוזאגען פון מיין מויל, אז איך צווייפעל אין דער דעקלאראציע פון באלפור — עפעס... איך ווייס... איך שריי העכער... איך צווייפעל, איך צווייפעל אין גאנצען...

און גאט ב"ה אליין ליעבט אזוי שטארק ישראל, אז ער בארימט זיך מיט זיי. אלס ביישפיעל („משל") וועל איך ברענגען אייניגע „מאמרי חז"ל", „בשבחייהו של ישראל" כסדר ווי אין ש"ס „בבלי וירושלמי" (ירושלמי הרואה) „קוב"ה קורא לישראל קרובים", דער בעשעפער פון דער גאנצער וועלט רופט דעם עם ישראל קרובים, איז דאך א פראגע ווארום לאזט ער אונז, אזוי פיעל צרות אנטהאן? (שבת, כ"ב) „עדות הוא שהשכינה שורה בישראל" די שכינה רוהט נאר אויף דעם עם ישראל, היינט, אז די שכינה רוהט ביי אונז, ווי אזוי קענען די אומות אונז שלעכטעס טהאן? (שבת ל"א) „מתוך אהבה קרא להם בני בכורי ישראל" (שבת ס"ז) „ישראל בני מלכים" עס קען זיין דארום רופט מען אונז בני מלכים, אזוי ווי די מלכי העמים, האבען מורא ארויסגעהן אליין אין סטריט, אזוי טאקע מיר. (עירובן מ"ג) „כיון דאתי משיחא הכל עבדים לישראל" (יומא ל"ט) „התורה חסה על ממונם של ישראל". און יעצט וואס דער איך פארמאגט נעהמט מען צו פון איהם! (תענית ג') „כשם שאי אפשר לעולם בלא רוחות כך אי אפשר לעולם בלא ישראל". (מגילה כ"ט) „חביבין ישראל כל מקום שגלו שכינה עמהם".

מיינע פריינדע, איך האב געבראכט די „מאמרים" אום צו וויי־זען ווי ליעב ישראל איז, ווי טייער ישראל איז, ווי גרויס ישראל איז, און אלעם ענדע, ווי נידריג ישראל איז? ווי נידערשלאגען ישראל איז? ווי היימלאז ישראל איז. אום אייך צו ענטפערען בעפאר מיר קומען צו אונזער דרוש, וועלען מיר ברענגען א מאמר חז"ל אין (מנחות נ"ג) „ישראל אין חוזרין למוטב" „אלא על ידי יסורים" — אידען וועלען קיין תשובה טהאן נאר סיידען דורך יסורים. דא האט איהר איין כלל מאמר, אלס אנטווארט אויף די פריהערדיגע מאמרים, אבער פילייכט פרעגט איהר טאקע, וואס

זיינען נעבעך שולדיג די פרומע אידען? וועט אייך אנטוואָרטען אויף דעם נאָך אַ מאמר („מכלתא יתרו") „ישראל אחד חוטא וכולם נענשים", איין איד זינדיגט און אַלע ווערען געשטראָפט. איצט קען מען פאַרשטעהן, אַז עס קען זיין, אַז אין אַמעריקא זינדיגט מען און אין פוילען שלאָגט מען. („שכחת הלקט בשם תיקונין") האָב איך געזעהען בזה הלשון „ישראל אינון פתילה", „אורייתא משחא", „שכינתא שרגא", די תורה איז די אָיל, די אידען דער קנייטעל, גאָט די ליכט, און אַז אידעלעך די „פתילתא" לערנען ניט די תורה, איז דאָך אָיל ניטאָ, ברענט ניט דער קנייטעל ישראל, לייכט ניט פאַר אונז די שכינה, און די שכינה געהט פון אונז אַוועק.

אַמעריקאַנער יודענטהום איז געזונקען „עד שאול תחתיה". שבת — תפילין — ציצית — טהרת המשפחה — איז דאָך כמעט אין גאַנצען ניטאָ. דער גליק איז נאָך, מיט פיעלע פרויען אונזערע וואָס האַלטען נאָך „כשרות", כלומרשט אַ כשרה אידישע הויז. נאָר אַ סך זיינען דאָ אַזעלכע פרויען, וואָס נעהמען כשרה פלייש ביי אַ כשר'ן בוטשער און היטען ניט ריכטיג, מילכיגע און פליישיגע. פיעלע זיינען דאָ וואָס נעהמען פלייש ביי אַ קריסטליכען בוטשער און קומען אַהיים און כשר'ען די פלייש מיט זאַלציען און ווייקען, נאָר אויך אַ סך זיינען דאָ, וואָס היטען כשרות אין גאַנצען. די פרוי באַזינגט זיך דאָך צו ברענגען איהר קדיש זאָגער אין חדר זאָגאַר אויפן ניינטען יאָהר און רעדט אוים מיט'ן טיטשער, אַז זי וויל ניט ער זאָל חס ושלום זיין אַ רב! דאָס מיינט זי אויך ניט קיין דיין, נאָר עברי זאָל ער קענען און גענוג.

איך האָב געהערט ווי אַ פרוי האָט מוסר געזאָגט איהר מאַן, ווארום ער לעגט ניט קיין „תפלין" — זאָגט ער צו איהר, נו, איז דיר גוט, אַז דו ביסט פרום. זעהסט דאָך, אַז איך לעב אויך, נאָך אַלע עבירות טהוענדיג. האָט זי איהם געענטפערט: דו האָסט גליק וואָס איך בין פרום, לעבסטו פון מיינע „מעשים טובים".

— יאָ! ענטפערט ער. עס קען זיין, אַז איך לעב צוליעב דיינע מעשים טובים. דערפאַר וויים איך אויף געווים, אַז דו לעבסט פון מיינע „מעשים רעים" (אַזוי דענקט ער, אַז ער וואָלט גאָר ניט געאַרבייט אום שבת, וואָלט ער ניט געהאַט פון וואַנעז צו לעבען. עס איז דום געמיינט, זעהען מיר דען ניט אַ סך „מחללי שבת"

געהען אוים פון הונגער און פארקעהרט זעהען מיר דען ניט...).

פריינדע, איך מוז אייך נאך אמאהל און א סך מאהל זאגען, אז אין דעם אונטערגאנג פון יודענטהום, קענען מיר נאר באשול־דיגען אונזערע „מנהיגים".

קענט איהר לייקענען, אז דער פרעזידענט פון אייער שוהל איז א גוי גמור, א מחלל שבת בהפרסיא, און אפטמאהל א ירבעם בן נבט... דאס זעלבע די מנהלי הת"ת. היינט! אז אזעלכע חברה זיינען די פיהרער, טא וואס ווילט איהר, אז זיי זאלען אייך איינ־פיהרען אידישקייט?... אדער זיי זאלען אייך פיהרען אין ארץ ישראל... ניין, ניין, טויזענט מאהל ניין, גיכער וועלען זיי אייך פיהרען אין „מצרים".

אנטקעגען די פיהרער פון היינטיגע צייטען וועל איך ברענגען א שעהנעם „משל", אויך אן אמת'ע געשיכטע. דער ווילנער „גאון", ווען ער האט „גלות" אפגעריכט, איז ער אמאהל געגאנגען צופוס איינגעבויגען אין דרייען טראגענדיג אויף זיך א גרויסען פאק... אין דער זעלבער צייט איז פארבייגעפאהרען א „בעל עגלה" פון דער שטעטעל טאקע מיט א גרויסער פוהר, מיט א גרויסער בויד. איהם האט געכאפט א „רחמנות". א איד געהט נעבעך מיט א פאק צו פוס, האט ער איהם ארויפגענומען אויף דעם וואגען. ווען דער „גאון" איז שוין געזעסען א שטונדע צייט אויף דעם וואגען, זאגט דער „בעל עגלה" צו איהם: ר' „קרוב", זעצט אייך דא אויף דעם פלאץ וואו איך זיץ און נעהמט די לייצעס אין האנט, איך וויל אריין אין בויד זיך צולעגען א ביסעל, ווייל איך האב א גאנצע נאכט ניט געשלאפען. די פערד מיינע ווייסען אליין דעם וועג, און וואו צו געהן. אפילו אין שטעדטעל וואו זיך אבצושטעלען. איהר דארפט נאר די לייצעס האלטען.

דער גאון האט געטהאן ווי ער האט פארלאנגט און ער, דער בעל עגלה האט זיך שלאפען געלעגט אין בויד, און באלד איינגע־שלאפען. אין א פאר שטונדען צייט, די פערדלעך זיינען אריין אין שטאט און זיך אפגעשטעלט ביי דעם ריכטיגען פלאץ אין שטע־טעל, איז מען איצט געגאנגען צום צווייטען „מנין" אין „בית־המדרש" אריין. איינער, פארבייגעהענדיג דעם וואגען מיט'ן בויד, האט דערזעהען דעם אנטרייבער. ער איז גראדע א ווילנער געווען,

האָט ער דערקענט דעם גאון. ער איז געוואָרען אַ צוציטערטער פאַר שרעק זעהענדיג דעם גאון אַלס בעל עגלה. ער איז קוים מיט'ן לעבען אַריין אין "בית־המדרש" און האָט אויסגעשריען: „רבותי! רבותי!" משיח איז דאָ אין שטעטעל. איך האָב אַליין געזעהען. אַלע אַנוועזענדע, הערענדיג זיין געשריי ווי ניט מיט אַ געוועהנליכער שטימע און זיי קענען דעם מענשען פאַר אַן „איש אמת", האָבען זיי איהם אַנגעהויבען זאָגען, בּאַרוהיגט אייך, ר' דוד, פון וואַנען נעמט איהר זיך, אַז אין שטעדטעל איז דאָ „משיח"? וואָס פרעגט איהר קשיות, לאָזט מיר צו צום רב, גזלנים, וואָס שווייגט איהר? קומט נעהמט דעם רב, זאָלען מיר אַרויסגעהן „מקבל פנים" זיין „משיח צדקנו".

דער רב איז צוגעלאָפען שרייענדיג, וואָס מאַכט איהר טומעל אין מיטען דאַווענען. „רבי", „רבי", געוואַלד „רבי", וואָס שטעהט איהר. קומט „משיח" איז דאָ אין שטעדטעל. וואָס שרייט איהר, ר' דוד, וואָס ווילט איהר, ר' דוד, וואָס מאַכט איהר חוזק פון אונז? — רבי איך זאָג קיין ליגען. איהר ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ ווילנער און איך קען דעם ווילנער גאון גוט, איך זעה אַ פור מיט אַ בויד פאָהרט צו צו סענדער'ס קראָם און איך זעה, אַז דער ווילנער גאון האַלט די לייצעס און ער איז דער „בעל עגלה". זאָגט מיר רבי, איז ניט אין בויד „משיח"? קיין גרעסערע פאַר דעם גאון איז אויף דער וועלט ניטאָ, און ער איז דער בעל עגלה... דער רב און ר' דוד און אַלע בעלי הבתים פון שטעדטעל זיינען אַרויסגעלאָפען אין מאַרק. דער רב האָט טאַקע דערקענט דעם גאון. איז ער מיט די „חשובי הקהל" צוגעגאַנגען צום גאון און ער איז נאָך געזעסען און געהאַלטען די לייצעס.

דער רבי מיט די „חשובי הקהל" האָבען אויסגעשריען: „רבי, רבינו אליהו" גיט אונז אַרויס משיח צדקנו". רבי, האָט רחמנות אויף אונז. קוים וואָס מיר האָבען דערלעבט און דער „זכות" פון אונזער שטעדטעל, אַז ער איז געקומען צום ערשטען. דער גאון בעט זיך רחמים, וואָס ווילט איהר אידען? ווי קום איך צו משיח? רבי, זאָגט דער רב, אַז איהר ווילנער גאון, רבינו „אליהו", זייט דער בעל עגלה, איז אין בויד „משיח". אויב אַזוי זאָגט דער גאון עפענט דעם בויד און נעהמט איהם אַרויס. מען האָט אַן עפען געטהאָן און מען

האט איהם ארויסגעשלעפּט, אָבער וועמען? ניט משיח — נאָר בערעל בעל עגלה, דעם וועלכען זיי קענען גוט...

„רבותי", אז מיר פלעגען אריין אין א „בית־המדרש", אָדער אין שוהל אין א רוסישע שטעדטעל, אָדער שטאָדט, און מיר האָבען דערזעהען דעם „ראש הקהל", דעם „גבאי", דער „צדיק", דער „מופלג", דער „יחסן", דער „בעל מדות טובות", דעם „איש אמת", און סתם דעם שעהנעם בעל הבית, אַן עהרען פורכט איז אַרויף אויף אונז, זיך לערנענדיג אַ „קל וחומר", אַז דער מנהיג, דער גבאי, איז אַזוי, טאַ ווי איז שוין דער „ראש ישיבה", דער „דיין", דער „רב".

אָבער היינט, אַז מיר גיבען אַ בליק, אַז כאַצקיל לאַטוטניק, פון באָד געסעל, איז דאָ געוואָרען אַן אַלרייטניק און ער איז יעצט אַ „ירבעם בן נבט", אַן אויסוואורף און ער איז דער „מנהיג העדה", יעצט קענט איהר פאַרשטעהן וואָס פאַר אַן איבערקערעניש אין דער שוהל איז. אַ ווערדע עס האָט דאָרט דער רב, און אַלע „בני תורה", דערפאַר האָבען מיר אַזאַ פּנים, אַזאַ אויסזעהן, דערפאַר בלאָנדזשען מיר אַרום אַזוי ווי די פאַרלאָרענע שעפּעלעך אין אַלע לענדער צווישען די צוקענדע וואַלד חיות, אין מענשען געשטאַלט, און אויך דאָ אין אַמעריקאַ, צווישען בילענדע כלבים (אַנטיסעמי־טען), וואָס די לעצטע צייט האָבען אָנגעפאַנגען בילען אויף אונז, מיט אַזאַ בילען וואָס עס פאַרשרייט די גאַנצע מענשהייט און עס רוישט און טומעלט און קלינגט אין די אויערען, און דאָס איז, ווייל „יונה", דער איד, אַנטלויפט פון גאָטעס „שליחות" אויסצובעסערען די וועלט.

דער איד איז דער „מלמד" פון דער וועלט. דער איד איז גע־שיקט אין גאָטעס „שליחות" צו געבען לעסאָנס די גאַנצע מענשהייט, און וואו דער איד איז דורכגעגאַנגען, דער איד דער מלמד, האָט די מענשהייט פּראָגרעסירט. זיי גלויבען שוין כמעט דריי טהייל וועלט אין „אחדות הבורא" און וואו דער איד איז אין אַ גרויסער צאָהל ניט געווען, דאָס איז נאָך געבליבען דער אַלטערטהום „עבודה זרה" און זיינען נאָך ניט ציוויליזירט. דאָס איז די אינדיאַ־נער, יאַפּאַן, מעקסיקאַ, אַפריקאַ, און אַ סך אַנדערע געגענדען. יעצט איז שוין דער מלמד אַליין, ישראל אַליין, אַראָפּ פון וועג, אַראָפּ־געוואָרפען זיין טראַדיציאָן, זיין רעליגיאָן, זיינע הייליגסטע, שבת,

תפלין „טהרת המשפחה". קורץ ישראל טהוט ניט מעהר זיינע שליחות, אוים מלמד געוואָרען. דארף דאָך אָבער דער רבש"ע אַ מלמד האָבען, שיקט ער אויף איהם אַן „כלבים", „חיות רעות", און זיי דערמאָנען איהם און שרייען צו איהם: דו ווייסט, „ישראל", אַז אויף אַלע צרות פון דער וועלט ביזטו שולדיג — „אין פורעניות באה לעולם אלא בשביל ישראל" (יבמות ס"ג).

„יונה" וואַרפט מען אין ים, זאָגענדיג אַלס אויסרייד, אַז צוליעב איהם שטורעמט דער ים. עס רוישען די כוואַליעס, עס וויל איינ־שלינגען די שיף. די „וועלט־מלחמה" איז אין דעם שולדיג ישראל — און דאָס איז דערפאַר וואָס ישראל אַנטלויפט פון גאָט, ב"ה — דאָ אין אַמעריקאַ, וואו דער בעסטער פּלאַץ איז געווען איבערצור־געבען די שליחות הבורא... דאָ אין אַזאַ פריש לאַנד, וואו עס איז ערלויבט אַלעם וועגען רעליגיאָן, בויען שוהלען, תלמוד תורות, ישיבות, — וויל ניט ישראל, טאָ נאָ דיר ישראל אַנטיסעמיטיזמוס, מוזען זיי דערמאָנען ישראל'ן זיין שליחות.

איך מוז נאָך אַ מאָהל באַמערקען, אַז דער אונטערגאַנג פון אי־דישקייט איז נאָר צוליעב די „הפקרות" אין די שוהלען, און פאַר וואָס איז פאַראַן אַזאַ הפקרות אין די שוהלען? איז נאָר צוליעב די בעאַמטע, פון די שוהלען „שומי שמים". עס איז גאָר אַ שאַנדע צו שרייבען, עס איז פיליכט בעסער צו שווייגען ווי צו רעדען. עס הייסט זיך שפּייען אַליין אין פּנים. אַז מען וואָלט דעם פּנים כאָטש געקענט אָפּווישען, ד. ה. עס וואָלט כאָטש געהאָלפען. עס הערשט אין די שוהלען „הפקרות", ביזנעס, און „כבוד המדומה" און ווייטער גאָר ניט. דעם טראַסטי פּייוועקע אַקס, דעם דאָרפס שניידער פון דער היים עפּעס פאַרטשעפּען, דאַן געהט ער שוין און מאַכט אַ נייע „חברה", און בויט אַ שוהל וואו עס איז אויף אַ פלאָר, אונטער אַ סטייבעל, איבער דעם אַ שאָפּ, איבער'ן שאָפּ אַ קאָרטען פאַר־לאָר, מיט אַ „בית ועד לזנות"... ער קלייבט שוין אוים פון זיין אַלטער שוהל אַ מנין! אַ "עזות פּנים" פאַר דעם פּרעזידענט און עזי פּנים פאַר וויים־פּרעזידענט, אַן „אדם רע" פוירסט טראַסטי. „חבר רע" סעקאָנד טראַסטי, און „שכן רע" דריטער טראַסטי.

אַ „פגע רע" אַ מעמבער, „שטן המשחית" אַ שמש, „מדין קשה" פּראָטאָקאָל סעקרעטער, „ומבעל דין קשה" פינאַנס סעקרעטער —

„בין שהוא בן ברית" סיי ער איז א איד, „ובין שאינו בן ברית" ער מעג אפילו זיין א גוי — און די גאנצע אמעריקאנער אידישקייט, איז יאהר צייט, הזכרה, אבלים, און חזנים, טריפה'נע ביינער, אט דאס אלעס. „יונה" אנטלויפט, „יונה־ישראל" האט אויפגעהערט די שליחות הבורא, אויסצופאלגען דארום האט ער געגוג רדיפות, צרות, פאגראמען, אויסוואנדערונג, א. ד. גל.

מיינע טייערע, ווען איך רייד, וועגען די שוהלען, און די בעט־אמטע, זאגט איהר געווים, איז דען מעגליך אז אללע זיינען אזוי? איך גיב אייך צו אז ניט אללע זיינען אזוי שווארץ פארביג... ניין! איך ווייס אז עס זיינען דא פרעזידענטען פון שוהלען, און בעאמטע, זייער ערליכע אידען. איך גיב אויך צו, אז עס איז דא „חזנים" „יראים ושלמים", ערליכע און פרומע אידען, וועלכע זיינען „ראוי" דערצו, צו זיין „שלוחא דציבורא", אבער ליידער די מעהרהייט זיינען ניט אזוי.

„ברוך השם", מיר האבען שוין רבנים אויך געגאלטע מארדעס, א. ז. וו. — איך ווייס וועלכע פיהרער, אפילו די גייסטיגע זיינען יעצט. אבער איך ווייס אויך אז אמעריקא האט רבנים, „גדולי ישראל", גאונים, צדיקים, יראים. אבער עס איז שוין דא אין גאר פרומע קאנגרעגיישאנס, אזעלכע רבנים, אז עס איז ניט שעהן גאר צו שרייבען פון זיי, גלייכער אז אזעלכע קהילות, וועלכע ווייסען ניט, וואס עס טהוט זיך, דא אין לאנד, זאלען עס גאר ווימען. עס עקעלט הערענדיג און זעהענדיג, ווארום זאלען ארטהאדאקסישע שוהלען גאר אויסקלייבען אזעלכע. אויב איהר וואונדערט זיך, וועל איך אייך אנטווארטען. ווער זיינען די אויסקלייבער פון די „רבנים", די פרעזידענטען, מיט די אלע רעדעלפיהרער פון שוהל, ווער זיינען זיי דען? זיינען זיי דען ניט פון די וועלכע איך האב געשריבען, איז זיי דאך בעסער, אז זיי האבען א קאלב, אן „עגל הזהב", אין שוהל, און זיי דארפען זיך ניט שעהמען מיט זייערע וועגען...

אין ברוקלין איז יעצט א מגפה אין די שוהלען. זיי רופען זיך ארטהאדאקסישע געמיינדעס, אין די פיעלע געמיינדעס האבען זיי „מתקן" געווען, אז מענער און פרויען זאלען זיצען זייט ביי זייט אין די שוהלען. א מיידעל מיט א בחור, זייט ביי זייט, די נשים, אין אונזער מוטער חוה'ס קליידער... זיי רייסען געלט, צו בויען

פאר גאט א הויז... און נאכהער לאזען זיי גאט ניט אריין אין זיין הויז... אדער ער וועט אליין ניט קומען, ווייל ער האט דאך ניט קיין ליידי ביים זייט, מיט זיך... ווייסען זיי דען ניט, אז אין אזא שוהל טאר א איד ניט אריינגעהן. על פי דין דארף מען בעסער דאווענען ביחידות, „ראש השנה", „יום כפור". די רבנים פון רוס־לאנד, די אמת'ע גאונים, „צדיקים" האבען מחרים געווען די שוה־לען. די רבנים פון אמעריקא דאס גלייכען. אבער זיי זיינען גע־בליבען ביי זייערס.

ישראל! עס איז שלעכט מיט דיר, „ישראל"! דיין פרייהייט האט צוגערויבט דיין אידישקייט, דיין מענשליכקייט. איהר ווילט פיליכט וויסען ווער זיי זיינען די אנפירער פון אזעלכע שוהלען, ווייל איהר קענט דיינקען, אז דאס זיינען דייטשוקעס. ניין! טויזענד מאהל ניין! דאס איז פילוועסקער און באלטרעמאנצער און טעל־זער און פלונגיאנער און נאך אזעלכע, בעריל לאטוטניק דער טעל־זער, איז געווארען א פרעזידענט און ער דער צאצקעדיגער יעצ־טיגער אלרייטניק, איז דאס מתקן, און שניידער מיט שניידערקעס, שוסטער מיט שוסטערקעס, האבען אריינגעמופט אין ברוקלין אין האי־טאן געגענד, און זיי קענען נעבעך איין מאהל אין יאהר ניט דאווענען אנדערש, אז אן ענגלישען ספיקער, שטעהן אומגעקעהרט דעם טריפה'נעם פנים זיינעם צו די שניידערם און שניידערקעס, אנטקעגען די חצופות... „ואחוריהם אל היכל ה'..." דער „יצר הרע" קלייבט נחת פון אזא שוהל. „אוי להם ואוי לנפשם".

פון צופיעל גוטטעס געהט אראב „ישראל" לאטוטניק, יצחק קארפענטער, „יעקב" אפרייטאר, „אהרן" ביגלער, פון וועג אראפ, און די גאנץ ארימע ברידער אונזערע. אט ווי עס איז זיינען זיי איר־דען נאך... אויף דעם געדאנק, האב איך געזאגט א מאמר פון פרק שירה, פשוט אבגעטייטשט:

„שבולת חטים אומרת שיר, שיר המעלות ממעמקים קראתיך ה', שבולת שעורים אומרת שיר, תפלה לעני כי יעטוף ולפני ה' ישפוך שיחו".

דער ווייץ זאנג זאגט זיין שיר, פון טיפען ארט רוף איך דיר גאט, די גערשט זאנג זאגט א שיר, א תפלה פאר'ן ארימאן דער

וועלכער איז איינגעוויקעלט אין „צרות“ און פאַר גאָטט פאַרגיסט ער זיינע רייד.

פריינדע! איהר פאַרשטעהט אליין אַז ניט דער ווייץ זאַנג, און ניט דער גערשטענע זאַנג זאָגט שירה, נאַר מיר מענשען, פאַרשטעהן די נוצען פון יעדער זאַך, אויף דער וועלט. דאַרום נאָך זייערע נוצען נאָך זאָגען מיר „שירה“ פאַר זיי אַלעמען, דאָס הייסט, מיר דאַנקען גאָטט פאַר יעדער זאַך אין „כלל“, און יעדער זאַך „בפרט“ וואָס ער האָט אונז געגעבען, און ווייל מיר פאַרשטעהן די „פעולה“ און דעם נאַטור פון יעדער זאַך, איז נאָך דעם נאַטור און „פעולה“, זאָגען מיר פאַר דער זאַך אַ „שירה“. יעצט זאָלען מיר פאַרשטעהן, וואָרום איז די שירה צוגעפּאַסט פאַר'ן ווייץ און פאַר'ן גערשט?

די ווייץ זאַנג דאָס איז דער „גביר“. איהר האָט געוויס באַטראַכט די ווייץ זאַנג. אויבען אויף דעם שטרוי, וואו דער פולער זאַנג איז פול מיט ווייץ, דער ווייץ איז אָנגעטהאָן מיט ניין קליידער. ער האָט אויף זיך ניין הייטעלעך, אָט די קליידעלעך היטען דעם ווייץ פון צופיעל רעגען, אָדער ווינט, פון היץ, פון קעלט. בעטראַכט דעם ווייץ, און זעהט ווי ער ליגט בעהאַלטען אויף דעם שטרוי. דער ווייץ איז געגליכען צו דעם גביר, וואָס איז אויך בעשיצט פון אַלע זייטען, אין אַ שעהנעם וואָהנונג, שעהנע קליידער, מיט פיעל „משרתים“. ווייסט איהר אַבער, ווען דער גביר, דער ווייץ זאַנג זאָגט „שירה“, אַללע טאָג דאַווענט ער געוויס ניט, „תפלין“ לייגט ער זיכער ניט, נאַר ווען ער ווערט נידערגעשלאָגען, ווען עס קומט אויף איהם אַ „צרה“, אַז ער ליגט טיעף אין דער ערד, טיעף, טיעף, דאַן הייבט אָן דער ווייץ, דער גביר, צו זאָגען „שירה“. „שבולת חטים“ דער ווייץ זאַנג, דער גביר הייסט עס, „אומרת שיר“, זאָגט אַ „שיר“, ווען? „ממעמקים“, פון טיפעניש, פון גאַנץ טיעף, אין דער ערד ליגענדיג, אין „צרות“, דאַן „קראתיך ה'“ רוף איך צו דיר גאָטט...

דעם גערשט האָט איהר אויך פיליכט בעטראַכט, ווען ער איז שוין פאַרטיג אויף דעם שטרוי, האָט איהר געוויס געזעהן, ווי דער גערשט האַלט זיך אויף אויבען, נאַקעט אָן קליידער, נאַר שטעכעדיגע לאַנגע שטרויעלעך, זיינען אריבער איבער דעם גערשט,

און דער גערשטן אליין איז נאקעט, אן קליידעלעך, אהנע די קלענ־סטע, און דינסטע שטרויעלעך אויף איהם. צו דעם גערשט איז געגליכען דער ארעמאן, ווייסט איהר אבער ווען דער גערשטע, דאס איז דער ארעמאן, זאגט שיר? טאקע אלע טאג שטעהט ער און בעט פאר גאטט ב״ה און וויינט און שרייט צו דעם „בורא״ אין הימעל. „שבולת שעורים״ דער גערשטע זאנג, דער ארעמאן, „אומרת שיר״, „תפלה לעני כי יעטוף ולפני ה׳ ישפוך שיחו״, אלע טאג, נאר גאטט און גאטט —

נאכ׳ן שכל נאך, האט דער ווייץ, דער גביר, געדארפט מעהר דאנקען גאט פאר אלע גוטעס וואס דער פאטער אין הימעל גיט איהם, אלעם ענדע, בעט ער גאט ניט, און דאנקט גאר ניט, נאר „ממעמקים קראתיך ה׳״, ווי איך האב בעפאר דערקלעהרט. דעם ארעמאן וואלט גענוג געווען, דעם נאקעט און בארוועסען, גערשט, איין מאהל א יאהר צו דאנקען גאטט, נאר יום כפור — דער גביר האט געדארפט געהן אין שוהל דריי מאהל א טאג. אלעם ענדע, געהט דער גביר גאר ניט אין שוהל, אפילו אלע חודש, איין מאהל נאר, „יום כפור״, און דאס אויך ניט, געהט ער אין א שוהל, אזעלכע וואו מען טאר דארט אפילו ניט אריין געהען, אבער ער געהט דאך דארט „יום כפור״ און שטעהט מיט זיין אידענע, די האלב נאקעטע, זייט ביי זייט, און ביי דער צווייטער זייט קומט איהם אויס צו שטעהען זייט ביי זייט מיט א פרעמדע אידענע, פשוט א מין „קוני איילאנד״, און ער הערט זיך צו א ווילע צו זייער „רבי״, וואס ער רעדט, און געהט זיך אוועק געארעמט מיט זיינע אדער פרעמדע... נו וואס זאל דער הימלישער פאטער טאן צו זיי, אז זיי זאלען אין גאנצען ניט פארשטויסען בלייבען אויף עוויג, עוויג, פון יענער וועלט, מאכט ער זיי „ממעמקים״, אז זיי בעקומען צרות, רדיפות, און דאן דערמאנט ער זיך...

איך בין אריין אין א הויז, האב איך געזעהען, אז דער „בעל הבית״, א פאטער פון קליינע קינדער, שטעהט ביי זיין קינד, וועל־כער איז ערסט אכט יאהר, און גיט איהם א ניקעל, און בעט זיך ביי איהם, יאשקעלע, נאדיר דעם ניקעל און עס א שטיקעל פיש. אין א פאר טאג שפעטער, בין איך דארט ווידער געווען, האב איך געזעהען, פונקט פארקעהרט. דער קינד בעט זיך „רחמים״, פאפא!

גיב א שטיקעל פיש, איך וויל עסען. און דער פאטער שטעהט מיט א סטראפּ, ניין, שרייט ער, דו קריגסט ניט קיין פיש, אט דאס נעהם, די קאסטער איל, אז ניט קריגסטו מיט'ן סטראפּ. איך האב זיך נאריש געמאכט און געפרעגט, סטייטש, היתכן? זייט איהר דען ניט דער זעלבער פאטער? עפּעס זעהט איהר מיר אויס גע־ענדערט, פונקט פארקעהרט, מיט צוויי טעג בעפאר, האב איך אליין געזעהען, ווי איהר האט איהם נאך צוגעצאהלט צו עסען א שטי־קעל פיש, און היינט בעט ער זיך ביי אייך און איהר גיט איהם ניט, נאר אזא „מיאוסע" זאך גיט איהר איהם, און איהר ווילט איהם נאך שלאגען דערפאר.

אה! מיין ליעבער פריינד, איך וואונדער מיר, איהר זאלט עס ניט פארשטיין. מיט איינינגע טעג בעפאהר איז מיין קינד גע־וועזען געזונד. נאר א קינד האט קיין שכל ניט, וויל ער ניט עסען, האב איך, דער גוטער טאטע, געוואלט ער זאל עסען, האב איך איהם אונטערגעקויפט, אום ער זאל עסען. היינט האט ער אין מאגען. עס קען אויך זיין, אז די פיש, וואס איך האב איהם געצוואונגען צו עסען, דאס זאל איהם האבען געשאדעט, זיין מעגעלע פערפאצקעט, און איך, דער זעלבער גוטער טאטע, לאז איהם ניט עסען די פיש, ווייל דער קינד פארשטעהט ניט, וואס פאר איהם איז גוט, וויל ער ניט. ער וויל אבער, דאס וואס פאר איהם איז ניט גוט. יעצט וויל ער פיש, וואס ער טאר ניט עסען, ער וויל ניט נעמען די קאסטאר איל, ער זאל געזונד ווערען, שטעה איך מיט'ן סטראפּ, און ער וועט מוזען נעמען. אבער איך בין דער זעלבער, גוטער טאטע...

אונזער טאטע אין הימעל איז אויך אזוי מיט אונז זיך „נוהג". ער וויל אז זיין קינד „ישראל" זאל האבען אלדאס גוטעס. און די „תורה" האט אונז געהייסען לעבען גליקליך, אז נאר מעגליך, און דער „ישראל" כאפּט אבער אריין אין מאגען, ער ווערט עפּעס אזוי היציג, אז ער האלט אין איין ארום לויפען פון היץ, האט קיין צייט ניט צו לייגען תפלין, און זא ווייטער, אלעס אוועק גע־ווארפען, אפּט מאל פון היץ געהט „ישראל" גאר אראפּ פון זינען... און רעדט, און פלאפּלט „על ה' ועל משיחו". וואס טהוט דער גוטער טאטע, ער הייבט איהם אן געבען מעדיצין, ביטערע, גאר

ניט קיין געשמאקע, מיט'ן סטראַפּ אין האַנד. „ישראל" דער קינד וויל גאָר ניט פאַרשטעהן, וואָס דאָס איז, און „ישראל" וויל נאָך פיש. זאָגט דער טאַטע: ניין, מיין קינד, די גוטעס האָט מיר דיין מאַגען קאַליע געמאַכט, איך האָב דיר געגעבען פיש, פלייש, האָסטו געגעסען טריפה, אַ הויז האָסטו און קיין מזוזה... קליידער, נאָר קיין ציצית, גוטע טעג, אָן „שבת" — דיין פרוי זינגט איך האָב איהר דיימאַנטענע רינגעלעך געגעבען, און אין איהרע אויערלעך שטיינדלעך... די פינגערלעך וואַשען זיך ניט צום עסען, די אויער־לעך היטען ניט די פאַרזאַג פון דער „תוחה". קריגט „ישראל" צופיעל היץ, ער שפּרינגט פון היץ — טאַנצט פון היץ — רעדט פון היץ — טהוט מעשים פון אַ משוגענעם, אַלעס פון היץ — אפילו אין שוהל, אויך משוגע פון היץ — ביי נאַקעטע מוידען. דער גוטער טאַטע נעמט דעם סטראַפּ, — קלעפּ... אָה! דו ווילסט נאָך פיש, נאַדיר קאַסטאָר איל... רייניג דיין מאַגען... גלות, פּאַגראָמען... אָבער דאָס איז דער זעלבער גוטער טאַטע...

„יונה!" די „ישראל" אין „כלל" — דו מוסט אויסוואַנדערען, דו מוזט געהן זאָגען מוסר די וועלט, דו מוזט געהן און פּראָקלאַ־מירען „אחדות הבורא". דו „יונה"! אָדער „ישראל", רייז אין נגוה, צו בעסערען זיי, און דו אַליין, דאַרפסט ליגען „בירכתי הספינה", וויל דו, „יונה"! „ישראל", אויב דו האָסט צווייטען, אָדער גאָר ערשטען קלאַס, געהסטו אַליין אַראָפּ פון וועג. דו ביזט דאָך דער וועלט טיטשער, נו, אַז דו, טיטשער, וועסט אויפהערען צו גלויבען אין „אחדות הבורא", וועסטו דו דאָך די וועלט ניט טיטשען.

ווייסטו „ישראל" — וואָרום מען טרייבט ניט אַרום דעם כינעזער, דעם יאַפּאַנעזער, דעם פּאָליאַק, איז דען דער כינעזער בעסער פאַר דיר? זיינען זיי אַלע דען שעהנער פאַר דיר? אָדער זיינען זיי דען פיינער פאַר דיר? ניין „ישראל"! טויזענד מאָל ניין! איז דאָך אָבער די קשיא: טאָ וואָרום איז דיר ניט גוט? פאַר וואָס דיר פּאַגראָמירט מען, דיר שלאָגט מען, דיר טרייבט מען, דיר האָט מען פיינט, דיר מאָרדערט מען, אַלעס דיר? וואָ־רום איז דאָס? ביזטו דען ערגער פאַר די אומות העולם?

אויף אַלע פראַגען וועל איך דיר געבען איין תירוץ ישראל:

הער מיר איין ישראל, אויב דו ווילסט ניט פארשטעהן, איז אלע מיינע רייד ארויסגעווארפען, נאר אויב דו ווילסט יא פארשטעהן, וועסטו ריכטיג פארשטעהן, וועסטו אליין זעהן, דעם ריכטיגען תירוץ.

הער זיך איין „ישראל", איך וועל דיר פרעגען א פראגע, און דעם אנטווארט דיינעם, פארשטעה איך וואס דו דיינקסט מיר צו ענטפערען. נאר דיין אנטווארט וועט זיין מיין אנטווארט, וואס איך דארף דיך געבען: את דאס איז וואס איך וויל דיר פרעגען: ווען איינער האט א קריג שטינקענדיגע זשעגעכץ, וואו האלט ער עס? אין פראנט רום, אדער אין דייניגג רום, אדער אין בעד רום, אדער איז אן אנדער פארפוצטען רום... וואו האלט ער עס?

אה, וואס איז דאס פאר א פראגע! ער האלט עס אין סעלער, פארמאכט, פארפראפט, פארשטאפט, עס זאל זיך ניט הערען דער „ריח רע", ווי אזוי קען ער עס האלטען אין פראנט רום...

יעצט זאג מיר, ווען איינער האט א קריגעל „בשמים", וואו האלט ער עס? אין סעלער, אדער אין בעד רום, דייניגג רום, אדער גאר אין פארפוצטען פראנט רום?

אה! וואס איז דאס פאר א פראגע, „בשמים" וועלכע שמעקען האלט ער אין פראנט רום. עס זאל שמעקען אין דעם שעהנס־טען רום. ער האלט עס אין בעסטען, און שעהנסטען פלאץ, אום פאר איהם און פאר זיינע געסט וואס קומען צו איהם, זאל עס שמעקען...

זייער ריכטיג האסטו מיר געענטפערט. עס איז טאקע אזוי. יעצט וועל איך דיר פרעגען: און בשמים אז עס הערט אויף צו שמעקען, ווייל פון אויבען כאפט זיך א שטויב, פארדעקט עס דעם ריח פון די בשמים, הערט עס אויף צו שמעקען, וואס טהוט ער, און וואס דארף ער טהאן?

אה! עס איז זייער גרינג צו ענטפערען. ער נעמט די בשמים און שאקעלט אויף. הויבט עס ווידער אן גוט צו שמעקען.

נאך איין פראגע וויל איך דיר פרעגען: וואס טהוט ער, אז מיט דעם שאקלען שמעקט עס אלץ ניט.

אה! דאס איז אויך גרינג צו ענטפערען. ער נעמט ארויס

אביסעל אויף דער האַנט און מיט דער צווייטער האַנד רייבט ער עם אביסעל, דאַן מוז ווידער שמעקען...

ענטשולדיגט מיר נאָך איין פראַגע און געמוג. אַזוי ווי מיר האָבען געזעהן, האַלט ער די „בשמים" אין פראַנט רום. וואָס טהוט ער אז ער וויל אין דייניגנג רום זאָל עם שמעקען?

אַלץ איהר פרעגט מיר אַזעלכע גרינגע פראַגעס! ער נעהמט די „בשמים" און טראָגט אריין אין דייניגנג רום, אָדער אין אַן אַנדער רום, וואו ער וויל עס זאָל שמעקען און קריגען אַ גוטען ריח.

יעצט, מיין פריינד, אַז דו אַליין האָסט געענטפערט, פאַרשטעה איך אַז דו וועסט אָננעמען מיין תירוץ, וואָרום מען יאָגט ניט ארום דעם בינעזער, דעם געצען דינער, און נאָך אַזעלכע אומות, ווייל זיי זיינען זשעגעבץ... זיי קענען פאַרשטינקען די גאַנצע וועלט, מיט זייער איינפיהרען „עבודה זרה" מיט שלעכטע מדות, מיט אָרעמ־קייט, וואָס טויג זשעגעבץ ארומצופיהרען אין אַלע רומס, אין אַלע לענדער הייסט עס, אָבער דו „ישראל", דער פאָלק פון דער שעד־נער, ריינער, פהילאָזאָפישער „אמונה", פון דעם גרינדער פון דער „האמונה הטהורה", אברהם אָבינו, די זעלטענע „בשמים" פון „קבלת התורה" אַז, ווי די גמרא זאָגט אין שבת, וועז גאָט ב"ה האָט געגעבען די „תורה" צו דעם „עם ישראל" און ער האָט נאָך גע־זאָגט דעם ערשטען „דבור", „אחדות הבורא", איז פול געוואָרען די וועלט מיט „בשמים" און די „בשמים" מיט דעם „עם ישראל" מוז מען האַלטען אין אַלע פראַנט רומס...

און אָבער אַז ישראל, דער וואָס דאַרף מאַכען שמעקען די וועלט, מיט „אחדות הבורא", מיט אַלע „עשרת הדברות", וועלכע „ישראל" האָט עס שאָהן איבערגעגעבען צו אַלע „אומות העולם"... מיט זיין גאַנצען תנ"ך, אַז ער אַליין הערט אויף שמעקען, דאַן מאַכט איהם הקב"ה אַ „גלות" און „ישראל" דאַרף געהן אין אַן אַנדער לאַנד, פון פראַנט רום אין דייניגנג רום, און אַז אין דעם דייניגנג רום הערט אויף ישראל שמעקען, אַרויסגעבען זיין זאַנפטי־גען „ריח" — עס האָט דיר דורך שאַקלען פון „גלות" ניט גע־האָלפען, שיקט ער אַן אויף אַזעלכע, וועלכע רייבען איהם אביסעל די ביינער... דאַן פאַלט אַראָפּ די שטויב פון „ישראל" און „ישראל"

ווערט שמעקעדיג, און היבט אן שרייען ווייטער „שמע ישראל ה׳ אלהינו ה אחד!״...

יעצט פארשטייסטו שאהן „ישראל״, ווארום מען טרייבט דיר ארום, און אז דו באנוגענסט זיך ניט מיט דעם, און דו הערסט אויף צו שמעקען. דיין „שבת קודש״ דעם שמעקעדיגען, האסטו פאר־ביטען פאר׳ן זונטאג, דיינע „תפלין״, וועלכע זיינען דיין „סימבאל״ אז גאטס נאמען איז אויף דיר, האסטו אראפגעווארפען פון זיך... דיינע ציצית האסטו ניט אויפ׳ן הארצען... דיין „מזוזה״ אראפ פון פון דיין טיהר, דיין שעהנעם, ריינעם פאמיליען לעבען, „טהרת המשפחה״, מוז איך דיר אראפנעהמען די שטויב פון דיר... מיט קלעפ... פארפאלען „ישראל״, דו מוסט שמעקען, איז ניט מיט גוטען, מוזטו עס מיט בייזען... די אנדערע פארצייטיגע אומות העולם, „עובדי עבודה זרה״, האב איך געמוזט לאזען זיצען אויף איין ארט... איך האב זיי ניט געוואלט און וויל ניט טרייבען זיי.

יעצט האבען מיר אין „פשט״ — דעם מדרש, נאר אבטייטשען מיט דעם „תירוץ״ וועלכע דו האסט מיר אליין געגעבען, און נאך דיין תירוץ נאך, האב איך דיר ערקלעהרט, ביז יעצט, דער גאנ־צער בילד, איז אין „מאמר״ פון אנפאנג דרוש, עס איז גאר ניט קיין דרוש, נאר פשט.

„ויאמר ה׳ אל אברם לך לך״ און גאט האט געזאגט צו אברם, געה וואנדער, איז דאך א פראגע, דעם טייערען, ליבען, זיסען „אברם״ דער „אברם״ וואס לאזט זיך ווארפען אין „אור כשדים״ אום צו בילדען די וועלט מיט „אחדות הבורא״, דער „אברם״ האט כסדר „לך לך״, און וואו ער קומט, לעקט ער קיין ביינדעל ניט. „פרעה״ זיצט אויף איין ארט... „אבימלך״ דאס גלייכען, און „אברם״ האט „לך לך״ — גיט דער מדרש צו ערקלעהרען: „רבי ברכיה פתח״ — רבי ברכיה האט אנגעפאנגען צו געבען אן ערקלעהרונג פון אברהם׳ס „לך לך״ — ווייל עס שטעהט „לריח שמניך טובים״ דו אברם דיין „שמן״ וואס דו באלייכסט די וועלט, איז זייער גוט, עס האט א גוטען ריח... „שמן תורק שמך״, אז איל וואס מען דארף אבער איבערגיסען אין אן אנדער „כלי״ אויך. ניט פאר זיך אליין האל־טען דעם „ריח טוב״, דו דארפסט לערנען און בילדען די גאנצע וועלט, דיין נאמען זאל בעוואוסט זיין, „למה היה אברהם דומה״,

צו וואָס איז אברהם אָבינו גלייך, ניט ח"ו צו זשעגעכץ, וואָס מען מוז האַלטען אויף איין פּלאַץ, צוגעפּראַפּט, נאָר: „דומה לצלוחית של אפולסימון מוקפת צמיד פתיל, ומונחת בזוית ולא היה ריחו נודף" — אברהם איז געווען גלייך צו אַ באַטעל טייערסטען און שמעקעדיגען אָיל — וועלכע די באַטעל איז פאַרמאַכט מיט אַ פּראָ־פּען, און ליגט אין אַ קאַרנער, וואָס קיינער ווייס ניט דעם גוטען ריח וואָס אינסייד איז... און מען דאַרף אָבער פאַרשמעקען די גאַנצע וועלט, די וועלט איז ווילד, קיין ריח טוב פון באַטעל גיט ניט, זייערע קינדער פאַרברענען זיי, צו דער „עבודה זרה", עס קען ניט העלפען „אברהם"... „אברהם טלטל את עצמך", ריר זיך פון דעם פּלאַץ און געה אין אַן אַנדער פּלאַץ... „ממקום למקום ושמך מתגדל בעולם" און צום סוף וועלען דיר אַללע אַנערקענען, און דיין נאָמען וועט גרויס ווערען אויף דער וועלט... אברהם, דיין בשמים שמעקט, און אָבער וואָס טהוט מען מיט יענע אומות, וואו דו ביסט ניטאָ, דיר דאַרף מען ניט טרייבען, מעהר ניט, נאָר צו מאַכען שמעקען אין נאָך פּלעצער, דיינע קינדער אָבער וועלען אַליין אויפהערען שמעקען, דאַן וועלען זיי מוזען די שטויב אָב־רייבען, און צום סוף וועלען זיי בלייבען די לערנער פון דער וועלט. אמן.

משלים, ציצים ופרחים

כ.

מען האט מיר געפרעגט, ווארום האב איך אבגעטרעטען פון מיין שוהל אין פארסייט סטריט, און פון דער תלמוד תורה, וועלכע איך האב געגרינדעט, נאך אזוי פיעל מיהע, און אז מען האט מיר גערדריקט, האב איך דאך געדארפט פראטעסטירען און זעצען א בית דין, האבען א דין תורה, פארשטעהט מען אז דער דין וואלט געווען אויף מיין זייט, האב איך געענטפערט גאר פשוט, איך האב געהאט א גוטע בעט, א טייערע בעט, נאר איך האב געהאט „וואנ־צען", זיי האבען מיר ניט געלאזען שלאפען, און נאך אזא סארט „וואנצען", וועלכע איך בין אליין שולדיג אין לאזען זיי אריין אין מיין בעט, מיינע אייגענע שוויים, איך האב געדארפט קלינען מיין בעט פון זיי... אייגענע וואנצען... „ימח שמם וזכרם", ויהיו לדראון עולם". עס וואלט דער ריח ניט אנגענעהם געווען צו געהן צודריקען אזעלכע וו.... השי"ת זאל שיקען אויף זיי אזא פוידער, „והם כלים מאליהם", ניט דורך מיר. עס פאסט מיר נאך היינטיגען טאג ניט שרייבען זייערע נעמען... עס וועט מיר אליין ניט ארויסקומען קיין כבוד... נאר איך האב געשריבען דאס זעלבע... ווייל פיעלע רבנים, וועלכע האבען גוטע שוהלען, מוזען נעבעך אפטרעטען צוליעב די וואנצען... און אט אזוי מוזען זיי און איך האבען „לך לך".

כא.

„לא ימיש עמוד הענן מפני עמוד האש לילה"

אין נויארק, די וועלט שטאט, די שטאט וואו עס זיינען פאראן איבער א מיליאן אונזערע ברידער, „כן ירבו", די שטאט האט אלעס אין זיך. ווי די וועלט זאגט, אז אין א גרויסען וואסער איז פאראן פערשיעדענע פיש. נאר איך וויל אייך ערקלעהרען און מאכען ווי־

סען פון אזא סארט פיש, וואס עס שטוינט הערענדיג, עס מוז אנפאנגען קלינגען אין די אויערען, הערענדיג, דאס עס זיינען פאראן אזעלכע אידען, וועלכע ווערען גערעכענט אין די העכסט ארטהאדאקסישע, אידען וואס זיינען „גבאים“ אין שוהלען, „גבאים“ אין „חברה קדישא“, און זייער ביזנעס איז סטענדס, סאדע וואסער, קענדי און סיגארס, מיט אלערהאנד סיגארעטלעך, די חברה „צבועים“, „היפאקריטען“, זיי שטייען ניט שבת אין סטענד, פריי־טאג פארנאכט, צייט פון זון אונטערגאנג ווארט דער צדיק, דער „מיאוסע בריאה“ אויף זיין דריי און צוואנציג יעריגען זון, אדער ניינצעהן יעהריגע טאכטער, און ער גיט איהר איבער, אדער איהם, אויפ'ן גאנצען שבת די ביזנעס, און ער מיט זיין אלטיטשקע זייענען סטריקטלי „שומרי שבת“. האב איך געזעהן ניט לאנג אזא סצענע, ווי א איד מיט א בארד און „פיאות“ האט געווארט פרייטאג פארנאכט אויף זיין זוהן, עס ווערט שוין שפעט, ער שטעהט אויף שפילקעס, דזשייק, זאגט ער צו מיר, דארף קומען, אוי, געוואלד געשריען, עס איז שאהן שפעט, איך דארף געהן אין שוהל. נו, זאג איך (ניט מאכען וויסענדיג זיך) וועט איר היינט אין שוהל ניט געהן. וואס רעדט איהר, איך בין דער „גבאי“, אהן מיר הייבט זיך גאר ניט אן. (איך האב א טרויעריגען שמייכעל געטהאן ניט ווילענדיג). דזשייק איז געקומען שפעטליך, מיט א סיגאר אין מויל. זאגט צו איהם דער אלטער, וואס עפעס מיין „תכשיט“ אזוי שפעט? (טראכט איך מיר א כפרה קען ווערען דער „בארד תכשיט“ פאר דזשייקען). נעם שאהן, געה אריין, סיגעארעטלעך די און די, אזוי פיעל און אזוי פיעל, דזשייק, דו הערסט? דזשייק רויכערט דעם סיגאר, און ער, דער דזשייק, האט פארנומען דעם פלאץ פון דעם אלטען האלב גראהען טרעמפ, דעם „שומר שבת'ניק“ — דעם ווייסען בערדעלע... וואס עס רוהט שאהן אויף זיין „פנים“ דעם פאסקודנעם... איין „עמוד ענן“. „דזשייק“ מיט'ן סיגאר אין מויל איז אן „עמוד אש“. „לא ימיש עמוד הענן“, דער „עמוד הענן“, דער פארוואלקענדער פנים האט זיך ניט אבגעטהאן פון סטענד „מפני עמוד האש“, ביז דזשייק דער „עמוד האש“, בעפאר ער האט פארנומען זיין פלאץ. א טרויעריגער וויץ, עס צושפאלט דעם קאפ מיט דער הארץ פון אזעלכע טרויעריגע וויצען...

כב.

וואָס ביזטו אַזוי פאַר׳שמעיה׳עט?

ווארום זאָגט די וועלט אויף איינעם וואָס איז שטאַרק ביזי, ער האָט קיין צייט ניט אפילו צו ריידען, צו פאַרברייגנען, נאָר ער לויפט, פרעגט מען איהם: וואָס ביזטו אזוי פאַרשמאַיעט? ווייל שמעיה זאָגט אין „אבות" פרק א׳: „שמעיה אומר אהוב את המלאכה ושנא את הרבנות" — שמעיה זאָגט: ליעב אַ מלאכה און האָב פיינט צו זיין אַ רב. הייסט דאָך שמעיה אַרבייטען, זיין ביזי. אַבער ווען איינער איז צופיעל ביזי, פרעגט מען איהם, וואָס ביזטו צופיעל פאַר׳שמעיה׳עט, אַזויפיעל האָט „שמעיה" אויך ניט געהייסען. ער האָט נאָר געהייסען „אהוב את המלאכה", ליעב די „מלאכה", אָבער ניט אזוי פיעל. וואָס ביזטו אזוי פיעל פאַר־שמעיה׳עט?

כג.

רבי יהושע בן חנניה און אַ פינף יאָהריגע מיידעלע

(מדרש) רבי יהושע בן חנניה איז געקומען אין אַ שטאָט, האָט ער געטראָפען אַ קליינע מיידעלע, פינף יאָהר אַלט, שטעהט ביי אַ ברונען וואסער, און שעפּט וואסער פונ׳ם ברונען. זאָגט ער צו איהר: מיידעלע, ווענסטו פיליכט מיר געבען אַ טרונק וואסער? זי האָט מיט גרויס רעספּעקט צוגעטראָגען איהם אַ טרונק. ווען ער האָט זיך אָנגעטרונקען, זאָגט ער צו איהר: מיידעלע, טייערע, דו האָסט געטהאָן „מעשה רבקה". די מיידעלע האָט אַ שעהנעם ליעבען שמייכעלע געטהאָן און זאָגט צו איהם: „אמת", איך האָב געטהאָן „מעשה רבקה", אָבער דו, „רבי", האָסט ניט געטאָן „מעשה אליעזר"...

כד.

אז אלע כאפּען

א גרויסער אָרימאַן, וועלכער האָט געדאַרפט מפרנס זיין א פרוי מיט זעקס קינדערלאַך. זיין אַרבייט איז געווען, ער פלעגט פון א בעקער אַלע טאָג נעמען א גרויסען בעסקעט פאַרשידענע קייכלך און אַלע פרימאָרגענס ביז עלף דאָס פאַרקויפען. קוים אויף ברויט מיט זאַלץ איז דאָס פאַר זיין פאַמיליע געווען. איינמאָל איז ער געקומען אויף זיין באַשטימטען פלאַץ גאַנץ באַגינען, זיינען איהם באַפאַלען טרעמפּס און האָבען צוכאַפּט ביז איינע. ער איז געקומען אַהיים מיט א לעדיגען בעסקעט, האָט ער פאַר „יסורים" זיך צוּוויינט ווי א קליין קינד. דערצו האָט זיין פרוי זיך צושריען אויף איהם, אַי, ווערה געשריען, וואָס וועל איך היינט געבען די קינדער עסען?

— וואָס בין איך שולדיג? איך האָב דאָך ניט געקענט זיך שטעלען אַנטקעגען אַזוי פיעל טרעמפּס. זאָגט זיין פרוי צו איהם: „אמת" דו האָסט ניט געקענט זיך שטעלען אַנטקעגען, אָבער איין זאַך האָסטו דאָך געקענט טהאָן, אַז אַלע האָבען געכאַפּט, וואָרום האָסטו נישט געכאַפּט, וואָלסטו דאָך געבראַכט אַהיים איינינגע שטיקלעך קייק אויף ברעקפעסט.

דעם נמשל מאַך איך קורץ, זעהר קורץ. — אַלע נאַציאָנען, היינטיגע צייט, כאַפּען ציוויליזאַציאָן איינע פון די אַנדערע און מען ווערט אַלץ בעסער, קליגער, רייכער, און פון וועמען איבערהויפּט כאַפּט מען? פון דעם אָרימען „ישראל'ס" בעסקעט, וועלכער טראָגט זיך אַרום מיט זיין תורה אַזא לאַנגע צייט און זיי האָבען שוין באַלד צוכאַפּט זיין תורה, אַלע גוטע מדות, די עשרת הדברות זיינע, דעם גאַנצען תנ"ך זיינעם. זיי זעצען איבער דעם ש"ס זיינעם, אַלע כאַפּען. ישראל'ס הויז איז שוין פוסט פון אַלע טייערע אַנטיקען זיינע, נו וואָס זאָגסטו ישראל, אַלע כאַפּען דיינע קייקעלעך, און דו שטעהסט אַראָפּגעלאָזען די הענט און כאַפּסט גאָר ניט. ישראל, וואָס איז מיט דיר דער מעהר? דיינע קינדער בלייבען דאָך אין גאַנצען אָהן שפּייז, דעם גייסטיגען שפּייז?...

די בימה

גאַנצע רעדעס אויף יעדען שבת

פון יעדער פּרשה, פּונקט ווי עס איז גערעדט
געוואָרען פון דעם מחבר אַליין, מאמרים,
משלים, אפילו די „שיחת חולין".

יעדער ספר — אַ רעדע

נאָך דעם דרוש קומען משלים, ציצים ופרחים

פון דעם מחבר הרב הדרשן והמטיף המפורסם
יהודה ליב לאַזעראָוו
מחבר פון דברי יהודה, דגל יהודה, קול יהודה,
מטה יהודה, בית יהודה, אידישען רעדנער, ועוד.

חוברת ד'

RABBI L. LAZEROW
1541—78th Street, Brooklyn, N. Y.

ניו־יורק — תרפ"ד

לעוואנט פרעס
479
138 2־טע סט., ניו יארק

וירא

„אכילתו של אברהם אבינו היתה כנגד ע"ד אנשים"
(מ"ם סופרים).

דער עסען פון אברהם אבינו איז געווען געגען פיער און זיבעציג מענשען. איהר פארשטעהט, אז דער קורצער „מאמר" איז זעהר שווער צו פארשטעהן. דענקען דען די חכמים, אז דער יחוס פון אברהם איז, וואס ער האט געקענט אזוי פיעל עסען קעגען פיער־און־זיבעציג מענשען. איז דאס מעגליך, אז דאס הייסט א שבח פאר „אברהם אבינו"...

אין דעם דרוש וועל איך שילדערען דעם אידישען טיש פון אמאל און פון היינט. אמאהל, ניט זעהר לאנג צוריק, ניט קיין הונדערט יאהר בעפאר, אפילו קיין האלבען הונדערט יאהר, אומ־געפעהר אפילו מיט דרייסיג יאהר בעפאר און אפילו איצט זיינען נאך דא ב"ה פיעלע אידען, די וועלכע, וואס זייער טיש קען הייסען דער הייליגער „מזבח".

דער טיש ביי וועלכען עס איז געזעסען דער „בעל הבית", א טייערער „כשר" איד, זיין פרוי, א צנועה, אויף דעם טיש איז גע־שטאנען כשרה מאכלים, אליין געבאקען, די ברויט די „חלה", גע־ווים האט זי חלה גענומען „כדת וכדין", מיט א ברכה. אלע האבען זיך געוואשען צום עסען, א ברכה „על נטילת ידים, די „ברכת המוציא" מיט א הויכען „אמן" פון די הערענדע... אין מיטען עסען „תורה" — און אפט פארהערט די קינדער אין מיטען עסען, געבענשט נאכ'ן עסען, אפט איז געזעסען אן „אורח הגון" ביים טיש. אויף אזא טיש זאגט די „גמרא" „ועכשיו שלחנו של אדם מכפר" (ברכות נ"ה). אמאהל פלעגט דער מזבח מחפר זיין די איד־דישע „עבירות". איצט, אז דער מזבח איז ניטא, איז דער טיש דער „מזבח" און דער טיש איז „מכפר". דער בעל הבית איז דער „כהן".

היינטיגער טיש! די ברויט, וואס מען לעגט אויף דעם טיש, ווער ווייסט וואס דאס איז. עס קען זיין, אז די ברויט איז „טמא", און עס איז גאר „אסור" צו עסען אויב עס האט עס אנגעריהרט

איינער פון די ארבייטער די טויג, אפילו אן א פארטיגען ברויט, מיט קיין געוואשענע הענט פון נעגעל וואסער.

וועלכע ברויט ווערט עס ניט געבאקען אום שבת, כאטש די ברויט איז ניט אסור צום עסען נאך שבת... אבער מען קען שוין פארשטעהן וואס פאר א כשר'ער אידעלע דאס איז. געוויס איז קיין חלה אויך ניט גענומען. פוטער! פון וואס ווערט עס געמאכט אין אמעריקא, ווייסט איהר? איך האב מורא, אז איהר ווייסט גאר ניט...

די פלייש? — אמת, אז איהר געהט אין סטריט, זעהט איהר אויף אלע ווינדאוס אין גרויסע בוכשטאבען געשריבען „בשר כשר", און דאס איז אמת, ווייל די ווינדאו איז טאקע „כשר". איהר זעהט אפילו א „הכשר" פון דעם און דעם „גאון", „אב בית דין דפה", איז נאך א ספק אויב דער גאון האט געגעבען דעם הכשר. עס קען זיין, אז דער גאון ווייס גאר פון דעם ניט, אדער דער גרויסער, הויבער גאון איז אליין ניט באגלייבט, אפילו מען זאל איהם אליין אין ווינדאו אויפהענגען...

איצט, ביים טיש. דזשייק קומט פון שאפ, ווארפט אראפ די העט, פארקאטשעט די ארבעל גאנץ הויך, איהר זאלט איהם „חס ושלום" ניט חושד זיין, אז ער געהט זיך וואשען די הענט צום עסען, אזוי ווייט, ער און אלע מיט איהם זעצען זיך עסען אהן „נטילת ידים", אהן א „ברכה", אהן בענטשען.

ווי אנגענעהם א פארצייטיגער טיש איז געוועזען. אנגענעהם געווען צו זיצען ביי דעם „מזבח", דער טיש. איך האב זעהר א שעהנעם משל געהערט אויף דעם געדאנק, וואס די חכמים זאגען, אז איצט, ווען דער מזבח איז נישטא, איז דער טיש דער „מזבח".

אן „אורח הגון" איז אריין צו א גביר, ביי וועמעס טיש עס האט נאך קיין איין אורח נישט געגעסען אין זיין לעבען. דער אורח האט איהם געטראפען עסענדיג פון כל טוב. דער ארימאן האט נעבעך געוואלט עסען און נאך טרעפענדיג דעם גביר ביי אזא טיש... דער גביר זאגט צו איהם: ר' קרוב, האט מיר קיין פאראיבעל ניט, איך האב איצט גאר ניט צו געבען.

דער „אורח הגון" זאגט צו איהם: ר' גביר, זעהט איך בעט

אייך, איהר האָט אויף מיר קיין פאַראיבעל ניט, און דער אורח האָט ווידערהאָלט די זעלבע ווערטער, מיט אַן אמת רחמנות פּנים, מיט געבעט. זעהט טוט מיר א טובה און האָט ניט קיין פאַראיבעל אויף מיר. זעהט איך בעט אייך...

דער גביר הערענדיג, אַז דער אורח בעט ביי איהם אַזוי פיעל מאָהל מיט אַזאַ געבעט, אַז ער זאָל אויף איהם רחמנות האָבען און קיין פאַראיבעל האָבען אויף איהם, האָט דער גביר פאַרשטאַנען, אַז ער מיינט עפּעס. פרעגט איהם דער קאַרגער גביר: זאָגט מיר, ר' קרוב, וואָס מיינט איהר דערמיט. מילא איך בעט אייך איהר זאָלט אויף מיר קיין פאַראיבעל האָבען, ווייל איך גיב אייך גאָר ניט. אָבער איהר בעט זיך גאָר ביי מיר. וואָס מיינט עס? איך זאָל אויף אייך קיין פאַראיבעל האָבען.

מיין ליבער גביר, איך וועל אייך ערקלערען. די „גמרא" זאָגט אין ברכות נ"ה) „בזמן שבית המקדש קיים, היה מזבח מכפר, ועכשיו שלחנו של אדם מכפר". דאָס הייסט, ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען האָט דער מזבח מכפר געוועזען אויף יעדען אידען. און איצט, אַז מיר האָבען ניט קיין מזבח, איז דער טיש פון יעדען מענשענס הויז „מכפר" — מיט וואָס? מיט אַ ברכה, און מיט האַל־טען ביים טיש אַן „אורח הגון", און איהם געבען עסען. איצט איז אַזוי. ווען איהר וואָלט מיר געגעבען עסען ביי אייער טיש, וואָלט איך דאָך געוועזען אייער „כפרה", ווייל אייער טיש וואָלט דאָך גע־רופען זיי „מזבח", דאַן וואָלט איהר געדאַרפט בעטען מיך, איך זאָל אויף אייך קיין פאַראיבעל ניט האָבען, ווייל איך בין אייער „כפרה" — אָבער איצט, אַז איהר האָט מיך ניט גערופען צו אייער טיש, טאָ זייט איהר מיין „כפרה". דאַרף איך אייך בעטען ר' גביר, האָט אויף מיר קיין פאַראיבעל ניט!

מיינע טייערע! אַמאָהל, אַז אונזערע עלטערען, ווען זיי זיי־נען געוואָרען אַלט, האָבען די קינדער זיי געהאַלטען ביי זייער טיש מיט גרויס „כבוד". איצט דאָס אויך ניט. היינט איז שרעקליך, גאָר ניט צו שילדערען דעם „כבוד אב ואם", אַז מען וואָלט עס דער־צעהלט אין רוסלאַנד, פּוילען, רומעניען, אונגאַרן, אַז אַ מוטער, וועלכע האָט אין ניו יאָרק דריי זיהן מיט דריי טעכטער און די מאַ־מע האָט ניט וואו צו זיין. ביי דזשייק אין לודלאָוו סטריט, איז ער

אַן אָרימאַן און ער האָט אַ שלעכטע ווייב, זאָגט זי, אַז ער איז ניט „מחוייב“, ווייל עס זיינען דאָ רייכערע פון איהם. קומט זי אין האַרלעם, ביי אייק, גלייכען איהר ניט די אייניקלאַך, און די שנור, די קאָקעטקע איבעלט זיך איהר צו זעצען ביים טיש, און אַזוי ווייטער. פון אַלע איהרע קינדער קען זי דאָ קיין אָרט ניט האָבען. אפילו ביי איינעם פון זיי, און די אַלטע גיט אָן אַן אַפּליקיישאָן אין „מושב זקנים“, איז אָבער אַ „ויהי“, אַ גרויסע „צרה“. מען דערוויסט זיך אין מושב זקנים, אַז זי האָט רייכע קינדער נעהמט מען איהר ניט אריין.

קורץ דערפון, אַז אפילו די אַלטע מאַמע האָט קיין „זכיה“ ניט צו זיצען ביי דעם אַמעריקאַנעם טיש... אָה! און „ויהי“ צו דעם היינטיגען טיש... אין מ"ס „תמיד“ איז מיר שווער געווען צו פאַרשטעהן די געשיכטע וואָס ווערט דערצעהלט פון „אלכסנדר מוקדון“, ווען ער איז געקומען אין אפריקא, אין דער קייזערליכער שטאָט, זייענדיג ביים קייזער אין הויף, האָט ער געהאָט אַ טרייעל, וועלכער איז פאַרגעבראַכט געוואָרען פון צוויי לייטע, „ראובן“ און „שמעון“. „ראובן“ האָט פאַרקויפט אַ שטיק לאַנד צ „שמעון'ען“. און שמעון, גראָבענדיג די לאַנד האָט געפונען אַן „אוצר“ פון מיליאָנען ווערדע. איז ער געקומען צו ראובן מיטברענגענדיג דעם אוצר און זאָגענדיג: זיי וויסען, ראובן, אַז איך האָב ביי דיר לאַנד געקויפט ניט קיין אוצר, דאַרום נאָ דיר דעם אוצר. זאָגט צו איהם ראובן, זיי וויסען שמעון, אַז איך האָב דיר פאַרקויפט די שטיק לאַנד, איז אַלעס דיינע, אפילו ביז'ן „תהום“, און וואָס דו געפינסט איז דיינע און איך קען דיין אוצר ניט נעהמען און געה דיר געזונדערהייט.

מן הסתם האָבען זיי זיך צוקריגט און עס איז אַנגעקומען צו אַ טרייעל... די דזשאַדזשעס האָבען עס ניט פאַרשטאַנען, און עס איז אַנגעקומען צום קייזער... און יעצט הערט אוים דער קעניג דעם טרייעל. דער זאָגט: איך נעהם ניט דעם אוצר, ווייל איך האָב דיר פאַרקויפט, און דער זאָגט: איך נעהם ניט דעם אוצר, ווייל דאָס האָב איך ניט געקויפט...

דער קעניג איז געפאַלען אויף אַ שכל, און טאַקע זעהר אַ שעהנעם איינפאַל, און ער פרעגט, ראובן האָסטו אַ זוהן? זאָגט ער יאָ!

שמעון, האָסטו אַ טאָכטער? זאָגט ער יאָ! אויב אַזוי, זאָגט דער קעניג, געהט און ווערט „מחותנים". דו ראובן, דיין זוהן זאָל געהן הייראַטען מיט דער טאָכטער פון שמעון, און איהר גיט זיי אַוועק דעם אוצר...

„אַלכסנדר מוקדון" איז פאַרוואונדערט געוואָרען אויף אַזאַ טרייעל, און איך, דער מחבר פון אַזוי פיעל ספרים „דברי יהודה", „דגל יהודה", „קול יהודה", „קהלת יהודה", און „אידישען רעדנער" און „מטה יהודה", און נאָך און נאָך, און דאָך זאָג איך אייך, אַז איך האָב מיין גאַנצען לעבען זיך אויך געוואונדערט אויף דער געשיכטע. ווען מיר וואָלט עס געטראָפען, שעהם איך זיך ניט צו זאָגען דעם וואָהרען „אמת", אַז איך וואָלט זיך ניט געמאַכט וויסענדיג, ווייל עס איז אַ „כשרה'ע מציאה"...

אָבער ווי איך בין געקומען אין אַמעריקאַ האָב איך געזעהען, אַז זיי זיינען אַזעלכע אָרענטליכע מענשען, פונקט ווי יענע צוויי „ראובן" און „שמעון", ווייל די גמרא זאָגט אין (ערכין י"ט) „סבתא בביתא, סימא בביתא", דאָס הייסט, אַז אַלטע פרוי אין הויז איז אַן אוצר אין הויז (ווייל זי ראַמט, פוצט, קאָכט, באַקט, שטריקט און נעהט, ניאַנטשעט די קינדער און היט די הויז, א. ז. וו.). איהר הערט שוין, אַז אַלטע מאַמע איז אַן אוצר אין הויז. און אַז די אַלטע מאַמע קומט צו איהרע קינדער אין אַמעריקאַ און זי האָט דאָ אַ „ראובן" מיט אַ „שמעון", און אַ „דבורה" מיט אַ „חנה", און זי הייסט דאָך אַן אוצר. דער אוצר קומט צו ראובן, זאָגט ראובן צו שמעון, נעם דיר דעם אוצר. און דער שמעון זאָגט צו ראובן—נעהם זיך דיר דעם אוצר, און אַזוי חנה צו דבורה, און אַזוי ווייטער. יעדער זאָגט נאָ דיר דעם אוצר, נעהם זיך דיר, אַרום און אַרום! געפינט זיך ניט די מאַמע ביי דעם טיש, איי אַ טיש איז דאָס, אַ זעלטענער „מזבח" איז דער טיש? שרעקליך וואָס עס איז געוואָרען פון אונז... טרויעריג, אומעטיג, שרעקליך ווערט אונז אויפ'ן האַרצען. דער טיש איז ניט קיין מזבח, נאָר אַ קאָרעטע פאַר „בהמות", דער טאַטע, להבדיל, ווי אַ פערד... די מאַמע ווי אַ בהמה... די קינדער ווי „בהמות דקות" און מען פאַקט אין זעקעל פון כל טוב און פונקט ווי דער אָקס פרעגט עפּעס אין וואָס פאַר אַ „כלי" מען גיט איהם עסען, מילכיג אָדער פליישיג, פונקט ווי דער פערד מאַכט

קיין „ברכה" אזוי איז ער... פונקט ווי די שעפּסעלעך, קעלבעלעך, ציגעלעך, דאַנקען ניט גאָט פאַר דעם עסען, אָט אזוי זיינען זיינע „בהמה דקות". — וועה צו אונז! וואָס איז מיט אונז געוואָרען! זיינען מיר ניט געריהרט פון זינען, אַז מיר האַלטען אפילו ניט דעם אוצר אין הויז... וועה געשריען, וואָלט מען עס געקענט גלויבען, ווען מען וואָלט עס דערצעהלט און מיר וואָלטען עס ניט געזעהען מיט אונזערע אויגען... אַרומצואוואַרפען זיך מיט די מוטער, דעם אוצר, ביז מען קריגט אַ בעטעל פאַר איהר אין „מושב זקנים".

אין דער אמת'ן איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס זיי האַנדלען אזוי מיט די עלטערען. אַז די גמרא זאָגט (נדה ל"א) „שלשה שותפין באדם, הקב"ה ואביו ואמו", דריי פאַרטנערס זיינען אין מענשען: גאָט און פאָטער און מוטער... נו וואָס קלערען מיר יעצט, אַז מען האָט מורא געהאַט פאַר גאָט, האָט מען אויך מורא געהאַט פאַר די אַנדערע צוויי פאַרטנערס. היינט, אַז פאַר גאָט האָט מען אויך קיין מורא ניט, וואָס זאָלען זיי מורא האָבען פאַר פאָטער און מוטער. די האַרץ זאָגט זיי, אַז זיי דאַרפען טאַקע אַבסאָלוט ניט געבען כבוד און מורא האָבען פאַר די עלטערען. עס איז אַ „גמרא", כאָטש זיי ווייסען די גמרא ניט, אָבער זייער האַרץ זאָגט זיי... די גמרא זאָגט אין (עירובין י"ג) „שתי שנים ומחצה נחלקו בית שמאי ובית הלל הללו אומרים נוח לו לאדם שלא נברא משנברא והללו אומרים נוח לו לאדם שנברא משלא נברא ועכשיו שנברא יפשפש במעשיו", דאָס הייסט: צוויי און אַ האַלב יאָהר האָבען „בית שמאי ובית הלל" זיך געקריגט. די האָבען געזאָגט, אַז גלייכער וואָלט געוועזען, אַז דער מענש וואָלט ניט באַשאַפען געוואָרען, און די אַנדערע האָבען געזאָגט, אַז עס איז פיעל גלייכער פאַר דעם מענש וואָס ער איז יאָ באַשאַפען געוואָרען. און איצט, אַז ער איז באַשאַפען, זאָל ער נאָך זוכען זיינען „מעשים", אויב אָבער ער זוכט ניט נאָך זיינע מעשים, דאַן איז פאַר איהם גלייכער, ער וואָלט ניט באַשאַפען געוואָרען. געווים גלייכער...

דאָס זעלבע זאָגט זיי די האַרץ. די היינטיגע „חברה", די חברה „הלעטני נא", אַנטקעגען די פריהערדיגע פרומע קינדער. פאַר די פרומע איז דאָך „נוח לו שנברא", גלייכער אַז ער איז באַשאַ־פען, דאַרום גלייכט ער און ער ליעבט און האַלט טייער זיינע על־

טערען וואָס האָבען איהם געבראַכט אויף דער וועלט, ווייל „נוח לו שנברא", אָבער היינטיגע ניט פרומע איז דאָך אויף זיי געזאָגט: „נוח לו שלא נברא משנברא" וואָלט עס גלייכער געווען ניט באַשאַפען צו ווערען ווי באַשאַפען צו ווערען... טאָ וואָס פאַר אַ טובה האָבען איהם די עלטערען געטאָן, דארום גיט ער זיי קיין „כבוד" ניט. איי, אַ טיש! איי, אַ „כבוד אב ואם"! — אַ שעהנער טיש... אַ שעהנער כבוד אב ואם...

די היינטיגע, וועלכע האָבען זיך אַזוי אַ נאָמען געגעבען, ווייל עס פאַסט פיליכט פאַר זיי טאַקע דער נאָמען „היינטיגע", דארום ווייל זיי ווילען ניט וויסען וואָס שפּעטער וועט זיין, וואָס „שכר", וועץ „שכר". זיי ווילען היינט לעבען אַ טאָג ניט שפּעטער. וואָס טויג זיי שפּעטער... וואָס דאַרפען זיי דעם שפּעטער, נאָר היינט. אָבער די „היינטיגע" טהוען „מעשים" אַזעלכע, וואָס עס וואָלט געפּאַסט צו טהאָן פאַר די אַלטע און נאָך פאַר אַזעלכע אַלטע, וואָס זיינען געווען מיט הונדערט יאָהר צוריק. אָט קומט אהער „היינטיגע", און לאָמיר האָבען אַ „ויכוח", לאָמיר זעהען ווער איז מעהר סטייליש, ווער געהט נאָך די עטיקעט פון דער וועלט, מיר אַלטע, אָדער איהר היינטיגע...

אזוי ווי איהר רופט אונז אַלטע מענשען, „סיטים", „פּראים„, די וועלכע האַלטען די תורה ומצות, וועל איך אייך ווייזען מיינע פיינע, שעהנע, היינטיגע חברה, אז אייערע „מעשים" וואָלטען גאָר געפּאַסט פאַר אונז, אָדער גאָר פאַר הונדערטער יאָהרען צוריק, ווייל מיר, און געוויס גאָר די פריהערדיגע, זיינען דאָך ביי אייך פאַררעכענט פאַר „פּראים", ווילדע הייסט עס, אָם ענדע איז אייערע מעשים פון „פּראים", ווילדע חיות... און מיר זיינען אין די שעהנסטע מעשים, נאָך דער עטיקעטע. איהר ווילט שוין וויסען מיט וואָס?

היינטיגע, קומט אהער און הערט! צוצוגעהן צו אַ בופיי נאָך מיט אַ מיידעל אויך, אָדער גאָר מיט אַן „אשת איש" און בעטען פון „כל טוב" עסען און טרינקען און נאָכהער ניט באַצאָהלען, זאָגט אַליין, וואָלט עס ניט געפּאַסט פאַר אונז ווילדע ווי איהר רופט אונז, אָבער ניט „חס ושלום" פאַר אייך היינטיגע. „אמת" איהר גיט עס צו? טאָ ווי אַזוי געהט איהר צו צו גאָטעס בופיי, צו זיינע

„כל טוב“, פרעסט און טרינקט און איהר גיט איהם קיין געצאהלט, אפילו קיין דאנק מיט א „ברכה ראשונה“ און א „ברכה אחרונה“. זאגט אליין, היינטיגע „חברה הלעטני נא“, טהוט איהר גוט — פרעסער, זויפער, נידעריגע ברואים, טהוט איהר עס ניט. דאנקט איהר גאט פאר דעם פריהמארגען, וואס ער האט אייך געבראכט. דאנקט איהר איהם פאר דעם אבענד. דאנקט איהר פאר דעם עסען, דאנקט איהר פאר דעם לעבען... היינטיגע, איהר זייט היינטיגע? איהר זייט „פראים“, „סיטים“, שעהנע מענשען, ציוויליזירטע חיות, איהר גיט דאך אפילו קיין דאנק דעם אלמעכטיגען גאט, דעם „בעל הבית“ פון דעם גרויסען רעסטאראן, דעם וועלט רעסטאראן.

היינטיגע, איהר ווייסט, אז די חכמים רופען אייך „גזלנים“. זיי זאגען, אז מען עסט אהן א ברכה „כאלו גוזל להקב"ה ולכנסת ישראל“. נו וואס זאגט איהר חכמים היינטיגע. דאס וואלט גע־פאסט פאר אונזערע זיידעס, נאך אייער חשבון. די, וועלכע איהר רופט „סיטים“, „פראים“, „באנק קוועטשער“. איהר, שעהנע מענ־שען, זייט אליין ריכטיגע באנק קוועטשער. מיר האבען געקוועטשט די באנק זיינען מיר אויסגעוואקסען מענשען מיט מאראל, אמת אדער ניט?... איך פארלאז זיך אויף אייער ענטפער. וואס זאגט איהר, הא? איז ניט אזוי? איהר מוזט צוגעבען, אז מיר זיינען פיינער פאר אייך.

האט געטראפען, אז יעמאנד פון אונז האט אפגערעט א פרוי פון איהר מאן און פון איהרע קינדער און אנטלויפען מיט איהר?... טרעפט ביי אונזערע מענשען מארדען, רויבעריי, פיסטאל קנאקערס? ניין, עס טרעפט ניט ביי אונזערע מענשען גנבים, גזלנים, אונטער־צינדער, געפינט זיך ביי אונזערע אדער ביי אייערע היינטיגע?...

אויב איהר ווילט ניט צוגעבען, טא לאמירביידע אריין אין פריזאן און זעהן אלע ארעסטירטע, אויב זיי טראגען א בארד מיט פיאות?... אויב זיי האבען מיט זיך תפלין? אויב זיי טראגען ציצית? אויב זיי האבען, זייט איהר גערעכט. אבער אויב ניט, בין איך גערעכט. וואס זאגט איהר היינטיגע? האט געטראפען ביי אייער די „צאינה וראינה“ לייענעריו און „תחינה“ זאגעריו, אז זי זאל אנטלויפען מיט א בארדער? אבער דאס טרעפט ביי דער היי־סקול ליידי, לאא געפינדעשטע. באקלער דיין מאמען, איהר צניעות,

איהר אָרענטליכקייט און איצט קוק אויף דיין טאָכטער, וועלכע איז פאַרהייראַט, וועסטו מיר מוזען צוגעבען, אַז די „צאינה וראינה" מאַמע איז געשטאַנען אין אַ העכערען געפיהל און מאָראַל ווי דיין ווייב, ווי דיין טאָכטער, די שעקספּיר ליידי.

דערמאָהן זיך היינטיגער דעם אַלטען טיש און דעם איצטיגען נייעם טיש. דערמאָן זיך פריינד מייגער, דערמאָהן זיך דיינע על־טערענס פיהרונג און דיין פיהרונג, וועסטו זעהען. דערמאָהן זיך היינטיגער דעם „כבוד אב ואם" פון אַמאָהל און היינט. אַמאָהל איז געווען דער „כבוד אב ואם", דער „שלום בית", אַלע אין איינעם האָבען געלעבט און געשטרעבט. דעם פּאָטער'ס וואָרט האָט געהאַט דעם גרעסטען אָפּקלאַנג. דער מוטער'ס וואָרט איז געווען הייליג. אַפילו וועגען אַ שידוך איז געווען די עלטערענס וואָרט אין דעם בעפאָר. היינט ליידער, וואָס דער טאַטע זאָגט הערט מען ניט צו. אין געגענטייל, מען באַפעהלט דעם טאַטען. די מאַמע לאַכט מען גאָר אויס. צו דער מאַמען זאָגט מען: „דו ווייסט עפּעס"? דו פאַר־שטעהסט אויך? שווייג! און מיש זיך ניט אין אונזערע וועגען. איך בין שוין געגוג זעלבסטשטענדיג און איך קען מיר אַליין רו־לען. דער אַלטער טאַטע קען צושפּרונגען ווערען שרייענדיג קינדער, עס איז ניט ריכטיג, וואָס איהר טהוט, איהר בלאַנדזשעט, איהר פאַרקריכט אין בלאָטע, נאָר אויב דער טאַטע האָט פיעל געלט, אויב דער טאַטע האָט אייניגע פאַלעסעס, אויב ער איז גוט פאַרמעגליך, דאַן איז נאָך ווי עס איז, וואָרט מען אויף עפּעס...

שבת ביים טיש אַמאָהל און היינט. איך געדענק דעם בילד ווי בעריל דער קאַראַבעלניק (פּעדלער) פלעגט מאָנטאָג פריה אַרויס־געהן מיט זיין פּאַק סחורה אין דאָרף אַריין. אַ גאַנצע וואָך פלעגט זיין עסען זיין געבאַקענע פּאָטייטאָס נאָר, אויב ער פלעגט נאָך קענען צוקומען צו דעם מאכל. אַמאָהל פלעגט זיך איהם טרעפען אַ גליק, אַז ער פלעגטנ קענען שטעהן דערביי ווי די שיקסע מעלקט די קיה, פלעגט ער קריגען מילך... און קענען טרינקען אַ גלאָז. אויב אָבער ער איז דערביי ניט געשטאַנען, טאָר ער דאָך ניט טרינ־קען (מילא, דאָ אין אַמעריקאַ שטעהט מן הסתם דער רב ביים מעלקען. דער וואָס גיט דעם הכשר...). עס איז ניט מעגליך צו שילדערען וויפיעל בעריל האָט זיך געפּלאָגט די גאַנצע וואָך.

אין דער זעלבער צייט וואָס בעריל פֿלאָגט זיך אין דאָרף, אָבער אין דער היים, די קינדער לערנען, מען צאָהלט פֿאַר זיי גוטע „שכר למוד“, און אין בעריל׳ס הויז עסען צוויי ישיבה בחורים, איינער מאָנטאָג, דער אַנדערער דאָנערשטאָג, און אַ סך מאָהל איז ביי איהם אין הויז אייניגע אורחים און זיין פֿרוי מיט די קינדער האָבען דעם טיש געמאַכט פֿאַר אַ „מזבח“. „נטילת ידים“ פֿאַר׳ן עסען מיט אַ ברכה „על נטילת ידים“, „המוציא“, און בענשען. דאָס קינד פֿלעגט איינשטודירען די גמרא. בעריל קאַרעבעלניק איז פֿרייטאָג פֿריה אַרויס פֿון דאָרף צו געהן אַהיים אויף „שבת קודש“. אַ זאַק קאָרן אויף דעם רוקען. פֿון דער רעכטער פֿאָלע פֿון זיין לאַנגען ראָק פֿלעגט ער מאַכען אַ זאַק, אריינשטעקענדיג דעם אונטערשטען ברעג אין זיין גאַרטעל. דאָרט האָט ער פּאַטייטאָס. די צווייטע פֿאָלע אויך אַזוי, און דאָרט געטראָגען אַ פּאָר היהנער. אין דער רעכטער האַנט אייער, אין דער לינקער האַנט דעם שטעקען. ער געהט און קוועלט און דאַנקט „השם יתברך“ פֿאַר דעם „חסד“, וואָס ער טהוט מיט איהם. ער טראָגט די משא און לויבט גאָט. ער פֿיהלט ניט ווי שווער עס איז. ער ווייסט גאָר ניט, אַז ער געהט אין דרייען צוזאַמענגעדרעהט און ער זאָגט:

— איך דאַנק דיר גאָט פֿאַר אַלעם גוטען. דאָס קאָרן וואָס איך טראָג וועט זיין אויף ברויט, געגנוג פֿאַר אַ וואָך. אויף מיטוואָך וויל איך האָבען נאָך אַ „ישיבה בחור“. מיין צנועה׳לע לאה׳לע קוועלט דערפֿון, אַז זי קען געבען עסען אַ „תלמיד חכם“. דעם רבין וועל איך געבען שכר למוד פֿאַר מיין לייזערקען און ראש חדש געלט, יאַנקעלען וועל איך שיקען אַ פּאָר רובעל אין טעלז. רבש״ע, טהו מיר דעם חסד, אַז איך זאָל קענען קריגען אַן אורח אויף היינטיגען שבת.

אונזער בעריל איז געקומען אין שטעדטעל אַרום איינס אַ זייגער נאָכמיטאָג. די אשה צנועה איז איהם אַרויס אַנטקעגען, מיט געשרייען צו די קינדער: געהט, קינדער, דעם טאַטען אַנטקעגען. זעהט קינדער ווי דער טאַטע געהט צוזאַמענגעבויגען. זעהט קינדערלעך, ווי דער טאַטע האָרעוועט פֿאַר אייך קינדערלעך, זאָל כאָטש זיין אָנגעלעגט. איהר זאָלט קענען לערנען. מיר זאָלען נחת האָבען

פון אייך און טרעהרען פון לייד מיט פרייד צוזאמען האבען זיך געגאסען פון די אויגען...

וואס מאכסטו לאהלע? וואס מאכען די קינדערלאך? ווילען זיי לערנען? האסטו געקראגען אפשר א בריעף פון אונזערע אויגען אין קאפ, לייבקעלען. פון טעלז? זי גיט אלעס איבער אין קורצע ווערטער.

לאה'לע, בריה'יעטשקע, א געזונד אין דיר. עס שמעקט שוין דער צימעס פון „שבת קודש", אויך די פיש. ווייסטו וואס לאה'לע, איך וועל געהן אין „מרחץ" אריין לכבוד שבת. איך דארף נאך „מעביר סדרה" זיין „שניים מקרא ואחד תרגום".

ניין, מיין טייערער בעריל! רוה זיך נאך אב אביסעל. אין א האלבע „שעה" ארום וועסטו געהן. איך וועל דיר דערווייליע געבען פארזוכען א שטיקעל פיש, און אביסעל צימעס און נאכדעם וועסטו געהן.

בעריל עסט די צימעס, דער פנים שטראהלט איהם פון פארגעניגען, אזוי ווי די „שכינה" וואלט רוהען אויף איהם, און ער זאגט, לאה'לע, דו ווייסט אליין ניט וואס א בריה'עטשקע דו ביזט. הערסט, איך וועל אין „גן־עדן" בעטען אט אזעלכע פיש. איך ווייס ניט אויב דער „לויתן" איז בעסער פאר די פיש, און אזעלכע צימעס, וואס עס שמעקט אלע „טעמים" אזוי ווי דער „מן" פון הימעל. און אין דער אמת איז טאקע אזוי, ווייל די הייליגקייט פון „שבת קודש" אין זיין פאנטאזיע האט טאקע געמאכט אזוי געשמאק דעם עסען...

בעריל קומט פון מרחץ און איז „מעביר סדרה" מיט די קינדער. ער טהוט זיך אן און לויפט מיט די קינדער אין שוהל אריין. די ערשטע ארבייט זיינע איז צוצוגעהן צום שמש: „שלום עליכם" ר' יוסף, האט איהר אפשר אן אורח הגון?

יא, ר' בעריל, דא איז דא א „מגיד", א טייערער איד, האב איך טאקע געטראכט, אז ביי אייך זאל ער שבת זיין. בעריל'ס שמחה איז איצט פאר פול. בעריל געהט אהיים און שפרינגט און טאנצט פאר שמחה. זיין פנים גלאנצט, זיינע מידע פיס, וועלכע זיינען ארומגעגאנגען א גאנצע וואך אין דארף געהען אזוי לייכט, אזוי ווי ער וואלט געווען א אינגעלע. דער עטליכע און פופציג יעהריגער

בעריל. אַ רעכטע שטיק וועג פון זיין הויז איז אויסגעשאָטען מיט געלען זאַמד. עס שמעקט פון ווייטען „מאכלי שבת". אריין אין הויז מיט אַ ברייטען גוט שבת און די „צנועה", די „כשרה נשמה", האָט געענטפערט מיט אַ פולע מויל גוט שבת, גוט יאָהר, אויף אונז און אויף „כל ישראל".

ביי דעם טיש! די זמירות! פאַרהערט די קינדער, דעם פאַרגע־ניגען וואָס ער האָט פון דעם „אורח". ווען איהר וואָלט אונזער בער־לען געוואָלט אפילו מאכען פאַר אַ פּרעזידענט פון די יונייטעד סטייטס, וואָלט ער אייך אויסגעלאַכט. זאָגט מיר היינטיגע, איז ניט זיין טיש אַ „מזבח" — איז ניט דער טיש זיינער אַ ריכטיגער מזבח?

היינט, שבת ביים טיש! אָט טאַקע דאָ אין מדינת קאָלאָמבוס, דער 55 יעהריגער מר. דייוויס ארבייט אין שאָפּ אלס ביגלער. ער שטעהט אויף 6 אין דער פריה, ער דאַווענט אַ שטיקעל, אָהן „ממשות", אָהן „טעם", אָהן זאַלץ, אָהן פעפער, מיט ווייסע תפלין, וועלכע ער לעגט ארויף שנעל און מורמעלט פינף מינוט, אַ כאַפּ אַ ביס (מן הסתם אָהן אַ ברכה), זיינע דריי „בנים" שטעהען אויף אריין אין אַ שיסעל וואסער, מיט די לאַפּעס, אָהן נעגעל וואסער בעפאַר, און געמאַכט אַ מולענע פון זייף, איינגעשמירט די מאַרדע, אפּגעגאָלט זיך און די הענט פאַרקאַשערט, גענומען זיך צום עסען, אפּגעגעסען, אַ כאַפּ די העט און אוועק צו דער ארבייט. דינער — אריין אין אַ רעסאָראַן (מן הסתם ניט מהודר'דיג) צו סאַפּער — אריין אין הויז, אראָפּגעוואָרפען די קאָפּ (איך מיין די העט) אָנ־געפרעסען זיך און אפילו ניט געזעהן אַ וואָרט. פרייטאָג שפּעט אַ שטונדע נאָך „מעריב" — דייוויס איז דאָ, אריין אין הויז „גוט שבת" מיט אַ נידעריגע שטימע. זי ענטפערט גאָר ניט. פרעגט ער וואו זיינען די קינדער? וואו פרעגסטו? זיי האָבען אָפּגעפרעסען און זיינען אוועק. מן הסתם אין טעאַטער, גיט זי אַ קרעכץ מיט נאַסע אויגען... נו —

שבת אין דער פריה מוז מיסעס דייוויס גאַנץ פריה אויפשטעהן. ניט „חס ושלום" געהן אין שוהל. נאָר צוצוגרייטען עסען פאַר בעני'ן און סעמי'ן און טשארלי און קיידי און ליליען און אָפּטמאָל מוז זי זיי אליין אויפוועקען זיי זאָלען ניט פאַרשפּעטיגען, ניט

עובר זיין די צייט פון „קריאת שמע“, נאָר פון שאַפּ. ווי געפעלט אייך דער טיש? ווי געפעלט אייך דער מזבח? זעהר איהר, טרעה־רען אויף דעם „מזבח“ איז מעהר ווי אויף יענעם, בערילס „מזבח“.

און אַזוי ווי דער טיש, ווי דער פּנים פון דעם טיש, אַזוי איז דער פּנים פון די עלטערען, ביי היינטיגע „חכמים“. דעם טאַטען האַלט מען פאַר אַ היפּאָקריט. אַזוי האַלט פון איהם בעני. דער טאַטע האָט קיין „שכל“ ניט זאָגט סעמי. דער טאַטע איז אַ גאַטעס „גנב“, זאָגט טשאַרלי. די מאַמע פאַרשטעהט גאָר ניט זאָגט ליליע. די מאַמע ווייס אַפילו ניט וואָס זי רעדט, זאָגט קיידי.

יעצט צוריק צו בעריל „קאַרעבעלניק“ און זאָלען מיר איהם פרעגען, ווען ער עסט דעם טשאָלענט, וואָס איז 20 שטונדען גע־שטאַנען אין אויוועו: ר' בעריל, ווי שמעקט אייך דע עסען?

ר' בעריל זאָגט, איך דענק, אַז דער „מן“ וועלכער איז געפאַלען פון הימעל האָט בעסער ניט געקענט שמעקען. און בעריל ווייסט ניט פון בלאָפס. ער איז נאָך קיין אַמעריקאַנער. בעריל איז אַ פּשוט מענשעלע, וואָס ער רעדט דאָס מיינט ער.

אָבער, מיר היינטיגע איך מיין אייך, איך קען נאָך בערלען און איך קען אייך זעהר גוט. פון ניו יאָרק ביז סאַן־פראַנציסקאָ. אַלע היינטיגע ווייס איך און איך קען זיי, זאָלען מיר צוזאַמען באַקלע־רען, איז דען טאַקע בעריל „אמת“, וואָס ער רעדט. איז דען אַ היינטיגער „ניט שבת'דיגער“ דינער, נאָר טאַקע אַ זונטאַגדיגער דינער, אַזוי ווי די מאַמעס מאַכען, צוליעב כבוד פון זונטאַג, אַלער־האַנד מאכלים, איז דען דער דינער טאַקע ניט בעסער, פאַר בעריל'ס טשאָלענט? איז היינטיגע טשיקען זופּ ניט בעסער פאַר בעריל'ס לאָקשען סופּ? איז דען היינטיגע פיש, ווייט און פייק און באַפּעל, און קאַרפּ לעבעדיגע, געמישט צוזאַמען, ניט בעסער פאַר בעריל'ס „סטינקעס“.... איז דאָס מעגליך? קען דען דאָס זיין, ניין! איך קען ניט גלויבען און איהר היינטיגע וועט אויך צוגעבען געוויס, אַז יעצטיגע עסענס זאָל זיין ניט גוט, און בעריל'ס מאכלים איז יאָ גוט, ניין מען קען עס ניט זאָגען... מען דאַרף עס ניט זאָגען. מען טאָר עס ניט זאָגען, ווייל עס וועט זיין אַ ליגען... נאָר דאָך נעדענקט זיך מיר אַליין, אַז יענער טשאָלענט, יענע לאָקשען סופּ,

יענע סטינקעס, צוהאקטע מיט די קעפּלעך צוזאַמען — איז געוועזן געשמאַקער ווי היינטיגע אַלע טייערסטע מאַכלים. וואָס איז דאָס? און פאַר וואָס איז דאָס? אַט וועל איך אייך ערקלערען.

אין יעדער זאַך איז דאָ אַ קערפּער מיט אַ נשמה. די חכמים האָבען עס גערופען „מלאך". די נשמה, דער גייסטליכער טהייל פון דער זאַך. איהר טעם — איהר געשמאַק, איז העכער פאַר דעם קערפּערליכען געשמאַק. די ברויט — איז קערפּער, די ברכה — איז גייסט. זעקס טעג, אַרבייטס טעג, איז קערפּערליך. דעם זעקעל, דעם מאַגען אָנצופּילען. „שבת קודש" איז די נשמה פון דער וואָך. איהר האָט פּילייכט באַמערקט, ווי אַן אמת־עהרליכער, פרומער איד דאַ־ווענט, מיט וואָס פאַר אַ „התלהבות" ער שפּרינגט אויף צייטענ־ווייז. ער טאַנצט צו אַפּטמאַהל. ער קנאַקט מיט די פינגער. זיין פּנים פרֶעהלאַך, ווייל דער ריכטיגער פרומער איד, אַז ער טהוט אַ מצוה, איז זיין שמחה אוננאַטירליך. די „רוחניות", די „נשמה", די גייסטליכע פאַרגעניגען שטעהט העכער ביי איהם ווי זיין עסען און טרינקען.

אַז עס איז געקומען דער הייליגער טאָג שבת, דער נשמה טאָג, דעם טאָג אין וועלכען דער איד איז געוואָרען פּונקט ווי אַ מלאך, פאַר דעם טאָג האָט דער איד זיין לעבען. זיין קערפּער אַוועקגע־געבען. אין פייער און וואַסער איז ער געגאַנגען מיט שמחה, ווען מען האָט איהם ניט געלאָזען האַלטען דעם טאָג הייליג. און דער עסען „שבת" איז אַ „מצוה", פּונקט ווי דער „שמור" היטען שבת ניט צו אַרבייטען און ניט אין קיין פאַל מחלל צו זיין דעם „שבת קודש".

מיט דער קליינער הקדמה קענען מיר פאַרשטעהן וואָרום בער־לען האָט אַזוי געשמעקט דער טשאָלענט און אַלע מאכלי שבת, אָדער דער עסען פון אַלע טאָג, זייענדיג אין רוסלאַנד. וואָס פאַר אַ הייליג־קייט האָט געשוועבט איבער דעם טיש מיט די ברכות און תורה, וואָס פאַר אַ גייסטיגען פּראַגראַם האָט זיך דער טיש געפיהרט און דאָס האָט געגעבען דעם געשמאַק. יעצט אַז די פרומע מאַמע קוקט צו ווי איהרע זיהן, די ברויט געבער איהרע, פאַר וועמען זי איז אַ דינסט, ווי זיי פאַרשוועכען דעם „מזבח" — דעם טיש — בעי־פאַר זי זעצט זיך עסען, וואַשט זי זיך די הענט איהרע, מיט איהר

פנים צוזאמען, מיט איהרע געזאלצענע ביטערע טרערהען, ווי קען איהר איינגעהן דער עסען, און וואס פאר א געשמאק קען זי פיהלען און אפילו די טאטעס און מאמעס, די וועלכע מאכען אליין קיין ברכה ניט, און אלע הייליגקייט פארשוועכען זיי. פאר זיי איז אויך אהן טעם, ווייל עס פעהלט דאך דער גייסטיגער פארגעניגען פון דער זאך.

דארום זיינען די פריהערדיגע אידען געוועזען געזונט און שטארק. פון פיעלע קראנקהייטען האבען זיי ניט געוואוסט. פיעלע אלטע לייט, געקומענע פון רוסלאנד, אדער אנדערע לענדער, זיבעציג יאהריגע, לעזען אהן ברילען, און זייער זוהן — מיט ברילען. דער אלטער האט אלע צייהן, און זייער איידעם האט א סעט צייהן, וועלכע ער נעהמט ארויס אלע אבענד. דעם אלטענ'ס מאגען איז געזונט און זיינע אייניקלעך ליידען אלע אויף דעם מאגען, ווייל דעם אלטען האט אימער געשטארקט דער גייסטיגער פארגעניגען, מעהר ווי די קערפערליכע פארגעניגענס.

מיר געפינען אויך אין דער „תורה" ביי די „אצילי בני ישראל" „ויחזו את האלהים ויאכלו וישתו", זיי האבען משיג געוועזען די גאטהייט אין זעהר א הויכער מדרגה, אז עס הייסט, זיי האבען גע־זעהען גאט, דאס הייסט פארשטאנען, און געגעסען האבען זיי גאר ניט די גאנצע צייט, איז דאס דער פארגעניגען געווען ביי זיי ווי זיי וואלטען געגעסען און געטרונקען. אדער „ויחזו את האלהים", ווען זיי האבען משיג געווען גאטהייט אין א הויכען מאס, איז דאס געווען ביי זיי פונקט ווי „ויאכלו וישתו", ווי זיי וואלטען געגעסען און געטרונקען. אזא הויכען געפיהל האבען זיי געהאט, משיג גע־ווען אין די רחניות, אדער גאר פשוט „ויחזו את האלהים", זיי הא־בען גאטהייט געזעהען, „ויאכלו וישתו", ווען זיי האבען געגעסען און געטרונקען.

פריינדע, איהר ווייסט דאך, ווי פיעל עס זיינען געשטאנען אויף דעם בארג, די וועלכע האבען געהאט אזא גייסטיגע „אכילה" פון „ויחזו את האלהים". איהר ווייסט געוויס, ווייל די תורה זאגט דאך בפירוש אין סוף פון פרשה „תשא", „ויעל משה ואהרן נדב ואביהו ושבעים מזקני ישראל", אלזא ווי פיעל זיינען ארויף, „משה, אהרן, נדב, ואביהו" און זיבעציג פון די „זקני ישראל", זיינען דאך

דאָרט געווען. פיער און זיבעציג, און די האָבען דאָס געהאַט אזא גייסטיגע אכילה.

און אונזער פאָטער אברהם, דער איינער, דער גרינדער פון אונזער הייליגע „תורה“, דער געטליכער פילאָזאָף, האָט געקענט משיג זיין אזוי פיעל פונקט ווי זיי אלע, און זיין אכילה, זיין גייס־טיגער עסען איז געוועזען „כנגד“ ע״ד אנשים“, אנטקעגען יענע פיער און זיבעציג. „אכילתו של אברהם אבינו היה כנגד ע״ד אנשים“. ודו״ק.

פריינדע, מיר „זרע אברהם“, דאַרפען טהאָן ווי אונזער פאָטער אברהם האָט געטהאָן, דאָן הייסען מיר זיינע קינדער. טאַטע, אז דו זעצט זיך ביים טיש, מאַך דיין טיש פאַר א „מזבח“ און דו אליין זיי דער „כהן גדול“, דיינע קינדער די „פרחי כהונה“, זאָלסטו זיי לערנען און צווינגען מאַכען א „ברכה“, כאָטש ווי לאַנג זיי פאַרדיענען נאָך ניט. שפּעטער, אז זיי ברענגען דיר א פיידע, וועלען זיי שוין דיך לערנען זיי צו עסען און זיי צו טריבקען, ווי צו האַלטען די לעפעל, ווי צו רעדען, ווי צו שטעהן, ווי צו געהן, טאַטע זיסער, זיי א כהן גדול! טאַטע גוטער פאַרשוועך ניט דיין כהונה... פאַר דעם טיש פאַר דעם „מזבח“...

משלים, ציצים, ופרחים

כה.

חומר און צורה — צוויי טישען

עס איז פאראן צוויי סארטען טישען. א ווייסער, ניט געפוצטער, א גרויסער, א דיקער, מיט גראבע פיס, א שווערער טיש, און עס קאסט אין גאנצען פינף טאלער, ווען איינער זאל מיר פרעגען ווי רופט מען דעם טיש? „שלחן", זאג איך יענעם: עס הייסט שלחן החומר. דער טיש וואס דער חומר איז שטארק, ער איז ביליג, אבער שטארק. מען קען אפילו די גרעסטע „משאות" אוועקלעגען אויף איהם. דאס איז שלחן החומר.

נאך א סארט טיש איז פאראן. א קליינער טיש, זעהר שעהן אויסגעארבייט, ער וועגט אין גאנצען צעהן פונט, אנטקעגען יענעם שלחן החומר, וואס וועגט הונדערט פונט, איז דאס א קארליק אנטקעגען א ריז, אבער שעהן איז דער טישעלע. מען קען זיך אפילו פארקאמען די האר, ווען מען קוקט אויף איהם, אזוי ווי א שפיגעל. דאגעגען, אנשפארען טאר מען זיך ניט אן דעם טישעל. אז מען פרעגט מיך ווי הייסט דער טישעל, ווי רופט מען איהם, חוץ דעם ווארט שלחן? דעם טיש רופט מען „שלחן הצורה". קיין חומר האט ער ניט, נאר צורה.

יעצט פרעגט דער זעלבער. זאגט מיר, וועלכער איז טייערער? געוויס דער „שלחן הצורה". יענער קאסט פינף טאלער. דער קאסט פופציג דאלאר. די צורה קאסט מעהר ווי דער חומר. דאס זעלבע מיר אידען מיט דער תורה הקדושה, מיט אונזערע תרי"ג מצות, זיינען שוואכער פאר אלע אומות העולם. מיר קענען ניט פייטען, מיר קענען נאר זאגען „מה כחנו", „מה גבורתינו", אבער דאפיר זיינען מיר די צורה, קיין חומר. ווען דער מענש איז געבילדעט, רופט מען איהם, דער איז א „בעל צורה".

דאגעגען, עשו, ער האט ניט דעם „צלם אלהים". ער האט קיין צורה, אבער שטארק איז דער חומר, געפעהרליך שטארק „ידים ידי עשו", ער הייסט דער חומר. ווער איז שטארקער? געוויס דער חומר. ווער איז טייערער? געוויס די צורה.

יעצט קריג איך אַ גרויסע קשיא, אַ געפּעהרליכע קשיא. סטייטש, נאָך אייער שרייבען נאָך, אמת, עס איז גוט דער געדאַנקען, אָבער עס האַלט דאָך ניט אוים אייער גאַנצע טעאָריע. סטייטש, מיר זייענען טייערער, מיר זיינען די צורה. מיר און מיר, אַלעם ענדע, ווען מען איז פינסטערער? אונז! ווען מען איז ביטער? אונז! ווער איז געגליכען „כצאן לטבח יובל", ווי שעפּסעלעך, וועלכע ווערען געבראַכט צום קוילענען, וואָס קיינעם כאַפּט ניט קיין רחמנות אויף זיי. ווער זיינען דאָס? מיר אידען. ווער זיינען „נע ונד", ווער זייענען וואַנדערער שוין טויזענטער יאָהרען? מיר! „עשו", דער חומר, דער ביליגער, זיצט רוהיג, האָט זיין מלוכה, אָבער מיר ליידער, ליידער, נו, וואָס זאָגט איהר דערויף רבי לעבען?

קומט אהער, מיין ליבער פריינד, איך וועל אייך פרעגען ליבער פריינד אַ קשיא, און איהר וועט מיר זאָגען דעם „תירוץ". דער זעלבער „תירוץ" וועט זיין פאַר אייך, פאַר אייער קשיא. הערט זיך צו וואָס איך וועל אייך פרעגען, הערט מיין ליבער פריינד, מיט אייער שוואַכע קעפּעלע.

זאָגט מיר, טייערער ליבער פריינד, אז מיר וועלען נעהמען יעצט ביידע טישען, דעם חומר, מיט דער צורה, ביידען מיט אַ האַק צוקלאַפּען, צושפּליטערען אויף ברעקלעך האָלץ, דעם שלחן החומר, אויך דעם שלחן הצורה, וועלכער טיש איז יעצט טייערער?

וואָס פרעגט איהר דאָ, ליבער רבי, געווים איז יעצט דער שלחן החומר טייערער, ער וועגט 100 פונט. די האָלץ איז ווערט פון איהם אַ דאָלאַר צו הייצען, אָבער דער שלחן הצורה איז ניט ווערט אַ פּעני, ניט ווערט גאָר ניט, עס וועגט צעהן פונט. און די זעלבע שטיקעלעך האָלץ ווערט ניט געברענט. עס איז ניט צו ברענען. עס איז עפּעס אזאַ מין האָלץ אַ געדרעהטע, אַ האַרטע, עס וויל גאָר ניט ברענען. געווים איז יעצט טייערער דער שלחן החומר, וואָס זאָגט איהר רבי, ניט אזוי.

יאָ, מיין ליבער פריינד, איהר זייט גערעכט, אָבער איהר האָט זיך יעצט פאַראַנטוואָרט אייער אייגענע פראַגע, וועלכע איהר האָט מיר געפרעגט. אז מיר זיינען טייערער, ווייל מיר זיינען דער שלחן הצורה און עשו איז דער שלחן החומר. וואָרום ליידען מיר? וואָרום זיינען מיר אזוי ביליג אויף דער וועלט? וואָרום שלאָגט מען אונז?

וואָרום פאַגראַמעוועט מען אונז? וואָרום שיסט מען אונז? אָט טאַקע דערפאַר, ווייל ווען מיר זיינען געווען מיט דער צורה, ווען מיר האָבען געהאַט אונזער צורה, ווען מיר זיינען געווען מיט'ן צורת אלקים, ווען דער איד, די צורה, האָט אויף זיך זיין צורה אויפ'ן קאָפּ געטראָגען אַ „של ראש", אויפ'ן האַנט אַ „של יד", אויפ'ן הארצען „ציצית", אַ „מזוזה" אויף דער וואַנט, פאָליצעס מיט ספרים, אויפ'ן זיבעטען טאָג „שבת" און ימים טובים, כשרות, טהרת המשפחה, א. ז. וו. האָבען מיר טאַקע אונזער צורה, אונזער „שלחן הצורה" געקאָנט האַלטען זיך מיט אַ מלוכה, אונזער שלחן הצורה איז בית המקדש, די צורה אונזערע אין „שלמה מלך ישראל'ס" צייטען, ער איז דאָך געווען אַ מלך אויף אַלע תחתונים און עליונים.

אָבער יעצט, מיין ליבער פריינד, אַז אונזער צורה איז צוהאַקט, אונזער צורה איז ניטאָ, אונזער פנים. דעם פנים פון אַ אידען זעהט מען ניט און מען דערקענט ניט קיין אידען. די קאָפּ אָהן תפלין, א. ז. וו., א. ז. וו. מיר זיינען צובראָכען אין גאַנצען אויף פיצ־פיצלעך, אויף ברעקלעך. אמת טאַקע, עשו איז אויך צובראָכען, אָבער דאָך, אַז מירביידע זיינען צובראָכען — ביידע, די צורה און דער חומר, ווער איז טייערער? האָט איהר דאָך געענטפערט גאָר פשוט — דער חומר. אָט איז אייער „תירוץ" אויף דעם. אַז מיר זאָלען אָנטהאָן צוריק אויף זיך די צורה, וועלען מיר וייטער שיינען אין בנין השלישי במהרה בימינו אמן.

כו.

געגאָסענעם גאָט

עס זיינען פאַראַן פיעלע מענשען וואָס זיי זאָגען, אַז צו דיענען גאָט דאַרף מען זיין פרעהלאַך, און פרעהלאַך קען מען זיין, אַז מען טרינקט משקה. איבערהויפּט ביי חסידים. אויף דערויף האָב איך געהערט אַ שעהנעם וויץ אויף די טרינק העלדען, אויף די משוגענע חסידים' אויב איהר מיינט, אַז דאָס איז כדי צו דיענען „השם יתברך", זאָג איך אייך אָן, זאָגט השם יתברך „אלהי מסכה לא תעשו לכם", איהר זאָלט קיין געגאָסענעם גאָט ניט מאַכען צו אייך.

כז.

האָט מיר קיין פּאַראיבעל ניט

אַן אָרימאַן איז אַריינגעקומען צו אַ גביר נאָך אַ נדבה. דער גביר זאָגט צו איהם: האָט מיר קיין פּאַראיבעל ניט, מיין טייערער, איך האָב ניט אייך צו געבען.

רופט זיך אָן דער אָרימאַן צום גביר: אַ מאָדנע זאַך מיט אייך פּאַסקודנע גבירים, איהר גיט מיר ניט, וואָס גאָט ב"ה גיט אייך, אום איהר זאָלט מיר געבען און איך טאָר נאָך קיין פּאַראיבעל ניט האָבען וואָס איהר פרעסט מיין געלד...

כח.

##ביידע איידימס כהנים

אַ קלוגער איד און אַ רייכער האָט מיר געבעטען אויב איך וויים פון אַ פּאָר גוטע בחורים, זאָל איך זיי איהם רעדען פאַר זיינע צוויי טעכטער, אָבער ביידע מוזען זיין „כהנים".

פרעג איך איהם ווארום איז דאָס דווקא כהנים, און איהר זייט ניט קיין „כהן"? פאַרשטעהט איהר מיך — ענטפערט ער מיר — קיין זוהן האָב איך ניט וועלען דאָך די איידימס צונעהמען מיין ירושה נאָך מיין טויט און דער שטייגער איז, אַז מען קריגט זיך ישוין פאַר דער ירושה, ווען דער „בר מנן" ליגט נאָך אויף דער ערד. אָבער אַז זיי וועלען זיין „כהנים" וועלען זיי דאָך זיך ניט קריגען לעבען מיין טויטען קערפּער. זיי טאָרען דאָך ניט אַריינגעהן, וועלען זיי זיך קריגען שפּעטער נאָך דער קבורה. (אַ שעהנעם תכלית האָט דער מענש פון זיין גאַנצע האָרעוואַניע)...

כט.

די רייכע און זייערע צדקות

אַ רייכער מאַן גיט געווים צדקה מעהר ווי אַ אָרימאַן, אָבער דער אונטערשיעד איז זעהר גרוים פון דעם מיטעלען קלאַס „צדקה

געבען" צו דעם רייכען קלאס. דער ארימאן גיט צדקה אויף ריכטיגע צוועקען: אויף „תלמוד תורות", „ישיבות", און וויכטיגע פאר־איינען. ארימע אונטערשטיצונג פאראיינען. דער רייכער פילאנטראפ גיט ח"י מאהל ח"י פאר אידען (אכצעהן מאל אכצעהן) און פאר גוים גיט ער מ"ת מאהל מ"ת (פיער הונדערט מאהל פיער הונדערט).

ל.

פאלשע טרעהרען

א יונגערמאן איז געשטארבען אין גאנצען פינף יאהר נאך זיין חתונה. דער קערפער ליגט אויף דער ערד. די ווייבעל ליגט אויף דעם בר מנן און שרייעט מיט קולות: אי! יאנקעלע וואו האסטו מיר געלאזען. וואס פארלאזטו מיר. זעה, מיין טייערער, בעט דאר־טען אויס, אז איך זאל אין גיכען קומען צו דיר. מיין טייערער, איך וועל שוין במילא ניט הייראטען. נאך אזא קרוין וועל איך ניט קריגען. איינער פון די „חברה קדישא", א קלוגער אידעל און א וויצלינג זאגט צו די איבעריגע, הערט רבותי ווי זי שרייט, אז זי וועט שוין קיינמאהל ניט חתונה האבען, אויב איהר ווילט וועל איך אייך ווייזען ווי פאלש דאס איז. זי מיינט עס ניט, וואס זי קלאגט און וואס זי זאגט. געה נאר, געה נאר, דו חכם, וואס דען מיינט זי. עס איז א קלאג צו איהר געבעך.

נו, אויב אזוי, וועל איך אייך גלייך ווייזען, אז איך בין גע־רעכט, ניט איהר זייט גערעכט. רופט ער איהר צו און זאגט צו איהר: הערט נאר יונגע ווייבעלע, וואס איך וועל אייך פרעגען. עס איז ניט קיין קלייניגקייט וואס איהר זאגט צו אייער מאן און מיר חברה קדישא דארפען עס וויסען. אויב איהר וועט ניט הייראטען דארפען מיר אנטהאן איהם זיינע „תכריכים" מיט'ן זוים ארויף, און אויב איהר מיינט יא הייראטען, דארפען מיר איהם אנטהאן מיט'ן זוים אראפ. וואס זאגט איהר? ענטפערט זי וויינענדיג — טהוט איהם בעסער אן מיטן זוים אראפ. (עס איז פאראן פיעל מאהל א מוסר וואו ארייננצופאסען דעם משל און וויטץ).

לא.

דריי מאָל אַ טאָג קאָמפּאָט

אַז אַרימער בעל מלאכה האָט געקריגען אַ גרויסע ירושה. יעצט, אַז ער איז רייך געוואָרען, האָט ער גאָר ניט געוואוסט ווי צו נוהג זיין זיך... איז ער אריין צו אַ גרויסען „גביר" אין הויז, זעהען וואָס זיי עסען, וואָס זיי טרינקען. ער איז געקומען ווען זיי האָבען געענדיגט זייער מיטאָג, און מען האָט דאָרט פאַרביסען מיט קאָמפּאָט, פלוימען מיט באַרנעס צוזאַמען געקאָכט. מען האָט איהם געזאָגט, דאָס רופט מען קאָמפּאָט. ער איז געקומען אַהיים, האָט ער זיין ווייב דערצעהלט וואָס די גבירים עסען, און דו זאָלסט אויסקאָכען אַ גרויסען טאָפּ קאָמפּאָט. אין דער פריה, צו ברעקפעסט, האָט מען גענעסען צו שיסלען קאָמפּאָט, דינער קאָמפּאָט, סאַפּער קאָמפּאָט, און אַזוי אַ פּאָר טאָג, ביז זיי האָבען אַלע גע־קראָג'ען אַ דורכפאַל...

אַמעריקאַנער, זייט ווייסען, אַז איהר זייט פונקט ווי יענער נייער אויפגעקומענער „גביר". שבת, תפלין, ציצית, כשרות, טהרת המשפחה, דאָס איז אונזער עיקר לעבען, דאָס איז דער עסען, דערצו איז דאָ אַ טייערער קאָמפּאָט פאַר אונז, „צדקה", דאָס איז אונזער פערבייסען, נאָכ'ן עסען, נאָך די אַלע מצות, דאָס איז אָבער גע־ווען פאַר אונז, ווען מיר זיינען רייך געוועזען, פון אונזערע על־טערענס צייט, ביז היינטיגע צייט. אָבער אַמעריקאַנער אויפגעקו־מענע „גבירים", איך מיין שלעפּערס, נאָר טהוען ווי יענער אויפ־געקומענער „גביר". האָסטו היינט תפלין געלייגט? ניין, ענטפערט ער, איך לייג קיין תפלין אין דער פריה בעפאָר ברעקפעסט, איך האַלט פון קאָמפּאָט! „צדקה". פרעג איך איהם בייטאָג, נו, מנחה? זאָגט ער „צדקה, קאָמפּאָט! נו „מעריב"? ווייטער קאָמפּאָט. אַ דורכפאַל האָט יעצט דער יודענטהום, ער איז קראַנק פון אַזוי פיעל עסען קאָמפּאָט...

די בימה

גאַנצע רעדעס אויף יעדען שבת

פון יעדער פרשה, פונקט ווי עס איז גערעדט
געוואָרען פון דעם מחבר אַליין, מאמרים,
משלים, אַפילו די „שיחת חולין".

יעדער ספר — אַ רעדע

נאָך דעם דרוש קומען משלים, ציצים ופרחים

פון דעם מחבר הרב הדרשן והמטיף המפורסם

יהודה ליב לאַזעראָוו

מחבר פון דברי יהודה, דגל יהודה, קול יהודה,
מטה יהודה, בית יהודה, אידישען רעדנער, ועוד.

חוברת ה'

RABBI L. LAZEROW

1541—78th Street, Brooklyn, N. Y.

ניו־יורק — תרפ"ד

לעוואַנט פּרעס
479
138 2־טע סט., נ. י.

חיי שרה

תניא רבי יהושע אומר נשא אדם אשה בילדותו ישא אשה בזקנותו, היו לו בנים בילדותו יהיו לו בנים בזקנותו, שנאמר בבקר זרע זרעך ולערב אל תנח ידך וכו'.
(יבמות ס"ב)

מיר האָבען געלערענט, „רבי יהושע" זאָגט, אַז דער מענש האָט אַ פרוי גענומען אין זיין יוגענד, זאָל ער אויך אַ פרוי נעהמען אין זיין עלטער. ווען ער האָט געהאַט קינדער אין זיין יוגענד, זאָלען אויך זיין צו איהם קינדער אין עלטער, ווייל דער „פסוק" זאָגט: אין דער יוגענד האָב קינדער... און אויף דער עלטער דאָס איז „ערב", זאָלסטו אויך ניט סטאָפּען (איך האָב געמוזט טייטשען ניט ווי די ווערטער צייגען).

איך האָף צו פאַרטייטשען דעם „מאמר", אַז איהר וועט זעהן, דאָס עס איז דער „ריינער פשט", און אַ זעלטענעם מוסר. ווען איך האָב דעם מאמר אַליין גערעדט, האָבען מיינע ווערטער געהאַט אַ גרויסען אָפּקלאַנג און מיט די גרעסטע צופרידענהייט, און אויך מיט אַ גרויסע באַגייסטערונג זיינען די הערער אַוועק פון שוהל.

בעפאָר איך וועל אָנפאַנגען דעם „מוסר השכל" וועל איך בריינ־גען איינינע „מאמרים" וועגען הייראַט, און וואָס אַ פרוי איז צום מאַן, די ריכטיגע פרוי, די „אשה כשרה", ווי גאָט האָט געבאָטען (איז ברכות ח'). אין „ארץ ישראל", ווען איינער האָט געהייראַט, האָט מען איהם געפרעגט „מצא או מוצא", „מצא" דכתיב „מצא אשה מצא טוב", „מוצא" דכתיב „ומוצא אני מר ממות את האשה". איך וועל קיין קשיות ניט פרעגען. עס איז שוין געפרעגט געוואָרען גענוג און דעם „מאמר" דאַרף איך אויך ניט פאַרטייטשען, ווייל אפילו חיים לאַטוטניק, וואָס קען קיין „קידוש" ניט מאַכען, ווייסט איהם אויסוועניג. צום פּונקט —

אמאָל, אַז איינער האָט גענומען אַ פרוי, האָט ער געזעהן, אַז זי זאָל זיין פון שעהנע עלטערען, אַ גאַנס פאַרכטיגע, און זי אַליין זאָל זיין אַ גוטע און אַ פרומע, זי זאָל איהם האַלטען אין אָרדנונג און ריכטיג, „על פי דת התורה“, די הויז. זי זאָל איהם קענען ערציהען זיינע קינדער „בקדושה ובטהרה“, דאָס איז געווען זיין צוועק. אָבער געלט, דאָס איז געווען אַ „טפל“. האָט זי איהם גע־בראַכט געלט אַביסעל, איז גוט, און אַז ניט, איז אויך רעכט.

היינט, איז דער „בחור“ מיט אַן אַנדער מיינונג. גאָר פאַר־קערט. דער גאַנצער תכלית איז נאָר געלט. די וועלכע ער וועט בע־קומען, די געלט וועלכע זי וועט מיטברייגנגען מיט זיך, דאָס איז דער „תכלית“. ווייטער אַרט איהם גאַרניט. איז זי „מחלל שבת“, נו, וואָס איז... עסט זי „טריפות“, וואָס אַרט עס איהם. זיינען איהרע עלטערען ניט אַזוי „מיוחס׳דיג“, ווייטער איהם אַ „דאגה“. קען מען דאָך פאַרשטעהן, וואָס פאַר אַ פרוכטען אַזאַ ביימעלע וועט ־רייינגען, ווען מען אַרט עס... נאָר דער עיקר געלט וואָס זי ברענגט מיט זיך. אין „ארץ ישראל“ פלעגען זיי דעם „חתן“ באַלד פרעגען, העט זיך איין, אויב ביי דיר איז געווען „מצא אשה“; דו האָסט גע־פונען דיין ריכטיגע „אבידה“ וואָס דו האָסט פאַרלאָרען פון דיין ריפ, ווי די גמרא זאָגט אין קדושין „משל לאדם שאבדה לו אבידה, מי חוזר על מי“ האָסטו עס געפונען, ווי גאָט האָט דיר געבאָטען, ניט געקוקט אויף געלט, „מצא“ דיין „מציאה“, דיין פאַרלאָרענע האָסטו געפונען, אַזוי ווי אָדם האָט גענומען חוה׳ן, געווים אָהן געלט, אַזוי האָט דאָך גאָט געוואָלט, און אַזוי ווי אָדם האָט געהאַט אַ שעהנעם מחותן... דאַן איז „מצא טוב“, אָדער — ביי דיר איז „מוצא“, ניט פון פריהער דיין פאַרלאָרענע וואָס דאָס בעדייטעט „מצא“, ער האָט געפונען, נאָר „מוצא“, דו געפינסט זיך אַליין אָהן גאָט, אָהן אַלעמען, „מוצא אני“, איך אַליין געפין. איך קוק ניט אויף „יחוס“, אויף אידישקייט, ווייל „את האשה“, דו קוקסט וואָס עס איז מיט דער „אשה“, דאָס וואָס זי ברענגט דיר אריין געלט, דאָס וועט זיין פאַר דיר „מר ממות“.

דו, מיין טייערער, וועסט שוין האָבען דעם גיהנם אויף דער וועלט, ווייל די חכמים זאָגען אין (שבת י״א) „כל רעה ולא אשה

רעה", אלע שלעכטס אויף דער וועלט איז ניט גוט, אבער מען קען דורך טראגען, אבער נאר ניט די שלעכטעס פון אן „אשה רעה" — (יומא ב') „ביתו זו אשתו", די פרוי ווערט גערופען „בית", ווייל זי איז די אויפהאלטערין פון דער הויז, און אויב מען קריגט די „מוצא" — זיי זיכער, אז עס איז א קלאג צו דיין הויז... (סוטה י"א) „בשכר נשים צדקניות נגאלו אבותינו", איהר זעהט וואס א גוטע פרוי קען אויפטאן גוטעס אויף דער וועלט, צוליב די נשים צדקניות פון מצרים זיינען אונזערע עלטערען אויסגעלייזט געווארען פון דארטען. (סוטה י"ז) „איש ואשה שכינה שרויה ביניהם, לא זכו אש אוכלתן", א מאן מיט א פרוי לעבען ווי גאט האט גע־באטען איז די שכינה צווישען זיי און אז ניט, ווערען זיי פאר־ברענט. זאגען ספרים, ווייל אין דעםווארט „איש", איז דא א יו"ד, און אין דעם ווארט „אשה" איז דא א ה"א, אט איז דער שם "יה„ ביי זיי — אבער אז זיי פירען זיך ניט גוט, דאן נעמט דער רבש"ע צו פון דעם מאן זיין יו"ד — ווערט פון „איש" „אש", פייער — און פון דער „אשה נעמט ער צו דעם ה"א ווערט „אש", פייער... (קדושין ע') „הנושא אשה שאינה הוגנת הוויין לו בנים שאינם מהוגנים" — דער וואס נעמט א פרוי ניט קיין אנשטענדיגע וועט ער אזעלכע קינדער האבען... (בבא בתרא ק"י) „הנושא אשה צריך שיבדוק באחיה", דער וואס זוכט א פרוי צום הייראטהען, בע־דארף ער נאכזוכען וועד איהרע ברידער זיינען. ווארום די מעהר־הייט קינדער געהען נאך נאך איהרע ברידער. (ווייל מען קען פער־שטעהן, אז איהרע ברידער זיינען גוטע, האבען איהרע עלטערען זיי געגעבען א גוטע ערציהונג, וועט זי אויך גוט ערציהען איהרע קינדער).

גליקליך קען זיך שעצען דער יעניגער, וועלכער האט אן אשה „יראת אלקים" — דאס איז א מאל געווען, ווען אידען זיינען גע־שטאנען אויף זעהר א הויכע שטופע, „מדרגה", דאן האבען די עלטערען געהאט דעם ערשטען ווארט וועגען א שידוך, און די עלטערען האבען געוויס פארשטאנען, וואס דער ריכטיגער גליק איז פאר זייער קינד. אבער היינט איז דער אומגליק גרויס, די אידישע „שידוכים" ווערען געטהאן אהן די עלטערען, און ביי די יוגענד איז קיין הייסע אידישקייט ניטא, זוכען זיי זיך אוים ריכ־

טיגע, ווי עס פּאַסט פאַר זיי. און אַז דער זוהן שלעפּט זיך אַרום מיט אַ מיידעל אייניגע יאָהר, די עלטערען ווייסען גאַר ניט ווער זי איז, פּלוצלונג קומט ער אריין און זאָגט זיין מאַמען, אַז ער איז פאַרהייראַט, שוין אין קאָורט. אויב די מאַמע ווייגט אוים ביי איהם די טובה, ער זאָל מאַכען אויך אַ חופּה ביי אַ רב, איז גוט, און אַז ניט איז אויך פאַרפאַלען...

פריינדע! מיר קענען אייך ברענגען הונדערטער „מאמרים", אבער וואָס וועט עס העלפען. ניט די מאמרים וועלען העלפען, און איך דיינק, אַז אפילו מיט מיין „דרוש" וועט עס אויך ניט העל־פען. עס איז גאַר פּשוט. וואָס זאָלען מיר זיך נאַרען. ווען איך שטעה אויפ'ן פּלאַטפאָרם און רעד, די שוהל איז געפּאַקט, וועמען האָב איך אין שוהל, אַלטע, אַבגעלעבטע אידען, זעהר ווייניג פון דעם יונגען דור. און אַז אין זונטאָג דרוש האָב איך שוין אַ פּאָר מנינים פון די אינגערע אויך, איז מעהר ווי העלפּט זיינען פער־הייראַט און פאַר די אייניגע איז „כקול קורא במדבר", נאַר צו וועמען רייד איך, פאַר וועמען שרייב איך, נאַר פאַר די פרומע עלטערען, וועלכע עס זיינען נאָך „בעלי בתים" איבער זייערע קינ־דער, אַז זיי זאָלען זעהן, איבערהויבט וואָס פאַר אַ שידוך זייער קינד טהוט.

אַז יצחק געזעגענט זיך מיט זיין זוהן יעקב, ווען ער געהט אוועק ביי „לבן", האָט ער איהם דאַן קיין זאַך ניט אַנגעזאָגט, נאַר „ויצוהו ויאמר לו לא תקח אשה מבנות כנען", ער האָט איהם פאַרזאָגט, דו זאָלסט ניט הייראַטהען פון די „בנות כנען" חס ושלום, ווען דו נעמסט אַ שלעכטע פרוי, אַ „געציין דינערקע", אָדער אַן אַנדער סאָרט, ניט קיין פרומע, דאַן יעקב מיין קינד ביזטו פאַר־לאָרען, און אויב אַ גוטע פרוי, דאַן ביזטו גליקליך.

דער גאַנצער אומגליק פון די יעצטיגע גייסטיגע לאַגע אין דעם יודענטהום איז נאָר די הייראַט. ווי „חושי הארכי" האָט גע־זאָגט צו „דוד מלך ישראל", „למה לא דרשת סמוכין", וואָרום האָסטו ניט געדרשנ'ט די ביידע דערבייאיגע „דינים" אין דער תורה פרשת תצא. וואו עס געפינט זיך דער „היתר" פון „יפת תואר" פאַנגט זיך אַן דער אַנזאָג פון „סורר ומורה" — ווייל דער וואָס נעמט אַ „יפת תואר" וועט די ענדע זיין אַז ער וועט האָבען

א „בן סורר ומורה“ — די חכמים מיט זייער „דרש“ דעם „סמוכין“ האָבען אונז געצייגט, וואָס פאַר אַ קינד קען געבאָרען ווערען פון אַזאַ ווייבעלע ווי די „יפת תואר“ איז, אַ געצענדינערקע, אַ גע־צוואונגענע צו לעבען מיט איהם, ווי די מאַמע אַזוי די קינדער... אַ שעהנע ערציהונג וועט זי געבען איהרע קינדער... איהר ווילט נאָך האָבען בעסער זאָל זי ערציהען, איז דען דער „שכל הישר“ אויף אַנדערש, אַז היינטיגער הייראַט איז אַזוי שלעכט, אַז זי ווייסט ניט, אָדער זי וויל ניט וויסען, די גאַנצע אידישע רעליגיאָן, זי איז פריי פון יעדער זאַך וואָס די תורה האָט איהר פאַרבאָטען. נו, ווי וועט אַזאַ „מציאה“ ערציהען איהרע קינדער...

דאַרום וואַקסען אויס אַזעלכע קינדער יעצטיגע צייט, אָהן „תורה“, אָהן „מצות“, אָהן „מדות טובות“, אָהן „דרך ארץ“. אפילו קיין זעלבסט רעספעקט. פשוט׳ע בויאַנעס, פיקפאַקעטס, גנבים „טרעמפּס“, און אפילו דער אייזעלער סאָרט, האַלב „מענש“, איז די אַנדערע האַלבע „חיה“, אפילו זייערע עלטערען דערקירצען זיי די יאָהרען.

און דאַרום ליידען מיר, דער גלות ווערט גרעסער, אין דעם שטעל, וואָס עס האָט געדאַרפט ווערען קלענער, ווייל די וועלט איז דאָך יעצט ציוויליזירט אויף דעם העכסטען גראַד... אַ פערד טאָר מען ניט צו פיעל מוטשען, אויב ער שלעפּט מעהר „משא“ ווי פיעל ער קען, ווערט אַרעסטירט זיין „בעל הבית“, פאַר היימ־לאָזע קעצס איז פאַראַן אַ „האום“, און פאַר דעם „עם ישראל“ איז גאָר קיין ציוויליזאַציאָן ניט פאַראַן, אַנטקעגען איהם זיינען די גרעסטע ציוויליזירטע פעלקער ווי „חיות רעות“, מיט די גרעסטע אומדערבאַרעמליכקייט, פאַגראָמען, רויבען, שלאַכטען מענ־שען ווי שעפּסטען, שענדען זייערע טעכטער פאַר די עלטערען אין די אויגען. אַמעריקאַ, די פרייע לאַנד, האָט שוין אַ פולע מאָס אַנטיסעמיטיזמוס. וואָס איז דאָס? פאַר וואָס איז דאָס? דעם תירוץ זעהט אין דער „תורה“, אין ביידע „תוכחות“ וועט איהר עס געפינען, „אם בחקותי תמאסו“ וגו׳.

ווען איך האַלט אין ריידען וועגען די אידישע לאַגע, וועל איך ציטירען פאַר אייך אַ מאָדנעם אומפאַרשטענדליכען מאמר חז״ל אין (ביצה), „ג׳ עזין הן: תרנגול שבעופות, כלב שבחיות,

ישראל שבאומות". איהר הערט, דריי „עזין" זיינען פאראן, דער האן פון די „עופות, איז אז „עז", דער הונט פון די „חיות" איז אז „עז" און דער איד ביי די „אומות" איז אז „עז". ווי זאלען מיר דא טייטשען דעם ווארט „עזין"? זאלען מיר זאגען אז „עזין" מיינט „שטארקע", איז דאך די פראגע וואס פאר א „בעל כח" איז דער האן? און אפילו דער הונט, איז ער דען דער שטארק־סטער פון די חיות? ניין, טויזענד מאל ניין: דער לייב איז שטארקער, אפילו דער וואלף אויך. און די ישראל ביי די „אומות" זיינען שטארק? אז אך און וועה ווי שטארק זיי זיינען. צוואנציג בויאנעס קוילענען אוים א שטאט פון פינף הונדערט אידישע „נפשות". אפשר ניין?

זאלען מיר זאגען, אז „עזין" איז דער טייטש „עזות'קייט", איז דאך א פראגע, ווארום האבען דאס מגלה געווען אונזערע חכמים פאר דער גאנצער וועלט, וואס וועלען די אנטיסעמיטען און סתם „שונאים" אונזערע זאגען, אז זייערע „חכמים" אליין האבען גע־זאגט אויף זיי, אז זיי זיינען א פאלק פון „עזות'קייט"... קענען אונז „אומות"?

נאר הערט און פארשטייט וואס איך וועל אייך דא ערקלערען, און איך האף, אז דאס איז דער „אמת", אז מיר האבען געלערענט אין דער „ישיבה" און די „בחורים" וועלכע האבען געוואלט דער־גיהן א צוועק, איבערהויבט ווער עס האט געוואלט ווערען א „מורה הוראה", דער האט גערארפט גוט הארעווען, עלף אזייגער, אדער צוועלף, איז מען אוועק אויף דער סטאנציע שלאפען, און מען האט געבעטען דעם „בעל הבית", אז עס וועט שלאגען זעקס אין דער פריה, זאל ער אויפוועקען, ווייל מען דארף זיך גרייטען צום „שיעור" וואס דער „גאון", דער „ראש הישיבה" דארף קומען און זעהען יעדערען זיין אויפטהאן אין לערנען. אלזא דער זייגער האט געהאלפען לערנען. ווען נים דער זייגער, וואלט מען ניט גע־קענט לערנען. דאס זעלבע האט דער זייגער געהאלפען דעם דאק־טאר, דעם לאיער, און זא ווייטער.

דאס איז יעצט, אז דער זייגער איז דא. וואס האט מען גע־טאן אז דער זייגער איז נאך ניט געווען? ווי האט דער „רב" גע־וואוסט ווען אויפצושטעהן, דער דאקטאר, דער לאיער, דער איג־

זשעניר, און זאָ ווייטער? דער „רב“ האָט געפונען אַן „עצה“. מיר מאַכען דאָך אַלע טאָג אַ „ברכה“ „הנותן לשכוי בינה להבחין בין יום ובין לילה“ — איך דאַנק דיר גאָט, דער וואָס האָט געגעבען דעם האָן פאַרשטאַנד אונטערצושיידען פון טאָג ביז נאַכט. דער האָן ווייס אפילו ליגענדיג אין סעלער אין די גרעססטע פינסטערניש, ווען דער מאָרגענשטערען הויבט אָן צו שיינען, ווען די זון שיינט אויף, אויף גוטע וועטער, און רעגען וועטער, און סתם שלעכטע וועטער, ווייס ער מיט איינינע שטונדען בעפאָר. ער ווייס יעדע שטונדע, אַזוי ווי דער זייגער. אָנן פאַרצייטען האָט מען געהאַלטען אַ האָן, איבערהויפּט די פּאַרמערס, און פון יעדען קריי פון האָן, האָבען זיי אַלעם געוואוסט. דער „רב“ האָט אָנגעבונדען דעם האָן „בכרעי המטה“, צו די פיסלעך פון זיין בעט, און דער האָן האָט שוין אָנגעזאָגט דעם „רב“ ווען ער דאַרף אויפשטעהן.

דער „רב“ איז טאַקע אויפגעשטאַנען, און ער האָט זיך גע־זעצט לערנען, און אריין אין אַ גאַנץ שווערען „עניין“, און דער האָן קרייעט ווייטער. יעצט קרייעט ער אַז עס וועט פּלאַצען דער פראָסט און עס וועט געהן אַ שנעה... און דער האָן לאָזט איהם ניט לערנען. ער צומישט איהם זיינע געדאַנקען. ווערט דער „רב“ אין „כעס“ און בינדט אָב דעם האָן פון בעט און וואַרפט איהם אַרויס אין דרויסען, און גיט איהם נאָך אַ בריק אויך דערצו... אָך אָרעמער האָן, דו טהוסט די „שליחות הבורא“ און דו קרייעסט, ווייל גאָט האָט דיר אַזוי בעשאַפען, מען זאָל זיך קענען בילדען דורך דיר, און דו ביסט דאָך אַזאַ טייערע בעשעפעניש אויף דער וועלט, „והא ראיה“, אַז מען מאַכט ספּעציעל אַ „ברכה“ פאַר דיר, און דו האָסט דאָך טאַקע אויפגעוועקט דעם „רב“. אַלעם ענדע געהט ער און וואַרפט דיר ארויס מיט אַ קיק אין דרויסען אין קעלט. אַ רחמנות אויף דיר, אָרעמער האָן, איך פיהל דיינע שמערצען...

דער האָן זאָגט צו מיר: מיין טייערער פריינד, איהר בעדויערט מיר דערפאַר וואָס איך מאַך דעם „ישיבה בחור“ פאַר אַ „רב“, דעם סטודענט פאַר דאָקטאָר, און זיי וואַרפען מיר ארויס אין

קעלט. איך האָב ווייס פון מעהר נידעריגקייט, פון אייער „רב", מיט אייער דאָקטאָר. ווייסט איהר מיט וואָס ער בעצאָהלט מיר, מיט טויט אויך. ער האָט אַ גאַנץ יאָהר געזינדיגט, און אַז עס קומט „ערב יום כפור" און ער וויל „תשובה" טאָן, בינדט ער מיר פאַר די פיס, און דרעהט מיר איבער זיין קאָפּ און זאָגט „זה חליפתי, זה תמורתי, זה כפרתי, זה התרנגול ילך למיתה ואני אכנס לחיים טובים וארוכים". קורץ, ער שלאָגט, דער שעהנער מענשעלע, מיט מיר „כפרות". ער זעהט איבער דעם „חלף" און שניידט מיר איין אין האַלז... און איהר ווייסט דאָך שוין, וואָס ער טהוט מיט מיר... איך קוק ווי אַ האָן אין „בני אדם" אין די מענשען קינדער און וואונדער מיך, סטייטש, „היתכן"? „היתכן" היינט, „היתכן" מאָר־גען, און אַט אַזוי איז עס...

יעצט הערט. עס איז דאָ נאָך אַזאַ סאָרט, וואָס האָט דעם זעלבען געצאָהלט ווי דער האָן. די היסטאָריע ווייסט גאַנץ גוט, אַז בעפאָר אידען זיינען געקומען אין שפּאַניען איז אַ גרויסע צאָהל, איז שפּאַניען געווען די אָרימסטע לאַנד. „ישראל" האָט דאָרט ענטוויקעלט דעם „מסחר" אַזוי גרויס, און די בילדונג, אַז שפּאַניען איז געוואָרען איינע פון די גרעסטע אין האַנדעל, איינע פון די העכסטע אין בילדונג, אידען האָבען איהר דערהויבען צו דער גרעס־טער שטופּע. אידען האָבען געמאַכט פון איהר די שעהנסטע לאַנד. אַלעס ענדע, אַז שפּאַניען האָט זיך אָרומגעזעהען, אַז „ישראל" האָט איהר שוין אויפגעוועקט, „ישראל" האָט איינגעפּלאַנצט אין איהר אַלעם גוטעס, ביזנעס, בילדונג. דער גאון און חכם „דון יצחק אברבנאל" און נאָך אַזעלכע, האָבען איהר דערהויבען צו דער גרעס־טער שטופּע, און אָבער יעצט, „ישראל" קריעט ווייטער. ישראל מאַכט אויך גוטע ביזנעס, און אַ „ישראל" עפּעס אַ מין האָן, פאַר־שייט טאַקע „להבחין בין יום ובין לילה". ער אָבער קאָנקורירט מיינע שפּאַניער אין ביזנעס, און ער געפעלט מיר יעצט שוין ניט.

וואָס דאַרף איך איהם האָבען. האָט מען געמאַכט „גזירות" אין שפּאַניען, מען האָט איהם ניט ערלויבט מעהר צומאַכען ביזנעס אין מאַדריד, נאָר אין אַ גהעטאָ, עפּעס פאַררוקט, אַרויס אין קעלט, נאָך אַ גרויסען בריקען מיט אַן אינקוויזיציע, נאָר מעהר ניט ווי דאָס נייז, נאָך ערגער. מען האָט אין גאַנצען געשלאָגען „כפּרות" מיט איהם... אַרויס געטריבען פון לאַנד. און מעהר ווי די העלפט אידען זיינען אומגעקומען... פּונקט ווי דער האָן... איז „ישראל". און אַזוי אין אַלע לענדער. (עס איז אוממעגליך אויסצושרייבען די פּלעצער וואו עס איז אַזוי געוועזען. ריידען קען מען, עס קאָסט אַביסעל געזונד, אָבער שרייבען און דרוקען נאָכהער, קאָסט געלד, און דאָס איז אַ זאַך וואָס עס פעהלט אידישע „מחברים"...)

ניטאָ אויף דער וועלט נאָך אַזאַ געטרייע חיה, ווי דער הונט. אַט דער „כלב" וועלכער היט אָב דעם „בעל הבית" זיינעם פון רויב, פון מאָרד, פון פייער און וואַסער. וואו איז אָבער זיין וואָהנונג? אין יאַרד, אין אַ קליינע שמוציגע „בודקעלע" און אַז די דינסט דערזעהט דעם „כלב" אַריינגעהענדיג אין פראָנט רום, גיט זי איהם אַ בריק, געה „כלב" פון דאַנען, איז דיין הייזקעלע, דאָ אין הויז איז ניט דיין אָרט.

„ג' עזין הן", דריי זאַכען זיינען די שטאַרקסטע אויף דער וועלט, דורכצוטראָגען אַזעלכע יסורים, און דאָך איז זייער מין דאָ אויף דער וועלט, מען קען זיי ניט פאַרניכטען, דאָס הייסט, שטאַרקן זיינען זיי גאָרניט, נאָר זיי לעבען אין צרות... דאָס איז „תרנגול שבעופות", דער האָן פון אַלע „עופות", ער בילדעט די וועלט, פאַר איהם, די „מתנה טובה", דאַנקט מען גאָט ב"ה, וואָס ער האָט איהם בעשאַפען אויף דער וועלט, ווייל ער וועקט אויף אַלעמען פון פינסטערען שלאָף, און נאָכהער וואַרפט מען איהם אַרויס אין דרויסען...

נאָך איין „עז". ער איז שטאַרק, וואָס שטאַרקער קען ניט זיין.

אריבערצוטראגנ אזוי פיל „צרות", וואס עס איז זייער גלייכענ ניטא קעגנ איהם, די גרעסטע נוצענ פאר דער וועלט ברענגט ער, דער טרייעסטער פונ דער וועלט איז ער, דער „כלב שבחיות", אונ זיינ לעבענ, זיינ אבקומעניש, דער נידעריגסטער גיט איהם א בריק. אט אזוי ווי זיי ביידע, איז „ישראל באומות", אנ „עז", שטארק, ווי די שטארקסטע פעלזענ. קיינ הארמאטענ האבענ „ישראל'נ" ניט פארניכטעט, אונ עס וועט איהם שוינ קיינ זאך ניט קענענ פארניכטענ. חאטש אליינ איז ישראל דער שוואכסטער. ער איז פונקט ווי דער האז, צו בילדענ, צו וועקענ פונ שלאף, צו געבענ די וועלט א תנ"ך, צו געבענ די וועלט דאקטורים, צו געבענ זיי לאַ־יערס, איינפיהרענ „מסחר", פארשטארקערענ די לאנד, וואו ער געפינט זיך, אינ פינאנס. אלעם ענדע, ארויס „ישראל"... אינ די גרעסטע קעלטענ, ארויס... אונ „כפרות" שלאגט מענ מיט איהם... ישראל איז געטריי דער רעגירונג, וואו ער געפינט זיך, ישראל צאהלט טעקסעס, ישראל קומט נאך אלע פאדערונגענ, וואס די מדינה פאדערט פונ אלעמענ, שטעהט ניט ישראל קיינמאל הינטער־שטעליג, ניינ, נאך בעסער ווי זייערע אייגענע. איז א „מלחמה" ווערענ ישראל'ס קינדער גענומענ מיט א גרעסערענ פראצענט, אונ זיינע קינדער ווערענ געשטעלט אינ פראנט צו דער „שחיטה", ישראל'ס קינדער צייכענענ זיך אויס, — אונ וואס איז נאך דער „מלחמה"? קומט א דינסט, א קאצאפ אונ מאכט א פאגראם, מענ וויל ניט ישראל אינ לאנד. א בריק ווי דעם "כלב": ארויס פונ דאנענ „ישראל", דיינ פלאץ איז ניט דא אינ דער פראנט רום, געה זוך דיר... אט אזוי איז „ישראל באומות".

ווארום איז דאס אבער אזוי? פאר וואס איז דאס טאקע אזוי? וואס וויל גאט ב"ה פונ „ישראל"? דער תירוץ איז אזוי: אז דו „ישראל" ביסט דער וועקער, ישראל דו וועקסט טאקע אויף אלע נאציאנענ, דו וועקסט זיי אויף צו „סליחות"... אונ דו „ישראל"

ליגסט זיך אבער שלאפען... אלעמען וועקסט דו אויף... דו האסט זיי געמאכט גלויבען אין איין גאט, און דו גלויבסט ניט אין גאט... אז דו וואלסט געגלויבט, אז גאט האט בעשאפען דעם הימעל און די ערד אין זעקס טעג, דעם זיבעטען טאג האט ער גערוהט, און ער האט דיר געהייסען רוהען, אז דו וואלסט געגלויבט, וואלסטו עס געטהאן, געהיט דעם „שבת קודש".

דו האסט אלעמען געגעבען דיינע „עשרת הדברות" און זיי פארגעטערען עס. זיי לערנען מיט די קינדער זייערע דיינע „עשרת הדברות", אבער דו „ישראל" האלסט דיינע „עשרת הדברות"? פרעג דיינעם א קינד, וואס געהט „בר מצוה" ווערען, פון די „עשרת הדברות", זאל ער דיר אבציילען זיי... און איהר ווייסט, אז דזשיי-קעלע, דער „בר מצוה באי", אדער „גוי", אז איהר זאלט איהם יעצט לערנען די „עשרת הדברות", וועט ער דעם טאטען פרעגען אויף יעדער איינע פון די „עשרת הדברות" אזא „קשיא", אז דער טאטע וועט איהם ניט קענען ענטפערען...

אט וועל איך אייך פארשטעלען: א פאטער גיט זיין דרייצעהן יעהריגען זוהן צו ערקלעהרען די „עשרת הדברות" און זיין בנ'אק איז א גאנץ קלוגער, ווי מען רופט עס אין אמעריקא, א „סמארט באי". מיין קינד, דו געהסט שוין באלד „בר מצוה" ווערען, ווייסטו כאטש די צעהן געבאט? מילא איך פארשטעה אז דו ווייסט ניט. קום איך וועל דיר זאגען די צעהן געבאט, וועלכע גאט האט אויף דעם בארג „סיני" געגעבען צו משה'ן.

פאטער: מיין קינד! די ערשטע געבאט איז וועלכע גאט האט געזאגט „אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים", דו איך, דו מוזט וויסען, אז איך בין דיין גאט וועלכער האט דיר ארויס-געצויגען פון לאנד מצרים.

זוהן: פאפא, טא וואורום דינסטו ניט דיין גאט, אזוי ווי די קריסטען דינען זייער גאט, אדער אנדערע פעלקער. איך זעה, אז

דער איטאַליענער געהט אַלע זונטאַג אין זיין טשווירטש, און דו געהסט ניט אין שוהל. זיי רוהען אַ טאַג, זייער זונטאַג איז ביי זיי פאַרשלאָסען די ביזנעס, און דו שטעהסט אין ביזנעס טאַג און נאַכט, שבת און זונטאַג?

פאַטער: די צווייטע געבאָט איז „לא יהיה לך אלהים אחרים וגו'", דו איך עס זאָל ניט זיין צו דיר קיינע פרעמדע געטער.

זוהן: פרעמדע געטער טאָר ניט זיין פאַר דיר... חאַ־חאַ־חאַ, איך מוז לאַכען. יאָ, עס טאָר ניט זיין קיין פרעמדע געטער, ניט האָלצערנע, ניט שטיינערנע, ניט קיין זילבערנע, ניט קיין גאָלדער־נע... זעהר שעהן פאַפאַ, וואָרום דינסטו צו דעם גאָלדענעם גאָט, דער „עגל הזהב", די געלט. טאָג ווי נאַכט נאָר געלט, נאָר געלט. דאָס ווייס איך, פאַפאַ, „יום כפור" ביזטו געווען מיט מיר אין שוהל, האָב איך געהערט ווי דער „רבי" האָט „געשפּיטשט, האָט ער גערופען די אידעלעך וועלכע זיינען ביזי טאָג און נאַכט פאַר דעם דאָלער, „עגל הזהב", די גאָלדענע קאַלב... פאַפאַ! טאָ וואָרום דינסט דו דעם „עגל הזהב"?

פאַטער: די דריטע געבאָט איז „זכור את יום השבת לקדשו", געדענק צו הייליגען דעם טאָג שבת... דו הערסט מיין קינד.

זוהן: נו, טאַטע, וואָס לערנסטו מיר די אַלע זאַכען וועלכע דו אַליין האַלסט ניט.

פאַטער: „כבד את אביך ואת אמך", האַלט עהרליך דיין פאַטער און מוטער, גיב זיי כבוד...

זוהן: אויב אַזוי, מיין ליבער פאַפאַ... וויל איך מעהר ניט הערען, און בעסער אַז איך ווייס ניט. זאָג מיר, טייערער פאַפאַ, וואָס איז מיט דיר דער מעהר. דו לערנסט מיר, און דו אַליין טהוסט עס ניט. איך מוז דיר זאָגען דעם „אמת", ווייסט דו דען ניט, ווי־פיעל דיין פאַפאַ האָט זיך געפּלאָגט און דו האָסט אפילו ניט גע־וואָלט איהם לאָזען איבערנעכטיגען אַ נאַכט, און ער איז דאָך גע־

שטאַרבען אין האָוס פאַר די אַלטע לייט. — אויב אַזוי, גער איך שפּילען אין באַל, ווי הערען דיר... — און ער איז אַרויסגעלאָפען.

„ישראל" מיין טייערער, וואָס איז מיט דיר דער מעהר. זעה ווי דו האָסט פאַרנאַכלעסיגט דיינע קינדער. זעה וואָס דו האָסט פון זיי געמאַכט, ניט קיין אידען, ניט קיין מענשען. ער קען נאָר דיר שפּרינגען אין די אויגען, און דאָס איז, ווייל דו האָסט פאַר־נאַכלעסיגט דיר אליין, דיין ווייבעלע וועלכע דו האָסט אַראָפּגע־בראַכט פון רוסלאַנד, דאָרט איז זי געוועזן אַ שעהנע טייערע אידישע טאָכטער, און דו ביסט געוועזן זיכער מיט איהר, אַז זי איז דיין פרוי, הייליג דיינע, אָבער דאָ האָט זיך דיין ציפּע באַלד אויסגע־גרינט און איז געוואָרען געל, אַז אַמעריקאַנערקע „לכל הדעות", זי האַלט מיט די קינדער, מעהר ווי מיט דיר. זי קען שוין מאַכען אַ טענצעל אפילו מיט אַן אַנדערען, און דיין גליק איז נאָך, אַז דו קענסט פאַר איהר מאַכען אַ לעבען, גענוג איהר געבען איהר פערלאַנג, אויף „מואווים", טהעאַטערס און מאַסקערייד בעלער, און זאָ ווייטער. אין זומער — קאַונטרי. האָב מיר נאָר קיין פאַראיבעל ניט, וואָס איך וועל דיר זאָגען צוויי מאָדנע זאַכען. ערשטענס, נאָך אַמאָל, דיין גליק איז, אַז דו בריננגסט אַ פעטע „פיידע", אויב ניט, איז אַז אַך און וועה צו דיר, דיין נאָמען וועט זיין „שלומיאל", אַ צורה וועסט דו האָבען ביי איהר, ווי דער „גולם" וואָס ליגט אין פּראָג... צווייטענס, בעט איך דיר נאָך אַמאָל אַז דו זאָלסט אויף מיר קיין פאַראיבעל ניט האָבען, פאַהר צו פאַרשטעלטערהייט אין קאַונטרי אין אַ פינסטערען אָווענד, מען זאָל דיר ניט דערקענען, און גער נאָך פון ווייטענס, טריט ביי טריט, מיט דעם מענשען, מיט וועלכען דיין ווייב געהט אַרום... שאַ — קיין פּיסטעל זאָלסטו ניט מיטנעמען, ווען „חס ושלום" דו האָסט יאָ אַ פּיסטעל, ווערסטו אַ מערדער, און פּילייכט דיר אליין וועט פליהען פון דיין פּיסטעל אין קאָפּ אַריין.

אַ ווייבעל האָסטו געהאַט אין דיין יוגענד, אין יענעם לאַנד... אבער דו האָסט ניט קיין ווייבעל אויף דער עלטער... „אפילו" זאַל זיין אַז זי האַלט זיך מאַראַל... אַבער עס איז ניט דאָס אייגענע ווייבעל דיינע. עפּעס געפעלסטו איהר ניט יעצט. דיין גרויסער זוהן, דער צוואַנציג יעהריגער, דער „מחלל שבת", „אוכל טריפות" און סתם אַ לומפּ, ניט קיין איד און ניט קיין מענש, איהם גלייכט זי בעסער, זי האַלט איהם פאַר מעהר מענש, ווייל זיין „פיידע" איז פופציג דאַלער וועכענטליך, און דו, פינף און פופציג יעהריגער טאַטע, ברייינגסט אהיים אַ „פיידע" אַכצעהן דאַלער, חוץ אין סלעק טיים. און דער, דער זוהנדעלע, גלייכט מעהר די מאַמען, ווייל ביי איהר איז אַלעס רעכט, און ביי דיר איז אפשר ניט רעכט וואָס ער טהוט. זי האָט פון איהר „תכשיט" מעהר פלעזשור, נו, וואָס דיינקסטו טאַטע זיסער, דו האָסט אויסגעפירט? זאָג איך דיר ניין! מיין ליעבער זיסער טאַטע. דיין פרוי האָט דיר געליבט אין דער יוגענד, אבער ניט אויף דיין עלטער. בעסער געזאָגט, אַ פרוי אַ געטרייע האָסטו געהאַט אין דער יוגענד, אבער ניט אויף דער עלטער.

זעה מיין טייערער זיך פיהרען אידיש, אליין זיין אַ איד, און זעהען אַז דיינע הויז מענשען זאָלען זיין טריי די אידישע רעליגיאָן און טראַדיציאָן, דאָן וועט דיין פרוי דיר זיין טריי אויף דער על־טער, ווי אין דיין יוגענד. זאָגט רבי יהושע „נשא אדם אשה בילדותו", אויב דער מענש האָט גענומען אַ פרוי אין דער יוגענד, און זי איז איהם טריי, און זי איז צו איהם ווי אַ פרוי דאַרף זיין, ווי די „תורה" האָט געזאָגט „והיו לבשר אחד", זעה מיין טייע־רער, זאָגט צו דיר רבי יהושע, אַז זי זאָל אויך זיין דיין פרוי אויף דער עלטער... „ישא אשה בזקנותו" אזוי ווי ער וואָלט יעצט איהר געהייראַט, זי זאָל אויך זיין אַ פרוי צו איהם אויף דער עלטער...

שטריינגער געזאָגט, אין אַן אנדער זין, וואָס אונזערע „רבנים",

„דרשנים“ שעמען זיך גאר צו ריידען, אויף דער „נבלה“ וואס עס ווערט יעצט „פראפאגאנדירט“ און געטאן, שוין אפילו ביי אונזערע שעהנסטע מענשען, מאן און פרוי באזינען זיך, און ריידען זיך אב צווישען זיך, מען זאל קיין קינדער ניט האבען מעהר ווי צוויי... וואס וואלטען אונזערע עלטערען געזאגט דערויף, ווען זיי וואלטען עס געהערט. זיי וואלטען אויסגע׳בטל׳טביידע „תוכחות“ (זאל עס בעסער פאלען אין טיפען ים), סטייטש, דאס איז דאך אזא „נבלה“...

איינער האט מיר געפרעגט, דווקא א קלוגער איד, מיר ווייסען דאך אז גאט צאהלט „מדה כנגד מדה“, טא זאגט זשע מיר, וואו איז די „מדה כנגד מדה“, וואס גאט האט אונז געשטראפט יעצטיגע צייט, אז מען לאזט ניט אריין אין אמעריקא, דעם איינציגען „ערי מקלט“ וואס מיר האבען נאך, נאר מיט א קליינעם צאהל... און עס ווערט אלץ ערגער און ערגער, און די עמיגראנטען פרעסער זוכען אלץ צו פארקלענערען די קוואטע... דאס איז דאך געוויס „מן השמים“. טא וואו איז די „מדה כנגד מדה“?...

יא, מיין פריינד, איך האב. איך דארף גאר ניט פיעל קלערען. זייט וויסען, אז די „חכמים“ האבען געזאגט „אין משיח בן דוד בא עד שתכלה כל הנשמות שבגוף“ — משיח קען ניט קומען, ביז אלע נשמות וועלכע געפינען זיך אין „חדר“ דארטען, וואס ער הייסט „גוף“, וועלען אראפ אויף דער וועלט אין קערפערס, און דער חדר וועט בלייבען ליידיג, דאן וועט קומען „משיח“. — נעווים שטייען אין ליין די „נשמות“ געבארען צו ווערען. „סעמי“ האט געהייראט מיט „קיידי“, זיי דארפען האבען זעקס קינדער, און אז אזוי וואלט זיין, וואלט זיך אויסליידיגען דער חדר „גוף“ — אבער אז סעמי מיט קיידי ווילען ניט האבען נאר צוויי, ווייל זיי מאכען א „קוואטע“ פאר די „נשמות“ ניט אריין צו לאזען, אין דעם „עולם השפל“, ווערט דארט א שטורעם, א געשריי, סטייטש,

ווי אזוי מאכט מען דאס אזא „קוואטע"... און צוליעב דעם קען „משיח" ניט קומען, אז זייער „טענה" קומט צום רבש"ע זאגט ער צו די „נשמות", איך קען גאר ניט העלפען, די „בחירה" איז אוועק־געגעבען געווארען צום מענשען, וואס זאל איך טהאן, נאר איך וועל זיי דערפאר אנלערנען, איך וועל מאכען א „קוואטע" פאר זיי אין אמעריקא, אז מען וועט סעמי'ס מאמען ניט אריינלאזען, און ניט קיידי'ס טאטען, זאלען זיי האבען „יסורים". וואס זאל איך טהאן, איך צאהל „מדה כנגד מדה".

איך ווינש דיר מיין ליעבער פריינד, אויב דו האסט געהאט א פרוי... אין דער יוגענד, זאלסטו אויך האבען די זעלבע גוטע פרומע פרוי אויף דער עלטער. ווען דיינע קינדער זיינען געווען קליין, האסטו געהאט קינדער. זיי זיינען דיר געהארכזאם געווען, זיי האבען נאך רעספעקט געהאט פאר דיר. דו האסט דיין לעבען אוועקגעגעבען פאר זיי. דו האסט, מיין טייערער פריינד, זיי גע־וואלט מאכען פאר מענשען. אבער ניט פאר אידען. (נאך מיין רעכענונג איז, אז ניט קיין אידען, זיינען זיי געווים ניט קיין מענ־שען), האסט געשטרעבט צו דעם גליק, אז דיין קינד זאל אויס־שטודירען כאטש „אינזשעניר", יעצט האסטו ניט קיין קינד, ער מאכט פון דיר „חוזק", ער לאכט פון דיר אין דיינע אויגען, ערגער ווי פון אן אלטען „שיכור", יעצט האסטו ניט קיין קינדער... ניין, דו האסט ניט. זיי שעמען זיך גאר מיט דיר...

דארום זאגט אונז אז רבי יהושע „היו לו בנים בילדותו", ווען עס זייענן געווען צו איהם קינדער אין דער יוגענד, ווען די קינ־דער זיינען נאך יונג געווען, זיינען די קינדער געווען ווי קינדער צו די עלטערען. כאטש עפעס ביי דעם וועג, זאל ער זעהען, אז „יהיו לו בנים בזקנותו", די קינדער זאלען צו איהם זיין קינדער אויף דער עלטער, ניט קיין „משחיתים", נאר קינדער טאקע, שנאמר „בבקר זרע זרעד ולערב אל תנח ידד", דא זאלט איהר מיר מעהר

פארשטיין, דאס וואס איהר לעזט, נעמט אין קאפ יעדען ווארט, ווענט איהר זעהן א „מוסר השכל" און איהר וועט ערשט פארשטיין, אויף וואס מיינע ווערטער האבען זיך געציעלט...

ווען ראובן טרעפט אן זיין פריינד שמעון. זיי האבען זיך שוין פון א צייט ניט געזעהען. פרעגט ראובן צו שמעון — ווי געהט עס? ענטפערט שמעון: גאט צו דאנקען, ניט שלעכט. האסטו נחת פון דיינע קינדער? דיין זוהן, דזשייק, איז עפעס א מענש? ווען ער איז צופרידען פון דזשייק. דזשייק איז א איד, דזשייק גיט אב „כבוד אב ואם", ענטפערט שמעון „גאט צו דאנקען", ווען דזשייק איז א שארלאטאן, דאן ענטפערט ניט שמעון אויף זיין פראגע, נאר ער גיט א מאך מיט'ן האנד, ער לאזט ארונטער זיין האנד, און א מאך אויף הינטער זיך. ער האט אוועקגעמאכט דעם אנט־ווארט מיט זיין האנד, ווי איינער זאגט, פרעג שוין בעסער גאר ניט. אוי, דאס איז האהצרייסענד, דאס איז שרעקליך, אז א פאטער זאל דאס דארפען אזוי אוועק מאכען מיט'ן האנד.

און דאס איז „ידוע", אז דעם מענשען'ס לעבען ווערט „על דרך המוסר" פארגעשטעלט ווי איין טאג, אז אזוי, פארשטייהען מיר, צוצוטהיילען דעם טאג נאך די יאהרען נאך, ביז דרייצעהן יאהר הייסט דער פרימארגען, ביי צעהן אזייגער. פון דרייצעהן ביז צוואנציג, עלף אזייגער, פון צוואנציג ביז פינף און דרייסיג איינס אזייגער, פון פינף און דרייסיג ביז פופציג דריי אזייגער, פון פופציג ביז זיבעציג די „שקיעה", „בין השמשות" און מען קען זאגען, נאכט, הייסט עס, נאכט, נאכט...

זעה, מיין פריינד, האדעווע אוים דיינע קינדער אויף אזא ארט, און ווען הייסט עס זאלסטו איהם לערנען, איינפלאנצען אין איהם אלעם גוטעס, „בבקר", אין דעם מארגענס, ווען דער קינד איז ביז דרייצעהן יאהר, „זרע זרעך", זייע דיין זייאונג, דאס הייסט, פלאנץ איין אין דיינע קינדער גוטע „זריעה", טייערע ליעבע מדות,

אז „ולערב“, ווען עס וועט קומען די נאכט, אויף דיין עלטער, „אל תנח ידך“, זאלסטו ניט דארפען אוועקלייגען דיין האנד אן א זייט, אהינטער — — — — — —

טייערע פריינד, איך פון מיין זייט מוז אייך באמערקען, אז איך בין „יוצא לכל הדעות“ — איך האב אין מיין לעבען געווידמעט פאר מיין פאלק, וואס נאר מעגליך איז געווען, און אפילו וואס ניט מעגליך איז געווען. מיינע „דרשות“ אויף דער הייליגער „פלאט־פארם“, איז אימער געווען הייליג און טייער, מיט מיינע לעצטע קרעפטען האב איך געארבייט, אין דעם „אמת“ ריטכיגען זין, אין אידישען זין, אימער פאר „חנוך הבנים“. איך האב געהאט גענוג שאדען און פערלוסטען אין געלד צוליעב דעם. ווער האט געמאכט אזוי פיעל „ספרים“ אין אזא סטיל ווי איך? און איהר דיינקט אז צוליעב ביזנעס, קען איך זאגען דעם „אמת“, אז א אידישער „מחבר“ לייגט צו צו א ספר, אלזא האב איך געטהאן מיינס. איך האב געוועקט דעם עולם, הלואי וואלטען מיינע רייד ווירקען און מיינע ספרים זאלען אויפטהאן וואס איך דיינק... דאס וועט זיין מיין „שכר“.

משלים, ציצים ופרחים

לב.

די צוויי ברידער

צוויי ברידער האבען געוואוינט אויף דעם „הר המוריה“ מיט פינף הונדערט יאהר בעפאהר דער ערשטער „בית המקדש“ איז געבויעט געווארען. זיי האבען צוזאמען געהאט לאנד, צוזאמען געארבייט די פעלדער, צוזאמען געשניטען און געבונדען די גארבענס תבואה, און זיך אימער גלייך טיילען צו גלייכע טייל. זייער פריינד- און גלייך זיך אימער טהיילען, צו גלייכע טהייל. זייער פריינדשאפט איז געווען אן אומנאטירליכע. דער עלטערער האט געהאט ניין קינדער, דער איינגערער, אין גאנצען אהן קינדער. איין מאל האט זיך דער איינגערער ברודער אויפגעכאפט אין מיטען נאכט, און מעהר ניט געקענט איינשלאפען. ניט שלאפענדיג אין מיטען נאכט, איז דער שטייגער, קלערט זיך, מען קלערט, מען דיינקט, מען דערמאנט זיך אזעלכע זאכען, וואס עס איז גלייכער אז עס זאל בלייבען אין דער פערגעסענהייט. און אמאהל דיינקט מען פון גוטעס, ווי גוטעס צו טאן, ווי זיך אויסצובעסערען די „מעשים“, וואס מען פערשטייט, אז עס איז ניט ריכטיג געטהאן געווארען. דער איינגערער ברודער, אט אזוי ניט קענענדיג שלאפען ווידער, און פון פיעל דיינקען, איז ארויף זיינע געדאנקען אויף זייער ביזנעס, און ער האט זיך גענומען בערעכענען: אה, ניט גוט טוה איך מיט מיין ברידער, איך מוז אריין אין דער לאגע פון מיין ברודער. ער האט ניין קינדער מפרנס צו זיין, און איך בין אהן קינדער. איך דארף א סך וויינינגער פון איהם. ווי אזוי קען איך נעהמען א גלייכען טהייל מיט איהם. אה, ניין! איך טאר עס ניט טהאן.

און אזוי קלערענדיג, איז ער אויפגעשפרונגען פון בעט מיט

א „שמחה״: איך האָב אַ פּלאַן. זאָגען איהם, אַז ער זאָל נעמען אַ גרעסערען טהייל, איז אומזאָנסט מיין מיה. נאָר דעם פּלאַן וגאָס איך האָב, דאָס איז אַן אַנטיק. איך געה שוין. און אַלע נאַכט וועל איך אַזוי טהאָן. ער האָט זיך אָנגעטהאָן און ער איז אַוועק אויף דעם פעלד, און ער האָט גענומען איבערטראָגען פון זיינע הונדערט באַנדעלס ווייץ צו די באַנדעלס פון זיין עלטערען ברודער, און אַזוי האָט ער צוואַנציג באַנדעלס איבערגעטראָגען, און ער האָט זיך צו־געזאָגט, אַז מאָרגען אַוועגד וועט ער איבערטראָגען די אַנדערע סאָרטען תבואות... אום זיין ברודער זאָל האָבען הונדערט און צוואַנציג, און ער אַכציג.

אין דער זעלבער נאַכט, נאָר מיט אַ שטונדע שפּעטער, האָט זיך דער עלטערער ברודער אויפגעכאַפּט, און אויך אַזוי געקלערט, און קלערענדיג האָט ער זיך באַזינען, אַז ער טהוט ניט גוט מיט זיין ברודער, ווייל זיין ברודער איז דאָך אַהן קינדער, ווער וועט איהם געבען אויף דער עלטער. ער איז דאָך נעבעך ווי אַ שטיין. אָבער — זאָגט ער צו זיך — איך האָב דאָך ניין קינדער, זיי וועלען מיר „מפרנס״ זיין. ער איז אויך געפאַלען אויף דעם זעל־בען פּלאַן, און ער איז אַוועק צו דעם פּלאַץ, וואו די באַנדעלס ליגען, און ער האָט גענומען טראָגען פון זיינע צו די גאַרבען פון זיין ברודער, און אויך איבערגעטראָגען צוואַנציג באַנדעלס, זאָל ער האָ־בען הונדערט און צוואַנציג, און מיר וועט זיין גענוג אַכציג.

אויף מאָרגען, אַז זיי זיינען אין פעלד געקומען, האָט דער על־טערער איבערציילט זיינע גאַרבען און ווי ערשטוינט איז ער גע־וואָרען, אַז עס איז דאָ די צאָהל, ווי בעפאָר דעם איבערטראָגען. דאָס זעלבע דער אינגערער, ער ציילט איבער און ער האָט אויך די זעלבע צאָהל הונדערט. סטייטש, ער האָט דאָך איבערגעטראָגען צוואַנציג... זיי געהען ביידע ארום ווי צודולטע... און ריידען דער־פון קען מען דאָך ניט...

די צווייטע נאַכט ווידער אַזוי... דער אינגערער כאַפּט זיך אויף צוויי אַ זייגער ביינאַכט און ווייטער אַזוי געטהאָן... דער עלטערער, דריי אַזייגער און טוט אויך דאָס זעלבע... און ווידער איז יעדען באַזונדער געווען די צאָהל גלייך...

די דריטע נאַכט, האָט זיך דער אינגערער פאַרשפּעטיגט מיט אַ שטונדע. ער איז געקומען אויף דעם פּלאַץ פון זיינע גאַרבען, אין דער צייט ווען זיין עלטערער ברודער איז געווען ביי זיינע גאַרבען, צו טראָגען צום אינגערען. דער האָט גענומען צעהן גאַרבען, דער אַנדערער צעהן גאַרבען, און געגאַנגען. איינער זעהט ניט דעם אַנדערען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט, ביז זיי זיינען זיך צוזאַמענגעקומען. פאַר שרעק, ניט וויסענדיג וואָס דאָ קומט פאָר, האָבען זיי אַוועקגעוואָרפען די גאַרבען, און אַ שטימע פון דעם אינגערען איז אַרויס: אַך, גאָט! דער עלטערער האָט דער־הערט זיין ברודער'ס שטימע, אַך שמעון, וואָס טהוסטו דאָ אין מיטען נאַכט? אַך, ראובן, ווי קומסטו אַהער אין מיטען נאַכט? און יעצט זיינען זייערע הערצער אַזוי פאַרקלעמט געוואָרען פון „שמחה" און „צער" — און זיי האָבען זיך ארומגענומען און אַזוי שטאַרק צוואוויינט... שרייענדיג: יעצט ווייס איך ווארום דער צאָהל איז געווען דער זעלבער... און זיי האָבען שרעקליך געוויינט אויף ד העלזער, איינער אויף דעם אַנדערען... און עס איז אַרויס אַ קול פון הימעל, אויף דעם פּלאַץ פון די צוויי ברידער מוז געבויט ווערען דער „בית המקדש". (צוצופּאַסען דעם משל איז פאַראַן אויף הונדערטע אופנים).

לג.

אוים ברודער

מען האט מיר אמאהל געפרעגט, וואס איז די אורזאכע, אדער מנהג, ווען איינער שטארבט, און בעפאר מען שיט ארויף די ערד אויף איהם, זאגט מען איהם אב פון דער „חברה“, האט מען דען „מורא“ טאמער ציהט ער נאך בענעפיטס פון דער „חברה“?

וואס פארשטעהט איהר ניט? מיט זיין טויט הערט ער דאך אויף צוצאהלען, און אין אמעריקא, אז איינער בעלאנגט אפילו פופציג יאהר צו א חברה, און אלע מאל געצאהלט, און אויף דעם איין און פופציגסטען יאהר האט ער דעם קווארטאל בייטרעגע ניט געצאהלט, איז ער אוים מעמבער... אזוי דער טויטער, ווייסט מען דאך, אז ער האט אויפגעהערט צו צאהלען, זאגט מען איהם אן, אז ער איז אוים ברודער...

לד.

ער קלייבט געלד

אויף א קארגען גביר זאגט מען: ער האט אנגעקליבען א סך געלד. — איך זאג, ער האט ניט אנגעקליבען. אז ער וואלט געקלי־בען, וואלט ער ניט געהאט. (קלייבען: די איז „כשר“ און די איז ניט „כשר“) ער האט גענומען ווי עס געהט...

לה.

וואונדערליכע צוויי זאכען

צוויי זאכען איז פאראן, א נאמען האט עס, און עס האט נאך קיינמאל ניט עקזיסטירט, און דאס איז „אמת“ און א „סוד“...

די בימה

גאַנצע רעדעס אויף יעדען שבת

פון יעדער פרשה, פונקט ווי עס איז גערעדט
געוואָרען פון דעם מחבר אַליין, מאמרים,
משלים, אפילו די „שיחת חולין".

יעדער ספר — אַ רעדע

נאָך דעם דרוש קומען משלים, ציצים ופרחים

פון דעם מחבר הרב הדרשן והמטיף המפורסם
יהודה ליב לאַזעראָוו
מחבר פון דברי יהודה, דגל יהודה, קול יהודה,
מטה יהודה, בית יהודה, אידישען רעדנער, ועוד.

חוברת ו'

RABBI L. LAZEROW
1541—78th Street, Brooklyn, N. Y.

ניו־יורק — תרפ"ד

לעוואנט פרעס

479

138 2־טע סט., ניו יארק

פרשה תולדות

„אם יאמר לך אדם אית אלהיך, אמור לו, בכרך גדול שברומי" (ירושלמי).

אויב אַ מענש וועט צו דיר זאָגען וואו איז דיין גאָט, זאָג איהם, אז דיין גאָט איז אין דער גרויסער שטאָט רוים. אַ וואונדערליכער „מאמר", גאָט איז אין רוים! אָבער ניט אין דער גרויסער שטאָט ניו יאָרק? אויך ניט אין לאָנדאָן? און אין נאָך אַזעלכע שטעט. איי, גאָט איז דאָך „מלא כל הארץ כבודו" — ?

איך וועל דאָ אייך זעהר גוט אָרומרעדען אַ „מאמר נפלא", „בעזר השם יתברך שמו", „אמרו ליה פפונאי לרב מתנה, מצא קן בראשו של אדם מהו אמר להם דכתיב ואדמה על ראשו" (חולין קל"ט). די „פפונאי" האָבען געזאָגט צו רב מתנה, ווען אַ מענש האָט געפונען איין נעסט מיט פייגעלעך אויף דעם קאָפּ פון אַ מענשען ווי איז? דאַרף ער מקיים זיין „שלח תשלח את האם ואת הבנים תקח לך" אָדער ניט? האָט ער זיי געענטפערט „ואדמה על ראשו". דער מענש איז אַליין אַזוי ווי ערד... חוץ וואָס דאָס איז אַ „דין", וועל איך דאָך טרייען אין „מוסר" אָרומרעדען דעם „מאמר".

עס ווערט דערצעהלט, אַז אַ וואָלאָזענער „בעל הבית" איז אריין צו הגאון ר' איצעלע זצ"ל צו זייער רב פון וואָלאָזין, און האָט איהם געפרעגט אַן „עצה". „רבי"! אַזוי ווי מען רעט מיין טאָכטער אַ שידוך מיט אַ „בחור" אַ „מופלג גדול" און אַ „חכם" אין וועלטליכע זאַכען, און ער איז אַ שעהענער, אויך איז ער אַ מיוחס, נאָר מען זאָגט אויף איהם, אַז ער איז אַ ביסעלע פאַר־שטאָכען, דאָס הייסט ,ער האָט אינסייד, אין איהם אַביסעלע „אפּיקורסות". אויסוועניג זעהט זיך גאָר ניט, אַז ער זאָל זיין אַן „אפיקורוס. „רבי"! זאָלען מיר טהאָן דעם שידוך אָדער ניט?

רבי איצעלע האָט אויסגעהערט זיין פראַגע, דאַן זאָגט ער

צו דעם בעל הבית, זיי דו א ווײלע דער וואלאזענער רב און איך בין א בעל הבית פון וואלאזען, און איך וועל דיר אן עצה פרעגען. הער זיך צו, מיין זוהן, קענסטו דאך, הא? און מען רעדט איהם א שידוך מיט זעהר א שעהנער גראַטענער מיידעל פון גרויסען „יחוס" און מען גיט צוואנציג טויזענט רובעל „נדן", נאר מען זאגט, אז די מיידעל איז א ביסעלע שוואַנגער. ערשט א צווײ מאנאט, ניט פיעל שוואנגער, נאר א ביסעלע, וואס זאגסטו? זאל איך טהאן דעם שידוך אדער ניט?

שטייטש! רבי! וואס הייסט, ווי אזוי קענט איהר עס טהאן אזא סארט שידוך? זי איז א ביסעלע שוואנגער, אבער עס וועט דאך קומען די צייט, וועט זי דאך געבוירען, ניין רבי! איהר קענט אזא שידוך ניט לאזען אייער זוהן זאל עס טהאן.

איצט, זאגט דער גאון ר' איצעלע, איך בין ווידער דער רב און דו ביזט דער „בעל הבית". אט דאס וואס דו האסט מיר געענטפערט איז דיין ענטפער. ניין! ניין! מיין ליבער איד, ווייל אמת טאקע, אז ער איז א ביסעלע פארשטאכען אינעווייניג, ער שוואנגערט מיט די „אפיקורסות", ער וועט געבוירען „אפיקורסות". עס וועט זיך ארויסווייזען שפעטער...

ווי די חכמים זאגען „כל מיחוש ולא מיחוש ראש" (שבת י"א) אלע קראנקהייטען איז ניט גוט, אבער נאר ניט קאפ קראנקהייט. אין א העכערען זין, וואס א מענטש טוט, שלעכטס איז ניט גוט, אבער אויב ער איז נאך כאטש ניט „משוגע". די קאפ זיינע איז נאך ניט פארזינדיגט. דאס הייסט, אז ווען ער טהוט אן „עבירה", וואס פאר אן „עבירה" איז דאך גיט אזוי געפעהרליך, ווייל ער וועט זיך אמאל אפקיהלען פון „יצר הרע" היץ און וועט דאך ווערען בעסער, אבער נאר ניט קיין „אפיקורסות" „מינות", דאס איז שלעכט, פארפאלען, אפילו נאר אביסעלע, ווען ער שוואנגערט מיט „מינות", זיין וועהטאג, איז שוין איז קאפ, דאן איז ביטער. ער קלערט אז קיין גאט איז ניטא, אדער „שכר ועונש", אדער „תחית המתים", אויב ער האט שוין א „מיחוש" אין זיין מוח, דאן איז שוין ביטער, שלעכט, וואס שלעכט הייסט. „כל מיחוש" איז ניט

גוט... אַלע וועהטאָגען איז ניט אָנגענעהם, אָבער „ולא מיחוש ראש" נאָר ניט קאָפּ „מיחוש", „אַפּיקורסות", „מינות".

אויף אַלע „עבירות" קען אַמאָל דער „דרשן", דער מטיף, מאַכען אויף איהם אַ ווירקונג, אַז ער זאָל ווערען אַ „בעל תשובה", אָבער ניט דעמיענינגען וועלכער עס האָט שוין דעם מיחוש אין קאָפּ. ניין! איהם ווירקט שוין ניט אַפּילו, ווען מען זאָל איהם האָבען אין שוהל ביי דעם רעדען. עס קען זיין, אַז דאָס האָבען געפּרעגט די „פּפונאי" צו רב מתנה, מיט אַ גאַנץ קורצע „הקדמה", די וועלט זאָגט אויף אַ היינטיגען, דער וואָס וואַרפט אַוועק די "תורה" און אַלע איהרע געבאָט, אַז ער איז אַ פרייער פויגעל. אָט דער, זאָגט מען, איז שוין אין גאַנצען אַ פרייער פויגעל. דאָס זאָגען די „פּפינאי" צו זייער נייען „רב" און גרויסער „דרשן", רבי! מיר ווייסען אַז די אַלע בעלי „עברות", די אַלע פרייע „פייגעלעך", קען דער גרויסער „דרשן" העלפען. אָבער מיר ווייסען ניט, אויב אַז אַ מענשעלע, וואָס „מצא קן בראשו של אדם", אַז דער „דרשן" האָט געטראָפען אַזאַ סאָרט, וועלכען עס איז איין נעסט פון פרייהייט, אין זיין קאָפּ, דאָס איז שוין אַ „מיחוש ראש" ביי איהם, ער לייקענט אין גאַנצען, ער זאָגט עס איז „חס ושלום" קיין גאָט ניטאָ, „מהו" ווי איז מיט דעם, דיינקט איהר אַז איהר קענט אַזאַ „חברה"-מאַן ברייננגען צום גלויבען, און איהם געזונד מאַכען זיין „מוח" דעם פאַרקרימטען, וואָס דיינקט איהר, „רבי", איז דאָס מעגליך, אָדער ניט?

ענטפערט זיי „רב מתנה", הערט מיר צו וואָס איך וועל אייך זאָגען: ניין, מען קען מיט די „חברה" גאָר ניט מאַכען, פאַרפאַלען, „ואדמה על ראשו" ביז עס וועט זיין אַרויפגעשאָטען אויף זיין קאָפּ די ערד און ער וועט שוין ליגען אין זיין „קבר" און „אַפילו" אין „קבר" ליגענדיג איז ער נאָך קיין „בעל תשובה" ווי דער תלמוד זאָגט אין („עירובין" י"ט) „רשעים אפילו על פתחו של גיהנם אינם חוזרין", די „רשעים" „אַפילו" זיי זייענען שוין ביי דער טהיר פון גיהנום קערען זיי זיך נאָך ניט צוריק פון זייערע געדאַנקען און ווערען גאָר ינט בעסער.

נאָר, מיינע טייערע „פריינד", איך דיינק אָבער, אַז דאָס איז

געוועזען אמאל, דאס הייסט פארצייטיגע „אפיקורסים“ אבער ניט היינטיגע. איך דיינק גאר אז עס איז אין יעצטיגער צייט גאר קיין אפיקורסים פאראן, ניין, ניט איך דיינק, נאר עס איז טאקע גאר ביינאהע ניטא. זאלען מיר זעהן: ווער הייסט איין „אפיקורוס“? ווענען קען מען געבען דעם טיטול „אפיקורוס“? אז מיר ווילען בעטראכטען, וועט איר אליין זעהען, אז עס איז ניטא קיין אפיקורוס אין היינטיגע צייטען. איך האב גאר קיין מורא ניט פאר אייך צו זאגען, אז אין גאנץ ניו־יארק, פון א מיליאן מיט א האלב אידען, איז דא איינער אדער צוויי, פיליכט דריי, וואס מען קען זיי רופען מיט'ן טיטול אפיקורוס.

א פארצייטיגער, א גרויסער תלמוד'יסט, דערצו א גרויסער העברייער און א קענער אין אכט שפראכען, און א באלעזענער אין אלע „השכלה“ „ספרים“, אז ער האט אנגעהויבען קריגען א „מיחוש“ אין קאפ, אט איהם האט מען באטיטולט מיט דעם טיטול „אפיקורוס“. אבער א היינטיגער ביגלער, און נאך אזעלכע, די וועל־כע קענען „אפילו“ ניט קיין ברעקעל „עברי“, און פרעגט איהם די אידישע היסטאריע, אדער פון וואס פאר א פאלק די היסטאריע, וועט ער אייך אנקוקען ווי דער האן אין בני „אדם“. ער קען „אפילו“ ניט ריכטיג איבערלעזען דעם ראדיקאלען צייטונג, וועלכען ער לעזט „אפילו“, אבער מיט זיבען גרייזען אין יעדער ליין. שרייבען קען ער „נח“ מיט זיעבען גרייזען. און דער זאגט, אז עס איז קיין גאט ניטא. דעם יונגעל ווילט איהר א טיטול געבען „אפיקורוס“, „חס ושלום“, דער הייסט פשוט א „בהמה“, א פערד, א הונט, אדער גאר א ציקענדע „חיה“. דאס איז ניט קיין „אפיקורוס“, ניין! פריינד, איהר מעגט זיין אין כעס אויף מיר, — דאס איז ניט קיין אפיקורוס, נאר, נאך אמאל, א „בהמה“ אדער אפילו קיין „בהמה“ אויך ניט . . . מיט יענעם „אפיקורוס“ האט מען גאר ניט געטארט ריידען, סיידען אזא מענש, וואס ער האט געקענט אויספאלגען וואס די „חכמים“ האבען אנגעזאגט דעם „ודע מה שתשיב לאפיקורוס“. אבער היינטיגע, היינטיגע „בהמות“ אין מענשען־געשטאלט. ווייטער בהמה רוף איך זיי, ניין, נאר „חיה“, נאר א צוקענדע „חיה“ איז ער, ער בעהאנדעלט אפילו זיין מאמען

ווי א „חיה". מיט דעם „נבזה" צו ריידען דארף מען האבען „רב מתנה„ ? ניין, פאר איהם איז ניט דער „מאמר" „ודע מה שתשיב", נאר וואס דען ? אט הערט וועל איך אייך זאגען, נאר בעפאר וועל איך נאך א „מאמר" פארטייטשען און באפוצען מיט א משל, וועט איהר זעהען וואס מען דארף מיט זיי ריידען און ווי מען דארף מיט זיי ריידען, און אמאל קען די „חיה"-קאפ זיך אויס-בילדען און ווערען א מענש.

די גמרא זאגט (עירובין נ"ד) : „חש בראשו יעסוק בתורה" וכו" שנאמר וכו" „חש בגרונו יעסוק בתורה" שנאמר וכו" „חש כל גופו יעסק בתורה" שנ"א וכו' איך האב א סך יאהרען ניט פאר-שטאנען דעם „מאמר", אבער גאר ניט, אז איינער האט א גרויסע שטארקע קאפ-וועהטאג, ווארום ער זאגט דאך ניט וויפיעל עס טהוט איהם וועה די קאפ, יענער נעבעך קען אפילו ניט זיצען, ניט ליגען, זאל ער נעמען א „גמרא" און לערנען. איך פארשטעה ניט, איז עס מעגליך ? קען דאס זיין ? קען ער דאן לערנען, אז די האלז טהוט איהם וועה, זאל ער לערנען ? אז דער גאנצער קערפער איז קראנק, ער ליגט נעבעך אין א היץ, אדער אן אנדער קראנקהייט, זאל ער זיך זעצען לערנען „חושן משפט", אדער נאך אזעלכע „למודים" ? וואס זאגט איהר, איז דאס מעגליך ?

איך וועל דא ברייגגען א ריכטיגע פאסירונג, וועלכע האט פא-סירט אין ווילנא. א גרויסער גביר האט געהאט אן איין-איינ-ציגען זוהן, א „מושלם בכל המעלות", אז ער איז אלט געווארען אכטצעהן יאהר, איז ער נעבעך געשטערט געווארען און ער האט באקומען א „משוגעת", ער האט זיך איינגערעדט אז ער איז א האן. אין אנפאנג פון זיין קרייגק איז נאך ניט געווען אזוי געפערליך, ווייל ער האט מעהר ניט ווי א פאר מאל דורכ'ן טאג געקרייט ווי א האן. ער האט זיך אפילו ניט געשעמט, אז עס פלעגען זיצען ביים טיש געסט, און ער אליין פלעגט גאנץ פיין זיך פארברייגגען מיט זיי. אין מיטען דערינען פורפלאט אויסשרייען : איהר ווייסט דאך געוויס, אז איך בין א האן. דאן פלעגט ער אויספאטשען איי-ניגע מאל מיט זיינע הענט און אנפאנגען קרייען : קוקע-ריקו —

אזוי אַ גאַנצע צעהן מאָל. דאָס פּלעגט טרעפען אַ פינף מאָל דורכ'ן טאָג.

דער רייכער פאָטער האָט פאַר איהם געבראַכט די גרעסטע פּראָפעסאָרען. ער האָט געשאָטען געלט „כחול הים", אָבער וואָס מעהר ער האָט געבראַכט פּראָפעסאָרען, און וואָס מעהר מען האָט איהם געגעבען מעדיצין, אַלץ מעהר איז ער משוגע געוואָרען, ער איז אַלץ מעהר האָן געוואָרען. יעצט האָט ער אָנגעהויבען זיך פיהרען מעהר עהנליך צו דעם האָן, און ער האָט געזאָגט, אַז ווי־באַלד איך בין אַ האָן, ווי קומט עס אַז איך זאָל ביי דעם טיש זיצען און עסען. איך דאַרף עסען אויף דער ערד און פּיקען מיט'ן מויל, פּונקט ווי דער האָן . . .

אין איינינגע וואָכען ארום איז ער נאָך מעהר האָן געוואָרען; ער האָט אָנגעהויבען קלעטערען אויף די פּאָליצעס, צום שלאָפען געהן, אזוי ווי דער האָן, און אַלע האַלבע שטונדע קרייען. אין אַ פּאָר וואָכען ארום איז ער ארוים פון הויז, ארויפגעקלעטערט אויף דעם בוידעם און פון דאָרט פלעגט זיך הערען די שטימע פון האָן, און ער איז גאָרניט אראָפּ אין הויז. אַ דאָקטאָר פלעגט מוזען קלעטערען אויפ'ן בוידעם, איהם צו בעטראַכטען. קיינער האָט ניט געקענט, ניט מיט גוטען, ניט מיט בייזען, אראָפּברייינגען איהם פון בוידעם . . . און דאָרט האָט ער אומגעשטערט געטהאָן זיין ארבייט, געפּיקט פון פלאָר, געפּאַטשט מיט די הענט בעפאָר דעם קרייען און געקרייט אַלע מינוט. מען קען זיך פאָרשטעלען די „יסורים" פון די עלטערן, וואָס זיי האָבען פאַרליטען פון דעם האָן, דער „בן יחיד" זייערער.

דער פאָטער האָט געלאָזט וויסען, אַז ער וועט געבען צעהן טויזענט טאָלער צו דעם יעניגען, וועלכער וועט אויסקורירען זיין קינד, אַ חוץ די וויזיטען־געלט. זעהר פיעל האָבען זיך אָנגענומען, אָבער אָהנע ערפאָלג. דארום איז ביי זיי שוין געווען אַ פאַרפאַלענע זאַך, און זיי האָבען זיך שוין „מייאש" געווען.

איינמאָל קומט אריין צו דעם גביר אַ יונגער־מאַן, טאַקע אַ ווילנער, אַ זייגער־מייסטער פון פּראָפעסיאָן, אַן איינפאַכער מענש,

ניט קיין גרויסער „למדן“, ניט קיין גרויסער „משכיל“, נאָר פאַר אַ קלוגען האָט מען איהם געהאַלטען, און ער זאָגט צו דעם גביר:
— ליגט איין די צעהן טויזענט „רובעל“, איך האָף אַז איך וועל אויסקורירען אייער „בן יחיד“.

דעם גביר איז דאָס לכתחילה אויסגעקומען אַזוי ווי ער לאַכט אָפּ פון איהם. וואָס הייסט, די גרעסטע פּראָפעסאָרען האָבען איהם אָטנזאָגט, און דו, ניט קיין פּראָפעסאָר, ניט קיין דאָקטאָר, ניט קיין הייליגער, ניט קיין „מכשף“, נאָר אַ מענש פון אַ גאַנץ יאָהר, וואָס הייסט, ווי איז דאָס, מיט וואָס פאַרשטעהסטו אַז דו וועסט איהם קורירען? נאָך מעהר, אַז דו ביזט זיכער אַז דו וועסט איהם אויסקורירען?

— מיין ליבער גביר, „קשיות“ האָט איהר אָנגעפרעגט אַ סך. איך וויל אפילו אייך ניט ענטפערען אויף איינע. איהר ווילט ניט, דאַרף מען ניט. איך זאָג אייך אַז איהר דאַרפט גאָר ניט צווייפלען, איהר ליגט איין די צעהן טויזענט טאַלער, אַז איך וועל איהם געזונט מאַכען, וועט עס זיין מיינע, אויב ניט וועט איהר עס צוריקנעהמען צוריק. איהר וועט גאָר ניט צולייגען פיעל, קיינע מעדיצינען וועט איהר ניט דאַרפען קויפען, נאָר וואָס איהר קענט צולייגען איז דאָס: מיר וועט איהר דאַרפען געבען עסען ביי צעהן וואָכען, און צו צוואַנציג רובעל אַ וואָך פאַר מיין פאַמיליע, און איך זאָג אייך נאָך אַמאָל, אַז איך רעכען אויף נייַן און נײַנציג פּראָצענט אַז איך וועל איהם געזונט מאַכען.

נאָר מיט דעם בעדינג, אַז איהר זאָלט זיך ניט מישען אין דער אַרבייט, וואָס איך דיינק צו טהאָן, איהר זאָלט קוקען און שווייגען. איך וועל איהם חס ושלום ניט שלאָגען, און קיין מעדיצין ניט געבען — נו וואָס האָט איהר מורא, און אַז איהר וועט זעהן מיין שווערע מיהע וואָס איך וועל אָנווענדען פאַר איהם, וועט איהר מיר נאָך צולייגען נאָך אַ פּאָר טויזענט רובעל . . .

דער גביר, הערענדיג אַזוי וואָס, איז מיט איהם געגאַנגען צו אַ ווילנער „מורה הראה“ און האָט דאָס געלט איינגעלייגט, און דער יונגער מאַן האָט אָנגעפאַנגען זיינע מיטלען צו טהאָן פאַר דעם

קראַנקען „בן יחיד" זיינעם. אַזוי ווי איהר ווייסט דאָך, אַז שוין אַ לאַנגע צייט איז דער האָן אונזערער געלעגען אויף דעם בוידעם און קיינער האָט איהם ניט געקענט אַרונטערנעהמען פון בוידעם, איז דער יונגער־מאַן, זיין יעצטיגער דאָקטאָר, געקומען צום לייטער, וועלכער שטעהט אַנגעגרייט אַרויף צו געהן אויף דעם בוידעם, און האָט זיך אַנידערגעשטעלט אונטער דעם לייטער און האָט שטאַרק אויסגעפּאַטשט מיט די הענט און האָט אָנגעפאַנגען צו קרייען — אָבער קרייען, צעהן מאָל בעסער ווי דער „בן יחיד" קרייט. דער „בין יחיד" האָט דערהערט אַזאַ סאָרט קרייען, ווי ער קרייט, איז ער באַלד צוגעלאָפען צום לייטער און אַ פרעג געטאָן: — ווער ביסטו?

— אַזוי גאָר! — זאָגט דער יונגער־מאַן צום „בן יחיד" — דו שעהמסט זיך גאָר ניט צו פרעגען ווער איך בין — אַ שעהנער האָן ביזטו. אויך מיר אַ האָן ביזטו, פע! — אַז דו וואָלסט זיין אַ ריכטיגער האָן, וואָלסטו מיר דערקענט, אַז איך בין אַ האָן. דערוויילע האָט דער יונגער־מאַן וויטער געקרייט. — אָה! — רופט זיך אָפּ דער „בן יחיד" — אָט יעצט דערקען איך דיר אַז דו ביזט אַ האָן. נאָר הער זיך צו, האָן, אַז וויבאַלד דו ביזט אַ האָן, טאָ וואָרום געהסטו ניט אויף דעם בוידעם, וואו העהנער דאַרפען זיך געפינען?

— אַה, איך בין דאָך געקומען צום לייטער אַרויפצוגעהן, נאָר איך וויל פריהער הערען ווי דו קרייסט. אויב דו ביזט ניט קיין ריכטיגער האָן, פּאַסט מיר ניט מיט דיר צוזאַמען צו זיצען. אנו — קריי אַ ביסעל. — ער האָט זיך צוקרייט אויף די העכסטע טענער.
— גוט, גוט, — זאָגט דער יונגער־מאַן. — יעצט וועל איך אַרויף צו דיר, און מיר וועלען צוזאַמען קרייען, אַלעס צוזאַמען פּיקען, אַלעס, ווי מיר זיינען דאָך ריכטיגע העהנער . . .

אַלעס וואָס דער „בן יחיד"־האָן האָט געטהאָן האָט דער יעצטיגער צוגעקומענער האָן געטאָן, צוזאַמען געקרייט, צוזאַמען פון שמוץ געפּיקט דעם עסען, וועלכען מען האָט זיי דערלאַנגט, אַלעס צוזאַמען. אָט אַזוי האָט ער מיט איהם אַלעס מיטגעטהאָן צעהן

טעג; אויף דעם עלפטען טאָג זאָגט דער יונגערמאַן צו איהם: — הער מיר איין, מיין טייערער האַז, דו ווייסט דאָך אז איך בין אַזא האַז ווי דו, און נאָך אַ פיעל בעסערער האַז ווי דו. דו ווייסט דאָס?
— יאַ, ענטפערט ער, — איך ווייס אַז דו ביזט אַ גוטער האַז, אָבער איך בין אויך אַ גוטער האַז, ניט?

— יאָ, — זאָגט דער יונגער־מאַן, — דו ביזט אויך אַ גוטער האַז. — נאָר, מיין ליבער האַז, דו זעהסט דאָך אז איך בין פונקט ווי דו, אַלזאָ הער מיר איין וואָס איך וועל דיר זאָגען: אמת, מיר זיינען הענער, אָבער מיר זיינען דאָך אַן אַנדער סאָרט הענער, ניט ווי די קליינע פּאַסקודנע הענער. מיט די שוואַכע „ברואים“, מיט וועלכע מען קען שלאָגען „כפּרות“, פּע! עס איבעלט מיר אַז איך דערמאָן זיך פון די קליינע הענדעלעך מיט זייערע פעדערלעך, — מיר זיינען הענער, ריכטיגע הענער, דאַרפען מיר ניט מיט אַלעם נאָכטהאָן די קליינע הענער. עס פּאַסט ניט פאַר אונז הענער ריכ־טיגע, צו זיצען מיט זיי צוזאַמען. מיר קענען אַראָפּ אונטען און קרייען און פּיקען פון פּלאַר, אָבער ניט אויף דעם בוידעם, מיט די קליינינקע, פּיצינקע הינדעלעך צוזאַמען.

— יאַ, מיין האַז, — זאָגט דער „בן יחיד“, — געה אַראָפּ איז קוק אוים אַ גוטען חדר אונטען, וואו מיר זאָלען קענען טאָן אונזער הענערשע אַרבייט.

דער יונגער מאַן איז אַראָפּ און האָט שוין אָפּגעגעבען אַ באַ־ריכט וועגען זייער האַז, אַז עס וועט געהן אַלעס „כשורה“. דעם בעסטען „חדר“ האָט מען זיי אָוועקגעגעבען און זיי זיינען אַראָפּ געגאַנגען און זיך באַזעצט אין דעם שעהנעם „חדר“, און דאָרטען געפּראַוועט די האַז־ביזנעס. אין צעהן טעג אַרום זאָגט דער יונגער־מאַן צו דעם „בן יחיד“: — הער זיך איין, מיין טייערער האַז, גיב אַ בליק אויף מיר, וואָס פאַר אַ סאָרט האַז איך בין. איך בין דאָך עפּעס גאָר אַזוי גרויס, פּונקט ווי דיין טאַטע. דאָס זעלבע דו. הענער זיינען מיר טאַקע, דאָס טאָר מען ניט פאַרגעסען, אָבער מיר זיינען דאָך אַנדערש ווי די קליינע הענער, דארום הער וואָס איך וועל דיר זאָגען: ווילסטו איינגעהן אויף דעם, איז גוט, און

אויב ניט, געה איך אוועק פון דיר. — אה! ניין, ניין, דו קענסט ניט אוועק פון מיר. איך וועל שטארבען, אז דו געהסט אוועק פון מיר. וואס דו ווילסט וועל איך דיר פאלגען. — איך וויל גאר ניט קיין שווערע זאך פון דיר, נאר קרייען זאלען מיר, פיקען דארפען מיר, אבער ניט פון דער ערד. פע! עס פאסט ניט פאר דיר און פאר מיר צו זיין גלייך מיט די נידעריגע הענער. מיר קענען פיקען פון טיש. מען וועט דא ארייננשטעלען א טיש און מיר וועלען פיקען.

— יא דו ביזט גערעכט, היים אזוי טאן, און מיר דארפען טאקע טאן אזוי. נאר פון טיש וועלען מיר פיקען. — אין צעהן מינוט איז שוין געשטאנען א טיש ביי זיי אין חדר. אין צעהן טעג ארום האט ער מיט איהם געמאכט א רייד, דעם זעלבען גע־שפרעך ווי אויבען דערמאנט איז, אז עס פאסט ניט פאר אזעלכע הענער צו פיקען, מען קען עסען פון א טעלער, מיט א לעפעל.

אין צעהן טעג שפעטער — דעם זעלבען געשפרעך, אז מען דארף שלאפען אין א בעט. צעהן טעג שפעטער, אז קרייען איז נענוג צוויי א מאל א טאג. אט אזוי האט ער איהם געבראכט אויף דעם נארמאלען צושטאנד, און דער האן אונזערער איז געווארען א מענש, א ריכטיגער, און א האן מיט דעם קרייען א פאר מאל דורכ'ן יאהר, און זא ווייטער.

„רבותי„! מיר אידען, דאס געטליכע פאלק, דאס פאלק וואס האט די וועלט פראקלאמירט דעם „ואהבתם את הגר", ווען די גאנצע וועלט איז געוועזען ווילד, מענשען־פרעסער, רויבער, געצענדינער, זייענדיג דעם גביר'ס זוהן, דער זוהן פון דעם בעשעפער פון דער וועלט, האבען די „אומות" אומזיסט איהם פיינט באקומען, פאר קנאה געוויס, ווייל דער ישראל האט א בעסערע קאפ פאר זיי. (דא וויל איך ניט פיעל מאריך זיין) מען האט איהם ניט געלאזען אויפ־הויבען זיין קאפ. נידערשלאגען איז „ישראל" געווען ביי אלע פעלקער. „ישראל" וואנדערט אוים נאך אמעריקא, ישראל גע־פינט א טייערע לאנד, "ישראל„ דעם גביר'ס קינד ווערט א סיטיזען, ער הויבט אן וואוטען. דארטען האט מען איהם ניט געלאזען אויפ־

הויבען דעם קאפ אפילו, דא ווערט „ישראל״ א האן, ער קרייט, און מעג קרייען וויפיעל ער וויל און ווען ער וויל, מעג ריידען אפילו אויף „נגתקה״ן. „ישראל״ פאטשט אוים מיט די הענט און ער הערט אויף לייגען „תפלין״ אויפ׳ן האנט און קאפ; „ישראל״, קרייענדיג, האט זיך איינגערעדט אז ער איז א האן מיט אלע הענער צוגלייך, ער פיקט שוין פון דער ערד אלע שמוץ, „ישראל״ פרעסט „טריפה״, „ישראל״, קרייענדיג, האט אנגעהויבען צו קריכען אויף די „פאליצעס״, אויף וועלכע עס שטעהען די טייערסטע „כלים״ אוועקגעשטעלט פון דער „תורה״, וועלכע די חכמי „המשנה״ און „חכמי הגמרא״ האבען אונז פאראדרענט, צוברעכט די כלים, מיט די אנטיקען. „ישראל״ איז א האן און ער איז שוין גאר משוגע... ער איז שוין אויף דעם „בוידעם״ אין דער הויך, און ער שרייט און קרייט, אז עס איז גאר קיין גאט ניטא, ווייל ער איז „משוגע״ געווארען. ער שלאפט אין „שמוץ״, אהן „טהרת המשפחה״ — ער עסט און פיקט, ווי די „אומות״ פון אמעריקא, ווי יענע הענער...

„ישראל״ ווערט קורירט פון פראפעסארען אין די שוהלען זיינען דא „גאונים״, ווארום ווער איז עס ניט א „גאון״ (א פראפעסאר) אין אמעריקא? זיי זאגען ישראל׳ן זיין „משוגעת״, „ישראל״ לאכט זיך אוים פון זייער קוראציע.

איך בין דער יונגער־מאן וואס קורירט אזעלכע הענער, איך גיב זיי אן אנדער סארט מעדיצין, ניט סקילה און אלע „ארבע מיתות בית דין״, ווייל דאס וועט זיי מאכען ערגער. זאגט דעם „משוגענעם״ אז ער איז ניט „משוגע״, ער איז א האן ווי איך . . . איך בין דאך אויך אין „אמעריקא״, איך מעג אויך קרייען . . . און איך בין ניט קיין „פראפעסאר״, איך האנדעל אפילו ניט מיט יין — און גיב ניט קיין גטין...

מיינע טייערע הענער, איך קרייע אויך . . . נאר גיט א קוק, אז עפעס זיינען מיר דאך ניט ווי אלע הענער. טאקע פערגעסט ניט, „חס ושלום״, אז מיר זיינען הענער. יא! יא! הענער זיינען מיר, אבער אנדערע סארטען הענער; מיר מעגען קרייען, מיר דארפען אבער עסען פון א כשר׳ן טיש, „חש במעיו״, ווען עס טהוט וועה

די געדערים, ער פרעסט און פיקט „טריפות". קרייען קענסטו מיט מיר צוגלייך, אבער עסען פון טיש . . . און זא ווייטער. „חש בראשו", קרייענדיג איז ער ארויף אויפ'ן בוידעם, אין דער הויך הייסט עס, און ער איז דארט געווען און שרייט אז עס איז קיין גאט ניטא . . . קום אהער מיין האן! פע! עס פאסט ניט אזוי צו טהאן. מיר קענען פריהער בעטראכטען די ערד, אויב מיר פאר־שטעהען זי, איידער מיר קלעטערען אין דער הויך. קורץ דערפון, מיר דארפען פארשטעהן ווי צו קורירען די היינטיגע. איך קען ניט איבערגעבען דא וואס איך רייד צו זיי, ווייל איהר וועט עס האבען אין דעם „ספר". איך און נאך אזעלכע בריינגען צו גוטען די יעניגע אפילו וועלכע זייערע קעפ זיינען שוין איילענדיג. „חש" איז טייטש איילען, אזוי ווי „למהר שלל חש בז". ווער עס האט שוין אן איילענדע קאפ און עס איז שוין אין זיין „מוח" אויסגע־וואקסען „כפירה", און ווי איך האב בעפאר גערעדט, אז היינטיגע הייסען גאר ניט „אפיקורסים", נאר סתם גארנישטען, זיי קען מען מיט גוטע רייד בריינגען לאנגזאם צו אלעם גוטען . . .

די ריכטיגע „אפיקורסים" פון זיי, איז אפגערעדט, „אפילו על פתחו של גיהנם אינם חוזרין", אבער די סתם בהמה'לעך — מיט איין קלאפ ווערען זיי בעסער, זיי די „חברה" רוף איך בלעכענע פילאזאפען . . .

איך וועל אייך דערצעהלען א געשיכטעלע, א שעהנע. איך בין אמאל געפאהרען פון נארפאלק, וויר., נאך באלטימאר מיט'ן שיף. עס איז זעהר א שעהנע רייזע. פון זעקס אבענדס ביז זעקס מארגענס נעמט די רייזע . . . ווען די שיף איז שוין אפגעפאהרען א פאר מייל, האב איך מיר געזעצט אויף דעם דעק, אן א זייט, ביים ברעג שיף, און האב מיר גענומען זאגען אין מיין סידור די „תפלת הים". אין מיטען מיין זאגען פיהל איך א שטארקען דריק אויף מיין שולטער. איך קעהר מיך אום און באמערק צוויי יונגע־לייט. איך האב זיי ניט דערקענט, פון וועלכען פאלק זיי זיינען, אויסגעפוצט און פארפוידערט און איינגעבאלזאמירט זייערע טויטע קערפערס אין עסיג און אין האניג. זאגט איינער צו מיר: — רבי

לאזעראוו! איהר דערקענט מיר ניט, אבער איך דערקען אייך ... איהר זייט דער יעניגער וואס האט אזוי איבערראשט נארפאלק מיט אייערע „דרשות“? און איך אליין האב אויך אייך געהערט, און איך האב געדיינקט אז איהר זייט קליגער ווי פרימער, אם ענדע זעה איך פערקעהרט, אז איהר, אזא קלוגער מענש, צו וועמען זאגט איהר עס? איז דאס ניט „נאנסענס“...

איך האב זיי בײדען א װײלע אנגעקוקט, פארלויפיג מיט האלב רעספעקט. — וואס איז מיט אייך דער מעהר? — פרעג איך זיי. — וואס איז אייער ארבייט און וואו פאהרט איהר? — מיר זיינען ביים טרייד שניידער ... מיר פאהרען אין באלטימאר, ווייל מיר האבן דא אין נארפאלק קיין ארבייט, חוץ די שניידעריי ... — האט איהר עפעס בילדונג? — ניין, — איז געוועזען זייער ענט־פער, — אין „חדר“ בין איך אין גאנצען געגאנגען, זאגט איינער, ביז עלף יאהר, נאכהער האט מיין פאטער מיר מיטגענומען אין דארף העלפען לאטענען פעלצען און אט אזוי מיין ברודער, דעם וועלכען איהר זעהט דא לעבען אייך — איך און מיין ברודער קענען ביידע קיין אידיש איבעריג, אויך ניט שרייבען ...

איך האב שוין געהערט די גרויסע בילדונג פון מיינע צוויי בלע־כענע פילאזאפען. איך האב שוין געבעטען זיי זיצען און אנגע־הויבען מיט זיי א ביסעל איינ׳טענה׳ן, זיי, די פעלצלעך־לאטוטני־קעס, אוים׳מוסר׳ן, האט מען זיי ביידען אוועקגערופען צו א פי־נאקעל ... געטראכט האב איך שעהנע „אפיקורסים“ זיי, די גראָ־בע יונגען. זיי פרעגען מיר, ווארום איך האב געזאגט, און צו וועמען איך האב געזאגט? זיי גלויבען שוין ניט, אז עס איז דא א גאט פאר וועמען צו זאגען ...

דערוויילע איז געווארען א גרויסער טומאן. איך און נאך פיעל לייטע זיינען ארונטערגעגאנגען שלאפען ... דער זייגער איז שוין צעהן. מיר האבען זיך ערשט געלייגט, עפעס מיר פיהלען די שיף וואקעלט זיך, און זי שטעהט. מיר האבען באלד ארויפ־געכאפט אויף זיך די קליידער און ארויפגעלאפען. מיר האבען שוין אנגעטראפען אנטקעגען אונז א בעאמטען פון שיף, וואס האט אונז

אנגעזאגט די בשורה: זייט געגרייט אלע אויפ'ן דעק, די שיף געהט אונטער, אויב באלדיגע הילפע קומט ניט. מיר גיבען א בליק, אז מען לאזט שוין ארונטער די קליינע רעטונגס־שיפלעך, און איך האב זיך אוועקגעשטעלט אן א זייט און אנגעהויבען זאגען וידוי, פלוצלונג דערהער איך א געשריי „שמע ישראל", איך הער אבער פון זעהר ווייט, אלס ביי דער אנדער זייט שיף. איך בין געווארען אזוי פארוואונדערט אז איך האב פערגעסען וואו איך און אלע מיטמענשען האלטען, ווייל איך ווייס אז עס זיינען קיין אידען ניטא אויף דער שיף.

מיט אלע כחות, אין דער פינסטער, בין איך צוגעקראכען צו יענעם ברעג . . . איך גיב א בליק, אז די צוויי בלעכענע פילאזאפען האבען זיך צוזאמען געגומען און זיי ביידע שרייען „שמע ישראל". איך האב אין זיך אזויפיעל געלאכט, אבער געלאכט. די וועלכע האבען צו מיר געזאגט ערשט מיט א פאר שטונדען צוריק, פאר וועמען זאג איך „תפלת הים"? איז דען דא א גאט? אט די שרייען יעצט „שמע ישראל", אבער מיט אזא קראפט און קוקען צום הימעל, און עס קען זיין אז „השם יתברך", וואס ער איז א „רחום וחנון", האט צוליב זייער געשריי געהאלפען אונז אלעמען און די שיף האט אנגעהויבען געהן און מיר זיינען געקומען בשלום.

איינעם פון אזעלכע בלעכענע פילאזאפען האב איך ניט לאנג ארויפגעפיהרט אויף דעם „דרך הישר". ער קומט אריין צו מיר און בעט ביי מיר ערלויבעניש, ער וויל מיר אייניגע פראגען פרעגען. איך האב איהם ערלויבט, און איך וויל ניט איבערגעבען אין מיין ספר זיין נארישקייט. מיין ספר וועט זיך באגעהן אהן דעם. נאר איין זאך מוז איך שרייבען, ווייל דאס מוזט איהר וויסען, דאס איז אנבעלאנגט צו אונזער דרוש. פון זיינע אלע פראגען האב איך דערגאנגען, אז דאס איז א „פרא אדם" אהן בילדונג.

— „רבי", זייט וויסען אז איך האב אייך שוין געהערט, די הונדערטע „דרשות", און איך וועל ווייטער געהן אייך הערען, ווייל איהר געפעלט מיר, אבער איך מוז אייך זאגען, אז איך וועל „פרום" ניט ווערען, ווייל איך גלויב ניט אז עס איז דא א גאט. אויב איהר

קענט מיר צייגען אז עס איז דא א גאט, וועל איך אייך דאנקבאר זיין, און איהר וועט מיין ערלייזער זיין פון מיינע געדאנקען, און איך וועל ווערען „פרום" — דארום בין איך געקומען צו אייך, איהר זאלט מיר אויפווייזען אז עס איז ריכטיג דאס וואס איהר גלויבט. פארשטעהט איהר דאך געוויס, אז ניט וואלט איהר ניט גלויבען . . .

הערט, פריינדע, זיין פערלאנג: איך זאל איהם ווייזען ער זאל זעהען גאט. מיר ביידע וואלטען שוין פארשפארט פיעלע זאכען, ער צו זיין אן אויסוואורף און איך צו שרייבען ספרים... און הערט, ער רופט עס אליין גלויבען... און וויל זעהען. א זאך וואס מען גלויבט, זעהט מען דאך ניט . . . זעהט מען עס, איז דאך ניט שייך דערווארט „גלויבען" . . . נאר ער איז דאך א פאר־שטאפטער „מוח". וואס זאל איך טהאן? מיט בייזען באגעהן זיך מיט איהם טויג ניט. מיט בייזען קען מען ניט ברייינגען א „שעיר לד'", נאר א „שעיר לעזאזל". אזוי האב איך מיר באזונען, איך וועל געהן געלאסען מיט איהם און איך וועל א ווייל רייזען מיט איהם. וועל איך איהם בעסער מאכען, איז דאך געוויס גוט, ווען ניט, האב איך איהם ניט ערגער געמאכט.

קום אהער, מיין ליבער, טייערער. ווי איך זעה פארשטעהסטו גאר ניט, קען איך מיט דיר ניט ריידען עפעס העכער, ווייל דו וועסט עס ניט פארשטעהן. קום מיט מיר נאר אריין אביסעלע אין דער היסטאריע, קום איך וועל דיר לערנען (און איך האב איהם פון דער גאנצער היסטאריע ארויסגענומען די אידישע ליידען און די אידישע צרות).

דו זעהסט, איז דאס מעגליך, ביי אזוי פיעל צרות, וואס דאס אידישע פאלק האט געליטען, זאל עס נאך קענען עקזיסטירען, און נאך ווי עקזיסטירען. דורך אזא פלאגעניש, דורך אזא וואנדערען, דורך אזעלכע פערפאלגונגען. אין אלעם ענדע זעה איך ווי דער איד עקזיסטירט, אין ענגלאנד, ווי הויך דער איד איז. ווער האט ענגלאנד געמאכט פאר וויצע־קעניג אויף אינדיען? א אידען. אין פראנקרייך ווער זיינען די גרעסטע מענשען? אידען. אומע־טום, וואו דו וועסט נאר א קוק טהאן, אמעריקא די רייכע? אידען.

אמעריקאנער קאנגרעס — פול מיט אידען. סענאטארען, אידען. נו און רוים, די רוים וואס האט דערשטיקט דעם אידען אין גאנצען, די רוים וואס האט אונז ארויסגעטריבען פון אונזער לאנד, דעם חורבן אונזערען האבען מיר צו פערדאנקען רוים! און אין רוים, וואס יעצט איז זי טאקע ניט די זעלביגע . . . אבער די רוים, וואס האט דאס גאנצע היילינגטהום דארט, דעם פאבסט מיט זיין גאנצען קעניגרייך, די קאטאליקען, וואס האבען אויסגעטראכט אויף אונז אז מיר האבען געטויטעט זייער גאט . . . און די רוים איז גאר די פרייהייט, מעהר פון די גאנצע וועלט אוועקגעגעבען צו אידען. היינט בארעכען פון „אברהם אבינו“ אן. „אברהם“, דער וואס האט געפריידינגט פון דעם גאט וועלכען מיר דינען, וויפיעל „צרות“, „רדיפות“ האט געהאט „אברהם“ פון „נמרוד“. אין קאלד־אויוועז האט ער געווארפען „אברהמ„’עז, „אברהם“ איז ארוים לעבעדיג, „אברהם“ם קינדער לעבען נאך היינט. זאג מיר „חכם“, וואו איז „נמרוד“ ?

„יצחק“ אונזער פאטער, וויפיעל צרות האט ער פון די „פלשתים“. מען יאגט איהם, מען טרייבט איהם, מען זאגט נאר צו איהם „לך ממנו“ . . . מען פארמאכט איהם די ברונעמער . . . ער זאל ניט האבען קיין וואסער פאר זיינע פיה, און פארמענשען, און צו באגיסען די פעלדער . . . אם ענדע „יצחק“ ווערט רייכער פאר „אבימלך“ און זיי קומען זיך בעטען ביי „יצחק“ אז ער זאל קומען צוריק. „יצחק“ לעבט, זיינע קינדער עקזיסטירען, און „אבימלך“, וואו איז ער . . . וואו זיינען די „פלשתים“ ? זיי א חכם און זאג מיר . . .

„יעקב“ם „צרות“ פון „עשו“, „יעקב“ם „צרות“ פון „לבן“, „יעקב“ לעבט, „עשו“ בלייבט א נאר, „לבן“ א נאר, „יעקב“ ווערט רייך, „יעקב“ מיט זיינע קינדער, ביי זיבעציג „נפשות“, אריין אין מצרים. זעה וואס פאר א ליידען, „יסורים“, די הייפעלע מענשען האבען דארט געהאט. אם ענדע . . . אידען זיינען ארוים פון „פרעה“, אידען זיינען דא. וואו איז „פרעה“ ? וואו זיינען זיין „פאלק“ ? ווייז מיר, אויב דו קענסט.

וואו איז די אַלטע „בבל״ ? וואו איז „סנחריב״ ? וואו איז „נבוכדנצר„ ? וואו איז „טיטוס״ ? וואו זיינען אַלע ? „ישראל״ געהט העלפּען אויסגראָבען זייערע „קברים״ . . . ישראל לעבט, ישראל אין שפּאַניען, שפּאַניען אינקוויזיציע, שפּאַניען טרייבט אַרויס אידען, טאָרקמאַוואדע מיט זיינע העלפער, מיט פערדינאַנד און איזאַבעלע ליגען אין דרערד, און „ישראל״ געהט אויף זייערע קברים אַרום מיט אַ ווילנער „גמרא״ אין האַנד. זאָג מיר, איז דאָס ניט גאָט ? איז ניט אָנצוטאַפּען גאָט, מיט די הענט, שוין ניט זאָגען מיט'ן שכל . . . שוין ניט זאָגען מיט חקירה. קענסטו זאָגען אַז ניט ? קענסטו מיר לייקענען, אַז די גאַנצע וועלט, די „מלכים״ אין פּאַרלאַמענטס ווילען פאַרניכטען אידען, ווילען און טהוען עס. אָם ענדע „ישראל״ לעבט, „ישראל״ איז רייך, „ישראל״ איז שטאַרק איבערהויפּט אין גייסט. די גאַנצע וועלט האָבען געוואָלט פאַרניכטען זיין „תורה״ — געוואָלט און געטאָן. וויפיעל מאָל האָט מען אונזער ש״ס געברענט, אונזערע „ספרי תורות״ צוריסען און פאַרשמוצט, און פאַראומרייניגט, און אָם ענדע — די תורה איז גאַנץ, „ישראל״ לעבט. איך פרעג דיר, זאָג מיר, און דו אַליין, וואָס ביזטו ? אַ קאַטאָליק ? אָדער פּראָטעסטאַנט ? אָדער אַ מחמד ?

סטייטש וואָס פרעגט איר, איך בין אַ איד ! — אַזוי, דו ביזט אַ איד. איך זעה, איך דערקען אַז דו ביזט אַ איד, אָבער דו איד פרעגסט מיר וואו איז גאָט. אַז דו ביזט אַ איד, דאָס הייסט אַז אפילו דו וואָלסט דער איינער איד געוועזען אויף דער וועלט — אָט דאָס וואָלט געוועזען אַ בעווייז אַז עס איז דאָ אַ גאָט. ווי באַלד נאָך אַזוי פיעל „צרות״ איז נאָך דאָ אַ איד — איז דאָס נאַטור ? מיט נאַטור האָט שוין דער ערשטער „אברהם״ אונזער פּאָטער געדאַרפט פאַרניכטעט ווערען, נאָך זיינע פערפאָלגער, דער קעניג אַליין, פערפאָלגט איהם . . . יעצט, אַז מיר זיינען אַזוי פיעל אידען, און מיר זיינען אין אַ גוטען שטאַנד, זעהסטו ניט גאָט. נאָך אַמאָל, דו האָסט מיר געענטפערט אַז דו ביזט אַ איד . . . איז טאַקע אַ סימן אַז עס איז דאָ אַ גאָט, אַז אַ איד איז נאָך דאָ . . .

און אויף דיר, זאָגט דער „ירושלמי״, „אם יאמר לך אדם״,

אויב א מענש וועט דיר זאגען „איה אלהיך", וואו איז דיין גאט? ווי קען איך דינען צו גאט, אז איך זעה איהם ניט? „יאמר לו", זאל ער איהם ענטפערען „בכרך גדול שברומי", אין דער גרויסער שטאדט רוים, די רוים וועלכע האט אונז חרוב געמאכט, די רוים וואס האט אונז פארניכטעט, די „רוים" וואס האט געוואלט פאר־ניכטען אונז ביז איינעם, און אם ענדע איז די אלטע רוים ניטא... זייער געדעכעניס איז ניט געבליבען, און דו לעבסט — איז א סימן דערפון אז עס איז דא א גאט . . .

גלויבט מיר, פריינדע, אז דער יונגער־מאן האט מיר געקוסט דערפאר און ער איז צופריעדען, אין גאנצען, וואס איך האב איהם ענטדעקט, און איך ווייס אז ביז דעם יום כפור איז ער געווארען פיין, און שעהן, און גוט, און „פרום".

משלים, ציצים ופרחים

לו.

„באַנק-קוועטשער"

איך האָב אמאָל געהערט ווי אַ גביר, דער וועלכער האָט שוין צוויי מאָל געמאַכט אַן אַנזעץ... (מען רופט עס „אַנזעץ", ווייל אַ גזלן הרג'עט אַ מענשען מיט אַ זעץ אין קאָפּ, די חברה הרג'ענען אלמנות, יתומים, אָרעמע כלות און סתם פיעלע אָרעמע לייט „אַהן אַ זעץ"), אָדער ווי מען רופט עס „באַנקראָטירט" — און דאָך איז ער דאָן אויך געוועזן רייך... זאָגט ער צו אַ „תלמיד חכם": איי, געהט שוין, געהט שוין, איהר זייט אַ באַנק קוועטשער... מיר האָט דאָס זעהר פאַרדראָסען, האָב איך צו איהם געזאָגט: ליעבער „גביר", ער מיט זיין באַנק קוועטשען האָט קיינעם קיין שלעכטס ניט געטהאָן. אין געגענטהייל, ער האָט אַ סך אויפגע־טהאָן פאַר זיך און פאַר דער וועלט. אַט לערענט ער, אָדער ער זאָגט פאַר'ן „עולם" אַ בלאַט „גמרא". אַלזאָ ער מיט זיין באַנק קוועטשען האָט קיין שלעכטס ניט געטהאָן. אָבער אַז איהר, טייע־רער, האָט אַ קוועטש געטהאָן די באַנק... האָט איהר אַרויסגע־קוועטשט די נשמות פון הונדערטער אלמנות, יתומים, כלות און סתם מיטעלע מענשען — און זיי האָבען נאָך צוקלאָגען אויף הייטיגען טאָג... פע, ניט שעהן... מען דאַרף אייך רופען „באַנק־קוועטשער"... רופט איהר דאָס גאָר דעם תלמיד חכם...

לז

האַלטען ווי בן זומא

די וואָס שפּילען אין קאָרטען אַ גאַנצען טאָג, אויך אַ גאַנצע נאַכט, די חברה האַלטען ווי בן זומה: „ימי חייך הימים כל ימי חייך הלילות„.

לח.

דער גוף און די נשמה

א חכם האט געזאגט מוסר דעם פאלק און ער האט זיי גע־שטראפט, זיי זאלען ניט אפקעהרען נאך די גלוסטיגע פון דער וועלט, האט ער זיי דערקלערט, אז וואס מעהר דער גוף יאגט זיך נאך די תאוות עולם הזה, אזוי אלץ נידערט נידעריגער אראפ די נשמה. ווען „דער יצר הרע" זעהט אז ער וויל פליהען העכער, זעהט ער איהם צו פארדרייען א קאפ מיט דער גלוסטונג פון דער וועלט.

משל: א קלוגער פוקס, זייענדיג דורשטיג, האט געפונען א ברונען קוואל־וואסער. אויפ'ן ברונעם א ראד, אויפ'ן ראד א שטריק, אויף וועלכע עס זיינען צוגעבונדען צוויי עמער (פיילם), און ווען איין פייל געהט אראפ, הויבט זיך אויף דער צווייטער פייל. האט זיך דער פוקס אריינגעזעצט אין דעם אויבערשטען עמער, און ער איז אראפ גאנץ אונטען, און ער האט געטרונקען וואסער וויפיעל ער האט נאר געוואלט — און ער האט געוואלט יעצט ארויפגעהן אין דער הויך. עס איז אונמעגליך — האט ער אנגעהויבען צו זינגען א סאנג (ליעד). עס האט דערהערט זיין זיסען סאנג דער וואלף, איז ער צוגעגאנגען צום ברונען און האט געפרעגט: וואס איז אויף דיר אזא שמחה?

האט איהם דער פוקס דערציילט, אז דא אין ברונען זיינען דא קאטשקעס, גענז, טשיקענס, אלערהאנט עופות, האב איך זיך זעהר אנגעגעסען און עס איז נאך דא. דארום אויב דו ווילסט זאלסטו זיך אריינזעצען אין עמער, אויבען, וועסטו לאנגזאם אראפ אונטען, און לאמיר פרייליך זיין ביידע. — דער וואלף, זייענדיג גוט הונגעריג און דורשטיג, האט זיך אריינגעזעצט אין עמער. ער איז לאנגזאם ארונטער און דער פוקס איז ארויף, און דער וואלף איז דארט געבליבען, ביז זיין ענדע איז געקומען. (דאס איז די נשמה מיט'ן גוף, וד"ק).

לט.

גע'גנב'עט א פּאָר תכריכים

גנבים האָבען באַמערקט ביי בלומעטהאַל דעם גביר, אז דער אַלטער נעמט עפּעס אַרויס אַ שעהנעם קעסטעלע פון אַ ביורא אַלע אָבענד און ער געהט אַריין אין אַ רום, אין וועלכען ער האַלט עס אַ שטונדע און קעהרט דאָס אום צוריק אויפ'ן פּלאַץ, און זיי ווייסען ניט וואָס ער טוט מיט דעם דאָרט. נאָר זיי האָבען זיך גערעכענט, דאָס איז געוויס דאָרט זיין גאַנצעס פאַרמעגען, האָבען זיי זיך אָפּ־געלעגט אַ גאַנצע קאָמפּאַניע אַרויסצו'גנב'ענען פון דאָרט דעם קעסטעלע. אין אַ פינסטערער נאַכט, דונער און בליץ, און רעגען, האָבען זיי איינגעבראָכען מיט פיעל מיה אין הויז און אַרויסגע־נומען דעם קעסטעלע.

דאַן זיינען זיי געלאָפען אויסער דער שטאָט אין אַ וואַלד צו עפענען דעם גרויסען פאַרמעגען און זעהן ווי גליקליך זיי זיינען. זיי זיינען געלאָפען אין רעגען און דונער און בליץ, און לויפענדיג אין דער פינסטער. דער איז געפאַלען אין אַ גרוב און האָט זיך אויסגעלונקען אַ האַנט. דער צווייטער אַ פוס, דעם דריטען אַרויס אַן אויג, פון אַ צווייג פון אַ בוים, און אַזוי איז ניט געבליבען איינער פון זיי אַ גאַנצער. זיי האָבען גאָר ניט געשפּירט די גרויסע וועה־טאָגען פון גרויס פרייד, וואָס זיי איז געלונגען אַרויסצוקריגען דעם גאַנצען פאַרמעגען פון דעם גביר בלומעטהאַל. קוים האָבען זיי זיך דערשלאָגען צו אַ פאַרבאָרגענעם פּלאַץ אין וואַלד וואָס דאָרטען האָט מען שוין געקענט עפענען דעם קעסטעלע, און עס איז גענעבען געוואָרען די עהרע דעם עלטסטען זייערען צו עפענען.

ער האָט לאַנגזאַם געעפענט און זיי האָבען דערזעהן אויבען ווייסע, האָבען זיי געדענקט, דאָס איז איינגעוויקעלט די גאָלד. ער ציהט און ציהט, אַלץ ווייסע, אין קעסטעלע איז גאָר ניט געבלי־בען, נאָר אין האַנט האָבען זיי באַטראַכט, האַלט זייער עלטסטער אַ פּאָר תכריכים, ווייל דער אַלטער בלומענטהאַל האָט זיך ביים לעבען געמאַכט אַ פּאָר תכריכים און אַלע אָבענד פלעגט ער די תכריכים אַריינגעמען צו זיך און גוט באַטראַכטען און זאָגען וידוי

— וואָס אָבער האָבען די גנבים געפונען — זיי האָבען נאָר גע־פונען אַ פּאָר תכריכים.

נו, זיינען מיר פּיליכט די גנבים. מיר אַרבייטען טאָג און נאַכט, וויפיל בלייבען אָהן געזונט, אָהן קעפּ, אָהן אויגען און הענט און פּיס און וואָס בלייבט אונז איבער — תכריכים. ווען עס בלייבט נאָך תכריכים איבער איז נאָך אויך גוט, אָבער אַמאָל לעגט מען איין פרעמדע תכריכים... (צו פאַרברייטערען דעם וויציגען מוסר).

מ

קאַרגער גביר אַ בעל צדקה

אַ קאַרגער גביר, וואָס האָט אין זיין לעבען קיינמאָל קיין צדקה געבען אַ סענט אויף אַ דבר שבצדקה, איז קראַנק געוואָרען אויף אַ היץ־קראַנקהייט, וואָס אַלע דאָקטוירים האָבען איהם כמעט אויפ־געגעבען. דעם טאָג פון קריזים האָבען די ווייב און קינדער גע־הייסען זאָגען תהלים, און האָבען צוטהיילט פופציג טאָלער פאַר אָרימע, און גאָט האָט געהאָלפען ער איז געזונד געוואָרען. און ווען ער איז שוין אַראָפּ פון בעט, האָט ער זיך אַרומגעזעהן אַז מען האָט פופציג טאָלער צעטהיילט פאַר אָרימע, האָט ער אָנגעהויבען שרייען אויף דער ווייב וואָס זי האָט עס צוגעלאָזען. האָט זי גע־זאָגט: סטייטש, דו האָסט דאָך געהייסען. אַזוי, אַזוי, האָט ער זיך אָנגעהויבען וואונדערען, יעצט זעה איך ווי שטאַרק קראַנק איך בין געוועזען, אַז וואָס פאַר אַ היץ איך האָב געהאַט...

מא.

דעם רב׳ס עליה

פאַר וואָס גיט מען אַ רב דווקא שלישי — ווייל וואו צוויי איז ער אַ דריטער...

די בימה

גאַנצע רעדעס אויף יעדען שבת

פון יעדער פרשה, פונקט ווי עס איז גערעדט
געוואָרען פון דעם מחבר אַליין, מאמרים,
משלים, אַפילו די „שיחת חולין".

יעדער ספר — אַ רעדע

נאָך דעם דרוש קומען משלים, ציצים ופרחים

פון דעם מחבר הרב הדרשן והמטיף המפורסם
יהודה ליב לאַזעראָוו
מחבר פון דברי יהודה, דגל יהודה, קול יהודה,
מטה יהודה, בית יהודה, אידישען רעדנער, ועוד.

חוברת ז'

RABBI L. LAZEROW
1541—78th Street, Brooklyn, N. Y.

ניו־יורק — תרפ"ד

לעוואַנט פּרעס
479
138 2-טע סט., נ. י.

פרשה ויצא

„והיה זרעך כעפר הארץ" וגו'

און דיינע קינדער וועלען זיין אזוי ווי די שטויב פון דער ערד... איך האב אין „ספרים" געזעהען זעהר פיעל, די וועלכע גיבען גוטע גאדנקען אויף דעם פסוק, און דאך וועל איך אייך טרייען דעם גאנצען דרוש ציהען אויף די איינינע ווערטער, וועלכע זיינען ארויסגעזאגט געווארען פון גאט ב"ה צו אונזער פאטער „יעקב":

„ויחלום והנה סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה, והנה מלאכי אלהים עולים ויורדים בו".

אויך דער פסוק וועט אין דרוש גוט פארטייטשט ווערען. און איהם האט גע'חלומ'ט, דאס א לייטער שטעהט אויף דער ערד און דער אויבערשטער ברעג גרייכט אין הימעל און די געטליכע „מלאכים" געהען ארויף און אראפ אויף איהם...

בעפאר וועל איך ארומרעדען אויף א לאגישען ארט די גמרא אין (שבת דף ל' ע"ב).

„דיתיב רבן גמליאל וקא דריש עתידה אשה שתלד בכל יום, ליגלג עליו אותו תלמיד, א"ל אין כל חדש תחת השמש, א"ל בא ואראך דוגמתו בעולם הזה, נפק אחוי ליה תרנגולת."

רבן גמליאל האט גע'דרש'נט, אז עס וועט קומען א צייט, דאס איין פרוי וועט האבען אלע טאג א קינד (ניט פאר אמעריקא געדאכט, וואו וועט מען נעהמען אזוי פיעל „ספיטשעס" פאר'ן בר־מצוה און אזוי פיעל הפטורות...) — האט איהם אויסגעלאכט איין תלמיד מיט דער פראגע: סטייטש, „שלמה", האט דאך גע־זאגט אז קיין נייעס וועט אויף דער וועלט ניט זיין, האט ער איהם

געוויזען א טשיקען, אז די טשיקען האט אלע טאג אן איי . . .
מיר דארפען פארשטעהן סתם דעם „דרוש" פון אידישען נשיא, וואס האט איהם געשפארט צו דערצעהלען אזא זאך, און ווידער, אז עס זאל שוין טאקע קומען אזא צייט, וואס א פרוי וועט אלע טאג האבען א קינד, צו וואס וועט דער נס זיין. עס קען זיין אז אמעריקאנער ווייבלעך וויסען דעם מאמר, און זיי האבען טאקע מורא דערפאר, דארום ווילען זיי ניט האבען מעהר ווי איין קינד, אם העכסטען צוויי. זיי לאזען זיך בעסער אפעראציאנען מאכען, און פיעלע געהען אוועק יונגערהייט אין הימעל אריין.

געוועהנליך, א פרעזידענט אז ער רעדט, רעדט ער פון פאליטיק, אדער ער זאגט נביאות אויף דער פראספעריטי פון דער לאנד אין דער צוקונפט. אבער איך דיינק אז די וועלט האט עס נאך ניט געהערט פון א קעניג, אדער א פרעזידנעט, אז ער זאל זיי דערצעהלען, אין א לעקטשור, אז זיין פאלק וועט אמאל ווערען גרויס דאדורך וואס א פרוי וועט אלע טאג האבען א קינד . . .
אויך דארפען מיר פארשטעהן, אז רבן גמליאל נעמט דעם תלמוד, וואס לאכט פון זיין „דרוש", און פיהרט איהם ארויס, און ווייזט איהם א טשיקען. טאקע דאס גופא מאכט שטארקער דעם תלמיד זיין פראגע. די טשיקען איז דאך אזוי פון אנפאנג „בריאה" און דאס איז קיין „חדש" ניט, אבער א פרוי זאל האבען אלע טאג, איז דאס א נייעס, איז דאך די פראגע „אין כל חדש תחת השמש".

דער „חכם מכל אדם", אין זיין הייליגען שיר, זאגט אין א שילדערונג „אני ישנה ולבי ער קול דודי דופק וגו׳". דער חכם גיט אונז צו ערקלערען וואס דער איד איז, ווי הויך דער איד איז, ווי טייער יעדער איד איז, אפילו דער איד וואס זוכט ניט קיין „מצה שמורה" אויף פסח. ווי ליב דער איד איז, אפילו אזא איד וואס מען דערקענט איהם אפילו שוין ניט אז ער איז א איד. ווי געשעצט דער איד איז . . .

איך וועל אייך ערקלערען דעם חכם׳ס רייד. אין אונזערע הייליגע ברידער, אין דעם „עם ישראל" זיינען פאראן פערשידענע קלאסען אידען. עס זיינען פאראנען יעצט, און ס׳זיינען אלע מאל געוועזען, אידען „תלמידי חכמים", „מופלגים", „גדולי ישראל",

וואָס זייער אַרבייט איז נאָר געווען זיצען טאָג און נאַכט, נאַכט ווי טאָג, „על התורה". געבענטשט איז דאָס פאָלק ישראל. מיט זיי איז אימער געווען אַזאַ „ממלכת כהנים" — זיי זיינען אונזערע פיאָנערען צו באַלייכטען אימער דעם פינסטערען גלות.

עס זיינען אַלע מאָל געווען, און היינט דאָס זעלבע, נאָר אין אַ קלענערען פאָרמאַט, ניט קיין „בעלי תורה", נאָר שעהנע „בעלי בתים", ניט קיין גאַנץ פראָסטע, און זיי פלעגען זיין, און זיינען יעצט, די „בעלי עבודה", אונזערע דאַוונערס, אַפּצוהיטען דעם דאַוונען, דריי מאָל אַ טאָג, נאָכ'ן דאַוונען, אַ פרק „משניות", אָדער „חיי אדם" און „מוסר ספרים" . . . „אשרי חלקם" — און גליקליך איז דאָס אידישע פאָלק מיט זיי . . .

עס זיינען געווען, און יעצט זיינען דאָ, אַזאַ מין וואָס מען רופט זיי גאַנץ פראָסטע . . . זיי האָבען געקענט קוים „עברי", אָבער דאָך האָבען זיי געהיט אַלע מצות, די וואָס זיי האָבען געוואוסט, און געקענט היטען, און אָפט מיט „מסירת נפש" — זיי האָבען אויך געהיט דעם דאַוונען דריי מאָל אַ טאָג, און שבת דעם תהלים, און געגאַנגען הערען מוסר . . .

עס זיינען געווען אַזעלכע וואָס זיי זיינען געווען אויסגעטאָן פון אַלעם, און היינט דאָס זעלבע, זיינען אַזעלכע פאַראַן. זאָלען מיר זיך נאָר ניט איילען זיי פאַראורטיילען. אמת טאַקע, זיי זיינען געווען „קלים", אָבער איך רוף זיי „קדשים קלים" — זייער קאָפּ האָט קיין תפלין געלייגט, און זיי ווערען טאַקע ביי אונז גערופען „פושעי ישראל", און דאָך „ישראל", ווייל זייער איבערגעבענהייט צום אידישען פאָלק איז געווען מיט די גרעסטע „מסירת נפש". אין דער אמת זיינען זיי געווען נאַקעט אָהן „מצות", און טאַקע זיי האָבען געהאַט דעם נאָמען „פושעי ישראל" — ווייל די גמרא זאָגט (אין ר"ה י"ז) : „פושעי ישראל" „קרקפתא דלא מנח תפלין" — זעהט אָבער וואָס די גמרא זאָגט (אין עירובין י"ט) „פושעי ישראל אין אור של גיהנום שולטת בהם", דער גיהנם וועט ניט שולט זיין דעם פייער זיינעם אויף די „פושעי ישראל". (אין ברכות נ"ז) : „אפילו ריקנין שבך מלאים מצות כרמון".

די חכמים האָבען געהאַט זעהר אַ וויטען קוק אויף די „פושעי ישראל“. פון די „פושעי ישראל“ וואָס זיינען געוועזען וויט פון אידישקייט און פון אידען, און אַ סך וואָס מיר ווייסען אַז זיי האָבען זיך ניט געוואָלט אנערקענען צו אידען, און אידען פלעגען זיי גאָר ניט דערקענען, פיעלע פון זיי אַז זיי זיינען אידען, דאָך ווען די היסטאָריע דערצעהלט פון אַ „גזירת השמד“ פלעגען זיי זיך לאָזען ברענען, בראָטען, אַלע „יסורים“ זיך לאָזען טהאָן, און געהן מיט שמחה אויף „קידוש השם“. אַלס ביישפּיעל וועל איך אייך ברייגנען אַ געשיכטע, אַז איהר וועט זיך איבערצייגען ווי וויט מען קען ניט פאַראורטהיילען דעם גרעסטען „רשע“, קוים איז ער נאָך ניט געטויפט. אין שפּאַניען, אין דער צייט פון דער פינסטער־רער אינקוויזיציע, איז געוועזען אַ קאַפּעלמייסטער ביי איזאַבעלען, די קעניגין, וועלכער האָט געגעבען לעסאָנס אויף מוזיק אין איהר הויף, און ער איז געוועזען באַשאָנקען מיט מעדאַלען פון איהר און פון קעניג פערדינאַנד. ער איז געווען באַליבט אין קעניגליכען הויף אויף דעם גרעסטען אָרט. ער אַליין איז פון געבאָרען גע־וועזען אַ איד, אָבער ער האָט שוין גאַנץ ווינציג געוואוסט דערפון אַז ער איז אַ איד . . .

די אינקוויזיטאָרען האָבען ערפאַהרען, אַז ער איז אַ געבאָ־רענער איד און זיי האָבען אויך געוואוסט אַז ער ווייס עס אַליין ניט, דאָך איז אין זייערע אויגען די זאַך ניט געווען כשר, ביז ער טויפט זיך. זיי האָבען דאָס דערצעהלט איזאַבעלען און טאָרקוואַ־מאדע האָט נאָך פּאַרווירפע איהר געמאַכט, אַז זי האַלט אין איהר הויף אַ אידען און מאַכט איהם רייך, און גיט איהם מעדאַלען, און זי דאַרף האָבען אַ „תשובה“ דערפאַר, אַז ניט וועט זי ליידען גיהנם.

זי האָט איהם באַלד געשיקט רופען, און זי האָט איהם מגלה געווען דעם סוד מיט די ווערטער: זיי ווייסען אַז מיר האָבען זיך דערוואוסט אַז דו ביזט אַ איד, און דו ווייסט וואָס איך פערלאַנג פון דיר, און בעט דיר רחמים, אַז דו זאָלסט פאָלגען מיין „עצה“, און בעט דיר, ווייל איך גלייך דיר, און מיין „עצה“ איז דו זאָלסט אָננעמען דעם קאַטוילישען גלויבען. איך וועל דיר העכערען דיין

געהאַלט, איך וועל דיר טאָן די גרעסטע טובות וואָס נאָר מעגליך איז. נו, וואָס זאָגסטו, מיין ליבער פריינד? . .

— הער זיך איין, איזאַבעלע, איך דאַנק דיר פאַר דיין טובה וואָס דו ווילסט מיר טאָן צו העכערען מיין געהאַלט, איך דאַנק דיר פאַר דיין „עצה" צו ווערען אַ „קאַטאָליק", אָבער מעהר פאַר אַלעם דאַנק איך דיר וואָס דו האָסט מיר דערמאָנט אַז איך בין אַ איד. איך האָב שוין אין גאַנצען אַליין פערגעסען. איך דאַנק דיר, איזאַבעלע, פאַר דעם דערמאָנען, די טויזענדע מאָל, דיין געלט איז מיר „טריפה" — דיין „עצה" האַלט זיך פאַר זיך . . . און איך בין געבאָרען אַ איד און וועל גלייך טאַקע באַלד שטאַרבען אַ איד . . . אַ איד . . . אַ איד . . . וועל איך שטאַרבען, איזאַבעלע . . . איין „טובה" וועל איך דיר בעטען: גיב אַ וואונק דיינע „מחבלים" און זיי קענען שוין אויספיהרען זייערע ווילדע, טיראַנישע אינקוויזי־ציע־מאַשינען פאַר מיר. איך זאָג דיר, אַז דו פאַרשפּאָרסט מיר צו ריידען וועגען דעם. איך בין אַ קנאַפּער איד געוועזען אין מיין לעבען, אָבער אַ איד וועל איך שטאַרבען.

די „טובה" האָט די „מרשעת" טאַקע געטהאָן, געלאָזט באַלד אריינרופען טאָרקוואמאדאָן אַליין און איהם געזאָגט: נעהם דעם פאַרפלוכטען אידען און טהו איהם אַזעלכע יסורים, צוואַנציג טעג נאָכאַנאַנד, ביז ער וועט ווייכער ווערען און ער וועט אָננעמען דעם קאַטוילישען גלויבען. זעה טראַכט אויס פאַר איהם אַזאַ סאָרט יסורים, וואָס ער זאָל ניט קענען שטאַרבען די צוואַנציג טעג. איך האָף, אַז איך וועל איהם נאָך האָבען פאַר מיין ליבלינג אין מיין הויף, אַלס פרומער קריסט.

מען האָט איהם אַראָפּגעפיהרט, און דאָקטוירים האָבען טאַקע פאַר איהם אויסגעזוכט אַזאַ סאָרט מוטשעניגע, אַז ער זאָל קענען לעבען אין די יסורים צוואַנציג טעג. יעדען טאָג האָט מען איהם אין אַ מאַשין איינגעקוועטשט אַ ברעג פון אַ פינגער, און אַזוי לאַנג געקוועטשט, ביז דער נאָגעל איז אַראָפּ, און אַזוי אַלע טאָג. אויף דעם לעצטען טאָג איז נאָך געוועזען איין נאָגעל, פון רעכטען פוס, דעם גראָבען פינגער, און ווי מען האָט דעם פינגער אָנגעשרויפט, האָט ער נאָר אויסגעשריען „שמע ישראל"! מעהר האָט ער ניט

געדיינקט, און איבערגעזאָגט נאָך אַמאָל, און זיין הייליגע „נשמה" איז אַרויס . . . זאָגט מיר, מיינע טייערע — וואָס זאָגט איהר? וואָס דיינקט איהר וועגען דעם קדוש?... נו, וואָס זאָגט איהר? הא! ער איז אַ קדוש . . . יאָ . . .

מיינע טייערע, אַט אַזעלכע „קדושים", אַט אַזעלכע „טהורים", אַט אַזעלכע הייליגע „נשמות" — דוקא פון די וואָס מען האָט גאָר ניט דערקענט אַז זיי זיינען אידען — אַט אין די ליגט „מסירת נפש" פאַר דעם „יודענטהום", פאַר דער „תורה", פאַר דער „אמונה" — די אומשטענדען פון לאַנגען וואַנדערען פון לאַנד צו לאַנד, פון שטאָדט צו שטאָדט, פון דאָרף צו דאָרף, פון הויז צו הויז, דאָס האָט געמאַכט דעם אידען. צו דעם „פנים" וואָס אידען האָבען, צו אַזאַ פנים, וואָס אין איין זייט איז דאָ אַ חסיד, וועלכער איז נאָך מיט'ן גאַרטעל, און גלויבט אין אַן אייניקעל, אור־אור־אייני־קעל, און אין וועמען ער גלויבט, איז אַן „עם הארץ" „גמור", ניט „מדרבנן" אַליין, וואָס ווייסט אפילו דעם טייטש ניט פון „תנו רבנן", און זיין זוהן איז אָהן אַ גאַרטעל, און עס דוכט זיך מיר אַז ער דאַווענט אויך ניט. מילא ער דאַווענט ניט, אָבער אַז ער לייגט קיין „תפילין" ניט איז ערגער . . . און עס זעהט זיך אויף איהם קוקענדיג, אַז ער גלויבט אפילו אין גאָט ניט.

אָבער פון וואַנען נעמט זיך דאָס, אַז אַזעלכע ניט פרומע זאָלען האָבען אַזאַ „מסירת נפש"? עס דוכט זיך אויף זיי קוק־קענדיג, אַז עס איז אויסגעלאָשען אין זיי יעדער פונק פון אידיש־קייט? פון וואַנען נעמט זיך טאַקע דאָס, אַז עס ברענט אין זיי אַזאַ הייליגע „נשמה"? וואָס איז דאָס? ווי איז דאָס? פון וואַנען איז דאָס?

אַט דאָס האָט „שלמה מלך ישראל" דערקלערט. נאָר נאָך איין קורצע „הקדמה", אַז גאָט ב"ה האָט געגעבען די „תורה הקדושה" האָט ער געגעבען איהר, מיט „קולות וברקים", דונער און בליצען, פייער און רויך. „והר סיני עשן כולו", און דער באַרג „סיני" האָט אין גאַנצען גערויכערט, אַ רויך איז פון איהם גע־גאַנגען . . . „ויהי קול השופר הולך וחזק מאד" — „ויהי ביום השלשי ויהי קולות וברקים" — וואָרום האָט גאָט ב"ה אַזוי גע־

מאַכט? מיט „קולות וברקים“, מיט פייער און רויך, מיט ציטער־ניש, אַז עס איז אַרויס ביי די אידעלעך די נשמה פון יעדען איינעם? דאַכט זיך „דברי חכמים בנחת נשמעים“ און דאַכט זיך אַז „השם יתברך“ האָט געוויזען צו „אליהו הנביא“ אַז ער קומט ניט מיט פייער, ניט מיט שטורעם, „לא באש ד׳ ולא ברעש ד׳,“ נאָר „בקול דממה דקה“, און אַם ענדע די „תורה הקדושה“ האָט ער געגעבען מיט שטורעם? מיט רויך? מיט דונער? מיט בליץ? מיט געשריי? מיט ציטערניש? פאַר וואָס איז דאָס?

וו י י ל: גאָט ב״ה האָט געוואָלט, אַז די „תורה“ זיינע זאָל זיין אויף אייביג ביי די אידעלעך, זיי זאָלען איהר קיינמאָל ניט פערגעסען, זיי זאָלען איהר אימער געדיינקען, עס זאָל בלייבען ביי אַלעמען כאָטש אַ פונק ביי די וואָס אונז דוכט זיך אַז זי איז אויס־געלאָשען, אויסגעלאָשען אין גאַנצען . . . און דאָס וואָס מען קלאַפּט אַריין מיט גרויס געשריי, מיט „קולות וברקים“, מיט ציטערניש, מיט פייער, איז ביי דעם „רוב ישראל“ געדיינקען זיי טאַקע אַלעס. אָבער די נאַכלעסיגע אידעלעך, די קאַלט עאידעלעך, דערמאָנט זיי דער פייער פון דער „תורה“, דער בראַנד, דער רויך, די „קולות וברקים“, אין דער צייט וואָס מען וויל איהם אין פייער וואַרפען, דערוועקט זיך יענער פייערל, וואָס איז נאָך ניט אין גאַנצען אויס־געלאָשען, מיט דעם פייער וואָס די מענשען, די „משחיתים“ מאַכען דעם פייער, צו פאַרברענען איהם, דערוועקט זיך דער געטליכער פייער, יענער, און דער געטליכער פייער איז שטאַרקער פאַר דעם פייער . . . און ער געהט מיט „שמחה“ צום פייער, אָדער צו אַנ־דערע יסורים. די „קולות וברקים“ פון באַרג „סיני“, דאָס איז אימער ביי דעם אידען, און דאָס לאָזט איהם ניט פאַרגעסען די „תורה“, אַמוויינינגסטען ניט אין גאַנצען צו פאַרלאָשען ווערען דעם געטליכען פייער . . .

אַלזאָ, אונז דוכט זיך, אַז מיר האָבען פאַרשלאָפענע אידען, וואָס שלאָפען שוין אין גאַנצען פון אידישקייט, „אני ישנה“ איך שלאָף שוין דוכט זיך, אָבער אפילו די וואָס שלאָפען און ווי „שלמה“ זאָגט אויף זיך, קומט עס אויס אַז איך שלאָף שוין . . . דוכט זיך, איך שלאָף פון „שבת“, פון „תפלין“, פון „ציצית“, פון

„כשרות" — פון „טהרת המשפחה" — אָבער „ולבי ער", מיין האַרץ איז וואַך, די אידישע האַרץ אין מיר שלאָפט ניט, זי איז וואַך . . . איז דאָך אָבער די פראַגע: ווי קומט צו אַזאַ פאַרשלאָפענעם אידען, אַז דער אידעלע, דער פאַרשלאָפענער, זאָל זיך לאָזען ברענען, בראָטען, אַלע „יסורים" אָנטהאָן און שטאַרבען אַ איד, מיט „שמע ישראל"? ווייל „ולבי ער", מיין האַרץ איז וואַך. ווי קומט צו אַזאַ „חברה"־מאַן אַזאַ טייערע הערצעלע? דאָס איז ווייל „קול דודי", די קולות פון מיין פריינט, פון דעם „רבש"ע" פון „מתן תורה", „דופק", קלאַפט מיר אָן, און עס לאָזט ניט פאַרלעשען דעם פונק אין מיין האַרצען... מיין האַרץ איז וואַך...

יעצט וועלען מיר האָבען דעם דרוש פון אונזער „תנא", דער „איש אלקים", רבן גמליאל. — זייט וויסען — האָט רבן גמליאל געזאָגט צו די הערער זיינע, — איהר זאָלט זיך ניט שרעקען וואָס איהר זעהט אַלע טאָג געהען אַוועק פון אונזער אידישען לאַגער די יונגע לייט, און זיי געהען ניט אין „דרך הישר". אמת, עס איז ניט גוט צו האָבען אַזעלכע פרייע ביי אונזערע ברידער, אָבער איך זאָג אייך אַז איהר זאָלט גאָר קיין פורכט ניט האָבען. קוקט ניט אויף זייער אויסזעהן, וואָס עס זעהט זיך ניט קיין ברעקעל אידיש־קייט ביי זיי. אינווענינג ביי זיי איז דער פייער פון באַרג „סיני" ניט פאַרלאָשען, די „קולות" פון באַרג „סיני" קלינגען אין זייער „נשמה" און זי איז ביי זיי ניט געשטאָרבען. אינווענינג לייכט נאָך די „ברקים", דער העלישער פייער פון די בליצען פון באַרג „סיני".

די „כנסת ישראל" פון „קבלת התורה" אַז ווערען גערופען „אשה", אונזער הייליגע לאַנד ווערט גערופען אונזער מוטער, דאָס הייסט אויך מיט דעם נאָמען אשה. זייט וויסען, זאָגט זיי דער געטליכער מאַן, דער „נשיא" פון די אידען, אַז איהר וועט נאָך זעהען, עס וועט קומען די צייט, „עתידה" „אשה", עס וועט קומען אי"ה די צייט, אַז די „אשה" די „כנסת ישראל", די „אשה" אונזער מוטער ציון, „שתלד בכל יום", זי וועט געבאָרען אַלע טאָג נייע קינדער, אַזעלכע, וועלכע מיר האָבען געדיינקט אַז זיי זיינען אָפּ־געשטאָרבענע פון אונז, וועלען ווערען נאַציאָנאַליסטען, און ווי

ניט ביסלעכווייז וועלען זיי אויך ווערן רעליגיאָניסטען, ווייל עס קען ניט זיין אַנדערש, „נאַציאָן" און רעליגיאָן זיינען צוויי רינגען פון אַ קייט, וועלכע זיינען צוזאַמען. איך וויל ניט אָנרופען נע־מען, אָנדייטען די און די, נאָר מיר האָבען אַזעלכע „ציוניסטען", וואָס מיר האָבען גאָר ניט געוואוסט, אָדער די וואָס האָבען יאָ געוואוסט פון זיי אַז זיי זיינען אידען, אָבער אַז זיי זאָלען זיך מקריב זיין פאַר דעם אידישען פאָלק און אריינטרעטען מיט לייב און לעבען פאַר דער נאַציאָן, דאָס האָט קיינער ניט געגלויבט, אַם ענדע זעהען מיר עס. דארום זאָג איך אייך — זאָגט זיי דער נשיא — אַז עס וועט אַזוי זיין. דאָס זעה איך מיט מיינע אויגען, מיט דעם פּאָליטיסנעם בליק . . . און מיט מיין העכערען בליק . . .

„לגלג עליו אותו תלמיד", האָט אַ תלמיד זיך אויסגעלאַכט פון רבן גמליאל. — עס קען ניט זיין, זאָגט ער, אַז אַזעלכע אויס־געטאָנענע מענשען, וויט אַוועק פון אידען און יודענטום, זאָלען אָפּלעבען די וואָס זיינען אַזעלכע „טריפה'נע ביינער", זאָלען ווערען אַזעלכע נאַציאָנאַליסטען. היתכן? קען דאָס זיין?

זאָגט צו איהם רבן גמליאל: דו ביזט אַן אומוויסענדער, דו האָסט קיין אויגען ניט צו זעהן, קיין אויערען צו הערען, דיינע אויגען זעהען דאָך, דאַכט זיך, אַז מען ברייננגט דיר אַ „תרנגולת" אַ טויטע, אַ געשאָכטענע, און דו זעהסט אינוועניג אייעלעך, נו, זעהסטו ניט אַז עס זיינען דאָ גאָר פּיצינקע, עטוואָס גרעסערע, נאָך גרעסערע, און איינע איז שוין מיט אַ הייטעל, געבאָרען צו ווערען היינט־מאָרגען,ווען מען וואָלט איהר ניט געשלאַכט. זעהען זעהט מען אַז די „תרנגולת" געווינט אַלע טאָג איין איי, אָבער אינוועניג איז ניט אַלע אין איין טאָג געבאָרען צו ווערען . . . נאָר די גאָר פּיצינקע ווערען אַלע טאָג גרעסער, די גרעסערע ווערען אַלע טאָג אַלץ מעהר אויפגעוואַקסען, ביז גאָר די גרעסטע קריגט אַ הייטעל און זי ווערט געבאָרען, אָבער ניט אַלע זיינען אינוועניג פאַרטיג.

אַז דער תלמיד לאַכט פון זיין דרוש, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווי דו זאָגסט, איז דאָס אַ נייעס, וועלכע עס איז אומגלויבליך געוועזען, הייסט עס „אין כל חדש תחת השמש" — זאָגט צו איהם

דער „נשיא“ — קום איך וועל דיר ווייזען אַ „תרנגולת“ האָט אַלע טאָג אַן איי. בעטראַכט ווי די איי ווערט, ווייל איינוועניג איז דאָ דער נעסט פון די קלייניגקע „אייעלעך“ — און אַזוי ווערט עס גרעסער און גרעסער, ביז עס ווערט געבאָרען. אַזוי זיינען די היינטיגע ניט פרומע. טאַקע דו זעהסט ניט ווי אַזוי דאָס קען זיין, אָבער זיי ווייסען אַז עס קען זיין, ווייל איינוועניג אין זיי איז פאַראַן דער פייער און דונער און בליץ פון באַרג „סיני“, און אַז עס קומט די צייט וואָס מען פאָדערט פון איהם, „שמד“ אָדער אַנדער אונגליקען, אָדער דעם אידישען פאָלק איז ניט גוט, אַז ער קען שוין ניט אַריבערטראָגען, דאַן ערוועקט זיך אין זיי דער נאַציאָנאַליסטישער פייער, און עס ווערט געבאָרען ביי דעם אידישען פאָלק. נייע קינדער אַלע טאָג וועלען צוקומען . . .

און דאָס איז, נאָך מיין מיינונג, דער געדאַנק פון דער תורה, וואָס גאָט ב״ה בענשט „יעקב“: „והיה זרעך כעפר הארץ“, דיינע קינדער וועלען זיין ווי די שטויב פון דער ערד. די שטויב איז פון דער ערד, און דאָס איז אויך ערד, אין אַ ווינטעלע, ווען די שטויב הויבט זיך אויף, און עס פאַרשפּרייט זיי דער ווינט ווייט־ווייט, דוכט זיך פיליכט אַז זיי, די שטויבעלעך, זיינען קיין ערד שוין ניט. דאָס ניט, די שטויב איז ערד, די שטויב איז בלימעלעך, וועלכע דער ווינט פיהרט אַוועק, און עס פאַלט דאָרט אויף דער ערד, און עס וואַקסט נאַכהער בלומען, און סתם די ערד. אויבען־אויף זעהט מען גאָר ניט, אָבער ווען די ערד ווערט געגראָבען, געפינט מען דאָרט קופּער, אייזען, זילבער, גאָלד און דימאַנטען. אַזוי וועלען זיין דיינע קינדער די לופטיגע, וואָס אויבען־אויף דוכט זיך אַז זיי זיינען „כעפר“, ווי דער שטויב, זיי פליהען אַוועק פון דיר ווייט־ווייט, ווייל דער ווינט, די „רוחות“, די „שדים“, די מלאכי חבלה“, די דריקער, מאַכען עס אַז דער איד זאָל אַנטלויפען פון זיין געבורט־לאַנד און לויפען אין אַן אַנדער לאַנד, און דאָרט פאַלט ער ווידער צו צו דער ערד פון לאַנד און וואַקסט בלומען, און מאַכט דאָרט ביזנעס, און פירט איין אַלע גוטעס אין יענעם לאַנד.

אָבער פון אַרומוואַנדערען זעהט מען אַז דער „איד“, די „ערד“

צו וואָס ער איז געגליכען, האָט ניט קיין פּנים פון קיין אידען, און מען דערקענט איהם גאָר ניט. דאָס איז אַלץ אויסערליך. אָבער אז מען זאָל קענען זיך אין איהם אַריינגראָבען טיעף אין זיין „תוכן", אין זיין „נשמה", וואָלט מען קענען זעהען דעם פייער פון בארג „סיני", און אז מען גראָבט אין איהם, דאָס הייסט אז מען מאַכט איהם פּאַגראָמען, מען טהוט איהם וועה, מען צווינגט איהם צום „שמד" דאַן געפינט זיך אין איהם אַלע טהייערע אַנ־טיקען דימאַנטען מיט אַלדאָס גוטס, „והיה זרעך כעפר הארץ".

דער מענש אין זיין לעבען באַנוגענט זיך ניט מיט דעם וואָס ער האָט ווי די „חכמים" זאָגען, „מי שיש לו מנה רוצה מאתים", ווער עס האָט הונדערט טאָלער וויל ער נאָך צוויי הונדערט, און אזוי ווייטער, וואָרום ער גלוסט נאָר צו די זאַך אַלעם מדרגות־ווייז, דאָס קינד גלוסט אַ צאַצקעלע, קוים בעקומט ער עס וויל ער שוין אַן אַנדערע, די פריהערדיגע וואַרפט ער שוין אַוועק און ער נעמט זיך צו די יעצטיגע, באַלד ווידער אַן אַנדערע. אַ קינד פון פיער יאָהר נעמט אַ שטעקען און רייט אויף איהם, און זאָגט אַז דאָס איז זיין פערדעל, נאָכהער שפּילט ער זיך אַליין אין פערדלעך. ער איז דער פערד און דער צווייטער ציהט איהם פאַר'ן שטריק, און ער בינדט איהם אָן אַ בוים, און אז ער ווערט עלטער, איז ער אַליין אויך דער פערד, „כחמור למשא", צו שלעפּען דעם יאָך אַלע טאָג צו אַנדערע גלוסטונג, אַלע טאָג אַן אַנדער זאַך.

ער גלוסט די זאַך בעפאָר ער באַקומט עס, ווי ער באַקומט עס זוכט ער אַן אַנדער זאַך, „ויחלום", ער חלומ'ט כסדר. „והנה סולם", עס איז פּונקט ווי אַ לייטער, אַלץ העכער, העכער, טרעפּ פאַר טרעפּ, העכער, „תאוות", עס הויבט זיך אָן „מוצב ארצה" פון נידעריגע זאַכען, נאָכהער קומט ער ביז „וראשו", זיין קאָפּ, „מגיע" גרייכט „השמימה" אין הימעל אַריין, ער קריכט אזוי לאַנג ביז ער געהט אריין אין הימעל, דארום איז ער אימער ביזי, און דארום וואַרפט ער אַראָפּ פון זיך דעם „עול מלכות שמים" — און דארום ווערט ער אזוי ווי איך האָב געשריבען אין דעם דרוש.

פאַר מיינע טייערע פריינד, די וואָס ליבען מיינע ספרים, וועל איך יעצט ברייגגען אַ מאמר, און מיט אַ „סיפור" איהם פאַר־

פּוצען, אום דער דרוש זאָל זיין פּאַרפּול . . . (עירובין ס"ה) בשלשה דברים אָדם ניכר בכוסו (ווען ער טרינקט איינינע „כוסות" און ער האָט שוין אביסעל אין קאָפּ, הערט מען וואָס ער רעדט, ווייל וואָס ביי א ניכטערען אויפ'ן לונג איז ביי א „שיכור" אויף דעם צונג...), „בכיסו" (מיט זיין טייסטערעל, ווי ער צאָהלט, ווי ער גיט צדקה...), „ובכעסו" (מיט זיין „כעס" דערקענט מען וואָס פאַר א מענש דאָס איז „כידוע").

מיינע טייערע, איך וועל דאָ פּאַר אייך ברייננען א שעהנעם „סיפּור" — פּיעלע וועט עס נוצען ברייננען. א איד, וואָס זיין אַרבייט איז געווען צו געהן אין דערפער און צוזאַמענקויפען פלאַקס, זאַמען, ווייץ, קאָרן, גערשטען, האָבער — ער האָט גע־מאַכט זעהר א שווערען לעבען, איז אָבער געווען א גרויסער „חכם", נאָר „כי לא לחכמים לחם", דער כלל האָט אויך אויסגע־האַלטען ביי איהם . . . איין מאָל איז ער געגאַנגען צופוס, די היץ איז געווען גרויס, אויף דעם וועג צו בערלען. דער קייזער איז גראָדע געפאָהרען אויף דעם וועג. דער איד איז געגאַנגען אין היץ און האָט געטראָגען א „משא" אויף זיך . . . דער קייזער האָט געהייסען זיך אָפּשטעלען, און ער האָט גערופען דעם אידען און ער זאָגט צו איהם: הער זיך איין, וואָס איז דיין אַרבייט, זאָג מיר? איך זעה אז דו ביזט א גרויסער אָרימאַן, אָבער דאָך זעהט זיך אז דו ביזט א קלוגער אידעל. ווארום האָסטו ניט געלערענט אַן אַרבייט, וואָלסטו ניט געדאַרפט ליידען אַזוי פיעל, דו וואָלסט זיך דיין פּרנסה געהאַט? — „אדוני המלך", איך פאַרשטעה פיעל זאַכען, נאָר וואָס זאָל מען טהאָן, איך האָב קיין הצלחה ניט, עס פעהלט מיר דער מזל, דער גליק . . .

איך בין א גרויסער „מבין" אויף „פערד", אז איך זעה א פערד אפילו פון וויטען ווייס איך ווי אַלט ער איז און צו וואָס ער טויג, און וויפיעל ער איז ווערט. — וואָס נאָך פאַרשטייסטו? — איך בין א גרויסער מבין אויף גאָלד און דיימאַנדס, איך בין אויך א גרויסער מבין אויף מענשען . . . — דער קעניג האָט פאַר־שריבען זיין אַדרעס און ער האָט איהם געזאָגט, אז ער וועט איהם די צייטען דאַרפען האָבען.

אין איינינע טעג צייט קומט צו איהם א „שליח“ פון קעניג. — דער קעניג דאַרף דיר האָבען. דער איד איז אַוועקגעגאַנגען צום קעניגס פּאַלאַץ, ער זעהט דאָס דער קעניג שטעהט מיט נאָך א מאַן און יענער האַלט פאַר'ן צוים זעהר א שעהנעם פערד, און ער בעט ביי דעם קעניג צוויי טויזענט מארק פאַר דעם פערד. דער קעניג פרעגט דעם אידען: וואָס זאָגסטו וועגען דעם פערד, ער איז ווערטה דאָס געלט? — דער קעניג זאָל אייביג לעבען, דער פערד איז אַלט זעקס יאָהר, דער פערד איז ניט ווערטה קיין פינף מארק.— איז עס געוואָרען א געלעכטער: אַך דער יודע, דער דומקאָפּ, וואָס שפּריכט ער, פון וואו ווייסען זיי דאס דער פערד איז אזוי פיעל אַלט? ווען זיי האבען איהם ניט בעטראַכט זיין מויל . . . און ווי קענען זיי וויסען דאס ער האט אזא נאַטור . . .

דער קעניג פרעגט דעם אידען: און ווי ווייסען זיי דיעזעס? — דער קעניג זאָל עוויג לעבען, דער קעניג זאָל ניט זיך זעצען אויף דעם פערד, וויל דער פערד האט א נאַטור אַראָפּצוואַרפען זיינע רייטער, זאָל דער קעניג שיקען איינעם פון זיינע לייטע, רייטען איין האַלב ענגלישען מייל, וועט דער קעניג אויסגעפינען ווער עס איז גערעכט, איך אָדער דער בעטריגער. דער קעניג האָט אַוועקגעשיקט זיין מענשען, דעם גרעסטען רייטער. אין צייט פון צעהן מינוטען האָט מען איהם געבראַכט מיט א צושפּאָלטענעם קאָפּ.

האָט דער קעניג געזאָגט צו איהם: גוט, מיין טייערער, דו האָסט מיר מיין לעבען געראַטעוועט, קום, איך וועל דיר באַ־צאָהלען. דער קעניג האָט אַרויסגענומען זיין פּאַקעט־בוך און ער האָט עפּעס דאַרטען געדרייהט, און ווידער געזוכט און געדרייהט, און אַרויסגענומען א פינף און צוואַנציג מארק און האָט איהם דערלאַנגט.

דער איד איז אַוועקגעגאַנגען אהיים. אין צוויי טעג אַרום — דער קעניג האָט איהם געשיקט רופען. ווי ער איז געקומען צום קעניג, זאָגט ער צו איהם: הער זיך איין, די גאָלד מיט די דיי־מאַנדס, וועלכע איך האָב יעצט געגעבען צו סעטען, קאָסטען מיר

א מיליאָן מאַרק — וואָס זאָגסטו אויף דעם? וויפיעל איז עס ווערטה?

— אדוני המלך, עס איז ניט ווערטה קיין האַלבער מיליאָן מאַרק. שיק רופען די גרעסטע דיימאַנדם הענדלער און דו וועסט הערען וואָס זיי וועלען זאָגען, וועסטו זעהען אויב איך ווייס אָדער ניט. און אַזוי האָט דער קעניג געטהאָן, און ער האָט באַקומען די זעלבע „ידיעה" ווי פון דעם אידען. יעצט, ווידער, האָט דער קעניג גענומען זיין טייסטערעל, געדרייהט און געדרייהט, און האָט אַרויסגענומען פופציג מאַרק און איהם געגעבען.

— קום מיט מיר אַריין, אידעל, אין מיין פּאַלאַץ און איך וויל דיר פרעגען אַ זאַך וואָס די לייטע דאַרפען ניט וויסען. ער איז אַריין מיט דעם קעניג, און דער קעניג זאָגט צו איהם: הער זיך איין, איך זעה אַז אַלע דריי זאַכען וואָס דו האָסט מיר גע־זאָגט זיינען אמת. דאָס זעה איך אַז דו האָסט באַלד דערקענט דעם נאַטור פון פערד, און די ווערדע פון די דיימאָנדס. יעצט וויל איך וויסען, אויב דו ווייסט די דריטע זאַך אויך — און דאָס איז אויב דו ביזט אַ „מבין" אויף מענשען. זאָג מיר וואָס פאַר אַ מענש בין איך?

— „אדוני המלך", דו וועסט ניט בייז זיין אויף מיר, אפילו אויף דאָס ערגסטע? — ניין, האָב קיין פורכט, און זאָג מיר וואָס דו פאַרשטעהסט. — אַלזאָ קען איך דיר זאָגען, „אדוני המלך", אַז דו ביזט געבאָרען געוואָרען ניט פון אַדעל, נאָר פון אַ פּראָסטען „בשר ודם". — דעם קעניג איז דאָס אַריין אין די געדאַנקען: איך ווייס דאָך דאס ער האט יענע צוויי זאַכען געטראָפען פונקט, איז געוויס די זאַך אויך ריכטיג. ער האָט דעם אידעל געשיקט אַהיים זאָגענדיג אַז אין אַ פּאָר טעג שפּעטער וועט ער איהם רופען.

דער קעניג איז אַריינגעגאַנגען צו זיין מוטער און ער האָט אָנגעשטעלט אַ פּיסטאָל געגען איהר „פנים" און געזאָגט: הער זיך איין, איך וויל וויסען דעם פולען אמת, פון וועמען בין איך געבאָרען?

— שאַ, זיי ניט אויפגערעגט, איך וועל דיר דערצעהלען פון

דעם אַלטען קאַמערדינער, דער פּראָסטער פּויער. איך האָב איהם געליבט און איך האָב מיט איהם געלעבט, און פון איהם ביזטו געבאָרען . . .

דער קייזער האָט געשיקט רופען דעם אידעל און איהם שטי־לערהייט געפּרעגט: הער זיך איין, מילא יענע צוויי זאַכען האָסטו געוואוסט, ווייל דו ביזט אַ גרויסער קינסטלער, און דו ביזט אַ „מבין" טאַקע אויף דעם, אָבער זאָג מיר, אַז דו ביזט אַזוי ווייט אַ „מבין" אויף אַ מענשען, פון וואַנען ווייסטו דאָס? ווייל דאָס איז „וואונדערליך" ערקלער מיר, ווייל דאָס וואָלט איך וועלען זיך אויסלערנען אויב נאָר „מעגליך".

— „אדוני המלך", איך מוז דיר דעם „אמת" ענטדעקען. זיי וויסען אַז איך האָב ניט געוואוסט ווי אַזוי דו ביזט געבאָרען גע־וואָרען, און אַפילו איך זאָל קוקען אויף דיר טויזענטע מאָל, וואָלט איך אויך ניט געוואוסט, נאָר פון יענע צוויי זאַכען, וואָס איך ווייס ריכטיג, און איך האָב דיר געטראָפען, און נאָכהער האָב איך באַלד געוואוסט אַז דו ביזט ניט געבאָרען פון אַדעל . . .

און די זאַך איז איינפאַך, אַז איך האָב דיר געטראָפען מיט דעם פערד, איך האָב דיר געראַטעוועט פון טויט און פון אַזוי פיעל געלט אָנצואווערען, ווייל דער פערד מיט דעם „חסרון" איז ניט ווערטה אפילו אַ „פּרוטה", און דו האָסט מיר געוואָלט באַ־צאָהלען, האָב איך זיך געפריינט, ווייל איך וועל שוין האָבען איינינגע טויזענט מאַרק. אָם ענדע האָסטו געדרייהט דיין טייסטערעל און געדרייהט און דו האָסט מיר געגעבען פינף און צוואַנציג מאַרק. האָב איך באַלד פאַרשטאַנען, אַז דו ביזט געבאָרען ניט פון אַדעל, וואָרום דער אַדעלמאַן באַפרידיגט אַ מענשען שעהן און פיין, נאָך דער ווערדע נאָך, אָבער אַ פּראָסטער פויער פאַרשטעהט ניט די ווערדע פון אַ מענשען, דערפון האָב איך פאַרשטאַנען, און יעצט ביי דעם צווייטען מאָל, אַז איך האָב מציל געוועזען אַזוי פיעל געלט פאַר דיר, האָב איך געדיינקט צו קריגען צוואַנציג טויזענט מאַרק. אָם ענדע האָסטו מיר ווייטער געצאָהלט ווי אַ פויער . . . דאַן האָב איך געווים געקענט וויסען אַז דו ביזט ניט פון אַדעל. און דער „אמת" איז דאָך אַזוי. דאָס ווייס איך און דו . . . און

איך האָב שוין זאָ־ווי־זאָ ניט צו באַקומען פון דיר קיין גרויסע געלט . . .

מיינע פריינדע, דער משל רעדט פאַר זיך אַליין. אויב איהר זעהט אפילו א „תלמיד חכם" און ער איז בכיסו, ווי יענער קעניג, זייט וויסען אז ער איז ניט חס ושלום א „ממזר", אָבער זיינע עלטערן זיינען ניט קיין יחסנים געוועזן, קיין אדעל געווים ניט, ודו"ק.

משלים, ציצים ופרחים

מב.

דער מושב זקנים

א גרויסער אידישער גביר האט בעקומען אן אפיעל פון משוב זקנים, ער זאל ביישטייערען צום פאנד פאר א גרעסערע הויז. דער גביר האט אויסגעקליבען זיינעם א פערטרויטען סעקרעטער, עס זאל אפשטאטען דעם מושב זקנים א באזוך און איהם רע־פארטעז ווי דארט ווערט געפיהרט, כדי ער זאל וויסען וויפיעל דער אנשטאלט פארדינט שטיצע.

דער סעקרעטער איז געקומען אין מושב זקנים. דער סופער־אינטענדענט האט איהם ארומגעפיהרט איבער'ן הויז און געצייגט ווי אלעס איז אין בעסטען ארדענונג, ריין, ציכטיג, ליכטיג. דער סעקרעטער איז געוועזען העכסט צופרידען. אבער ער האט געפונען איין פעהלער.

— אלעס איז אל־רייט, אין בעסטען ארדענונג — האט ער געזאגט צום סופעראינטענדענט, — אבער צו וואס דארף מען דא האבען אט די אלטע לייט?

מג.

זעלטען צו טרעפען

ס'איז זעלטען צו טרעפען אז א גרינער זאל ניט שעלטען קא־לומבוסען; אז דער באנקראטירטער זאל ניט פערגרעסערען די ביזנעס; א נשרף זאל ניט אויפבויען א גרעסערע הויז; א בעל־תפילה זאל ניט הייזעריק ווערען פאר כל נדרי; א רב א מגיד זאל ניט ליעבען געלט; א שידוך אהן קריעג; א נאמען שעהנע זאל זיין שעהן; א נאמען גיטע זאל זיין גוט; א חברה רודפי שלום זאלען זיך ניט פאטשען; א באדער אין ניו־יארק אהן ליעבע.

מד.

דער שומר שבת

א שומר שבת, א גרויסער מענג שבת איז געוועזען אין ווארשא. אליין איז ער געוועזען א גרויסער ארעמאן. זיין פארדינסט איז געוועזען צוויי און א האלב רובעל א וואך פאר איהם מיט זיין פרוי מיט זעקס קינדער. די גאנצע וואך פלעגט איהם אוועקגעהן אויף דער הויז הוצאה א רובעל. מען קען זיך פארשטעלען ווי רייך זייער לעבען איז געוועזען. און אויף שבת אליין פלעגט ער לאזען א רובעל און א האלב. מיט גרויס פרייד פלעגט ער צוזאמענברייינגען אלעס, פיש, פלייש און פון כל טוב אויף שבת קודש.

איין מאל א וואך האט ער נאר פארדינט איין רובעל, און אויף שבת איז ניט געוועזען אפילו איין פרוטה. ער איז אריינגעלאפען אין הויז און האט זיך אוועקגעזעצט און אנגעהויבען וויינען. סטייטש, שבת קודש וועט ער ניט קענען מאכען. האט זיין פרוי די צדקניות געזאגט צו איהם: שא, וויין ניט, מיין טייערער, געה נעם מיין גוטע קליידעל און פארזעץ (פארפיין). מיט גרויס אימפעט האט ער געכאפט די קליידעל און אוועקגעלאפען צו איינעם און האט געקריגען א רובעל און א האלב. און פאר גרויס שמחה איז ער געלאפען און האט געהאלטען אויסגעשטרעקט זיין האנט מיט די קליינגעלט א רובעל און א האלב. דערווייילע איז פארבייגעלאפען א פאלק קאזאקען. זיי האבען געזעהן זיין געלאף, זיין אויסגעשטרעקטע האנט, זיין אימפעט, האט איהם א קאזאק דערלאנגט מיט זיין נאגאיקע א קלאפ איבער'ן האנט, און די גאנצע געלט האט זיך אויסגעשאטען אין א וואסערעל א שמוציגען. דא פארשטעהט מען געבעך זיין לאגע — און וויפיעל קללות ער האט אריינגעגעבען דעם קאזאק, און סתם די יסורים פון זיין האנט, און אביסעל איז איהם אריין א פראגע צום רבש״ע: למה? על מה? ווארום? פאר וואס? א. ז. וו. ער איז אביסעל געקומען צו זיך, האט ער אנידערגעלייגט זיך אויף דער ערד אין נעץ און גענומען קלייבען זיינע קליינגעלט פון בלאטע. נאר פינף קאפיקעס האבען איהם געפעהלט, האט ער געזוכט איבער א שטונדע. ער האט

אנגעטאפט עפעס אזוי ווי א רינג. ער האט עס ארויסגענומען, עס האט איהם פארבליאסקעט די אויגען. פיער גרויסע דיימאנדס אויפ'ן רינג, און דאס איז געווען אזוי: ווען דער קאזאק האט איהם א גרויסען קלאפ געגעבען, האט פון זיין ארבעל, וואו דארט איז געווען א מין פאקעט, און אין דעם פאקעט איז געלעגען דער רינג, וועלכען ער האט אין מאסקווע גע'גנב'עט. פון הויכען אויפ־הויבען די האנט, איז ער ארויסגעפאלען אין דער בלאטע . . .

דער אידעל האט באלד פארשטאנען אז דאס איז א טייערע זאך און ער האט עס באלד אריינגעטראגען צו א מאן, אויף וועלכען ער האט זיך געקענט פארלאזען, און דער מאן האט איהם באצאהלט דערפאר אכט טויזענט טאלער . . .

יעצט האט ער פערשטאנען אז מען טאר ניט פרעגען ווארום? און פאר וואס? און דעם קאזאק פאר דעם קלאפ ניט מעהר געשאלטען.

(דאס געהט אויף דעם אידען: פון אלע צרות, וואס די צרות וועלען איהם ברייננגען נאר מאריך זיין דא —).

מה.

צופיעל וועגען

„דרכי ציון אבילות", טרויעריג זיינען די וועגען, ווייל זיי זיינען צופיעל. ווען עס זאל זיין נאר איין וועג, דער ריכטיגער וועג, וואלט ער געווים געווען א פרעהליכער וועג. עס זיינען אבער דא צופיעל וועגען . . . און ביי זיעבען ניאנקעס בלייבט דאס קינד אהן אן אויג.

מו.

„ראדי" פעהלט, „קל" איז דא

עס זיינען פאראן א סך פון די היינטיגע ראדיקאלען, אזעלכע וואס מיינען אז זיי זיינען ראדיקאלען, אבער אין אמת זיינען זיי אפטמאל נאר האלבע ראדיקאלען, און דאס הייסט א „קל"...

מז.

נאָך דיין בעטעל נאָך

ציה דיך אים, נאַר... לויט די גרויס פון דיין בעטעל...

מח.

שלעכטע אויגען

שלעכטע אויגען קענען ניט פארטראָגען די שטראַלען פון דער זון . . . שלעכטע מענשען קענען ניט פאַרטראָגען די שטראַלען פון דעם אמת . . .

מט.

טרענספערט די עליה

מען האָט אויפגערופען א בילדער צו דער תורה. ער האָט שוין גענומען געהן, האָט ער דערזעהן ווי א מאַן איז אריינגעקומען וואָס דער בילדער האָט געדיינקט אז ער וויל ביי איהם קויפען א הויז. זאָגט ער צום פּרעזידענט: פּליעז, טראַנספּערט מיין עליה צו דעם מאַן, ביזנעס איז בעפאָר פּלעזשור. ווען איך וועל פארטיג ווערען, וועל איך נאָך קעטשען די ביזנעס אויך.

נ.

קוגעל

קוגעל מיינט „כגל“ און עס שטאַמט פון דער סעודה, וואָס יעקב מיט לבן האָבען געגעסען אויף דעם הויפען שטיינער . . .

נא.

א פראַגע

וועלכער מענש קוקט ניט היינטיגע צייטען אויף געלט ? תירוץ: א בלינדער.

נח.

דער סוף פון קאַרגען

אַ קאַרגער מענש האָט זיין גאַנצען לעבען געקליבען גאָלד און זילבער און עס בעהאַלטען אין דער ערד. ווען ער איז געשטאָרבען האָבען זיינע קינדער דאָס גאָלד אַרויסגענומען פון דער ערד און איהם בעגראָבען אין דער ערד.

נו.

די תירוצים

אין אַ אידישער בוכהאַנדלונג האָט אַ מאַן אָפּגעטראָגען אַ בוך, וועלכען ער האָט גענומען נאָר אויף אַ וואָך צוויי איבערצו־לעזען און וואו ער האָט געלאָזען דריי טאָלער, פיליכט ברייננגט ער עס ניט אָפּ צוריק, אָדער עס וועט ניט זיין אין גוטען קאָנדישאָן. צעהן בלעטער האָבען געפעהלט, פינף פאַרשריבען. געבראַכט האָט ער עס מיט צוויי וואַכען שפּעטער. פאַר וואָס פעהלט צעהן בלעטער? — דאָס בין איך ניט שולדיג. מיין אידנעע איז אין בעם געוואָרען פאַר וואָס איך לעז, האָט זי עס אויסגעריסען. — פאַר וואָס זיינען פינף פאַרשריבען? — בין איך אויך ניט שול־דיג, וויל מיין בייבי האָט עס געטאָן. — פאַר וואָס האָט איהר געבראַכט צוויי וואַכען שפּעטער? — ווייל איך האָב קיין צייט געהאַט.

ווי געפעלט אייך, רבותי, די תרוצים, האַ? דאָס זעלבע, מיינע טייערע, אַז מען וועט פרעגען, די צעהן געבאָט האָט דאָך ביי דיר אין גאַנצען געפעהלט? וועט ער ענטפערן: דאָס בין איך ניט שולדיג, מיין ווייב האָט געדאַרפט האָבען אַ סך געלט, טהעאַטער, מואווים, קאָנטרים, האָב איך ניט געקענט האַלטען. די פינף נאָך אַזעלבע מצות, וואָס איז דאָס? — דאָס איז שולדיג מיין קינד . . . פאַר וואָס אין כלל ביזטו ניט געקומען אַמאָל אין שוהל? — ווייל איך האָב קיין צייט ניט געהאַט. — גוטע תירוצים, האַ?

נב.

די איירישע דינסט

א אידישע פרוי, וועלכע האט געהאלטען א „כשרה" הויז, האט גענומען אן איירישע דינסט אלס קעכין. זי האט איהר אויסגע־לערענט ווי צו האלטען די פליישיגע געשיר אפגעזונדערט פון די מילכיגע. איינמאל האט די פרוי בעמערקט ווי די איירישע דינסט לייגט צוזאמען די מילכיגע לעפעל מיט די פליישיגע לעפעל.

— מארגארעטע! האב איך דיר דען ניט אויסגעלערענט ווי צו טהאן? ווארום האסטו צוזאמענגעלייגט די מילכיגע מיט די פליישיגע לעפעל? איך וויים, מאדאם, נאר יעצט איז אלץ איינס, איך האב געסטערן צו סאפער מילכיג געמאכט די פליישיגע לעפעל אלע, איך האב זיי געגעבען צום מילכיגען סאפער . . .

נג.

היינטיגע חזנים

די אלטוועלטיגע חזנים און די היינטיגע — די ערשטע זיינען זיך נוהג ערב יום כפור וויינינ צו עסען אום צו האבען א לייכ־טערען תענית; די צווייטע האבען א בעסערען מיטעל אום צו האבען א לייכטען תענית — עסען זיי א גוטען ברעקפעסט יום־כפור איידער זיי קומען אין שוהל אריין.

נד.

כבוד אב

זרח: ווי געפעלט דיר, ברוך, וואס איך האב דערלעבט פאר א נחת — איך גיב נעכטען מיין דזשייקען א פאטש, נעמט ער און גיט מיר צוריק.

ברוך: זארג ניט, מיין פריינד, דו ביזט נאך גוט אפ — ביי מיר איז נאר אנדערש: ער גיט מיר פעטש און איך גיב איהם צוריק.

די בימה

גאַנצע רעדעס אויף יעדען שבת

פון יעדער פרשה, פונקט ווי עס איז גערעדט
געוואָרען פון דעם מחבר אליין, מאמרים,
משלים, אפילו די „שיחת חולין".

יעדער ספר — אַ רעדע

נאָך דעם דרוש קומען משלים, ציצים ופרחים

פון דעם מחבר הרב הדרשן והמטיף המפורסם

יהודה ליב לאַזעראָוו

מחבר פון דברי יהודה, דגל יהודה, קול יהודה,
מטה יהודה, בית יהודה, אידישען רעדנער, ועוד.

חוברת י'

RABBI L. LAZEROW

1541—78th Street, Brooklyn, N. Y.

ניו־יורק — תרפ"ד

לעוואַנט פרעס
479
138 2־טע סט., נ. י.

פרשה וישלח

(רש"י) „עם לבן גרתי ותרי"ג מצות שמרתי".

יעקב שיקט זאגען זיין טייערען ברודער, אז מיט לבן האט ער געוואוינט און דאך די „תרי"ג מצות" האט ער געהיט. עס איז שווער צו פארשטעהן וואס „יעקב", דער „בחיר שבאבות", האט געדיינקט דערמיט, דאכט זיך, אז „עשו" זאל איהם דערפאר ליעב קריגען, ווייל ער איז זעהר פרום, גלויבט זיך ניט. איך דיינק אז גראדע פארקעהרט! און ווידער וואס זאגט ער איהם, אז ער האט מיט לבן געוואהנט. איז דען מעגליך אז „עשו" האט ניט גע־וואוסט, אז יעקב, זיין ברודער, געפינט זיך ביי לבן, און אז ער האט זיינע צוויי טעכטער פאר פרויען?

אין דעם „דרוש" וועל איך ארומריידען די „תפלה" פון רב, וועלכע ער פלעגט נאך „תפלת" י"ח „מתפלל" זיין, און מיר זיינען „מתפלל" די זעלבע „תפלה" אלע מאנאט, אין דעם שבת וואס מען בענשט ר"ח.

„רב בתר צלותיה אמר הכי — שתתן לנו חיים ארוכים, חיים של שלום, חיים של טובה, חיים של פרנסה, חיים של חלוץ עצמות, חיים שיש בהם יראת שמים ויראת חטא, חיים שאין בהם בושה וכלמה, חיים של עושר וכבוד, חיים שתהי' בנו אהבת תורה ויראת שמים, חיים שימלאו משאלות לבנו לטובה, אמן סלה. (ברכות ט"ז).

רב פלעגט בעטען: רבש"ע, דו זאלסט אונז געבען א לאנגען לעבען. וואס הייסט א לאנגען לעבען, פארשטעה איך ניט. אויב איהר מיינט, אז א לאנגער לעבען הייסט דער וואס לעבט הונדערט יאהר. איך דיינק ניט אזוי. ערשטענס, רב אליין האט געלעבט

איבער דריי הונדערט יאָהר, און אַזאַ מאַן בעט אויך אַ לאַנגען לעבען — ווי לאַנג זאָל דער לעבען זיין ? טיעפער צו פאַרשטעהן, זאָלען מיר זיך פאָרשטעלען אַז מען פיהרט צוויי טויטע צו זייער אייביגער רוה. איינער איז אַלט געווען הונדערט יאָהר, דער אַנ־דערער — פופציג יאָהר, און איך זאָג אייך, ווען מיר קענען זיי ביידען פרעגען, דעם הונדערט־יאָהריגען פריהער : זאָגט מיר, „בר־מנן", ווי פיהלט זיך ? בעסער פאַר דעם פופציג־יאָהריגען, אָדער ניט ? וועט ער אייך געבען זיין ענטפער : וואָס איז מיר דער אונ־טערשייד, אַז איך האָב דאָך יעצט ניט דעם עבר, וואָס איז מיר בעסער אָדער ערגער. הערט, „בר־מנן", איהר זייט געשטאָרבען צו פופציג יאָהר, פיהלט איהר זיך שמערצליך וואָס איהר האָט ניט דערלעבט אַזאַ עלטער ווי יענער הונדערט־יאָהריגער מאַן. וועט ער אייך ענטפערען : וואָס איז מיר ערגער, אָדער בעסער. מיר זיינען יעצט ביידע גלייך, און מיר לעבעדיגע קענען אויך פאַר־שטעהן, אַז דעם עבר האָבען מיר שוין ניט, דעם עתיד האָבען מיר אויך ניט, נאָר מיר האָבען די מינוט אָט דעם יעצט, פאַרשטעהען מיר ניט וואָס עס הייסט אַ לאַנגער לעבען. עס וואָלט גענוג גע־ווען צו בעטען „שתתן לנו חיים", זאָלסט געבען אונז לעבען.

נאָך אַ פראַגע האָב איך צו פרעגען אויף דער „תפלה" : ער בעט „שתתן לנו", געהט דער „לנו" אויף די גאַנצע „תפלה", „לנו חיים" „ארוכים", „לנו" „חיים של שלום", און דער „לנו" געהט „חיים של טובה", „פרנסה", „חילוץ עצמות", און בעפאָר „חיים של יראת שמים" האקט ער אָפּ דעם „לנו" און ער זאָגט „חיים" „שתהי' בהם יראת שמים ויראת חטא", עס זאָל זיין ביי זיי „יראת שמים" און „יראת חטא", ניט „לנו" צו אונז, נאָר ביי זיי. ביי וועמען שיקט מען אוועק יראת שמים, פאַרשטעה איך ניט ? אַז ער וואָלט געזאָגט „חיים של יראת שמים ויראת חטא", וואָלט דער „לנו" געגאַנגען נאָך אויף דעם אויך. נו טאַקע, וואו שיקען מיר אוועק דעם „יראת שמים". איך האָב געמיינט, אַז אַמעריקאַנער שיקען אוועק דעם „יראת שמים" אין „ארץ ישראל", האָב איך גע־רעדט מיט „ארץ ישראל" אידען, האָבען זיי מיר געזאָגט, אַז זיי זאָגען אויך „שתהי' בהם יראת שמים". ביי זיי זאָל זיין „יראת

שמים ויראת חטא". וואו שיקען זיי דעם „יראת שמים"? אפשר אין אמעריקא, א קשיא אויף א מעשה. עס קען זיין? טאקע אזוי?

נאך איין פראגע: ווען ער בעט אויף „חיים שיש בהם יראת שמים ויראת חטא" האט ער געדארפט גלייך בעטען „חיים שתהי' בנו אהבת תורה ויראת שמים", ווארום איז ער „מפסיק" מיט „חיים של עושר וכבוד" און נאך דעם „עושר וכבוד" צוריק „שתהי' בנו אהבת תורה ויראת שמים"?

א מענש זאל לעבען אפילו טויזענד יאהר, הייסט עס אויך ניט קיין לאנגער לעבען, אז קוים איז דא א שטארבען, א ברעג וואו עס ענדיגט זיך, איז עס אלעס איינס, קורץ אדער לאנג. עס איז נאר פאר די לעבעדיגע א „נפקא מינא", אבער פאר דעם געשטארבענעם איז קיין אונטערשייד.

נאר עס איז דא א וועג, אז מיט דעם וועג, ווען מען געהט, דאן קען מען גאר קיינמאל ניט שטארבען. אט אז מען שטארבט ניט, הייסט א לאנגער לעבען. און איך וועל אייך באלד פיהרען אין דעם וועג, און אז איהר וועט שטארבען, הייסט עס גאר ניט געשטארבען . . . די גמרא זאגט (אין בבא בתרא דף קט"ז): „דוד שהניח בן כמותו נאמר בו שכיבה, יואב שלא הניח בן כמותו נאמר בו מיתה", ד. ה. „דוד" האט געלאזען א קינד אזוי ווי ער איז גע־זאגט אויף איהם אז ער ליגט און שלאפט, אבער ניט געשטארבען. „דוד מלך ישראל חי וקיים", אבער יואב, כאטש ער איז געווען א גרויסער צדיק, איז געזאגט אויף איהם געשטארבען, ווייל ער האט ניט איבערגעלאזען א זוהן, אזוי ווי ער . . . . .

יעצט, מיינע פריינדע, קענען מיר האבען א „חיים ארוכים", טאקע א לאנגען לעבען, ווען מיר זאלען לערנען אונזערע קינדער דעם „דרך הישר", דעם וועג פון דער „תורה" און „מצות", אז זיי זאלען כאטש עטוואס זיין נאכפאלגער נאך אונז, זיין עהנליך צום פאטער. אין „מעשים טובים", קען זיין, אז דער פאטער און מוטער הייסען ניט געשטארבען, נאר „שכיבה" ווערט אויף זיי געזאגט, און דאס האט געוויס דער אלטער „רב", דער הייליגער מענש,

מתפלל געוועז, „שתתן לנו חיים ארוכים", דו זאלסט אונז געבעז א לאנגעז לעבעז. ווען וועט הייסען א לאנגער לעבען, אז „ותהי' בהם", אז ביי די קינדערלעך אונזערע, ווען עס וועט זיין ביי זיי „יראת שמים" און „יראת חטא", ביי זיי, „בהם" . . .

ווארום מיר מוזען אזוי זאגען, אז דאס געהט אויף די קינדער, וועל איך אייך בעסער נאך דערקלערען. זעהט ווי ער בעט גלייך נאך דעם „חיים ארוכים". די צווייטע זאך בעט ער „חיים" א לעבען „של שלום", א „שלום" לעבען. דאס קאן אנדערש ניט זיין, סיידען אז די קינדער זיינען אידען ריכטיגע, זיי פיהרען זיך ווי די על־טערען, ווען ניט ח"ו, ווי קען זיין שלום אין הויז? דער טאטע לייגט „תפלין" און דער זוהן ניט, וועט זיין שלום? דער טאטע האלט שבת און דער זוהן ניט, וועט זיין שלום? דער טאטע איז מקיים אלע מצות און דער זוהן ניט, וועט עס זיין שלום אין הויז? ניין! עס קען ניט זיין. אויב יא, איז א סימן אז דער טאטע איז אויך קיין צדיק ניט. גאט אין הימעל, בעט דער צדיק „רב", „שתתן לנו", דו זאלסט אונז געבען „חיים ארוכים", א לאנגען לעבען, דאס הייסט די קינדער מיינע זאלען אידען זיין, „ותהי' בהם יראת שמים ויראת חטא", דאן קען איך וויסען אז עס וועט זיין „חיים של שלום". . .

חיים של שלום קען דאן זיין, אז מען פארדינט אן ווען מען מאכט א לעבען, און מען ברייננגט די גרויסע פיידע, די ווייבעל האט געגוג געלט צו ספענדען, די זוהנעלעך און טעכטערלעך האבען דאס זייערינע, דאן איז דער טאטע, און מאן, נאך ניט איבעריג, און זיין ווארט האט נאך אן אפקלאנג אין הויז; דאן קען זיין „חיים ארוכים". די קינדער וועלען נאך עטוואס פאלגען, קען זיין אז זיי זאלען זיין אידען. אבער ווען זיין ווייבעל איז גוט צו איהם, קען הייסען „חיים ארוכים", עס געהט איהם איין דער לעבען, אז ניט איז זי איהם „מקצר" זיין לעבען, און אז עס פעהלט איהר ניט, איז „חיים ארוכים", ווייל עס איז חיים „של שלום", זי און די קינדער זיינען מיט איהם „שלום". פאר וואס זיינען זיי מיט איהם שלום, ווייל „חיים של טובה", ער מאכט פאר זיי א גוטען לעבען, און אזוי ווייטער. איבערהויפט ווען וועט הייסען „חיים

ארוכים" אז אזא סאָרט „חיים שתהי' בהם יראת שמים ויראת חטא" אַז ביי די קינדער, ביי זיי, וועט זיין אַ לעבען פון „יראת שמים און יראת חטא".

מיינע טייערע פריינד! דאָס קען נאָר זיין ביי דעם אָרימערען קלאַס, ביי זיי איז נאָך עטוואָס פאַראַן אַ אידישקייט, אַ אידישע האַרץ, אַ האַרץ מיט מענשליכקייט, אַ געפיהל פון דעם אידישען טיפ. ער גיט נאָך זיין קינד אין חדר, ער לערנט איהם נאָך עט־וואָס אידישקייט, אַזוי ווי אויף דעם שפּיץ גאָפּעל. ער האָט נאָך ליעב אַ בן תורה. ער געהט אין שוהל, אויך אָפּט צו הערען מוסר. איהם דערקענט מען נאָך אַלס איד. ער האַלט נאָך אויף די אידישע רעליגיאָן. ער איז נאָך צוגעבונדען צו אונזער „תורה". ביי איהם איז נאָך פאַראַן אַ „אהבת תורה ויראת שמים", אָבער ווי מיר בעטען, „חיים של עושר וכבוד", אַזאַ לעבען פון רייכקייט, אַ לעבען פון לוקסוס, דאָ מוז מען גלייך בעטען „חיים שתהי' בנו אהבת תורה ויראת שמים", ווייל קוים האָט שמערעל ביגלער זיך אַרויפּ־געאַרבייט אויף אַזוי ווייט, אַז ער האָט שוין אַ פּראָפּערטי און איינינע טויזענד דאָלער דערצו, דאַן ווערט ער דער גרעסטער פיינט צום רב, צום דרשן און צו יעדען בן תורה, ווייל ער קען שוין ניט קוקען אויף זיי — זיי זיינען דאָך געווים געגען זיינע „מעשים רעים". זיי, אָט די אויפגעקומענע „חברה", די שניידער־רוקעס, זיי געהען שוין אַרוים חוץ דעם אידישען קרעפּאָסט, אָבער אין כלל האָבען זיך אונזער פאָלק ניט וואָס צו זאָרגען. אפילו קור־קענדיג אויף די שניידערלעך די אויפגעקומענע. מיר אידען וועלען בלייבען אידען, דאָס אידישע פאָלק וועט בלייבען אַ פאָלק, די אידישע טראַדיציאָן וועט בלייבען טראַדיציאָן, ניט קוקענדיג אויף דעם אָלרייטניק . . . כאָטש זייער צאָהל איז גרוים. אין דעם הינזיכט וועל איך דאָ פאַר אייך אָוועקשטעלען אַ בילד פון אַ מאמר חז"ל, וואָס עס וועט אייך ערקלערען די גרויסקייט פון דעם אידישען פאָלק.

„היא לוז שצובעין בה תכלת, היא לוז שבא סנחריב ולא בלבלה, בא נבוכדנצר ולא החריבה, ואף מלאך המות אין לו רשות לעבור בתוכה, זקנים שבהם כיון שחייהם קצה עליהם הם יוצאים לחומה ומתים". (סוטה מ"ו)

מיר וועלען עס בעפאר פארטייטשען, אום איהר זאלט פאר־שטעהן וואס מיר זיינען „מוסיף" אויף דעם „מאמר", וואס מיר וועלען אויפטהאן אויף דעם „מאמר". דאס איז די שטאדט „לוז", אין וועלכער מען פארבט „תכלת", די לוז, אין וועלכער עס איז געקומען „סנחריב" און ער האט איהר ניט אויסגעמישט מיט זיינע מענשען; די לוז, אין וועלכער עס איז געקומען „נבוכדנצר הרשע" און ער האט איהר ניט געקענט חרוב מאכען, און אפילו דער „מלאך המות" האט קיין ערלויבעניש אפילו דורכצוגעהן אין איהר, ווייל דארט לעבט מען אייביג, נאר די אלטע לייט, די וועלכע זייער לעבען ווערט זיי „נמאס", געהען זיי ארוים אויסער דעם מויער און זיי שטארבען.

פריינדע! איך וויל ניט פרעגען קיינע „קשיות, איך וועל נאר אויפמערקזאם מאכען אויף איין זאך, אויב עס וואלט געוועזען אזא שטאדט, וואו מען לעבט אייביג, און קיינער האט איהר ניט געקענט „חרוב" מאכען, וואלט זי דאך יעצט אויך עקזיסטירט, און יעצט קען איך אייך זאגען, אז אזא וואונדער־שטאדט איז ניטא, ערשטענס, איז שוין כמעט ניטא איין ברעקעל ערד און אפילו „ימים", וואו די וועלט־פארשער האבען שוין ניט געפונען און די שטאדט איז נאך ניט געפונען געווארען, און ווען עס וואלט אפילו פון טויזענדער מיליאנען „ספקות" געוועזן, פילייכט איז דא אזא שטאדט, וואלטען אונזערע מיליאנערען געספענדעט מיליאנען־מי־ליארדען, און זיי וואלטען איהר אויסגעפונען, און זיי וואלטען דארט אוועק. אפילו איך, „יהודה ליב לאזעראוו", וואלט מיין גאנצען פערמעגען אוועקגעגעבען אום צו קענען קומען אין „לוז". נו, וואס דיינקט איהר, עס איז טאקע פאראן אזא טייערע שטאדט? און אז איהר אלע, מיינע לעזער, וועלען זאגען אז עס איז פאראן א „לוז"

אין וועלכער מען שטאַרבט ניט, וועל איך שרייען — ניין, ניין, עס איז ניטאָ, און עס איז אפילו ניט געוועזען . . . נאָר דאָס איז זעהר אַ הויכע פאַנטאַזיע, אויף דעם אידישען הייליגען פאָלק, די פאַנ־טאַזיע אין אַ ריכטיגען בילד פאַרגעשטעלט וואָס דער איד איז און זיין אייביגקייט, וועלכער לעבט אויף אייביג און אייביג.

די חז״ל דערצעהלען אונז, אז דער „קיסר״ האָט געפרעגט צו ר׳ „יהושע בן חנניא״ ווייז אין פעקט, ניט פון „דרשות״, אַ בע־ווייז אַז גאָט וועט לעבעדיג מאַכען די טויטע, האָט דער הייליגער „תנא״ איהם געזאָגט: הער זיך איין, „קיסר״, דער מענש האָט אין זיין קאָרק אַ ביינדעלע, וועלכע קען קיינמאָל ניט פאַרניכטעט ווערען, פייער קען איהם ניט פאַרברענען, וואַסער קען איהם ניט פאַרניכטען. אין דער ערד ווערען אַלע ביינער פאַרפוילט, ניט דער ביינדעלע „לוז״, צוקלאַפּען קען מען איהם ניט, קיינע אינסטרו־מענטען קענען איהם ניט פאַרניכטען. ברייננ דעם ביינדעלע און טריי, וועסטו זעהען. אָט פון דעם ביינדעלע וועט זיך אָנפאַנגען „תחיית המתים״. איין מאָל האָט נאָר גאָט בעשאַפען אַ וועלט, אַ „יש מאין״ — אָבער מעהר ניט, און דער ביינדעלע וואָס בלייבט הייסט „לוז״.

דער קעניג האָט געלאָזט ברייננען דעם ביינדעלע און ער האָט גערופען אַ סך „גבורים״ און זיי געהייסען צוקלאַפּען. זיי האָבען איהם אוועקגעלייגט אויף אַ „סדן״, דאָס איז דער ברייטער, גראָ־בער שטיק אייזען, אויף וועלכען דער בלעקשמידט שמידט זיינע אייזען. זיי האָבען גענומען צוויי גרויסע גראָבע האַמערס און זיי האָבען געקלאַפּט די האַמערס מיט דעם סדן, זיינען צושמעטערט געוואָרען, און דעם ביינדעלע האָט ניט געשאַדעט, ער איז גע־בליבען גאַנץ. דער קיסר האָט געטרייט דאָס ברענען אין אַ הע־לישען פייער — דער ביינדעלע איז גאַנץ געבליבען. דאָס איז אַ בעווייז אַז עס וועט זיין „תחיית המתים״.

אין אַ העכערער „מליצה״ הייסט עס אַזוי אין „פרט״: יעדער מענש לעבט ווען ער האָט האָפענונג, די האָפענונג גיט איהם לעבען, צו געהן ווייטער אין דעם שטראָם פון לעבען. זאָגאָר איהם איז שלעכט און גאַנץ ביטער, האָפט ער אַז עס וועט אָבער קומען די

צייט ווען איהם וועט זיך בעסערען, און וואס מעהר ער האט האָ־
פענונג, אַלץ מעהר גיט איהם קרעפטען אריבער צו שווימען דעם
„ים" „צרות". ווערט ער אָן די האָפענונג צו דער צוקונפט, דאַן
איז שוין פאַר איהם אַלעס פאַרלאָרען. און אויב ער איז ניט פון
די פרומע, וואס ער האט קיין גלויבען אין אַ צווייטער בעסערער
וועלט, דאַן ווערט ער אַ זעלבסטמערדער. דארום איז ביי היינטיגע
צייט פאַראַן אַזוי פיעל זעלבסטמאָרדען, ווייל זיי האָבען קיין האָ־
פענונג ניט מעהר, און די האָפענונג פון עולם הבא איז ביי זיי
ניט פאַראַן, קויפט ער אַ פיסטאָל און אַ קנאַק אין קאָפּ, און דאָס
אַלעס, אָדער אַ „לחיים" אַ באַטעלע גיפט, אָדער גאָר די געז־פייפ
און גוד באַי.

דאָס איז מיט דעם „פּרט". דאָס גלייכען איז מיט אַ „כלל",
פון אַ גאַנץ פאָלק. ווען אַ פאָלק, וואס איז זיי פינסטער און ביטער
און זיי האָבען קיין האָפענונג ניט מעהר ווידער אָפצולעבען, דאַן
ווערען זיי מיט דער צייט אויס פאָלק, און זיי ווערען פאַרניכטעט,
אָדער אויסגעמישט מיט אַנדערע פעלקער, און זייערע געדעכענים
ווערט אפילו פאַרלאָרען. ניט אַזוי איז עס מיט דעם אידישען
פאָלק. זיי האָבען קיינמאָל ניט אָנגעוואָרען זייער האָפענונג. זיי
האָבען אימער געלעבט מיט'ן „והיה באחרית הימים", זיי האָבען
אימער זיך אויסגעלאָכט פון אַלע פאַרפאָלגונגען, זיי האָבען איינ־
געבויגען זייער קאָרק און געליטען די גרעסטע פאַרפאָלגונגען, פייער
האט זייער האָפענונג ניט פאַרברענט, עס האט נאָר פאַרברענט
זייערע קערפּערס, אָבער שפּרינגענדיג אין פייער האָבען זיי מיט
דעם גרעסטען געשריי אויסגעשריען: „שמע ישראל ד' אלקינו ד'
אחד"! און זיי האָבען נאָכגעטאָן זייער „קדוש", דעם הייליגען
„תנא" „רבי עקיבא", ווען מען רייסט איהם זיין פלייש מיט איי־
זערנע קאַמען און „רבי עקיבא" לייענט גאָר „קריאת שמע", ווייל
זייער האָפענונג איז געווען זייער „עולם הבא" און די אָפלעבונג
פון דעם אידישען פאָלק „לאחר תחיית המתים" און זיי וועלען דאַן
האָבען זייער לאַנד, און אַלע וועלען זיי מקנא זיין. דאָס איז דער
ביינדעלע „לוז"... וואס דאָס קען ניט פאַרניכטעט ווערען. דער
„עם ישראל" האט אַזאַ ביינדעלע אין קאָרק, וואס אייף יעדער

„צרה" בייגט ער איין דעם קארק, און ער לאָזט אַריבער אַלע „ים"־כוואַליעס. קיין פייער האָט זיי ניט פאַרברענט, קיינע אינסטרו־מענטען האָבען זיי ניט פאַרניכטעט. דארום זיינען אַלע אידען נאָך יעצט אַ פאָלק און זיי האַלטען שוין באַלד ביי „תחיית המתים" אָפצולעבען, צו ווערען אַ פאָלק.

דאָס האָט געפרעגט דער „קיסר" צו „רבי יהושע": זאָג מיר, דו „תנא" געטליכער, גיב מיר צו ערקלערען. איך האָב "אָך אייך שוין געמאַכט נידעריג, נאָך נידעריגער ווי די ערד אַליין, און יעצט זאָגט איהר „אתה בחרתנו מכל העמים". דיינקט איהר נאָך אָפּ־צולעבען? ווי איז דאָס מעגליך? קען דען אזא „חרוב"־געמאַכטע לאַנד און אזא צובראָכען פאָלק אָפּלעבען?

— „קיסר", דו האָסט אַ טעות! דער איד איז ניט אזא פאָלק ווי דו דיינקסט, אַז זיי קען פאַרניכטען דער שווערד, די „אינקוויזיציעס", די פייערען אין וועלכע מען ברענט זיי. אין געגענטהייל, זיי ווערען שטאַרקער מיט דעם, זייער האָפנונג לעבט ערשט שטאַרקער אָפּ, ווען זיי האָבען „צרות" און זיי זעהען דאָס מיט די אויגען, טאַקע אויף דיר אַליין און אויף אַלע די וואָס האָבען דעם עם ישראל געשלאָגען, געברעט און אַזעלכע „מיתות משונות" זיי צוגעטהיילט — וואו זיינען זיי, די קלאָפּער זייערע. די האַמערס זיינען ניטאָ . . . די אַלע „סדן"ס, אויף וואָס מען האָט זיי גע־קלאָפּט, וואו מען האָט זיי געשלאָגען, דאָס הייסט די לענדער יענע. אָה „קיסר", זיי זיינען אַלע פאַרניכטעט, אונזער ביינדעלע „לוז" — וואָס דאָס איז דער טייטש „קרים" זיך אָפּ פון זיי, געה אַוועק פון זיי, און גיב ניט נאָך, נאָר לאָז זיך ברענען, בראָטען, און די איבעריגע געהען אַוועק אין אַן אַנדער לאַנד. ניין, „קיסר", דיינק ניט אַז דו קענסט אונז פאַרניכטען . . .

דאָס איז די שטאָדט „לוז", אין וועלכער מען לעבט אייביג... דאָס איז דער „עם ישראל" וואָס לעבט אייביג . . . אפילו אַז מיר זעהען אַזעלכע אידעלעך... די וועלכע עס האָבען שוין אין זיך קיין ברעקעל אידישקייט, אָבער אין זיי זעהט זיך פון ווייטען „תכלת", אַ זאַך וואָס עס זעהט זיך פון גאַנץ ווייט, זעהט זיך פאַר'ן אויג בלאָה, דער שטערן בלאָה, אַלעס וואָס עס איז זעהר ווייט,

אָדער דאָס איז גאָר ניטאָ פאַר אונזערע אויגען, אַזוי ווי דער הימעל טאַקע, וואָס עס פאַרנעהמט פון אונז אַזאַ ווייטקייט, ווי די חכמים זאָגען, פינף הונדערט יאָהר גאַנג, זעהן מיר דאָך אין גאַנצען ניט דעם הימעל, זעהט זיך אָבער פאַר אונזערע אויגען בלאָה...

דאָס זעלבע אַזעלכע אידעלעך וואָס מיר האָבען, און וואָס זיי איז זעהר ווייט, גאַנץ ווייט, צו זעהן ביי זיי אידישקייט, איז דאָס אויך נאָך ניט קיין בעוויז אַז זיי זיינען שוין געשטאָרבען פון אונז. נייז, „היא לוז שצובעין בה תכלת“, דאָס איז די האָפענונג פון דעם אידען, אַפילו פון די וואָס זיינען שוין ווייט, ווייט פון אונז. זיי לעבען אויך, ביי אַ געלעגענהייט, ווען מען ברענט דעם אידעל, ווערט דער „סדן“ פאַרברענט, צוקלאַפּט, און ער לעבט אָפּ . . . און גראָדע די, זיי אַרבייטען פאַר אונזער אָפּלעבונג, פאַר „ציון וירושלים“ — דאַן דערזעהט מען אין דעם „לוז“ „תכלת“, „בלאָה“, „קאָליר“, ווייל ער זעהט זיך פון ווייט . . . זיין אידישקייט . . .

„היא לוז“, דאָס איז דער אידעלע מיט זיין האָפענונג, וואָס גלויבט אין „תחיית המתים“, אין „תחיית האומה הישראלית“ „שבא סנחריב“, „סנחריב“, דער וועלכער האָט אַלע נאַציאָנען, די וועלכע ער האָט באַזיגט, האָט ער אויסגעמישט איינעם מיט דעם צווייטען, אום עס זאָל דאָס פאָלק פאַרלאָרען ווערען, אין „התבוללות“, זיי זאָלען ווערען איין פאָלק, און ער האָט אויף אַזאַ אַרט פיעלע אומות אויסגעמישט, אָבער דעם אידען „ולא בלבלה“, ער האָט איהר ניט געקענט אויסמישען. זייער „האָפענונג“ האָבען זיי ניט אָנגעוואָרען, און זיי זיינען געבליבען אַ פאָלק, און זיי לעבען און לעבען, און ער איז געבליבען אַ נאַר . . .

„היא לוז שבא נבוכדנצר ולא החריבה“, דאָס איז די „לוז“, דער „עם ישראל“ אין וועלכע עס איז געקומען דער רשע „נבוכדנצר“ און ער האָט איהר ניט געקענט חרוב מאַכען. יאָ, ער האָט חרוב געמאַכט דעם „בית המקדש“, חרוב געמאַכט די אידישע לאַנד, פאַרטריבען זיי אין „בבל“, אָבער דעם „לוז“, די אידישע האָפענונג האָט ער ניט „חרוב“ געמאַכט. זיי זיינען געבליבען אידען, זיי האָבען נאָך ווידער אויפגעבויט דעם „בית המקדש“ און ער, דער

סדן, ליגט אין דער ערד, ער און זיין „בבל" זיינען שוין פון לאנג פארניכטעט. אונזערע רייזענדע אידישע באזוכען דעם פלאץ פון זיין בבל, א שטיק ערד מיט א װעלדעלע, און דאס אלעס . . .

„ואף מלאך המות אין לו רשות לעבור בתוכה", און אויך דער „מלאך המות", װעלכער פארניכטעט אלעס: פעלקער, נאציאנען, ראסען, גאנצע אומות, גאנצע לענדער, און איבערהויפט איז אויף אלעס דא א „מלאך המות", װאס די שטארקסטע זאך מוז פאר־ניכטעט װערען, און דאס הייסט „מלאך המות", אבער דעם אידען, דעם „לוז", קען דער „מלאך המות" אפילו ניט דורכגעהן אין „לוז", אין דעם אידען. ניין, ער קען איהם ניט פארניכטען. אויף אלעס און אלעמען האט ער „רשות" צו פארניכטען, אבער ניט דעם אידען, ער קען איהם ניט פארניכטען . . .

נאר מיר האבען אזעלכע װאס זייער לעבען, דעם אידישען לעבען, װערט זיי „נמאס". זיי קענען זיך ניט דערדינגען צו עפעס, זייערע קינדער װערען ניט צוגעלאזען אזויפיעל אין קאלעדזש, און זיי װילען דאך אבער דאס, געהען זיי ארויס חוץ דעם מויער. („אני חומה", זאגט דער מדרש, דאס איז דאס אידישע פאלק, װאס זיינען שטארק װי דער שטארקסטער קרעפאסט), און זיי אנטלאפען די אידישע רעליגיאן, זיי טויפען זיך (אזעלכע איז דא זעהר װייניג). „זקנים שבהם כיון שחייהם קצה עליהם יוצאין חוץ לחומה והן מתין", די אלטע פון זיי, פון דעם אידישען פאלק, פון דעם אלטען „יודענטום" — װען עס װערט זיי „מיאוס" זייער הייליגער אידי־שער לעבען, זיי האבען צופיעל „רדיפות", געהען זיי ארויס חוץ דעם מויער . . . פון די אידישע רעליגיאן, און זיי שטארבען. רשעים בחייהם נקראים מתים, ודו"ק.

מיינע טייערע פריינדע, איך האב אייך אויפגעוויזען, דאס װען „ישראל" װערט ניט אן די האפענונג, איז ער דאן אין די גרעסטע ליידען, בלייבט ער לעבען, און ער לעבט, און ער מוז דורך דער האפענונג דערלעבען גוטעס, און זיינע דריקער קענען איהם גאר ניט טהאן. מיט דער צייט מוז ער זיעגען זיינע דריקער . . . און װען אבער „חס ושלום", אז „ישראל" װערט אן זיין האפענונג, בלייבט ער קאלט צום יודענטהום, און ער זוכט מיטלען בעסער

אויסצוגלייכען זיך מיט זיי. זיינע קינדער לערענט ער ניט דעם אידישען וועג, און אזוי כאפט זיך אריין דער „מלאך המות" אין זיין פאמיליע, און מיט דער צייט ווערט זיין זוהנעלע אין גאנצען א „גוי"על און אוים, און זיי טויפען זיך, אבער ער איז ערגער ווי געטויפט, און ער איז פון די וואס „יוצאין חוץ לחומה ומתים".

ער האט שוין אנגעווארען אפילו דעם קאליר „תכלת", זיי דארפען שוין ניט אנקומען צו „סנחריב", ווייל ער האט זיך אליין אויסגעמישט מיט די „אומות העולם", ווייל ער האט זיינע קינדער שוין ניט געלערענט, און זיי ווייסען שוין גאר ניט פון אידישקייט. דאן הייסט עס „יוצאין חוץ לחומה".

איך האב אין א „דרוש" אמאל געזאגט פון דעם חכם מכל אדם, וואס ער זאגט אין „קהלת" — „דור הולך ודור בא והארץ לעולם עומדת", ווען דער דזשענעריישאן דער אלטער געהט אוועק אויף דעם היילינען ארט, און ער קומט שוין ניט צווישען אונז, און דאס הייסט „דור הולך", און ער האט אבער געלערענט זיינע קינדער די אידישע רעליגיאן, דאן הייסט עס „ודור בא", דער יונגער „דור" וואס קומט מיט רעליגיאן איז א „דור", דאן איז „והארץ לעולם עומדת", קען די וועלט עקזיסטירען אויף אייביג.

דער „מדרש" זאגט, „ויהי לי שור וחמור", „שור זה יוסף, וחמור זה יששכר", און דאס איז א וואונדערליכער „מדרש", וואס שיקט ער איהם זאגען „ויהי לי שור וחמור, זה יוסף ויששכר, וואס רופט ער זיי אן מיט אזעלכע נעמען ? ער האט דאך איהם געקענט זאגען גאר פשוט, אז איך האב א „יוסף" און א „יששכר", אויב די צוויי קענען אפשרעקען „עשו"ען, נאר ער שיקט איהם זאגען : הער, מיין ליבער ברודער, איך האב פאר דיר קיין מורא ניט, איך לעב מיט מיין האפענונג, און דאס איז מיין רייכקייט, דאס הייסט מיין פערמעגען, דאס וואס איך האב אזעלכע גוטע קינדער. ווי דער „ילקוט" זאגט אין פ' „חוקת" אויף דעם „פסוק" „וממתנה נחליאל, ומנחליאל במות, אמרה התורה רבש"ע כתבי ומשמאלה עושר וכבוד ובניהם עניים" ? השיב הקב"ה להנחיל לאוהבי יש, ולמה דם עניים בזמן הזה, כדי שלא יתעסקו בדברים בטלים בעולם הזה וישכחו התורה, עכ"ל", דאס הייסט די „תורה" האט געזאגט : עס שטעהט

געשריבען אַז מען לערענט די „תורה" מוז מען האָבען רייכקייט און „כבוד" און זייערע קינדער זיינען אָרעמעלייט? האָט גאָט געענט־פערט: צו געבען מיינע ליבהאָבער איז דאָ אַ סך. איז וואָרום זיינען זיי פאַרלויפיג אָרעמעלייט, „בזמן הזה"? אום זיי זאָלען זיך ניט בעשעפטיגען מיט „דברים בטלים" אויף דער וועלט, דאדורך וועלען זיי פערגעסען די „תורה". דער מדרש איז זעהר שווער. עס שטעהט דאָך „ובשמאלה עושר וכבוד"?

וועלען מיר צוגעהן צו נאָך אַ ילקוט, וואָס ער ווייזט אָן וואָס עס הייסט גאָר „עושר וכבוד" — (ילקוט ל"ב) „אל תגזל דל כי דל הוא", „עני במה נקרא שמו לפני עושר נקרא שמו על שם ממונו על שם זהב וכסף אבנים טובות ומרגליות, אבל עני במה נקרא שמו? על בנו, כשבנו קורא בתורה שואלין בן מי הוא זה? יאמרו בן פלוני עני הוא זה וזה עשירתו וכבודו" — דאָס הייסט „שלמה מלך ישראל" זאָגט, דו זאָלסט ניט „גזלנ"ען דעם אָרעמאַן, דען ער איז דאָך איין אָרעמאַן. ווי און מיט וואָס ווערט גערופען דער אָרעמאַן מיט זיין נאָמען פאַר מיר? דער גביר ווערט גערופען צוליב די גאָלד און דיימאָנדס, „עשיר" רייכער מאַן, אָבער איין אָרעמאַן מיט וואָס ווערט גערופען זיין נאָמען פאַר מיר? ענטפערט דער „ילקוט": „על בנו", אויף זיין זוהן, דאָס הייסט מיט זיין זוהן האָט ער זיין נאָמען, דורך זיין זוהן האָט ער זיין נאָמען, ווען זיין פערט מען, יענעם אָרעמאַנס זוהן איז דאָס. און דאָס איז דער רייכקייט פון דעם אָרעמאַן, און דאָס איז דער „כבוד" פון דעם אָרעמאַן.

יעקב שיקט איהם זאָגען, „אם לבן גרתי ותרי"ג מצות שמרתי", איך האָב געוואָהנט מיט „לבן" און איך האָב געהיט אַלע מצות. וועסטו מיינען, פיליַיכט אַז איך האָב געהיט אַלע מצות, און גע־ווים איז דאָך די גרעסטע „מצוה" תורה צו לערנען, דאַרף איך דאָך זיין רייך? וועל איך דיר זאָגען אַז ביי מיר הייסט גאָר ניט רייך וואָס מען האָט אַ סך גאָלד און געלט. ניין, פון די רייכקייט האַלט איך גאָר ניט. נאָר וואָס דען איז מיין רייכקייט — דאָס וואָס איך האָב קינדער וואָס זיי לערענען „תורה". „ויהי לי שור, זה יוסף, וחמור, זה יששכר". און דאָס איז מיין רייכקייט, און געווים

האָב איך מיין האָפענונג, און מיט דעם לעב איך אריבער אַלע דריקונג, ווייל דו האָסט געווים געהערט ווער אונזער אַנקעל איז, „עם לבן גרתי", מיט „לבן" האָב איך געוואָהנט, און מיט איהם וואָהנען צוזאַמען, קענסטו פאַרשטעהן וויפיעל „צרות" איך האָב דורכגעליטען, און דאַך „ואחר עד עתה", און איך האָב זיך פאַר־זאַמט ביז יעצט, און דאַך לעב איך. דאָס איז צוליב דער האָפע־נונג מיינער און צוליב מיינע טייערע קינדער, גיב איך דיר אַ „עצה", „עשו", מיין טייערער ברודער, טשעפּע זיך אָפּ פון מיר. אז איך האָב געקענט מיט „לבן הרשע" דורכקומען און איהם זיעגען, אזוי וועט זיין מיט דיר . . .

איך וועל דיר, „עשו" מיין ברודער, נאָך בעסער ערקלערען, אז איך האָב פאַר דיר קיין מורא ניט, אויב דו געהסט זיך מיט מיר פּייטען. איך קען אויך זאָגען אפילו דעם אמת, אַז קיין גרויסער ליבהאָבער פון פּייטען בין איך ניט, אָבער אז עס קומט אוים זיך צו פּראָטעקטען בין איך אַ העלד, איך דאַרף גאָר ניט אַנטאָן קיין גלאָוום, איך מאַך אפילו קיין בעוועגונג ניט, איך שטעה און קוק, און מלאכים טהוען מיין ארבייט, זיי קענען זיך פּייטען. אויב וועסט פּרעגען, וואָרום טהוען זיי עס, וועל איך דיר זאָגען, ווייל איך האָב מקיים געווען די גאַנצע „תורה" און איהרע אַלע „מצות" און פון דעם ווערט מלאכים, פון יעדער „מצוה" אַ „מלאך", און די מלאכים, זיי טהוען שוין מיין ארבייט, און אזוי האָב איך געלערענט אין („מ"ם תענית ירושלמי") „לוי בר סיסי באו גייסות לעירו נטל ס"ת, ואמר אם בטלתי דבר אי מה שכתוב באורייתא הדין, ייתון עלון ואם לא יזלון, מיד הלכו הגייסות לדרכם", דאָס הייסט אין דער שטאָדט וואו „לוי בר סיסי" האָט געוואָהנט זיינען געקומען אַ „חיל" און זיי וואָלטען אויסגערויבט די גאַנצע שטאָדט, האָט ער גענומען אַ „ספר תורה" און ער האָט געזאָגט: רבש"ע, אויב איך האָב איין זאַך אפילו ניט אויסגעפאָלגט פון דער „תורה" זאָלען זיי קומען, אָבער אויב איך האָט „מקיים" געווען אַלעס וואָס עס שטעהט אין דער „תורה" זאָלען זיי אוועק־געהן. זיינען זיי באַלד אוועקגעגאַנגען. דאָס זעלבע זאָגט „יעקב" צו „עשו": מיין ליבער ברודער, איך וואָלט ווינשען אַז דו זאָלסט

זיך אויפפיהרען ווי א ברודער דארף זיך אויפפיהרען און ניט מאכען מיט מיר קיין פייטס, ווייל דו ועסט בלייבען א נאר און א „שוטה“ — איך קען דיר זאגען, אז איך האב געוואהנט מיט „לבן“, און ביי איהם זייענדיג צו זיצען און לערנען איז א סך שווערער ווי „לוי בר סיסי“ האט געלערענט, און ביי „לבן“ „מקיים“ צו זיין „תרי“ג מצות“ איז געווים ניט גרינג, און דאך „עם לבן גרתי“ ותרי“ג מצות שמרתי“, און קוים האב איך עם אלעם „מקיים“ געוועזן, איז מיין בעסטע „עצה“ צו זיין רוהיג . . . איך וועל דיר זאגען אז איך האב פאר דיר קיין מורא ניט.

משלים, ציצים ופרחים

נה

דער הונט

דער הונט בילט אויף דער לבנה, אבער די לבנה הערט נישט אויף — אויף איהם צו שיינען.

נו

פלאנצען מוז מען

אז מען נעמט פון דער ערד און מען פלאנצט ניט קיין אנ־דערע אויף זייער פלאץ, פארשטעהט מען וואס עס קען זיין דער־פון. אז די תלמידי חכמים, אדער אפילו אזוי פראסטע מענשען, וועלכע זיינען „יראי אלקים", אז זיי שטארבען און מען פלאנצט ניט איין די יונגע קינדערלעך מיט „יראה", מיט אידישקייט, מיט תורה, פארשטעהט מען וואס עס קען זיין פון אונז.

נז.

נעם פאר'ן היטען

מענש, דו ארבייטס טאג און נאכט, דו פליהסט, ניט דו לויפסט, דו לויפסט, ניט דו געהסט, נאר דו כאפסט, ניט דו נעמסט, דו רוהסט ניט קיין טאג און קיין נאכט. שטעל זיך פאר דו האסט שוין ארויפגעארבייט זיך, דו פארמאגסט שוין הונדערט און פופציג טויזענט טאלער, וויסטו אז דו ביזט מעהר ניט ווי א היטער פון דיין יעצטיגער סומע . . . נעם כאטש פארן היטען אראפ. היט, היט, אבער איך בעט דיר, האב שכל, נעם פאר'ן היטען. דעם זעלבען דאנק וועסטו קריגען, מיין טייערער. היט היט, נאר נעם גיב צדקה פאר'ן היטען, דאס וועט זיין דיינע.

נח.

די וועלט אין פאנטאזיע

די גאנצע וועלט איז נאר פאנטאזיע. רייכקייט איז נאר פאנטאזיע . . . דאס וואס עס דוכט זיך. א גביר האט געהאט א פין, זעהר א טייערע פין, עס איז ווערט געוועזן ביי פינף טויזענט טאלער. אין דער זעלבער גאס האט געוואהנט איין ארעמאן וואס האט געהאט אזא פין, א פראסטע, אבער מען האט ניט געקענט אויסקלייבן איינע פון די אנדערע, קיין אונטערשייד, סיידען דורך א מבין. די פין איז א גלעזערנע, אבער אזוי אויסגעארבייט פונקט ווי די גוטע. דער גביר האט פארלארען זיינע. דער ארעמאן האט פארלארען זיינע. דער גביר האט געפונען דעם ארעמאנס און ער פרעהט זיך, ער מיינט ער איז א גביר מיט דער פין פון פינף טויזענט טאלער . . . אין אמת איז דאס ווערט פינף און צוואנציג טאלער. דער ארעמאן האט געפונען דעם גביר'ס פין, אבער ער מיינט אז דאס איז זיין פין. איין ארעמאן איז ער יעצט. (דער גאנצער לעבן איז אזוי . . .)

נט.

דער יעצט

קוק ניט צו ווייט אין דער צוקונפט — עס וועט דיר קיינע נוצען ברייננגען. פארזארג זיך ניט צופיעל מיט דעם יעצט — ער דויערט ניט לאנג.

ס.

די וועלט

די וועלט איז א ים הגדול; דעם מענשענס לעבען — א שיף. גאט האלט דעם רודער. דעם בלאזט א גוטער ווינט, און דעם א שטורעם — אבער צו איין ברעג מוזען אלע קומען.

סא.

אָבגעשניטען ביז די פּאַקעטס

איך האָב געקענט אַ אידען, וועלכער איז געוועזען ניט קיין גרויסער געראַטענער, ער פלעגט פון זיין ארומגעהן קויפען רעגס ניט צופיעל פאַרדינען, דארום איז ער געוועזען פאַררעכענט ביי דער פרוי זיינער פאַר אַ „שלומיאל“, ווי ביי די אַלע אַמעריקאַנער פרויען, ווען דער מאַן דער בריינגט ניט קיין גרויסע פּיידע. איין מאָל האָט זיך איהם געמאַכט אין די רעגס אַ גוטען קאוט, אָבער ער איז געוועגען אויף איהם צו לאַנג, און ער האָט געדאַרפט פאַר זיך דעם קאוט נויטיג. בריינגט ער איהם אַהיים און ווייזט זיין ווייב: זעה, מיין טייערע, ער קאָסט מיר פיליכט פופציג סענט, דער קאוט, אָבער זעה, ער איז צו לאַנג מיט זעקס פינגער, בעט איך דיר, מיין טייערע, האַק עם אונטער און באַניי. — האָט זי אָנגעפאַנגען שרייען אויף איהם: עס פעהלט מיר ארבייט, האַ? דו בריינגסט נאָך ארבייט פאַר מיר. זעהט נאַר, זעהט נאַר אויף מיין שלומיאל אַ שניידערקע זאָל איך נאָך זיין פאַר דעם שלומיאל, זאָגט זי שרייענדיג צו איהר שנור און טעכטער. געה, שלומיאל, איך וויל עס ניט טהאָן.

ארום צוועלף אַזייגער האָט זי זיך באַזונען. עס איז דאָך אַ רחמנות אויף איהם, אַ שלומיאל אַ מאַן, אָבער דאָך אַ מאַן. איך וועל אויפשטעהן און אונטערשניידען איהם אויף זעקס פינגער דעם קאוט. און אַזוי האָט זי געטהאָן. ארום צוויי אַזייגער האָט זיך אויפגעכאַפּט די שנור און האָט גענומען באַרעכענען נעבעך די לאַגע פון איהר שווער, ווי אַזוי די שוויגער איהרע האָט זיך ענט־זאָגט איהם צו טאָן אַזאַ קלייניגקייט. ער געהט דאָך נעבעך אין אַזעלכע קעלטען אַהן אַ קאוט. איז זי אויפגעשטאַנען און אָפּגע־שניטען זעקס פינגער פונ׳ם קאוט, און האָט זיך געלייגט שלאָפען גאַנץ צופרידען, ווייל זי האָט געטהאָן אַ נחת רוח צו איהר שווער און ער וועט איהר גלייכען דערפאַר.

ארום דריי אַזייגער האָט זיך אויפגעכאַפּט די אַנדערע שנור און האָט דעם זעלבען רעכענונג געמאַכט, און זי האָט אויך זעקס

פינגער אָפּגעשניטען. פיער אַזייגער האָט זיך אויפגעכאַפּט די טאָכטער, און האָט גענומען באַרעכענען די לאַגע פון איהר טאַטען: ער האָט געבעד קיין קאַוט ניט, און די מאַמע האָט איהם ענט־זאַגט. איך וועל אויפשטעהן און מאַכען גוט, און וועל גאָר ניט זאָגען, זאָל ער מיינען אַז די מאַמע האָט עס געמאַכט.

זי האָט זיך גענומען צו דער אַרבייט. זי גיט אַ קוק, אַז זי וועט שניידען וועט זי שוין מוזען ביז די פּאַקעטס. וואָס פאַר אַ פּנים וועט עס האָבען?

רבותי! דעם נמשל שרייב איך קורץ. מיר זיינען געקומען אין אַמעריקאַ מיט אַ לאַנגען בגד, אַ גרויסע תורה און תרי"ג מצות — די פרויען האָבען פיעלע פון די מענער געראָפּען „שלימואל"ס ווען ער האָט געבראַכט אַ קליינע פּיידע, ווייל ער געהט דאַוונען, ער איז פרום, קורץ דערפון, די פרויען האָבען דעם בגד אונטער־געשניטען אביסעלע, די היינטיגע קינדער נאָך אביסעלע, נאָך אביסעלע, קורץ, פון גאַנצען לאַנגען „בגד", פון שבת, תפלין, ציצית, כשרות, טהרת המשפחה, א. ז. וו., איז געבליבען ביי די אַמעריקאַנער נאָר דער פּאַקעט. מען דאַרף געבען צדקה, און דאָס אַלעס. מיט דעם פּטר'ן זיי זיך און גענוג . . .

סב.

מיר האָבען צו זינגען און צו זאָגען

אַ מאָל פלעגט אַ רב זאָגען — אַ חזן פלעגט זינגען — און היינט איז דאָך אויך פאַרקעהרט. אַז דער רב זאָגט ניט, נאָר ער זינגט, און דער עולם קוועלט פון זיין זינגען: אַי, זינגט ער שעהן, אונזער רב אין זיין דרוש, און אויפ'ן חזן זאָגט מען: אַי האָט ער געזאָגט „אתה יצרת", אָדער האָט ער געזאָגט „הלל". דארום האָבען מיר יעצט צו זינגען און צו זאָגען.

סג.

ער דיינקט פאַלש

קיין מענש שטעלט זיך ניט העכער מיט דעם וואָס ער קריכט דעם צווייטען אויפ׳ן קאָפּ.

סד.

אַפּ־טאַון — דאַון־טאַון

אויף אַ הויכען בארג איז די לופט קיהלער ווי אין טהאָל. די וואָס שטעהען אין געזעלשאַפט העכער זיינען פיעל קיהלער ווי די וואָס זיינען נידעריגער. אַפּ־טאַונער זיינען קיהלער ווי דאַון־טאַונער...

סה.

דאַרף מען יעצט מגידים?

פאַרוואָס דאַרף מען אין אַמעריקאַ מגידים, מען ווערט דאָך ניט פרומער? — האָט איינער מיר געפרעגט. — זאָגט מיר, מיסטער לעבען, וואָרום דאַרף אַ ניגער אין הויז אַ שפּיגעל, ער איז דאָך זאָ ווי זאָ שוואַרץ?

סו.

גאָטס הכנסה

גאָטס הכנסה איז אַמאָל געווען גרויס און די הוצאה קליין. היינט — הוצאה גרויס און הכנסה קליין. גאָטס הכנסה: תפלין, ציצית, שבת, כשרות, טהרת המשפחה, געווען אַמאָל זעהר גרויס. ער האָט געהאַט אַ סך לייזונג — דאַגעגען זיין הוצאה קליין: ווייניג רשעים, מיט איין שטיקעל האָלץ איז גענוג געווען פאַר׳ן „גיהנם“ צו הייצען. היינט, הכנסה ליידער, ליידער, אָבער רשעים צום גיהנם, אפשר אַ מיליאָן טאָן קוילען אַ טאָג.

סז.

פאַרגינען די אָרעמע

די רייכע פאַרגינען די אָרעמעלייט אַלעס: רעליגיאָן, פרומ־קייט, שבת, תפלין — אַלעס, אַלעס, אפילו „עולם הבא" אויך, נאָר ניט קיין מטבעות.

סח.

שטאַרב וועסטו וויסען

א היינטיגער איז אריינגעקומען צו מיר און האָט געוואָלט עפּעס אָפּלאָכען. ער האָט נאָר געוואָלט איך זאָל זיך צולאָזען צו איהם. איך האָב אָבער געזעהען אַז ער איז געבילדעטער ווי אין תרחס צייט, ניט ווי אין אברהם׳ס צייט, טאָ וואָס זאָל איך מאַכען פיעל טענות מיט איהם — נאָר די ערשטע פראַגע האָב איך אויס־געהערט:

— רבי, וואָס איז עולם הבא? — שטאַרב וועסטו וויסען.

סט.

בנפשו יביא לחמו

„בנפשו יביא לחמו", מיט דער נשמה ברייננט ער זיין ברויט. פאַרפעהלט אמאָל דאַוונען, אָדער חס ושלום שבת ניט אַזוי אָפּ־היטען, צוליב די שטיקעל ברויט, — דאָס קלאָגט דער „מקונן", אָבער אַז דער „מקונן" וואָלט יעצט געוועזען און געזעהען אַז דאָס איז נאָר אַמאָל געוועזען „בנפשו יביא לחמו", ברויט מיט דער נשמה, איז נאָך ווי עס איז. אָבער יעצט, „בנפשו יביא לוקסום", מיט דער נשמה, מיט חלול שבת קודש און מיט אָפּטהאָן כל דבר אסור, ברייננט ער לוקסוס, א פּיאַנע, און העטעלעך מיט פעדערלעך, מיט טהעאַטערס, מיט צירקוס, מיט בעלער. וואָס וואָלט דער מקונן יעצט געזאָגט?

ע.

ניט צו קריגען אַ ריכטיגען פּאַרטנער

דזשאַרדזש צום אַנגעקלאַגטען: ווי עס ווייזט אויס ביזטו אליין געווען אין דער רויבעריי. — יאָ, הער ריכטער, ווייל היינ־טיגע צייטען איז שווער צו קריגען אַן ערענטליכען פּאַרטנער.

די בימה

גאַנצע רעדעס אויף יעדען שבת

פון יעדער פרשה, פונקט ווי עס איז גערעדט
געוואָרען פון דעם מחבר אליין, מאמרים,
משלים, אפילו די „שיחת חולין".

יעדער ספר — אַ רעדע

נאָך דעם דרוש קומען משלים, ציצים ופרחים

פון דעם מחבר הרב הדרשן והמטיף המפורסם
יהודה ליב לאַזעראָוו
מחבר פון דברי יהודה, דגל יהודה, קול יהודה,
מטה יהודה, בית יהודה, אידישען רעדנער, ועוד.

חוברת י"א

RABBI L. LAZEROW
1541—78th Street, Brooklyn, N. Y.

ניו-יורק — תרפ"ד

לעוואנט פרעס
138 2־טע סט., ניו יארק

פרשה וישב

„ויבא הביתה לעשות מלאכתו ביקש יוסף לשכב עמה בא דיוקנו של אביו וכו' עיי"ש.

(סוטה ל"ו ע"ב).

קיינע פראגעס אויף דעם מאמר וועל איך ניט פרעגען, און איך וועל דעם מאמר בעזה"ית ארומריידען ווי דער הימעלשער פאטער האט מיר געגעבען פארשטאנר, צו ריידען און צו שרייבען. אין אנפאנג וועט זיך דעם לעזער דוכטען, אז ער ווייסט דעם געדאנקען, וועלכען איך האב ארויסגעבראכט, אבער נאכהער וועט דער לעזער זעהען אז עס איז א נייעס.

איך האב אימער ניט פארשטאנען אין „ברכת התורה" די תפלה „והערב נא ד"א את דברי תורתך בפינו", מאך דאך זיס גאט אונזער גאט די רייד פון דער „תורה" אין אונזער מויל. וואס הייסט מאך זיס, אז זי איז דאך זיס. „דוד מלך ישראל" זאגט דאך: „ומתוקים מדבש ונופת צופים", די „תורה" איז זיסער פאר האניג און פאר אלע זיסע זאכען. זעהען מיר דאך אז זי איז זיס, טא וואָרום בעטען מיר, מאך אונז זיס, א זיסע זאך?

עס קומט מיר אויס אזוי ווי איינער זאל אריין אין א גראָ־סערי און בעטען: גיט מיר א פונט צוקער זיסע, — וועט מען איהם אויסלאכען און פרעגען: וואס הייסט צוקער זיסע? אלע צוקער, אלע האניג איז זיס. איהר קענט בעטען גוטע צוקער, גוטע האניג, ווייל עס איז דא פארשידענע סארטען. אבער זיסע בעטען איז א נארישקייט, ווייל אלע ווייסען אז צוקער איז זיס. אלזא, טאקע יעצט, אז מיר פארשטעהען אז אויף א „אמת" זיסע זאך בעט מען ניט, גיט מיר זיסע, טא וואָרום טאקע בעטען מיר „והערב נא"? איך בין אריינגעקומען צו מיינעם א גוטען פריינד, און ער איז

אקאַרשט געקומען פון דער אַרבייט, זאָגט ער צו זיין פרוי: גיב מיר עפּעס עסען, איך דאַרף וואָס שנעלער אוועקגעהן. זאָגט זי: מיין טייערער, עס איז נאָך ניט פאַרטיג דער דינער. זאָגט ער: איך האָב קיין צייט ניט צו וואַרטען, גיב מיר עפּעס. ער האָט גע־נומען ברויט מיט זאַלץ און וואַסער און ער האָט אויפגעגעסען פּי־ לייכט צוויי פונט ברויט מיט גרויס אַפּעטיט.

אין צוויי וואָכען שפּעטער האָב איך געהערט, אַז מיין גוטער פריינט איז געפעהרליך קראַנק געוואָרען, בין איך געגאַנגען איהם „מבקר חולה" זיין. איך האָב איהם געטראָפען אין זעהר אַ קרי־טישען צושטאַנד, זעה איך אַז מען דערלאַנגט איהם מאַליענעס איינגעמאַכטס, און מען האָט איהם אַ לעפעלע אַריינגעטהאָן אין מויל, האָט ער אָנגעהויבען צו שרייען: וואָס גיט איהר מיט, אַזעל־כע ביטערניש. פרעג איך איהם: סטייטש, ר' דוד, וואָס איז דער מעהר מיט אייך? מיט צוויי וואָכען בעפאָר האָב איך אַליין גע־זעהן אַז איהר האָט געגעסען ברויט מיט זאַלץ און עס איז גע־ווען גוט, זיס, געשמאַק, און יעצט די זיסע „מאכלים", ווי איינ־געמאַכטס, זאָגט איהר אַז עס איז ביטער?

דער קראַנקער האָט אָנגעהויבען צו וויינען. וואָס פרעגט איהר מיר אַזאַ נאַרישע פראַגע? מיט צוויי וואָכען בעפאָר בין איך דאָך געזונט געוועזען, און איך האָב געהאַט דעם טעם אין מיין גומען, אַלע חושים זיינען ביי מיר געווען געזונט, נאָר יעצט בין איך דאָך אַזוי פיעל קראַנק, און צוליב דעם האָב איך ניט דעם ריכ־טיגען טעם אין מיין מויל. גאָט זאָל מיר געזונט מאַכען, וועל איך פיהלען, ווידער, וואָס זיס איז, וואָס ביטער איז . . .

„רבותי"! ווען מיר זיינען געווען געזונט אויף אונזער „נשמה", מיר זיינען געווען אידען פון דעם פולען זינען דאָס וואָרט, ווי אַ איד דאַרף זיין, דאַן האָבען מיר געפיהלט אַ „טעם" אין יעדער „מצוה", אַז מיר פלעגען זעהען פון ריכטיגע אידען, אין דער צייט וואָס ער טהוט אַ „מצוה", ווי זיין „פּנים" פלעגט ווערען ליכטיג פאַר שמחה, און בעגייסטערט פלעגט ער ווערען פון יעדער „מצוה", ווען ער פלעגט לערנען דעם בלאַט „גמרא" אָדער וואָס פאַר אַן

אַנדער ספר, פלעגט זיין פערגעניגען זיין אין לשער. — מען דער־צעהלט פון איינעם אַ גדול, ווען מען האָט איהם געפרעגט: זאָגט אונז, „רבי", ווי שטעלט איהר זיך פאַר „גן עדן"? — האָט ער געענטפערט: „גן עדן" ווינש איך מיר אַז מען זאָל מיר געבען אַט אַזאַ חדר, ווי דער בית המדרש איז, מיט אַ וואַרימער לעזאַנקע און איך זאָל זיצען אויף דער לעזאַנקע און לערנען.

און יעצט קענען מיר פאַרשטעהן ווי גרויס זיין געשמאַק איז געוועזען פון דער „תורה", ווען ער האָט געלערענט. מען דער־צעהלט פון ר' לייבעלע חסיד אין קעלעם. זיין פרוי האָט אוועק־געשטעלט אַ שיסעל הייסע זופ ביי איהם, ער זאָל עסען. ער האָט גאָר ניט געהערט וואָס זי האָט צו איהם געזאָגט, ווייל ער איז גע־ווען פאַרטיפט אין אַ „תוספות", און אַזוי לערנענדיג האָט זיך איהם די לינקע האַנט אריינגעגליטשט אין שיסעל זופ און ער האָט גאָר ניט געשפּירט. אַט אַזאַ הויכען געפיהל האָט ר' לייבעלע „חסיד" געהאַט אין זיין פאַרטיפטקייט אין דער „תורה הקדושה".

געוועהנליך, מיר איינפאַכע אידעלעך קענען ניט משיג זיין אַזאַ סאָרט אידען, ווי דער קעלמער חסיד, אָבער דאָך פלעגען מיר שפּירען אַ גרויס „חשק" צו דער „תורה" און צו די „מצות", דאָס גלייכען ווען מיר זיינען געזונטע געווען, אַז מיר פלעגען געהן אין „בית המדרש" הערען אַ דרשן, האָבען מיר געוואָלט הערען „תורה", „מוסר", „פלפול", די „אמת"דיגע ראַזעווע „ברויט", וואָס דאָס איז דער לעבען. אָהן ברויט קען מען ניט אויסקומען.

אָבער ליידער, לוידער יעצט, אַז מיר זיינען אין אַ היץ־קראַנק־הייט, נאָר פאַרהיצט, פאַרשוויצט, פאַר'שמעיה'ט אין „עולם הזה" ביזנעס, און וואָס מעהר ביזנעס, וואָס מעהר מען פליהט צו מאַכען אַ לעבען, מאַכען מיר אַ פלינקען טויט די „נשמה" און דאדורך ווערט זי קראַנק און זי איז נעבעך שטאַרק קראַנק. יעצט, אַז דער איד איז אַזוי נעבעך קראַנק אויף דער „נשמה" זיינע, איז אַז מיר געהען הערען אַ דרוש, ווילט זיך הערען אַ שעהנעם משל, אַ שעהנעם וויץ, אַ גוטען ספּור. מען מוז געבען די קראַנקע אונזערע איינ־

נעמאכטס, און דען הלואי וואלטען זיי עס צונעהמען. עס איז דא „ברוך השם" אזעלכע קראנקע, וואס זיי קענען שוין דאס אויך ניט פערדייען, און אז זיי געהען ארוים פון שוהל, הערט איהר נאר פון זיי דעם וויץ איבערדערצעהלענדיג, און דער „מאמר" אדער „פסוק" איז אין גאנצען זיי אפילו ניט אריין אין קאפ. אט אזוי קראנק זיינען מיר „בזמן הזה".

דארום בעטען מיר: „רבש"ע", מיר ווייסען גאנץ גוט אז די „תורה" איז נאך זיסער פאר אלע איינגעמאכטס, זיסער פאר האניג, ווי דער געטליכער „משורר" זאגט: „ומתוקים מדבש" — נאר וואס זאלען מיר טהאן, אז מיר זיינען יעצט קראנקע, מיט אזא קריינק וואס דאס רופט זיך געלד זוכט (געלזוכט), אז אונזער טעם פעהלט אונז יעצט אין אונזער מויל. מיר ווייסען אז די תורה איז זיס, נאר דאך מוזען מיר דיר בעטען, „והערב נא ד' אלקינו את דברי תורתך", דו זאלסט אונז זיס מאכען די רייד פון דער "תורה" „בפינו", אין אונזער מויל, ווייל די מויל איז קראנק, דער גומען שפירט ניט די זיסקייט, און אזוי ווי דער קראנקען וואס איז קראנק אויף זיין קערפער און ער פיהלט ניט די זיסקייט, בעט ער דאך, רבש"ע, ביי דיר, אז דו זאלסט איהם געזונט מאכען, אזוי בעטען מיר, רבש"ע, הייל אונז פון אונזער גייסטיגער קראנקהייט און מאך אונז זיס די רייד פון דער „תורה" „בפינו", אין אונזער מויל . . .

מיינע טייערע, יעצטיגע צייט, אפילו די מחברים פון „מוסר ספרים" און „ספרי דרוש", מוזען מאכען יעדען „מאמר" און יעדען „פסוק" מיט אזא וועג, אז עס זאל זיין פארזיסט מיט האניג, מיט „משלים" און פאנטאזיעס, מיט אלערהאנד איינפעלע, און אזוי טהו איך, מהרי"ל לאזעראוו, דער „מחבר" פון אזוי פיעל „ספרים", ווי אייך איז בעוואוסט, דאס עס זאל אויסקומען מיט משלים ציצים ופרחים, און טאקע דעם דרוש וועל איך „בעזר השם יתברך" אייך ערקלערען וואס הייסט אז יוסף האט געזעהן דעם פאטערס גע־שטאלט, אזוי פיעל ארומריידען, אז יעדער זאל פארשטעהן דעם „אמת", ווי דאס איז און וואס דאס איז.

„תניא אמר רבי יוסי פעם אחת הייתי מהלך בדרך ונכנסתי לחורבה אחת מחורבות ירושלים להתפלל ובא אליהו ושמר לי על הפתח, עד שסיימתי תפלתי, לאחר שסיימתי תפלתי, אמר לי שלום עליך רבי, אמרתי לו שלום עליך רבי ומורי, אמר לי מפני מה נכנסת לחורבה זו, אמרתי לו להתפלל, אמר לי היה לך להתפלל בדרך, אמרתי לו מתיירא הייתי שמא יפסיקוני עוברי דרכים. אמר לי היה לך להתפלל תפלה קצרה. באותה שעה וכו' בני מה קול שמעת בחורבה זו, אמרתי לו, שמעתי בת קול שמנהמת כיונה, ואומרת אוי לבנים שבעונותיהם החרבתי את ביתי ושרפתי את היכלי והגליתי את בני לבין האומות, אמר לי בני לא בשעה זו בלבד אומרת כך אלא בכל יום ויום בשעה שישראל נכנסין לבתי כנסיות ולבתי מדרשות ועונים אָמן יהא שמיה רבא הקב"ה וכו' ואומר אשרי המלך שמקלסין אותו בביתו כך, מה לו לאב שהגלה את בניו ואוי להם לבנים שגלו מעל שלחן אביהם." (ברכות)

נאָר אַ קורצע איבערזעצונג. ר' יוסי זאָגט: אַמאָל בין איך געגאַנגען אין איינע פון די רואינעס פון „ירושלים" צו דאַווענען, איז געקומען „אליהו הנביא" און ער האָט געוואַרט ביים טהיר ביז איך האָב געענדיגט מיין „תפלה", און אַז איך האָב געענדיגט מיין „תפלה", האָט ער געזאָגט צו מיר: פרידען אויף דיר, מיין „רבי" און מיין האר. — האָט ער מיר געפרעגט: וואָרום ביזסטו אַריין אין דער „חורבה"? — האָב איך געזאָגט: צו דאַווענען. — האָט ער געזאָגט: האָסטו דאָך געקענט דאַווענען אין וועג. — האָב איך צו איהם געזאָגט: איך האָב „מורא" געהאַט, פלייכט וועלען מיר שטערען די וואָס געהען אויף דעם וועג וכו'. — וואָס פאַר אַ שטימע האָסטו געהערט אין דער „חורבה"? — איך האָב געהערט אַן אָפּקלאַנג פון הימעל, געברומט ווי אַ טויב און געזאָגט: וועה צו מיינע קינדער, אַז צוליב זייערע זינד האָב איך חרוב געמאַכט מיין הויז און איך האָב פאַרברענט מיין פּאַלאַץ און פאַרטריבען

מיינע קינדער צווישען די „אומות". — האָט ער צו מיר געזאָגט: מיין קינד, ניט אין דער צייט אַליין זאָגט די שטימע אַזוי, נאָר אַלע טאָג, ווען אידען געהען אריין אין בית המדרש, אָדער אין שוהל, און זיי ענטפערען „אָמן יהא שמיה רבא", דאַן בויגט גאָט זיין קאָפּ און ער זאָגט: גוט וואָלט געווען דעם קעניג ווען מען לויבט איהם אַזוי אין זיין הויז. וועה איז דער פאָטער, וואָס האָט פאַרטריבען זיינע קינדער און וועה איז צו די קינדער וועלכע זיינען פאַרטריבען פון זייער פאָטערס טיש.

ר' יוסי איז געווען נאָך דעם „חורבן הבית, און די אידישע ליידען זיינען געוועזען שרעקליך, גאָר ניט צו דערטראָגען. דער גרויסער „צדיק" האָט ניט געקענט צוזעהען דעם גרויסען „צער" פון זיין פאָלק, האָט ער געוואָלט אַביסעל „דוחק הקץ" זיין און „מתפלל" זיין, אַז גאָט זאָל די „גאולה" שיקען, אַז „משיח צדקנו" זאָל שוין קומען. די „חכמים" זאָגען אויף „אחד", „את הכבש האחד המיוחד שבעדרו לא נשאר בהם עד אחד, אבל אחד נשאר, ומני פרעה", איז אַלזאָ „אחד" דער בעסטער. אַזוי איז דאָ אויך „אחת", וואָרום ער האָט דאָך טאַקע געקענט זאָגען „ונכנסתי לחורבה". פאַרשטעהט מען אַז ניט אין אַלע אויף אַמאָל איז ער אריין. יעצט וועלען מיר פאַרשטעהן וואָס ר' יוסי וויל אונז דער־צעהלען. „פעם אחת", איין מאָל „הייתי מהלך בדרך", בין איך געגאַנגען אין וועג, און איך האָב זיך אַנגעזעהן ארומרייזענדיג די „צרות" און ליידען פון מיין פאָלק, אַז איך האָב עס ניט געקענט מעהר צוזעהן. האָב איך מיר באַזונען, אַז מען דאַרף אונטער־איילען די „גאולה שלמה", דעם „ביאת המשיח", „ונכנסתי", בין איך אריינגעגאַנגען, דאָס הייסט, גאַנץ טיעף אין דער „מחשבה" איז מיר אריין, אַז מען מוז בעטען און „דוחק זיין" דעם „קץ לחורבה אחת". איך בין אריין אין דער בעסטער, גרעסטער, הייליגסטער „חורבה", און דאָס איז דער „בית המקדש" פאַר וואָס ער איז „חרוב", און מען דאַרף מתפלל זיין אויף דעם, אַז עס זאָל שנעל געבויט ווערען דער „בית המקדש" מיט דעם „ביאת הגואל" אויף אייביג, די ריכטיגע „גאולה". די „גמרא" דערצעהלט (אין

„בבא מציעה" פ"ה) : ווען אליהו האָט צושטערט די „תפלה" פון „חייא ובניו", ווען מיט זייער „תפלה" האָט געקענט זיין „תחיית המתים", „אליהו הנביא" מוז דאָך זיין דער „מבשר טוב", אַז די גאולה קומט, ווי „מלאכי" זאָגט : „הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא לפני בוא יום ה' הגדול והנורא", ער ווייסט דאָך געוויס, אַז עס איז נאָך ניט די צייט, און אַזוי ווי „ר' יוסי" איז „מתפלל" אויף דעם „ביאת הגואל", איז ער געקומען „מבטל" זיין די „תפלה", „ובא אליהו זכור לטוב", איז געקומען „אליהו", „ושמר לי על הפתח, און ער האָט געוואַרט ביי דער טהיר.

„עד שסיימתי תפילתי", ביז איך האָב געענדיגט מיין געבעט, נאָכהער האָט ער מיר געגעבען „שלום" און האָט צו מיר געזאָגט : זיי וויסען אַז עס קען נאָך דיין געבעט ניט אָנגענומען ווערען, און איך וויל ניט ליידען וואָס דו ביזט גאָר „מתפלל" אויף דעם, „מפני מה נכנסתה לחורבה", וואָרום ביזטו לכתחילה אריין דאָ מתפלל זיין אויף דעם „בנין הבית" ? האָב איך איהם געענטפערט פשוט, איך בין אריין „להתפלל", טאָקע בעטען אויף דעם. — אַזוי, — זאָגט ער צו מיר, — האָסטו טאָקע ניט גוט געטהאָן. זיי וויסען וואָס די חכמים זאָגען אַז „דרך" איז „רשות" אין „קדושין" באַלד אין אַנפאַנג פון „פרק", „האיש מקדש", „היה לך להתפלל בדרך„, דו האָסט בעסער געדאַרפט מתפלל זיין אויף „דרך", דאָס הייסט רשות זאָכען אויף „עולם הזה", עס זאָל פאַרבעסערט ווערען פאַר דעם אידען.

האָב איך איהם געזאָגט : איך האָב מורא געהאַט גאָר אַזעלכע געבעטען צו בעטען פאַר גאָט, ווייל וואָס איז „פעולה" ווען אידען אין „גלות" איז גוט קומען די „עוברי דרכים", דאָס זיינען די „אומות", וואָס זייער גאַנצער „תכלית" איז נאָר „עולם הזה", זיי הייסען „עוברי דרכים". „מתיירא הייתי שמה יפסיקוני עוברי דרכים", זיי וועלען מיר שטערען, אָדער אַז דער איד מאַכט אַ גוטען לעבען, זיינען זיי „מפסיק" מיר מיט פאָגראָמען און אַלער־האַנד „רדיפות". האָט ער מיר געזאָגט : „היה לך להתפלל תפלה קצרה", דו האָסט ניט געדאַרפט שטאַרק בעטען אַז אידען זאָלען

רייך ווערען, דאָן איז טאַקע אַ געפאַהר פון פּאַגראַמען, אָבער אַבי־סעלע האָסטו געדאַרפט בעטען זיי זאָלען זיך דורכמאַטערען מיט „חיונה“, עס זאָל זיי ניט פעהלען. צופיעל אַז דער איך האָט, איז סתם אַ געפאַהר. ער אַליין, דער אידעלע, וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם „עול התורה והמצוה“, ער פאַרגעסט אין גאַנצען זיין רעליגיאָן און טראַדיציאָן.

ער פאַרגעסט זיין „שליחות“ אויף דער וועלט, אויף וואָס און צו וואָס איז ער געשיקט געוואָרען אויף דער וועלט . . . ער פאַר־געסט אפילו ווי זיינע עלטערען האָבען זיך געפיהרט, זיינע היי־ליגע עלטערען, די וואָס האָבען זיך „מוסר נפש“ געווען פאַר׳ן „יהדות“. ער שטעלט זיך אַפילו ניט פאַר זיין שעהנעם טאַטען, דעם שעהנעם אידען, צו גאָט און צו לייט, ווען ער זאָל זיך פאַרשטעלען, וואָלט ער דאָך ניט אַזוי פיעל אָפּגע־טרעטען פון וועג, פון „דרך הישר“, צוליב דעם „דרך רשות“, די „עולם הזה“, מיט אַלע איהרע לוקסוס, מיט אַלע נאַרישע, שמוציגע „תאות“. מיר דוכט, דער „בינה לעתים“ טייטשט דעם „פסוק“, „ויקרבו ימי דוד למות ויצו את שלמה בנו לאמר, פרעגען אַלע „מפרשי התנ״ך“: צו וואָס איז דאָ דער „לאמר“, וואו ביים ענדע פסוק שטעהט דער וואָרט „לאמר“, הייסט עס, אַז ער זאָל איבער־געבען דעם צווייטען דאָס וואָס מען זאָגט איהם אָן, אַזו ווי אין דער „תורה“, „וידבר ד׳ אל משה לאמר. ער, „משה“, זאָל איבער־געבען צו די אידען. טאָ וואָס איז דאָ דער „לאמר“, ער לאָזט דאָך איהם אַ „צוואה“ — הייסט ער איהם „לאמר“, ער זאָל שוין „צוואה“ לאָזען.

דער „בינה לעתים“ זאָגט אַ פּעריל־וואָרט, געזעצט אין דיי־מאָנטען, אַזוי ווי זיין שטייגער איז אין גאַנצען ספר: דוד בעט שלמה זיין זוהן: הער, מיין קינד, דו ביזט נאָך גאַר אַ יונג קינד, טאָמער טשעפּעט זיך צו צו דיר דער „יצר הרע“ און ער וויל דיר פאַרפיהרען, און אַז דו זעהסט אַז דו האַלטסט אין דורפאַלען „חס ושלום“, זעה, מיין קינד, וואָס פאַר אַן „עצה“ איך וועל דיר געבען. שטעל זיך פאָר, דיין טאַטע דוד, זיין געשטאַלט, און וואָס פאַר אַ

סאָרט מענש דיין טאַטע איז געווען, און זאָג צו זיך: ווי קען איך זינדיגען, גאָט זאָל אייננהיטען, און איך זאָל מיין טאַטען פאַר־שווארצען דעם „פּנים" דעם „דוד מלך ישראל", זאָג צו זיך אַליין, איך בין דאָך „דוד"ס זוהן, „ויצו את שלמה", ער האָט פאַרזאָגט זיין „שלמה"ן. וואָס האָט ער איהם פאַרזאָגט? „בנו", אַז ער איז זיין זוהן, „לאמר", זאָל ער צו זיך זאָגען: סטייטש, ווי קען איך זינדיגען, איך בין דאָך דוד'ס זוהן, אַ קינד פון אזא „צדיק", ווי פּאַסט עס פאַר מיר צו זינדיגען?

דאָס זעלבע זאָגט די וועלט אויף „יוסף הצדיק": „ויבא הביתה לעשות מלאכתו, בא לשכב עמה, ער איז געקומען טהאָן די „עבירה" מיט איהר. נאָך איין „מאן דאמר, בא דיוקנו של אביו", איז געקומען דעם פאָטער „יעקב"ס געשטאַלט פאַר איהם, דאָס הייסט, ער האָט זיך פאַרגעשטעלט זיין פאָטערס פּיקטשור, דעם געטליכען פּאַטריארך, דעם „בחיר שבאבות", דעם הייליגען גע־שטאַלט זיינעם, דעם הייליגען גייסטליכען פּערזאָן, דעם „צלם אלהים" זיינעם, דעם וייס־גראָהען באָרד, די „צורה" ווי אַ „מלאך אלקים", האָט יוסף זיך אָפּגעצויגען פון צו טהאָן די „עבירה".

הלואי וואָלט דער היינטיגער דור אזוי געטאָן, זיי וואָלטען זיך פאַרגעשטעלט זייערע עלטערען פאַר זייערע אויגען, דאָס וואָלט זיי פּיעל בעסער געמאַכט, און דער גאַנצער אונגליק איז מיט זיי, זאָגט "ר' יוסי", אז ווען זיי איז גוט, געהען זיי אראָפּ פון וועג. איך וויל ניט „מתפלל" זיין אז זיי זאָל זיין גוט... אַזוי ווי מען דערצעהלט, ביי אַ געווינעריו איז געבראַכט געוואָרען אַן אַלטע באָבע (קיין דאָקטאָר פלעגט מען אין רוסלאַנד ניט רופען צו אַ געווינעריו, נאָר אַן אַלטע אידענע). די באָבע הערט ווי די געווי־נעריו שרייט: אוי, באָביניקע, עס איז שלעכט! מיין טאָכטער, זאָגט די אַלטע צו איהר, מען טאָר ניט זאָגען אַז עס איז שלעכט, מען מוז זאָגען אַז עס איז גוט. — די געווינעריו האָט ביי יעדער וועה פון „חבלי לידה" אַ געשריי געגעבען: עס איז גוט, עס איז גוט! אַז עס איז געקומען צו די לעצטע ווייענישען איהרע, די

גרעסטע „יסורים“, האט זי אנגעהויבען שרייען: באבע עס איז צו גוט... צו גוט... באבינקע.

פריינדע מיינע, צוליב גוטעס, וואס גאט ב"ה גיט אונז, מוזען מיר אויסשרייען: עס איז גוט... צו גוט... עס ווערט פינ־סטער אין די אויגען פון וועהטאג, צוקוקענדיג זיך צו די גוטעס. ווי עס איז אונז צו גוט, אי שוין צו גוט... זיי איז אזוי גוט... אז אפילו זייערע עלטערען אליין האבען זיי פארנאכלעסיגט, די גרוי־סע מענשען אונזערע האלטען זיי פאר „בטלנים“ און קוקען אויף זיי ווי אויף נידעריגע באשעפענישען — „מ6יידא הייתי שמא יפסוקוני כי עוברי דרכים“, די „חברה“ וואס ביי זיי איז אזוי ליב די מטבעה, אז זיי האסען צוליב דעם דעם „תלמיד חכם“, ווייל דער תלמיד חכם זאגט דאך, אז מען טאר ניט. זאגט ר ב י ו ס ף, איך האב געבעטען בעסער אויף די גאולה, אבער אויף „עשירות“, ווי דו זאגסט „אליהו“, קען איך ניט בעטען, ווייל די אומות רייסט עס ארויס די אויגען, מאכען זיי פאגראמען. און די „עוברי דרכים“, דאס זיינען די „אומות“, וואס זייער גאנ־צער ציעל איז די וועלט, די וועג, דער „דרך“, נאר דורכצוגעהן די וועלטעלע. זיי וועלען מיר מפסיק זיין, דאס הייסט, צונעמען, צורויבען. וואס זאגסטו, מיין ליבער „אליהו“? און טאקע פאר מיין פאלק אליין האב איך אויך מורא, ווייל מיר האבן ביי זיי אויך אזעלכע, וועלכע ווילען נאר דעם „רשות דרך“, די „עולם הזה“, שפרינגען זיי ארויס פון די האלאבלעס, ווי מען רופט עס אויף פראסט מאמע־„לשון“.

האט מיר געזאגט „אליהו“: מיין קינד, דו האסט ניט גע־דארפט בעטען אויף פיעל, אבער אביסעל עולם הזה מוזען זיי דאך האבען דורכצוגעהען דעם „פרוזדור“, דעם פארהויז, די וועלטעלע. „היה לך להתפלל תפלה קצרה“, האסטו געדארפט נאר בעטען אויף אביסעל: אידען זאלען מאכען א לעבען, אידען זאלען ניט זוכען רייך צו ווערען איבער גוואלד, צו רויבען דעם „שבת קודש“ אבי רייך צו ווערען, אוועקווארפען די „תפלין“, ווייל עס איז קיין צייט ניטא, ניט דאווענען „מנחה“, ווייל עס פאסט שוין גאר ניט

פאר איהם, ניט קיין מעריב, ווייל ער קומט פארמאטערט, ניט קיין „כשרה‟ דינערס, ווייל ווער האט עס צייט צו זוכען „כשר‟? ווען לינט עס איז קאפ? ניט לערנען דאס קינד, ווייל ער וויל ניט איהם מאכען פאר א אידען וואס טאר קיין זאך ניט, און אויך ווייל ער דארף דאך ניט זיין בעסער פאר דעם טאטען. דער טאטע קען און טהוט גאר ניט, וועט ער דעם זוהן בעסער ניט לערנען, ווארום ער וועט דאך זא ווי זא גאר ניט טהאן. אי, וואס וועט זיין מיט „קדיש‟, קריגט מען יעצט פאר א ניקעל א געדרוקטען „קדיש‟. אי, דארט שטעהט גאר בייקאיעקען אוויאמעקען אווקאייע? א דאגה א גרויסע, גאט פארשטעהט. „יזכור‟ איז שוין אויך דא אין ענגליש. און וואס איז די "נפקא מינא‟ — א שווארצע; פאס אנטהאן אויף זיין הענטעלע וועט קענען דער זוהנעלע אראפגע־הענדיג פון סעמעטערי, נאכ'ן באגראבען דעם טאטען, אדער די מאמען, און דעם עולם אריינפיהרען דארט גופא און זיי אנפאקען מיט „טריפות‟, דאס וועט ער אויך קענען. שטעלען א שטיין, ווען ווערט געהאקט אום „שבת קודש‟, דאס געיוים, און אויס־קריצען אויסגעהאקטע לעטערס „פה נקבר‟, דא איז באגראבען (געווים באגראבען, ווייל ער וועט דאך קיין „תחיית המתים‟ ניט אויפשטעהן געווים), „איש צדיק‟)א מאן א „צדיק‟, דורך א מיסטייק איז עס געמאכט . . .) „ישר הולך, אין גלייכען וועג געגאנגען (געווים, אלעס איז פאר איהם גלייך געוועזען, שבת אדער דינסטאג, ניט „חס ושלום‟ זונטאג גלייך צו „שבת‟ . . .) „עטרת ראשנו‟, דער קרוין פון אונזער קאפ (אפילו די רעכטע האנט אויך, צום פינאקעל פעהלט ער . . .) „מחמד נפשנו‟, דער ליבלינג פון אונזער זעלע (רבותי, פילייכט טייטש איך ניט אזוי ריכטיג, א דאגה האט איהר, מה דאך אויף דער סעמעטערי, וואס דאס איז שוין דער „עולם האמת‟, איז דארט אזוי פיעל בלאף אויפגעשריבען, „על אחת כמה וכמה‟, איך, זינדיגער מחבר, און איך בין ניט אויף דעם „עולם האמת‟, נאר אויף דעם „עולם השקר‟, איז ער טאקע געוועזען ביי זיי דער ליבלינג זייערער? האט מען ניט געוואלט „פטור‟ ווערען פון איהם נאך מיט פינף יאהר

בעפּאַר, צוליב די „ירושה" און זיינע גרויסע פּאַליסים?) מילא, האָסט געקענט בעטען נאָר אַ „תפלה קצרה", אַביסעל, ניט קיין פיעל.

„באותה שעה למדתי ממנו ג' דברים, למדתי שאין נכנסין לחורבה, ולמדתי שמתפללין בדרך, והמתפלל בדרך יתפלל תפלה קצרה", און דערווייילע האָב איך געלערענט פון „אליהו הנביא" דריי זאַכען, איך האָב געלערענט אַז מען טאָר ניט אריינגעהן אין אַ „חורבה" „מתפלל" צו זיין, דאָס הייסט בעטען אַז די „חורבה" „אחת", דאָס הייסט דער „בית המקדש" זאָל שוין געבויט ווערען, דאָס הייסט, „דוחק את הקץ" צו זיין... איך האָב געלערענט, אַז מען מעג בעטען אויף רשות זאַכען, אידען זאָלען מאַכען אַ שעהנעם לעבען, איך האָב אויך געלערענט אַז די וואָס בעטען אויף „פּרנסה" זאָלען ניט בעטען אויף „עשירות", נאָר „תפלה קצרה", אַביסעלע, גאָט זאָל געבען מען זאָל מאַכען אַ לעבען, און זיין אַ איד, ווי לאַנג מיר זיינען „בדרך", אין וועג, אין „גלות", אין וועג וואָס מיר האַלטען אין געהן צו אונזער לאַנד, איז גענוג אַ „תפלה קצרה", ווען אַ סך נעהמען די „עוברי דרכים" צו פון אונז, אָדער מיר געהען אליין אראָפּ פון וועג.

מיין קינד, זאָגט צו מיר „אליהו", „מה קול שמעתה בחורבה זו", וואָס פאַר אַ שטימע האָסטו געהערט אין דער „חורבה"? שמעתי בת קול שמנהמת כיונה", איך האָב געהערט אַ „בת קול" וואָס ברומט ווי אַ טויב, „ואמרת" און זי זאָגט, מיין טייערער קינד „ר' יוסף", דו ביזט „מתפלל" אויף דעם „קץ", עס זאָל נעמען אַן ענדע צו די „צרות". יאַ! איך וואָלט עס געוויס וועלען, איך בין דאָך זייער פּאַטער, אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז „שבעונותיהם החרבתי את ביתי ושרפתי את היכלי והגלתי את בני לבין האומות", צוליב זייערע זינד האָב איך דאָך פּאַרוויסטעט מיין הויז און פּאַרברענט מיין פּאַלאַץ און פּאַרטריבען מיינע קינדער, און זיי טהוען קיין תשובה ניט, וואָס זאָל איך טהאָן?

זאָגט צו מיר „אליהו הנביא": „לא בשעה זו בלבד אומרת רק אלא בכל יום בשעה שנכנסין לבתי כנסיות ולבתי מדרשות

ועונין אמן יהא שמיה רבא הקב"ה מנענה בראשו ואומר אשרי המלך שמקלסין אותו בביתו רק מהלו לאב שהגלה את בניו, ואיי להם לבנים שגלו מעל שלחן אביהם", איך מוז דא מאריך זיין, אום עס זאל מעהר נוצען ברענגען דער מאמר און דער גאנצער „דרוש" פאר דער וועלט. מיין ליבער ר' יוסי, איך מוז דיר ענטדעקען אזא זאך, וואס פילייכט וועט ביי דיר זיין קאמיש צו הערען. נאר ווער ווייסט נאך וויפיעל איך, „אליהו", איך קום אימער צו זיי, ביי א ברית מילה מוז איך געהן צו זיי, פסח צום סדר האבען זיי אליין זיך איינגערעדט אז איך קום טרינקען דעם פינפטען „כוס", זיי ווייסען גאר ניט אפילו ווארום מען גיסט אן דעם פינפטען כוס, און פאר וואס מען רופט עס „כוס של אליהו הנביא"... אויף אלע זאכען דערמאנען זיי מיר, און זא ווי זא ווייס איך אלעס וואס ביי זיי טהוט זיך, ווייל איך ווייס אז דו ווילסט מיר פרעגען, מיין טייערער, וואס פאר א מיינונג איך האב וועגען אלעס וואס איז אידיש, און איך וועל דיר טאקע דערצעהלען, איבערהויפט וועגען אמעריקאנער אידישקייט, וואס ער וועט ערשט זיין אין א צייט ארום.

אין אמעריקא, איבערהויפט ניו־יארק, זיינען דא א סך אידען אומבאשריען, אין יעדען בלאק א שוהל, און איך וויל דיר ניט זאגען און ניט ריידען אפילו פון די רעפארם, מיר פאסט גאר ניט זייער נאמען צו דערמאנען, ווייל זיי זיינען דאך ניט אונזערע אידען, וועל איך בעסער גאר ניט ריידען פון זיי, נאר טאקע די פרומע ארטאדאקסישע שוהלען, מעהר ווי העלפט זיינען געבויט אום „שבת, מעהר ווי העלפט פון די מעמבערס זיינען „מחללי שבת", „על פי רוב" איז זייער פרעזידענט א ירבעם בן נבט, וואס ער צווינגט אידען צו ארבייטען „שבת, זיי קומען דאווענען „שבת" און מען דאווענט טאקע אידישלעך, זיי ריידען אפילו אין מיטען „קריאת שמע", זיי האבען א רב פאר עטליכע טאלער א וואך וואס ליידעט „חרפות", „בזיונות" פון זייערע מנהיגים. אמת, זיי דאווענען און זאגען „אמן יהא שמיה רבא", אבער מיט זייער „אמן יהא שמיה רבא" פארטרייבען זיי גאט זייער טאטען פון זייער

שוהל — ווייסטו פאר וואס? ווייל זיי שטעלען א חזן ביים „עמוד“, א „גלח“, א טריפה׳נעם ביין, אן אויסוואורף, און אין סטריט „שבת קודש“ הייסט עם פארקויפט מען טיקעטס, די פרומע דאוונען אינסייד און שרייען „אמן“, אבער דער „אמן“ פארטרייבט די „שכינה“ פון שוהל, מען לייענט אין דער „תורה“, עס טייטעלט אין דער תורה א פרעזידענט, א „ירבעם“, טרייבט ער געוויס אוועק פון שולחן זייער טאטען, דאס מיינט מען גאט.

„בשעה“, אין דער צייט, „שנכנסין“, זיי געהען אריין, „לבתי כנסיות ולבתי מדרשות“, אין די שוהלען, און טאקע „ועונין אמן יהא שמיה רבא, זיי שרייען טאקע „אמן“, זאגט גאט: „אשרי המלך שמקלסין אותו בביתו כך“, אייך דאכט זיך, ווי גוט איז עס מיר, אז מען לויבט מיר און מיין הויז אזוי שעהן און אזוי פיין. מיט א סך לעקטערע, מיט א גרויסען חזן און נאך א גרעסערען קאהר, און אין שוהל האלטען זיי א רב, אדער א גרויסען דרשן, איז דאך דאכט זיך גוט, וועט איהר דאך פרעגען, אז אזעלכע אידעלעך האלט איך אין „גלות“, דאכט זיך פאר וואס קומט דאס זיי? ספּענדען פאר מיר אזוי פיעל געלט, צאהלען צוליב מיר אזוי פיעל טויזענדער מארגעדזשעס — אזוי וועט איהר פרעגען. „מה לו לאב“, וואס איז צום פאטער, צום רבש״ע, ווארום טהוט ער דאס, „שהגלה את בניו“, וואס ער האט פארטריבען זיינע קינדער, אזעלכע שעהנע מענשען, וואס זיינען זיך „מוסר נפש“ פאר דער שוהל, וואס זיינען זיך „מוסר נפש“ אין דער צייט ווען חאצקעל געוועזענער לאטוטניק, רייסט זיך צו זיין פרעזידענט און גובר צו זיין זיין „צד“ פארט ער אפילו אום שבת מיט׳ן אויטאמאביל, צו זוכען וואוטס, אדער „זרח“ אקס, געוועזענער קארעבעלניק אין רוסלאנד, איז דא א גאנצער קנאקער, שוין געוועזען א „גבאי“, און ער זאגט: עס זאל איהם אפילו קאסטען א סך, מוז ער זעהען ארויסיאגען דעם רב, און נעמען א גרעסערען. טאקע, ווי קומט עס אז אזעלכע שעהנע, פיינע, טייערע, ליבע, זיסע, גוטע, אנגענעהמע זאלען אין גלות זיין, אז זיי זיינען זיך אזוי פיעל „מוסר נפש“ פאר מיר. א קליינינגקייט, אז מען גיט „שלשי“ דעם באוויוסטען

אמאליגען שמעריל פערד, אזוי האט מען איהם גערופען אין רוסלאנד, דא איז ער א גאנצער קנאקער, און נאך דעם מאכט ער „מי שברך“ צו פינף, און שטעלט אפ דעם „שמש“ מיט צעהן טאלער פאר דער שוהל, נאכהער נאך פינף, מיט א נדר פאר'ן „רב“, און נאך פינף מיט א נדר דעם שמש, און נאך און נאך, די אלע, אפילו דער וואס האט „מי שברך“ געמאכט, זיינען אלע ריטיילערס, און ער איז דער האלסיילער פון טרימינג, אום זיי איינצולאדען נאכ'ן דאווענען ביי טאג „שבת“, זיי זאלען ווערען זיינע קאסטימער. „מילא“, אזוי זאגען שונאים... איהר פרעגט מיר, „מה לו לאב שהגלה את בניו“, וואס איז דעם פאטער איינגעפאלען צו פארטרייבען אזעלכע „צדיקים“, זיינע קינדער, וועל איך אייך זאגען, „אוי להם“, וועה געבעך צו זיי, „לבנים“, צו די קינדער, אז מיט דעם „אמן יהא שמיה רבא“ זייערען, דעם פאלשען, „שגלו“, וואס זיי האבען פארטריבען, „מעל שלחן“, פון זייער טיש האבען זיי פארטריבען, פון „שלחן“ וואס שטעהט אויף דער „בימה“ האבען זיי פארטריבען, „אביהם“, זייער טאטען. און יעצט פארשטעהט.

אמעריקאנער אידען, וואו איז געבליבען אייער גאנצער טאלעראנץ, ווי אזוי, אין אזא קורצער צייט וואס מיר זיינען אט ניט לאנג דא געקומען, האבען מיר שוין פארגעסען אלעס, אלעס, אונזערע עלטערענס פיהרונג, ווי עס איז געוועזן הייליג די שוהל, ביאליסטאקער שטעלט אייך פאר, די „בתי מדרשים“ פון דארט, די הייליגקייט, די אידישקייט; קאוונער דאס גלייכען, גראדנער דאס זעלבע. וואס איז מיט אייך געווארען, וואו האט איהר געזעהען אז מען זאל א „רב“ האלטען אויף א יאהר, אדער איהם דריקען אזוי פיעל, אז ער זאל מוזען אנטלויפען אין מיטען יאהר, וואו האט איהר געזעהען אז א חזן זאל זיין דווקא א „גלוח“, דאכט זיך, גיט א קוק אין דין וועגען א שליח צבור, שטעהט דארט „וזקנו“. אי, וועט איהר זאגען, איהר האלט ניט פון „שלחן ערוך“, טא ווער בעט אייך אז איהר זאלט אין גאנצען דאווענען, דאס איז דאך פון „שלחן ערוך“ . . . ער דארף זיין א „ירא חטא“ און ער איז א „ירא מצוה“, ער ציטערט פאר א „מצוה“ — די איבעריגע פרעגט ביי

אייער רב די דינים . . . וועט ער אייך זאָגען: ער דאַרף זיין אַ פאַרהייראַטער, ער זאָל האָבען אַ פרוי, אָבער ניט עטליכע . . . פון וואַנען ווייסט איהר אַז ניט? — איהר פרעגט זיך נאָך? אַפילו ביי איהם אַליין ניט. מיר זאָלט איהר ניט דערצעהלען. מען פרעגט איהם נאָר וואָס פאַר אַ שטימע ער האָט, און דאָס פאַר־הערט איהם די קאָמיטע, אַז בעריל אָקס, יאָסקע פערד, שמעריל לאָטוטניק געפעלט די פראַבע, שטעהט שוין אויף מאָרגען די קאָנגרעגיישאָן „מבקשי שקר" האָבען ערוועהלט דעם קעניג פון חזנים, און אויב איהר מיינט, ניו־יאָרקער אידען, אַז מיר האָבען עפּעס ערוועהלט אַ „בטלן" — אָט זעהט זיין פּיקטשור אין צייטונג, אַז עס איז אָפילו קיין סימן איד ניטאָ . . .

מען וואָלט זאָגען, אַז מען קריגט ניט אין ניו־יאָרק פרומע, ערליכע אידען חזנים. עס איז דאָ גענוג. נאָר וואָס טויג אַ שליח צבור אַ פרומער, פע; מיט אַ באָרד אוועקשטעלען אַ חזן . . .

איך פרעג אייך, וואו האָט איהר דאָס געזעהען? וואָס איז מיט אייך געוואָרען? אין אַזאַ קורצער צייט זייט איהר איבער־געקעהרט געוואָרען? וואָס איז מיט אייך? נאָר, איך האָב מורא אַז עס וועלען זיך דאָך געפינען אַזעלכע וואָס וועלען אויסגלאָטצען אַ פּאָר אויגען אויף מיר, איז ניט אויף מיר, ווייל זיי זעהען מיר ניט ביי דעם לעזען, איז אויף מיין ספר, און איהר וועט ווער זאָגען: וואָס פרעגט ער וואו מיר האָבען געזעהען? וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע? פון וואַנען קומען דען אין אַמעריקאַ די חזנים . . . ניט פון רוסלאַנד? רומעניען, גאַליציען א. ז. וו.? און די געקומענע נעהמען מיר פאַר חזנים.

הערט, מיינע פריינדע, זאָלען מיר זיך גאָר ניט נאַרען. איך וויל ריידען אָפען. ווייסט איהר דען אָבער ניט, אַז מעהרסטענס זיינען די סאָרט ניט געוועזען טאַקע ביי אָרטאָדאָקסישע „קהלות", נאָר אין קאָהר־שוהלען, האַלב אָדער גאַנץ רעפאָרמירט, און די וואָס זיינען געוועזען אין אָרטאָדאָקסישע, זיינען זיי טאַקע אידען און מענשען, פיינע און שעהנע מענשען.

הערט, לאָמיר זיך גאָרניט נאַרען. איז דען „ראש השנה",

„יום כפור“, אויף די דריי טעג, ניט א סך מעהר ווי העלפט עק־טערם „חזנים“. איך זאג דעז ח״ו, עס איז ניטא קיין שעהנע אידען ביי די חזנים. ניין, ניין, טויזענט מאל ניין. עס איז דא... נאר אבער וואס זוכט איהר? וועמען זוכט איהר? וועלכען חזן זוכט איהר? מיט א בארד אדער אהן א בארד? אז איהר וועט מיר זאגען אז איהר זוכט מיט א בארד, וועל איך אייך זאגען, אז איהר זאגט ליגען . . . יא! עס זיינען דא שוהלען אייניגע, וואס זוכען א חזן נאך דעם דין נאך, אמת, עס זיינען דא . . . אבער ווייניג . . .

שטעלט זיך פאר, אייערע עלטערען, זייערע מנהגים, זייער אלגעמיינע פיהרונג, וועט איהר זעהען וואו איהר זייט פאר־קראכען אין אזא בלאטע, אז ווייסט גאט אויב איהר וועט שוין ארויסקריכען. עס איז ניט די אידישע רעליגיאן וואס איהר האט אריינגעבראכט אין די שוהלען. זעהט וואס די גמרא זאגט (אין תענית ט״ז) „נתנה עלי בקולה, זה ש״ץ שאינו הגון“. זאגט איהר אליין, איז דאס ניט אין אמעריקא אזוי? דער חזן מיינט „לשם שמים“, נאר די שטימע מיינט ער ווייזען פאר'ן עולם. ער שרייט אויף גאט, ווייזט עס אויס, אז ער צוקוויטשעט זיך ביי „אור חדש על ציון תאיר“ און שרייט אויפ'ן העכסטען טאן, איז ניט „נתנה עלי בקולה“, זה ש״ץ שאינו הגון“.

נאך אמאל, וואו האט איהר עס געזעהען. ווארום נעמט איהר זיך ניט א בעווייז פון די עלטערען אייערע, ווי זיי האבען זיך געפיהרט. זעהט, דער יונגער יוסף, דער יוסף, וואס איז געקומען אין „מצרים“, ער איז פארקויפט געווארען פאר א שקלאף. „זליכה“, די שעהנע פרינצעסין, זיין „בעל־הבית“טע, האט זיך אין איהם פארליבט, אזוי פיעל, אז עס הייננט איהר לעבען אן, אויב זי וועט ניט איבעררײדען דעם שקלאף איהרען צו טהאן מיט איהר אן „עבירה“. מען זעהט אין דער „תורה“ ווי זי האט ניט געקענט זיך בארוהיגען. געווים האט אזא פרוי ניט געוואלט מאכען אזא שאנדע פאר איהר. פארשטעהט מען ווי ווייט זי האט איהם גע־

ליבט. די „מדרשים" דערצעהלען, אז זי האט ניט געקענט אויס־פיהרען מיט איהם מיט גוטען, האט זי אנגעפאנגען מיט בייזען. זי האט צו איהם געזאגט: איך וועל אויף דיר אויפהייגגען, אויף דיין האלז, גרויסע משאות, און דיין שטאלצקייט, דיין שעהנעם וואוקס, איינבויגען. — האט ער געזאגט: „ד' זוקף כפופים", גאט שטעלט אויף די איינגעבויגענע. איך וועל דיר אין פריזאן פאר־שפארען. — זאגט ער: „ד' מתיר אסורים", גאט מאכט לויז די געבונדענע, א. ז. וו., און „מן הסתם", וואס זי האט גערעדט האט זי אויך „מקיים" געוועזען. און יעצט זאל אפילו זיין נא דדעם „מאן דאמר לשכב אצלה בא" . . . געווים גיכער איז ווי יענער „מאן דאמר לעשות מלאכתו של בעל הבית שלו בא". אבער נאך אמאל, זאל שוין זיין אז טאקע ווי יענער „מאן דאמר". זאגט ער אבער די הייליגקייט פון יוסף; נאך מעהר פון אלע זיינע „צרות" וועלכע ער האט שוין ניט געקענט אריבערטראגען, האט ער געמוזט איהר נאכגעבען, און ווי ער איז אריין, „בא דיוקנו של אביו", האט ער זיך גענומען פארשטעלען דעם פאטערס פיקטשור, דעם אלטען זקן, דעם גרייז־גראהען „מלאך אלקים", און איך זאל טהאן אזא שמור־ציגע „עבירה". ניין, זאל זיין וואס עס איז, איך וועל עס ניט טהאן . . . זאל זיין מיט מיר וואס עס וועט זיין, אויף דעם ערגסטען פאל . . . ניין . . . נאך מעהר, ווארום ער האט זיך פארגעשטעלט זיין פאטער און ניט זיין זיידען דעם „עולה תמימה", און ניט „אברהם" זיין עלטער־זיידען. פון זייער פארשטעלונג וואלט ער אזא מוסר ניט געקענט האבען פאר זיך, ווי דווקא פון זיין פאטער?

„אָמר רבי יוחנן אנא אשתיירא משפירי דירושלם, האי מאַן דבעי מיחזי שופריה דרבי יוחנן, נייתי כסא דכספא מבי סלקי ונמלייה פרצידיא דרומנא סומקא, ונהדר לה כלילא דוורדא סומקא לפומיה, ונותביה בין שמשא לטולא, ההוא זהרורי מעין שופריה דרבי יוחנן. איני? והא אמר מר שופריה דרב כהנא מעין שופריה דר׳ אבהו, שופריה דר׳ אבהו מעין שופריה דיעקב אָבינו, שופריה דיעקב אָבינו מעין שופריה דאָדם הראשון, ואלו רבי יוחנן לא קא חשיב? שאני רבי יוחנן דהדרת פנים לא הוי ליה.“

(בבא מציעא פ״ד ע״א)

„רבי יוחנן“ האָט געזאָגט: איך בין איבערגעליבען פון די שעהנסטע פון „ירושלים“. יעדערער ווער עס וויל זעהן די שעהנקייט פון ר׳ יוחנן זאָל ברייננגען אַ זילבערנעם בעכער, וואָס איז אקאָרשט געבראַכט געוואָרען פון בעל מלאכה, און זאָל דעם ליכטיגען בעכער אָנפילען מיט רויטע רוימער רויזען, און זאָל דעם בעכער אויבען אָנטאָן אַ קרוין פון די טייערסטע רויזען, רויטע, אויבען אויף דעם מויל פון בעכער, און זאָל דעם בעכער אַוועקשטעלען צווישען זון און שאָטען, און וואָס עס וועט אַריינשיינען אינוויינינ אין בעכער, די שטראַלען פון דער זון און די רויטקייט פון די רויזען, דאָס איז עטוואָס פון רבי יוחנן זיין שעהנקייט. פרעגט די „גמרא“: עס איז גאָר ניט אַזוי, מיר האָבען אַנדערשוואו געלערענט, אַז די שעהנקייט פון רב כהנא איז פון די שעהנקייט פון רב אבוהו, און די שעהנקייט פון רב אבוהו איז פון די שעהנקייט פון „יעקב אבינו“, און די שעהנקייט פון יעקם אבינו איז פון די שעהנקייט פון אדם הראשון . . . און רב יוחנן רעכענט, עס דאָרט גאָר ניט? ענטפערט די „גמרא“: עס איז אַנדערש מיט „ר׳ יוחנן“. אין אמת איז ער טאַקע דער גרויסער פאַרשוין, ווי אויבען און געזאָגט, נאָר וואַרום ער רעכענט איהם דאָרט ניט, ווייל ר׳ יוחנן האָט קיין הדרת פנים ניט געהאַט, דאָס הייסט קיין באָרד . . .

יעצט, אז איך האב געבראכט דעם „מאמר“, וועט איהר פאר־שטעהן ווארום יוסף האט זיך פארגעשטעלט זיין טאטענס גע־שטאלט. איהר האט שוין יעצט געזעהן, אז „יעקב“ איז געווען דער גרעסטער שעהנער מענש אויף דער וועלט, דער צווייטער פון אדם הראשון, און יוסף ווערט דארט גאר ניט גערעכענט פאר א שעהנעם. געוויס איז ער געווען שעהן, אבער ניט צו די גערעכענט גלייך. אבער דאס קענט איהר פארשטעהן, אז יעקב איז שעהנער געוועזען אפילו פאר יוסף הצדיק. אט דאס האט יוסף זיך בארעכענט: מיין טאטע, דער גרעסטער פארשוין, מי־ליאנען מאל שעהנער פאר מיר — און דאן האט ער געזאגט: „ראובן כחי אתה וראשית אוני“, און איך זאל יעצט דורכפאלען אין אזא עבירה, און מיין טאטע, דער פארשוין, איז אזא צדיק געבליבען, ודו״ק.

הלואי וואלטען מיר זיך פארשטעלען אונזערע עלטערן . . . ווי זיי זיינען געוועזען, וואלטען מיר אנדערש אויסגעזעהען מיט אונזער אידישקייט.

משלים, ציצים ופרחים

עא.

א רב אויף בייזע חלומות'ן

אמעריקא דארף א רב. אויף בייזע חלומות, אויף דעם איז ער זעהר נויטיג. אז עס חלומ'ט זיך זיי א גוטער חלום, דארפען זיי איהם ניט, געהען זיי ניט פרעגען, אבער ווי עס חלומ'ט זיך זיי א שלעכטער חלום, א בייזער חלום, באלד ברייננגט מען איהם צום רב — פותר חלום זיין . . .

אב.

דער בוטשער ער האט ערפאהרען

א קצב (בוטשער) איז געקומען צום רב: רבי לעבען, איך האב אימער געמיינט אז צו אונזער קצבות (בוטשעריי) איז קיין גרונד ניטא — יעצט זעה איך אז צו אייער תורה איז אויך קיין גרונד ניטא.

עג.

פורים און יום הכפורים

פורים און יום כפורים, עפעס קלינגעןביידע ווערטער גלייך, און עס איז טאקע אביסעל אין פאנטאזיע גלייך: פורים האט מען זיך אין רוסלאנד פארשטעלט — אידען פאר גוים — און יום כפורים פארשטעלען זיך גוים פאר אידען אין אמעריקא.

עד.

דער וואָס פליהט צו הויך

דער מענש וואָס וויל פליהען אימער העכער און העכער, דער פליהט אָפט אין הימעל אריין.

עה.

לא לחכמים לחם

די חכמים זאָגען: „דעת קנית מה חסרת?“ אז דו האָסט ווי־סענשאפט זיך ערוואָרבען, וואָס האָסטו יעצט דען ניט? אַלעם האָסטו, וואָס פעהלט דיר דען? היינטיגע זאָגען אויף דער פראַגע „מה חסרת“, וואָס פעהלט דיר? ברויט פעהלט דיר!

עו.

דער טויט

דער טויט! די אַלטע נעמט ער צו — די יונגע נעמען זיך אַליין . . .

די בימה

גאַנצע רעדעס אויף יעדען שבת

פון יעדער פרשה, פונקט ווי עס איז גערעדט
געוואָרען פון דעם מחבר אליין, מאמרים,
משלים, אפילו די „שיחת חולין".

יעדער ספר — אַ רעדע

נאָך דעם דרוש קומען משלים, ציצים ופרחים

פון דעם מחבר הרב הדרשן והמטיף המפורסם
יהודה ליב לאַזעראָוו
מחבר פון דברי יהודה, דגל יהודה, קול יהודה,
מטה יהודה, בית יהודה, אידישען רעדנער, ועוד.

חוברת י'

RABBI L. LAZEROW
1541—78th Street, Brooklyn, N. Y.

ניו־יורק — תרפ"ד

לעוואנט פרעס
479
138 2־טע סט., ניו יארק

דרשות לחנוכה

איך וועל, אין שטעל פון פרשת מקץ שרייבען אייניגע מאמרים פון חנוכה. עס איז נוצבאר, פאר דער צייט, אין דער צייט, זיינען קאנצערטען, בענעפיטס, און דאס גלייכען, קומט אוים צו רעדען. איך האב א סך ספרים אמאל געקוקט, און איך געדיינק ניט פון וועמען די געדאנקען זיינען, מיינע אדער פרעמדע, ווייל איבער צוואנציג יאהר וואס איך נוץ קיין ספרים צום זאגען. איך זאג די טויזענדע דרשות, און איך דארף מעהר קיין ספרים.

דרוש לחנוכה

(א)

„מצות חנוכה נר איש וביתו".

חנוכה איז די צייט, וואס מיר קענען זיך לערנען א מוסר השכל, פון די פארצייטיגע העלדען, פון אונזערע „מכבים", די וועלכע האבען זיך „מוסר נפש" געוועזן פאר אונזער „תורה", פאר אונזער „אמונה", פאר אלעם וואס הייליג איז ביי אונז, האבען זיי געקעמפפט, און די שוואכע אידעלעך האבען ניט געלאזען די גרויסע מאכט פון אנטיוכום עפיפאנוס צו געוועלטיגען איבער אונ־זער גייסט, די וועלכע ער האט שוין „כמעט" געהאט אין גאנצען אונטער זיין לאפע, דער „רשע" האט ניט געוואלט פארניכטען דעם אידישען קערפער, אין געגעטהייל, ער האט זיי געוואלט גע־בען די העכערע פרייהייט, נאר איין זאך, די „נשמה הקדושה" זאלען מיר איהם אוועקגעבען. דער אלטער פערלאנג, נאך פון „מלך סדום" צו אברהם אבינו „תן לי הנפש והרכוש קח לך", גיב מיר אב דיין גייסט, דיין נשמה. און נעם זיך דיר פערמעגען, וויפיעל דיין הארץ געלוסט. און אברהם האט געענטפערט שטאלץ צום מלך סדום „הרמותי ידי אל ה'", איך דארף דיר קעניג פון סדום אויף טויזענד „כפרות", פארמעגען קען מיר גאט געבען, און גאט קען צונעמען. איך האב אויפגעהויבען מיין האנד, איך

מאד ניט נידעריג מיין האנד, אז דער מאנופעקטשורער גיט מיר, דאן וואלט איך מיין האנד מאכען זעהר נידעריג. א „בשר ודם“ גיט מיר, דו קעניג קענסט מיר געבען און גאט קען צונעהמען. נייז, מיין האנד איז הויך, ווייל איך האב איהר אויפגעהויבען „אל ה׳“ צו גאט, דער גאט וואס האט בעשאפען די גאנצע וועלט, און ער האט מיר געגעבען מיין הייליגע „נשמה“, די וועלכע ער האט מיר בעפוילען, איהם אומצוקערען הייליג, ווי זי איז מיר געגעבען געווארען. און הייליג קען איך נאר האלטען מיין „נשמה“, מיט „תורה“ און „מצות“ און לערנען מיינע קינדער דעם „דרך הישר“ און ניט מיט פרייהייט דיינע וועסטו צונעמען מיין נשמה, אפילו ניט מיט די גרעסטע פייניגונג.

אזוי האט געענטפערט אברהם אבינו, דער גרינדער פון דעם „ארדען“ אונזערען, און די שוואכע אידעלעך, אין יענער צייט, אז „אנטיוכוס הרשע“ האט זיי געוואלט געבען אלע פרייהייט, אלעם גוטעס פאר דעם קערפער זייערען, פאר זייער „נשמה“ אבער, האט ער געוואלט א טויט — — — האט זיך דערוועקט אין זיי דער הייליגער גייסט פון אברהם אבינו, דער ערשטער, דער אלטער „כהן גדול“, דער גרויז גראהער „צדיק“ מיט זיינע שוואכע, ציטער־דיגע הענט. האט ער ארויסגעכאפט זיין שווערד און דערשטאכען דעם גענעראל, וועלכער האט איהם געצוואונגען צו קוילענען דעם חזיר אויף דעם „מזבח“ און האט א געשריי געגעבען, „מי לה׳ אלי“, ווער עס איז צו גאט דער זאל צו מיר קומען, און לאמיר ארויסטרעטען געגען דעם „רשע“. קוקט ניט אויף אייער שוואכ־קייט, קוקט ניט אויף אייער קליינעם צאהל. דער רשע האט שוין פארשוועכט דעם הייליגטהום אונזערען, דער רשע האט שוין כמעט צוגענומען אונזערע נשמות, ער האט שוין כמעט אלע אונזערע קינדער צוגענומען פון אונז. ער האט שוין „מטמא“ געווען זייערע „מוחות“. לאמיר געהן, לאמיר קעמפפען, ניט קיין שטארקייט גע־ווינט, נאר גייסט, נאר גייסט. „מי לה׳ אלי!“

איהר עלטערע מענשען, איהר מיטעל־יאהריגע מענשען, איהר זיידעס, ווייסט איהר, וואס די פרייהייט האט פון אונז שוין גע־מאכט? דאס איז אזא פרייהייט, וועלכע מיר האבען אין אמע־

ריקא. ניט „חס ושלום” אַזאַ מין פרייהייט, ווי „אנטיוכוס הרשע׳ האָט דאַן געוואָלט געבען. ניין! ניין! אַמעריקא מיינט ניט קיין שלעכטעס דערמיט, זי מיינט נאָר, דאָס יעדער מענש, פון אַלע נאַציאָנען, איז ביי איהר גלייך. זי מיינט ניט צו נעהמען אונזער „נשמה”, זי ערלויבט אונז צו זיין אידען פון פולען זינען פון דעם וואָרט. און דאָך זעהט, איהר זיידעס, באָבעס, וואָס עס איז פון אייערע אייניקלעך געוואָרען. איהר קענט דאָך אפילו זיך מיט זיי ניט צוזאַמענריידען. זעהט זיידעס, באָבעס, וואָס שלאָפט איהר. און מיר בעטען ניט ביי אייך צו געהן פייטען, אין שלאַכט ארויס־צוגעהן. ווי אונזער אַלטער היילינגער „מתתיהו” איז ארויס. אַמע־ריקאַ זאָל לעבען. אָבער איך שריי צו אייך: זיידעס, וואָס שלאָפט איהר? נעמט זיך צוזאַמען, טוט עפּעס פאַר אייערע אייניקלעך. זייערע נשמה׳לעך זיינען דאָך שוין באַלד, באַלד, אָבגעשטאָרבען. זעהט פאַר זיי „תלמוד־תורות” ריכטיגע, זעהט צו געבען זיי אַ מעגליכקייט צו לערנען עפּעס. איך רייד צו אייך, אין נאָמען פון דעם אַלטען „כהן גדול”: „מי לה׳ אלי!”

פאָטער און מוטערס! איהר געהט נאָך אריין אין אַ שוהל. איהר קומט נאָך אויף אַ פערזאַמלונג. איהר זייט נאָך כלומרשט אידען. אָבער מעהר ניט ווי „כלומרשט” — וואָס איז מיט אייערע קינדער? וואָס איז מיט זיי? וואו זיינען זיי? גיט איהר זיי אַן ערציהונג? מאַכט איהר זיי פאַר אידען? אָה! איך ווייס, איהר וועט זאָגען, איהר מאַכט פון זיי מענשען, געבילדעטע. זייט זויסען, אַז אויב איהר מיינט אַזוי, אַז זיי וועלען מענשען זיין, לעבט איהר אין טעות. דער איד איז ווי זאָ אַ מענש, ווייל זיין תורה לערענט איהם צו זיין אַ מענש. אָבער אַז איהר ווילט זיי פאַר אידען ניט מאַכען, נאָר ווי איהר דענקט — פאַר מענשען, זייט וויסען, אַז זיי וואַקסען אויס אוממענשען. ווייסט איהר ניט דעם „כבוד” וואָס איהר האָט פון אייערע מענשען־קינדער? אָה! איהר ווייסט, נאָר איהר מאַכט זיך ניט וויסענדיג. איהר ווייסט, אָבער! דאָס וואָס איהר האָט געקאָכט, דאָס עסט איהר...

ווייסט אייער קינד, „אפילו” וואָס חנוכה איז? אָבער ווייסט ער דען ניט וואָס „קריסטמעס” בעדייטעט? ווייל ער פרעגט אייך

שוין מיט דריי וואכען בעפאר „קריסטמעס“, וואס פאר א „קריסטמעס פרעזענט“ איהר וועט איהם געבען? און „חנוכה“, דעם יאהרצייט פון אונזערע גרויסע העלדען, וויים ער „אפילו“ ניט. אויב איהר ווילט איהם טרייען, פרעגט איהם, זאגט איהם, דו ווייסט, מיין קינד, וואס איז חנוכה? וועט איהר הערען, אז ער וועט באלד ווערען א „תלמיד חכם“ און פרעגען די גמרא׳ס פראגע: „מאי חנוכה?“ וואס איז חנוכה?

פאטערס און מוטערס! דאן האט אונז געצוואונגען אנטיוכוס הרשע אבצונעבען די נשמה פון אייערע קליינע קינדער, אבער יעצט, ווער צווינגט אייך? ווייסט איהר, פרומע טאטעס, ווייסט איהר, פרומע מאמעס, אז יעצט זייט איהר אליין „אנטיוכוס“. איהר אליין זייט „מקריב“ אייערע קינדער אויף דעם „מזבח“ פון „עבודה זרה“, איהר אליין קוילעט די קינדער אב! פרומער טאטע, ווייסטו, אז „חנוכה“ איז דער נאמען, איינע פון זיינע נעמען, ווייל זיי האבען באנייט דעם „מזבח“. „מטהר“ געווען דעם „בית המקדש“, הייסט עס א „חנוך המזבח“. א „חנוכת הבית“, דארום זאגען מיר „מזמור שיר חנוכת“. ווייסט איהר, אז דער נאמען „חנוכה“ איז „מחנך“ צו זיין! קיין „מזבח“ האבען מיר ניט, דארפען מיר „מחנך“ זיין אונזערע קינדער. איהר פרומע טאטעס אדער מאמעס, וואס זיינען שוין האלב, האלב, אבגעשוואכטע אידען, דאך ווייסט איהר, אז „אנטיוכוס עפיפאנוס“ וואלט דא געווען יעצט דער הערשער פון אמעריקא, און ער וואלט געמאכט א „גזירה“, ניט צו לערנען אייערע קינדער, און ניט האלטען קיין איין זאך פון אידישקייט, זאגט נאר קיין ליגען ניט, און זאגט דעם ריינעם „אמת“, איהר וואלט זיך געוויס „מוסר נפש“ געווען און איהר וואלט ארויס אין רעוואלוציאן געגען דעם „רשע“, איהר וואלט געקעמפפט ביז דעם לעצטען טראפען בלוט... געוויס, געוויס, בלאפט מיר ניט נאר... איהר וואלט עס געוויס געטאן...

צו אמעריקא האבען מיר גאר ניט. געבענשט זאל זיין די אמעריקאנער רעגירונג. טאטעס, איהר ווייסט, אז „שלמה המלך“ זאגט „נר ה׳ נשמת אדם“, די „נשמה“ איז גאט׳ס ליכט, די „נשמה“ ווערט אנגערופען „נר“. טאטעס, איהר צינדט אן אייער „נשמה“,

איהר געהט אין שוהל, איהר זייט זיך „מחנך“, נייז ! זיך אליין איז נאך ניט גוט, ווען וואלט זיין גוט, ריכטיג, ווען איהר זאלט אנצינדען די ליכטעלע, די נשמה'לע פון אייער קינדער, געבען זיי אין ריכטיגע "תלמוד תורו“, לערנען זיי וואס אידען דארפען לערנען, געבען זיי א אידישע ערציהונג, וואס עס הייסט ריכטיג אידיש, דאן איז גוט וואס איהר צינדט אן די ליכט אייערע מיט „מצות“ און „מעשים טובים“ — דאן זייט איהר מענשען און איי־דען, אז ניט הייסט עס פאלש, און איהר זייט פאלש, וואס פאלשער קען ניט זיין ? אין דער צייט וואס איהר געהט אין שוהל, און אייערע קליינע קינדער געהען ניט, און נאך אזעלכע זאכען.

„מצות נר חנוכה“ — די מצוה פון אנצינדען די ליכטעלע פון דער „נשמה“, וואס זי ווערט אנגערופען „נר“ — „חנוכה“, איינגעוואהנען, „חנוך“ — יא, איהר דארפט טאן גוטעס, איהר דארפט דאווענען, „אמת“, „נר איש“, יעדער זיין ליכט, זיין נשמה דארף אנצינדען, אבער „וביתו“, אויך זיינע הויז מענשען, זיינע קינדער — — —

זיידעס, באבעס, טאטעס, מאמעס, דער אלטער „כהן גדול“ שרייט צו אייך, מיט זיין הויכע שטימע, מיט זיין „מסירת נפש“, „מי לה' אלי“, ווער עס איז צו גאט קומט צו מיר, עפענט אייערע פאקעטס פאר „תלמוד תורה“, און ווער עס ענטפערט ניט, פאלגט ניט די ווערטער פון דעם גרויסען, אלטען צדיק, „מתתיהו כהן גדול“ און ער ווייזט „חס ושלום“ אז ער איז ניט „לה'“, הערט ווי ער שרייט, אידען, דער גאנצער אידישער פאלק ברענט. ער איז שוין באלד פארברענט, „מי לה' אלי“ !

דרוש לחנוכה

(ב)

„בית הלל סובר מוסיף והול“

פריינדע ! ווייל „חנוכה“ איז „מרמז“ אויף „חנוך“, דארום וועל איך ריידען נאר פון „חנוך“, וואס דאס פעהלט אין אמעריקא מעהר ווי אלעס.

איהר ווייסט, אז אין אמעריקא דער גאנצער „חנוך", און וויפיעל א „חנוך" ער גיט נאך דעם קינד, איז אויך צוליעב א פאלשע צערעמאניע, „בר מצוה" — און ער לערענט איהם די „הפטורה" אויך א „ספיטש", און מען קויפט איהם א פאר „תפלין".ביים קויפען די „תפלין" נעמט ער מיט זיין „בר מצוה גוי" און ער מאכט אב מיט׳ן „מוכר ספרים", אז ער זאל איהם געבען ביליגע „תפלין" מיט דעם אויסרייד, אז זא ווי זא, זאגט ער, ער. דער טאטע, אז ער וועט ניט לייגען קיין תפלין נאכהער, און דער שעהנער טאטע זאגט עס, ווען זיין טרעמפעל שטעהט דערביי. נו, דארף ער לייגען „תפלין". ניין, געווים ניט. דער טאטע אליין לייגט ניט קיין „תפלין". דעם זוהנעלע האט ער געגעבען אנצו־הערעניש, אז ער וועט אויך ניט דארפען נאך „בר מצוה" לייגען „תפלין".

פרעגט זיך יעצט די קשיא: ווארום, טאטעלע זיסער, טייע־רער אידעלע, ליבענקער טאטעלע, מאכסטו אזא גרויסע צערעמאניע, וואס קאסט דיר א האלבער טויזענדער? דו בריינגסט איהם אין שוהל, טאטע זיסער, און דו גיסט געלט, און אלע גיבען דיר אב „מזל טוב", א שעהנער „מזל טוב" אויף דיר... די ליידיעס פון „עזרת נשים" בעווארפען דיין טרעמפעלע מיט ניסעלעך, דאס איז „מרמז" על פי „רמז דקבלה" אז איהם קומט „סקילה" — ווייל ער איז טאקע א „בן סורר ומורה", נאך מיין „שכל" ביזטו, טאטע ליבער, דער „חייב סקילה"...

איהר האט געהערט אזא איינפאל, ער קען אפילו א ברעקעל „עברי" ניט — עס ווילט זיך נאך זאגען א וויץ, אז ער, דער „בר מצוה", איז אזא „בעל עברי", אז ער איז מקיים דעם פסוק „המכה בעברתו", ער צושלאגט מיט זיין „עברי", „כל בכורי מצרים" — נאר איך פרעג דיך נאך אמאל, זיסער טאטעלע, און דיר, טייערע מאמעלע, וואס איז די „שמחה" אזוי גרויס מיט אייך, פאר׳ן אויפ־הערען לייגען „תפלין" מאכט מען א ז א פארטי, אין שוהל — שנאפס, וויין לעקאך: אין הויז — א „רעסעפשאן". אין רוסלאנד האט דער קינד אנגעהויבען לייגען תפלין און ער איז אריינגעטרא־טען אין „ארדען ברית אברהם", פון דעם גרינדער „אברהם אבינו",

א שמחה. עס איז צוגעקומען א מעמבער אין אָרדען, וועלכער האָט צוגעשוואָרען טריי צו דינען דעם אָרדען, אפילו אין פייער און אין וואַסער צו געהן, און בלייבען טריי דעם אָרדען, און צאָהלען זיינע דיוס צום אָרדען, מיט דריי מאָל א טאָג דאַווענען, מיט היטען שבת, מיט לייגען תפלין, מיט „כשר" עסען, מיט „כבוד אב ואם", מיט „טהרת המשפחה" — קורץ מיט אַלע „תרי"ג מצות", צוגע־שוואָרען און אָבגעהיט די שבועה... געצאָהלט די דיוס פּינקטליך. אַט איז א „שמחה" — א „שמחה של מצוה".

אָבער יעצט, טאַטעלע ליבער, דיין זוהנעלע, וואָס ווייסט גאָר ניט, דיין „תכשיט'ל", וואָס קען אפילו קיין עברי ניט, דיין בנ'אַק. וואָס ווייסט גאָר ניט פון אידישקייט, ניט פון אידען, און ניט פון יודענטהום. ער ווייסט ניט אונזער „חנוכה", ער קען ניט אונזערע „חשמונאים", אונזערע גרויסע העלדען, אָבער דערפאַר ווייסט ער זעהר גוט אין חנוכה צייט, פון „קריסטמעס", דאָס ווייסט ער יאָ. אָבער ווייסען, אז מיט א מאָנאַט בעפאָר „קריסטמעס פרעגט ער שוין: פּאַפּאַ, מאַמאַ, וואָס וועסטו מיר געבען א „קריסטמעס פרעזענט"? „מילא", וואָס זאָל איך מאַטערען מיין פען און אייך אויפווייזען, אז ער ווייסט פון אידישע „ימים טובים" ניט, ער ווייסט ניט און קען ניט אונזערע גרויסע העלדען. ער ווייס אפילו ניט וואָס זיין טאַטע איז: א איד אָדער א גוי — איז ער א איד, ווארום האַלט ער ניט שבת?... איז ער א גוי, ווארום האַלט ער ניט זונטאָג?... איז ער א מחמד'אַנער, ווארום האַלט ער ניט פרייטאָג?... פרעג איך אייך „ולשמחה מה זו עושה"? — — —

אמאָל איז געווען, אז דעם קינד האָט מען אויף אַזאַ אָרט געלערענט אַלץ מעהר און מעהר, אנגעפאַנגען „אלף בית", אריינ־געבראכט איהם צו „עברי", פון „עברי" אויף „חומש", נאכהער „נביאים וכתובים", נאָכהער רש"י, „חיי אדם", טראַפּ, „גמרא". אז עס איז געקומען צום „בר מצוה" האָט מען איהם ניט געדאַרפט לערנען קיין „מפטיר". מען האָט איהם אָנגעפאַנגען מיט א מאָנאַט בעפאָר לערנען לייגען תפלין, און דאָס האָט ניט געהייסען קיין מוז צו לייגען. ער איז „בר מצוה" געוואָרען, האָט ער שוין גע־מוזט לייגען תפלין, נאָכהער, צו אַכצעהן יאָהר אָדער מעהר, האָט

זיין פאטער און מוטער געזוכט פאר איהם א שידוך. און ער האט באקומען א „טלית“, און זא ווייטער.

און יעצט! צו פיער און א האלב יאהר, אין קינדער־גארטען, צו זעקס יאהר אין „סקוהל“ — אדער אין „סקילה“ הויז... — צו אכט יאהר בריינגט איהם די מאמע אין א חדר, פאר צוויי דאלאר א מאנאט, און רעדט אויס „בתנאי קודם למעשה“, אז זי וויל ניט איהם מאכען פאר א „רב“, דאס הייסט אויך ניט פאר קיין „דיין“ חס ושלום... נאר ער זאל קענען „עברי“ און גענוג... מעהר דארף מען ניט, און דאס וועט ער אויך ניט קענען, ווייל זיי ווילען ניט ער זאל קענען. ער לערענט אב א פאר מאנאט, קומט דער זומער, נעמט מען־איהם אויפ'ן גאנצען סעזאן אין קאנטרי. דאס וואס ער האט זיך אויסגעלערענט ביז'ן זומער: „ית“ — וואלט ער זיך אויסגעלערענט איבער'ן זומער „גדל“ — וואלט שוין געווען אווארט פון „קדיש“: „יתגדל“ — בלייבט ער אבער ביים „ית“ — ווען מען וואלט איהם ניט צוגענומען אין קאנטרי, וואלט ער שוין געקענט זאגען דעם „יתגדל“ — און אזוי ווייטער. גליקליך זיינען נאך די עלטערען, ווען זיי שטארבען אין ניסן, בעפאר די קאנטרי... וועט ער קענען זאגען „ית“ — און דער „שמש“ וועט זאגען „גדל“ — וואלט זיין העלפט אויף העלפט...

נאכהער, אז עס קומט צו צוועלף יאהר, טאטע, מאמע, באבע, זיידע, מאכען א מיטינג. עס איז דאך אין א יאהר צייט, ווערט ער דאך „בר מיתה“ (איך האב א טעות געהאט, דער סוף „אות“ פון „ית“ — האט זיך אריינגעכאפט אין „מצוה“...), מען פערהערט איהם, א קלאג, א בראך, ער ווייסט גאר ניט, וואס טהוט מען? די ערשטע זאך זאגט די מאמע: א קלאג, א בראך צו די אמע־ריקאנער „מלמדים“ (ניט צו איהר און ניט צו די קאנטרי), וואס פאר א „גנבים“ זיי זיינען. גענומען געלד אומזיסט. איך וועל געהן און וועל איהם אויסרייסען זיינע „וויסקערס“... אבער נאך אלע קלאג און בראך, בלייבט, אז מען זאל רופען א „ספעציאליסט“ (א פראפעסאר), א טיטשער הייסט עס, און מען בעדינגט זיך מיט איהם „כך וכך“, אז אין צייט פון א יאהר זאל ער קענען דעם „מפטיר“ מיט'ן שפיץ און קענען לייגען תפלין, און מען מאכט

אַפּ מיט דער שוהל, און מיט'ן האַל, וואו די „פּאַרטי“ זאָל זיין, און נאָך דער „פּאַרטי“, מיין בחור לייגט שוין קיין תפלין ניט. נו, אויף וואָס איז די „פּאַרטי“ געווען? ניט אויפצוהערען לייגען תפלין? ניט אויפצוהערען זיין אַ איד? און פון יעצט ווערט ער שוין אַ מחויב אין באָל צו שפּילען, אַלערליי סאַרטען. צו אַכצעהן יאהר אַדער מעהר הייבט ער אָן געהן מיט אַ מיידעל, אויב אַ אידישע, איז נאָך ניט שלעכט. און מען פרעגט ניט קיינעם... און זאַ ווייטער... איז וואָס אַ טאָג, אַ וואָך, אַ יאָהר, ווערט ער אַלץ מעהר גוי, ניט מעהר איד. נו! איז דאָך פּונקט פאַרקערט פון רוסלאַנדס „בר מצות“. דאָרט איז געווען וואָס מעהר אַ טאָג, אַ וואָך, אַ יאָהר, מעהר איד, און דאָס האָט געהייסען „מוסיף והולך“, אַלץ מעהר געמעהרט, וואָס ווייטער ער איז געגאַנגען, דאָס הייסט וואָס עלטער ער איז געוואָרען.

מיין טייערע אידעלע! זיי ווייסען, אַז דער „דין“ איז דאָך ווי „הלל“, אַז דער „חנוכה“ ווייזט אויף „חנוך“, און „נר“, די ליכטעלע, ווייזט אויף „נר ה' נשמת אדם“, דאָס ווייסטו דאָך שוין פון דעם פריהערדיגען „דרוש“ אויף „חנוכה“, דאַרום קומט „הלל“ אונז אַנזאָגען, אַז דער „חנוך“ דאַרף זיין „מוסיף והולך“, ווי איך האָב שוין געגעבען צו ערקלערען, אַלע טאָג אַלץ העכער און העכער, דאַרף ווערען אַנגעצונדען די ליכטעלע, דעם „נר ה' נשמת אדם“.

דרוש לחנוכה

(ג)

„אסור להנות מנר חנוכה“

מיינע טייערע פריינדע! די „חכמים“ האָבען אונז אַנגעזאָגט, אַז ווי לאַנג מיר קענען לערנען דעם קינד, מוזען מיר איהם לערנען, ניט ווי אַנדערע עלטערען טהוען, אַז דער קינד ווערט נאָר „בר מצוה“ און ער ווייסט נאָך ניט „בין ימינו לשמאלו“, זעהט מען באַלד, אַז מען זאָל פון איהם „הנאה“ האָבען, דאָס

הייסט, ער זאָל שוין העלפען אין ביזנעס, אָדער אין דער ארבייט, אָדער איהם אַליין אָבגעבען צו אַן ארבייט. עס איז דאָך הימעל־שרייענד. וואָס פיעלע טהוען צו זייערע יונגע קינדער. און באַלד הויבט זיך דאָך אָן דער מאַנגעל צו קריגען פאַר איהם אַ פּלאַץ וואו מען ארבייט ניט שבת. (דאָס איז נאָך גערעדט מיט אַזעלכע עלטערען, וואָס זוכען כאָטש אַזאַ פּלאַץ) און אָפט איז שווער צו קריגען אַזאַ פּלאַץ. עס איז הימעל־שרייענד. נאָך אַמאָל זאָג איך צו אייך, אָט גראָדע יעצט, ווען ער איז „בר מצוה" געוואָרען, ווי געהט מען איהם שוין גלייך איינגעוואָהנען צו חלול שבת?...

און איבערהויבט איז ערשט יעצט די צייט ער זאָל אין הויז האָבען אַ „רבי" וואָס זאָל מיט איהם לערנען, ער זאָל כאָטש עטוואָס קענען. און זאָגט ניט, אַז וואָס וועט שוין זיין, ווען ער וועט נאָך לערנען. ער ווערט דאָך זאַ ווי זאַ ניט האַלטען. דאָס איז ניט אייערע ביזנעס. אייער חוב איז צו לערנען אייער קינד. און ווייטער דאַרפט איהר ניט קלערען. און איבערהויפּט ווען איהר קריגט שוין אַ „פיידע" פון איהם, דאַן איז ער „באָס", דאַרף ער שוין אייך ניט פאָלגען. ווילט איהר „מחנך" זיין אייער קינד, זעהט אַז איהר זאָלט ניט זוכען, ווי לאַנג איהר קענט אויסקומען, פון איהם קיין „הנאה" ניט צו האָבען. ווארום אַז איהר וועט הנאה האָבען פון איהם, דאַן איז שוין אָבגערעדט, איז ער אייער „באָס", ניט איהר זייט אויף איהם אַ „באָס". ווי לאַנג איהר ווילט — אָדער גאָר איהר מוזט — איהם „מחנך" זיין, דאַן זעהט, ווי איך זאָג אייך.

איך קען אייך זאָגען, אַזוי ווי איך ווייס דעם אַמעריקאַנער לעבען, דעם אידישען לעבען אין אַמעריקאַ מיין איך, ווייס איך מעהר פון אייך און מעהר פון אַלע אייערע רבנים. און אויב עס זיינען פאַראַן רבנים וואָס ווייסען, זאָגען זיי אייך ניט. זיי ווילען דעם „אמת" ניט זאָגען, אָדער זיי האָבען מורא צו זאָגען — און אויב איהר הערט, אַז די „רבנים" האָבען אַ קאָנווענשאָן און זיי ריידען וועגען „חנוך" — גלויבט מיר, איך שווער אייך, אויב איהר ווילט, אַז דאָס איז ניט ווערט אפילו אַ פּעני... דאָס איז נאָר גערעדט ביים מיטינג, ווען די געבראָטענע קאַטשקעלעך ליגען אויפ'ן טעלער, צום קאָנווענשאָן... און אויב, — אָדער ניט אויב...

נאר געווים, האבען זיי אויף מיר פאראיבעל... ארט עס מיר — אזוי ווי די ווייבער זאגען — פונקט ווי דעם פאראיאהריגען שנעע... ווען ארט עס, פאר'ן אמת, וואס איך שרייב אין מיינע ספרים... און פאר'ן אמת, וואס איך זאג אויף דער בימה... פאר דעם האסען זיי מיר... פרעגט, אדרבה, איינעם פון די „קאטשקע־פרעסער" און „וויין־זויפער"... וואס זאגט איהר וועגען „רבי לאזעראוו" ? וועט איהר זעהן, א מאך מיט די הענט... ווי איינער זאגט: נו! אויף וואס ער פרעגט... אויך מיר א פראגע... „רבי לאזעראוו" רופט איהר איהם? און נאך און נאך... און אויב איהר זייט א קלוגער איד, און הערט אזא מיינונג וועגען „רבי לאזאראוו", פרעגט איהם, דעם „חכם" (ניט „תלמיד חכם"...) נו, דאך זעהט מען דאך זיינע ספרים, וואס ער האט געמאכט. (און דערצעהלט איהם, דעם „חכם" טאקע, אז ער אליין זאגט אויך פון מיינע ספרים... אויב ער זאגט אייך, אז ניט... זאג איך אייך אויף מיין וואהרען „הן", אז יא! נאך אמאל אויף מיין וואהרען „הן"... ווייל צוויי מאל איז א „שבועה", אז יא!) פרעגט איהם אויך, ווער האט נאך אזוי פיעל „תלמוד תורות" געגרינדעט אין ניו יארק, ווי „רבי לאזעראוו" ? אפשר ער, דער קנאקער? פרעגט איהם.

פריינדע! איך זאג אייך נאך אמאל, אז איהר זאלט זעהן אליין וואס איהר האט צו טאהן... נאר אויף דעם ענין בין איך געצוואונגען אייך ערקלעהרען א מאמר חז"ל אין (בבא מציעא פ"ה ע"ב) „הוה קא מצטער רבי למסמכיה ולא הוה מסתייעא מלתא אמר ליה לא תצטער מר לדידי חזי לי ספרא דאדם הראשון וכתיב ביה שמואל ירחינאי חכים יתקרי ורבי לא יתקרי ואסוא דרבי על ידי תהא". יעצט וועלען מיר דאס איבערזעצען ברייטלעך. בעפאר איך פארטייטש אייך דעם מאמר, וועל איך אייך זאגען, וואס דארט איז פריער אביסעל גערעדט. „רבינו הקדוש" דאקטאר איז געווען, „שמואל ירחנאי" דער גרויסער „תנא" דער גרויסער פראפעסאר אין דאקטאריע, דער גרויסער פראפעסאר אין אסטראנאמיע, וואס ער האט געזאגט: איך וויים נאך בעסער די וועגען און שטעגען פון די פלאנעטען אין הימעל, מעהר ווי די געסלאך פון „נהרדאי" זיין שטעדטעל. און ביי „רבינו הקדוש" איז ער

געוועזען דער דאָקטאָר, און איהר וועט צוגעבען אַז געווים האָט „רבי" קיין מיסטייק געמאַכט, אַז ער האָט געוואָלט איהם סמיכה געבען, מן הסתם איז ער געווים „ראוי" געוועזען דערצו...

יעצט וועל איך פאַרטייטשען דעם מאמר. „רבי הקדוש" האָט זיך „מצער" געווען. דאָס הייסט, פיעל מיה געגעבען אום איהם „סמיכה" צו געבען, און עס איז איהם ניט געלונגען, ווייל דערצו האָט געמוזט זיין אַ קאָנווענשאָן, אַ הייליגע קאָנווענשאָן, ניט ווי יעצט... און מען האָט געדאַרפט האָבען די צושטימומונג פון די „תנאים" — און יעדען מאָהל, האָט זיך ניט אויסגעלאָזען גוט. נאָך „רבינו הקדוש" זיין פאַרלאַנג, צוליעב וואָס? שטעהט ניט. איז דאָך אָבער זעלבסט פאַרשטענדליך, אַז ניט צוליעב „רבינו הקדוש" פאַרלאַנג, נאָר צוליעב די איבריגע... זאָגט שמואל צו רבינו הקדוש: „רבי" זיי דיך ניט „מצער". איך וועל קיין סמיכה ניט באַקומען. איך האָב געזעהען דעם ספר פון „אדם הראשון" (וואָס איז דאָס פאַר אַ ספר, וואָס רבינו הקדוש האָט ניט געוואוסט? ווען ער זאָל וויסען וואָלט ער דאָך גאָר ניט געטרייט) און דאָרט איז געשריבען „שמואל ירחנאי" אַ קלוגער, אַ דאָקטאָר, אַ פילאָזאָף, וועט ער גערופען ווערען און „רבי" וועט ער ניט גערופען ווערען און די רפואה פון „רבי" וועט קומען דורך זיין האַנט.

זאָגט מיר פריינדע, וואָס הייסט „ספרא דאדם הראשון"? וואָס איז דאָס פאַר אַ ספר? און פאַר וואָס קומט עס איהם טאַקע, אַז אדם הראשון זאָל גוזר זיין אויף אַזא „חכם" און „צדיק" און פילאָזאָף, אַז ער זאָל ניט גערופען ווערען „רבי"? נאָר דאָס איז איינפאַך. „רבינו הקדוש" וויל געבען סמיכה דעם גדול „שמואל ירחנאי", דעם גרויסען פילאָזאָף, עס געלינגט איהם ניט. ווען ער רופט די רבנים, איז קיינמאָל קיין רעזולטאַט ניט געבליבען צום גונסטען פון „רבינו הקדוש" צוליב אורזאַכען פאַרשידענע. איין מאָהל האָט זיך געמאַכט דאָס עס האָט געפעהלט איינער אָדער צוויי. נאָך אַמאָל איז מען ניט געקומען צו איין איינשטימונג אין „דעות" און דאָס גלייכען... „רבינו הקדוש" האָט „יסורים" און צער דערפון. געפעהרליכע יסורים. זיין ליבלינג, זיין דאָקטאָר און טאַקע דעם גרויסען מענשען.

זאגט צו איהם שמואל: „רבי", האט קיין יסורים ניט. „לא תצטער מר" — איך האב געזעהן די וועלט היסטאריע וואס עס הויבט זיך פון אדם הראשון אן. „לידידי חזי ספרא דאדם הראשון". דאס איז די וועלט היסטאריע. וואס איז געזעהן דארט? דאס הייסט אין דער היסטאריע? איך האב געזעהן, אז קוים איז איי־נער פאראן א קלוגער ווי די איבעריגע, קוים „חכם יתקרי", אז ער ווערט גערופען „חכם", איז „רבי לא יתקרי", וועט מען איהם שוין ניט רופען רבי... ווייל זיי ווילען ניט... דארום האב איך געזעהן „בספרא דאדם הראשון„ אין דער וועלט היסטאריע, א חוץ מיר אליין, אז „שמואל ירחנאי חכם יתקרי" איז שוין „רבי לא יתקרי"...

מיינע פריינד, אט דאס איז ווארום יענער רבי"ל, וואס איהר פרעגט איהם וועגען מיר, אין מיין פארמאט. איך וועל געווים ניט זאגען, אז איך בין געגליכען צו שמואל ירחנאי... אט אזוי ווי איהר וועט ניט זאגען אויף דעם רבי"ל מיט וועמען איר רעדט, אז ער איז „רבינו הקדוש"... אלזא, דאס וויל איך אייך אויספיהרען, אז זיי ארט ווייניג פון דעם חנוך הבנים... נאר גלויבט מיר וואס איך זאג אייך, אז איהר זאלט זיך ניט איילען צו הנאה האבען פון אייער יונגען קינד, דעם קינד וואס איהר באדארפט נאך געבען א חינוך, דעם קינד וואס ער דארף נאך לערנען, דעם קינד, וואס איהר דארפט איהם נאך פילייכט עברי לערנען. איהר ווייסט דאך מן הסתם שוין, אז „חנוכה" איז טייטש „חנוך נר" די „נשמה". דאר־רום זאגען די „חכמים", „אסור להנות", מען טאר ניט האבען קיין „הנאה מנר חנוכה" פון די „נשמה", וועלכע דארף נאך א „חנוך" האבען.

(ד)

דרוש לחנוכה

„אסור להרצות מעות נגד נר חנוכה"

מען טאר ניט צעהלען געלט אנטקעגען די חנוכה־ליכט, דאס

הייסט געוויס, אז מען טאר קיין „הנאה" ניט האבען פון די „חנוכה־ליכט", זיך צו באנוצען מיט זייער ליכט, האבען מיר דאך שוין א דין „אסור להנות מנר חנוכה?"

טייערע עלטערען, איך האב פאר אייך נאך א זאך אייך אנצו־זאגען. נאר בעפאר וועל איך אייך פרעגען אייניגע זאכען. זאגט מיר, אז איהר דארפט א סוט, זוכט איהר דאך א גוטען סוט, און אז עס זאל קאסטען נאך אייניגע דאלאר, מאכט ניט, איז דען ניט אזוי? א פאר שיך זוכט איהר שטארקע און גוטע און שעהנע; זאל זיין נאך א דאלאר, ניט אזוי? א העט פאר אייער ווייבעל, א ספרינג העט, געט זי דאך מיט אייך אין עטליכע סטארס און קוקט אין שפי־געל, אויב עס פיט איהר און איהר ביידע קוקט אויף די פרייזען, איינע איז געווען זעקס דאלאר, און דער פעדערעל אבער איז ניט פון די גוטע... אין א צווייטע סטאר איז געווען א בעסערע, קאסט זעקס מיט פינף און זיבעציג. אין א דריטער סטאר קאסט זיבען מיט פופציג און די העט פיט. און די פערטע איז בעסער. נאכדעם האלט איהר אפ א מיטינג צווישען זיך און עס בלייבט ביי אייך ביידען, אז די לעצטע זאל מען נעמען. איז דען ניט אזוי? זאגט מיר, אז איהר פירט אוועק אייער ווייבעל אין קאנטרי, און אין איין האטעל איז צוואנציג דאלאר א וואך, נאר עס איז ניט אזוי קלין, מען גיט ניט אזוי גוט עסען, די אויפפאסונג איז ניט אזוי גוט... און אין דעם צווייטען האטעל איז פינף און צוואנציג דאלאר א וואך, און דארט איז שוין אלעס ריכטיג, זאגט מיר, בלייבט דען ניט, אויף דעם צווייטען פלאץ, באטש עס קאסט מיט פינף דאלאר טייערער אויפ'ן וואך, איז דען ניט אזוי?...

יעצט זאלען מיר זעהען, ווי איז מיט דעם „חנוך", וואס איהר גיט אייער קינד, איהר דארפט איהם געבען אין חדר... הייסט איהר אן זוכען א רבי'ן. אין איין פלאץ איז דא א גוטער רבי, ער נעמט א פרייז, ער וויל זעקס דאלאר א מאנאט, ער לאזט ניט ביליגער, הייבט איהר אן דינגען און איהר האט ניט מעהר אריינגע־באטען ווי צוויי דאלאר. געהט איהר ווייטער און איהר קריגט א רבי'ן פון דריי דאלאר א מאנאט, עס איז נאך אלץ צו טייער. געהט איהר צו א דריטען, יענער בעט צוויי דאלאר, און איהר מאכט

עס פאַר אַ דאָלאַר און אַ האַלב, און איהר פרעהט זיך דאָס איהר האָט געכאַפּט אַ באַרגען, זאָגט מיר איז דען ניט אַזוי?

איצט וועל איך אייך ערקלערען וואו אייער באַרגען איז... דער ערשטער האָט נאָר צוואַנציג קינדער און מעהר נעמט ער ניט, זיינע קינדער זיינען צוטיילט אין פּאַסיגע כתות. ער האָט דריי „כתות". איין „כיתה" „עברי"; אַ צווייטע אָנפאַנג „חומש"; אַ דריטע — חומש, רש"י, טראָפּ, היסטאָריע, לערענט ער אַ שטונדע מיט יעדער „כיתה" און ווען די „כיתה" לערענט, דאַרף די צווייטע „כיתה" שרייבען. נאָר ביי אַזאַ רבי'ן איז אַ האָפנונג אַז דער קינד אייערער זאָל ביז בר־מצוה קענען „עברי" און עפּעס נאָך קליינע זאַכען, דהיינו טראָפּ, אומעטום די הפטורה, אַביסעלע היסטאָריע.

איצט וויל איך ערקלערען דעם צווייטען רבי'ן, דעם דריי דאָלאַרדיגען. איהר האָט דאָך אַליין שכל אַביסעל צו פאַרשטעהן, אַז ער נעמט נאָר דריי דאָלאַר, דאַרף ער האָבען פערציג קינדער, ווייל ער מאַכט אַ לעבען דאָך דערפון. וועד וועט איהם געבען? אין פערציג קינדער איז דאָ זעקס „כיתה'ס": אלף־בית, עברי, אָנפאַנג חומש, אַפרשה חומש אַ וואָך, חומש מיט רש"י, און אַ כיתה צוצושטעלען „בר־מצות" — אין דריי שטונדען, איז שוין אַ האַלבע שטונדע אַ טאָג.

יעצט צו אייער אויסגעקליבענעם, וואָס איהר וועט איהם צאָהלען אַ דאָלאַר מיט אַ האַלב, ער דאַרף שוין האָבען אַכציג קינדער. ער קען קיין קלאַסען ניט מאַכען. דער הו־הא איז אַזוי גרויס, אַז איהם איז אוממעגליך צו האָבען „כיתות". ער לערענט מיט יעדען קינד באַזונדער. יעצט רעכענט מיט אַ „חילוק", אַז אין דריי שטונדען האָט ער 180 מינוט. און ער האָט אַכציג קינדער, זאָגט 80 אין 180 געהט 2 מאָהל, צוויי מאָל אַכציג איז גאָר 160 מינוטען, אויף אַכציג קינדער קומט צוואַנציג מינוט, קומט אַ פערטעל מינוט, די פערטעל וואַרפט אַראָפּ, ער דאַרף דאָך געהן וואו אַ מענש דאַרף, ער דאַרף מאַכען אַ סיגאַרעט, ער דאַרף רעדען מיט אַ קאַסטימער, ער דאַרף שילטען און שרייען און שלאָגען, האָט איהר צו צוויי מינוט פאַר אייער „תכשיט". נו ווי געפעהלט אייך אַזאַ לאַנגער לערנען? וואָס וועט איהר קריגען פאַר די צוויי מינוט...

איך בעט אייך, מאכט נאר מיר ניט פאר א ליגנער, אדער אן איי־בערטריבענער פארשטעלער, טהוט עס ניט. איהר מעגט מיר גלויי־בען, אז איך וויים, אז אזוי איז עס. ריידען אויפ'ן בימה דארף מען זיין פארזיכטיג. א „פשיטא דפשיטא", א „קל וחומר", „בן בנו של קל וחומר", שרייבען, אט אזוי איז עס. דער „מחבר" האט א סך חדרים באזוכט און פיליכט טאקע אלע און זיי געשטודירט ביז דעם גרונד.

עלטערען, איהר ווייסט דאך שוין, אז „חנוכה" איז „חנוך" און „נר" איז די נשמה, ווילט איהר עטוואס כאטש אויסלערנען אייערע קינדער. זעהט כאטש ניט קארגען א פאר דאלאר פאר זייער „חנוך". זעהט א ריכטיגען „מלמד" פאר זיי... טייערע עלטערען דאס זאגט אונז אן די גמרא „אסור להרצות מעות", מען טאר ניט צעהלען קיין געלט, דאס הייסט קארגען געלט, צעהלען אזוי פיעל גיב איך, און אזוי פיעל ניט, „נגד נר חנוכה" אנטקעגען די חנוכה ליכט, אנטקעגען די נשמה'לע פון קינד, וועלכען מען מוז ערציהען אין אידישען גייסט, ער זאל כאטש וויסען וואס א איד איז און וואס אידענטום איז ער זאל וויסען פון אונזערע העלדען, כאטש אזוי פיעל ווי ער וויים פון די שטרויענע העלדען פון די „אומות העולם".

(ה)

דרוש לחנוכה

„נר חנוכה לאחרים, ונר ביתו, נר ביתו קודם"

איך מוז אייך נאך א זאך זאגען וואס איהר דארפט וויסען און דוקא איצט, ווייל עס איז „חנוכה", ווען די קליינע ליכטעלאך ברע־נען אלס אנדענק פון אונזערע גרויסע העלדען, אט טאקע די „חשמונאים", די וועלכע האבען געזעהן דאס וואס אנטיוכוס עפי־פאנוס האט געמאכט פון דעם אידישען גייסט, א קינד האט ער פארבאטען צו „מל" זיין. דאס האט ער געטאן „בכיון", ווייל אז עס וועט ניט צוקומען קיין אידען, וועט ווערען אוים אידען. דער

„רשע" האָט דורך זיינע העלפער „מטמא" געווען אַלע קריגעלעך איל, דאָס הייסט, אַלע אידישע :חדרים" וואו מען נוצט דעם איל, צו לייכטען, צו לערנען די תורה, דאַן איז אָבער געווען דער כהן, איבערהויפט דער „כהן גדול" (דאָס איז דער איצטיגער רב אין דער שטעלע פון „כהן גדול"), זיי האָבען מטהר געוועזען דעם מזבח, צוריק ווי געווען, און זיי האָבען אָנגעצונדען די „מנורה", די ליכ־טעלעך, די „נשמה'לעך פון די קליינע קינדערלעך, און נאָר מיט זייער זיגעל „בחותמו של כהן גדול" איז דאָס געוואָרען אַלעס.

אַלזאָ, איז איצט די צייט צו ריידען וועגען „חנוך", זייט וויסען אַלע, אַז דאָ אין אַמעריקאַ האָט אַנטיוכוס עפּיפאַנוס ניט אריינגע־דרונגען. זייט וויסען, אַז דאָ זיינען מיר אַליין „חס ושלום" אַנטיו־כוס'עס קאָמפּאַני, מיר אַליין זיינען „מטמא" דעם איל, מיר אַליין פאַרלעשען די ליכטעלאַך די נשמה'לאַך פון אונזערע קינדער. מיר אַליין זיינען די יעניגע, וואָס זיינען „מטמא" די קינדערלאַך, אַנ־דערע נאָך פון געבורט אָן, זיינען שוין די קינדער פאַרדאָרבענע. ערשטענס צוליב די „טהרת המשפחה" וואָס ער איז זעהר פאַר־שוועכט ביי די יונגע פאַרלאַך... כידוע... פיעלע פון זיי זיינען געבוירען מיט פאַרשטאָפּטע הערצעלעך ווייל די עלטערען היטען ניט קיין „כשר וטריפה", פיעלע פון אונזערע יונגע פאָר פאָלק זיינען אַזוי פיעל ווייט פון אידישקייט, אַז זיי זיינען ניט אָפּגע־היט פון קיין זאַך... וואָס געהער צום אידענטום, נאָר וואָס פאַר אַ קינדער ווערען געבוירען.

יעצט, דער פרומערער קלאַס, וואָס די קינדער זיינען געבוירען נאָך מיט אַ אידישען גייסט, ווערט ער נאָכהער ניט אָפּגעהיט אין קיין זאַך, און גאָר שפּעטער, ווען דער קינד דאַרף לערנען וואָס טוען זיי? איך מוז אייך זאָגען דעם אמת... שוידערליך, שרעקליך צו רעדען דערפון. אַז די פרומע מאַמע, דער פרומער טאַטע געהט שבת אין שוהל און אָפּטמאָהל בייטאָג הערען דעם רב'ס דרשה, און די קינדער לאָזען זיי איבער אַרומלויפען אין סטריט און מאַ־כען פייער אין סטריט, אָדער די מאַמע אַליין, אויך דער טאַטע אַליין לערענט זיי מחלל שבת צו זיין. אין פיעלע פעלע, אַז זיי דאַר־פען עפּעס טראָגען צום שוהל נעהמען זיי מיט אַ קינד ער זאָל עס

צוטראָגן וואָס ווערט ביי זיי איינגעוואָרצעלט, אַז דער טאַטע און מאַמע טאָר ניט מחלל שבת זיין. אָבער זיי מעגן יאָ. — ברידער, עס איז שלעכט, וואָס שלעכט קען הייסן.

נאָר אַ פראַגע פרעג איך. וואו זיינען די איצטיגע „חשמונאים“? וואו זיינען די יעצטיגע „כהנים גדולים?“ דאָס הייסט, וואו זיינען אונזערע „רבנים?“ וואו זיינען אונזערע „דרשנים?“ וואו זיינען אונזערע „מטיפים“. זעהט איהר דען ניט, אַז די מנורה איז שוין באַלד אויסגעלאָשען. זעהט איהר דען ניט וואָס פאַר אַ דור עס קומט, אָדער נאָך בעסער, דער „דור“ וואָס איז שוין... וואָס שווייגען זיי וואָס העלפּט די קאָנווענשאָנס, וואָס העלפט וואָס יעדע שוהל האָט אַ רב וואָס דאַרפען אַמעריקאַנער שוהלען „רבנים?“ די פיעל „שאלות“ וואָס זיי פרעגען. זיי פרעגען איין שאלה און אַ ריכטיגע — אויף וואָס דאַרף מען דעם רב? און טאָקע אַזוי (אַז אַך און וועה איז צו מיר און צו די אין מיין גלייבען, אַז איך אַליין דאַרף „מסכים“ זיין צו די איצטיגע „חברותא“ וואָס זיי פרעגען וואָס דאַרף מען אַ רב... און איך פרעג אייך, ווייל, ווייל איך וויל ניט מעהר שרייבען...) אין וויפיעל שטעטלאַך איז דאָ גרויסע „מחלוקת“ וועגען אַ שוחט. איין רב האָט איהם פאַר־באָטען צו קוילענען און אַנאַנדער רב האָט איהם מתיר געמאַכט. און די שטעטעל געהט אויף רעדלעך אין דער צייט, וואָס די קינ־דער האָבען אפילו ניט איין חדר אַ ריכטיגען כאָטש זיי אויסצו־לערנען קדיש זאָגען.

זעהט איהר, אויפ׳ן דאָלאַר זיינען די אַמעריקאַנער לייכט. זיי גיבען, אַז עס קומט אַ „משולח“ פון אַ „ישיבה“, אָבער נאָר ניט פאַר אַן אייגענער „תלמוד תורה“, דאָס ווילען זיי ניט, אָדער דינ־גען אַ גוטען „מלמד“ פאַר זיין קינד. אַ משולח גיט ער, נאָר ניט פאַר זיין קינד. ער וועט אייך אָנצינדען אַלע „מנורות“ פון אויס־לאַנד און נאָר ניט זיינע... הלואי וואָלטען זיי געבען פאַר ישיבות ווייטער און ווייטער, ווידער און ווידער, אָבער אויב ער גיט פאַר פרעמדע איין דאָלאַר — דאַרף ער געווים געבען הונדערט מאָהל אַזויפיעל פאַר זיינע...

„נר חנוכה“ אָנצוצינדען די ליכטעלע פון „חנוכה“ „לאחרים“

פאַר אַנדערע און ער האָט אויך אייגענע קינדער צו געבען אין חדר. „ונר ביתו" און ער דאַרף אַנצינדען, באַלייכטען מיט „תורה" און מצות ביי זיך אין הויז. וועלכע דאַרף ער פריהער? זאָגען אונז די חז"ל, אַז „נר ביתו, קודם". בעפאָר, „צדיק'על", מוזטו אַנצינדען דיין אייגענע ליכטעלע... אויב דו האָסט אַ פאָר דאָלאַר אין פאַקעט און אַז דו וועסט אַוועקגעבען דעם „משולח" וועסטו ניט האָבען וואָס צו געבען רבי'ן פאַר דיין קינד דאַן איז „ביתך קודם", גיב איהם ניט אַ פעני, יענעם פרעמדען, או זדיין קינד איז פריהער. געוויס מוז מען געבען, לאחרים אויך, נאָך דעם איין שטיקעל גליק, וואָס עס איז נאָך אין אויסלאַנד. דאָ וואו עס איז אַ „מנורה", וואָס ברענט נאָך „בחותמו של כהן גדול" פון אַ גרויסען גאון און צדיק... געוויס מוסטו זעהן די מנורה זאָל ניט חס ושלום פאַרלאָשען ווערען — אָבער דיינע איז פריהער...

משלים, ציצים ופרחים

עז.

די פעלדער גערא͏ָטען

אויף ימים נוראים איז די מא͏ָדע געווען אין רוסלאנד, אז די ישוב׳ניקעס (פארמערס) פלעגען קומען מיט זייערע פאמיליען אין שטא͏ָט אריין צום דאווענען. אין א͏ָ שטא͏ָט איז אימער געקומען צוויי ישוב׳ניקעס פון דער רייכערער קלאס. איין מא͏ָהל, אז זיי ביידע זיינען געקומען איז איינער געוועזען זעהר טרויעריג. א גאנץ יא͏ָהר הא͏ָבען זיי זיך ניט געזעהן, ווייל זיי זיינען וויים איינער פון דעם אנדערען, זיי הא͏ָבען זיך נא͏ָר געקענט פון דעם צוזאמענטרעפען זיך ראש השנה און יום כפור.

ווארום זענט איהר אזוי צוטראגען, מיין ליבער פריינד, וואס איז אייך געשעהן, די פעלדער זיינען ניט געראטען? יא, די פעלדער זיינען נא͏ָר געראטען, זייער גוט, הא͏ָט ער געענטפערט. אויב אזוי, וואס טרויערט איהר, וואס איז געשעהן, אין הויז עפעס שלעכטעס איז ווער קראנק?

מיין ליבער פריינד די פעלדער זיינען געראטען ביי מיר צו פיעל אין דעם יא͏ָהר, איז געשטא͏ָרבען מיין פרוי — דריי קינדער. געראטען דער פעלד ביי מיר, ניט פאר אייך גערא͏ָכט... נא͏ָר די הויז איז א פוסטע געבליבען...

אמא͏ָהל, פארצייטען, ווען מיר זיינען געווען אויף יענער זייט ים, איז ביי אונז די פעלדער ניט אזוי געראטען געווארען. דאס הייסט אונזערע ביזנעס, אונזער מאכען א לעבען איז געוועזען ניט אזוי גלענצענד. א͏ָבער אונזערע הייזער זיינען געוועזען פולע. ווען מיר זיינען אריינגעקומען פרייטא͏ָג צו נאכט פון שוהל, איז הויז, און מיר הא͏ָבען געזא͏ָגט גוט שבת, איז די אידענע נעגאנגען אנטקעגען מיט א ברייטען גוט שבת, גוט יא͏ָהר. די טעכטער, די זיהן, מיט א גוט יא͏ָהר אויף אונז. א רוהיגען הייליגען שבת, א פולע

הויז, געזעצט זיך ביים טיש מאכען קידוש אלע צוזאמען, די זמירות... אי, די זמירת — א מין פארגעניגען. אין מיטען עסען פארהערען דעם קליינעם אינגעלע, די פרשה פון דער וואך...

היינט ,אז דער בעל הבית קומט פון שוהל (אויב ער געהט אין שוהל?) ער זאגט זיין אידענע גוט שבת. עפעס שנופעלט זי מיט'ן נאז א שטילען גוט יאהר. פרעגט ער וואו איז קיידי? וואו איז דזשעקי, וואו איז מייק, וואו איז בעסי? ענטפערט זי מיט א ביי־סעל טרערען, דו וויסט ניט? וואס פרעגסטו, וואס ווילסטו?

יא) פריינד דארט איז ניט געראטען געוועזען די פעלדער, אבער פולע הייזער — דא איז געראטען די פעלדער, ביז גוט... אבער עס איז געבליבען פוסטע הייזער — (מען קען פארברייטערען דעם געדאנק אין מוסר השכל).

עח.

א שאלה פון אן אפיקורוס

אן אפיקורס (צו א רב לאכענדיג) רבי! ווען א הוהן שלינגט איין פוטער און מען קוילעט איהר בעפאר זי האט פארדייעט, מעג מען עסען די הוהן מיט די פוטער? אויב יא איז מיר א פראגע פאר וואס זאל מען ניט טארען עסען א הוהן מיט פוטער, ווען זי פארשלינגט ניט די פוטער?

רבי: — דו ווייסט דאך וואס א חזיר עסט, פונדעסטוועגען עסט דו זיין פלייש... נעם איצט א שטיק רינדערנע פלייש און באשמיר מיט דאס וואס א חזיר עסט, וועסטו ניט ווען עסען, הא?

עט.

דעם ארעמאנס טריפלעך

אן אראמען פון א קליינע שטעטעל איז דורך א סיבה געווען ביי דעם גביר פון שטעדטעל, הערט ער ווי די גביר'טע זאגט צו איהר דינסט: היינט וועטשערע זאלסטו קאכען טריפקניידלאך. וועסט נעמען א פונט מעהל, און זעקס אייער, און זאלץ און אבי־

סעלע פעפער, א שטיקעלע פוטער און צוויי קווארט מילך און מאַ־
כען טריפקניידלאך.

איז דער אָרימאַן געקומען אהיים און האָט געזאָגט זיין ווייב: מאַך מיר טריפקניידלאך אויף וועטשערע. דאָס איז די וועטשערע וועלכע ווערט היינט געקאַכט ביי דעם גביר. זי איז געגאַנגען זו־כען מעהל, נישטאָ פאַר אַ רפואה אפילו. זאָגט זי איהם עס איז ניטאָ קיין מעהל... זאָג ער, נו לאָז זיין אָהן מעהל. זי האָט אָבער אויפגעזוכט דעם זעקעלע פון מעהל און אויסגעשאָקעלט, אָפגע־קראַצט דעם וואַלגערהאָלץ, און אָפגעשאָבען דעם לאָקשען ברעט, און אויסגעקראַצט דעם מולטער מיט שטיקער האָלץ — צוזאַמענ־געקראַצט אַ ביסעלע שמוציגע מעהל. זאָגט זי צו איהם: עס איז ניטאָ קיין אייער — נו, זאָגט ער, זאָל זיין אָהן אייער. איך האָב קיין זאַלץ — זאָל זיין אָהן זאַלץ. איך האָב קיין פעפער — זאָל זיין אָהן פעפער. מאַך טריפלעך... זי האָט געמאַכט טריפלאַך — און מיר קענען פאַרשטעהן וואָס פאַר אַ געשמאַק עס איז אין די טריפ־לאַך געווען, אַז ער האָט זיך צוגעכאַפּט צו די טריפלאַך, וועלכע עס איז אָהן אייער, אָהן מילך, אָהן פעפער און אָהן זאַלץ — דעם ערשטען זופ געטאָן. עס איז איהם געוואָרען ניט גוט... אָבער ניט גוט. רופט ער זיך אָפּ — אַ בראָך צו די גבירים. וואָס פאַר אַ מאַכלים זיי עסען. (עס ווערט צוגעפּאַסט צו פיעלע ענינים דער שעהנער משל).

פּ.

דעם לעצטען ביסען פון מויל

יונגאַטשעם האָבען דעם מלבי"ם אַריינגעשיקט פורים אַ צוקער־חזיר'ל אַ מתנה — דער מלבי"ם האָט זיי אָפּגעשיקט אַ לעטער „בזה הלשון": איך דאַנק אייך מיינע טייערע, איצט זעה איך, אַז איהר גלייבט מיר און איהר ליבט מיר זעהר, אַז איהר גיט אָפּ פאַר מיר אַפילו אייער ביסען פון מויל.

די בימה

גאנצע רעדעס אויף יעדען שבת

פון יעדער פרשה, פונקט ווי עס איז גערעדט
געוואָרען פון דעם מחבר אליין, מאמרים,
משלים, אפילו די „שיחת חולין".

יעדער ספר — אַ רעדע

נאָך דעם דרוש קומען משלים, ציצים ופרחים

פון דעם מחבר הרב הדרשן והמטיף המפורסם

יהודה ליב לאַזעראָוו

מחבר פון דברי יהודה, דגל יהודה, קול יהודה,
מטה יהודה, בית יהודה, אידישען רעדנער, ועוד.

חוברת י"א

RABBI L. LAZEROW

1541—78th Street, Brooklyn, N. Y.

ניו-יורק — תרפ"ד

לעוואַנט פּרעס
479
138 2-טע סט., נ. י.

פרשה ויגש

„יעקב קרא קריאת של שחרית
רבי עקיבא קרא קריאת שמע של ערבות" (מדרש)

„יעקב אבינו", ווען ער האט זיך געזעהען מיט זיין ליבען זוהן יוסף האט ער „קריאת שמע" געלייענט. זאגט דער מדרש (איך האט ניט געזעהן דעם מדרש, איך האב געזוכט און ניט געפונען, אבער אין א ספר, וועלכען איך געדענק ניט דעם נאמען, האב איך עס אמאל געזעהן) וואס פאר א „קריאת שמע" איז דאס געווען. דאס איז געווען „קריאת שמע של שחרית" אין דער פריהערדיגע „קריאת שמע". „רבי עקיבא" האט געלייענט „קריאת שמע" פון אבענדס, „מעריב קריאת שמע". פו זוואנען האבען זיי עס געוואוסט. קיין נביאים זיינען זיי ניט געווען, ווי ר' חנינא בן דוסא האט געזאגט „לא נביא אני ולא בן נביא אני" (ברכות ל"ד) און וואס איז אונז די נפקא מינא אזוי אדער אזוי?

זימנא חדא הוה קא אזלינן במדברא וחזינן הנהו אווזי דשמטי גדפייהו משומנהייהו, וקא נגדי נחלי דמשחא מתותיהו, אמינא להו אית לי בגוייכו חולקא לעלמא דאתי חדא דלי גדפא וחדא דלי אטמא כי אתאי לקמית דר"א אמר עתידין ישראל ליתן עליהם את הדין. (בבא בתרא ע"ד)

רבה בר בר חנא דערצעהלט, דאס אמאל בין איך געגאנגען אין דער מדבר, האב איך געזעהן די גענז, וועלכע זייערע פעדערען איז ארויסגעפאלען פון זיי זעהר פיעל פעטס, און עס האט זיך געצוויגען א לייק איל, פעטס, אונטער זיי, האב איך געזאגט צו זיי האב איך אויך א חלק מיט אייך צו די קומענדע וועלט? איינע האט אויפגעהויבען א פליגעל און איינע האט אויפגעהויבען א פיסעל. אז איך בין געקומען ביי ר"א, האט ער געזאגט, אידען וועלען אפגעבען איבער זיי דין און חשבון.

אויף דעם מאמור און אויף די אַלע רבה בב"ח דאַרף מען קיין קשיות פרעגען, ווייל מען זעהט דאָך, אַז עס קען ניט זיין אַזאַ געשיכטע. עס איז נאָר אַ פאַרשטעלונג פון אַ געדאַנקען און יעדער איינער קען אַנהענגען אויף דעם, נאָך זיין פאַרשטאַנד, נאָר אויב עס איז על פי „התורה והמצוה" — איך רוף עס אַנהענגען — אויף דעם געדאַנק ווי איך זאָג אַ ביאור אויף דעם פסוק אין (קהלת י"ב) „דברי חכמים כדרבנות וכמסמרות נטועים" די רייד פון די „חכמים" איז ווי די העלצער וואָס זיינען געמאַכט אויף צו פיהרען די אָקסען אין ליין . . . גלייך נאָך דעם בייטש, און די צוועקעס אריינגעקלאַפּטע אין וואַנט. וואָס עפּעס האָט דער „חכם מכל אדם" צוגעגליכען די רייד פון חכמים צו נעגעל אָדער ווי מען רופט עס אין ליטע, צוועקעס.

איך האָב אַמאָל געדאַרפט אריינגעהן צו אַ גביר. איך האָב זיך געמאָלדען. מען האָט מיר געהייסען וואַרטען אין דעם ווייטינג רום, דאָרט איז אויף דער וואַנט געווען אַ האַלץ אַנגעקלאַפּט און מיט נעגעל גרויסע אין דעם האַלץ אריינגעקלאַפּט, מען זאָל קענען אויפהענגען דעם מאַנטעל און העט און שטעקען. ווער עס איז אריינגעקומען האָט אויסגעטאָן זיין העט און אויפגעהאַנגען. אַנדערע, די אויבעררעק אויך, אין כלל האָט דאָרט געהאַנגען טייערע פוטערס, טייערע מאַנטלען און גוטע פאַרשידענע העטס. אין דרויסען איז געוואָרען שלעכט דער וועטער. אַ שטורעם מיט אַ שנעע איז אַרוים און עס איז אַריי זאַ פראַסטער פויער מיט זיין גראָבען מאַנטעל, דער וועלכער איז דורכגעווייקט מיט רעגען און אַ שנעע איז אַרוים און עס איז אַריין אַ פראַסטער פויער מיט זיין צען. עס האָט אַנגעפאַנגען זיך גיסען וואַסער אויף דעם פלאָר, און עס איז פאַרשמוצט געוואָרען די טייערע גוטע קליידער.

כך אַזוי, רבותי, די רייד פון די „חכמים" איז נאַטור אויך דיזעלבע. פונקט ווי אין דעם זאַל, וואו די צוועקעס איז אריינגעקלאַפּט אויף צו הענגען די בגדים. די „מחברים" און „דרשנים", וואָס זיי ווילען אריין אין זאַל, זעהען די גרויסע, די „מלאכי אלקים", די רייד זייערע, און וואו עס איז שווער אריינצוגעהן, עס פאַרשטעהט זיך ניט אַזוי גוט, הענגט מען אויף אויף דעם

מאמר, וואָס ער ווערט גערופען „דברי חכמים" „כדרבונות וכמסמרות נטועים" מליצה, אום צו פארשטעהן, איינער הענגט אויף מוסר, חכמה, גוטע טייערע מלבושים ארומגעקליידעט דעם מאמר — און אַנדערע שלעפּערס „מטיפים", „אפיקורסים" הענגען אַז שמוץ. אַ כלל דברי חכמים כדרבונות וכמסמרות נטועים.

איך האָב אויפצוהענגען אויף דעם מאמר אויך, ווי אומעטום אַזאַ „מלביש" חס ושלום ניט קיין שמוציגען, נאָר „על פי התורה והחכמה והמוסר" — פריינדע, זייט וויסען, אַז אין דעם פּלאַץ וואו מען האָט אַראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם „עול התורה", אויך דעם „עול המצוה", דער פּלאַץ ווערט גערופען אין די מוסר ספרים פון אַ כלל, אפילו פון אַ פרט, אַז זיי זיינען הפקר יונגען. און הפקר איז דער מדבר ווי דער נביא האָט זיך אויסגעדריקט, וואָס איז די „פעולה" פון מיין מוסר זאָגען זיי, אַז עס איז „בקול קורא" במדבר, ווי אַ שטימע רופט צו הילף אין דער מדבר, ווען ער איז דאָרט פאַרבלאָנדזשעט. ווער וועט איהם ענטפערען. עס קען נאָך ערגער מאַכען מיט זיין שרייען, עס קען קומען אַ „חיה רעה" נאָך זיינע קולות נאָך און איהם שלעכטעס טאָן. אַזוי איז מיט אונז „דרשנים" אין דער מדבר אין אַמעריקאַ, אין דער הפקר וועלט, אין דער וועל־טעלע, וואו מען האָט אַראָפּגעוואָרפען פון זיך אַלעס וואָס איד־דיש, אַלעס וואָס די תורה האָט פאַרזאָגט, אַלעס וואָס אונזערע „חכמים" האָבען אונז פאַרבאָטען, אין דער „מדבר" אין די שוה־לען, וואו מען האַלט כלומרשט אַ דרשן, אָבער ער טאָר ניט זאָגען דעם „אמת", ווען ער זאָגט יאָ — קומט צו איהם אַ „חיה" „בדמות אדם", דאָס איז דער פּרעזידענט אַפּטמאָהל און ער זאָגט צו אַ פּאָר טראָסטים: טראָגט איהם אריין דעם „טלית" אין הויז... הכלל, דאָס הייסט „מדבר" — און דאָס מיינט רבבב"ח „זימנא חדא" איין מאָהל — „הוה קא אזלינן" זיינען מיר געגאַנגען „במדברא" אין דער „מדבר", אָט אין אַזאַ „מדבר" ווי איך האָב אייך פאַרגעשטעלט.

די גמרא זאָגט אין („ברכות" דף נ"ז) „הרואה אווז בחלום יצפה לחכמה", אַז מען זעהט אַ גאַנז אין „חלום" זאָל ער האָפען אויף „חכמה". איך גיב אַ קורצען באַגריף אויף דעם מאמר וואָס

עפּעס אַ גאַנז אין חלום וועט ער קלוג ווערען? כאָטש וואָס די „גמרא" ברענגט אַ פּסוק דערויף... קען מען אַזוי זאָגען: די פּען איז גורם צו חכמה, ווען ניט די שרייבער פון וואַנען וואָלטען מיר געוואוסט אַלעס וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. אונזער „תורה" אַפילו וואָלטען מיר אויך ניט געהאַט, דאָס איז באַוואוסט און מען דאַרף ניט פאַרברייטערען. אַמאָל איז נאָך געווען די פּען געמאַכט פון אַ גענזענעם פעדער. מיר גערענקען נאָך, אַזוי ווי אַ סופר שרייבט נאָך איצט אַ ספר תורה מיט אַ גענזענעם פע־דער... דאַרום זאָגט די גמרא, אַז מען זעהט אין „חלום" אַ גאַנז, די גאַנז, וואָס מיט איהרע פעדערען שרייבט מען, דער זאָל האָ־פען אויף „חכמה", געוויס שרייבט ער אימער און האַלט די פעדער אין האַנט, טראַכט עס פון די גאַנז, וואָס אַ „מתנה טובה" די גאַנז איז... אַלזאָ, ווייסען מיר, אַז די גאַנז איז אַן אָנוואונק אויף „חכמה" — געוועהנליך איז מיט דער פעדער געשריבען געוואָרען אַלע אַפּיקורסישע „ספרים" אויך, און פיעלע האָט עס אַראָפּגע־פיהרט פון דרך הישר.

היינטיגע, וואָס געהען אַראָפּ פון גלייכען וועג זיינען אַפילו ניט קיין פיעל באַלעזענע... אָבער דאָך פון אַ ראַדיקאַלען געלען ציישונג, וואָס זיי לעזען מיט זיבען גרייזען דעם וואָרט „נח" — דאָס איז פאַר זיי גענוג... אַלזאָ, אויך פון די פעדער זיינען זיי גאַנצע „חכמים" געוואָרען.

יעצטיגע צייט האָבען מיר שוין נאָך אַ פּראָסטערע נאַראָד, וועלכע זיינען חכמים געוואָרען און לייקענען אין אַלעס, ניט אַפילו צוליעב אַ ראַדיקאַלען ציישונג, אויך ניט, נאָר אונזער „ברוך" לאָ־טוטניק, דער וואָס גאָט ב"ה האָט איהם פאַר אַ „בעל מטופל" גע־מאַכט, איבער אַ פערטעל מיליאָן דאָלאַר, ער איז שוין געוואָרען אַ חכם, אַנגעזעהענער „חכם" כאָטש ער קען גאָר ניט די גענזענע פעדער, ער קען אַפילו זיין נאָמען ניט סיינען...

אַן אָנגעפרעסענער מיט אַ גראָבע בייכעל, וואָס עס דאַכט זיך, אַז עס גיסט זיך פון איהם פעטס, שמאַלץ, ווי טייכען איל פון איהם... פון פעטקייט, פון זויפען און טרינקען, איז איהם אויס־געקראָכען זיין קאָפּ.

און דאָס שטעלט פאַר אונזער געטליכער „רבה בב"ח" אין דעם מדבר. אַ מדבר פון הפקר, אַ מדבר שממה — האָב איך געזעהן „הנהו אווזי" די גענזלאַך. די „חכמים" היינטיגע, די רייכע פּאַס־קודנאַקעס, „דשמטי גדפייהו משומנייהו", עס איז אַרויסגעקראָכען פון זיי די פעדערלאַך, די האָר זייערע, פון קערפּערל זייערען, די קלונע קערפּערל, איז אַרויסגעפאַלען.

און הערט, זאָגט „רבה" ווי שרעקליך עס איז אויף זיי צו קוקען פונקט ווי די „גמרא" דערצעהלט. „פניך דומין אי כמלוי בריבית אי כמגדלי חזירין" (ברכות נ"ה) עקעלהאַפּט, מאָדנע איבעל כאַפּט אַ קוק צו טהאָן אויף די גענזעלאַך, די „חכמים" היינטיגע, די אויפּ־געקומענע אַלרייטניקעס, אַז מען זעהט זיי דוכט זיך, „וקא נגדי נחלי דמישחא מתותייהו" און עס דוכט זיך אַז עס ציהט זיך פון זיי אַ טייך פעטס אונטער זיי, עס גיסט פון זיי שמאַלץ, אַז מעהר ווי פרעסען און זויפען אין קאַנטרי און אַלע פאַרגעניגענס ווייסען זיי ניט... געבען אַ פּעני „צדקה" אויף אידישע „אַרטיקלען", אַזוי ווי פאַר אַ „תלמוד תורה", אַ „ישיבה" אָדער שוהלען און דאָס גלייבען, גלייבען זיי ניט, זיי האַלטען ניט דערפון, זאָגען זיי. פרעגט זיי, וואָס גלייבען זיי, ווייסען זיי אַליין ניט. „תפלין" ניט, דאַווענען ניט. וואַשען זיך צום עסען און בענשען ניט, פון כשרה שפּייז ווייסען זיי ניט, „טהרת המשפחה" געוויס ניט, „שבת" איז אין גאַנצען אָבגערעדט, „יום טוב" דאָס זעלבע, קינדער לערנען אי־דישקייט ניט, אַ מזוזה אויפן טיר אודאי ניט. „ציצית" ווייסען זיי שוין גאָר ניט וואָס דאָס איז. מעהר ווי „מילה" האָבען זיי ניט. „אמינא להו אית לי בגוייכו חולקא לעלמא דאתי", האָב איך זיי געזאָגט, איז עפּעס פאַראַן פון מיינע אַנטיקען, די וועלכע איך האָלט פאַר הייליג, פון מיינע „מצות", פון מיין תורה, עפּעס ביי אייך, איהר זאָלט האָבען עפּעס געטהאָן, אום צו האָבען אַ „חלק" צו די קומענדע וועלט? זעהען זעהט זיך גאָר ניט אויף אייך קור־קענדיג, וואָס מיט אייך איז, עפּעס איז פאַראַן אין אייך אַ מצוהלע?

יעצט וועט איהר הערען דעם אַנטוואָרט פון די „חכמים", אַז מען פרעגט זיי, וואָס מיט זיי טהוט זיך, זיי האָרעווען טאָג און

נאַכט און קיין „צדקה" מיט. אַלעס וואָס איך האָב בעפאָר אויסגע־רעכענט, די גוטע זאַכען, טוען זיי ניט. טאָ וואָס ארבייט איהר? וואָס וועט זיין פון אייך עפּעס אויף דער קומענדער וועלט? ענטפּע־רען זיי: מיר אַרבייטען פאַר אונזערע קינדער. איינער זאָגט, איך האָב 4 זיהן און איך וועל זיי איבערלאָזען אַ פאַרמעגען, זיי זאָלען קענען לעבען אויף דער וועלט אין רייכקייט, און זיי זאָלען האָבען יעדערער אַ גוט שטעהענדע ביזנעס. דער אַנדערער זאָגט, איך האָב עטליכע טעכטער. איך דאַרף פערזאָרגען זיי מיט „נדן" פאַר עדערער צו פינף און צוואַנציג טויזענט דאָלאַר און גוטע איידימס, דאָס הייסט רייכע איידימס צו קריגען פאַר זיי...

יעצט וועל איך ברייננען פאַר אייך אין זשאַרגאָן אַ גאַנצען גרויסען „מאמר" המדרש, מדרש „איכה". עס וועט צופּיעל פאַר־נעמען אַז איך זאָל דעם לשון פון מדרש שטעלען און נאָכהער איבערזעצען. און פון דעם מדרש וועט איהר זעהען, וואָס זיי ענט־פערען די גענזלעך, די „חכמים", די פעטינקע בייכעלעך, מיט די אויסגעקראָכענע קעפּעלעך פון פעטקייט.

(מדרש איכה) איינער פון ירושלים איז געקומען אין אַ מדינה און ער האָט דאָרט אין ביזנעס פאַרווייל א צייט. ער איז קראַנק געוואָרען און עס איז געקומען זיין צייט צושטאַרבען, האָט ער געלאָזט רופען דעם „בעל הבית" און האָט איהם אָבגעגעבען זיין געלט, און זיין גאַנצען פערמעגען, און געזאָגט צו איהם, אַז עס וועט קומען מיין זוהן און ער וועט דיר ווייזען דריי קלוגע זאַכען, זאָלסטו איהם אָבגעבען מיין פערמעגען. און ער איז אָבגעשטאָרבען. ביי זיי, אין יענער שטאָט, איז געווען אַ געהיימער אָבמאַך און שטרענג אָבגעהיט, אַז ווען אַן אורח פרעגט אויף דעם און דעם, זאָל מען איהם ניט ווייזען קיינער יענעמס וואָהנונג. אין אַ קורצע צייט, דער זוהן איז געקומען, און געווים האָט ער ערפאַהרען פון זייער אָפּמאַך. ער איז אָבער אַ קלוגער, האָט ער געזעהן, ווי איי־נער האָט האָלץ צו פאַרקויפען. האָט ער אָבגעקויפט דעם האָלץ און האָט געהייסען פיהרען צו דעם און דעם „בעל הבית" — און אַליין איז ער נאָכגעגאַנגען. אַז ער איז צוגעקומען צו דעם הויז האָט מען פאַר איהם געעפענט די טהיר און זיי האָבען איהם גע־

גענבען „שלום" — אָט איז איין „חכמה". — דער „בעל הבית" האָט געהאַט צוויי זיהן און צוויי טעכטער, אַז עס איז געקומען די צייט פון עסען, האָט מען דערלאַנגט 5 געבראָטענע קאַטשקעס, און זיי האָבען צו איהם געזאָגט, נעם און טהייל פאַר יעדען, אום צו זעהן זיין „חכמה", ווי ער וועט טהאָן, ווייל פינף קאַטשקעס, פאַר זיבען מענשען, דער „בעל הבית", די „בעלת הבית", צוויי זיהן, צוויי טעכטער און ער. האָט ער געטהיילט אַזוי: גענעבען אַ קאַטשקע פאַר דעם „בעל הבית" מיט זיין פרוי... נאָך איין קאַטשקע פאַרביידע זיהן, איין קאַטשקע פאַר ביידע טעכטער, און זיך אַליין האָט ער גענומען צוויי קאַטשקעס. — אָט איז די צווייטע „חכמה". — צום סאַפּער האָט מען געבראַכט אַ געפילטען טשיקען, און זיי האָבען איהם געהייסען טהיילען. האָט ער דער־לאַנגט די קעפּעל צום בעל הבית. די אַלע געדערים צו זיין פרוי. ביידע פיסלעך פאַר ביידע זיהן, ביידע פליגעלעך פאַר ביידע טעכ־טער און די גאַנצע טשיקען גענומען פאַר זיך.—אָט איז די דריטע „חכמה". — יעצט האָט ער זיי געגעבען צו ערקלעהרען די חכמה פון די קאַטשקעס מיט די טשיקען. דעם ערשטען מאָל, פינף קאַטשקעס. דו „בעל הבית" מיט דיין ווייב און מיט אַ קאַטשקע, זייט איהר דריי. צוויי זיהן מיט אַ קאַטשקע, זיינען זיי דריי. צוויי טעכטער מיט אַ קאַטשקע, זיינען זיי דריי, און איך אַליין מיט צוויי קאַטשקעס, זיינען מיר דריי. ביים סאַפּער איין טשיקען. דו ביסט דער קאָפּ פון הויז, האָב איך דיר געגעבען די קאָפּ... דיינע אַלע קינדער קומען ארויס פון דיין פרוי, פון איהרע געדע־רים, דאָרום האָב איך איהר געגעבען די געדערים. די זיהן פון הויז, די הייסען די „עמודים", די זיילען פון הויז, דאָס זיינען די פיס פון הויז, זיי האָב איך געגעבען די פיסעלעך. די פליגעלעך האָב איך געגעבען צו דיינע ביידע טעכטער ווארום אין גיכען ווע־לען זיי אוועקפליהען פון הויז, זיי וועלען „חתונה" האָבען. איך אַליין האָב מיר גענומען דעם גאַנצען גוף פון דער טשיקען, דאָס זעהט אויס ווי אַ שיף, מיט אַ שיף בין איך געקומען, מיט אַ שיף וועל איך אוועק פאָהרען...

איך האָב אייך געגעבען דעם גאַנצען סיפור פון מדרש, כאָטש

איך בעדארף נאר האבען א פאר ווערטער אלס ביישפיעל צו אונ־זער ציעל. אבער עס וועט קומען אי"ה אין די אנדערע דרשות א ביאור אויף דעם גאנצען מדרש, דארום האב איך יעצט ניט גע־זשאלעוועט און פארנומען אזוי פיעל פלאץ, אום דאן וועט איהר מעהר פערשטעהן.

דאס וואס מיר דארפען האבען איז נאר אייך צו ווייזען, ווי דער „מדרש" איז „מכנה" די זיהן צו די פיס, די „עמודים" פון הויז, און די טעכטער צו די „פליגעלעד", זיי פליהען אוועק צו זייערע מענער.

זאגט רבה בר רב חנה אז איך האב געפרעגט ביי די גענזעלעד, די „חכמים", די גראבינקע, אבגעפאשעטע, וואס איז מיט אייך? פאר וועמען הארעוועט איהר? וואס וועט זיין אייער תכלית? האבען זיי מיר געענטפערט, אז די גענזעלאך, די „מדבר" גענז, די „הפקר" ברואים, האט איינער מיר געוויזען פאר וועמען ער ארבייט, „חדא דלא גדפא", איינער האט אויפגעהויבען א פליגעלע, דאס הייסט, איך האב טעכטער, און איך וויל זיי פער־זארגען מיט רייכקייט, צו קריגען פאר זיי רייכע מענער, און איך וועל מיטגעבען יעדע א גוטען פערמעגען. „וחדא דלא לי אטמא", און איינער האט אויפגעהויבען א פיסעל, דאס ווייזט, ער האט זיהן, וויל ער זיי איבערלאזען א „ירושה" א שעהנע, אבער ער לאזט ניט איבער זיינע קינדער קיין אידישע „ירושה", די גייסטיגע „ירושה", וועלכע איז געווען ביז יעצט פון דור צו דור, איבערגע־געבען איינער צום צווייטען פון „אברהם אבינו" אן, ביז יעצט, און וואס איז געווען די ריכטיגע „ירושה" פון אונזערע עלטע־רען צו די קינדער? א „ירושה" פון גייסט, א „ירושה" פון תורה און מצות, א „ירושה" פון נשמה. זאלען מיר יעצט בעטראכטען, וועלכע „ירושה" איז א בעסערע, די „ירושה" וועלכע אונזערע על־טערען האבען אונז געגעבען, אדער די „ירושה" די יעצטיגע? אום צו ערקלעהרען א ביסעל לעבעדיגער און פון שכל שטאנדפונקט, וועל איך אייך איבערגעבען א זעלטענעם מוסר, אין דעם פארעם פון א „משל" נפלא, דעם משל האב איך גענומען פון „תולדות נח", נאר איך פערגרעסער און פערבעסער איהם.

ניט ווייט פון ווילנא, פאהרענדיג צו קאוונע, איז געווען א גרויסער וואלד. ער האט געהאלטען דריי רוסישע מייל אין קוואד־ראט, און אלע זייטען צו דריי מייל. דער וואלד האט געהערט צו צוויי פארטנערס (שותפים) „ראובן און שמעון", פון אלע שטעטלעך ארום און ארום פלעגען פרויען צוזאמענקומען קלייבען יאגדעס אין דעם וואלד, ביי הונדערט יעדען טאג, א גאנצען זומער.

איינמאל זאגט „ראובן" צו „שמעון", הער זיך איין מיין ליבער פארטנער, מיר טוהען ניט גוט, מיט דעם, וואס אונזער וואלד איז אין גאנצען „הפקר" פאר די פרויען, ווען מען זאל אפילו מאכען צו צעהן קאפעקעס פון א פרוי פאר דעם אריינגאנג אין וואלד, וואלטען מיר א טויזענט טאלער געמאכט דערפון. ווארום זאל עס זיין פריי.

זאגט „שמעון" צו „ראובן", נו, וואס קאנסטו טהאן, אז זיי וועלען ניט נעהמען קיין טיקעטס, וועלען זיי ניט אריינקומען אין דער זייט, וועלען זיי איין אן אנדער זייט אריינקומען און קלייבען. עס איז דאך אזא גרויסער וואלד, וועלכען דו קענסט ניט שטעלען היטער צו היטען מען זאל ניט אריינקומען.

איך האב א פלאן, זאגט ראובן, איך וועל זיי אריינלאזען נאר פארנאכט, ווען די פרויען געהען ארויס פון וואלד, איז דאך די צייט ווען אונזערע ארבייטער געהען ארויס פון וואלד אהיים צו געהן, וועלען מיר די ארבייטער געבען אויף שנאפס און זיי זאלען בעוואכען דעם וואלד, און יעדער פרוי וועלכע וועט ארויסגעהן צו געהן אהיים, זאלען די ארבייטער פון זיי צונעמען אלעס וואס זיי האבען אנגעקליבען. איינמאל און צוויי מאל, וועלען זיי שוין דעם דריטען מאהל נעמען טיקעטס אריינצוגעהן. און איך הייב דאס אן מארגען.

די פרויען האבען דאך גאר ניט געוואוסט, און זיי זיינען געקומען, ווי אלע מאהל, קלייבען, איבער הונדערט, האבען זיי זיך אריינגעלאזען אין וואלד. צוועלף אזייגער איז זייער מאדע גע־ווען, אז זיי קומען זיך צוזאמען אלע אויף איין פלאץ צו עסען עפעס. אלע באסקעטלעך זיינען האלב פול, איינע האט אנגעקלי־בען פינף טעפ, איינע זעקס, נאך אנדערע דאס גלייכען, אנדערע

נאָך מעהר. און אַזוי ווייטער. נאָר איינע אַ וויכנע דוואָשע, האָט אין גאַנצען אין איהר באַסקעטעל יאַגדעס, אַ גלאָז אָדער עטוואָס מעהר. האָבען זיי אַלע געמאַכט אַ גרויסען געלעכטער פון מיסעס וויכנע דוואָשע. געהן אַזוי וויים, פון שטאָט צום וואַלד און גאָר ניט אָנקלייבען, דאָס איז אַ מאָדנע פוילקייט. אַלע האָבען געלאַכט און מען האָט איהר גערופען „שלים־מזלניצע". זי איז פערשעהמט געוואָרען און גאָר ניט געענטפערט.

פאַרנאַכט, זיי האָבען זיך צוזאַמענגעשריען, און האָבען אַ קוק געטהאָן יעדע איינע אין די אַנדערעס באַסקעטס, און זיי זעהען, אַז אַנדערע האָבען צו אַכט און ניין טעפּ, און נאָך מעהר, און אונזער וויכנע דוואָשע האָט דריי גלאָז, און דאָס אַלעס, מעהר ניט. יעצט האָט מען געלאַכט פון איהר, אויף וואָס די וועלט שטעהט. אָה, דו נאַרישע אידענע, געהן און ברעכען די פיס אַזוי וויים, און גאָר ניט קלייבען, וואָס לוינט זיך די גאַנצע מיהע. אונזער וויכנע דוואָשע איז טאַקע יעצט רויט געוואָרען פאַר שאַנדע, זי האָט אָבער זיי אַנגעקוקט אַזוי מילד, ניט ווי מען דאַרף אָנ־קוקען איינעם וואָס לאַכט אָב פון יענעם.

זיי זיינען נאָר ארויס פון וואַלד, זיינען זיי בעפאַלען געוואָרען פון די קאַצאַפּעס, די ארבייטער פון וואַלד, און זיי האָבען צוגע־נומען פון ציפּען די זיעבען טעפּ, פון גריגען די אַכט טעפּ, פון יוכבד די צעהן טעפּ, און אויך פון אונזער בעקענטע וויכנע דוואָשען די דריי גלאָז...

מען איז אָבגעגאַנגען אַ פּופציג טריט, ווייטער פון וואַלד, נאָך דער שרעקליכער פּאַסירונג, אויף וועלכען זיי האָבען גאָר ניט געקלערט, אַז עס זאָל זיך זיי טרעפען, זאָגט צו זיי, מיט אַ הויי־כער שטימע, וויכנע דוואָשע, אַ גאַנצען טאָג האָט איהר געלאַכט, געלאַכט און געשפּאָט טאַקע פון מיר, וואָס איך האָב געקליבען אַזוי ווייניג, און טאַקע ווייניג אַנטקעגען אייערע, אָבער יעצט, אַז איך וועל צו אייך אָביסעל ריידען, דאַרפט איהר אַלע פאַרדעקען אייערע פּייסעס פאַר „חרפּה", אין באַסקעט קריכט ניט אריין אַזוי שנעל, און אַזוי גרינג די יאַגדעס, מען דאַרף גוט האָרעווען, געגוג זיך בויגען ביז מען קלייבט אָן אַכט אָדער ניין טעפּ. דאָס איז ניט

קיין קליינינקייט, פול מאכן א קערבעל פון אכט טעפ, פון איינציגע יאגדעס. נו, איך האב יעצט ניט צו זארגען. איך דארף ניט האבען קיין „יסורים". א שפאס! וואס האט מען צוגענומען פון מיר. אין גאנצען דריי גלאז, ווי פיעל איז דאס ווערט, אין גאנצען א צעהן קאפיקעס, ניט געפעהרליך, אבער וויפיעל דארפט איהר יעצט פערדרוס האבען, אז אזא גרויסע ווערדע יעדערע פון א פאר טאלער, האט אנגעווארען און אייער געהן, און מאטערניש ביי דעם קלייבען. דאס איז גאר ניט?... הא, וואס זאגט איהר איצט? איהר האט געלאכט פון מיר, אבער דאך בין איך יעצט צופריעדע־נער ווי איהר... איהר געהט אהיים מיט גאר ניט און טאקע איך אויך.

אבער הערט מיר אויס, וועט איהר דארפען די פאפלעקציע קריגען, ווען איך וועל יעצט לאכען באלד פון אייך. איך האב זיך באזונען קלייבענדיג די יאגדעס, פיליכט איז דאס ניט קיין „הפקר" וואלד, טאמער נעמט מען צו פון מיר אלע, וואס איך האב אנגע־גליבען. א „קשיא" אויף א „מעשה", מאלע וואס עס קען פאסירען, און טאקע אזוי טראכטענדיג, האב איך אזוי געטהאן, ווען איך האב אנגעקליבען א טאפ, האב איך אריינגעשאטען אין דער טארבע, וועלכע איהר זעהט, קוקט זיך גוט צו, אט די טארבע אין דער רעכטער זייט, נאך צוויי טעפ, אין דער טארבע אין דער לינקער זייט דריי טעפ, אט האט איהר אונטער דער פאטשיילע (טוך) איהר זעהט, אייער „שלים־מזלניצע" וויכנע דוואשע... און פאר זיי אין די אויגען האט זי אנגעשאטען א פולען באסקעט מיט יאגדעס. נו, וואס זאגט איהר יעצט, צו אייער וויכנע דוואשען... פון ווען איז יעצט מעהר צו לאכען, פון מיר צי פון אייך?

דער לאנגער שעהנער משל איז אזוי, טייערע פריינדע, די וועלט איז געגליכען צו א וועלדעלע... א גרויסער וואלד, און די נשמה איז אראבגעשיקט געווארען אהער, אין דעם וואלד, צו קליי־בען יאגדעס... דאס הייסט, מצות און מעשים טובים. איינער קלייבט אבער בעסער געלט, פראפערטים און נאך אזעלכע זאכען, איינער קלייבט געלט, אין באנק האלט ער עס. אבער אז מען דארף ארויסגעהן פון דעם וואלד, פון דער וועלט, קומט אזא מין

קאַצאַפּ, וועלכער איז פול מיט אויגען, און ער נעמט צו פון דעם די איין פּראָפּערטי אין פון דעם צווייטען די צוויי, און „אפילו“ אויב ער האָט צעהן פּראָפּערטים ווערט אַלעם צוגענומען, און איהם בלייבט מעהר ניט ווי די „תכריכים“, יאָ, עס איז אויך פאַראַן אַזעלכע שלים־מזלניקעס, געפעהרליכע — וועלכע קלייבען ווייניג אָן, געוועהנליך האָבען זיי גאָר קיין „צורה“ ניט ביי די יעניגע וואָס קלייבען. „אפילו“ ביי די אייגענע ווייבעל זיינע, הייסט ער „שלומיאל“, און אַלע מאַכען פון איהם חוזק — קיינער האַלט ניט פון איהם, קיין כבוד האָט ער געוויס ניט.

עס קען אָבער זיין, אַז דער „שלומיאל“ האָט זיך אימער גע־טראַכט, אַז די וועלטעלע איז ניט קיין „הפקר“ וועלט, די וואַלד איז טאַקע צו קלייבען, אָבער ער האָט אָראָבגעשאָטען אַ סך, אַ סך אויף „צדקה“ — אויף „תלמוד תורה“ פאַר זיינע אייגענע קינדער, פאַר נאָך אַזעלכע זאַכען, וואָס דער „מלאך המות“ קען ניט פון איהם צונעהמען. גליקליך איז ער, גליקליך איז זיין נשמה. אונגליקליך איז דער יענער געגנזעלע, דער „חכם“, דער גראָבער יונג, די פּוסטע „כלי“, ער אַרבייט פאַר זיינע מיידלעך... ער אַר־בייט פאַר זיינע זיהן, וואָס וועט זיין, אַז ער וועט דאַרפען אַרויס־געהן פון דעם וואַלד, די וועלטעלע, אַלעס וועט בלייבען גאָר ניט, פון זיין פערמעגען. וואָס האָט ער? זיינע אייגענע קינדער וועלען לאַכען פון איהם, אין דער צייט וואָס ער וועט שוין ליגען אין קבר... וועלען זיי זאָגען צווישען זיך. אָה, ווי נאַריש אונזער אַלטער איז געווען. זיך געזשאַלעוועט אַ סענט, וואָס האָט ער אויסגעפיהרט. און אָפט מאָל קריגט מען זיך פאַר זיין צוואה וואָס עס געפעלט זיי ניט, און עס קומט צום קאָורט, און אַ זוהן וויל אויפווייזען, אַז ער האָט זיין פאַרשטאַנד ניט געהאַט ביים שרייבען די צוואה.... דאָס הייסט פּשוט, אַז דער טאַטע איז געווען משוגע... און דאָס גראָדע גיב איך צו... אַז ער איז געווען משוגע. נאָך אַ מין משוגעת געווען ביי איהם, געאַרבייט אום שבת מיט פופציג אידען, אַ „ירבעם בן נבט“ איז ער געווען, געלייגט אין באַנק טאַלער פאַר טאַלער. אַ קלייניגקייט וואָס ער האָט ניט געטהאָן אום צו האָבען געלט, געצאָהלט גרויסע לייף אינשורענס פּאָליסים, אום איבערצו־

לאָזען זיינע זיהן געלט... זיין ווייבעל האָט ער אָבגעשריבען אַ פּאָליסי וועלכע בעטרעפט אַ סומע פון פופצעהן טויזענט טאָלער.

און זי האָט טאַקע איהם איין דער ערד, און זי האָט שוין אָפּ־גענומען די געלט און זי גיט עס יעצט „נדן" און זי שפּילט שוין אַ פּינאָקעל מיטן צווייטען מאַן... נו, איז ער ניט משוגע געווען, און אָוועקגעגאַנגען פון דעם וואָלד, נאַקעט, אַן „מצות" און נאַקעט אַן געלט, נאַקעט אַן בגדים. גליקליך איז אָבער דער יעניגער וואָס ווייסט אַז עס איז ניט אַ הפקר וואָלד... ווען איינער וויל פרעגען מיר: יאָ! עס איז שעהן דער משל, מיר געפעלט דער נמשל, אָבער וואָס עפּעס איז צוגעגליכען די וועלט צו אַ וואָלד, פון וואַנען נעמט עס דער „מחבר"? — זאָלט איהר אַזוי גוט זיין, מיינע טייערע, נעמט אַ „גמרא בבא מציעא" און מישט אויף דף פ"ג, וועט איהר געפינען אויף דעם פּסוק „בו תרמוש כל חיתו יער" — — —

מיינע טייערע, די „גמרא הקדושה" איין (ברכות י"ב) זאָגט: „כל שלא אמר אמת ויציב שחרית, אמת ואמונה ערבית, לא יצא ידי חובתו". יעדער וואָס זאָגט ניט „אמת ויציב" איין דער פריה און „אמת ואמונה" איין אָוועגד, דער האָט ניט בעצאָהלט זיין פליכט. דאָס הייסט אין אַ העכערען זין, אין דער פריה הייסט ווען דעם מענשען געהט גוט, און ווען דער מענש איז נאָך אין דער יוגענד, דאַן הייסט „שחרית", עס שיינט איהם די זון, די זון פון „הצלחה" — די זון פון אַלעם גוטען, פון גליק, און זאָ ווייטער... און אַז ער איז יונג, און אַז ער איז „מצליח", און אַז דאַן ווייסט ער, אַז עס איז דאָ אַ גאָט, און ווייסט פון גאָטס „תורה" — ער ווייסט פון גאָטס פאַרזאָג, און דאַן לייענט ער „קריאת שמע", און הויבט אָן „שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד", ער גלויבט אין גאָט ב"ה — און ער זאָגט „שחרית", אין זיין גוטע צייט, „אמת ויציב", אַלעס וואָס גאָט הייסט טאָן איז „אמת", אמת אַן דעם „שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד", ער גיט מיר אַלעס, ווייטער שטעהט, „אמת שאתה הוא ה׳ אלהינו". אַלעס פון איהם, דער גביר, דער יונגער מאַן אין גליק־ליך ער בעצאָהלט זיין „חוב" צום אַלמעכטיגען, און ער האָט זיינע פליכטען געטהאָן אויף דער וועלט...

און אַז איהם איז שלעכט, עס פעלט איהם אימער די פוטער

אראפּ, און ער זאָגט ניט, ווי באַלד מיר איז אזוי שלעכט וואָס טויג מיר מיין לעבען אויף דער וועלט, און ער ווערט אָן זיין האָפענונג, און ער איז „מתרעם" ווייל ער גלייבט ניט מעהר, שלעכט מיט איהם, וואָרום אין די ערגסטע צייט דאַרפסטו האָבען „אמונה", ווען דיר איז פינסטער, פערשטעלט פאַר דיר אַלע וועגען און אַלע שטעג־גען, עס הייסט „ערבית" ביינאַכט, ווען איהם איז ניט גוט, עס איז איהם פינסטער, און אַז ער זאָגט ניט „קריאת שמע" ביי נאַכט, אַז אַלעס איז פון „ה' אלהינו ה' אחד" און ער זאָגט ניט „אמת" אַז גאָט איז דער „משגיח" אויף איהם... ער זאָגט ניט „אמת ואמונה" און גלייבען אַז עס איז נאָר אויף דער ווילע שלעכט... ניט אויף אימער, דער איז „לא יצא ידי חובתו", ער האָט ניט ערפילט זיינע פליכטען אויף דער וועלט, מען דאַרף לייענען „קריאת שמע" אין דער צייט, ווען איהם איז גוט, און וויסען זיינע פליכטען אויף דער וועלט. איבערהויפּט, אַז ער לעבט ניט פאַר זיך אַליין, ער לעבט פאַר דער גאַנצער וועלט... אריינצוגעהן אין יענעמ'ס ליידען, מיט צו ליידען מיט דעם ליידענדען, מיט צו געהן מיט אַלע געדריקטע, מיט אַלע מענשען זיין אַ מענש, און מיט גאָט זיין אַ איד... דאָס הייסט לייענען „קריאת שמע" אין דער פריה... און אַז עס איז שלעכט, לייענען „קריאת שמע" ביי דער נאַכט —

„יעקב אָבינו" האָט געלייענט „קריאת שמע" אין דער שלעכ־טער צייט, ווען ער האָט געליטען פון „עשו" זיין ברודער. „יעקב אָבינו" לייענט „קריאת שמע" אין דער צייט וואָס „אליפז" זיין פלימעניק באַראַבעוועט איהם, און לאָזט איהם הויל גוין איין העמד. „יעקב אָבינו" לייענט „קריאת שמע" ווען ער האָט די גע־ברענטע ליידען פון זיין אָנקעל און שווער „לבן הארמי". „יעקב אָבינו" האָט יעצט די ערגסטע צייט פון זיין לעבען, ווען זיין זוהן „יוסף" ווערט פערפאַלען, און ער קלאָגט אויף זיין בעסטען קינד אָב צוויי און צוואַנציג יאָהר. „יעקב אָבינו" שרייט „כי ארד אל בני אבל שאולה", און „יעקב" שיקט אין הונגער, זיינע קינדער אין „מצרים" צו קויפען „תבואה" — מען נעמט צו אויך זיין זוהן „שמעון". אַך, וואָס פאַר אַ „צרות" יעקב לעבט איבער, דער אומ־גליקליכער „יעקב" איז אין גאַנצען פאַרצווייפעלט... ער ווייסט

גאַר ניט וואָס צו טהאָן, ער איז שטאַרקער פון אייזען, אַריבער צו טראָגען די „יסורים" ווען מען זאָגט איהם אָן, אַז דער הער־שער פון „מצרים" האָט בעפויהלען, אַז ער מוז אויך שיקען זיין זוהן „בנימין". שרעקליך מוטשעט זיך יעצט „יעקב". — „יעקב" לייענט אָבער „קריאת שמע", אַלעס איז פון אַלמעכטיגען, פון „ה' אחד".

„יעקב" קריגט אַ „בשורה" אַז „יוסף" לעבט. „שמעון" איז פריי. „בנימין" געהט מיט זיי. אַך, וואָס פאַר אַ „שמחה" עס איז אויף „יעקב". רייך איז ער. אַלע קינדער צוריק ביי איהם. אפילו דער אָבגעקלאָגטער יוסף איז ביי דעם לעבען. ער לעבט און איז געזונד און שטאַרק. פערשטעהט אליין די שמחה...

נאָך מעהר, יוסף לעבט, זאָגט מען איהם אָן, און יוסף איז רייך, און יוסף איז אַ „צדיק תמים" — און יוסף איז דער מושל פון „מצרים". ווי געפעלט אייך אַזאַ גליקליכע צייט, קען אַ פעדער שילדערען?... געוויס ניט. און נאָך מעהר, יוסף פערלאַנגט, אַז ער זאָל באַלד קומען צו איהם. די בעסטע פון לאַנד מצרים. וואָס דאָן איז זי געווען די קליגסטע און שטאַרקסטע און רייכסטע איז פאַר זיין פאָטער. און נאָך מעהר, ער האָט איהם געשיקט דעם דין פון „עגלה ערופה", דעם זעלבען דין, וואָס יעקב האָט מיט איהם געלערענט מיט צוויי און צוואַנציג יאהר בעפאָר, ווען ער האָט איהם געשיקט זעהן וואָס די ברידער זיינע מאַכען און די שעפסעלעך. יוסף ווייזט איהם, אַז ער האָט נאָך גאַר ניט פער־געסען, קיין ברעקעל פון די „תורה" וועלכע ער האָט ביי איהם געלערענט.

ווי גרויס איז די שמחה יעצט פון „יעקב". נאָך מעהר, ווען „יעקב" טרעפט זיך צוזאַמען מיט זיין זוהן, דעם גרויסען „כבוד" וואָס „יעקב" האָט יעצטיגען מאָמענט, ווער פערשטעהט דען ניט, אַז מיט יוסף זיינען מיט געגאַנגען די גאַנצע קייזערליכע פאַמיליע, אַ קלייניגקייט יוסף געהט, ווער וועט ניט געהן, און אַזאַ „כבוד" האָט „יעקב אָבינו". און אַזאַ גרויסקייט איז געקומען צו „יעקב אָבינו", און אַזאַ רייכקייט איז צו איהם, אַט יעצט איז „שחרית" פאַר „יעקב" און יעצט, אין די צייט, האָט „יעקב" געלייענט

„קריאת שמע". פערשטעהט מען וואס פאר א „קריאת שמע" איז דאס, ניט פון זון אונטערגאנג, נאר פון זיין אויפגאנג, הייסט עס דען ניט „יעקב קרא קריאת שמע של שחרית".

מען רייסט „רבי עקיבא" זיין פלייש, מיט אייזערנע קאמען, מען פליקט איהם, מען צופט איהם, שטיקער פלייש פאלט, די בלוט גיסט, די „יסורים" זיינען גרויס. הייסט עס ניט אט יעצט פאר „רבי עקיבא" „ערבית", נאכט, עס געהט אונטער זיין זונען שיין, ער שטארבט אין אזעלכע אומשטענדען, און יעצט לייענט רבי עקיבא „קריאת שמע", ער שטארבט דאך מיט דעם געשריי „שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד" — זאגט מיר, ווי קען מען רופען די קריאת שמע „שחרית", ניין, טויזענד מאהל ניין. נאר „קריאת שמע של ערבית", „רבי עקיבא קרא קריאת שמע של ערבית"...

פריינדע, דעם מוסר השכל איז פאר אונז דא גרוים, אין די פרייע אמעריקא, וואו אונזערע ברידער האבען זיך ארויפגעאר־בייט, און ווי עס איז געווארען ביי זיי „שחרית", האבען זיי גאר אין גאנצען אויסגעהערט צו לייענען „קריאת שמע". נו, וואס זאגט איהר דערויף? ישראל לייען „קריאת שמע" „שחרית" און ח"ו ווען ביי דיר איז „ערבית" לייען „קריאת שמע"... ודו"ק.

משלים, ציצים ופרחים

פא.

אַ גוטע תפלה פאַר אַמעריקאַ

„והאר עינינו בתורתך" דו זאָלסט דערלייכטערען אונזערע אויגען אין דיין תורה. ווי אַזוי קענען דאָס בעטען אַזאַ תפילה די אַמעריקאַנער. זיי ווילען תורה, כאַ־כאַ־כאַ — תורה דאַרפען זיי, טאָ וואָס בעטען זיי?

נאָר איך דענק, אַז די תפילה איז דוקא גוט פאַר די אַמעריקאַנער מעהר ווי פאַר רוסישע, און רומענישע, גאַליציאַנער... באַטראַכט גוט, וועט איהר זעהן, אַז עס איז אַזוי. די רבנים ווערען גערופען „עיני העדה" די אויגען פון דער געמיינדע. אַזוי זאָגען אונז אונזערע חכמים... אין רוסלאַנד אַ רב האָט געקענט לערנען אַ סך און ער האָט טאַקע געלערענט אַלע מאָל, אַלע טאָג, אַלע נאַכט. די בעלי בתים האָבען געלערענט. ער, דער רב האָט געקענט און געלערענט.

דאָ אין אַמעריקאַ. ווער לערענט דאָס? איהר ווייסט, ארדבה, ווייזט אַז, ווער לערענט, וואו לערענט מען, ווען לערענט מען און די וואָס האָבען עטוואָס געקענט האָבען אויך פאַרגעסען בעטען דעם רבש"ע. מיר קענען ניט לערנען מעהר, אָבער כאָטש זאָלען די רבנים קענען לערנען און וועלען לערנען „והאר עינינו בתורתך", דערלייכט כאָטש אונזערע אויגען אין די תורה. זאָלען די עיני העדה, די רבנים כאָטש קענען לערנען, און לערנען...

פב.

עס לוינט זיך

מאַן: הער, מיין טייערע, איך האָב זיך אינשורט אין פינף טויזענט טאָלער מיין לעבען, ווי געפעלט עס דיר?

פרוי: לאַנג לעבען זאָלסטו, מיין מאַן! יעצט וועל איך ניט דאַרפען מורא האָבען טאָמער טרעפט דיר חלילה אַן אומגליק!...

פג.

רבי אייזעלע חריף אין פותר חלום

ר' אייזעלע חריף ז"ל — ער איז געוועז ביי איין אסיפה אין סלאנים. די בעלי בתים האבען געוואלט מאכען א תקנה א נייע און ער האט ניט מסכים געוועז, האבען זיי זיך געשפארט. דערווייל איז אריינגעקומען א אידענע וויינענדיג זי דארף דעם רב עפעס פרעגען. דער רב האט געהייסען איהר אריינרופען און זי איז אריינ־געקומען און האט געוויינט, רבינ'קע, עס האט זיך מיר גע'חלומ'ט א שרעקליכער חלום. איך האב איין זוהן איז ער אין אדעס, אז ער איז משוגע געווארען. האב קיין מורא נישט נארישע אידענע, דאס באווייזט, אז ער איז רייך געווארען. רבינ"קע, וואס האט משוגע פאר א שייכות צו רייך ווערען? דו נארישע אידענע, זיץ דא א ווייל ביי דער אסיפה וועסטו זעהען, אז אלע רייכע זיינען משוגע.

פד.

דער גרויסער רבי, רבי העשעלע

עס ווערט דערצעהלט פון רבי, רבי העשעלע, ווען ער איז געוועז א קליין קינד, פינף יאהר אלט, האט ער ניט געוואלט געהן אין חדר. און אז דער באהעלפער איז געקומען איהם נעהמען אין חדר, האט ער ניט געוואלט געהן. האט איהם דער פאטער געפרעגט, העשעלע, מיין קינד, ווארום ווילסטו ניט געהן אין חדר, דער בעהעלפער איז דאך געקומען דיר רופען? פאפא! דו ווייסט פאר וואס איך וויל ניט געהן ווייל ער קומט צו מיר מיט עזות־קייט, און זאגט: העשקע, קום אין חדר, און איך האב געהערט ווי מען קומט דיר בעטען אויף א חתונה, זאגט יענער צו דיר אזוי: זייט אזוי גוט, יענער און יענער האט אייך געבעטען, איהר זאלט אזוי גוט זיין און קומען אויף דער חתונה, ווארום זאל ער מיר ניט אזוי רופען? אויף מארגען איז דער בעהעלפער גע־קומען און האט געזאגט: העשעלע! דער רבי האט געבעטען, אז דו זאלסט אזוי גוט זיין, און קומען אין חדר, אזוי גוט זיין לער־

נעז. רופט זיך אַז העשעלע: זאָג דעם רבין, אַז ער זאָל קיין פּאַראַיבעל ניט האָבען, איך קען ניט געהן. עס איז אזוי גוט ווי געוועזן...

וואָס איז דאָס? פרעגט איהם דער פאָטער — ער בעט דאָך דיך אַזוי גוט ווי מען בעט מיך אויף א חתונה צו געהן, ווארום געהסטו ניט? פּאַפּאַ! איך האָב אַ סך מאָל געהערט, ווי ״יין אַנטוואָרט איז צו דעם וועלכער קומט דיר רופען אויף אַ חתונה, זאָגסטו אזוי: זאָגט איהם, אַז ער זאָל קיין פּאַראַיבעל ניט האָבען. איך קען ניט געהן. און עס איז אַזוי גוט ווי געוועזען.

פח.

ווער איז פריי, איך צי דו

די היינטיגע רופען זיך פרייע. זיי זיינען פריי צו טהאָן וואָס זיי ווילען, זאָגען זיי. איך זאָג פּונקט פערקעהרט. מיר פרומע אידען זיינען די פרייע, און זיי, די היינטיגע, זיינען ניט קיין פרייע. למשל, אַז איך רויכער, און אַ פרייער רויכערט, אַז עס קומט שבת קודש, קומט מיר גאָר ניט אויף מיין געדאַנקען צו רויכערען. אָבער יענער, דער „פרייער״, ער מוז רויכערען. עס לאָזט איהם ניט רוהען. טאָ זאָג זשע מיר, דו „פרייער״, ווער איז פריי, איך צי דו? איך וויל עסען, און דער פרייער וויל עסען. איך וויל גאָר ניט אַריינגעהן אין אַ טריפה'ן רעסטאָראַנט. איך וויל ניט — און גענוג. אָבער אַז דעם פרייען קומט אָן זיין תאוה צו פרעסען, מוז ער געהן פרעסען. טאָ זאָג זשע מיר, די פרייער, ווער איז פריי, איך צי דו? איך בין ניט מחויב צו פאָלגען מיין יצר הרע... דיין פרייהייט שלעפּט דיך אין אָבגרונד, און דו זעהסט עס און דו געהסט צום אָבגרונד, און דו ביזט געצוואונגען צו געהן צו די אַלע תאוות, ביז דו פאַלסט אין אָבגרונד. — טאָ ווער איז פריי, איך צי דו?

פו.

פאַר וויין מוז מען צאָהלען

ליעבער רבי! איך וועל אייך עפּעס פרעגען: סטייטש, ווי איז דאָס אין גרונד טאָרט איהר דאָך גאָר ניט נעמען קיין געלד פאַרן זאָגען, „מה אני בחנם אף אתה בחנם", טאָ ווי איז דאָס אַז מען קומט אייך רופען וואו ריידען, בעט איהר ניט ווייניגער פון פינף און צוואַנציג דאָלער?

יעצט הערט, וואָס דער בעל „קול אומר קרא" זאָגט אויף דעם. ס'איז געווען אַ גרויסער דאָקטאָר, וועלכער האָט זיך אויפגעזאַמעלט זעהר פיעל געלד. אַז ער איז געקומען צו די עלטערע יאָהרען, האָט ער געלאָזט וויסען, אַז ער קורירט פון יעצט אָן ביז די ענדע פון זיין לעבען, גאַנץ אומזיסט. איין מאָל איז געקומען צו איהם אַ מאַן וואָס האָט געהאַט שטאַרקע קדחות, האָט ער איהם געגעבען זעהר אַ ביטערען מעדיצין. דער חולה וואָס האָט עס איינגענומען האָט זעהר שטאַרק געבראָכען, און ער האָט ארויסגעגעבען די גאַנצע „רפואה" צוריק.

האָט דער דאָקטאָר גענומען דעם ביטערען מעדיצין, יעדען מאָל, אַלע טאָג, און איהם צומישט אין אַ גוטען גלאָז וויין, און אַזוי האָט ער איהם אין אַ וואָך צייט אויסקורירט. דאַן זאָגט איהם דער דאָקטאָר, ליבער מאַן, מיר קומט פון אייך פינף טאַלער...

סטייטש הער דאָקטאָר, עס איז דאָך דאָ אַ בעקאַנטמאַכונג אויפן סטריט, אַז איהר קורירט אומזיסט, אַפילו מיט מעדיצין, וואָרום פאָדערט איהר פון מיר אַזוי פיעל געלט?

ליבער פריינד! דאָס איז אמת, אַז איך נעהם קיין געלד ניט פאַר מיין ארבייט, און אויך ניט פאַר די מעדיצין... נאָר ווען איז דאָס גערעדט, אַז דער קראַנקער קען נעמען די מעדיצינען מיינע ווי זיי זיינען. אָבער אייך האָב איך געמוזט געבען וויין, און נאָך דערצו גוטע וויין און איהר האָט דאָס אויסגעטרונקען צוויי פלאַש וויין, וואָס מיר אַליין קאָסט פינף טאַלער, מוזט איהר בעצאָהלען. ווען איך זאָל געבען אַלע חולאים וויין, וועט מיין געלד זיין גענוג אויף אַ יאָהר אדער צוויי.

דאָס זעלבע, מיין ליבער פריינד, מיר זיינען די דאָקטוירים פאַר'ן גייסט. מיר זיינען מחויב צו געבען פאַר די קראַנקע אין „חולי הנפש" מעדיציין פון דער תורה, נעמען אַ שטיק תורה און לערנען פאַר זיי, „אָרור האיש אשר יעשה פסל ומסכה" און אַזוי ווייטער. מיר זיינען מחויב צו געבען אייך די תורה פון גאָט, און די מעדיציין וויל דער פאָלק ניט נעמען, זיי אַנטלויפען פון דעם. עס איז צו ביטער. וואָס טהוען מיר. נעמען מיר און זוכען אויף אין ספרים שעהנע משלים, שעהנע פאַנטאַזיעס, גוטע וויצען, און דער עולם קוועלט. דאַן גיסען מיר אויך אריין די ביטערע אמת'ע מעדיציין. דארום די מעדיציין גיבען מיר טאַקע אומזאַנסט, אָבער פאַר די וויינען, בעצאַהל ברודער, און ווער גיט בעסערע וויינען, דעם מוז מען בעסער בעצאַהלען...

פז.

ווי איז דער טייטש „לא תגנוב"

— דו ביסט דאָך אַ חסיד, טאַ וואָרום שווינדעלסט דו און גנבה'סט? האָסטו דען ניט געלערענט אין דער תורה „לא תגנוב", דו זאָלסט ניט גנבה'נען?

— „לא תגנוב" איז דער טייטש ד ו זאָלסט ניט גנבה'נען. אָבער איך מעג.

פח.

מיט אַ בערדעל

פאַרוואָס האָט מען אין רוסלאַנד גערופען דעם רב פון שטאָט רב — מיט אַ קאָמץ — און אין אַמעריקא זאָגט מען רב — מיט אַ פּתח? ווייל אין אַמעריקא פעהלט דעם רב דער בערדעלע. אַ פּתח מיט אַ בערדעל איז אַ קמץ. אָבער אַז דאָ אין אַמעריקא פעהלט דער בערדעל, איז ער אַ רב מיט אַ פּתח. אין רוסלאַנד זיינען די וואַנצעס אַ פּתח. און מיט דעם בערדעל האָט אויסגעזעהן ווי אַ קמץ...

פּט.

אונזערע טהעאַטער געהער

מיינער אַ לאַנדסמאַן, וועלכער איז נאָך אַ גרינער געווען דאָ אין לאַנד, האָב איך איהם געטראָפען געהענדיג שבת בייטאָג אין גרענד סטריט. פרעג איך איהם: ר׳ יוסף, וואו געהט איהר? וואו איך געה? איך געה אין טהעאַטער. אַט געהט מיין איידעם און מיין טאָכטער. זיי האָבען זיך אָנגעטשעפּעט צו מיר און איך מוז געהן.

מאַטינע, ווייס איך, פאַנגט זיך אָן האַלב נאָך צוויי אזייגער און עס ענדיגט זיך האַלב נאָך פינף. איך געה צוריק פון מיין שפּאַציר האַלב נאָך דריי. איך זעה, מיין גרינער לאַנדסמאַן געהט צוריק מיט האַסטיגע טריט און קוקט זיך אום. פרעג איך איהם: סטייטש, ר׳ יוסף, איהר האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז איהר געהט אין טהעאַטער? וואָס געהט איהר שוין צוריק? הערט אַ מעשה: איך זעה, אַז מען שטעלט פאַר די שטאָט קרעמענטשוג. און אין קרעמענטשוג איז אַ בחור מיט אַ מיידעל פערלאָבקעט געוואָרען. און נאָכדעם האָט די מיידעל געשאָסען דעם בחור, איז אַראָפּגע־קומען דער פּריסטאַוו און דער פּאָליציימייסטער מיט זשאַנדאַרען. אַזוי ווי איך האָב זיי דערזעהען, בין איך אַנטלאָפען, ווייל, פאַר אייך זאָגענדיג, איך האָב דאָך קיין פּאַס ניט. נו, וואָס זאָגט איהר צו מיין שרעק. ווער ווייסט וואָס עס וואָלט געווען, ווען איך וואָלט ניט אַנטלאָפען!

צ.

אַמאָל און היינט

אַמאָל פלעגט מען זיך ניט טאָרען זעהען פאַר דער חתונה. אָבער מען האָט געקענט זיך אָנזעהען נאָך דער חתונה. היינט זעהט מען זיך פאַר דער חתונה, און מען קען זיך ניט אָנזעהען נאָך דער חתונה.

די בימה

גאַנצע רעדעס אויף יעדען שבת

פון יעדער פרשה, פונקט ווי עס איז גערעדט געוואָרען פון דעם מחבר אליין, מאמרים, משלים, אפילו די „שיחת חולין".

יעדער ספר — אַ רעדע

נאָך דעם דרוש קומען משלים, ציצים ופרחים

פון דעם מחבר הרב הדרשן והמטיף המפורסם

יהודה ליב לאַזעראָוו

מחבר פון דברי יהודה, דגל יהודה, קול יהודה, מטה יהודה, בית יהודה, אידישען רעדנער, ועוד.

חוברת י"ב

RABBI L. LAZEROW

1541—78th Street, Brooklyn, N. Y.

ניו-יורק — תרפ"ד

לעוואַנט פרעס

479

138 2-טע סט., נ. י.

פרשה ויחי

„וגם אתה ידעת את אשר עשה לי יואב בן צרויה אשר עשה לשני שרי צבאות ישראל לאבנר בן נר ולעמשא בן יתר ויהרגם וישם דמי מלחמה בשלום, ויתן דמי מלחמה בחגורתו אשר במתניו ובנעליו אשר ברגליו.“
(מלכים א׳ סימן ב׳ בתפטרת ויחי.)

מיין טייערער קינד שלמה, און דו ווייסט אויך די געשיכטע, וועלכע עס האט צו מיר יואב בן צרויה געטהאן, דאס וואס ער האט צו די צוויי גענעראלען צו „אבנר“ און „עמשא“, דאס ער „יואב“ האט זיי דערשלאגען, און ער האט געטהאן די בלוט „מלחמה“ מיט פרידען, און ער האט געגעבען די בלוט „מלחמה“ מיט זיין גארטעל וואס ער איז פארגארטעלט אויף זיינע לענדען, און מיט זיינע שיך וועלכע זיינען אויף זיינע פיס.

פריינדע! איך וועל אביסעלע ציטירען אט טאקע די צוואה וועלכע „דוד מלך ישראל“ זאגט אן בעפאהר זיין טויט צו זיין יונגען קינד שלמה. עס פערשטעהט זיך, אז „דוד“ ביי זיין לעבען האט געהאט א גרויסע „שנאה“ צו זיין מיניסטער „יואב“ — צוליעב דעם וואס ער האט דערשלאגען „אבנר“ און עמשא“ — איז דאך די פראגע אויב איהם קומט דער טויט, ווארום האט דוד ניט געטהאן דאס וואס איהם קומט. קומט איהם ניט, ווארום דארף „שלמה“ דאס טאן? אלא וואס, סתם נקמה. ער האט געוואלט נעהמען ראכע פון איהם, נאר צוליעב פאליטישע צוועקען, האט ער עס ניט געטהאן? זאל „דוד“ לערנען זיין זוהן ראכע צו נעהמען? וויעדער וואס מיינט דער דאפלען „וישם דמי מלחמה בשלום“ — און „ויתן דמי מלחמה בחגורתו אשר במתניו ובנעליו אשר ברגליו“? — און וואס הייסט אין גאנצען „בחגורתו אשר במתניו“ — מיט זיין גארטעל וועלכע איז אויף זיינע לענדען? און איבערהויפט „ובנעליו אשר ברגליו“ וואס איז דאס פאר א געדאנקען, מיט זיינע שיך וועלכע זיינען אויף זיינע פיס?

טייערע ברידער, איהר ווייסט גאַנץ גוט, אַז אַ „רב“ אין אַמעריקאַ איז ביי די „בעלי בתים“ — דאָס הייסט דאָ, די מעמ־בערס פון שוהל, איז כמעט אַן איבעריגע זאַך. צו וואָס דאַרפען מיר אַ „רב“, זאָגען זיי. אַ סך „שאלות“ געהט מען פרעגען? און אַ גרויסען „דרשן“ דאַרפען זיי יאָ אַמאָל, איז דאָס נאָר אויף אַ גאַנץ קורצע צייט. אַ האַלב יאָהר זיצט ער ביי זיי נאָך ווי עס איז צו דערליידען, דעם אַנדערען האַלבען יאָהר איז שוין דער „דרשן“ אויך אַן איבעריגע זאַך. אין דעם ערשטען האַלבען יאָהר לויפען דער „עולם“ איהם הערען, און נאָכהער ווערט שוואַכער דער „עולם“. דאַן ווערט שוין דער „דרשן“ אויך איבעריג. ווי פיעל ליידען זיך אַן די „רבנים“, „דרשנים“ פון די מעמבערס, קיין „מחבר“ קען דאָס ניט אויסרעכענען אין אַ „דרוש“ אַלע ליידען פון דעם „רב“, עס איז אונמעגליך, אין אַ גאַנצען ספר פון דריי הונדערט בלאַט, דירעקט נאָר פאַר דעם, וואָלט מען פיליכט גע־קענט אויסשרייבען.

איהר זאָלט נאָר ניט ווערען שטאַרק בייז אויף מיר, מיינע טייערע, אַז ניינציג פּראָצענט ליידעט אַ „רב“ און אַלע „כלי קודש“ נאָר פון די פרומע אידען. נעמט נאָר ניט פאַר אומגוט. ווער ווייסט נאָך וויפיעל איך? און אַלע „רבנים“, „דרשנים“, „מטיפים“, „חזנים“, „שמשים“, זיי ווייסען דאָס אויך. נאָר זיי האָבען „מורא“ אויסצוזאָגען פון „חדר“. מען קען זיי ארויסשיקען פון „חדר“... איך האָב קיין מאָל ניט „מורא“ געהאַט פאַר מעמבערס, ניט פאַר דעם פּרעזידענט אפילו... איך מיין ניט „חס ושלום“ פאַר'ן פּרע־זידענט פון וואַשינגטאָן. ניין, פאַר איהם האָב איך קיין „מורא“, ווייל איך פיר זיך גוט, ווי אַ מענש דאַרף זיך פיהרען. וואָס וועט ער האָבען צו מיר? האָב איך נאָר פאַר איהם גרויס רעספּעקט. אָבער פאַר'ן פּרעזידענט פון שוהל, איהם האָב איך פּשוט פיינט. פאַר זיין גראָבקייט, און איך האָב גאָר קיין „מורא“ ניט פאַר איהם. ליידער וועלען עס צוגעבען אַלע פּרעזידענטען פון שוהלען און שוהלבעלעד.

אַלזאָ, איך ווייס זייער גוט, די אַלע ליידען וואָס עס שטעהט אויס דער רב, איז פון די פרומע... ווער רעדט נאָך אויב דער

פרומער איז נאָך אַ שטיקעל מכה למדן", איהם דוכט זיך, אַז ער קען שאַלעמייזען אַ פּרק משניות, איז ער שוין גרעסער פאַר'ן רב. די גראָבע יונגען קוקען עס צו, ווי דער „מכה למדן" באַגעהט זיך מיט'ן רב — ער געהט ניט הערען זיין „דרוש", זאָגט ער, אַז דאָס איז אַ באוויוז, אַז עס איז ניטאָ וואָס צו הערען, און ער, דער גראָביאַן, ווערט אויך גלייכגילטיג צום רב. אויב ער וואָלט טאַקע זיין עפּעס אַ ריכטיגער מענש און אַ ריכטיגער איד, וואָלט ער דאָך דאַרפען שעצען דעם „רב", דעם ריכטיגען תלמוד חכם. זאָל ווי קליין די לומדות זיין פון רב, איז דאָך אָבער נאָך קלענער זיינע לומדות פון דעם „מכה למדן".

אַלעם ענדע איז אַלע „צרות", אַלע „פּורעניות", אַלע אומגליקען, אַלע בייזע געשעהענישען, אַלע פאַרלוימדונגען, אַלע קריגערייען. דאָס איז אַלעם מערסטען פון די וואָס זיינען אָדער דענקען, אַז זיי זיינען „לומדים". דאָ איז דאָך אַ „ממה נפשך" — ביסטו טאַקע אַ איד וואָס קען לערנען? דאַרפסטו דאָך וויסען, אַז מה דאָך, דו קענסט אַ ביסעלע, ווי שווער דאָס איז אָנגעקומען דיר, האָסטו ניט געגעסען טעג?... האָסטו ניט געשלאָפען אויף דעם טרוקענעם באַנק? האָסטו ניט געהונדערט אַ פּאָר טעג אין וואָך? אויב דאָס ניט — קענסטו גאָרניט...

מיין ניט „עזות פנים" דו, אַז איך אַליין זאָג דאָס. אָט וועל איך דיר ציטירען אייניגע מאמרי חזל, כסדר אין שם בבלי, און זעה, ווי די תורה קומט אָן שווער. (ברכות ה') „ג' מתנות נתן הקב"ה על ידי יסורין תורה", וכו — דריי טייערע „מתנות" האָט גאָט ב"ה געגעבען צו די ישראל דורך „יסורים", — (ברכות ס') „אשרי אָדם מפחד תמיד ההוא בדברי תורה כתיב", דו הערסט פּאַסקודניאַק, „מכה למדן" אַ „מכה", אָבער ניט קיין „למדן" ביסטו, רש"י זאָגט אַפילו „מפחד תמיד", פיליכט פאַרגעסט ער און דו אַ „מכה למדן" קענסטו צולעגען נאָך געדאַנקען. ער איז דער וואָס וויל קענען לערנען און ער לערענט איבער אין שרעק פאַר'ן „בעל הבית פון זיין טאָג, און, און, און זאָ ווייטער... (ברכות ס"ג) "כי מיץ חלב יוציא חמאה ומיץ אף יוציא דם ומיץ אפּים יוציא ריב" „במי אתה מוצא חמאה של תורה במי שמקיא חלב שינק

משדי אמו". נו ווי געפעהלט דיר „מכה למדן", ביי וועמען קענסטו געפינען „תורה"? נאָר ביי דעם, וואָס האָט נעבעך אויסגעמייקעט אפילו די מילך וועלכע ער האָט געזויגען פון זיין מוטער'ס ברוסט. און דו „תכשיט", און דו פרעזידענט פון שוהל, מאַכסט איהם, דעם רב, דעם „תלמיד חכם" אויסמייקענען אפילו די ערשטע לעפעלע וואַרימע וואַסער וואָס מען האָט איהם געגעבען באַלד ווי ער איז געבוירען געוואָרען, בעפאָר ער האָט נאָך געזויגען די מילך פון זיין מאַמען... (עירובין כ"ב) „במי אתה מוצאן במי שמשכים ומעריב עליהן לבית המדרש שמשחיר פניו כעורב שמשים עצמו אכזרי על בניו", ביי וועמען געפינסטו „תורה", ביי דעם וועלכער האָט אויפגעריסען זיינע אויגען נעבעך פון שלאָף גאַנץ פריה, פאַר טאָג, און ער האָט זיך שפּעט געלעגט שלאָפען, ווייל ער האָט שפּעט געלערענט אין „בית המדרש". ער מאַכט זיין „פּנים" פאַרשוואַרצט ווי דער ראָב... און ער איז אַ מערדער אויף זיינע קינדער מיט דעם, וואָס ער האָט זיי ניט מיט וואָס צופרידען צו שטעלען זייער פאַרלאַנג און אָפּטמאָל אפילו זיי ברויט צו געבען... אָט דעם איצטיגען „רב" קומסטו, און שוואַרצט איהם ווידער זיין פּנים „עוכר ישראל" דו... איך דענק, מיין זיסער, ליבער, טייערער, האַרציגער „מכה למדן", אַז עס איז גענוג פאַר דיר מאמרים, כאָטש איך האָב נאָך אַלץ אויף מיין געדאַנקען מעהר ווי הונדערט מאמרים דיר אָנצוגעבען, ביזטו נאָך אַ שטיקעל מענש? עפּעס אַ מענש? וועט דיר די פּאָר מאמרים ווירקען, און אויב ניט, איז מיין גאַנצע אַרבייט, אפילו דאָס וואָס איך האָב געשריבען אויך אַרויסגעוואָרפען... נאָר יעצט וועל איך דיר ווייזען ווי ווייט מען דאַרף האַלטען אַ תלמיד חכם, וואָס אַ תלמיד חכם איז.

אָט קום אַהער, איך וועל דיר ווייזען. איך וויים, אַז דו ווייסט ניט (עירובין נ"ד) „תלמיד אחד לר"א שנתחייב שריפה למקום אמרו הניחו לו כי אדם גדול שימש". איהר הערט, דער „תלמיד איז נתחייב שריפה" געווען, האָבען זיי געזאָגט מען זאָל איהם צופרידען לאָזען, ער האָט אַזאַ גרויסען „זכות", דאָס וואָס ער האָט אַזאַ תלמיד חכם" באַדינט. אין „יומא נ"ג) „תלמיד הנפטר מרבו לא יחזור פניו וילך אלא מצדד פּניו", ווען דער „תלמיד" געהט אַוועק

פון זיין „רבי" טאָר ער זיך ניט אומקערען הינטער ווײַלעכץ, נאָר ער מוז געהן זייטיג, דער פּנים זאָל ניט זיין אוועק פון זיין רבי. איהר הערט וואָס פאַר אַ רעספּעקט מען מוז האָבען פאַר אַ רבי. אַ „פּשיטא" פאַר ארב פון זיין שוהל. (חגיגה ט"ו) „תלמיד חכם אעפ"י שסרח אין תורתו נמאסת", איהר הערט אַמעריקאַנער, מעמ־בערס פון שוהלען, איהר זוכט דאָך נאָר אויף אייער רב. ער איז ניט אַזוי עפּעס... ער האָט דאָס און דאָס געטהאָן... (מן הסתם איז עס שקר מוחלט). איך וועל אייך יעצט נאָכגעבען. זאָל שוין זיין, אַז ער האָט ח"ו עפּעס געטהאָן אַ פאַרזעהן, נו, דעריבער האָט שוין רעכט דער פּרעזידענט אָדער סתם גאָר אַ פּראָסטער מעמ־בער איהם מבזה צו זיין. אָט איז אַ בפירוש'ער „מאמר", אַז אַ „תלמיד חכם", כאָטש ער האָט געזינדיגט, אָבער זיין תורה ווערט ניט פאַר'מיאוס'ט. (נדרים ס"ב) „ת"ח נוטל בראש וכ"ו". איהר הערט, ער איז מעהר יחסן פאַר אייער פּרעזידענט. איהם מוז מען פרעגען אַלע זאַכען וואָס אַנבעלאַנגט צו דער שוהל, צו דער תורה, צו די „מצות", ניט דעם „בור", אייער פּרעזידענט. (מנחות צ"ט) „תלמיד חכם שסרח אין מבזין אותו בפרהסיא" — איהר הערט, מיינע ליבע, זיסע, טייערע, הויכע, גרויסע געוואַלדיגע קנאַקערס, באָארד אָון דירעקטאָרס, רעדט ניט אויף אייער „רב" איהר וועט חרטה האָבען. איהר זעהט וואָס די גמרא זאָגט אין אויבען דער־מאָנטען „מאמר": אַ „תלמיד חכם", אויב ער האָט אפילו געטהאָן אַן „עבירה". אָדער אפילו אַ סך געזינדיגט, טאָרט איהר איהם ניט „מבזה" זיין „בפרהסיא". אין (ברכות מ"ג) „תלמיד חכם שעבר עבירה ביום אל תהרהר אחריו בלילה" וכו „ודאי עשה תשיבה", זוכט ניט קיין חטאים אויף אַ „תלמיד חכם" — אויב איהר האָט אפילו געזעהן, אַז אַ „תלמיד חכם" האָט אַן „עבירה" געטהאָן ביי טאָג, קלערט ניט קיין שלעכטעס, ווייל ער האָט געווים „תשובה" געטהאָן ביי נאַכט אין זעלבען „מעת לעת" (מעשלעש ווי איהר רופט עס. (חגיגה כ"ז) „תלמידי חכמים אין אור של גיהנם שילטת בהם" וכ"ו, דער פייער פון גיהנם קען ניט געוועלטיגען אויף אַ תלמידי חכמים. די גמרא זאָגט אַ „קל וחומר" פון אַ „סלמנדריא" — נאָר איך זאָג, אַז עס קען ניט געוועלטיגען אויף אַן אַמעריקאַ־

נער רב דער גיהנם מיט א „גזירה שוה" ניט קיין „קל וחומר", וואס הייסט עס? ביי אונז אין אמעריקא איז אין די שוהלען א „גזרה" אזא מאדנע, אז אלע זיינען בו אונז גלייך. א „גזרה שוה". דער רב איז גלייך צו יעדען לומפ, צו יעדען נידערטרעכטיגען מעמבער, א „גזירה שוה", אן אומגליקליכע „גזירה שוה"... דארום איז ער שוין אפגעקומען, זיין גיהנם ביי אייך אין שוהל...

איך דענק, אז עס איז שוין גענוג מאמרים פאר אייך איהר זאלט זעהען ווי הייליג, ווי טייער, ווי ליעב, ווי געשעצט דארף א „תלמיד חכם" זיין ביי אייך, ביי יעדען איינעם, זעהט — פאר־פארזינדיגט ניט אייערע יאהרען, זעהט אז איהר זאלט קיין חרטה האבען. זעהט, אז אלע „צרות" וואס קומען אויף אונז, אויב דאס איז נאר ניט צוליעב דעם „בזיון התורה".. איך קום צוריק צו די פריהערדיגע רייד און אייך זאגען, אז ניינציג פראצענט ליידט נאר דער רב פון די פרומע אידעלעך און נאך מעהר,, אויב דער פרומער קען נאך אביסעלע סאלעמייזען (ווי די וויבער רופען עס)... איצט לאמיר מאכען א חשבון, אבער זעהר א ריכטיגען. הער זיך איין מיין „מכה למדן", אויב דו ביסט אויף ריכטיג א פרו־מער, און אויב טאקע דו קענסט די עברי פון רש"י, און דו האסט עפעס א שטיקעל געפיהל פון א מענשען, דאן קום אהער צום „חשבון", וועסטו זעהען ווי דו דארפסט עקטען. זיי נאר „מודה על האמת".

די גמרא זאגט אין (מגילה ל"א) „כל מקום שאתה מוצא גבורתו של הקב"ה שם אתה מוצא ענוותנותו" וכ"ו — (אנדערע פלעצער איז געשריבען „גדולתו") וואו דו געפינסט נאר, אז עס ווערט דערמאנט די גרויסקייט פון גאט ב"ה, דארט געפינסטו אויך די קליינקייט — ווי קליין ער האלט זיך... אז דו ווילסט עס זעהען, וועל איך דיר ווייזען א רעכענונג, אז וואס מעהר דו רע־כענסט „גדולתו של הקדוש ברוך הוא", אזוי מעהר איז „ענוותנותו". איך האב געזעהן אין א ספר, מיר דוכט זיך „בשם הארי הקדוש", נעם רעכען אויף דעם שם „הוי" באטרעפט עס 26 — אויף אידישע ציפער איז עס כ " ו — רעכען איצט אויף „מספר קטן" כ"ו — איז 8, ווייל כ" איז 2 און וואו איז 6 אלזא, וויפיעל איז דער

כ"ו — 8 איז גאָטעס נאָמען, אין „מספר קטן" 8, יעצט מאַך אַ „כפל" און דאָפּעל, פאַרגרעסער דעם צאָהל נאָך אַמאָהל, גאָטעס נאָמען דעם 8 — און זאָג צוויי מאָהל 8 איז 16 — אין אידישע ציפע ראיז דאָס י"ו, ווייל יו"ד איז צעהן און וואו איז 6. יעצט זאָג יו"ד איז 1 און וואוו איז 6, איינס מיט 6 איז 7. דו זעהסט, אַז איינע איז שוין ווייניגער... געטאָפּעלט, דאַכט זיך, און עס איז ווייניגער, לאָמיר געהן יעצט ווייטער און זאָגען 3 מאָהל אַכט איז 24 אין אידישע ציפער, כ"ד — כ" איז 2 און ד„ איז 4 — צוזאַמען 6, אָט איז, אַז דו האָסט געדאָפּעלט אַ דריטען מאָל דעם 8 קומט ווייטער אויס איינע ווייניגער. יעצט זאָג 4 מאָל 8 איז 32. אין אידישע ציפער איז דאָס ל"ב. איצט זאָג ל" איז 3 און ב" איז 2 — צוזאַמען 5 — ווייטער איינע ווייניגער. וואָס מעהר דו מאַכסט גרעסער דעם שם, דאַרט געפינסטו אימער „ענוותנותו". יעצט זאָלען מיר זאָגען 5 מאָל 8 איז 40. אויף אידישע ציפער איז דאָס מ" און מ" איז 4 — ווידער איינע ווייניגער. יעצט וועלען מיר נאָך ווידער דאָפּלען 6 מאָל 8 איז 48, און אין אידישע ציפער איז עס מ"ח. זאָג מ" איז 4 און ח" איז 8 און 8 און 4 איז 12 אין אידישע ציפער איז דאָס י"ב, יו"ד איז 1 און ב' איז 2, 2 מיט 1 איז 3, ווייטער איינע ווייניגער. יעצט ווידער דאָפּלען מיט אַמאָל מעהר, זאָג 7 מאָל 8 איז 56, דאָס איז נ"ו — און נ' איז 5 און וואַ"ו איז 6, צוזאַמען איז דאָס 11, און אין אידישע ציפער איז דאָס י"א, יו"ד איז 1 און א' איז 1, צוזאַמען 2. וויעדער אונזער ציפער איז דאָס ס"ד און ס' איז 6, ד' איז 4, יו"ד איז 1. דו זעהסט גדולתו של הקב"ה, וואָס מעהר דו האָסט מיט אַמאָל מעהר, געדאָפּעלט, געמאַכט גרעסער דעם שם הוי"ה, אַלץ מיט איינע ווייניגער איז עס ארויסגעקומען. לערען זיך דו מענשעלע, פון "גדולתו של הקדוש ברוך הוא" און דו פוסטע „כלי", אַז דו קענסט אַ פּרק „משניות", מן הסתם פעהלט נאָך עטוואָס צו קענען. האַסלטו זיך אַזוי גרויס, אַז דו ביסט אַ גאַנצער וויים איך וואָס, און קוים מאַכט דיר השם יתברך מיט טויזענד דאָלאַר רייכער, ווערסטו גרעסער ביי זיך פאַר פופציג טויזענד דאָלאַר נו, וואָס זאָגסטו, עס איז פיליייכט ניט אַזוי? אַז דו ביסט שוין

רייכער מיט צוואנציג טויזענד, דאַן ווערסטו נאָך מעהר קנאַקער...

נאָר ווער רעדט דאָ פון רייכע. איך האָב פאַר רייכע גאָר אַ בעזונדערע אַבטהיילונג אין האָספּיטאַל, בעזונדערע רומס, פאַר זיי גיב איך בעזונדערע דרשות, מיינע מעדיצינען. יעצט ריידען מיר וועגען די פרומע, פון וועלכע דער רב ליידעט. אויב עס ווע־לען זיך געפינען חכמים אזעלכע, און זאָגען, אַט! וואָס אַ מחבר קען זיך אויס דענקען, אַ נייער נייעס, אַז פון פרומע ליידעט גאָר דער רב? זאָלען זיי נאָר ניט פּלאַפּלען און ריידען אויף אַ "מחבר" דער וואָס מאַכט פון נעכט טעג, און זיצט און שרייבט פאַר דער וועלט „חבורים" — און נאָך אַזאַ „מחבר" ווי איך בין, וואָס איך וואַרף ניט אַן מיינע „חבורים" אייך, איהר קענט מיר פּילייכט אָנווייזען, אַז איך האָב ווּמען ארייגעשיקט אַ ספר? ניט גע־בעטען, דאָס הייסט, וועמען אָנגעוואָרפען, און נאָכהער געמאָנט געלט. ניין, איהר וועט עס מיר ניט ווייזען. אַט דער „מחבר" וויים וואָס ער רעדט. דער „מחבר" האָט גענוג געלערענט אין די שוה־לען, וואָס דאָרט קומט פאָר, און וואָס דאָרט טהוט זיך דאָס איז אַ זאַך וועלכע איך ווייס מעהר ווי פיעל איהר קענט זיך אליין — דאָס איז דער ריינער „אמת", זייט וויסען, אַז די „רבנים" ליידען נאָר פון די פרומע, פון די וואָס דאַווגען דריי מאָל אַ טאָג, און דוקא „בצבור", און פון די וואָס לערנען דעם פּרק „משניות", און ווער רעדט נאָך פון די וואָס לערנען אַ בלאַט „גמרא", נו, דאָ איז שוין הימעל עפען זיך, ווער איז צו זיי גלייך, קיינער ניט, דער „רב" געוויס ניט, אַז זיי זעצען זיך אַנידער, אַט די נידעריגע „ברואים", די „זוחלי עפר" און הייבען אַן מעסטען די גרויסקייט פון בריסקער רב, זאָגט דער צווייטער גראָבער יונג גאָר, ווי קומט בריסקער רב צום שאַוולער רב, און אַזוי ווייטער...

נו! איך וויים אַדער ניט. יעצט מוז איך דערציילען און זאָגען, אַז איך בין דורכגעפאָהרען גאַנץ רוסלאַנד און גאַנץ עסט־רייך און דייטשלאַנד, ראָמעניען, אונגארן, האָלאַנד און עטוואָס פראַנקרייך, ארץ ישראל און עטאָס איטאַליען, גאַנץ ענגלאַנד, און גאַנץ אַמעריקא, און איך האָב גוט געשטודירט די לאַגע פון „רבנים" — האָב איך דאָס גוט אויסשטודירט, און איך זאָג אייך

אַ צעהנטען מאָל, אַז נאָר פון די האַלבע געבלאָפטע „לומדים", און „סתם" פרומע, ליידען די „תלמידי חכמים", וואָס זיי קענען און וואָס זיי קענען ניט, אפילו מיט אויסגעטראַכטע פּליאָטקעס אויף זייער רב, טהוען זיי דאָס, אַז זיי קענען שוין גאָר ניט טהאָן דעם רב — פאַרשיטען זיי זאַמד אין אַלעמענס אויגען, אַז מען זאָל דער רב ניט שטיצען, מיט דער ערקלערונג זייערען, אַז דער „רב" איז גוט אָב, ער פערמאָגט פינף און צוואַנציג טויזענד דאָלאַר, נו, אַז ווי באַלד אַזוי, איך דאַך קיין „מצוה" ניט צו שטיצען דעם „רב", טאַקע אַזוי. אַז מען רופט אויף אַ אידען צו דער „תורה" און דער איד פערמאָגט צעהן טויזענד דאָלאַר, רעכענט ער זיך אַזוי — אַז דער רב איז רייכער פאַר איהם מיט פופצעהן טויזענד דאָלאַר, צו וואָס זאָל ער זאָגען „בעבור שנדר בעד הרב" —

מיט צעהן יאָהר צוריק, ערב פסח, קומט אַ פרומער איד צו מיר פערקויפען חמץ. איך וויים אַז ביי איהם אין שוהל איז דאָ דער און דער רב, דוקא מיינער אַ גוטער פריינד. פרעג איך איהם, ר' דוד, וואָס איז די „סיבה" אַז ביי אייער רב פערקויפט איהר ניט דעם חמץ?

מיין רב, — האָט ער אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגען, — ער האָט שוין געגוג, ער פערמאָגט פינף און צוואַנציג טויזענד דאָלאַר. איך האָב איהם געטרייט צו ערקלעהרען מיט „אותות ומופתים" אַז ער האָט אַ „טעות", — ער איז געבליעבען ביי זיינס. — אַ פּאָר מאָהל איז ער אַזוי געקומען צו מיר. נאָכהער מעהר ניט. דעם פערגאַנגענעם יאָהר האָב איך איהם אָנגעטראָפען, האָב איך איהם געפרעגט, וואָס איז דער מעהר, וואָס איהר קומט שוין ניט צו מיר? איך וויים, — זאָגט ער, — מען האָט מיר דערציילט, אַז איהר פערמאָגט פינף און צוואַנציג טויזענד טאָלער, געה איך פערקויפען דעם חמץ צו דעם און דעם...

אַט דעם ביישפּיעל האָב איך געקענט שרייבען. מעהר קען מען ניט, צוליעב די קאָסטען פון דרוק. נאָך אַמאָל די זעלבע, פון די גאַרטעלעך מיט די לאַנגע קאַפּאָטקעלעך. אַט פון זיי האָבען עס „צרות" די „תלמידי חכמים" — און נאָך זיי טאַנצען

נאָך די בורים׳לעך, די „עמי הארצים״לעך, אַז דער „רב״ ווערט ערוועהלט אין אַ שוהל, צו וועמען זאָל ער זיך לאָזען, מעהר ווי צו די, אַט די גאַרטעלעך, אַט די אָפּגעפּוצטע שיכעלעך — און זיי ריידען מיט׳ן „רב״ אַזוי גוט, אַזוי זיס, אַזוי טייער, אַזוי ליעב, אַז ער פערטרויעט זיי „סודותלעך״ — אויף דעם און דעם. און „דוד״ האָט עס פיינט געהאַט תכלית שנאָה, מעהר ווי די גרעסטע „חשעים״, „ועם נעלמים לא אָבוא״. די קליידער פון די פרומע איז אימער געווען קענטיג אַז זיי זיינען אַנדערש, גאָר אַן אַנדער שייפּ, ווי די קליידער פון די פּראָסטע (ברכות מ״ג) „גנאי לתלמיד חכם שיצא במנעלים המטולאים״. אין (תענית) „חזי לגברא דסיים מסאני אוכמא״ וכו׳. אַט זעהען מיר, אַז איבערהויפּט שיך פלעגען די אידען טראָגען אַנדערע, און איבערהויבט די פרומע...

מיינע טייערע! יעצט ווען מיר בעטראַכטען, אַז איינער זעהט זיך מיט אַזאַ מענשען, וועלכער טראָגט אַ גאַרטעל און ער טראָגט שיך, אַזוי ווי אַ צדיק געהט מיט שיכעלעך, מיט לאַנגע זאָקען ווייסע... וועט ער זיך היטען פאַר איהם? וועט איהם איינפאַלען, אַז דער צדיק איז אַ מערדער? געוויס ניט, האַ? איהר זייט „מסכים״. און עס איז טאַקע אַזוי...

אַט יעצט ווילען מיר אָבטיישען צוריק. נאָך אַמאָל די „הפטורה״, וואָס דוד איז אַזוי אויפגעבראַכט אויף דעם יואָב זיינעם. „וגם אתה ידעת״, און דו ווייסט דאָך אויך, „את אשר עשה לי יואָב בן צרויה״, דאָס וואָס יואָב האָט געטהאָן צו מיר, מיט דעם „אשר עשה לשני שרי צבאות ישראל לאבנר בן נר ולעמשא בן יתר״, דאָס וואָס ער האָט געטהאָן צו „אבנר״ און צו „עמשא״ „ויהרגם״ און ער האָט זיי דערשלאָגען, ער האָט זיי דערשלאָגען ניט ווי אַ געוועהנליכער „גזלן״, נאָר ער האָט זיך צוגעמאַכט צו זיי, „וישם דמי מלחמה בשלום״, און ער האָט געטהאָן די בלוט פון „מלחמה״ גאָר „בשלום״ צוגעמאַכט זיך צו זיי, און האָט גערעדט מיט זיי „בשלום״ מיט פריעדען, און זיי האָבען גאָר ניט געקענט פערשטעהן, אַז ער מיינט עט־וואָס שלעכטעס. ווייסטו שלמה, מיין קינד, פאַר וואָס? וואָ־

רום האָבען זיי זיך ניט געהיט פאַר איהם? ווייל „ויתן דמי מלחמה", ווייסטו ווי אזוי ער האָט פאַרגאָסען דאָס בלוט, פון די צוויי „צדיקים", „בחגורתו", מיט זיין גאַרטעלע... ער האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר זיי אָנגעטהאָן מיט א גאַרטעלע — אויף זיין זייט, אויף זיינע לענדען, א „חסיד'ל", „ובנעלו אשר ברגליו" און מיט די שיכעלעך, מיט די ווייסע לאַנגע זאָקען, ווי עס געהט א גוטער אידעלע... אָט מיט דער מיט, מיט'ן גאַרטעל, און מיט זיינע שיכעלעך און זעקעלעך, און, און, מיט זיין חסידיש פנים'ל האָט ער זיי דערשלאָגען... אוי גזלנים'לעך היינטיגע, פרומע גאַרטעלעך, מערדערלעך — פיינע גאַרטעלעך, זיידענע גאַרטעלעך, וויפיעל „רבנים", „דרשנים" פאַרגיסט איר די בלוט — „בחגורתם", מיט אייערע גאַרטעלעך... זעהט וואָס „דוד מ"ך ישראל" האָט געזאָגט צו זיין קינד שלמה. איך האָב גענוג און גענוג אויף וועמען אין כעס צו זיין זעהר פיעל... נאָר איך האָב אויף זיי קיין פאַראיבעל ניט — נאָר אויף יואב, וואָס ער איז גע־גאַנגען מיט אזא קונץ, מיט א פרומען פנים, אז יענע האָבען זיך ניט געקענט היטען פאַר איהם... „וישם דמי מלחמה", ניט מיט א שווערד, נאָר „בשלום", מיט צוצוגיר־מוציניו, מיט פרידען, און בחגורתו אשר במתניו...

דאַרפען אייערע קינדער לערנען און זיין א רב, אז ער זעהט פון אייך, פרומע אידען, ווי דער „רב" פלאָגט זיך, מיינע טייערע... איך זאָג אייך, אז עס איז אַלעס „אמת" דאָס וואָס איך האָב גע־שריבען. איך האָב געזעהען די צייטען א רב, וועלכער איז א גרוי־סער „דרשן" און ער האָט געקענט זיין אין יענער שוהל אייביג, האָט זיך געפונען איינער, זאָלען מיר אָנרופען א נאָמען „ג" — „ימח שמו וזכרו", האָט ער גענומען צו זיך זיינען זיהן „ימח שמם וזכרם" און זיי זיינען מיט אַלערהאַנד קונצען פטור געוואָרען פון איהם... מיינט ניט, אז עס איז איבערטריבען. ניין, בנעלו אשר ברגליו... ודו"ק.

„התחת אלקים אנכי, אתם חשבתם עלי לרעה
ואלקים חשבה לטובה."

אין א דאָרף, אין רוסלאַנד האָבען געוואָהנט צוויי אידען, א

שמיד און אַ קרעטשמער, וועלכער פלעגט האַנדלען אויך מיט פּרייסישע ספּירימ און קיין בילעט האָט ער אויך ניט געהאַט. דער שמיד האָט געהאַט אַ כעס אויף דעם קרעטמער, איז ער אַריין זיך קריגען מיט איהם. ווען דער שמיד איז אַריין, איז דאָרט געשטאַנען אַ גרויסע גלעזערנע באַטעל פון פיער טעפּ, מיט פּריי־סישע ספּירימ. דער שמיד האָט זיך מיט איהם זעהר צוקריגט, אַז ער האָט אויפגעהויבען דעם שטעקען איהם צו דערלאַנגען אַ קלאַפּ, האָט זיך דער קרעטשמער אָפּגערוקט, איז דער שטעקען געפאַלען אויפ'ן ספּירימ „כלי" און עס האָט זיך צובראָכען אין פּיצלעך, און אויסגעגאָסען די משקה. און פונקט אין דיזער מי־נוט איז אַריין אַן אַקציזניק, אָבער עס איז געווען צובראָכען, איז די רוסישע לאָו געווען ניט צוקענען מאַכען אַן אַקט, פּראָטאָקאָל, און עס איז גאָר ניט געוועזען. ווען ער וואָלט עס געפונען גאַנץ, וואָלט ער אַמווייניגסטען געהאַט פינף הונדערט רובעל צו צאָה־לען און טורמע (פּריזאָן) אויך.

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום האָט דער קרעטשמער גערופען דעם שמיד צו אַ דין־תורה, ער זאָל איהם באַצאָהלען פאַר דעם שאָדען פון די משקה. דער רב האָט אויסגעהערט די טענה פונ'ם תובע, און ער פרעגט דעם שמיד: נו, וואָס האָס איהר צו זאָגען?

איך האָב צו זאָגען, רבי, דאָס ווען איך וואָלט עס ניט צו־בראָכען, וואָלט ער אַן אומגליקליכער געוואָרען. אמת, טאַקע, איך האָב איהם געוואָלט דערלאַנגען אַ קלאַפּ און צו זיין מזל איז עס דער שטעקען געפאַלען אויפ'ן גלעזערנעם פלאַש, א. ז. וו.

דער רב האָט געקלערט אַ ווײַלע און אַרויסגעגעבען דעם פּסק אַזוי. ווייל אין אמת האָט ער געטראַכט איהם שלעכטס צו טהאָן, איז די שלעכטעס נאָר במחשבה, און אויף „מחשבה" קענען מיר מענשען ניט פאַרשולדיגען. און עס האָט זיך אויסגעלאָזען „לטובה" זיין „מחשבה רעה", קענען מיר איהם ניט פאַרשולדיגען אויף מחשבה. ער איז חייב „בדיני שמים", אָבער פּטור בדיני אָדם. איך בין קיין גאָט ניט, דאַרום ביזטו שמיד פּטור.

דאָס זעלבע ביי יוסף און די ברידער. זיי האָבען געטראַכט שלעכטס, אָבער עס האָט זיך אויסגעלאָזען זעהר גוט, זיינען זיי

חיים „בדיני שמים“, אָבער פּטור פון „דיני אָדם“ — זאָגט יוסף צו זיי: מיינע טייערע ברידער, „התחת אלהים אנכי“, אַז איהר זייט דאָך נאָר חייב בדיני שמים, בין איך דען גאָט, אַז איך זאָל אייך קענען באַשטראָפען. איך קען אייך גאָר ניט טהאָן, וואָרום איהר האָט דאָך נאָר „במחשבה“ מיר געטהאָן, אָבער „במעשה“ איז אַרויסגעקומען גוט. „אתם חשבת עלי רעה“, איהר האָט דאָך נאָר געטראַכט אויף מיר שלעכטעס, „ואלהים חשבה לטובה“. און גאָט האָט געטראַכט אויף גוטעס, וואָס קען איך אייך טהאָן, אַז איך זאָל אייך וועלען טהאָן אַפילו, מוז איך דאָך אָבטהאָן פּונקט ווי איהר האָט געטהאָן. אייך טהאָן אַ רעה און עס זאָל אַרויס־קומען אַ טובה. טאָ ווי קען איך דאָס וויסען וואָס עס וועט אַרויס־קומען דערפון, דאַרף איך אייך גאָר ניט טהאָן.

משלים ציצים ופרחים

צא

די גוטסקייט פון אלכסנדר דעם צווייטען

נאהנט צו ווילנא, אויף א פארם, האט געוואוינט א איד, אונטער א פריץ, וועלכער איז געוועזן א רשע. דער איד האט עפעס ניט אזוי מקיים געווען א משוגעת פון דעם פריץ, האט ער געהייסען זיינע ארבייטער, די פויערים, אז זיי זאלען איהם, דעם ארימען אידעל, אריינצייילען דרייסיג שמיץ. דאס איז געווען ווען אלכסנדר דער צווייטער איז דורכגעפאהרען ווילנא. האט דער איד געמאכט א פראשעניע, און האט זיך געלייגט אויפ'ן וועג, וואו דער קייסער דארף פארביי פאהרען אין דער בעשטימטער צייט. דער קייסער האט צוגענומען זיין פאפיר. און א יאהר צייט האט ער ניט געהערט קיין שום אנטווארט. ביי דער ענדע יאהר איז אראבגעקומען צום גובערנאטאר, פון אלכסנדר, אז דער גובערנאטאר זאל רופען דעם אידען און דעם פריץ און פארלייענען דעם גאנצען טרייעל, וואס דער ארימער איד האט געמאכט געגען דעם פריץ. און דער קייסער האט דערפאר בעשטראפט דעם פריץ, אז פאר יעדען שמיץ קומט דעם אידען טויזענד טאלער. און אזוי ווי דער ארימער איד האט בעקומען דרייסיג שמיץ, זאל ער דעם אידען געבען דרייסיג טויזענד טאלער.

און ווי דער איד האט באקומען די סומע פון פריץ, האט ער געמאכט א סעודה אין ווילנא פאר אלע זיינע פריינד, אויך פאר די רבנים און אזוי תלמידי חכמים, הרב הגאון החריף ר' יעקב יאזעף, דער ווילנער מו"צ, און שטאדט מגיד, איז אנוועזענד געווען אויף דער סעודה. אז עס איז געקומען אין מיטען דער סעודה, האט הרב הגאון הנ"ל געפרעגט דעם אידען: זאגט מיר, ר' דוד, זייט איהר יעצט א שונא דעם פריץ, אדער ניט?

רבי, איך מוז אייך זאגען דעם אמת, אז די שמיץ האב איך דאך שוין פערגעסען, און דער פריץ האט דאך מיר גורם געווען

אז איך בין יעצט אַ עושר גדול, הלואי וואָלט ער מיר דאַן גע־געבען נאָר צעהן שמיץ, וואָלט איך געהאַט יעצט נאָך צעהן טוי־זענד טאָלער.

רבותי! איהר ווייסט שוין אַז אין דעם נמשל בין איך ניט מאריך. דאָס קען איך נאָר אויפ'ן פּלאַטפאָרם, אָבער שרייבען און לאָזען דרוקען אַ גרויסען ספר, קען מען פון דרוקען קריגען די הדרוקן... נאָר עטוואָס מוז איך דאָך דעם נמשל מאַכען, איז ווי פאָלגט.

מיר אידעלעך האָבען דאָך אַ נאַטור, אַז ווען אונז איז גוט, געהן מיר אַראָפּ פון וועג. וואָס זאָל ער טאָהן מיט אונז. גיט ער אונז איבער אין די הענט פון חיות רעות אין מענשען געשטאַלט, בעסטיעס, און זיי שמייסען, רייסען, טוהען אונז אָן געברענטע ליידען. אָבער „השם יתברך שמו" וועט אונז אָבגעבען פאַר יעדער פּעני טויזענדער, פאַר יעדער שמיץ טויזענדער, און פאַר אונזער האָב און גוטס מיליאָנען. דאַן וועלען מיר זאָגען, הלואי וואָלטען מיר נאָך שמיץ געקריגען. וד"ל.

צב.

„קוק ניט צו־וויים"

קוק ניט צו־וויים אין דער צוקונפט. עס וועט דיר ניט קיין נוצען ברייננגען. פאַרזאָרג זיך ניט צופיעל מיט דעם יעצט, דען עס דויערט גאָר ניט לאַנג...

צג.

אַ גוטע עצה

אַ קאַרגער גביר האָט אָנגעטראָפען דעם דאָקטאָר אין גאַס. פרעגט ער דעם דאָקטאָר: איך בין זעהר שוואַך אויף די פיס — וואָס זאָל איך נעמען?

— נעמט די קאַר, מיין ליבער מאַן.

צד.

אַ גוטער רעכנונג און עקאָנאָמיש

— אייז זאַך שרעקט מיך אָב פון חתונה האָבען מיט דיר — האט געזאָגט דער געליעבטער צו זיין זיסע נשמה... — איך האָב מורא, אַז איך פערדיען ניט גענוג אויף צו פיהרען אַ הויז, אַז אַנ־שטענדיגע ווירטשאַפט... היינטיגע צייטען זיינען די עקספענסעס זעהר גרויס, און איך פערדיען בלויז טויזענד דאָלאַר אַ יאָהר...

— טויזענד דאָלאַר אַ יאָהר איז גענוג — האָט געענטפערט די זיסע נשמה — איך וועל דיר ווייזען אַ גענויען רעכנונג, סעם: טהעאַטער און אָפּערא דורכ'ן יאָהר וועלכען אונז קאָסטען ביי צוויי הונדערט דאָלאַר, מעהר ניט. עס איז גענוג. מען דאַרף לעבען עקאָ־נאָמיש... בלומען און קענדי ביז נאָך צוויי הונדערט דאָלאַר, האָסטו ערשט פיער הונדערטער... דרעסעס פאַר מיר וועט קאָסטען ביז פינף הונדערט דאָלאַר, האָסטו ערשט ניין הונדערט דאָלאַר. — בלייבט נאָך הונדערט דאָלאַר אויף העטס. אָט האָסטו טויזענד דאָלאַר... וואָס זאָגסטו אַז עס איז ווייניג?

צה.

די בעדייטונג פון די פּאַגראָמען

די בעדייטונג פון די פּאַגראַמען, ווען אַ קינד, אַ בייבעלע, צושרייט זיך, די בייבעלע טהוט עס וועה, נעמט די מאַמע אַ שטעקען און קלאַפּט דעם ביינקעל און שמייסט איהם: אהאַ, דו ביינקעל, דו וועסט שוין מיין קינד ניט שלאָגען. נאַדיר, נאַדיר. אזוי אַז עס איז עפּעס אַ צרה איז דער רעגירונג, וויל די רעגירונג ווייזען, אַז דער ביינקעל איז שולדיג, דער עם ישראל איז שולדיג אין הונגער, אָדער רעוואָלוציאָן, און מאַכט, אָדער לאָזט מאַכען פּאָגראָמען.

צו.

הערבסט

הערבסט, הערבסט, עס פאַלען די בלעטער. עס ברעכען די צווייגען, עס וואַלקען די בלומען, עס פאַרשווינדען די פויגעל, עס רוישען די טייכען און אַלעס טרויערט. דער הימעל פאַרוואַלקענט, די לופט איז קאַלט און עס שוידערט און עס ווערט אומעטיג, שטאַרק אומעטיג — (דער מענש אויף דער עלטער).

צז.

פאָטער און שטיף־פאָטער

„מה יפית ומה נעמת אהבה בתענוגים" — אַ פאָטער וויל איינ־געוואָהנען זיין קינד מיט אַ ברכה מאַכען. ברענגט ער דעם קינד אַן עפּעל אָדער אַנדערע פרוכט און ער מאַכט מיט איהם אַ ברכה. — אַ שטיף־פאָטער, אַ פרומער, ער וויל, אַז זיינע שטיף־קינדער זאָלען מאַכען אַ ברכה. היט ער אָפּ ווען עס איז אַ רעגען בויגען, ווען עס איז בליצען און דונערען, דאַ זמאַכט ער מיט איהם אַ ברכה... דער רבש"ע אונזער פאָטער וויל אונז געבען „כל טוב", און מיר זאָלען אָבער איהם דאַנקען, אַ ברכה מאַכען, אַז מיר זיי־נען גוט, גיט ער אונז, אָבער אַז מיר מאַכען קיין ברכה אויף גוטעס, מוזען מיר מאַכען אויף דונערען, פּאָגראָמען, רדיפות, און אַלע צרות — דו ביסט גערעכט דיין משפּט איז גערעכט. — זאָגט שלמה „מה יפת ומה נעמת", ווי שעהן און זיס און אַנגענעהם עס איז פאַר גאָט און פאַר דיר, אַז „אהבה בתענוגים" — ווען די ליבשאַפט איז מיט תענוגים, ניט מיט צרות, ניט מאַכען נאָר אויף דונערין ברכות.

צח.

אַ משל פאַר אַ הספד

אַ גרויסער גביר האָט געהאַט איין זוהן, וועלכער איז געווען מיט אַלע מעלות. אַז ער איז אַלט געוואָרען אַכצעהן יאָהר האָט דער גביר זיין פאָטער אויפגעזוכט פאַר איהם אַ כלה אַ גביר'ס אַ טאָכטער, וועלכער האָט צוגעזאָגט צו געבען פופציג טויזענד דאָלאַר נדן. און אַליין האָט ער אויך צוגעזאָגט צו געבען אַנטקעגען אַזאַ סומע. עס איז געווען אין גביר'ס הויז שמחה וששון. ווען דער שידוך איז געשלאָסען געוואָרען. עס איז געשריבען געוואָרען תנאים און מען האָט אָפּגעלעגט די חתונה אויף אַ האַלב יאָהר צייט.

אַז עס איז געבליבען צייט צו דער חתונה אַ פּאָר מאָנאַט, האָט דער גביר געשיקט רופען דעם גרעסטען שניידער פון שטאָט און האָט באַשטעלט ביי איהם קאָסטיומען פאַר דעם חתן, אַלערהאַנד נאָך יענער מאָדע פון יענער צייט. די מחותנים פוןביידע צדדים האָבען זיך געריכט אויף דער גליקליכער צייט פון זייערע טייערע קינדער און די שטאַטלייט האָבען שוין געוואַרט אויף דער גליקליכער חתונה. און ווען עס איז געקומען צוויי טעג פאַר דער חתונה איז דער חתן פּלוצלינג קראַנק געוואָרען און ווען מען האָט געבראַכט דעם גרעסטען דאָקטאָר פון שטאָט, האָט ער איהם באַלד אויפגעגעבען און ער האָט געזאָגט, דאָס ער איז פאַרלוירען. ער מוז היינט, אַלעם שפּעטסטען מאָרגען, ערב דער חתונה שטאַרבען.

און אַזוי איז געווען. ער איז געשטאָרבען אין דער צייט, ווען עס איז געוועזען באַשטימט די חתונה צו מאַכען. מיר קענען זיך פאָרשטעלען דעם טרויער, דעם אומגליק וואָס עס האָט פּאַסירט. דאָס איז ניט אימשטאַנד צו שילדערען קיין מענשען פאַרשטאַנד דעם גרויסען בראַך און קלאַפּ וואָס עס איז געוועזען. איבערהויפּט ביים חתן'ס עלטערען. און אויך ביי די כלה'ס עלטערען, און אויך פון ביידע צדדים די פריינד, אַפילו פון דער גאַנצער שטאָט. דער שניידער, וואוינענדיג וויים פון דעם גביר האָט עס גאָרניט גע־

וואוסט פון דעם אומגליק, האָט אָפּגעבראַכט די חתונה קליידער פון זייער זון — דעם חתן...

פריינדע, ניט איהר און ניט איך און ניט טויזענדער אַנדערע קענען שילדערען די מינוט וואָס עס איז פאָרגעקומען אין הויז, ווע זדער שניידער האָט אַריינגעטראָגען דעם בן־יחיד'ס חתונה־קליידער און דער בן־יחיד ליגט אויף דער ערד און מען נייט איהם די ווייסע תכריכים. (דעם נמשל קען יעדער צופּאַסען אַליין).

צט.

אַ משל פאַ רא הספד

ווען עס שטאַרבט אַ גביר און ער לאָזט איבער אַ גוטע ביד־נעס, די יתומים און די אלמנה וועט האָבען צום לעבען, אַפּילו אַ לקסוס־לעבען, פאַר דער פאַמיליע איז אויך אַפּילו אַ גרויסער בראָך. עס פעהלט זייער פאָטער, זייער אמת'ער גוטער פריינד, פאַר דער אַלמנה פעהלט איהר גוטער פריינד, איהר ליעבער פריינד, אָבער פרעמדע, פאַר זיי איז דאָס ניט אַזא גרויסער טרויער, ווייל זיי זאָגען אָה, עס וועט זיי ניט פעהלען... אָבער אַז עס שטאַרבט אַן אָרימאַן פון זעקס קינדערלאַך, וואָס ער האָט זיי מפרנס געווען אין דחקות און די קינדערלאַך זיינען נאָך קליינע און די אַלמנה בלייבט זייער פאָטער און מוטער — ווען אַפּילו אַ פרעמדער וואָס געהט פאַרביי דער „לויה" מוז אַ טרעהר לאָזען קוגענדיג אויף די יתומים'לאַך.

כך רבותי! אמאָל, אַז עס איז געשטאָרבען אַ גביר „בתורה ובחכמה", אַ „צדיק" און „גאון", איז ניט געוועזען אַזוי געפעהר־ליך וואָס צו וויינען, ווייל עס איז געבליבען די „אַלמנה" די תורה זייער רייך, און די קינדערלאַך, די קליינע האָבען געלערענט. זיי זיינען רייך געבליבען. אָבער יעצט, „בעונותינו הרבים", אַז עס שטאַרבט אַ גאון, אַ צדיק, און די אַלמנה קען ניט גענומען ווערען צו אַן אַנדער מאַן. זי בלייבט שוין אַן אַלמנה, ווייל זי האָט קינדער־לאַך, וועלכע הייסען ריכטיגע „יתומים", אָהן „תורה", אָהן „יראה", אָהן „חכמה", אָהן תבונה", אָהן „דעת" אָהן „יראת אלקים", אָהן

אַלעס, אַהן „דרך ארץ“. יעדער אין אַזאַ צייט דאַרף גיסען טייכען טרעהרען אויף אַזאַ אבדה (אמריך צו זיין).

ק.

דער גוטער און שלעכטער מענש

גוטעס טהאָן, זיינען די בלומען אויף דעם לעבענס-פעלד. זיי זיינען גוט פאַר די אויגען און געשמאַק צו געניסען. דער גוטער קלייבט די בלומען, קייקעלט זיך ביסלעכווייז אויף די ווייכע גרינע גראַז. די בלומען וויקלען ארום איהם אַ קראַנץ. אין זייער געשמאַקען ריח שלאָפט ער איין מיט איין זיסען שמייכעל. דער נאַר קלייבט די דערנער, צושטעכט זיך, צוקראַצט זיך אויף יעדען טריט, אומצופרידען געהט ער צו זיין עביגע רוהע, בעט.

קא.

אַ משל פאַר אַ הספד

איינער האָט געהאַט אַ שלעכטע פרוי, אַ וואהרע אשת רעה. ער האָט פון איהר ניט געקענט פטור ווערען. אַפילו איהרע זעקס קינדער האָבען געליטען פון איהר ביז גאָט האָט איהם באַפרייט פון איהר מיט דעם וואָס ער האָט איהר צוגענומען אויף דעם עולם האמת. אין אַ האַלב יאָהר צייט האָט ער גענומען אַ פרוי, אַ וואהרע „אשה טובה“. איהר נאָמען איז געוואָרען באַוואוסט, אַז זי איז אַ גוטע און אַ צדקניות.

איינמאָהל קומט אַריין צו איהם זיינער אַ פריינד, האָט ער איהם געטראָפען וויינענדיג. שטייטש, וואָס וויינט איהר? פרעגט איהם זיין פריינד, איהר האָט אָנגעוואָרען אַזאַ „רע“ און געקראָגען אַזאַ דיימאַנד? אמת, מיין פריינד, וועגען זיך האָב איך ניט צו וויינען, ווייל איך האָב געקראָגען אַ גוטע פרוי, און „השם יתברך שמו“ האָט מיר אַ גוטען בייט געמאַכט, איז איך פון מיינער זייט האָב טאַקע ניט וואָס צו וויינען. אָבער אַז איך גיב אַ קוק אויף

מיינע זעקס קינדער, אז זיי פעהלט די מאַמע זייערע, אַ שלעכטע מאַמע איז דאָך אַ מאַמע, אַ גוטע שטיף־מאַמע איז אַלץ ניט קיין מאַמע, אַז איך קוק אויף די יתומים, מוז איך וויינען...

אַז עס שטאַרבט אַ רב, אַ צדיק, זאָגען די חכמים, און דער דין איז מספּיד צו זיין דעם צדיק. אין גרונד איז דאָך אַ פראַגע. די חכמים זאָגען, אַז איידער דער צדיק שטאַרבט איז שוין געבאָרען אַן אנדער צדיק, וועלכער וועט פאַרנעמען זיין פּלאַץ, ווען ער וועט אויפוואַקסען. טאָ וואָס דאַרף מען וויינען? יאָ, פאַרצייטען איז טאַקע אַזוי געווען. אָבער היינט „דור יתמי דיתמי" אַ דור פון יתומים. (אַליין מאַריך צו זיין).

קב.

גוטעס געהט ניט אונטער

ח י י ם: — וואָס זאָגסטו, בעריל, איך האָב נעכטען געהערט אַ מגיד, האָט ער געזאָגט, אַז דער וואָס טהוט גוטעס געהט קיינמאָהל ניט אונטער. מיר זעהען דאָך, אַז זיי געהען אונטער?

ב ע ר י ל: — אמת, חיים, רעגעלמעסיג געהען זיי אונטער, אָבער ניט אויף עביג. די זוהן און לבנה, טהוען די וועלט גוטעס, דאָך געהען זיי אונטער, אָבער שיינען ווידער אויף, און דאָס וואָס זיי געהען אונטער דוכט זיך אונז, נאָר פאַר אונזערע אויגען. אַנדערשוועגען שיינען זיי אין דער צייט וואָס ביי אונז זיינען זיי אונטערגעגאַנגען.

קג.

וואָס איז דאָס לעבען?

וואָס איז דאָס לעבען? אַ ביסעל טרעהרען, אַ ביסעל שפּאַס — אַ ביסעל קנאה, אַ ביסעל האַס, אַ ביסעל ליעבע, אַ ביסעל לאַך, אַ ביסעל זיפץ, אַ ביסעל קלאַג, דער פאַרהאַנג פאַלט און אַ גוטען טאָג...

וואָס איז דאָס לעבען? אַ ביסעל שרעק און אַביסעל חלום, אַביסעל „מזל טוב" און אַביסעל עליו השלום, אַ ביסעל דאַנק, און אַ ביסעל וויץ, אַ ביסעל אַ טראַכט און אַ ביסעל מאַכט. דער פאַר־האַנג פאַלט און אַ גוטע נאַכט...

זעה נאַר! דעם מענשענ'ס לעבען איז אַזוי קליין, אַז עפּעס וואָס ענדיגט זיך אונטער אַ שטיין... דאָך איז דאָס לעבען אַ וויכטיגע זאַך, דאָס לעבען איז אַביסעל — און דאָך אַ סך!...

קד.

פאַר אַ הספד

וואָרום די אמת'ע צדיקים, לומדים, מופלגים, איז זיי אויף דער וועלט פינסטער, ביטער? פון „ר' חנינא בו דוסא" און ווייטער, ווייל גאָר פשוט. דער אינדזשעניער וואָס פירט אַלע געפּאַקטע קאָרס מיט וואָרע און אַלע רייכטימער איז ער פאַרשוואַרצט. אַט אַזוי איז עס מיט דער מנעשהייט. פון דעם צדיק, פון זיין זכות, ווערען אַלע געשפּייזט, דאָרום איז ער פאַרשוואַרצט.

קה.

ניט וואָס מען זוכט געפינט מען

שאול האָט געזוכט אייזלען און געפונען נביאים. היינט זוכט מען נביאים און מען געפינט — מעהרערע מאָהל — אייזלען.

די בימה

גאַנצע רעדעס אויף יעדען שבת

פון יעדער פרשה, פונקט ווי עס איז גערעדט
געוואָרען פון דעם מחבר אליין, מאמרים,
משלים, אפילו די „שיחת חולין".

יעדער ספר — אַ רעדע

נאָך דעם דרוש קומען משלים, ציצים ופרחים

פון דעם מחבר הרב הדרשן והמטיף המפורסם

יהודה ליב לאַזעראָוו

מחבר פון דברי יהודה, דגל יהודה, קול יהודה,
מטה יהודה, בית יהודה, אידישען רעדנער, ועוד.

חוברת י"ג

RABBI L. LAZEROW

1541—78th Street, Brooklyn, N. Y.

ניו־יורק — תרפ"ד

לעוואנט פרעס
479
185 2־טע סט., ניו יארק

פרשה שמות

„ויאמר משה אסרת נא ואראה את המראה הגדול הזה, מדוע לא יבער הסנה: וירא ה׳ כי סר לראות ויקרא אליו אלהים מתוך הסנה ויאמר משה משה, ויאמר הנני: ויאמר אל תקרב הלם של נעליך מעל רגליך כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא.״

ווען משה האט באטראכט דאס דער דארען ברענט און ער ווערט ניט פארברענט, האט ער געזאגט, איך וועל צוגעהן און זעהן דעם וואונדערליכען גרויסען וואונדער. ווארום ווערט ניט פארברענט דער דארען. און גאט האט געזעהן דאס ער געהט צו זעהן, האט גאט גערופען צו איהם פון דעם דארען און געזאגט צו איהם: משה, משה, געה דא ניט צו. טהו דאך אויס דיינע שיך פון דיינע פיס, דען דער ארט אויף וועלכע דו שטעהסט איז א היילינע שטיק לאנד...

(רש״י) „ואלה שמות בני ישראל וכ״ו נמשלו לכוכבים וכ״ו עי״ש״ — אידען זיינען געגליכען צו שטערען פון הימעל. יא! מיר זעהען דאס מיט אונזערע אויגען, אז מיר זענען געגליכען צו די שטערען פון הימעל. די שטערען זעהען מיר נאר ביינאכט. אמת, טאקע, אז די שטערען זיינען אויך בייטאג אין הימעל פאראן, נאר מיר קענען זיי ניט זעהען, ווייל עס איז צו ליכטיג. די זוהן מיט איהרע שטראהלען מאכען אז די שטערען זאלען זיך ניט זעהען. א כלל, אז אין ליכטיגקייט זעהט זיך ניט די שטערען און די וואס וילען זעהען די שטערען בייטאג, דארפען זיי זיך אראפלאזען טיעף, גאנץ טיעף אין דער ערד, דארט איז זיי גאנץ פינסטער. די זוהן מיט איהר ליכטיגקייט זעהט זיך ניט דארט, קענען זיי זעהען די שטערען.

דאס זעלבע זיינען די אידען בייטאג, ווען עס איז זיי ליכטיג,

בייטאָג ווען אויף זיי שיינט די זון, מיט איהרע שטראַהלען, די ליכטיגקייט פון ציוויליזאַציאָן, די ליכטיגקייט פון פרייהייט, די שטראַהלען פון דער זוהן, וואָס דאָס הייסט די בילדונג. דאַן זעהט מען זיי ניט אין דעם געשטאַלט פון אידען. מען דערקענט זיי ניט, אַז זיי זיינען קינדער פון די אבות הקדושים. קיין סימן ניט, אַז זיי זיינען דאָס הייליגע פאָלק. אויף זייער טהיר איז ניטאָ דער סימן, אַז דאָרט אין דעם הויז וואוינט אַ איד, ווייל עס פעהלט די מזוזה...

די קאָפּ זייערע איז ניט צו דערקענען, אַז דאָס איז אַ אידישע, ווייל די קאָפּ לעגט ניט תפילין. די קיטשען איז ניט צו דער־קענען, אַז זי געהער צו אַ אידישער פאַמיליע. די יונגע פּאָר פאָלק איז ניט צו דערקענען ווער זיי זיינען... די ליכטיגקייט, די פריי־הייט און די דאָלארס, דער עגל הזהב האָט צובראָכען די לוחות אַפילו... די עשרת הדברות אויף פּיצעלאַך.

אַנדערע זאָגען, אַז איד איז איד, אַ איד בלייבט אַ איד, און טיעף אין האַרצען זעהט זיך אידישקייט אין דעם אידען אויך... אמת, אמת, נאָך אַמאָהל אמת — עס איז ריכטיג, איך זאָג עס אויך. יאָ, אָבער מען דאַרף זיך באַגראָבען טיעף אין דער ערד צו זעהען די שטערען... דאָס הייסט דעם אידען. אַז מען זעהט ניט מעהר די זוהנען שטראַהלען, דאַן זעהט מען דעם אידען. אַז עס ווערט פינסטער, פינסטער נאָך מעהר, ווען ער ליגט טיעף אין דער ערד, הייבט ער זיך אָן אויסצורייבען זיינע פאַרשלאָפענע אויגען. די וועלכע עס דערזעהען איצט וואו ער איז און וואָס איז מיט איהם? פון וואַנען קומט ער? און וואָס איז זיין אַרבייט אויף דער וועלט? וואָס איז ער? אַ איד אָדער פון אַן אַנדער אומה?... און ער קוקט זיך אַרום אַז זיינע אויגען זיינען טונקעל... פון די זוהנען שטראַהלען געוואָרען, דאָס הייסט פון די גוטעס, און ער איז פאַרגאַנגען און פאַרקראָכען אין אַ בלאָטע... ישראל זעהט, אַז ער איז געגליכען צו שטערען פון הימעל, אַז דאַן איז ער אַ איד. ווען קען מען איהם זעהן אַלס איד — נאָר ביינאַכט...

אין אַ טרויעריגען „צחות" האָב איך געזאָגט, אויף דעם וואָס די גמרא זאָגט אין (ברכות ד') „השכיבנו כגאולה אריכתא דמיא"

די ברכה השכבינו איז ווי אַ לאַנגע גאולה גלייך, ווייל די גמרא האַנדעלט דאָרטען, אַז מען מוז „סומך" זיין „גאולה לתפילה" גלייך נאָך „גאל ישראל" שטעלען זיך „שמונה עשרה" און ניט מפסיק זיין מיט אַנדערע תפילות... רעדט זיך נאָכדעם פון „גאל ישראל", פון מעריב' זאָגט מען דאָך „השכיבנו" נאָך „גאל ישראל"? ענטפערט די גמרא „השכיבנו" איז ווי אַ לאַנגע "גאולה". עס הייסט ניט מפסיק געווען... האָב איך „סתם" אַ וויץ געזאָגט, אַז עס האַלט ביי אידען „השכיבנו ד' אלקינו", אַז דו גאָט ב"ה האָסט אונז שוין אַוועקגעלעגט אין צרות. נידעריג געמאַכט, אומגליקליך געמאַכט, אַראָפּגענומען פון אונז די אַלע גוטעס און פרייהייט, און ווי דער אידעלע ליגט טיעף נידעריג, דאַן הייבט זיך אָן ערוועקען ביי איהם די טייערסטע געפיהלען, דאַן דערזעהט ער די ליכטיגע שטערען, ווייל ער קוקט אויף דעם הימעל, און ער הויבט אָן צו דענקען וועגען זיין הייליגע לאַנד. ער הויבט אָן צו קלערען וועגען זיין גאולה, און דאַן איז אַ האָפנונג אויף דער גאולה פאַר דעם „נפש", דאָס איז איז „נשמה" האָט שוין אַ גאולה, הכלל „השכיבנו" איז „כגאולה אריכתא דמי", ודוק.

איצטיגע צייט, אַז מען טרעפט אָן אַ מענשען. העלאָו, וואָס מאַכט איהר? ווי געהט עס אייך? און ער ענטפערט זיינע ביזנעס ווי עס געהט איהם, ווי איז אידישקייט? אָט ווי מען קען. האַלט איהר שבת? ווי קען מען אין אַמעריקאַ האַלטען שבת. וואָס רעדט איהר? וואָס הייסט ווי קען מען? אַז מען וויל קען מען זאָג איך צו איהם, און איך וויין איהם, אָט דער און דער איז אויך אין די זעלבע ביזנעס, און דאָך האַלט ער שבת זיינע ביזנעס געשלאָסען. נו, זאָגט ער איז דאָך דאָ, וועט גאָט ניט באַנקראָטירען. יאָ, ער איז אַפילו גערעכט, גאָט וועט ניט באַנקראָטירען. ער האָט נאָך אידען אַזעלכע, וועלכע עס זיינען נאָך אָפּגעהיט אַפילו אין „דקדוקי מצות". ער האָט אידען וואָס געהען און עסען אָהן אַ העט, האָט ער אַזעלכע אידען וואָס געהען אין צוויי העטס, אַ העט מיט אַ יאַרמולקע. ער האָט אידען וואָס לעגען קיין „תפלין" ניט — האָט ער אויך אַזעלכע וואָס לעגען צוויי פּאָר „תפלין". ער האָט אַזעלכע וואָס טראָגען קיין „ציצית", איז דאָ אַנטקעגען אַזעל-

כע, וואָס טראָגען אַ „טלית קטן" און אויך אַלע פריה אַ „טלית גדול" — אַזעלכע אידען וואָס פרעסען „יום כפור" — האָט ער אַזעלכע, וואָס פאַסטען אַלע „תעניתים" און אַפילו מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, און אַזוי ווייטער.

אָבער וואָס טויג עס אַזאַ פאַרענטפערונג זיך, אַז גאָט וועט ניט באַנקראָטירען. נו, אַז איך קען ניט, דאַרום וועט די אידישקייט „חס ושלום" אונטערגעהן? „אמת", אַז די אידישקייט וועט ניט אונטערגעהן, אַז דו ביסט אַזאַ מענש, אָבער עס טויג ניט פאַר דיר, מיין ליבער איד, קיינער ווערט ניט זאָט מיט יענעם... און טאַקע אויף די רייד האָב איך אַמאָהל אין אַ דרוש זעהר לאָגיש ארומגערעדט דעם מאמר חז"ל אין (סוכה נ"ג) „אמרו עלין על הלל הזקן כשהיה שמח בשמחת בית השואבה, אמר אם אני כאן הכל כאן, ואם אין אני כאן מי כאן". זעהר שווער צו פאַרשטעהן, אַז דער גרעסטער „עניו" פון דער וועלט, פון „משה רבינו" ע"ה, ער זאָל זאָגען אויף זיך אויב איך בין דאַ אין „בית המקדש" דאַ, דאַן זיינען אַלע דאַ... און אויב איך בין דאַ ניט פאַראַן, איז קיינער ניטאַ... זיינען אַלע מענשען גאָר ניט, און דאָס איז ניט אַזוי שטאַרק פיין, קען דען דאָס זיין די מיינונג פון דעם הייליגען עניו „הלל"? אַז אַלע מענשען זיינען גאָר ניט, די וועלכע עס זיינען געקומען זיך „משמח" צו זיין, אויב ער איז ניטאַ... איז קיינער ניטאַ, און אַז ער איז דאַ, מעג קיינער ניט זיין, דאַן זיינען אַלע דאַ, היתכן?

איך האָב אַמאָהל ערקלערט דעם „מאמר", וויציג און אין „מוסר" אויף אַזאַ אַרט. מענשען וועלכע קומען אין שול און דאַווענען און שטעהען אַפילו אַ לאַנגע „שמונה עשרה" אויך, און דאָך איז זיי חושר צו זיין, אַז זיי דאַווענען ניט מיט גרויס „כוונה", ווייל זייער קאָפּ שוועבט גאָר וועגען זייערע ביזנעס, וועמען מען דאַרף געבען געלד, וועלכען קרעדיטאָר זיי דאַרפען אין גאַנצען ניט צאָהלען, און ווי די ביזנעס איז... גוט אָדער שלעכט, און אָפטמאָהל טראַכטען זיי וועגען דעם מען זאָל זיי „חס ושלום" ניט באַרויבען, מען זאָל זייערע ציערונג ניט צונעהמען. אָבער, ווען אַ אַרימאַן וואָס פאַרמאָגט גאָרניט נאָר די קליידער וואָס ער טראָגט

אויף זיך, דאָס פאַרמאָגט ער, קיין געלד און ציערונג האָט ער ניט, אַז ער קומט אין שוהל דאַווגען, ער קען דאַווגען מיט גרויס „כוונה", ווייל אַז ער איז געקומען אין שוהל, האָט ער אַלעס מיטגענומען אין שוהל. דער „גביר" אָבער האָט אַלעס ניט מיטגענומען.

„הלל" איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן. קוקט אַליין אין (מ"ס יומא, דף ל"ה) די אָרימקייט פון הלל' דארום האָט הלל ביי דער „שמחת בית השאובה" אימער געזאָגט צו די איבעריגע: איהר אַלע זייט וויסען, אַז עס איז ניט גלייך מיין פרעהליכקייט צו אייערע פרעהליכקייט. ווארום איהר האָט איבערגעלאָזען אייער פאַרמעגען אין הויז, דארום קען ניט זיין אייער „שמחה" פאַרפול. איהר שרעקט זיך פאַר אַ פייער, איהר שרעקט זיך פאַר גנבים, איהר האָט מורא פאַר פייער און פאַר וואסער, אָבער איך „אם אני כאן", אַז איך בין דאָ פאַראַן, האָב איך קיין זאַך ניט איבער־געלאָזען אין הויז, נאָר „הכל כאן", אַלע מיינע זאַכען איז דאָ פאַראַן. איך האָב גאָרניט וואָס צו זאָרגען. אָבער „ואם אין אני כאן" אַז איך בין דאָ ניט פאַראַן, נאָר איהר זייט דאָ פאַראַן, און אייער קאָפּ דרעהט, אייערע „מחשבות" פליהען, אין אייער סטאָר, אָדער שאָפּ, אָדער פעקטאָרי, זייט איהר דאָך דאָ ניט פאַראַן נאָר דאָרטען, טאָ — „מי כאן" ווער איז דאָ דאָ...

דער וויץ אָדער „אמת" געהערט ניט צו אונזער געדאַנקען. אַלזאָ, לעזט איצט דאָס וואָס איך וויל אייך ערקלערען אַ זעלטע־נעם לאָגיק אין דעם מאמר, און עס וועט אָפּשפּיגלען פאַר אייערע אויגען אזא בילד, דער וועלכער איהר מוזט צוגעבען, אַז עס איז אמת, ריכטיג אָנגעמאָסטען צו אונזער נאַטור...

עס טרעפט אין ניו יאָרק, אַז אַ גרויסער און גוטער אינסטי־טושאַן דרוקט הענדבילס און מען צוטיילט ביי צוואַנציג טויזענד, אַז עס ווערט פאַרלאַנגט פון די לייטע מען זאָל זיך צוזאַ־מען קומען אין דעם און דעם פּלאַץ צו אַן „אסיפה", אום זיך צו בעראַטהען פאַר דעם און דעם צוועק, און אַלעמען געפעהלט די זאַך, אַלע זאָגען גוט! עס איז אַ „דבר גדול", אַ „יושר" אָנוועזענד צו זיין. טאַקע ריכטיג, מען דאַרף און מען מוז זיין... טרעפט דאָ מעהרערע מאָהל אַז איהר זאָלט באַזוכען די פאַרזאַמלונג, וועט

איהר געפינען ,אז אלעם העכסטען איז פאראן געקומענע ניט מעהר ווי צעהן „מנינים“ און אפטמאהל נאך ווייניגער פון דער צאהל.

איז דאך א פראגע ווי קומט עס, אז יעדען איז געפעלען, טא ווארום פון צוואנציג טויזענד לעזער זאלען זיין אזא קליינע צאהל באזוכער? וועל איך אייך ערקלערען, וואס דאס באדייטעט, און איהר וועט זעהען, אז אין אייך אליין איז טאקע די נאטור, וואס עס איז אייך „גורם“ איהר אליין זאלט ניט זיין פארטראטען צו דער „דבר גדול“, וואס איהר אליין זייט „מסכים“, אז עס איז א „דבר גדול“ און דאך קומט איהר ניט.

דער שטייגער איז, אז יעדער מענש, דער וואס לעזט די אד־ווערטייזמענטס, זאגט ער „אמת“, עס איז א „דבר גדול“, אבער אז איך וועל ניט זיין וואס איז, עס וועט זיין גענוג אהן מיר אויך, ווייל איך האב קיין צייט ניט צו געהן. איך דארף מארגען אויפשטעהן גאנץ פריה צו ביזנעס.

און ער מיינט טאקע, אז ער אליין זאגט עס. ניין! נאך און נאך זאגען אזוי. כמעט אלע טוען אזוי. ווער קומט טאקע, די וואס האבען ניט קיין ביזנעס, די וואס האבען ניט קיין באשעפטיגונג, די אלטע וואס זיצען שוין אויף קעסט ביי די קינדער. אלזא, פון צוואנציג טויזענד העגדבילס, קומען אראפ אין גאנצען א פאר הונדערט, און די פאר הונדערט זיינען ניט קיין געבער, נאר מעהר זיינען זיי נעהמער. דארום האט דער אינסטיטושאן אזא „פנים“.

נאך א געוואוינהייט האבען אונזערע ברידער. אז זיי קומען שוין צו דער שוהל, וואו די פארזאמלונג דארף זיין, דאן עפענט ער די טיר און גיט א קוק ווי פיעל עס זיינען דא אין שוהל, און אז ער זעהט, אז עס איז ניטא פיעל, זאגט ער אה! עס איז נאך קיינער נישטא, געהט ער אוועק... שטייטש, חכם מיינער, אז דו טהוסט אזוי וועט דאך דער אנדערער אויך פילייכט אזוי טהאן, און ניט אריינגעהן, אבער אז דו וואלסט זיך אפשטעלען, וואלט יענער, דער צווייטער, וואס קומט נאך דיר אויך זיך אפשטעלען. אט אזוי איז אונזער געוואוינהייט, זאגט „הלל“, אז ער טהוט ניט אזוי. ער זאגט, קוים רופט מען צו געהן דארף איך געהן, און אז איך וועל געהן, וועלען אלע געהן. און אז איך וועל זאגען אה!

נו, וואס וועט זיין, אז איך איינער וועל ניט געהן, וועלען אנ־דערע אויך אזוי זאגען און ניט געהן. טא ווי דארף יעדער זאגען „אם אני כאן", אויב איך בין דא... איך קום דא, און יעדער זאל אזוי זאגען. דער איך. אויב איך בין דא, דאן וועט זיי, אז „הכל כאן", וועלען אלע קומען און זיי וועלען זאגען אלע מוזען זיין. אבער אויב איך זאג „אם אין אני כאן", אויב איך בין ניטא דא, נו, וואס איז, קיין בייז ניט, אז איך וועל ניט אנוועזענד זיין. „מי כאן". ווער וועט דא זיין, וועט דאך קיינער ניט זיין. אלע וועלען ניט קומען, אז יעדער וועט זאגען: נו, וואס איז, אז איך איינער וועל ניט קומען.

מיינע פריינד! דאס איז דער אומגליק מיט אונזער אידענטום, וואס ער איז אזוי נידריג געווארען, ווייל ער ענטפערט מיר, נו, וואס קען איך העלפען, אז איך קען ניט האלטען שבת... וואס זאל איך טהאן, אבער „כי לא אלמן ישראל", עס איז דא פיינע און פרומע אידען, „חכם מיינער, אז דו זאגסט אזוי וועט יענער אויך זאגען אזוי. יעדער איך דארף זאגען, אז איך וועל זיך מאכען אט אזוי קאלעמוטנע — ווי מען רופט עס אין מאמע לשון — וועט דאך יענער, ער איז דאך אויך נאר איין „איך", אויך אזוי זאגען. נו, וואס וועט פון די אידישקייט זיין אז אלע וועלען אזוי זאגען...

איך טרעף אן מיינעם א לאנדסמאן, א יונגערמאן, וועלכער איז אין רוסלאנד געוועזען פון זעהר פרומע עלטערען, און ער איז דא אין קאלאמבוס'עם מדינה אויסגעטאן אין גאנצען. פרעג איך איהם שטייטש וואס איז דער מעהר מיט דיר? נו, זאגט ער גאנץ גע־לאסען, וואס דענקט איהר, אז אלע קענען זיין אין אמעריקא אזוי ווי איהר אדער ווי אנדערע אידען, וועלכע זיינען פרום. איך קען דאס ניט און די אידישקייט וועט ניט אונטערגעהן „חס ושלום" אז איך וועל ניט זיין פרום. אדער איך וועל מיינע קינדער ניט לערנען קיין אידישקייט. „כי לא אלמן ישראל", נישקשה, גאט וועט ניט באנקראטירען און איהר דארפט זיך אין גאנצען ניט אננעהמען פאר גאט.

הערט זיך איין מיין ליבער איד! דאס וואס איהר טהוט

שלעכטעס, זייט איהר פלייכט געדעכט, אז איך דארף מיט אייך זיך ניט קריגען, ווייל וואס קען מען טהאן. ווען איינער טרינקט זיך און ער לאזט זיך ניט ראטעווען, אבער דאס וואס איהר דער־טרינקט די קינדער אייערע, דאס טאר מען ניט דערלאזען. איך מוז אייך זאגען, אז עס וועט קומען א צייט, ווען איהר וועט „חרטה„ האבען אויף אייערע „מעשים רעים" און איהר וועט וועלען „תשובה" טהאן, אבער מען וועט אייך ניט לאזען „מן השמים", ווייל איהר זייט א „חוטא ומחטיא את הרבים" (יומא פ"ז) און אין אבות „חטא ומחטיא את הרבים אין מפסיקין בידו לעשית תשובה" — און איהר פיהרט איבער אייערע קליינע קינ־דער, דאס וועט אייך „גורם" זיין, אז איהר וועט שוין ניט קענען תשובה טהאן. און ווי שלעכט איהר זייט, דאך ווען איהר וואלט געלערענט אייערע קינדער, און נאך אייער טויט, ווען אייערע קינ־דער וואלטען א קדיש געזאגט, א „ברכו" געמאכט, פאר אייער „נשמה", וואלטען זיי אייך גליקליך געמאכט. איצט ניט גענוג, וואס זיי וועלען אייך ניט טהאן קיין גוטס, וועלען זיי אייך נאך טהאן שלעכטעס. זיי וועלען אייך צולעגען יסורים גענוג, ווייל איהר האט זיי „גורם" געווען, איהר האט אייערע קינדער אפגע־טויטעט.

יעצט, טייערע יונגערמאן, וועל איך אייך ווייזען א „מאמר" חז"ל אין (ברכות ה') ביי דעם דיוספיוט פון די „סבי דבי אתונא" מיט „ר' יהושע בן חנניא" פרעגען זיי ביי איהם: „ורציצא די מית מהיכא נפיק רוחיה? אמר להם מהיכא דעאל" א הינדעלע, ווען זי שטארבט אפ, נאך אין איי זייענדיג, פון וואנען איז ארויס די נשמה? ענטפערט ער זיי פון וואנען זי איז אריין. אמת, אז ר' יהושע האט געענטפערט פינקטליך זייער פראגע, אבער עס זעהט אויס עפעס ווי נארישקייטען אזא פראגע מיט אזא ענטפער, נאר מיינע טייערע, עס איז גאר פשוט.

זעהט און באטראכט ווי מיר האבען געלערענט אין חדר, דאן, ווען אונזער עלטערען האבען אונז אוועקגעגעבען לערנען. עס איז אונז גאר ינט שווער געווען צו זיצען פון ניין אין דער פריה ביז אכט אין אבענדס. די געשרייען פון רבי'ן אליין, איז געוועזען

נענוג פאַר אַ קינד ניט צו וועלן גיין לערנען און פון יעדן קניפּ און ריס פון רבי'ן האָט געדאַרפט דאָס קינד אַנטלויפן פון חדר ווי פון אַ פּעסט. צום ענדע זיינען מיר געגאַנגען אין חדר און געלערנט און מען האָט טאַקע זיך אויסגעלערנט.

יעצט דאַרף דאָס קינד גיין אין „חדר" אַ שטונדע און אַפּט־מאָהל אַפילו דאָס אויך ניט, און די ווייל, וואָס דער קינד לע־רענט, קוקט זיך צו ווי דער קינד זיצט, וועט איהר זעהן, אַז די קעפּעלע זיינע איז אַנגעשפּאַרט אויף זיין הענטעל... מיט איין אייגעלע קוקט ער דורך דעם פענסטער און די צווייטע אייגעלע אביסעל אויף דעם „מלמד" און אַביסעל אין סדור. פרעגט איהם וואָס ער האָט געלערנט, וועט ער אייך אָנקוקן מיט אַ פּאָר אויס־געגלאָצטע אויגען און ער ווייסט אַפּילו ניט „בין ברוך מדרכי לארור המן". ער קען אָפּלערנען צעהן „זמנים" און ערשט קענען ביז יו"ד אין „אלף־בית" פּאַר וואָס איז דאָס? וואָרום איז דאָס?

וועל איך אייך גלייך זאָגען, ווער אין דעם זיינען שולדיג. ניט די קינדער, נאָר די עלטערען. זיי האָבען שוין פאַר'מיאוס'ט דעם לערנען דעם קינד שוין מיט אַ פּאָר מאָנאַט בעפאָר ער איז גע־בוירען. ווי אַזוי פרעגט איהר, וואָס הייסט נאָך בעפאָר ער איז געבוירען? וועל איך אייך טאַקע ערקלערען. דער מדרש דערצעהלט דאָס ווען די טאָכטער פון „פּרעה" האָט אַרויסגענומען דעם קינד „משה" פון קעסטעלע, האָט ער זעהר געוויינט. האָט זי פאַרשטאַ־נען, אַז געוויס איז ער הונגעריג. ער איז פאַרשמאַכט. ווער ווייסט וויפיעל שטונדען דאָס קינד איז שוין אַרומגעשוואומען אויף דעם „ים סוף". האָט זי איהם געגעבען זייגען. משה'לע האָט אַ קוק געטהאָן אין איהר פנים און אָפּגעדרעהט די קעפּעלע און נעמט ניט די ברוסט שטייטש, וואָס די געצענדינערקע, וואָס זי האָט גע־פרעסען, איהרע „מאכלים" „טריפה" און די „גמרה" זאָגט אין (בכורות דף ו') „דם נעקר ונעשה הלב". אַלזאָ אַזוי טראַכט זיך משה'לע איך וועל ניט טרינקען איהר מילך, וואָס ווערט פון איהרע בלוטען, וואָס די בלוטען ווערט פון איהרע „מאכלות אסורות". ניין! ניין! דער רחמנות פון דער פרינצעסין וועלכע זי האָט גע־קראָגען אויף דעם קינד, וואָס דער רחמנות איז געוועזען אַ הימעל־

שער, געשיקט געוואָרען צו איהר דירעקט פון הימעל, האָט איהר ערוועקט זי זאָל רופען איינע נאָך דער אַנדערער זויגענדיגע פרויען. איבער דריי הונדערט און משה'לע דער פאַרשמאַכטער, האָט ניט גענומען זייגען פון קיינע.. ווי איז דאָס, פאַרשטעהט איהר?

דאָס איז גאָר פשוט. די „קדושה" ווי אַזוי משה'לע איז געבוירען. דער אָפּהיטען זיך פון זיין מוטער „יוכבד" אין איהר „מצוה", וועלכע זי האָט „נדה" און די הייליגקייט פון „עמרם". עס פאַרשטעהט זיך אַליין מיט וואָס פאַר אַ הייליגקייט זי האָט די זיבען מאָנאַט פון איהר שוואַנגערען זיך אָפּגעהיט פון עסען. ניט קיין עסען וואָס עס איז ניט כשר, און נאָכהער די דריי מאָנאַט וואָס זי האָט איהם געהאַלטען ביי זיך. מען קען זיך גאָר ניט פאַרשטעלען ווי ביי „עמרם" דעם צדיק אין הויז, וואָס פאַר אַ הייליגקייט עס איז דאָרט געווען. דאָרום איז משה געבוירען מיט אַזאַ גרויסע „קדושה". איצט דערמאָנט זיך וואָס פאַר אַ הייליגקייט עס איז געוועזען אין יעדען אידישען הויז, וואו מען איז געוועזען אָפּגעהיט אין אַלעס. „דרשות" און דאַווענען, און תהלים. ביי אַנדערע אויך לערנען. אַלזאָ איז דער קינד געבוירען מיט „קדושא". און אַזוי ווי די עלטערען'ס פיהרונג מיט זייער געדאַנקען צו אַלעם, אַט אַזוי איז געבוירען דאָס קינד, און אַזוי האָט ער אָנגעפאַנגען געהען אין „חדר", און אַזוי איז ער געוועזען אַרום גערינגעלט מיט אַן אַטמאָספערע פון הייליגקייט, געגאַנגען אין גאַס, געזעהען ווי אידען, אפילו קליינע קינדער געהען דאַווענען. געהערט און געזעהען נאָר הייליגקייט. דאָרום איז דער קינד אויך געווען הייליג. ער האָט געלערענט און פאַרשטאַנען וואָס ער לערענט. און זאָ ווייטער. די עלטערען האָבען "גורם" געווען די הייליגקייט דעם קינד.

יעצט וועלען מיר עטוואָס זעהען. די אַמעריקאַנער עלטערען און פון זיי וועלען מיר פאַרשטעהען די קינדער זייערע. נאָר זעהר קורץ וועל איך שילדערען, ווייל אין דעם דרוש איז ניטאָ קיין פּלאַץ דאָרויף. די יונגע ווייבעלע ווי זי היט זיך אין די דריי „מצות" וועלכע זי איז פאַרבאָטען... ווייסען מיר אַלע. אין

„כשרות" ווי זי איז געהיט פאַרשטעהען מיר זעהר גוט. פון „שבת" איז אפּגערעדט. דאַוונען זעהט נאָכהער דאָס קינד אַפילו פון זיין פאַטער, אויך ניט. אויב יאָ, איז אויך אַז אַד און וועה... אין סטריט, קיין "קדושא" איז געווים ניט פאַראַן. איבערהויפּט טויטעט אָפּ דעם קינד זיין נשמה'לע, ווייל זיי זיינען ניט געהיט אין „טהרת המשפחה" — ווי די גמרא זאָגט אין (שבת ל"א) „על ג' עבירות נשים מתות על שאינן זהירות בנדה", וכ"ו. איבער דריי „עברות" טויטען אָפּ די פרויען זייערע קינדער, „נשים מתות" די פרויען טויטען זיי אָפּ גלייך „בשעת לידת'ן", באַלד ווי זיי האָבען דעם קינד געבוירען... „על שאינן" וכו.

דאַרום איז דער אַמעריקאַנער קינד גאָר ניט שולדיג, נאָר ווער האָט איהם אַבגעטויטעט, נאָר זיינע עלטערען. ער איז שוין געבוירען געוואָרען טויט, אָהן אַ גייסט. אָדער נאָך מעהר, נאָך איידער ער איז געבוירען... פרעגען זיי ביי רבי יהושע בן חנניא: ורציצא דמית", אַז די פייגעלע איז געשטאָרבען נאָך בעפאָר עס האָט זיך אויסגעפּיקעט פון דער איי. זיי פרעגען ניט אויף דער הינדעלע... מיט דעם האָבען זיי ניט צו טהאָן, נאָר זיי פרעגען דאָס אויף די קינדער. וואָס איז דאָס עפּעס, אַז אַנדערע קינדער זעהט מען, אַז זיי טויגען גאָר ניט. מען זעהט אַז עס איז אין זיי קיין לעבעדיגקייט, דאָס זיי פערנעמען ניט וואָס זיי לערנען. זיי זייגען אַבגעשטאָרבענע נאָך בעפאָר זיי זיינען געבוירען. „ורציצא דמית" פון וואַנען נעמט זיך דאָס? אַזאַ זאַך, „מהיכא קא נפקא רוחיה", פון וואַנען, צוליעב וועמען, איז שוין אַרויס זיין רוח פון דעם קינד? ענטפערט ער זיי „מהיכא דעאל", פון די וועמען ער איז באַשאַפען געוואָרען, פון די עלטערען! זיי האָבען דאָס „גורם" געוועזן, אַז דער קינד זאָל זיין אַ אָפּגעשטאָרבענער נאָך בעפאָר ער איז געבוירען געוואָרען.

אַמאָהל איז געוועזן אַן „אפיקורוס", דער וועלכער עס האָט כּאַטש געקענט לערנען און אַנדערע „חכמות". מיט אַזאַ מענשען האָט מען נאָך געקענט פאַרברענגען. דער וואָס האָט געוואוסט דעם אָנזאָג פון תנא אין (מ"ס אבות) „ודע מה שתשיב לאפיקורוס" דער האָט געקענט רעדען מיט איהם.

היינטיגע אפיקורסים, ניט פאר אונז גערעכט, „בורים“, „עמי הארצים“ און אויף פראסט מאמע לשון, גראבע יונגען, באד יונגען, „בהמות“ אין מענשען געשטאלט, קענען אפילו מיט קיין מענשען ניט רעדען, האבען קיין פארשטאנד פון א מענשען, זיי זיינען נאר לעזער פון א בעוואוסטער ראדיקאלער צייטונג, אויך מיט גרויסע שוועריגקייטען, אט די „בהמות“ זיי זאגען, אז עס איז קיין גאט ניטא. נייע פילאזאפען, אויך מיר קנאקערס, פון זיי וויל איך גאר ניט ריידען, איך וויל זיי גאר ניט מאכען פאר א עפעס און אמאהל דערמאנען אין מיינעם א „דרוש“ — און גע־ווים ניט שרייבען פון זיי...

נאר מיט די ערשטע וועל איך יא ריידען, און טאקע זיי דער־צעהלען, אז אזוי ווי זיי קענען יא עפעס, טאקע נאר עפעס, וועל איך זיי ווייזען א גרעסערען מענשען פון זיי. זיי וועלען מיר גע־ווים באטש דאס צוגעבען, אז משה דער „קדוש ה׳“ איז מעהר „חכם“ פון זיי. און דאך אז ער האט מיט זיין שכל געוואלט אין א זאך קלעהרען, וואס ער קען קלעהרען און אז ער קלעהרט, קען ער ניט אראפ פון די טרעקס, ווען „משה רבינו“ האט דער־זעהען דעם דארען ברענען דריי טעג, און דער דארען ווערט ניט פארברענט, האט ער גאנץ גוט פארשטאנען, אז דאס ווייזט אויף דעם „עם ישראל“ וואס ער איז אזוי ווי א דארען אין די אויגען פון די „מצרים“ ווי דער מדרש זאגט „ויקוצו מפני בני ישראל“ „שהיו כקוצים בעיניהם“, און ער זעהט „והנה הסנה“ און דער דא־רען, דער „עם ישראל בוער באש“ ברענט אין א העלישען פייער. מען ארבייט מיט זיי טאג און נאכט, מען קוילעט זייערע קליי־נינקע קינדערלאך אין גרויסע צאהלען, פאר „פרעה“ דעם קרע־צעדיגען, אין די וואנעס, וואס מען מאכט פאר איהם. מען מויערט אריין אין וואנט זייערע קינדער, צו פארפילען די צאהל פון די ציגעל, וועלכע זיין פאטער האט פארפעהלט, צוליעב זוכען שטרוי, אדער צוליעב דעם „שבת“, וואס דער איד אין „מצרים“ האט שוין געהיט. ער זעהט „והנה הסנה בוער באש“, דאס דער דארען, דער איד, ברענט, „והסנה איננו אוכל“ און דער דארען ווערט ניט פאר־ברענט. דער איד אין אזעלכע אומשטענדען ווערט ניט פארניכ־

טעט, אין געגענטייל, ער זעהט, אז זיינע ברענער ווערען פאר־ברענט. די וואס ברענען איהם ווערען פארניכטעט. די אלע נא־ציאנען וואס ברענען דעם דארען, וואס זיי זיינען דער פייער, און דער איד, דער דארען, צום סוף זעהט ער אז דער דארען פאר־ברענט גאר דעם פייער. „והנה הסנה" א נייעס זעהט ער אז דער דארען „בוער באש" ברענט דעם פייער. און זיי אונזערע פייערען ווערען פארניכטעט און זיי אליין בלייבען גאנץ „והסנה איננה אכל"...

וואונדערט זיך משה וואס איז דאס? ווארום איז דאס? וואס פאר א קראפט ליגט אין איהם? אין דעם דארען. ווי איז דאס מעגליך, אז אזא הייפעלע דערנער זאלען ניט קענען פארניכטעט ווערען פון דעם גרויסען פייער פון די „מצרים"?

דאן שרייט אויס „משה", אט יעצט איז די צייט, וואס איך וועל מיר אריינטהאן אין א „חקירה אלקות" און זיך דערנעהענ־טערען צו „אלקות" מיט מיין „שכל". און איך מוז דערקלערען זיך, גרינדליך פארשטעהן. „אסירה נא ואראה", איך וועל צוגעהן נעהענטער מיט א גיכען טריט, דאס הייסט מיט א גיכערען ער־קלעהרונג, ניט אפלייקענען, נאר אויף אמאהל ערפאהרען די גאט־הייט. דאס קען דער קלענסטער מענשעלע פארשטעהן, אז דא ליגט די גאטהייט אין דעם דארען... וויבאלד עס ווערט ניט פארברענט. ווארום ווער האלט אפ דעם פייער צו פארניכטען דעם דארען, און נאך מעהר, דער דארען בלייבט גאנץ און ער טראמ־פעלט אויף די „קברים" פון זיינע ברענער. יא! דאס פארשטעהט אפילו דער גרעבסטער, אז דאס איז גאטהייט.

אבער איך וויל אויף אמאהל דערגעהן וואס איז דער קראפט פון גאט, דעם וועלכען ער האט אריינגעגעבען אין דעם דארען ער זאל נישט פארברענט ווערען? דאס מוז איך באלד ערפאהרען... „ויאמר משה אסורה נא ואראה מדוע לא יבער הסנה"?

„וירא ה' כי סר לראות", און גאט האט דערזעהען, אז ער קעהרט אפ צו זעהן, ער וויל זעהן אויף אמאהל די גאטהייט פון דעם, האט גאט ב"ה איהם אפגעהאלטען. „ויאמר משה, משה" מיט א גרויסער איבערראשונג צו משה'ן, מיט צוויי מאהל אויס־

שרייען „משה“ „של נעליך מעל רגליך“ טהו דאָך אויס דיינע שיך פון דיינע פיס, וואָס איז דאָס די בעדייטונג? אַז ער דאַרף אויסטהאָן די שיך?

איך האָב געלעזען אין אַ בוך פון איינעם אַ גרויסען נאַטורפאָרשער, דאָס ווען אַ מענש געהט אויף ווייכען גראָז אָהן שיך געהט ער אַ פינפטעל מאָהל גיכער ווי מיט שיך. און אָבער, ווען ער געהט אויף אָפּגעשניטענע „תבואה“, וואו עס איז געבליבען די שטרויעלעך אין דער ערד, אַז ער געהט מיט שיך, געהט ער נאָך אַמאָהל אַזוי גיך ווי ער וואָלט געהן אָהן שיך, ווייל אַז ער געהט אָהן שיך, מוז ער שאַרען די פיס, ניט הויבען די פיס.

אין דעם זעלבען בוך, האָב איך געלעזען ווי ער שילדערט דעם „מדבר“ וואו משה איז געשטאַנען. דאָרט איז געפעהרליכע שטעכעדיגע גראָזען פאַראַן, אַז אַ מענש קען ניט געהן באָרוויס אין גאַנצען אין יענעם געגענד, און אויב ער זאָל געהן באָרוויס, דאַן מוז ער געהן גאַנץ לאַנגזאָם, ווייל עס איז אוממעגליך צו געהן שנעל...

אָט דאָס איז די הייליגע „מליצה“, ווען „משה“ זאָגט, אָט מאַך איך דאָס שנעל, איך לויף צו זעהען ווי דער דאָרען ברענט, און ווערט ניט פאַרברענט. דאָס וואָס גאָט וועיזט מיר, אַז דער איך וועט ניט פאַרניכטעט ווערען קיינמאָהל. יאָ, איך מוז דאָס ערפאַהרען די גאָטהייט וואָס דאָס איז?

זאָגט גאָט צו „משה“, העי מיין טייערער משה, זיי וויסען, אַז אין גאָטהייט, אַפילו דו, וואָס דו ביסט אַזאַ גרויסער מענש, טאָר מען ניט געהן צו גיך. מען קען גע׳הרג׳עט ווערען. ניין, „משה“, לאַנגזאָם מוז מען געהן. מען מעג קלעהרען „אלקות“ אדרבה, עס איז אַ „מצוה“, „ודע את אלקי אביך“, אָבער לאַנגזאָם. „של נעליך מעל רגליך“, טהו דאָך אויס דיינע שיך פון דיינע פיס. געה לאַנגזאָם. געהן קענסטו, אָבער לאַנגזאָם, גאַנץ לאַנגזאָם, „כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא“ דען וואָס דו האָסט געקלערט ביז יעצט און דו ביסט געגאַנגען לאַנגזאָם, דאָס איז קודש, דאָס איז גוט, נאָר ניט לויף.

נו, „חכם“, טאַקע דו ביסט אַ געבילדעטער, דערלאַנגסטו אַ

קלעטער אויף אמאהל איז די גאטהייט, און דיר דוכט זיך אז עס איז גאר ניטא קיין באשעפער. הער, מיין פריינד, דו קענסט געהרג'עט ווערען. דאס איז געזעדט צו דעם ריכטיגען אפיקורוס, אבער צו היינטיגע „בהמות" קען מען דאס גאר ניט רעדען. ער קלערט דען? ער ווייסט דען וואס ער קלעהרט, ער פערשטעהט דען עפעס?

אבער דעם תוכן מוז איך אייך זאגען, מיינע טייערע. זאגט ניט, נו, אז איך איינער טהו אזוי „כי לא אלמן ישראל„ דערוויל אויף אייך קוקענדיק וועט שוין אייער קינד ניט זיין בעסער פאר אייך. דאס וועט איהר געווים צוגעבען.

„משה" טראכט און קלערט, ניט פון זיך, ניט פאר איהם, נאר „מדוע לא יבער הסנה". דער איד, וואס איז מיט איהם, וואס וועט זיין, און ווען וועט זיין די ענדע פון זיינע צרות און געווים האט „משה" געטהאן גוטעס פאר זיינע ברידער.

משלים, ציצים ופרחים

קו.

די וועלט

די וועלט איז א „ים הגדול“, דעם מענשענס לעבען א שיף. גאט האלט דעם רודער. דעם בלאזט א גוטער ווינד, דעם א שטורם. אבער צו איין ברעג מוזען אלע קומען...

קז.

א יקרות אויף שוועבעלעך

דער לאנדאנער ראטשילד איז אמאל געקומען אין א קליין שטעדטעל. געהענדיג אין גאס האט ער געוואלט פעררויכערען א ציגאר און האט קיין שוועבעלע ניט געפונען ביי זיך. אין גאס האט איהם קיינער ניט דערקענט, ווייל עס איז ניט געווען אין די צייטונגען, אז ראטשילד איז אפילו ארויסגעפאהרען. און ער איז געווען אנגעטהאן זעהר איינפאך. דער ווייל איז צוגעלאפען א קינד פון צעהן יאהר צו איהם, א פעדלער פון שוועבעלעך, און זאגט: מיין הער, פיליכט דארפסטו א קעסטעלע שוועבעלעך? יא, מיין קינד, וויפיעל קאסט ביי דיר א קעסטעלע שוועבעלעך? צוויי שלינג, מיין הער. זאגט צו איהם ראטשילד, מיין קינד, אזא יקרות איז ביי אייך אויף שוועבעלעך? ניין, מיין הער, אויף שוועבעלעך איז ביי אונז קיין יקרות ניט. עס איז דא גענוג אין שטעדטעל. נאר אויף ראטשילדס איז ביי אונז א יקרות.

קח.

א קארגער און א פעטע בהמה

א קארגער, און א פעטע בהמה זיינען ביידע גלייך. זיי ברייג־גען ערשט נוצען נאכן טויט... כידוע. אלע זעהען עס און ווייסען עס.

קט.

צינדט אָן אַ ליכט

עלטערען האָבען געהאַט אַ קאַרליק, אַ ליטל פּודל, אַ יאַרד די גרויס. איינמאָהל, ווען עס איז געווען צוועלף ביינאַכט, די עלטערען זיינע זיינען געזעסען אין דיינינג רום און פערבראַכט מיט אַ גאַסט, דער קאַרליקעל האָט שוין פון צוויי שטונדען געשלאָפען, פּלוצלונג הערען זיי ער רופט מיט „קולות" מען זאָל אריינגעהן צו איהם אין רום. די מוטער איז צוגעגאַנגען. וואָס פערלאַנגסטו, מיין זוהן? וואָס איז עפּעס היינט אַנדערש ווי אַלע מאָל, קיינמאָל רופסטו קיינעם ניט אין מיטען נאַכט?

מאַמע, זאָג דעם טאַטען אויך אַז די שמחה, אַז איך בין היינ־טיגע נאַכט גרויס געוואָרען. נעם רוף איהם צו, זאָל ער זיך אויך פרעהען. די מוטער האָט געשריען אויף איהם. וואָס באַדערסטו אין מיטען נאַכט. דיר האָט זיך עפּעס געחלומט, שלאָף! און זי איז אוועקגעגאַנגען און דערצעהלט דעם מאַן איהרען, וואָס פאַר אַ בשורה איהר זוהן האָט איהר אָנגעזאָגט. רופט זיך דער פאָטער אָב, עס האָט זיך איהם נעבעך געחלומט. ער האָט אָבער נאָך אַמאָל אָנגעהויבען שרייען: פּאַפּאַ, קום צו! פּאַפּאַ, קום צו! וועסטו זיך איבערצייגען. צינד אָן אַ ליכט און איבערצייגט זיך. איז דער פאָטער צוגעגאַנגען און האָט אָנגעשריען אויף איהם: וואָס איז דער מעהר מיט דיר היינט? פון וואַנען נעמסטו זיך, אַז דו ביזט פּלוצלונג גרויס געוואָרען? ? איך נעם עס ניט פון פּוסטע סברות, נאָר פון פּאַקט. איך האָב אימער געהאַלטען אַ פערטעל די ליינג פון דער בעט, און איך כאַפּ זיך אויף, זעה איך אַז איך שפּאַר אָן מיטן קאָפּ אַן איין זייט בעט, און מיט די פיס דעם צופוסען בעט. צינד אָן אַ ליכט און בעטראַכט, וועסטו זעהען, אַז איך בין גערעכט. ער האָט אָנגעצונדען די גאַז, ער גיט אַ קוק, אַז דער זוהן האָט רעכט, ער שפּאַרט טאַקע אָן די בעט איןביידע זייטען, נאָר, ער ליגט פער־קעהרט. וואָרפענדיג זיך אין שלאָף, האָט ער זיך איבערגעדרעהט, און ער ליגט אין דער ברייט פון בעט...

היינטיגע קאַרליקעס, קליינינקע ברואים"לעך, מיט פערפוילטע

נשמה"לעך... און גרויסע יונגאטשעלעך. זיי, די קאַרליקלעך, קליינע מוח"לעך, זאָגען אַז זיי זיינען אונזערע פיהרער, ווייל זיי קענען אַנשפּאַרען אומעטום, גלאַטע צינגעלעך, גּעשליפענע מיילכעלעך, און זיי שרייען, אַז זיי זיינען ניט קיין קאַרליקלעך, נאָר גרויסע קעפּ־מענשען, ווייל זיי שפּאַרען אַן די בעט מיטן קאָפּ און פּיס... אמת טאַקע, קאַרליקלעך, איהר זייט גערעכט. אַבער „הדליקו את הנר", צינדט אָן, רבותי, אַ ליכט, און זעהט אַז זיי ליגען פערקעהרט... זיי געהען מיטן קאָפּ אַראָפּ...

קי.

„מרבה ישיבה מרבה חכמה"

„מרבה ישיבה מרבה חכמה", דער וואָס האָט דאָרט אין רוס־לאַנד געמערט „ישיבה" (אין פּריזאָן), איז דאָ אין אַמעריקא אַ „מרבה חכמה", אַ גאַנצער קנאַקער, און אָפּטמאָל אויך אַ פּרעזי־דענט.

קיא.

אַ יאָהרצייט

וויפיעל מאָל קומט אריין אַ יאָהרצייט יונגערמאַן אין שוהל, אין דער פריה, נאָכן דאַווענען, אָדער ער האָט קיין צייט ניט צו דאַווענען, און ער זאָגט: איך יאָהרצייט בין, שמש, קענסטו מאַכען מיר יאָהרצייט צו אָרדער? דער שמש, וואָס האָט שוין געקריגען אין יד אריין, און איהר ווייסט דאָך אַלע, אַז אין אַמעריקא הייסט דער צונג אויך „יד", אַז מען קריגט ניט אין יד, געהט ניט די צונג... און דאָן איז דאָך דאָ סתם טאַקע אַ שטיקעל רמז אין אַ פּסוק: „החיים והמות ביד הלשון"... זאָגט דער שמש דעם בעוואוסטען ביז־נעס קאַפּיטעל (תהלים כ"ד) „לה׳ הארץ ומלואה" וגו׳. נו. איז מיין עצה, אַז זיי זאָלען זאָגען אַ בעסערען קאַפּיטעל, וואָס איז פּאַסיג פאַרן יאָהרצייט און פּאַסיג פאַרן שמש אויך, און דאָס איז דער קאַפּיטעל ע"ט „מזמור לאסף אלהים באו גוים (אַל תקרי גוים אַלאַ גאיעם) בנחלתך, טמאו את היכל קדשיך".

קיב.

מרכבות עמי

„מרכבות עמי נדיב“. היינטיגע שוחלען, „תלמוד תורות“, זעהען ניט צו מאכען א פרעזידענט אין שוהל אדער אין תלמוד תורה. א אידען א ירא שמים, נאר דעם יעניגען וועהלט מען אויס, ווער עס קען געבען געלט. ער מעג זיין „דתן ואבירם“ צוזאמען, אבי ער איז רייך ווי קרח. און ווי פאסיג איז אויף זיי צו זאגען „מרכבות עמי“, ווער רייט אויף מיין פאלק, ווער זיינען די רייטער אויפן אידישען פאלק? „נדיב“, א נדבן. אבער ער מעג זיין א רשע, א נבל, אן אויסוואורף, א קארטען שפיעלער, און סתם א גארנישט...

קיג.

המצפה על שלחן חבירו

די חכמים זאגען: „המצפה על שלחן חבירו עולם חשך בעדו“, דאס הייסט, ווערט עס קוקט אויס אויף זיין חבר׳ס טיש, צו עסען. איז די וועלט פאר איהם פינסטער. אויף דרך צחות איז אזוי: די גבירים גיט מען טשיקען א פערטעל פאר איינס... און די ארימע לייט, א פערטעל פאר זעקס...

קיד.

דער עיקר אין אמעריקא

אמעריקאנער אידען בעזארגען זיך מיט א בית־הקברות, אבער ניט מיט צידה לדרך...

קטו.

כי לא לחכמים לחם

עס זיינען דא א סך חכמים, וועלכע קענען בעסער גרינגער געפינען א פלאנעט אין הימעל — איידער צו געפינען א שטיקעל ברויט אויף דער ערד.

קטז.

כל ישראל יש להם חלק...

אז אפיקורוס האט צו מיר אמאל געזאגט, זייענדיג אויף א א חתונה, און אז מען האט צום סאפער דערלאנגט א שיסעל פלייש, טשיקען, איז געווארען א כאפעריי, און איך האב ניט געכאפט, און טאקע געבליבען אן טשיקען, ניט געהאט וואס צו עסען. זאגט ער צו מיר, רבי לעבען, איך זאג אייך, אז אויף יענער וועלט וועט איהר אויך ניט קריגען פון לויתן און פון שור הבר, ווייל איהר וועט ניט כאפען, און מיר אפיקורסים וועלען צוכאפען פון שיסעלע אלעם, און איהר וועט קוקען.

ניין, פריינד, דאס איז נאר דא אזוי, אויף א חתונה דערלאנגט מען איין שיסעל פאר אלעמען, איז ווער עס האט קיין חרפה ובושה, דער האט. אבער דארטען וועט מען געבען א חלק יעדערען בעזונ־דער, נאך זיין ווערדע. „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא“, דארט גיט מען א חלק ניט איז איינעם. איך וועל קריגען א גרויסען חלק, אייך גאר ניט, ווייל איהר האט אויפגעפרעסען מיין חלק אויף דער וועלט, וועט מען מיר אוועקגעבען אייער חלק אויך, און איהר וועט קוקען...

קיז.

אמאל און היינט

אמאל האט מען געוואלט האבען אין שוהל א שטאט, היינטיגע אריסטאקראטען ווילען אפילו ניט האבען אז אין זייער שטאדט זאל זיין א שוהל.

קיח.

אמת

אמת — איז א זאך, וואס ליגט אלעמען אויפן שפיץ צונג, און וואס יעדער פערגעסט ארויסצוריידען.

קיט.

א ציוויליזירטע וועלט

דער דאָקטאָר בעטראַכט די געזונד פון א סינג סינג פּריזאָנער, וועלכער איז פעראורטהיילט צום טויט, נאָר מען קען איהם ניט היגריכטען, ווייל ער איז קראַנק... ווי דער דאָקטאָר האָט געענדיגט זיין אויסהערען דעם פעראורטהיילטען, רופט ער צו א בעאַמטען: מען קען איהם שוין הינריכטען. ער איז פאָלקאָם געזונד...

קכ.

איהם מיינט מען ניט

א מגיד, וועו ער האָט אין זיין דרשה געזאָגט א סך מוסר און געזידעלט דעם עולם, און ווען דער עולם געהט ארויס, זאָגט איינער צום צווייטען: אוי, האָט ער זיי געגעבען! נו, האָט ער זיי גע־געבען! (אָבער איהם, דעם „צדיק", מיינט מען ניט. — אזוי ווייזט אויס.)

קכא.

חסד של אמת

חברה קדישא, די וועלכע זיינען זיך מתעסק מיט א בר מינן, רופען זיך „חברה חסד של אמת". ווארום טאַקע רופט מען זיי „חסד של אמת"? ווייל א לעבעדיגען, אז מען וויל איהם בעגראָבען, מוז מען איהם בעגראָבען מיט שקרים, אָבער א „בר מינן" באַגראָבט מען מיט אַן אמת...

קכב.

צוליעב א פליעג

צוליעב א פליעג זיינען געשפּייזט געוואָרען א גאַנצע וועלט. צוליעב גאָר א טויטע פליעג וואָס איז אריין אין פרעה'ס כוס, איז יוסף עולה לגדולה געוואָרען, און די גאַנצע וועלט האָט געקענט דורכלעבען זיך אין הונגער.

קכג.

אנטלויפט פון א פייט

אז אמעריקאנער אינגעל לערנט „שנים אוחזין בטלית". אז אמעריקאנער אינגעל, וואס האט אנגעפאנגען לערנען גמרא, פערשטעהט מען, אז ווען א קינד אין אמעריקא פאנגט אן גמרא, מן הסתם איז ער שוין א גוטער אינגעל. מען דארף שוין בעסער ניט האבען. נאר אז אך און וועה איז צום רבין, וואס דארף לערנען מיט איהם, אז אך און וועה איז צו די תורה וואס ער לערנט אין גאנצען, און וואס עס וועט בלייבען ביי איהם פון דעם אלעם. דער אינגעל האט אנגעפאנגען בבא מציעא, „שנים אוחזין בטלית", צוויי האבען געפונען א בגד און זייביידע האלטען עס. „זה אומר אני מצאתיה", דער זאגט, איך האב עס געפונען, „וזה אומר אני מצאתיה", און דער זאגט איך האב עס געפונען. דער רבי זאגט, און דער אינגעל קען אפילו ניט נאכזאגען, און ער זאגט טאקע ניט. הויבט אן דער רבי שרייען: פויער, גוי, וואס זאגסטו ניט? נעמט דער אינגעל און פערמאכט די גמרא: איך וויל אפילו דערביי ניט זיין און איהר ווילט נאך, אז איך זאל נאכזאגען אויך. סטייטש פאר וואס? אט טאקע דערפאר, זאגט דער אינגעל, דא איז דאך א פייט, דער זאגט, ער האט עס געפונען, עס געהערט צו איהם, און דער זאגט, איך האב עס געפונען, עס געהערט צו איהם. דארום וועט דאך ארויסקומען א פייט, און די מאמע האט מיר געזאגט און אנגעזאגט, אז איך זאל אנטלויפען פון א פייט — „און דאטס אלל".

קכד.

ביסמארקס דיפלאמאטיע

יעדעס מאל ווען צוויי מלכים האבען מלחמה געהאלטען, פלעגט ביסמארק זאגען זיין משל: די צוויי מלכים שלאפען צוזאמען אין איין בעט, און איך שלאף מיר רוהיג צווישען זיי. מיר אלע דריי זיינען פערדעקט מיט איין שמאלע איבערבעט. די ציהט די דעק אהער, און דער — אהין, און איך שלאף מיר רוהיג אימער אין מיטען, צוגעדעקט.

די בימה

גאַנצע רעדעס אויף יעדען שבת

פון יעדער פרשה, פונקט ווי עס איז גערעדט
געוואָרען פון דעם מחבר אליין, מאמרים,
משלים, אפילו די „שיחת חולין".

יעדער ספר — אַ רעדע

נאָך דעם דרוש קומען משלים, ציצים ופרחים

פון דעם מחבר הרב הדרשן והמטיף המפורסם
יהודה ליב לאַזעראָוו
מחבר פון דברי יהודה, דגל יהודה, קול יהודה,
מטה יהודה, בית יהודה, אידישען רעדנער, ועוד.

חוברת י"ד—ט"ו—ט"ז—י"ז

RABBI L. LAZEROW
1541—78th Street, Brooklyn, N. Y.

ניו-יורק — תרפ"ד

לעוואַנט פּרעס
479
138 2-טע סט., נ. י.

הגדה *)

„מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות:“
(הגדה של פסח)

איך האָב געזעהן פון בעל „עוללות אפרים“ און „כלי יקר“, ווי ער רעדט אין „מוסר השכל“ און וויציג ווי עס פּאַסט טאַקע גראַדע פאַר איצט. נאָר איך וועל עטוואָס מעהר מאַריך זיין, ווען איך זאָג עס אויף דער בימה, איז נאַטירליך די באַגייסטערונג פון די הע־רער. און אַזוי ווי איך האָב עס גערעדט, אַט אַזוי וועל איך עס אי־בערגעבען אין דעם „ספר“ פון דער הייליגער „בימה“ צו „די בימה“.

אין אמת קענען מיר פרעגען — רבש"ע, אין „מצרים“ זיינען מיר געוועזען פאַראורטיילט צו זיין פיער הונדערט יאָהר, און דו מיט דיינע גרויסע „חסדים“ האָסט אונטערגעהיילט די „גאולה“, אַזוי פיעל, אַז דו רבש"ע האָסט אַראָפּגענומען הונדערט און נייני־ציג יאָהר. „חשב את הקץ“, אַראָפּגערעכענט „קץ“, הונדערט מיט ניינציג יאָהר, און מיר זיינען דאָרט געוועזען בלויז 210 יאָהר.

אין בבל פונקט 70 יאָהר, און אַזוי האָבען מיר געהאַט קורצע צייטען „גלות“, ווי אין „שופטים“ איז גערעכענט. קוים האָט מען אונז דאַן געדריקט· „ויצעקו בני ישראל“, אידעלעך האָבען געשריען צו דיר, האָסטו באַלד אויפגעשטעלט זיי אַ העלפער און דו האָסט זיי געהאָלפען. אָבער, רבש"ע, וואָס מיר ווילען דיר פרעגען, טאַקע „פסח“ פּאַסט אונז צו פרעגען, ווייל מיר דערמאָנען זיך טאַקע פון יענעם „גלות מצרים“ און מיר דאַנקען דיר איצט פאַר דעם, וואָס דו האָסט אונז באַפרייט, און נאָך דערצו בעפאָר דער צייט, און אין דעם „גלות“ וואָס דו האָסט אונז פאַרשיקט איז שוין געגויע 2000 יאָהר און עס נעהמט ניט קיין ענדע . . . „כלו כל הקיצין“.

טאַקע, פאַר וואָס איז דאָס אַזוי ? טאַטע אין הימעל, האָבען

*) אין שטעל פון פרשת וארא וועל איך שרייבען מאמרים, פסוקים, הגדה של פסח, צחות און זאַ וויטער.

מיר דען אין „מצרים" מעהר „צרות" געהאט פאר דעם איצטיגען „גלות"? ניין! טאטע זיסער, עס הויבט זיך גאר ניט אן. וואס איז דארט געוועזען? עטליכע און אכציג טויזענט אידעלעך האבען גע־ארבייט, טאקע אמת שווער און ביטער געארבייט. נו, וואס איז דען? האט זיי עפעס געפעהלט דען חוץ זייער ארבייט. דאכט זיך זיי האבען זיך באקלאגט ווארום מען האט זיי ארויסגענומען פון אן „ארץ זבת חלב ודבש", און אויך האבען זיי אליין געזאגט „בשבתנו על סיר הבשר", מיר נעמען זיך דערמאנען ווי מיר זיינען געזעסען ביי דעם טאפ פלייש...

און פילייכט האסטו אונז דאן באפרייט צוליעב דעם, וואס „פרעה" האט זייערע קינדערלאך געקוילעט פאר דעם צוועק צו מאַ־כען וואנעס פון זייער בלוט. אמת, דאס איז א געפעהרליכע מער־דעריי, אבער צו וויפיעל קינדער האט ער עס געטאהן? ווי מדרשים זאגען האט עס ניט לאנג גענומען די מערדעריי.

רבש"ע איז דען ניט דער גרויסער לאנגער „גלות" ערגער, האט מען וויינציג קינדער, אין דעם לאנגען „גלות" אויסגעקוילעט אונזערע. אז מיר זאלען א רעכענונג מאכען, וועט זיין אין די מיליאָ־נען. וויינציג קינדער האט מען צוגענומען פון די מאמעס ברוסט, און געכאפט פאר די פיסעלעך און געקלאפט זייערע קעפעלעך אן די מויערען, אדער אן די שטיינער פון גאס... פאר די מאמען אין די אויגען, און נאכהער אפגעשניטען די ברוסט פון די מאמען און אוועקגעווארפען פאר די „כלבים", צושפאלטען די בייכער פון די יונגע פרויען און אנגעשטאפט מיט פעדערן, אפגעשניטען קעפ און געטראגען אויף שטעקענס דורך די גאסען. וואס זאל איך שיל־דערען, אז דאס איז ניט מיין כח דערצו, די פעדער פאלט ארויס פון האנט, די אויגען גיסען טינט... די הארץ פארקלעמט, די קאפ ווערט צומישט, איז ניט גענוג 24 מיליאן אידען וואס זיינען אומ־געקומען אויף „קידוש השם" פון חורבן בית שני ביז היינטיגען טאג.

טאטע גוטער, „מה נשתנה", פאר וואס איז דאס אנדערש, „הלילה הזה" די פינסטערע נאכט, דער שרעקליכער צוויי טויזענד יאהר „גלות" וואס עס נעמט ניט קיין ענדע, פון אונזערע „צרות" מיט וואס איז דער גלות אנדערש „מכל הלילות" פון אלע פינס־

טערע נעכט, דאָס הייסט, פון אַלע גלות'ן, דאָרט האָט געגומען אַן ענדע, און אפילו בעפאַר די ענדע האָסטו געהאָלפען און בעפאַר די צייט האָסטו אונז בעפרייט, און יעצט אָט דער יעצטיגער גלות נעמט גאָר קיין ענדע ניט, טאַקע „מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות?"

יאָ, מיין טייערע קינד „ישראל", דו האָסט מיר געפרעגט אַ ריכטיגע פראַגע, אָבער הער מיר איין ריכטיגע „תירוצים", אָבער גאָר ריכטיגע. דיינק ניט, אַז איך האָב דיר פאַרגעסען. דיינק ניט, אַז איך וויל דיר ניט אויסלייזען, דיינק ניט, אַז איך לייד ניט צוליב דיר. דו ווייסט דאָך וואָס דיינע חכמים זאָגען, וועגען דעם גלות און אַלע גלות'ן ווי איך קלאָג דערויף. אין (ברכות ג') „ואוי לו לאָב שהגלה את בניו לבין האומות", איך קלאָג, וועה איז צו דעם טאַטען דער וועלכער האָט געמוזט פערטרייבען זיינע קינדער צו די „אומות", איך בין ניט שולדיג אין אייער לאַנגען „גלות", איך וואָלט וועלען געווים אַלע טאָג אייך אַרויסנעמען פון „גלות", נאָר דער שולד איז אייערער.

זאָגט מיר, טייערע קינדער, איך ווייסט דאָך מן הסתם פאַר וואָס איהר זייט אַרויסגעטריעבען געוואָרען פון צווייטען „בית המקדש", ווייל עס איז געווען ביי אייך „שנאת חנם", געפעהרליכע פיינדשאַפט איינער צו די אַנדערע, קריגערייען, אימעער „מחלוקת" און דאָס האָט אייך „גורם" געווען איהר זאָלט פאַרטריבען ווערען. אַלזאָ, מיינע טייערע, זייט איהר שוין אויף דער „מחלה" אויס־קורירט געוואָרען, איז ביי אייך ניטאָ יעצט „מחלוקת" אפילו אין די שוהלען, אפילו „במקום הקודש" ביי די „רבנים", ביי אייערע צעהנדליגע „כתות", גאַליציאַנער, דו גלייכסט דעם ליט־וואַק? האָסט איהם ניט פיינט איין אומזיסטע „שנאה"? — ליטוואַק, דו גלייכסט דעם פּאָליאַק? פּאָליאַק, גלייכסטו דעם אונגאַרישען אידען, „חסיד", גלייכסטו דעם „מתנגד"? קינדער־לעך — איך וויים דאָך וואָס ביי אייך טהוט זיך.

„אמת" דו האָסט געפרעגט אַ גוטע פראַגע. טאָ נאָ דיר אַ גוטען תירוץ. „שבכל הלילות" אין אַלע גלות'ן האָב איך אייך גע־האָלפען, ווייל איהר האָט געקענט זאָגען „אָנו אוכלין", מיר האָ־בען פאַרניכטעט „חמץ ומצה" רויב און קריעג, אָבער „הלילה הזה

כלו מצה", דער גלות איז בלויז דורך קריעג, „מחלוקת", „שנאת חנם" און אז. וו.

היינט דעם יעצטיגען רייכען לעבען. איך וועל דיר אנפאנגען פון לוקסוס עסען. אמאל האט איהר געגעסען וואס עס האט זיך געמאכט, דארום האט מען ניט געדארפט אזוי פיעל הארעווען. מען האט צייט געהאט צו געהן דאוונען „תפלה בצבור" און לער־נען א פאר שטונדען נאך דעם דאוונען. אבער היינט. עסען — א קלייניגקייט, די צעהנדליגע געריכטען, „כל עמל אדם לפיהו", די גאנצע מאטערניש פון דעם מענשען איז נאר דער עסען, וואס ער דארף צוטראגען צום מויל. דערפאר איז ניטא קיין „שבת", קיין צייט פאר „תפילין", פאר קיין זאך וואס הייליג איז. איהר דארפט אלערליי געטראנקען, ווי דען זאגט איהר, ווי האט עס ניט א מענש א גוטע ביסעל „משקה", איינצוטונקען בעפאר די פיש... און א ביסעלע נאך די פיש... אט דערפאר זייט איהר אראפ פון וועג. „שבכל הלילות" אין אלע גלות'ן „אין אנו מטבילין" טונקען מיר ניט איין „אפילו פעם אחת" אפילו ניט איין מאל, אבער „הלילה הזה שתי פעמים" טונקען מיר איין צוויי מאל, פאר די פיש און נאך די פיש...

„שבכל הלילות אנו אוכלין שאר ירקות" אין אלע גלות'ן האט איהר אזוי געזאגט, מיר קענען עסען אלערהאנד גראזען, אבי נאר מיר זאלען קענען אידען זיין, אבער „הלילה הזה כלו מרור" די צייט דארפען מיר האבען צו די פלייש און פיש כריין, אז עס זאל זיין אפעטיט, מען זאל קענען עסען פון די „מותרות", פאר־שטעהט מען די לוקסוס זאכען...

יעצט מיין טייערער קינד, וועל איך דיר זאגען די פיערטע „סיבה" וואס עס מאכט דיר אומגליקליך. דיין קערפער און דיין גייסט ווערען אין דיר פערדארבען, צוליעב דיינע לוקסוס וואה־נונגען, דיינע שעהנע רומס און איבערהויפט דיינע פארניטשור, וואס צוליעב דעם דארפסטו נעבעך ארבייטען טאג און נאכט, אויב דו קויפסט ניט פאר קעש, נעמסטו אויף אויסצאהלען, קאסט דיר דאפעלט. נו, אז עס קומט צו צאהלען יעדע וואך, דו ווייסט דאך ווי דאס איז...

אין אלע גלות'ן ביסטו געזעסען, אדער זיך אנגעלעהנט, אדער

גאַר אויף דער ערד, די פיס אונטער זיך. „שבכל הלילות" אין אַלע גלות'ן „אָנו אוכלין" האָבן מיר געגעסן „בין יושבין ובין מסובין", אָנגעלעהנט ווי אַ „שרה" אָדער פּראָסט זיצנדיג, אָבער „הלילה הזה" אַט דעם גלות „כולנו מסובין" זיצען מיר אַלע ווי „פּריצים" אָנגעלעהנט אויף די ווייכע קאַנאַפּעס. אַט דערפאַר דאַרף מען מחלל שבת זיין, אַט דערפאַר קען ניט קומען „משיח", אַט דערפאַר ליידעסט דו, אַט דעריבער „עבדים היינו לפרעה", אַזוי ווי דאָן, ווי יענער גלות, אַלעס איינס, אונטער אַן אַנדער נאָמען, אונטער אַן אַנדער סאָרט גלות — אָבער עס איז דאָס זעלבע...

איייניגע מאמרים וועל איך יעצט ברענגען, וואָס עס האַנדעלט זיך וועגען גלות און גאולה —

אין (ברכות ט') „כשנגאלו ממצרים נגאלו בערב", ווען זיי זיינען אויסגעלייזט געוואָרען פון „מצרים" זיינען זיי אויסגע־לייזט געוואָרען ביינאַכט. אין אַ טיפערען זין הייסט עס ווען עס איז זיי געוואָרען שטאַרק שלעכט, געפעהרליך פינסטער, די נאַכט מיט איהר פינסטערקייט, דער „גלות" מיט די גאַנצע בי־טערקייט איז שוין געווען אויף זיי. ערגער האָט שוין ניט געקענט זיין, זיינען זיי אויסגעלייזט געוואָרען פון דאָרט. יעצט מיינע טייערע, איז שוין אויף אונז אויך די פינסטערע נאַכט אַרויף, עס קען שוין פינסטערער ניט זיין, דערום קענען מיר האָפען אויסגעלייזט צו ווערען אין די צייטען.

(שבת ל"ג) „בעון גלוי עריות גלות בא". ישראל, קען דען קומען די „גאולה", אַז מיר לאָזען אַליין ניט. מיר זיינען „מעכב" די „גאולה'. אין געגענטהייל, מיר ציהען אַרויף אויף זיך דעם „גלות". יעצט איז דאָך פול די לופט, פאַרפעסטעט די וועלט, און איבערהויפט ביי אונז אידען. „גלוי עריות". עס איז מיאוס צו שרייבען ווי שרעקליך פערדאָרבען מיר זיינען יעצט אין „טהרת המשפחה", באַרדערס... באַרדערקעס... אָוועקלויפעניש מיט אַנ־דערע... און אָוועקלויפעניש מיט אַן אַנדערען... היינט דער גאַנג, האַלב נאַקעטע... אין די שוהלען „ראש השנה", „יום הכפורים", יעדען „יום טוב", צו „יזכור"... וואָס טהוט זיך אָפּ צו אַ חופּה... ווי אַזוי מאַכט דער רב די ערשטע „ברכה" אַנטקעגען אַ נאַקעטע

און נאַקעטע, „טפח מגולה באשה ערוה", יאַ, אַזוי איז דער דין אין „שלחן ערוך", אָבער די כלה'ס דרעס איז מעהר דין... ווייסטו שוין פאַר וואָס די גאולה קען ניט קומען. קען דען דער רב ניט אָנזאָגען דעם פּרעזידענט, אַז ער זאָל אָבריידען מיט „חתן־כלה" און „מחותנים" אַז זיי מוזען קומען צו דער חופּה אָנגעטאָנענע...

אין (שבת קי"ח) „אלמלא שמרו ב' שבתות מיד נגאלין", ווען אידען וואָלטען געהיט נאָר צוויי „שבתים" סטרייט, דאַן וואָלטען זיי באַלד אויסגעלייזט געוואָרען. נו וואָס זאָגט איהר, האָבען מיר נאָך אַ טענה צו אונזער ליעבען באַשעפער... שבת איז „זכור" און „שמור" אין די ערשטע לוחות איז אָנגעזאָגט געוואָרען „זכור את יום השבת לקדשו", געדיינק דעם טאָג שבת צו הייליגען. „זכור" זאָגען די חכמים „זכרהו על היין", מאַך אַ שעהנעם שבת, גוטע מאַכלים. אין די אַנדערע לוחות איז אָנגעזאָגט „שמור את יום השבת", היט שבת ניט מחלל צו זיין מיט אַרבייט ח"ו — אין אַמעריקאַ איז „זכור" אויף דעם שהענסטען אַרט, און צו־ליעב דעם „זכור", דעם פרעסען און זויפען איז ניטאָ דער „שמור". אָבער אַז אידען וואָלטען האַלטען די ביידע „זכור" און „שמור", וואָלטען זיי אויסגעלייזט געוואָרען.... השי"ת זאָל זיך שוין טאַקע מרחם זיין אויף דעם „כלל ישראל" און ער זאָל רחמנות האָבען אויף אונז, ניט וואַרטענדיג נאָך אונזער ווערדע זאָל ער ברייננגען די גאולה אמן.

„והיו מספרים ביציאת מצרים כל אותו הלילה עד שבאו תלמידיהם ואמרו להם רבותינו הגיע זמן קריאת שמע של שחרית". (הגדה של פסח)

די חכמים האָבען זיך גענומען און באַטראַכט דעם מצב פון אידישען פאָלק, ניט פון מצרים אליין, נאָר זייער בליק, זייער „רוח", האָט געזעהן ביז היינטיגען דור, „והיו מספרים..." זיי האָבען דערצעהלט פון „יציאת מצרים", אַלע גלות'ן זיינען מיט דעם „גלות מצרים" נאָמען. זיי האָבען אריינגעדרונגען אין די „ספּורים" פון „כל אותו הלילה", פון דער גאַנצער נאַכטעלע, די פינסטערער, די ליידען פון דעם „עם ישראל", פון „כל אותו

הלילה", פון דעם גאַנצען גלות צייט, וואָס מיר וועלען לײדען. די „תלמידים" די גרויסע „חכמים" האָבען זיך פאַרוואונדערט, ווען זיי זיינען געקומען צו דעם מצב פון יעצטיגער צייט, אַזאַ געבילדעטע צייט, אַזאַ צייט, וואָס אַ קעלבעלע טאָר מען ניט שלעפען אין סטריט, מען ווערט בעשטראָפט מיט אַ גרויסע שטראָף פאַר פאָרען מיט אַ פערד ווען זיין רוקען איז עטוואָס אָנגעריבען. אין אַזאַ צייט, אַזאַ געבילדעטע צייט, וואָס הייסט די ליכטיגסטע צייט פון דער וועלט, וואָס עס איז נאָך ווען געוועזען, אין אַזאַ צייט, וואָס „כמעט" די גאַנצע מענשהייט גלויבט אין איין גאָט פון הימעל... און אין דיעזער צייט איז ערשט אידען פינסטער, וואָס עס איז קיינמאָל אַזאַ פינסטערניש ניט געוועזען. וואונדערען זיי זיך, „רבותינו הגיע זמן", אונזערע רבנים, וואָס איז דאָס דער מעהר? אָט אַזוי קוקענדיג מיט אונזער „רוח הקודש", זעהען מיר, אַז עס איז געקומען די צייט, אַזאַ ליכטיגע צייט, וואָס הגיע זמן קריאת שמע של שחרית, עס איז יעצט געגרייכט די צייט, וואָס די זון האָט אויפגעשיינט דאָס מאָרגענס און אַלע לייענען „קריאת שמע", דעם אידענ'ס „שמע ישראל", וואָס דער איד האָט אימער פראָקלאַמירט אויף דער וועלט, אַז „ה' אלקינו", דאָס אונזער גאָט פון הימעל ער איז „ה' אחד", דער איין גאָט אויף דער וועלט, איין גאָט אויף דער וועלט, און אַלע ביינאַהע גלויבען עס יעצט, אַלע האָבען עס שוין גענומען פאַרשטעהן, אַלע האָבען אונזער תנ"ך, אַלע האָבען אונזערע פיעלע הייליגע ספרים שוין איבערזעצט, אַלע ווייסען און ליעבען אונזער „תורה", — אין אַזאַ קלוגע צייט, איז אונז פינסטער. דאַרום האָבען זיי דער־צעהלט „יציאת מצרים", מיר דאַרפען זעהן די „מעלות" פון „מצרים" וואָס עס האָט „גורם" געווען, אַז זיי זאָלען קענען ארויס פון „מצרים".

די חכמים זאָגען, אייניגע „מעלות" האָבען זיי געהאַט, וואָס דורך זיי זיינען זיי ארויס פון „מצרים" בעפאָר זייער בעשטימטער צייט. אין מדרש (ויקרא רבה) „לא שינו את שמם" זיי האָבען זיך ניט גערופען מיט נעמען פון די „מצרים", נאָר „ראובן", „שמעון", „לוי" א. ז. וו.

נו וואָס זאָגט איהר אויף די צייט, אפילו ביי די „מהדרין

מן המהדרין", די רעכט ארטאדאקסישע אידען, ווי רופען זיי זייע־רע קינדער? „בצלאל" וואס דאס הייסט אין דעם שאטען פון גאט ב"ה, בצל־אל — אין גאטס שאטען, רופט מען איהם טשאלי. איך וואהן ניט ווייט פון אייניגע גוים איטאליענער, האב איך געהערט ווי זיי רופען זייער הינט „טשאלי" — „שמואל" איז די בעדייטונג שמע־אל — רופט מען איהם סעמי, און אזוי ווייטער.

אין (מדרש תהלים קי"ד) „בזכות ארבעה דברים נגאלו ישראל ממצרים, שלא שינו את שמם ולשונם, ולא גילו מסתורין שלהם ולא היו פרוצים בעריות", וועגען נאמען האב איך שוין געשריבען. יעצט די שפראך, זעהר שווער צו געפינען א הויז אין אמעריקא, אז מען זאל ריידען אין הויז „אידיש", חאטש אונזער מאמע־לשון האט קיין „קדושה", אבער דאך, אז איך הער, אז אין דער הויז רעדט מען קיין אידיש ניט, פאלט אויף מיר עפעס א פחד פאר דער הויז, עסען וואלט איך שוין דארטען ניט...

זיי האבען געהאלטען א סוד, ניט אויסגעזאגט זייערע סודות צו די מצרים. אך ווי שעהן עס איז... היינט ווען „יעקב" וואלט ניט מסר'ען, וואלט „עשו" ניט שלאגען, ווי איך האב געשריבען וועגען דעם אין מיין „מטה יהודה", „הקול קול יעקב" אז יאנקעלע מסר'ט, איז דאן „והידים ידי עשו", ברעכט עשו די ביינער. זעהט, אז פון זעקס מאל הונדערט טויזענט מענער אליין, חוץ פרויען און קינדער, ביז צוואנציג יאהר, דאס הייסט ביי פיער מיליאן מענשען, האט זיך ניט געפונען איינער אויסצוזאגען דעם סוד פון דעם לייהען געלט, אז אידען דיינקען אוועקצוגעהן און מעהר ניט צו קומען. אפילו די „קרח'ס" מיט „דתן ואבירם" און נאך אזעלכע האבען ניט אויסגעזאגט, זעהר שעהן...

קיין „עריות" איז ניט געווען אין מצרים פון אידען. אין אזא „ערות הארץ", וואס „זרמת סוסים זרמתם" — ניט אומזיסט פלעגען די מצרים אוועקשטעלען די מענער ארבייטען ביינאכט, אום צו געוועלטיגען איבער זייערע פרויען. ניין! עס איז ניט דורכגעפאלען קיינע, „חוץ שלומית בת דברי". היינט געוואלד געשריען „כי אין בית אשר אין שם"... עס שוידערט אויף, אז מען רעדט אדער מען שרייבט דערפון... שרעקליך, וואס עס טהוט זיך אב אין ניו יארק... „תולדה דזנות" איז אומעטום, אפילו אין

די שוהלען, דער הולך פון פארהייראטע פרויען... די טענץ, די חופה אין שוהל... די קושערייען נאך דער חופה. וואס איז פון אונז געווארען. מיינט איהר אז דאס וואלט פארגעקומען ווען מיר וואלטען געמאכט פראטעסטען און אנגעזאגט דעם פרעזידענט, אז ער זאל אויסרופען, ווען א חופה אין שוהל איז, אז מען זאל זיך ניט קושען, ניין, עס וואלט אזוי ניט געווען, אדער אז מען וואלט אנזאגען די חופה דינגער, זייט וויסען, אז אין שוהל מוז מען קומען אנגעטהאן מיט גאנצע קליידער, ניט געהן ווי „חוה אין גן עדן“ — עס וואלט געהאלפען. נאר מה נאמר ומה נדבר... איך האב אין פיעלע פלעצער מבטל געווען דעם צווייטען פסוק פון „שיר השירים“...

„אמר רבי אלעזר בן עזריה הרי אני כבן שבעים שנה ולא זכיתי שתאמר יציאת מצרים בלילות עד שדרשה בן זומא.“ (הגדה של פסח)

איך האב א צייט ניט געקענט פערשטעהן דעם מאמר הגדה, וואס רבי אלעזר בן עזריה זאגט, דען איך בין שוין אין אויסזעהן אזוי ווי זיבעציג יאהר, און איך האב ניט בעזיעגט די חברים מיינע, אז עס זאל געזאגט ווערען „יציאת מצרים“ ביינאכט, (פרשת ציצית מיינט עס וואס דארט ווערט דערמאנט יציאת מצרים“) ביז בן זומא האט גערדרשנ'ט, וואס קען איהם העלפען „מנצח“ צו זיין, מיט דעם וואס ער זעהט אוים ווי זיבעציג יאהר, אז אין דער אמת איז ער געווען אכצעהן יאהר. אז אלע ווייסען דאך אז ער איז ניט מעהר ווי אכצעהן יאהר? די הייננטיגע פרעגען, ווארום זאל מען מאכען פסח די גאנצע צערעמאניע און זאגען „הגדה“ אויף אן אלטען נס וואס איז געטהאן געווארען פאר אידען מיט איבער 3000 יאהר צוריק, און ערגערע מענשעלעך פרעגען, ווארום טאקע יעצט פאסירט ניט קיין נסים? דאס מיי־נען זיי שוין מיט א שטאך.

נאך מיין מיינונג, וויל טאקע רבי אלעזר זיי פארענטפערען מיט איין תירוץ אויף זייערע פראגען. זייט וויסען, אז יעצט פאסירט אויך „נסים“, נאר ניט קיין עפענטליכע, „נסים נסתרים“

ווערט עס געראָפּען, פאַרבעהאַלטענע נסים. אָט גיט אַ קוק, טאַקע אויף מיר אַליין, זאָגט ער, אַז איך בין אין גאַנצען אַלט 18 יאָהר, נאָר אום איך זאָל ווערען אַ „נשיא" האָט גאָט מיט געמאַכט אַ „נס" אַז 18 צייל־ען גראָהע האָר האָט מיר אויסגעוואַקסען איבער נאַכט, זעהט מען דאָך „נסים" אפילו אין „גלות". אָט דאָס איז דער בעוויז, זאָגט ער, אַז „מזכירין יציאת מצרים", מען דאַרף דער־מאַנען „יציאת מצרים" „בלילות", אפילו אין „גלות", ווייל „הרי אני כבן שבעים שנה", ווי איז דאָס געוואָרען, דאָך דורך אַ „נס", נאָר פאַר וואָס האָב איך ניט „מנצח" געווען, אַז איך האָב אַ בעוויז און אַזאַ בעוויז, וואָס אַלע זעהען?

דאָס איז נאָר צוליעב דעם, ווייל איך בין אין אויסזעהען אַלט, אונזערע אידען גלייכען ניט די אַלטע „רבנים", אונזערע אידען ווילען זיי אפילו ניט הערען, און וואָס זיי זאָגען איז „כקול קורא במדבר", זיי מעגען זיין די גרעסטע מענשען, זיי מעגען שטעהען אין די העכסטע „מדרגה", וויל מען זיי ניט הערען. וועמען גלייכט מען? וועמען שעצט מען? די יונגע די „בחורים", די רעדנער. איך האָב געשריען, זאָגט רבי אלעזר בן עזריה, איך האָב געזאָגט „מזכירין יציאת מצרים בלילות", אָבער „ולא זכיתי" איך האָב ניט אויסגעפירט „עד שדרשה בן זומא", ביז בן זומא דער יונגער, דער „בחור" האָט „געספּיטשט", און ער האָט אויס־געפירט. (על דרך הצחות)

איי, בן זומא דער יונגער וואו געפינט מען ביי דער היינטי־גער צייט אַזעלכע אַלטע, אפילו ווי דער יונגער געטליכער „תנא" בן זומא איז געוועזען, נאָר עס פּאַסט דער „צחות" אויף זיין צייט... היינטיגע יונגע „רבנים", עפּעס פיעלע מורמלען אויף זיי גאָר... נאָר דאָך, וואָס עס זאָגט דער יונגער איז געזאָגט. דער יונגער וואָס פאַרשטעהט ניט אפילו די „שיחת חולין" פון דעם ריכטיגען רב, דער „תלמיד חכם", איהם נעהמט צו אַ קאָנגרע־גיישאָן, איהם צאָהלט מען ביי פינף טויזענד דאָלאַר אַ יאָהר און דעם אַלטען „תלמיד חכם" צאָהלט מען מיט אַ קאָנטראַקט אויף אַ יאָהר און איינגעשריבען אַז ער דאַרף רעדען "שבת" בעפאָר „מוסף" און בעפאָר מנחה און זונטאָג און אַלע טאָג לערנען „עין יעקב" און די שוהל איז זיך מתחייב צו צאָהלען דעם רב פינף הונדערט

דאַלאַר אַ יאָהר, און זי גיט איהם ערלויבניש אַלע טאָג פון נאָך „שחרית" ביז „מנחה" צו געהן אין די הייזער, אַפּילו אין פילאַ־דעלפיא, נאָר פּאַרנאַכט דאַרף ער זיין אין שוהל. נו! וואָס זאָגט איהר, עס איז פיליכט ניט „אמת?" ווייסט איהר דען ניט, אַז מיט צעהן טאָלאַר אַ וואָך קען ער ניט מאַכען קיין לעבען? נו, וואָס מיינט איהר, וואָס זאָל ער טאָן?

איך וועל אייך גלייך „מגלה" זיין וואָס ער מוז נעבעך טהאָן. אַנדערע „רבנים" לערנען זיך אוים זיין „מוהלים" און אַנדערע האַנדלען מיט וויין, אַנדערע מוזען זוכען אַזוי עפּעס ניט קיין שעהנעם פאַרדינסטעל, „כדומה למשל" אַ הכשר'ל, אַ הספּדעל, א. ז. וו. — אויף דעם מורמעלט צו דער שעהנער מענשעלע, דער פּרעזידענט, אויף דעם בורטשען צו די שעהנע מענשעלאַך, די טראַסטים. נו, זאָגט שעהנע מענשעלאַך, וואָס זאָל דער רב, דער „תלמיד חכם" טאַקע טאָן? מיינט איהר, אַז דער רב איז אַ מלאך, און אַ מלאך דאַרף ניט עסען... ווייסט איהר טאַקע, אַז דער „רבי" איז טאַקע אַ מלאך און אַז מלאכים קומען ביי איהם, עסען זיי אויך. און אַז גאָט ב"ה האָט אַראָפּגעוואָרפען מלאכים אויף דער ערד האָבען זיי טאַקע ניט געגעסען, נאָר געפרעסען, און דער רב איז טאַקע אַ הייליגער מלאך, אָבער ער איז אויף דער ערד און ער וויל אויך עסען, ניט פרעסען.

איך האָב שוין גערעדט מיט פילע וועגען דעם, גיבען זיי איין אַנטוואָרט, אַז דער רב קען ניט צוציהען אַפּילו קיין איין יונגען מאַן און דער יונגער ציהט צו יונגע לייט. זאָג איך אייך, אַז עס איז „כזב ושקר". עס הויבט זיך גאָר ניט אָן... לחלוטין פאַלש... האָט איהר ניט געהערט, אין די צייטונגען, האָט איהר ניט געלעזען אַז די רעפאָרם רע—בנים באַקלאָגען זיך אויף זייער שיקזאַל, אַז זיי דאַוונען מיט פוסטע שוהלען, 4 מענער און 3 פרויען, און ער מיט דעם שמש, און די שיקסע, וועלכע פיהרט דעם אָרגעל. דאָס איז זייער „מנין" — ביים ענדע פון גאָטעס דינסט קומען אַריין אייניגע איינגערע זאָגט ער מיט זיי „קדיש". עס איז אמת וואָס איך זאָג אייך — ניט וואָס זיי און איהר זאָגט.

איך ווייס עס געוויס, ווייל אומעטום האָב איך באַזוכט...

איצט וועל איך אייך דערצעהלען א מעשה, וואס איך אליין האב געשטודירט. דעם יום טוב סוכות תרפ״ד — האב איך באזוכט א שוהל אין ברוקלין אין וועלכער עס איז א יונגער „רעב של כליה״, און דארט האב איך געדאווענט, איין טאג „יום טוב״. מיט מיר „אורח״ איז געווען 20 מענשען... אלע אלטע. דער יונגער בחור, דער „רעב של מהומה״ איז געזעסען אין ארון קודש טאקע, אנגע־טאן ווי א גלח, ווייל ער איז דאך א „גלח״ — נאר אונטען אין „בית המדרש״ איז א פלאץ פאר יונגע, האבען די יונגע אונטען גע־דאווענט — 4 יונגע און מען האט צוגענומען פון אונזערע 20 זעקס לייטע און מען האט געלייענט די „תורה״. נאך חזרת הש״ץ פון אויבען, פון אונזערע אלטע 16 לייטע, איז ארויפגעגאנגען איי־נער, האט אויסגערופען, אז אין אווענד „מוצאי יום טוב״ איז א טאנץ אין בית המדרש און עס ווערט געבעטען די עלטערען זיי זאלען שיקען זייערע מיידלעך און באיעס... (איהר ווייסט, רבותי, אמעריקאנער טענץ — איז דען ניט זנות ?...) איך בין אן אורח, איך שוויינ. געקרענקט האט עס מיך גאנץ געגוג, נאר שא, עס איז אמעריקא — מיינד יור און ביזנעס...

גראדע איז צוגעגאנגען צו מיר איינער און פרעגט מיר וואס שווייגט איהר רבי ? דאס האט דאך ערלויבט אונזער רב, און ער טאנצט אויך... וואס זאל איך אייך זאגען, טייערער צדיק מיינער, איהר זייט א מעמבער און א קנאקער און מיר הייסט איהר שרייען. נאר נאכ׳ן דאווענען איז דער „רעב״ של בצורת צוגעגאנגען צו מיר און זאגט בזה הלשון : אייך איז דאס א וואונדער ? זייט וויסען, אז איך האב געפרעגט ביי דעם און דעם גאון (ער האט מיר גע־זאגט מיט׳ן נאמען) אז ער האט אזוי געזאגט אויב מען האט ביי דעם בויען די שוהל אפגעמאכט א „תנאי״ צו טאנצען, איז א—לע—רייט— (נאך מיין געדאנקען קומט אוים אזוי. אויב מען האט בויענדיג די שוהל, געמאכט מיט א „תנאי״, אז אונטען זאל מען דאווענען און לייענען אין „ספר תורה״, נאר נאכדעם זאל מען מזנה זיין — מעג מען) איך האב פארשטאנען, אז דאס איז „כזב ושקר״ און איך בין אוועק אויף דעם געדאנק, אז גאט זאל געבען, אז די שוהל זאל חרוב ווערען מיט׳ן רביל צוזאמען.

פריינדע, איז דאס ניט פאלש, אז זיי ציהען דעם יונגען דור

צו — אין שוהל אריין... צום טאנץ, יא — אָבער ניט יום טוב צום דאווגען...

יאָ, פריינד, וואו געפינט מען איצט אַ בחור, כאָטשבי אַ ניצוץ פון „בן זומא" — ווען איך זאָל טרעפען אזא יונגען „רב" וואָלט איך זיך איינגעבעטען צו זיין אַ מגיד'ל דאָרט און איך וואָלט איהם באַדינט, אָבער „בן זומא", דער געטליכער „תנא", ער רופט זיך בן זומא — ניט „רב" ניט אפילו „ר' שמעון" — און דער איצ־טיגער „בחור" — טענצער — אָדער גאָר... איז „רב" דער נאָמען אין רבי אלזער ב"ע — צייטען איז איהם אויסגעקומען ניט אָמ־בעסטען „הרי אני כבן שבעים" ולא זכיתי עד שדרשה בן זומא"... ודוק.

חכם מה הוא אומר, מה העדות והחקים והמשפטים, אשר צוה ד' אלהינו אתכם וגו'

איך בין געקומען אין מדינות קאָלאָמבוס, האָב איך ניט פאַר שטאַנען די ערשטע פראַגע פון דעם ערשטען פון די „ארבעה בנים" — דער בעל הגדה רופט איהם „חכם", און חכם הייסט ביי אונז אַ „מופלג בתורה". דער רב הייסט „חכם". אַלעם ענדע פרעגט ער אַ פראַגע ווי דער גרעסטער „עם הארץ" וואָס זאָגט דער „חכם" וואָס איז די „עדות" און „חוקים" און „משפטים", מילא, חוקים האָט משה אויך ניט פאַרשטאַנען, אָבער משפטים דאָס פאַרשטעהט און ווייסט אַ קינד פון „חדר". אַלעם ענדע רופט איהם דער בעל הגדה חכם...

אַמעריקאַ האָט מיר געענטפערט, אז היינטיגע צייט, אין אונזער לאַנד, איז דאָ אין סינסינאַטי אַ פעקטאָרי פון „עמי הארצים", וועלכע פון דער פעקטאָרי געהען ארויס רבנים, חכמים אויף סטים. אפילו אין ניו יאָרקער פעקטאָרי, כאָטש זי איז שוין אַ ביסעל בעסער, ניט אזעלכע עמי הארצים, אָבער אויך אויף סטים. מען טהוט אריין אַ בחור אין מאשין, אַ גראָבען יונג און ער קומט ארויס מיט אַ קוימען אויפן קאָפּ, מיט אַ שטעקען אין האַנט, אויף וואָס ער זאָל זיך אָנשפאַרען, אויף לשון עברית הייסט עס „סמיכה" — און דער „חכם" דער „מוסמך" איז ניט „תלמיד חכם", ווייל „תלמיד" קען מען איהם ניט רופען. ער האָט

אפילו ניט „משמש“ געווען א „תלמיד חכם“ און ער האט גאר ניט געלערנט, נאר ער האט דעם טיטעל דר. פילאזאף און איז מיט סמיכה... אויפ'ן שטעקען). אט דער חכם פרעגט „מה העדות, והחוקים' והמשפטים“. ער ווייסט אפילו ניט דעם אונ־טערשייד פון „פרה אדומה“ ביז „ואלה המשפטים“ ודוק. (מיר דוכט, אז דעם תמצית פון די רייד האב איך געזעהן אין „פרי יחזקאל“, פון הגאון זיוויץ אב"ד פון פיטסבורג. איך האב ניט דעם ספר אכטונג צו געבען).

„רשע מה הוא אומר מה העבודה הזאת לכם, לכם ולא לו, ולפי שהוציא את עצמו מן הכלל, כפר בעיקר, ואף אתה הקהה את שיניו...

די וועלט זאגט, אז מען קען באלד דערקענען ווער עס איז א „חכם“ און ווער עס איז א „רשע“ און אפילו א „תם“ און ז. וו. — מען דארף גאר ניט פיעל באמיהען זיך זיי אויסצוגעפינען. ווי זיי פאנגען נאר אן צו ריידען, זעהסטו באלד, צו וואס פאר א קלאס עס געהער. ווייל ער זאגט באלד וואס ער איז. דאס הייסט ער זאגט דיר גלייך וואס ער איז... „חכם מה הוא“, דער חכם דער קלוגער וואס ער איז, אומר — ער זאגט אליין מיט זיינע רייד, דערקענסטו גלייך אליין וואס ער איז... „רשע“ כאטש דו קענסט איהם גאר ניט, נאר „מה הוא“ וואס ער איז· אומר זאגט ער דיר, א. ז. וו.

„חכם מה הוא אומר מה העדות וכו'. רשע מה הוא אומר מה העבודה הזאת וכו'.“

איך דיינק, אז וואס איך וויל יעצט שרייבען אויף זיי ביידען, ד. ה. אויף דעם חכם און אויף דעם רשע, האב איך עס געזעהן אמאל אין „פרי יחזקאל“ פון הגאון זיוויץ אב"ד פיטסבורג, ווייל די זאך געפעלט מיר זעהר שטארק, דארום וועל איך שרייבען. עס קען אבער זיין ניט אזוי ווי ער זאגט דארט, ווייל איך האב ניט זיינע ספרים יעצט.

אז עס מופט אריין איינער אין א שטאט, און ער איז נאך פרעמד אין דער שטאט, אויב ער איז א „חכם“, ער קען לערנען, און א „ירא שמים“, געהט ער אין שוהל אריין און די ערשטע

זאך פרעגט ער זיך נאך ביי די „תושבים" וואו געפינט מען ריכטיגע „כשרה" פלייש? וואו איז א גוטער „חדר" פאר זיינע קינדער? אין וועלכע שוהל דאווענט מען ארטהאדאקסיש? וואו לערענט מען א פרק משניות? וואו געפינט מען א פלאץ וואו מען לערענט דעם בלאט גמרא? אין אלגעמיין איז דא א שטאט פון תורה? פון יראת שמים? און דאס מיינט „חכם", אז דער „חכם" קומט אין א שטאט, איז די ערשטע פראגע זיינע, „מה הוא אומר", וואס זאגט ער, וואס פרעגט ער? „מה העדות והחוקים והמשפטים", ווי איז דא אין דער שטאט די „עדות" און „חוקים" און „משפטים"?

אז דער „רשע" קומט אריין אין א שטאט, פרעגט ער זיך ניט נאך אויף די אלע זאכען. דאס ארט איהם זעהר ווייניג. א גרויסען זארג האט ער ניט פון דעם. ער דארף עס גאר ניט. נאר וואס ליגט איהם אין קאפ צו פרעגען באלד? „רשע מה הוא אומר", וואס זאגט ער באלד ווי ער קומט, „מה העבודה הזאת לכם", ווי ארבייט מען דא? וויפיעל שטונדע ארבייט מען? איז דא א יוניאן? זיין פראגע איז נאר „מה העבודה"?

„חכם מה הוא אומר וכו' אשר צוה ה' אלהינו אתכם.
רשע מה הוא אומר, מה העבודה הזאת לכם וכו' ואף
אתה הקהה את שיניו" וכו'.

די וועלט פרעגט, דאכט זיך דער „חכם" זאגט אויך אתכם, אייך האט גאט אנגעזאגט, פונקט ווי דער רשע זאגט „לכם", נאר מיט אן אנדער לשון... דער זאגט „אתכם" און דער רשע זאגט „לכם", טא ווארום הייסט ניט דער „בעל הגדה" איהם דעם חכם האיליג מאכען די ציין, און זאגט ניט ולפי שהוציא את עצמו מן הכלל. אט ווייזט אויס אז ער טהוט ניט די מצות, און אזוי ווי פאר איהם האט מע ניט אנגעזאגט די מצות?

רבותי, איך נעהם עס אן פאר א גוטע פראגע, און איך זאג אייך, אפילו איהר זאלט אויף מיר פאראיבעל האבען, אז דער „חכם" פון דער הגדה איז אויך ניט אזוי אי־אי־אי! קיין צדיק איז ער געוויס ניט. נאר ער געפעלט מיר מיט איין זאך. פאר דער איינער זאך קומט איהם קרעדיט, אבער מעהר ניט.

צו ערקלעהרען, וואָס פאַר אַ זאַך איז נאָך דאָ ביי דעם חכם, וואָס מיט דעם איז ער גערעכענט אַנטקעגען רשע אַלס „חכם", וועל איך ברענגען אַ מדרש:

„ויקרא אלהים לאור יום — אלו מעשיהם של צדיקים,
ולחשך קרא לילה — אלו מעשיהם של רשעים".
(בראשית רבה)

איהר גיט אַכטונג גוט. אין דעם איינעם פסוק „ויקרא אלהים לאור יום ולחשך קרא לילה" איז אַ האַלבער פסוק, ביז דעם „אתנחתא" פאַר צדיקים, דעם אַנדערען האַלבען פסוק פון דעם „אתנחתא" ביז ענדע „ולחשך קרא לילה" פאַר די רשעים.

אין גאַנצען פסוק, ציילט אויס, וויפיעל ווערטער איז פאַראַן, וועט איהר געפינען זיבען ווערטער. פאַר די צדיקים „ויקרא אלהים לאור יום", דאָ איז דער „אתנחתא", דאָס איז פאַר די צדיקים. דאָ אין דעם האַלבען פסוק איז דאָ פיער ווערטער, אין דעם אַנדערען האַלבען פסוק „ולחשך קרא לילה" איז פאַראַן דריי ווער־טער. זאָלען מיר זעהען, וואָס איז מעהר אין דעם ערשטען האַל־בען פסוק, און וואָס פאַר אַ וואָרט פעהלט אין דעם אַנדערען האַלבען פסוק. אָבער ריכטיג ציילען. ערשטען „ויקרא", צווייטען „קרא", ערשטען „לאור", צווייטען „חשך", ערשטען „יום", צוויי־טען „לילה". — יעצט קוקט וואָס איז געבליבען אין ערשטען פאַר אַ וואָרט, וועט איהר טרעפען אַז דער וואָרט „אלהים" איז דאָ אין ערשטען האַלבען פסוק. „ויקרא אלהים", קוים איז דאָ „אלהים" גאָט, איז ער שוין אַ פיינער מאַן, אַז ער גלויבט אין גאָט, „אלו מעשיהם של צדיקים" — „ולחשך קרא לילה", ניטאָ גאָט, ניטאָ דער וואָרט „אלהים", „אלו מעשיהם של רשעים".

דער „חכם" טאָקע איז אויך ניט קיין אי־אי־אי, אָבער ער גלויבט כאָטש אין גאָט, ער זאָגט „מה העדות וגו' אשר צוה ה' אלהינו, וואָס איז דאָס וואָס אונזער גאָט האָט אָנגעזאָגט אייך, טאָקע „אייך", זאָגט ער, „אתכם", ער וויל דאָס גאָר ניט טהאָן. אָבער איהם קען מען נאָך ניט האַיליג מאַכען די ציין... דער רשע פרעגט און גלויבט ניט אין גאָט אויך, „ואף אתה הקהה את שיניו".

„ואף אתה הקהה את שיניו“.

דעם אויסדריק פון „בעל הגדה“ „און דו אויך“... איז עפעס ניט אזוי קלאר.... איך האב עס אמאל געזאגט אין וויץ, אבער א פאקט אין לעבען. זייט וויסען דאס ווען דער טאטע איז ניט קיין גרויסער „מדקדק“, דאן איז זיין קינד געווים ניט בעסער, נאר הונדערט פראצענט ערגער. עפעס איז, טאטע זיסער, אז דו האסט אזא „חבירה מאן“ וואס לאכט שוין פון דיר, און איז א „רשע“, ווי דער „בעל הגדה“ רופט איהם... ווייל ער פרעגט דיר „מה העבודה הזאת לכם“, אפילו גאטס נאמען דערמאנט ער שוין ניט. זיי וויסען, טאטעלע, אז דו האסט איהם האיליג געמאכט זיינע ציינדלעך, איז ניט דירעקט איז אונדירעקט, אז ער איז אזוי, איז „ואף אתה“ און דו אויך טאטינקע, ביסט שולדיג, איז ניט א סך איז א ביסעלע, „אבות אכלו בוסר ושיני בניו תקהנה“. אלזא טאטע גוטער, „ואף אתה הקהה את שיניו“ — ודו“ק.

פרשת בשלח

„הים ראָה וינוס (תהלים קי״ד), מה ראָה? ראָה ברייתא דר׳ ישמעאל וינס. (מדרש פליאָה)

פריינדע! עס איז וואונדערליך אויבען־אויף דער מדרש. איהר הערט, דער מדרש ערקלעהרט דעם פסוק, וואָס דער משורר זאָגט, דער ים האָט געזעהען איז ער אנטלאָפען, פרעגט דער מדרש, וואָס האָט ער געזעהן? ענטפערט דער מדרש, ער האָט געזעהן די ברייתא פון ר׳ ישמעאל, ווי קומט קריעת ים סוף צו דעם תנא ר׳ ישמעאל?

די גמרא פרעגט אויך, מה ראָה? ענטפערט די גמרא, „ראָה ארונו של יוסף״. דאָס איז צו פארשטעהן. ווייל די גמרא לערענט א „גזירה שוה״. ביי יוסף ווערט געזאָגט „וינס ויצא החוצה״ און דאָ זאָגט דער משורר „הים ראָה וינס״ — און עס קומט יוסף הצדיק, אז דער מלאך, דער „שר של ים״ זאָל רעספּעקט האָבען פאר אזא צדיק, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט זיין לעבען צוליעב גאָט.

אין מצרים זיינען אידען געווען „עובדי עבודה זרה״. מיר קען נען קיין פאראיבעל ניט האָבען אויף זיי. ניין, מיר טאָרען גאָר ניט ריידען אויף זיי, ווייל זיי זיינען ניט געווען שולדיג. קיין תורה האָבען זיי ניט געהאַט, קיין קולטור דאָס גלייכען, קיין איינגע וואָרצעלטע פאָלק מיט זיטען, גוטע לעהרע אויך ניט, פרעמד פון אלעם, פארשקלאפט טאָג און נאכט, וואָס האָט אזא פאָלק געקענט אנדערש טהאָן, זייערע דריקער בליהען, זיי איז גוט, זיי זיינען די בעלי בתים, און די אידעלעך, די ביסעלע, זיינען פרעמדע, וואָלטען מיר ניט געוועזען ערגער? געוויס יאָ!

היינט הערט און שטוינט. מיר מיט א תורה, „שבכתב״ און „בעל פה״, מיט אזוי פיעל ספרים, און אזוי פיעל חומרות אויף יעדען דין, און איינגעוואָרצעלט אין דעם איבער דריי טויזענד יאָהר, און צו אלעם ענדע דיענען מיר „עבודה זרה״ אין אלע

הינזיכטען, זיינען מיר יעצט „עובדי עבודה זרה“, „המבזה את המועדות כאלו עובד עבודה זרה“ (שבת קי״ח). איהר הערט, רבותי, אז מען איז מבזה חול המועד, מען עסט ניט יום־טוב׳דיג, הייסט ווי מען וואלט דיענען „עבודה זרה“, ווי געפעלט עס אייך, וואס הייסט שוין אז מען ארבייט יום טוב אליין, ווי הייסט עס דען? און אפילו שבת?... „המעמיד דיין שאינו הגון כאלו נוטע אשרה“ (סנהדרין ז׳) אז מען נעמט אויף אין א שוהל א רב, א דרשן, א חזן, וואס ער איז ניט ראוי דערצו, איז גלייך ווי ער פלאנצט אן אשרה, דאס הייסט עבודה זרה, א רב א גלות, א „קל שבקלים“, ווי ביי די רעפארמער, — איהר הערט שוין... יעצט לאמיר זעהן, וואס הייסט אין גאנצען „עבודה זרה“, איך מיין פארטייטשען דעם ווארט „עבודה“ און דעם ווארט „זרה“, אזוי ווי איך האב געשריעבען אין מיין זעלטענעם געלונגענעם ספר „דברי יהודה“, אויף דער גמרא „בקש דוד לעבוד עבודה זרה א״ל חושי הארכי מלך שכמותך יעבוד ע״ז? א״ל מלך שכמותי יהרגנו בנו?“ (סנהדרין ק״ז). דוד אנטלויפט פון אבשלום זיין זוהן, איז דוד ארויף געלאפען אויף דעם בארג כרמל. זאגט די גמרא אז דוד איז ארויף אהין אום צו דיענען „עבודה זרה“. היתכן, דוד מלך ישראל, דער וואס זאגט „לדוד שמרה נפשי כי חסיד אני“, דער דוד געהט דיענען „עבודה זרה“? נאך אמאל, היתכן??? נאך מעהר, אז חושי הארכי זאגט צו איהם, מען וועט זאגען, אז אזא מלך איז געגאנגען דיענען „עבודה זרה“, וואס איז דאס פאר א ווערטער פון חושי הארכי, אזא מלך, ער דארף זאגען אזא צדיק ווי דו ביסט, א קלענערער מלך קען יא דיענען עבודה זרה? און דער ענטפער פון דוד, איז ניט צופריעדענ־שטעלענד. אז ער זאגט צו חושי, און אז מען וועט זאגען, אז אזא מלך יאגט נאך זיין זוהן? ווייזט טאקע אויס נאך זיין אנטווארט נאך, אז ער איז טאקע ח״ו געגאנגען דיענען „עבודה זרה“, היתכן?

איך בין דא ניט לאנג אריינגעגאנגען אין א שאפ. איך האב דערזעהן א יונגען מאן, דער וועלכער איז געשטאנען אין גע־ביגעלט. ער, דער יונגער מאן, איז מיר געפעלען געווארען, אז ער איז ניט קיין פראסטער מענש. דאס האט אנגעצייגט זיינע גע־זיכטסציגע, זיינע איידעלע פינגערלעך. איך פרעג איהם, פון וואנען

ער קומט, ער ענטפערט מיר, געבאָרען איז ער אין קאָוונע, קומען קומט ער פון וואָלאָזשין, וואו ער האָט געלערענט און געקראָגען „סמיכה להוראה“, ווייל זאָגען קען ער ניט, קיין הדרת פנים האָט ער ניט, קיין בלאָפער איז ער ניט, האָט ער ניט געקענט קריגען קיין רבנות שטעלע, האָט ער זיך באַזינען און איז אריין אין אַ שאָפּ און ארבייט. זאָג איך גלייך צו איהם, דאָס הייסט „עבודה זרה“ דינט איהר.

דער יונגערמאַן קען מיר, דארום האָט ער זיך דערשראָקען פאַר מיינע דבורים. וואָס הייסט? פרעגט ער מיר. שרעקט זיך ניט, זאָג איך איהם. טייטשט די צוויי ווערטער, וועט איהר זעהן, וואָס דאָס איז, וואָס הייסט דאָס „עבודה“ ארבייט, „זרה“ פרעמדע. אַלזאָ מיין ליעבער איד, איהר דאַרפט זיין אַ רב און לערנען תורה, דאָס איז אייער „עבודה“, זייט איהר אַוועקגעגאַנגען אין שאָפּ און איהר ביגעלט רעקלעך, הייסט דאָס „זרה“, אַ פרעמדע, „עבודה זרה“ אַ פרעמדע ארבייט, ארבייט איהר, מיין ליעבער איד. איך האָב דעם מאַן געבעטען קומען צו מיר אַלע אָוונד און איך האָב איהם ארויפגעבראַכט אויף דעם שניט פון זאָגען. טאַקע מיט שווערע מיהע, אָבער ער איז יעצט אַ גוטער רב און אַ גוטער דרשן, און מאַכט בעסער ווי אין שאָפּ, און ער דינט ניט קיין „עבודה זרה“...

אַז אַ גראָבער יונג, וואָס דאַרף זיין אין שאָפּ, און ער ווערט אַ רב, הייסט עס „עבודה זרה“ — אַז אַן עקטער פונם סטיידזש, וואָס לייגט ניט קיין תפילין אַ גאַנץ יאָהר, האַלט ניט קיין שבת און ער גלויבט אין גאָט אויך ניט, און לאַכט פון אַלע הייליגקייט, ער איז אַ „מומר לכל התורה“ און ער קומט צום אידען ימים נוראים (אָהן תשובה) און ער שטעהט און דאַווענט פאַר'ן עמוד (ער דאַווענט, שרייב איך, ניין, אפילו קיין וואָרט ניט), דאָס הייסט „עבודה זרה“, אַז אַ רב אָדער אַ דרשן, און ער איז אַ גלוח, און אַליין קיין „ירא אלהים“, איז דאָס „עבודה זרה“, אַ פרעמדע ארבייט. אַ פרעזידענט ניט קיין גרויסער ירא שמים, אָבער אויך ניט קיין קליינער חטאת, ער האַלט פון קיין הבר שבקדושה, ער גלויבט אין גאָר ניט, ער דאַרף זיין אַ פרעזידענט פון אַ קלאָב (אָדער בלשון רבים — כלבים), דאָרטען איז זיין ריכטיגער פּלאַץ.

אָבער דו עזות מצח, ווי קומסטו אין שוהל און איינטיילען כבודים, און אמאָל נאָך טייטלען אין „ספר תורה", דאָס איז „עבודה זרה", אַ פרעמדע ארבייט, דאָס איז די ארבייט פון אַ „ירא אלקים", אָבער ניט צו דיר.

אַז עס קומט אַן „אייניקעל". טאַקע זיין עלטער, עלטער זיידע איז געווען אַ צדיק און אַ גאון, אָבער דאָך דו אייניקעל, ביזט אַן „עם הארץ", פונקט ווי „עשו", כאָטש ער איז אַ זוהן פון יצחק די „עולה תמימה", דאָך „עשו" בלייבט עשו, אָבער צו דעם ניו יאָרקער אָדער אומגעגענד, דער אייניקעל, לאָזט זיך אדווערטייזען אין די אידישע צייטונגען, און ער זאָגט, אָדער מען זאָגט פאַר איהם, אַז ער איז אַ „בעל מופת", און ער איז „פוקד עקרות", און ער ברענגט צוריק די אנטלאָפענע מענער רייטענדיג אויף אַ בעזים, און די „עמי הארצים", די „חסידים", גיבען פדיונות, און ווייבער שטעהען אין ליין און וואַרטען צוצוקומען צו דעם „צדיק", און דער „גבאי" נעמט די געלט און גיט אַ קוויטעל, און דער „עם הארץ" גיט אַ „קמיע" און ער שרייבט דאָרט פיער אותיות — פיל"ד — וואָס דאָס וואָרט „פיל"ד" איז אַ ר"ת פ"תי י"אמין ל"כל ד"בר, דאָס איז „עבודה זרה", ער האָט געדאַרפט זיין אַ ביגלער" וואָלט דאָס געווען אַ ריכטיגע ארבייט פאַר איהם. קורץ דערפון, דאָס הייסט „עבודה זרה" — אַז דוד מלך ישראל, דער גרעסטער קעניג פון אידען, אַז זיין זוהנעלע יאָגט איהם נאָך, און וויל איהם טויטען, און ער אַנטלויפט, און איז אין גרעסטען געפאַהר, דאַן האָט ער זיך באַזונגען, איך וועל ארויפגעהן אויף דעם באַרג און אריבערלויפען די גרענעץ און איך וועל אוועק צו אָכיש מלך גת, און איך וועל ווערען ביי איהם אַן אָפיצער, אַ „גבור מלחמה" בין איך דאָך, דאַן וועל איך פטור ווערען פון אַזאַ שאַנדע, אָדער ער האָט געוואָלט צו אַן אַנדער קעניגרייך לויפען, און דאָרט זיך באַזעצען און טאָן וואָס ער וועט טאָן.

פרעגט די גמרא, וואָס האָט דוד געטאָן אויף דעם באַרג? זאָגט די גמרא „הלך דוד לעבוד עבודה זרה", דוד איז געגאַנגען דיענען „עבודה זרה", אַ פרעמדע ארבייט טהאָן, ניט זיין ארבייט. ווי ריכטיג דאָס איז, וואָס חושי הארכי זאָגט צו איהם, „יאמרו

מלך שכמותך, אזא גרויסער קעניג ווי דו, וואס דו ביסט אזוי עדעל און שטאלץ, דו אדעלער מאן, דו געהסט דיענען „עבודה זרה“, וואס דו וועסט טהאן, אפילו די שעהנסטע ארבייט, וועט דאך ביי דיר דאס הייסען „עבודה זרה“, אזא קעניג ווי דו ביסט „יעבוד עבודה זרה““? ענטפערט ער, נו וואס דען זאל איך טהאן, זאל איך זיך לאזען טויטען, און „יאמרו מלך שכמותי יהרגנו בנו?“

יעצט מיינע טהייערע, מוז איך אלעס בעזייטיגען, און מיר וועלען עטוואס ריידען צו די פיהרער אונזערע, דאס זיינען די „רבנים“, „דרשנים“, „מטיפים“, „מגידים“. טהוט אייער „עבודת הקודש באמונה“, רעדט וואס מען מוז ריידען, ווייל אויב ניט, הייסט עס, עבודה זרה דינט איהר, איהר טהוט א פרעמדע ארבייט, ברייגגט ניט אויף „בימה“ פון פרעמדע געשפרעכען, וואס עס איז ניט אבעלאנגט אויף דער „בימה“, פאר'ן פובליקום, רעדט ניט פון דאקטאריע, רעדט ניט פון שטערען מארס, און ווילט ניט אויפווייזען, אז דארט איז דא מענשען, אין דער צייט וואס אויף דער ערד איז פערהאנען ווייניג מענשען. איהר ווייסט דאך, אז מען האט געפרעגט אמאל א פילאזאף, אויב ער ווייסט וויפיעל מענשען עס זיינען פאראן אויף דעם ערד קוגעל? האט ער גע־ענטפערט, דערווייל זעהר ווינציג. וואס דארפט איהר קלעטערען אויפ'ן שטערען מארס זוכען מענשען, זעהט בעסער, אז אייערע הערער זאלען פון זייערע קינדער מאכען מענשען. איך זאג אייך, אז ווען איך האב צייט, און איך קום אין א שוהל, און הער דעם רב זאגען א „דרוש“, זאג איך אז „אוי לאזנים שכך שומעות“, ער פארדרעהט זיי דעם קאפ מיט „דרוש פלפול“, אז „קין“ האט גע'הרג'עט „הבל“, האט ער געהאלטען, אז זיי האבען געהאט דעם דין פון א „בן נח“ — און „הבל“ האלט, אז ניין, זיי האבען דעם דין פון א „ישראל“ און אזוי ווייטער. ווען זאגט מען אזעלכע דרשות, אין דער צייט, וואס זיין פרעזידענט אליין איז ניט קיין „ישראל“, ווייל ער האלט ניט פון דער גאנצער תורה, מיט רב צוזאמען, אפילו קיין „בן נח“ איז ער אויך ניט, ווייל ער האלט ניט פון די „שבע מצות בני נח“.

אין דער צייט וואס אונזער יוגענד איז אין גאנצען אבגע־טרעטען פון אונז, אין דער צייט, וואס עס ווערט געטראמפעלט

אונטער די פיס אַלע היילינקייטען. אמת טאַקע, אַז עס קען זיין, אַז דער רב זאָל זאָגען דעם אמת, וועט ער אנטזאָגט ווערען פי־לייכט פון זיין שטעלע. אָבער ווי קען מען זיין גלייכגילטיג צו דער־צו, און צוקוקען. איך אַליין האָב אימער ניט געקוקט אויף דעם. דאָס קענען עדות זאָגען מיינע צעהנדליגע טויזענטער הערער, וואָס האָבען מיר שוין געהערט. און דאַך פלעג איך „נושא חן" זיין ביי דעם פובליקום. אַ פּרעזידענט אַז ער האָט מיר אַמאָל דיקטירט, איך זאָל ניט זאָגען וועגען „חילול שבת", האָב איך אויסגעשריען אויפ'ן קול: „אָלרייט — איך וועל ניט ריידען וועגען חילול שבת, אַז איהר וועט ארויסנעהמען די ספר תורה און ארויסרייסען די „יריעות" וואו עס איז אָנגעזאָגט געוואָרען וועגען שבת, אַז עס וועט אין דער תורה ניט זיין, וועל איך ניט זאָגען", און איך האָב איהם נאָכהער געגעבען אַ גאָב, אַז עס איז איהם פינסטער און ביטער געוואָרען. און גאָט ב"ה האָט מיר ניט פאַרלאָזען. איך האָב אימער געהאַט שונאים, וואו מען האָט מיר געזוכט, ניט איך האָב זיי געזוכט.

איך וועל יעצט ציטירען אין די רייד אַ מאמר נפלא:

„תניא אבא שאול אומר, קובר מתים הייתי, פעם אחת נפתחה מערה תחתי ועמדתי בתוך גלגל עינו של מת עד חוטמי, כשחזרתי לאחורי אמרו עין של אבשלום היתה, ושמא תאמר אבא שאול ננס היה, ארוך בדורו הוה" וכו'. (נדה כ"ד ע"ב)

מיר וועלען פאַרטייטשען דעם מאמר. מיר האָבען געלערענט, אבא שאול זאָגט, איך בין געווען אַ „קברן", מענשען פלעג איך „מקבר" זיין. אַמאָל האָט זיך אונטער מיר געעפענט אַ מערה, אַ הייל אַ גרויסע אונטער מיר און איך בין אריין אין דער אויג פון אַ מת, ביז מיין נאָז, אַז איך בין ארויס פון דאָרט, האָט מען מיר געזאָגט, אַז דאָס איז די אויג פון אבשלום געווען, און פי־לייכט וועסטו זאָגען, אַז אבא שאול איז געווען אַ קליינינקער, ניין! אבא שאול איז געווען דער לייננסטער אין זיין דור.

די גאַנצע געשיכטע וואָס ער דערציילט, איז עפּעס נישט אַזוי גלאַטליך, עס האָט זיך אויפגעעפענט אַ מערה? און אַזאַ גרויסער

איז דער „בר מינן" געווען, אז אזא גרויסער הויכער מענש, ווי אבא שאול, איז אין אויג אריין ביז'ן נאז? און נאכדעם האבען זיי איהם געזאגט, דאס איז די אויג פון אבשלום? דאכט זיך מען ווייסט גאנץ גוט וואו אבשלום איז מקובר געווארען, און אבא שאול ווייסט אליין דעם פלאץ וואו אבשלום ליגט, דאכט זיך אז אבא שאול האט געלערענט תנ"ך? איך און מיר אלע וועלען מסכים זיין, אז אבא שאול איז קלאר געווען תנ"ך, אפילו אין יעדען פינטעלע. הייגט אז מען וועט פופציג מאל זאגען, אבא שאול זיי ווייסען, א דאס איז געווען אבשלום, ווייסט ער דען ניט אז עס איז ניט אבשלום?

טייערע פריינדע! מיר וועלען אביסעלע פאנטאזירען אין דעם מאמר, און טאקע אזעלכע זאכען, וואס מיר זעהען עס מיט אונזערע אויגען, נאר ביי מיר הייסט עס פאנטאזיע, ווייל מעהרערע ווילען גאר ניט וויסען דערפון, זיי ווילען עס גאר ניט דערמאנען, און עס איז שוין יעצט ווי א פאנטאזיע ביי זיי. דער חינוך הבנים, דער יעצטיגער דור, וואס איז אזוי אבגעקערט פון גאטס דרכים, און איבערהויבט וואס ער איז גאר ניט געלערענט, ווייסט איהר ווארום דאס איז? ווייל מיר האבען אזא שלעכטע אויג. אונזער אויג זעטיגט זיך גאר ניט אן, מיט דעם וואס מיר האבען, און מיר זוכען אלץ מעהר און מעהר. מיר האבען גאר קיין צייט ניט זיך צו דערמאנען וואו מיר האלטען אליין, און איבערהויבט אין וואס פאר א מצב מיר שטעלען אוועק אונזערע קינדער. השי"ת זאל זיך מרחם זיין, וואו מיר האלטען, אז פופציג פראצענט פון אלע אונזערע קינדער אין אמעריקא, גיט מען גאר ניט קיין שום „חנוך", מען גיט זיי גאר ניט לערנען, און דאס זיינען ארטהאדאקסישע עלטערען, אזוי רופען זיי זיך... פון די געבליבענע העלפט איז ווייטער א פופציג פראצענט, דאס הייסט א העלפט, ווערען געלערענט בלויז א שטיקעלע „עברי", אזעלכע „עברי" אז „המכה בעברתו", ער הרג'עט אוים מיט זיין „עברי", „כל בכורי מצרים"... נאר אז עס קומט א יאהר פאר'ן „בר מצוה" ווערען, דאן נעמען זיי א רבי'ן איהם צו לערנען די „הפטורה", „רני עקרה לא ילדה", ווייל זי איז א קליינע, און דערצו פאסט זי זיך צום עניין, ווייל ער זאגט די מאמען זיינע „רני" זינג, „עקרה" אומ-

פּרוכטבאַרע מאַמעלע, ווייל „לא ילדה", ווייל זי האָט ניט געבוי־רען נאָך עטליכע אַזעלכע, „כי רבים" דען ווען זי וואָלט געוועזן געהאַט אַ סך אַזעלכע, וואָלטען זיי אויך געווען „בני שוממה"...

מיינט איהר אַז אַ „ספּיטש" לערענט מען איהם ניט? יאָ, ווי דען! ער ווערט דאָס אויך געלערענט, און דער טאַטע זיינער לאָדעט איין דעם פּאַרמאַן פון שאַפּ, און זיי קומען צו פאַרען צו „קריאת התורה" אין שוהל. נו ווי געפעלט אייך אַזאַ מין סחורה... און דער יונגאַטש האָט געלייגט תפילין אַ פּאָר מאָנאַט בעפאָר זיין „בר מצוה" — און גלייך נאָך דער „בר־מצוה־פּאַרטי" הערט ער אויף לייגען תפילין. דערום זאָגען אַמעריקאַנער, אַז נומער 13 איז ניט קיין „מזל'דיגער" נומער, ווייל ביז 13 יאָהר לייגט ער תפילין און פון 13 יאָהר הערט ער אויף צו לייגען. אוי! איז דאָס אַז אונגליקליכער נומער, דער 13! יעצט אַ פּופּציג פּראָצענט פון די געבליבענע לערנען אין „חדרים מתוקנים" (ריכטיגער דער וואָרט איז „מסוכנים"), דאָרט לערענט מען „עברית בעברית", אָדער „עברית באנגלית": „סוס אַ פערד, „איש" אַ מאַן, נאָר טאָמער פרעגט איהר איהם צו גיך, זאָגט ער אייך „איש" אַ פערד, „סוס" אַ מאַן. אָט די פּייק חדרים — די קינדער בלייבען ניט געקענט אפילו „עברי" — אביסעלע פון די געבליבענע לערנען אין חדרים, וואָס דער רבי קען אליין קיין עברי ניט. דאָס איז דער „סך הכל" פון אונזערע „קדישים".

ווייסט איהר וואָס דאָס איז? ווארום דאָס איז? וואָס איז געוואָרען מיט אונז? דאָס איז גאָר פּשוט, ווייל מיר האָבען אַ גרויסע אויג. אונזער אויג קען זיך ניט אָנזעטיגען. עס איז קיין מאָל ניט גענוג. מען זעהט, און מען לויפט, און מען פליהט, און מען שוועבט, טאָג און נאַכט. דאָרום איז ניטאָ קיין שבת, קיין תפילין, קיין ציצית, קיין טהרת משפחה, קיין מענשליכקייט, קיין אידישקייט. נאָר מען לויפט.

און די חברה העלפט ניט קיין מוסר. די ערשטע זאַך, ווען האָט איהר זיי אין שוהל, אַז מען זאָל קענען „מוסר" זאָגען. מעהר ווי צו „יזכור" קומען זיי ניט. פאַר זיי איז דאָ דער בעוואוסטער נאָמען, ווי די חכמים רופען זיי: „רשעים בחייהם קרויין מתים" (ברכות י"ח), אָבער אַז מען קריגט זיי אריין דורך אַ סיבה אין

שוהל, דארף מען זיך נעמען צו זיי — צו די „מתים", די טויטע, וועלכע זיינען אבגעשטארבען, צוליעב זייער אויג, וואס זי קען זיך ניט אנזעטיגען קיינמאל, צוליעב דעם האבען זיי אבגעטויטעט זייערע קינדער אויך. די „מתים" זיינען פעריאגט און האבען קיין מאהל קיין „חשבון הנפש" ניט, ביז ווי לאנג זייער נאז קען נאך ציהען די לופט און ארויסגעבען די לופט. צו א טויטען לייגט מען צו א פעדער צום נאז, אז ער בלאזט אוועק, איז ער נאך לע־בעדיג. אט ווי לאנג דער נאז זייערער גיט נאך לופט, ווערט די אויג ניט זאט. א רב, א דרשן, וועלכער קען עפעס אויפטהאן פאר מתים, איז זעהר גוט. געוועהנליך, ניט אלע מתים קען מען העלפען.

„אבא שאול" פלעגט די „מתים" יא העלפען, די מעהרערע צאהל. דארום זאגט ער, „קובר מתים הייתי", איך פלעג זיי בע־גראבען. דאס הייסט, איך פלעג די „מתים" מקבר זיין, זייערע שלעכטעס בעגראבען, און זיי פלעגען ווערען פיינע, גוטע מענ־שען, די „מתים", וואס ווערען אבגעשטארבען פון אלעם צוליעב דער אויג זייערער, וואס קען זיך ניט אנזעטיגען. אלעס וואס זי זעהט מוז זי קריגען.

דערצעהלט ער ווייטער, „פעם אחת", איין מאהל האט אבער פאסירט, אז „נפתחה מערה תחתי", עס האט זיך געעפענט א הייל אונטער מיר, דאס הייסט א נידעריגע בריאה, וואס ער איז געווארען א טויטער צוליעב זיין אויג, אבער אזוי נידעריג, פון די אונטערוועלט, א פיסטעל־קנאקער, אלע צרות אויף זיין קאפ. „ונכנסתי בתוך גלגל עינו של מת", און איך האב גענומען אריינ־געהן אין דעם „תוכן" פון זיין פערדארבענעם לעבען, וואס איז געווארען צוליעב זיין אויג. איך האב אנגעהויבען מיט איהם רעדען, איך האב געמיינט, פיל״יכט וועל איך איהם קענען בע־סערען, פיללייכט וועט מיר עס געלינגען, און איך האב איהם גע־נומען ערקלעהרען, אז ער קען תשובה טהאן, און דאס הייסט „חרטה" האבען אויף דעם וואס איז אוועקגעגאנגען, דאס וואס ער האט אבגעטהאן. האט ער מיר ערקלעהרט, זייט וויסען, רבי, עס איז פארפאלען. מיר קען שוין קיין תשובה ניט העלפען. איך האב אפגעטהאן אזעלכע סקאנדאלען, אז עס איז אונמעגליך דאס זאל מיר געשאנקען ווערען... איך מוז שוין אט אזוי ארבייטען ביז

מיין לעצטען אָטהעם, „עד חוטמי“, ביז דער אָטהעם פון מיינע נאָז־לעבער וועט זיך ציהען. זאָגט אבא שאול, איך האָב געטהאָן דאָס מייניגע, איך בין „נכנסתי בתוך גלגל עינו של מת“ און מיט איהם געגוג גערעדט, אָבער ער האָט געענטפערט, „עד חוטמי“, ביז מיין לעצטען אָטהעם פון מיין נאָז מוז איך שוין אזוי זיין און עס וועט מיר שוין ניט העלפען, עס איז שוין פערפאַלען.

„כשחזרתי לאחורי אמרו לי שהוא עינו של אבשלום“. מיינע טייערע, אָט די אויג קען אזוי ווייט בריינגען, אז „חס ושלום“ עס זאָל אוועקפיהרען אזוי ווייט אין שלעכטען וועג, אַז טאקע עס זאָל זיין פאַר איהם אונמעגליך צו קומען צוריק ארויפצוגעהן אויף דעם גוטען וועג. די אויג בריינגט איהם דערצו שוין אז אפילו זיין אייגענעם טאַטען זאָל ער וועלען טויטען, ווי עס פאַסירט אמאָל, ביי היינטיגע צייט. האָט עס ניט פאַסירט מיט אבשלום, דער זוהן פון דוד מלך ישראל, אז זיין שלעכטע אויג האָט אזוי ווייט איהם פערפיהרט, זיין אויג, די וועלכע ער האָט געקוקט דורך זיי אויף זיין פאָטערס גרויסקייט, ווי ער זיצט „על כסא מלכותו“, דאָס האָט זיין אויג זיך פארגלוסט, און ער האָט גע־וואָלט דאָס באַקומען, און ער האָט עס גענומען פאַרווירקליכען אין זיין טהאָט, צוצוציהען צו זיך די גרעסטע פון די אידען, און ארויסגעהן מיט אַ מחנה, מלחמה האַלטען אויף זיין טאַטען, און געזוכט נאָר אין דער מלחמה צו בעפאַלען דוד'ן אליין, און צו הרג'ענען איהם. איז דאָס נישט שרעקליך, וואָס שרעקליכער קען שוין ניט זיין. דאָס זאָגען די חכמים צו אבא שאול. זיי וויסען אבא שאול, דאָס וואָס דו דערצעהלסט, אַז דו האָסט שוין ניט גע־קענט העלפען, וואָס דו ביזט דער ריכטיגער „קובר מתים“, דו קענסט אַלעס אויפטהאָן, מיט די אונטערוועלטיגע חברה, און מיט די אויג וואָס דו דערצעהלסט, האָסטו גאָר ניט געקענט אויפ־טהאָן, מוזען מיר דיר זאָגען, אז די אויג איז גאָר אַ פאַרדאָרבענע, וואָס פאַרדאָרבען הייסט, אזא גלייכען האָבען מיר אין דער היס־טאָריע מיט „אבשלום“, אזוי פערדאָרבען איז ער געווען צוליעב זיין אויג, „עינו של אבשלום היתה“, די אויג פון אבשלום איז דאָס געווען.

אָבער די איבעריגע האָט אבא שאול ארויפגעבראַכט אויף

דעם „דרך הישר", זייענדיג א „קובר מתים" — אַן אמת'ער דרשן, ניט פון די וואָס איך האָב בעפאָר געשריבען, וואָס זיי זיינען „עובדי עבודה זרה", זיי טהוען ניט זייער ארבייט, זיי זיינען ניט מקיים די „שליחות הבורא", אָבער די וואָס זיינען „מקיים", זיי טהוען ריכטיג, זיי ריידען צום פאָלק וואָס מען דאַרף רעדען, און קוקען ניט אין די אויגען דעם פרעזידענט, אויב ער וויל ליידען, אָדער ער וויל ניט ליידען אַזעלכע „דרשות". די קענען מחזיר למוטב זיין, אפילו די יעניגע וואָס דינען ריכטיגע „עבודה זרה", די וואָס זיינען שוין פארקראָכען אין „תהום" אריין.

איך האָב געהאַט אַזאַ חברה מאַן, ביי מיר אין הויז, און איך האָב איהם ערקלעהרט אַלע זיינע ספקות. אַז איך האָב איהם שוין ארויפגעבראַכט אויף דעם וועג, זאָגט ער צו מיר, רבי! איך דיינק אַז עס וועט מיר שוין קיין תשובה ניט העלפען. און ער האָט מיר אויסגערעכענט אַלע זיינע חטאים, אַז עס האָט מיר אויפ־געציטערט הערענדיג וואָס ער האָט אָבגעטהאָן. דאָך זאָג איך צו איהם, איך וועל דיר ווייזען מאמרים וועלכע רעדען וועגען תשובה, „אין לך דבר העומד בפני בעלי תשובה" (ירושלמי פאה פ"א הל"א ועיין קדושין מ'), „תכלית חכמה תשובה ומעשים טובים" (ברכות י"ז), „אל תהי ככסילים שחוטאים ואין עושין תשובה" (שם כ"ג), „כל הנביאים לא נתנבאו אלא לבעלי תשובה" — „מקום שבעלי תשובה עומדין אין צדיקים גמורים יכולין לעמוד" (שם ל"ד), „פרקליטים של אדם תשובה ומעשים טובים" (שבת ל"ד), „ידו של הקב"ה פרושה לקבל תשובה" (פסחי קי"ט), „גדולה תשובה שמגעת עד כסא הכבוד" (יומא פ"ו), „אשרי מי שלא חטא וכו' ומי שחטא ישוב" (סוכה נ"ג), „מקבלין קרבנות מפושעי ישראל כדי שיחזרו בתשובה" (חולין ה'). דאַכט מיר, גענוג מאמרים פאַר דיר, מיין ליבער פריינד, תשובה העלפט אויף אַלעס, אפילו אויף „עבודה זרה", געצען דיענסט, טאַקע ריכטיגע „עבודה זרה", ניט אַזעלכע ווי איך האָב בעפאָר גערעדט וועגען זיי... נאָר מיין פריינד, אַז מיר האַלטען אין דעם געשפרעך, וואַרט אַ ווײַלע, אַזוי ווי איך האַלט אין שרייבען פרשת בשלח צו מיין ספר „די בימה" און דאָרט האָב איך אין אַנפאַנג דרוש געשטעלט דעם „מאמר" פון „מדרש פליאה", „הים ראָה וינוס ראה ברייתא דרבי

ישמעאל", זיי דערביי און איך וועל דיר געבען איבערצולעזען, וואס איך שרייב אויף דעם און איך האב געזאגט אויף דעם, עס איז א שטארקער „דרוש", טאקע „תורה", און דאס וועט צו־נוץ קומען פאר דיר, אז תשובה העלפט פאר יעדען.

איינער פון די קדמונים טייטשט דעם פסוק אין משלי „זכר צדיק לברכה ושם רשעים ירקב", דעם דערמאנונג פון צדיק, אז מען דערמאנט א צדיק בענשט מען איהם, דערום זאגט מען „זכרונו לברכה", אבער דער נאמען פון א רשע זאל פערפוילט ווערען, דאס הייסט, מען זאל בעסער ניט דערמאנען זיין נאמען, אזוי ווי א בגד וואס מעןווארפט ארויס און עס פוילט, דערמאנט מען דאך ניט, מען פערגעסט זיך דערפון... זאגט יענער „קדמון", אז איינער האט געהאט א פריינד א „צדיק" און ער איז געשטארבען, איז א מצוה גדולה צו געבען א נאמען זיינעם א קינד נאך דעם צדיק, ווייל ווען ער וועט רופען דעם קינד, וועט ער זיך דערמא־נען און בענשען דעם צדיק, און ער וועט זאגען, מיין קינד, דו זאלסט „זוכה" זיין צו זיין ווי דער צדיק, נאך וועמען דו הייסט, ארויסווארפען וועט זיין „זכר", דער דערמאהנונג, דער קינד וואס דערמאהנט אימער דעם „צדיק", נאך וועמען ער הייסט, וועט זיין „לברכה", דער נאמען פון קינד וועט גורם זיין, אז מען זאל דער־מאהנען און בענשען דעם „צדיק" — אבער „ושם רשעים", א נאמען געבען נאך א פריינד א רשע, טאר מען ניט, „ירקב", דער נאמען פון איהם זאל פוילען, מען טאר ניט געבען א קינד א נא־מען נאך דעם פריינד, א רשע...

יעצט ווייסען מיר, אז נאך א „צדיק" איז א מצוה א נאמען צו געבען א קינד, און נאך א רשע ניט. יעצט זאלען מיר קלעהרען, ווי איז, ווען איינער האט געהאט א פריינד א „רשע", און דער „רשע" האט תשובה געטהאן, מעג מען געבען א קינד א נאמען נאך איהם אדער ניט?

אין פלוג איז דאך גאר קיין קלעהר ניט, ווארום ניט, אז מיר ווייסען אז „במקום שבעלי תשובה עומדין אין צדיקים גמורים יכולין לעמוד", איז ער דאך נאך גרעסער ווי א „צדיק", איז דאך א מצוה צו געבען א קינד א נאמען נאך איהם...

אדער ניין, עס ווענדעט זיך, וואס פאר אזעלכע „עבירות דער

„רשע" האָט אָבגעטהאָן. עס איז דאָ עבירות, וואָס עס קען זיין אז עס העלפט גאָר קיין תשובה ניט. עס איז א „פלוגתא" ביי די גדולים, „תשב אנוש עד ד'כ'א", דו קערסט אום דעם מענשען ביז דכ"א — דער וואָרט דכ"א מאַכט — „דם", „כפירה", „אשת איש", און „ולא עד בכלל", אז אויף די דריי עבירות העלפט קיין תשובה ניט. און אַנדערע זאָגען „עד בכלל", אז אויף די דריי עבירות העלפט אויך „תשובה" — אַלזאָ, איז נאָך דאָ וואָס האַלטען, אז עס העלפט קיין תשובה —אויף „דם, כפירה, אשת איש", און אז איינער האָט געהאַט א פריינד און ער איז געווען אַן „עובד עבודה זרה" און ער איז געשטאָרבען מיט „תשובה", אפילו, איז ער דאָך געשטאָרבען א „רשע", טאָר מען קיין קינד א נאָמען גע־בען נאָך איהם, אָבער נאָך די וואָס האַלטען, אז אויף די דריי עבירות העלפט אויך תשובה, און דער פריינד איז אפילו געוועזען אַן „עובד עבודה זרה", אז ער איז נאָר געווען א „בעל תשובה", מעג מען און עס איז נאָך א מצוה צו געבען א נאָמען נאָך איהם.

יעצט וועל איך דרינגען, אז עס העלפט יאָ תשובה, אפילו אויף די דריי עבירות. וואָרום אַלע אונזערע נעמען וואָס מיר האָבען, איז פון אונזערע אָבות, אברהם, יצחק ויעקב, און די שבטי יה, זייערע נעמען. עס איז דאָ א נאָמען, וועלכער איז א וואונדער, וואָרום מיר גיבען א נאָמען אויף זיין זכר, און דאָס איז „ישמעאל" בן אברהם, ווייל די חכמים זאָגען, ער איז געווען אַן „עובד עבודה זרה", אויף דעם פסוק „ותרא שרה את בן הגר המצרית מצחק", „אין צחוק אלא עבודה זרה". ווייסען מיר דערפון, אז ישמעאל איז געווען אַן „עובד עבודה זרה". עס שטעהט אָבער „ויקבר אברהם בשיבה טובה", זאָגען די חכמים, „שעשה ישמעאל תשובה בימיו". אַלזאָ — איז ישמעאל געוועזען א „בעל תשובה, אָבער אין דעם איז דאָך די פלוגתא אויב עס העלפט זיין תשובה, אָדער ניט.

אז די אידען זיינען געקומען ביי דעם ים, האָט דער „שר של ים" ניט געוואָלט לאָזען זיי אריבערגעהן, מיט דער טענה, אויב זיי אריבערלאָזען, דאַרף מען די מצרים אויך אריבערלאָזען, ווייל „הללו והללו עובדין עבודה זרה", די מצרים און די אידען זיינען ביידע געצען דיענער. אַי וואָס זיי האָבען תשובה געטהאָן... האַלט איך ווי דער „מאן דאמר" אז אויף די דריי זאַכען העלפט ניט

קיין תשובה, האָט ער אָבער אַ קוק געטהאָן אויף ווייטער, אין דער צוקונפטיגער צייט, אין דער עבר׳דיגער צייט, אַמאָל איז געווען אַ „ישמעאל״, אברהם׳ס זוהן, אַ „עובד עבודה זרה״, און ער האָט תשובה געטהאָן, אַז איך זאָל זאָגען ווי די וואָס האַלטען אַז אויף „עבודה זרה״ העלפט קיין תשובה ניט, וואָלט מען דאָך נאָכהער דעם תנא רבי „ישמעאל״ ניט געגעבען דעם נאָמען, ווי דער אַמאָ־ליגער „ישמעאל״ דער „עובד עבודה זרה״, אַז מען גיט יאָ אַזאַ נאָמען, איז עס אַ בעוויז, ווי די וואָס האַלטען, אַז אויף עבודה זרה העלפט תשובה.

דאָס איז דער „מדרש פליאה״, „הים ראה וינוס״, דער ים האָט געזעהן און ער איז אנטלאָפען, דאָס הייסט דער „שר של ים״ האָט זיך גוט איינגעקוקט און בעקלעהרט, דאַרף מען זיי אריבערלאָזען אָדער ניט, אין דער „סברא״, נאָך די וואָס האַלטען אַז „ולא עד בכלל״, העלפט דאָך גאָר קיין תשובה ניט, האָט ער אָבער אַ קוק געטהאָן אביסעלע טיעפער, אויף דעם עבר, פון „ישמעאל בן אברהם״ — ווי אויבען גערעדט איז, און אַ קוק געטאָהן ווייטער, אַז ער האָט תשובה געטהאָן, יעצט אַ קוק גע־טהאָן אין „עתיד״ פון תנא רבי ישמעאל, וואָס ער האָט געמאַכט די „ברייתא דר׳ ישמעאל אומר בשלש עשרה מדות„ וכו׳ — און אַז איך זאָל זאָגען אַז עס העלפט ניט תשובה, האָט מען ניט גע־דאַרפט געבען איהם דעם נאָמען. אַז יאָ, איז אַ סימן, אַז עס העלפט יאָ תשובה אויף „עבודה זרה״, דאַרום איז ער אַנטלאָפען, ווייל „ראה ברייתא דרבי ישמעאל״, ודו״ק.

מיינע טייערע, זאָלען מיר ניט זיין קיין „עובדי עבודה זרה״, זאָלען מיר ניט נאָכגעהן נאָך דער אויג, און אימער, טאָג און נאַכט, נאָכלויפען די גאָלדענע קאַלב, דער „עגל הזהב״ — דער טאַלער, וואָס מאַכט אַז דער איך פערגעסט דעם „אָנכי״, און דער „עגל הזהב״, די „עבודה זרה״, די טאַלערס, ווערען דער „אָנכי״ — אַז ער דיענט צו איהם טאָג און נאַכט, אַלע פערברעכענס ווערען אָבגעטאָן קעגען דעם „אָנכי״ פון הימעל, איהם פאָלגט מען גאָר ניט, נאָר עס ווערט אויסגעפאָלגט דעם „עגל הזהב״, ער הייסט די ערשטע זאַך ניט גלויבען אין דעם הימעלשען „אָנכי״, און דאַן ווערט שוין אַלעס רעכט... אָבער אַ מין רעכט... אַז אַפילו די

קליינע צייט, וואָס עס מאַכט זיך אַבצוּרוּען פוּן די „עבודה זרה", דאַן „ויקומו לצחק", פרעסען, זויפען, הוליענען, אלע שמוץ אָפּ־טהאָן, אזוי ווי ביי די „עבודה זרה" „פעור", — טוהען זיי קעגען דער „עבודה זרה".

געוואַלד געשריען, וואָס וועט ווערען דערפון, וואָס וועט זיין די ענדע דערפון. זעהט איהר נאָך ניט וואו מיר האַלטען. פיהלט איהר נאָך ניט וואו מיר זיינען שוין פאַרקראַכען. מיר טריינקען זיך אין אַ ים פון צרות, אין אַ ים בלוט, און גראָד די מצרים געהען אין דער טרוקעניש, געוואַלד, וואו נעהמט מען אַ „משה בן עמרם" — „שר של ים" וואָס שפּאַלטסטו ניט דעם ים פון בלוט פאַר אונז!

רבנים, דרשנים, מטיפים, רעוורענדס, איהר דיענט אויך דעם „עגל הזהב"? דעם טאַלער? דעם פרעזידענט, וואָס ער איז דער „כהן" צום „עגל הזהב"? דעם ווייס פרעזידענט, דעם גראָבען יונג? דעם פוירסט טראַסטי דינט איהר? דיינקט איהר אויך אַז דער „אָנכי" פון הימעל קען אייך ניט העלפען, אַז איהר בוקט זיך צו אַנדערע, צו די „עגלי זהב"? — שטעהט אויף איהר משה"ס, איהר אַלע ווערט גערופען אויף משה"ס נאָמען, אַזוי ווי די גמרא זאָגט אין (שבת ק"א) „משה שפיר קאמרת" — משה"ס משה"ס — שטעהט אויף, נעמט זיך אַלע צוזאַמען, איהר זעהט דען ניט אַז די תורה, און אפילו די גאָטהייט אַליין, ווערט פון אונז אָפּגעטהאָן. שלאָפט ניט... עס ווערט צו שפּעט... זייט מקיים וואָס די חכמים זאָגען אויף משה"ן — איהר משה"ס... טהוט נאָך „משה בהשכמה עלה" (שבת פ"ו), רעדט, טהוט עפּעס, רעדט צום פאָלק, רעדט צו גאָט ב"ה, ווייסט איהר דען ניט וואָס די חכמים זאָגען וועגען משה"ן, „משה הטיח דברים כלפי מעלה" (ברכות ל"ב), טהוט אויך אַזוי, און זאָגט רבש"ע, לייז אונז אויס וואָס שנעלער, מיט גוטען, אַז ניט וועסטע ערגער מאַכען, דו וועסט אפילו ניט האָבען אונז אַליין, ווייל מיר וועלען ווערען אַזוי פערקערפערט, אַז עס וועט קיין נשמה בלייבען. שרייט, טהוט עפּעס. דער יודענטהום פאַלט שוין ניט. נאָר ער איז שוין געפאַלען. מיר משה"ס טאָרען ניט ווערען פערקערפערט אין גאַנצען, ווייל די חכמים זאָגען „משה מחציו ולמטה איש, מחציו ולמעלה אלהים"

(מ"ת), זעהט איהר דען ניט, אז איהר געהט אראפ שוין פון דער סצענע... אויף אייערע שטעלעס פערנעהמען אזעלכע משה"ס, וואס אויף זיי קען מען פרעגען, אז איהר זעהט אזא פאסקודניאק, אזא משה"ן, פרעגט וואס די חכמים פרעגען אויף משה"ן, משה מן התורה מנין? (חולין קל"ט). די חכמים פרעגען, וואו געפינט זיך משה"ס נאמען, בעפאר "משה" שטעהט בפירוש "וידבר ה" אל משה", נאר פריהער אין דער תורה וואו איז משה"ס נאמען אנגעוואונקען. ענטפערען זיי "בשגם הוא בשר" וכו". אבער איהר, אז איהר זעהט דעם איצטיגען משה"ן, דעם "רעב של כליה" אין א שוהל, פרעגט אויף איהם, "משה, מן התורה מניין", פון וואו האסטו עפעס גענאשט פון דער תורה, דו ביסט דאך א גראבער יונג, ווי קומסטו צו ווערען א משה? ... משה"ס, שטעהט אויף און זעהט עפעס צו טהאן פאר"ן פאלק... פאר דער תורה... פאר די מצות התורה... און שעהמט זיך ניט אויסצוזאגען פאר גאט אליין... טהוט עפעס... שלאפט ניט! שרייט אין אייערע שטעט און שטעטלעך! פאר די קליינע קינדער! זעהט, רבנים, דרשנים, מטיפים, מגידים, רעווערענדס, און אלע הייליגע בעלי בתים... שטעהט אויף צו סליחות... און זאגט "במוצאי מנוחה", עס איז שוין די ענדע פון רוהען... מיר מוזען ארויסגעהן אויף מלחמה... אנטקעגען אונזערע אייגענע אינערליכע שונאים... שטעהט אויף איהר וועקער... וועט אויפשטעהען דער ערפאלג... און "כי לה" ניבען זיי כבוד. זייערע ווערטער מוז אויסהאלטען.

פרשה יתרו

„זכור את יום השבת לקדשו. כבד את אָביך ואת אמך למען יאריכון ימיך. מה ענין זה אצל זה, אלא ללמדך שכל זמן שאָדם מכבד את אָביו ואת אמו אין חטא של חילול שבת ולא שאר שום חטא בא על ידו.“
(מדרש מובא בספר ילקוט אליעזר)

אין די „עשרת הדברות“ איז געזאָגט געוואָרען פון גאָט דער פאַרזאָג פון „שבת“. געדיינק דעם טאָג שבת צו הייליגען, און גלייך נאָך דעם, גיב עהרע דיין פאָטער און מוטער, אום עס זאָל דיר דערלייננגערט ווערען דיינע יאָהרען. פרעגט דער מדרש, וואָס עפּעס איז נאָך „זכור את יום השבת לקדשו“ דער אַנדערער פאַר־זאָג נאָך דעם, פון עהרע געבען די עלטערען? ענטפערט דער מדרש, דאָס קומט דיר צו לערנען, ווי לאַנג דער מענש גיט עהרע זיינע עלטערען, קען דער חטא פון „חלול שבת“ און קיין אַנדערע „חטאים“ געטאָן ווערען דורך איהם.

מיר פערשטעהען עס אפילו ניט, אז געבען עהרע עלטערען איז אַ רפואה צו היטען „שבת“? מיר זעהען, אז עס האַלט ניט אוים. די מעהרערע זיינען מחלל שבת פון דער יוגענד, און די עלטערען גיבען זיי כבוד, זייערע ווערטער מוזען אויסהאַלטען.

בעפאָר וועל איך ברייננגען פאַר אייך אַ „מאמר“ און איהם ערקלעהרען דייטליך און לאַגיש אין „מוסר“, ווייל איך וויל פאַר־ברייטערען דעם געדאַנק און ערקלעהרען דעם היינטיגען „גלות הנפש“, וואָס עס הערשט צווישען אונזערע ברידער. אַ געפעהרליכע „גלות נשמה“ האָט פערכאַפּט איבערהויבט דעם יוגענד.

„אָרון שעשה משה היה של עץ ובו לוחות שלימות, וכשעשה בצלאל היה של זהב ובו לוחות השבורות“.
(ירושלמי)

דעם „ארון“ וועלכען משה האָט געמאַכט איז געווען פון האָלץ

און אין איהם איז געלעגען די גאנצע „לוחות“, און דעם „ארון“ וועל־כען עס האט געמאכט "בצלאל“ איז געוועזן געמאכט פון גאלד, און אין איהם איז געוועזען די צובראכענע לוחות. דער מאמר וויל אונז ערקלערען דייטליך, ווער עס האלט נאך פון די לוחות, ווער עס איז נאך א איד, ווער עס צוברעכט ניט די לוחות, און ווער עס צו־ברעכט אין גאנצען די לוחות, ביי די ארימע אידעלעך, די וואס האבען ניט קיין מויערען, די וואס זיינען ארעם אין גאלד, די היי־טען נאך די לוחות, די מעהרערע פון זיי אבער, די גאלד־זעקלעך, די אנגעשטאפטע מיט גאלד, די צוברעכען די לוחות, די זיינען שוין קיין אידען ניט אין גאנצען. דעם ארון, וועלכען משה האט געמאכט איז געוועזען פון האלץ, דאס געהט אויף די ארעמע, די היטען די לוחות און זיי צוברעכען ניט די לוחות. אין די „בתי מדרשים“, וואס זיינען נאך ניט פארפוצט, די בתי מדרשים, אויב איהר געדענקט אין רוסלאנד, און רומעניען, די „בתי מדרשים“, וועלכע עס זיינען געוועזען ניט אזוי שטארק שעהן און איך זאג נאך אימער, אז די „בתי מדרשים“ זיינען געווען טריפה, יעדער טיש, יעדע באנק פון די שוהלען זיינען טריפה געווען. אבער אויף זיי, אויף די בענק, און ביי די טישען זיינען געזעסען כשרה מענ־שען. און דא אין אמעריקא, איז כשרה שוהלען, כשרה טישען, כשרה בענק, און אויף די בענק און ביי די טישען זיצען טריפה'נע מענשען.

די באדייטונג איז אזוי אז דארט איז יעדע באנק געווען בא־שמאלצען מיט חלב פון די ליכט, וועלכע די „ישיבה בחורים“ און סתם יונגע לייט, זיהן און גוטע איידעמס זיינען געזעסען און גע־לערענט אויף די טישען מיט די ליכט, און די ליכט האבען גע־שמאלצען די חלב אויף דעם טריפה טישען, טריפה בענק, און א כשר'ער איד איז געזעסען אויף די בענק. דא איז כשר די באנק, די טישען, און עס זיצט א טריפה'נער אידעלע אויף די בענק. די בענק זיינען ריין, מיט קישעלעך באדעקט, פארפוצט די שוהלען מיט גאלד און דאס גלייכען די גאלדענע מאנגאטען און סתם רייכע, די צוברעכען די לוחות, דעם ארון וועלכען עס האט געמאכט „בצלאל“, דער איז געווען פון גאלד, און די גאלד באווייזט אויף די רייכע, די צוברעכען די לוחות, אין דעם ארון זיינען די צו־

בראַכענע לוחות, ניטאָ קיין שבת, ניטאָ קיין כבד, אפילו דער אנכי איז ביי זיי צובראָכען...

אַפילו די „הבנים" וואָס געפינען זיך אין די שוהלען פון די „בעלי הכסף" איז זיי אויך ביטער (אויב עס איז ניט קיין רע־פאָרם טרעמפּעל... דאַרט פּעהלט ניט דעם דאָקטאָר ראַבינער, ווייל ער האָט אויך גאָלד און ער אַליין צוברעכט די לוחות), ווייל ווען זעהט איהר זיי? ווען קומען זיי אין שוהל — איין מאָהל אין יאָהר? און גענוג. ווי אַזוי מאַכט אַ רב אַ לעבען אין אַזאַ שוהל, וועל איך אייך אַרויסגעבען דאָס גאַנץ ריכטיג ווי אַזוי דאָס איז־הערט אַ מאמר חז"ל

„כיון שנצטרך אדם לבריות נעשה פניו ככרום. כי אתא רב דימי אמר עוף אחד יש בכרכי הים וכיון שחמה זורחת עליו פניו משתנות לכמה גוונין".

(ברכות דף ו')

דעם מאמר האָב איך שוין אין אַ דרוש, אין מיין ספר הנחמד „דברי יהודה" אַרומגערעדט איהם, דאַרום וועל איך דאָ גאַרניט שרייבען. נאָר דעם אָנהויב פון'ם מאמר „כיון שנצרך אדם לבריות נעשה פניו ככרום", ווען אַ מענש דאַרף אָנקומען צו מענשען, ווערט זיין פּנים ווי די „כרום". גיט די גמרא די באַדייטונג וואָס הייסט „כרום"? דערקלערט „רב דימי", אַז ער איז געווען „מעבר לים" האָט ער געזעהן אַ פויגעל אַזאַ, אַזוי ווי די שטראַהלען פון דער זון שיינט אויף איהר אַרויף, ווערט זי פאַרענדערט צו אַ סך קאָלירען.

עס זאָל אייך ניט וואונדערען, אַז איך וועל אייך דערקלערען, אַז דאָס געהט אויף דעם רב וואָס איז נעבעך אין אַמעריקא, און ער איז אין אַזאַ שוהל אָנגעקומען, וואו ער האָט ניט פון וואַנען צו מאַכען אַ לעבען, זיינע שכירות באַשטעהט פון צעהן אָדער פופ־צעהן דאָלאַר אַ וואָך, און ער מוז דאָך מפרנס זיין פרוי און קינ־דער. נו, וואָס זאָל ער טהאָן? לערענט ער זיך אויס צו זיין אַ מוהל, און איצט האָט ער אַ געלעגענהייט צו מאַכען אַ לעבען, ווייל ער האָט דאָך אַ סך געשעפטען... אַ רב איז ער אַלע שבת און זונטאָג; אַ דרשן איז ער; אַ מסדר קדושין געווים; אַ מוהל אויך; אַ הכשר געווים. נאָר ער מוז זיך יעדען מאָל אַנטאָן אין אַנדערע קליידער

ווי עס פּאַסט פֿאַר דער זאַך ביי וואָס ער געפינט זיך... אַלס רב דאַרף ער גייען אין שוהל מיט אַ העט ווי די דרייוועסם — דאָס הייסט, סטאָוו־פּייפּ. אז ער זאָגט אַ דרוש, דאַרף ער אָנטהאָן אַ יאַרמולקע מיט אַ טלית... אז ער געהט זיין „מסדר קדושין", דאַרף ער אַ ווייסען טאַי, אז ער געהט צו אַ ברית מילה, דאַרף ער געהן מיט סעטשעל ווי אַ דאָקטאָר, הכלל, אַלע באַדאַרפען איהם: די אידענע פֿאַר אַ שאלה... די הערער צו הערען אַ דרוש, דער „חתן" צו זיין ביי איהם „מסדר קדושין", דער „בעל ברית" צו זיין ביי איהם דער מוהל... דער בוטשער און נאָך אַזעלכע פֿאַר אַ הכשר'ל — אַלע דאַרפען איהם, מאַכט ער אַ לעבען. אָבער ניט פון שוהל, פון זיינע הערער „חס ושלום".

איהר ווייסט דאָך שוין, מיינע טייערע, אַז דער פּויגעל „כרום" ווערט אין אַ סך קאָלירען, ווען די זון שיינט אויף איהם. אַט אַזוי נעבעך זייער רב. ווי די זון שיינט שוין אויך איהם — די זון פון פרייהייט, די זון פון קאָלאָמבוס'עס „מדינה", די זון פון „הצלחה", די זון פון דער פרייער אַמעריקאַ. און איצט, אז אַלע דאַרפען איהם, דאָס הייסט „כיון שנצטרך אדם", ווי באַלד דער מענש איז נויטיג פֿאַר אַלעמען, טייטש ריכטיג דעם וואָרט „שנצטרך". דאָס איז ניט ריכטיג, אז איהר וועט טייטשען ער באַדאַרף, האָט געדאַרפט שעהן „כיון שנצרך אדם לבריות" אָבער „שנצטרך" איז טייטש, אז ער איז אַזאַ מענש און די „בריות" דאַרפען איהם... דאַן „נעשה פניו ככרום", מוז ער זיך אַלע ווייִלע איבערבייטען אין אַנאַנדער געשטאַלט, אין אַנדערע קליידער, אַנאַנדער טאַי, אַנאַנדער סוט, אַפילו מיט אַ סעטשעל. דאָס איז צוליעב וואָס? ווייל „אָדם" איז דער מיטעלער קלאַס, „אנוש" אַ פּראָסטער קלאַס, „גבר" אַלטער קלאַס, „איש" הויכער קלאַס, דאָס איז אַלע נעמען וואָס מען רופט מענשען. וואָרום טאַקע זאָגט ניט די „גמרא" אַזוי — מיט איינעם פון די נעמען וואָס אַ מענש ווערט גערופען. „כיון שנצטרך אָדם לאנשים", אָדער „אדם לאדם", אָדער „אדם לגברים, אָדער „אדם לאישים", נאָר „לבריות", מיט דעם אויסדרוק גאָר „כיון שנצטרך אדם לבריות", ווייל גאָר פשוט, ווייל דער רב אָדער וועלכער וואָס מוז אָנקומען צו אַן אַנדערען, איז אויב צו מענשען איז ניט אַזוי שלעכט, אָבער ווי איז דעם נעבעך, אַז ער דאַרף אָנקומען צו אומ־

מענשען, וואָס האָבען ניט קיין נאָמען פאַר מענשען, נאָר סתם „ברואים", די גאַנצע „בריאה" אַלע מינים בהמות, חיות, שקצים, ורמשים, די אין כלל ווערען גערופען „בריות"...

אַט צוליב דעם איז דאָך טאַקע „כיון שנצטרך אדם", אַ מענש דאַרף אָנקומען צו אַ מענשען איז ניט געפעהרליך, אָבער „לבריות", צו אַלע „ברואים", ווילדע, גאָר קיין מענשען ניט, דאַן איז נעבעך „פניו משתנות ככרום". איבערהויפּט ווערט אוים מענש דער אַל־רייטניק, די גאָלדענע „חברה", דער „ארון, וואו עס האַלט זיך גאָלד, דאָרט איז די לוחות צובראָכען... ווי די חכמים זאָגען אין (ברכות ל"ב) „בשביל כסף וזהב שהשפעת להם עשו העגל", צו־ליעב די זילבער און גאָלד וואָס דו האָסט זיי „משפיע" געווען, האָ־בען זיי געמאַכט דעם „עגל" — שוין צובראָכען די לוחות און אויפ־געהערט גלויבען אין דעם ערשטען „דבור" פון די "עשרת הדברות" — „אנכי ד׳".

היינטיגע בעלי בתים, אויב זיי דערשמעקען נאָר, אַז זייער רב מאַכט אַ לעבען אין זייער שוהל „חס ושלום" ניט פון זיי, נאָר פון דער וועלט, הויבען זיי איהם אָן צו שאַצען, אַז ער איז שוין אַ „גביר". איינער זאָגט פינף טויזענט, נאָך איינער דאָפּעלט, נאָך איינער דאָפּעלט פון צווייטען, און אַזוי ווייטער. נו, אַז ווי באַלד ער איז שוין אַ גביר, דאַרף מען שוין אָנהויבען קלערען אַנאַנדער רב צו נעהמען און זאָל יענער אויך אַ גביר ווערען. וואָס עפּעס איי־נעם מאַכען רייך? מיט דעם געדאַנק האָב איך אַמאָהל געזאָגט אין צחות דעם מאמר „התנה", כל הנהנה מדברי תורה ניטל חייו מן העולם", דער יעניגער וואָס האָט הנאה פון דער תורה ווערט צו־גענומען זיין לעבען פון דער וועלט. „חס ושלום", ווען עס וואָלט אַזוי געווען, וואָלט ניט געווען קיין איין רב אָדער דרשן אויסגע־לעבט זיינע יאָהרען.

אַז עס איז דאָ „רבנים" אָדער „דרשנים וואָס זיי זיינען אָרימע לייט, איז דאָס נאָר ווייל דער „עולם" האָט ניט קיין הנאה פון זייערע „דרשות" און דעריבער גיבען זיי איהם ניט אַ לעבען צו מאַכען, אָבער דער „דרשן" וואָס ווען ער רעדט, האָט דער עולם „הנאה", דאַן האָט ער אויך „הנאה", ווייל מען באַצאָהלט איהם שוין. ניט די שוהל גיט איהם, דאָס מיין איך זיינע מעמבערס גיבען

איהם „חס ושלום“, ניט פון זיי מאַכט ער אַ לעבען, נאָר פון דעם עולם מאַכט ער אַ לעבען ניט פון שוהל. דער רופט איהם צו אַ „ברית“, דער צו אַ „חתונה“, דער צו אַ „הספד“, דער צו אַ חנוך הגדר, דעם סתם צו עפּעס אַ פאַרזאַמלונג, א. ז. וו. — „כל הנהגה מדברי תורה“, דער וואָס האָט הנאה פון זיינע דרשות, ער קריגט גוט באַצאָהלט. מן הסתם זאָגט ער גוט „נוטל חייו“, דער נעהמט זיך שוין זיין לעבען. ער מאַכט שוין אַ לעבען, ניט פון זיינע בעלי בתים, נאָר „מן העולם“, פון דעם עולם, די וואָס קומען איהם הערען.

עס איז אַראָב דער „כבוד התורה“ אין גאַנצען. עס איז איצט זעהר נידריג די „תורה“, זי איז „בשפל המצב“ אין דעם נידעריג־סטען שטאַנד. וואָס נידעריגער קען שוין ניט זיין און דאָס איז וויל מיר זיינען אין אַזאַ לאַנד פון פרייהייט, אין אַזאַ לאַנד פון גאָלד, אַז דער ארון איז געמאַכט אין שוהל מיט גאָלד, איז אַ „סימן“ אַז דאָרט איז אין ארון צובראָכענע לוחות... דער פּרעזידענט איז דער „עגל הזהב“. דער וויים פּרעזידענט, דאָס גלייכען, און אַזוי אַלע בעלי בתים. אין די אָרימערע געגענדען, וואו עס איז נאָך ניט פאַראַן אַזעלכע שעהנע שוהלען און די מעמבערס זיינען נאָך ניט אָנגשטאָפּט מיט גאָלד, דאָרט איז נאָך די לוחות כמעט גאַנץ, מען קען ניט זאָגען אין גאַנצען, נאָר געקרעקט אביסעל איז עס.

פריינדע, יעצט זאָלען מיר אין דעם גלייכען אָבער אָנפאַנגען רעדען צו די אָרימע וואו די לוחות זיינען גאַנץ ביי זיי... דאָרט איז נאָך דער „ארון של עץ שעשה משה“ און דאָרט ליגט די גאַנצע לוחות. אמת, זיי זיינען נאָך בויינאַהע גאַנץ, אָבער עס איז אויך געקרעקט. זאָלען מיר זעהען זייערע קינדער, זיי מאַכען אַ לעבען פאַר די עלטערען, זיי אַרבייטען, זיי פאַרדינען, זיי ברענגען די פּיידע צו דער מאַמע. אמת, עס איז גאַנץ פיין? קינדער אַרבייטען שווער און ביטער און זיינען מפרנס די הויז, דעם טאַטען, די מאַמע, האַ? נאָך אַמאָהל פיינע קינדער דאַכט זיך? זיי גיבען כבוד די עלטע־רען, זיי שפּייזען זיי, פון כל טוב — דאַרף מען האָבען בעסער?

ניין, איילט זיך ניט, איך זאָג אייך, און איהר אַליין וועט צוגעבען, אַז עס איז ניט אַזוי פיין און פיליכט גאָר ניט גוט. עס איז גאָר ניט קיין כבוד, ניט פאַר׳ן טאַטען, ניט פאַר די מאַמען, ניט פאַר גאָט, ניט פאַר לייטען... אַי, איהר זעהט דאָך אַז עס

איז דאָך גוט. זיי אַרבייטען און האַלטען אויס די גאַנצע הויז. אייך דוכט זיך, אַז איהר זעהט, אָבער נאָר איהר זעהט. אייך דוכט זיך, אַז די עלטערען איז גוט, אָבער עס דוכט זיך אייך מעהר ניט...

„אטה למשל אזני אפתח בכינור חדתי" זאָגט דער משורר, און איך וועל אויך אַזוי זאָגען איצט אין דעם דרוש פון „פרשה יתרו" אין מיין „ספר הבימה" אין דער אָרימער שפּראַך זשאַרגאָן. איך וועל מיט אַ משל ערקלעהרען אייך אַ שעהנעם און קורצען משל, און איך וועל מיין געדאַנקען אַרויסגעבען, מיין רעטעניש, וואָס איך האָב ביי אייך געפרעגט. דאַכט זיך גוט? טאַקע אַזוי אַרויסגעבען ווי דער גרויסער קאָמפּאָזיטאָר אויף זיין פידעל גיט אַרויס זיינע געדאַנקען.

זאָל יעדער זאָגען „אטה למשל אזני", וואָס דער מחבר מהר"יל לאַזעראָוו זאָגט. איהר הערט! אַ מאָדנע „דין תורה", וועלכער אַז איידים האָט געהרופען זיין שווער ביים רב צו דין תורה, אַזוי ווי ביי אידען איז אימער געוועזען, אין דער צייט וואָס זיי האָבען ניט געקענט סעטלען צווישען זיך איז מען געקומען צום רב... דער איידים מיט'ן שווער שטעהען ביים רב און דער רב זיצט.

ר ב : — ווער פון אייךביידען איז דער „תובע", דער זאָל רעדען.

א י י ד י ם : — צום רב. רבי איך בין דער תובע און איך האָב טאַקע מיין שווער געבראַכט צו אייך און איהר, רבי, זאָלט אַנטשיידען צו בין איך גערעכט אָדער ניט. אַזוי ווי מיין שווער האָט מיר בעפאָר דער חתונה צוגעזאָגט צעהן יאָהר קעסט בכבוד כאחד הגבירים, פּשוט פון כל טוב און איך זאָל זיצען און לערנען „בהרחבה". אַלעם ענדע, רבי, גיט ער מיר ניט בכבוד נאָר „בבזיון" „לחם צר ומיים לחץ". איך האָב שוין קיין כח ניט אַפילו אַרומצוגעהן, אַלאַ וואָס וועט ער זאָגען, פּיליכט, איז זאָל זיך געהן פאַרדיענען אַליין פאַר מיר מיט מיין פרוי, איז דאָס קיין טענה ניט, ווייל ער דאַרף מיר האַלטען און געבען צעהן יאָהר קעסט. אַלאַ וואָס, ער וויל דאָך ניט, בין איך אויך מרוצה, רבי, אַז איך זאָל געהן אַליין עפּעס מאַכען אַ געשעפט, טאַ זאָל ער מיר אָוועקגעבען די טויזענט רובעל נדן וואָס ער האָט מיר צוגעזאָגט. געה איך אַוועק.

ר ב : — צום שווער. נו, ר' דוד, וואָס האָט איהר צו זאָגען

אויף דעם. איהר האָט דאָך צוגעזאָגט אייער איידים צו געבען צעהן יאָהר קעסט בכבוד כאחד הגבירים, טאָ זאָגט מיר טאַקע, ר' דוד, וואָרום זייט איהר עס ניט מקיים?

שווער: — רבי לעבען, הערט איצט אויס וואָס איך וועל אייך פרעגען, פון דעם וועט איהר פאַרשטעהן וואָס איך וויים, וואָס פאַר אַ קעסט מען דאַרף געבען. רבי, אַמאָהל אין אַן נאָוועגע, קאַלבס בראָטען איז שלעכט אָדער גוט? רבי, איך וויל איהר זאָלט מיר זאָגען אַן אנטוואָרט אויף דעם וואָס איך פרעג אייך? רב: געוויס איז עס גוט... נו, און געבראָטענע היהנער, קאַטשקעס, און דערצו אַמאָהל אַ אינדיק איז שלעכט, רבי, איך פרעג אייך? רבי: געוויס איז דאָס גוט... און דערצו, אַז אָפט עסט מען לאַט־קעס, אַלערליי קייק, אַלערהאַנד איינגעמאַכטץ, און די עלטסטע וויין איז שלעכט? זאָגט מיין ליבער, טייערער רבי, איז דאָס שלעכט אָדער גוט? רבי: געוויס איז דאָס גוט, וואָס פאַר אַ פראַגע איז דאָס, געוויס איז דאָס גוט...

רב: — צום איידעם, שטייטש, אַט אַזוי טוט אַ גוטער איי־דים, וועלכען דער שווער גיט אַזאַ סאָרט קעסט, געבראָטענע קאַטש־קעס, געפילטע גענז, דעם קראָפּ פון אינדיקעס, און אַלטע וויין, און נאָך און נאָך „כל טוב" און דו געהסט און רופסט איהם נאָך צו מיר און איך זאָל איהם מוסר זאָגען, זעה וואָס פאַר אַ מאַכלים ער גיט דיר. איז עס שלעכט נאָך...

איידים: — צום רב, רבי לעבען, וואָס שרייט איהר, וואָס זייט איהר פון די „בני גלילאי" וואָס זיינען ניט „מדייק בלי שנא". מיין שווער האָט דאָך נאָר אייך געפרעגט אויב אַזעלכע מאַכלים זיינען שלעכט. איז אַלטע וויין גוט אָדער שלעכט? אָבער מיין שווער האָט ניט געזאָגט, אַז ער גיט מיר עס עסען די גע־בראָטענע און געפילטע „עופות" און אַז ער גיט מיר טרינקען די אַלטע וויין, נאָר וואָס דען האָט ער אייך געפרעגט, אויב דאָס איז גוט. גוט איז עס, אָבער פרעגט איהם אויב ער גיט עס מיר? איצט זאָלען מיר טאַקע אַריינגעהן אין אַ אידישע הויז און טרעפען די פרומע מאַמען און זאָלען מיר איהר רופען מיט איהר נאָמען ציפּע און מיר וועלען איהר טרעפען איצט ווי זי האַלט אַ תהלים אין איהר האַנד און זאָגט און עס גיסט זיך אַ קוואַל פון איהרע אויגען.

עס איז ערשט זיבען אין דער פריה, דיביידע זיהן זיינען שוין אוועק צו דער ארבייט. איין טאָכטער, א בוך קיפּערקע שטעהט נאָך ביים שפּיגעל און פּוידערט זיך. די צווייטע טאָכטער איז שוין אויך אוועק. מיר וואַרטען אונטער א וויילינקע. די איז אויך אוועקגעגאַנגען.

העלאָ, העלאָ, ציפּע ! וואָס מאַכט איהר ? ווי געהט עס ? וואָס עפּעס זייט איהר אזוי פאַראומערט ? דאַכט זיך מען זאָגט אויף אייך, אז איהר זענט די גליקליכסטע עלטערען דאָ אין דעם געגענד. אייער סעמי ברענגט אייך א פּיידע אַלע וואָך פופציג דאָלאַר, און אייער דזשייק, פערציג דאָלאַר, און קיידי דרייסיג, און דאָראַ פינף און צוואַנציג. א „קיימאַלן" פון הונדערט פינף און פערציג דאָלאַר וועכענטליך און זיי גיבען אייך כבוד אין פולען מאָס, זיי לאָזען אייער אַלטען ניט געהען ארבייטען און זיי גיבען אייך פּלעזשור אין העכסטען גראַד. זיי שיקען אייך אַלע זומער אין קאַנטרי אויף אַכט וואָכען. הייַנט סתם דעם „כבוד אב ואם" וואָס זיי טיילען אייך צו. מיר זעהען דאָך „ראש השנה" אין שוהל, דעם אויבענאַן נאָמבער, צוויי סיטס פאַר אייך ביידען. הייַנט דעם „יום כפּור" האָט אייער סעמי געקויפט פאַר אייער אַלטען שלישי און באַצאָהלט א פופציגער. „פּתיחת נעילה", א הונדערטער, הכלל אַלע עלטערען בענטשען זיך מיט אייך. אַלעם ענדע זייט איהר גאָר פאַרטרויערט. איז דאָס ניט גוט ? אז קינדער ברענגען די גאַנצע פּיידע צו דער מאַמען איז דאָס שלעכט אָדער גוט ? קינדער קויפען אזעלכע „כבודים„ פאַר'ן פאָטער, איז עס שלעכט אָדער גוט ? אז קינדער געבען אָפּ אזא כבוד עלטערען, איז עס שלעכט אָדער גוט ? אז קינדער שיקען אין קאַנטרי אויף אַכט וואָכען און ספּענדען געווים א טויזענטער, איז עס שלעכט אָדער גוט ? וואָס האָט איהר צו זאָרגען ?

ציפּען איז פול געוואָרען וויטער איהרע אויגען און מיט א פאַרשטיקטען טאָן האָט זי זיך אָפּגעזיפצט און געזאָגט. הערט איהר, אויף אַלע אייערע פראַגען קען איך אייך ענטפערען אזוי, אז קינדער גיבען אריין אין הויז אזא סומע געלט איז גאָר קיין פראַגע ניט, אז עס איז ניט שלעכט, אז קינדער ספּענדען אין שוהל פאַר טאַטע מאַמע א סך געלט, איז געווים גוט. אָט די אַלע זאַכען

זיינען אָבער מיט דער פראַגע — איז עס שלעכט אָדער גוט? געוויס וואָלט עס זיין גוט, ווען מיר האָבען עס טאַקע. ווי איז עס אָבער גערעדט געוואָרען, אַזוי ווי יענער שווער האָט געפרעגט ביי דעם רב...

אָבער האָבען מיר דען פון דעם כבוד? מיר געניסען דען דערפון פלעזשור? איך וועל אייך דערצעהלען ווי דאָס איז, און ביי דעם איצטיגען געשפרעך האָט זיך ציפּע צואוויינט אויף איהר „קול“. אַז מיינע ביידע זיהן שטעהען אויף אין דער פריה און גיסען ניט אָפּ קיין נעגיל וואַסער, שקראַבען זיך אַרום און וואַשען זיך אַרום, פאַרקעמען זיך און אַפילו קיין „שתי וערב“ ניט געמאַכט, כאָטש ווי אַ גוי, קיין ציצית, קיין תפלין, קיין „ברכה“, קיין בענשען, און איך פרומע מאַמע ווער צושפרינגען צוצוקוקען דאָס און זיי זעהען דאָס אַז איך גיס אָן גלעזער און קאָפּעס מיט טרעהרען און זיי קימערט עס אַזוי ווי מערדערס ווען זיי באַפאַלען, ריהרט זיי דען די טרערען פון דעם באַרויבטען? אָט אַזוי זיינען זיי. איך זאָג צו דעם אינגערען, דזשייקי, מאַך מיר גליקליך, טהו אָן אויף צוויי מינוט די „תפלין“. איך האָב זיך היינט געשטעלט אויף די קניה, געפאַלען איהם צו די פיס, זעה איך בעט דיך, מיין טייערער, ליבער קינד, מאַך מיר גליקליך, מעסט אָן די תפילין, און מיין געוויין וואָלט פיליכט טאַקע אַ מערדער אויך גערירהרט. האָט ער זיך אַרויסגעריסען פון מיר מיט אַ געשריי: מאַמע, אויב דו וועסט מיר באַדערען אַזוי פיעל וועל איך אָפּטרעטען פון הויז, זאָגט מיר טייערער, גיט מיט דזשייקי און סעמי בראָטען? טרעהרען, „יסורים“ גיט ער מיר, און זיי אַלע גיבען מיר. היינט, וואָס פרעגט איהר איז דאָס שלעכט? געוויס וואָלט עס ניט זיין שלעכט, ווען זיי וואָלטען אונז עס געגעבען. אַז זיי פיהרען אונז צו אַן אָפּערע, און דעם קלאַנג פון דער מוזיק געהט אַריבער העכער מיינע און מיין אַלטענ׳ס קרעכצען.

היינט, שטעלט אייך פאָר, אַז מיין גרעסטען אומגליקליכסטען טאָג אויף דער וועלט, דאָס איז מיין „שבת קודש“, אַז ער קומט. פינסטער איז מיר, ביטער איז מיר אַז עס קומט דער פרייטאָג און איך מוז נאָך מיט מיינע הענט מאַכען אַלעס אויף שבת. פיש, פלייש, טשיקענס, פאַר וועמען מאַך איך דאָס? איך שטעה ביים

קיך און ווינש מיר דעם טויט. אז עס קומט דער פרייטאָג פאַר נאַכט און איך בענש ליכט, און די לייכטער דאַרף איך לאָזען שטע־הען אין קיטשען, ווייל מיין עלטערע טאָכטער וויל ניט, אַז עס זאָל שטעהן אין דייניגג רום. אויב איך פאָלג איהר ניט, זאָגט זי גאָר ניט, נאָר אַז זי קומט צוגעהן פון דער ארבייט שפעט ביינאַכט, טראָגט זי עס איבער. איך בענש ליכט און מיינע קינדער געהען היינט אָבענד קויפען פאַר אַ שכן אַ קריסטמעס פּרעזענט.

היינט, אַז מיין אַלטער קומט פרייטאָג צו נאַכט פון שוהל, זיין פאַרשטיקטען גוט־שבת צו מיר. די אויגען ווערען איהם נאַס, און איך מאַך זיך מוטה געגען איהם, ווייל ער איז קוים וואָס ער לעבט. געה איך אַוועק אין אַ זייטיגען חדר און מאַך דאָרט נאַס די פּלאָרס.

און איך מוז אויפשטעהן שבת אין דער פריה מאַכען פאַר מיינע „בהמות" עסען, געוועהנליך קאָלטע... נו, וואָס זאָגט איהר? נו, וואָס פרעגט איהר אויב מיר איז גוט? אין דעם שטעל וואָס מיין סעמי גיט מיר טשיקען, גיט ער זיפץ און קרעכץ... זיין געלט און זייער געלט ווי איהר ווייסט, איז הונדערט מיט פינף און פערציג דאָלאַר אַ וואָך. איך האָב אויסגערעכענט, אַז זיבען און פערציג דאָלאַר נעמען זיי אַרויס ביי מיר יעדע וואָך אויף מו־וויעס, טעאַטערס, בעלער, מאַסקאַריידס, פּאודער, צירקוס, אָפּע־רעס, עקסקוירשאָנס, א. ז. וו. נו, זיבען און פערציג, אַז מען נעהמט אַראָפּ פון הונדערט מיט פינף און פערציג, בלייבט אַכט און נײַנ־ציג. דאָס איז מיין פריינד מיר געבליבען אין הויז די אַכט און נײַנציג „קללות" פון דער תורה (משנה תורה, זי ווייסט ניט וואָס משנה תורה איז)...

איך זייט דאַכט זיך קלוגע מענשען, האַ? און איהר רעדט ווי די גרעסטע נאַראָנים. זאָגט מיר מיינע פריינד, ווי איז דאָס ביי אייך גערעכענט, אַז דאָס הייסט „כבוד אב ואם"? ניין, מיינע טייערע, אַז זיי גיבען אונז די „תוכחה", „ואכלתם בשר בניכם ובנותיכם", און עס הייסט ביי אייך כבוד... אין שוהל פרעגט איהר וואָס זיי ספּענדען פאַר מיין אַלטען? מיין אַלטער בעט זיך ביי זיי: קינדער, קויפט ניט פאַר מיר קיין „כבודים", ווייל איך וויל ניט. מען דאַרף ניט... ער זאָגט זיי ניט פאַר וואָס. מען דאַרף

זיי ניט זאָגען. זיי קענען דאָך דאָס אויך סטאַפּען, אָבער מיר זאָגט ער. זיי ספּענדען אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר אָפּצואַרבייטען דאָס אום „שבת". נו, ווי איז עס... וואָס זאָגט איהר, פּונקט ווי יענער שווער צום רב — געבראָטענס איז גוט?

ניין, קינדערלאַך, איהר גיט ניט קיין „כבוד אב ואם" אָפּ צו אייערע עלטערען אין דער צייט, וואָס איהר פאָלגט ניט די על־טערען. גיט זיי ברויט מיט וואַסען און טהוט זייער פאַרלאַנג. היט דעם שבת, אַז גיט הייסט ניט „כבוד אב ואם"...

וואָס איז די „פעולה", מיינע טייערע, אַז איהר גיט זיי אַלעס און זיי איז דאָס ניט נאָך זייער רצון. פאַרדינט ווייניגער, וועט איהר זיי מעהר צופרידענשטעלען. זעהט, אַז זיי זאָלען ניט דאַרפען זיצען און קלאָגען אויף די גוטעס... גיט זיי זייער צופרידענהייט, וועלען זיי זייער מוטה האָבען און די שוואַכע מאַמע וועט מיט דעם מוטה לאַנג לעבען... מוטה איז די קראַפט פון'ם שוואַכען (זאָגט פּעגעלאַן). ניט מיינט, אַז מיט געלט קענט איהר אָפּגע־געווינען אייערע אמת'ע פרומע עלטערענס האַרץ... ניין! ניין! ווער עס רעכענט, אַז מיט געלד קאָן מען אַלעס מאַכען, איז אויך פעהיג פאַר געלט אַלעס צו טהאָן (זאָגט בואסט), אָבער אייערע על־טערען קען מען ניט קויפען מיט געלד. געלד איז נאָר פאַר קלוגע אַ מיטעל... פאַר נאַרען דער צוועק...

קינדער! עס קען ניט זיין אַזוי — אויב איהר ווילט טאַקע גע־בען „כבוד אב ואם", ווייסט איהר מיט וואָס? נאָר מיט דעם וואָס איהר זאָלט האַלטען שבת, און דערמיט וועט איהר אָפּגעבען „כבוד" אייערע עלטערען.

„זכור את יום השבת לקדשו", געדענקט דעם טאָג שבת צו הייליגען איהם און דערביי איז „כבד את אביך ואת אמך", גיב עהרע דיין פאָטער און מוטער, „למען יאריכין ימיך", אום עס זאָל דערלענגערט ווערען דיינע טעג. דו זאָלסט לעבען לאַנג. פרעגט דער מדרש „מה ענין זה אצל זה", וואָס אַנבאַלאַנגט דיביידע אָנ־זאָגעניש איינע לעבען די אַנדערע? „אלא ללמדך", נאָר עס קומט דיר צו לערנען. „שכל זמן שאדם מכבד את אביו ואת אמו", אין דער צייט וואָס אַ מענש וויל אָפּגעבען כבוד די עלטערען. אַז אמת'ען „כבוד" — „אין חטא של חילול שבת ולא שאר שום חטא בא על

ידו", דאַן דאַרף ער זעהן, אַז די זינד פון „חלול שבת" און אַנדערע זינד זאָל ניט קומען דורך איהם. ער זאָל זיי בעסער געבען דעם „כבוד" וועט ער זיי דערמיט פאַרשאַפען אַלע פלעזשור, „אַפילו" ער זאָל זיי ניט אויסנעהמען מיט זיין אויטאָמאָביל אויף ריידס, אַפילו ווען ער וועט זיי ניט טריטען אין טעאַטער און נאָך און נאָך. לעגען תפילין און אַ מורמעל טהאָן וועט זיין דער מאַמעס אָפּערע; געהן שבת אין שוהל וועט זיין דער מאַמעס קאָנטרי; דאָס וועט זיין איהרע אַלע פאַרגעניגענס. אָבער זוהנדעלע, טאָכטערשע, אַז דו ברענגסט איהר אַפילו די גרויסע פיידע און דו טהוסט ניט דיין מאַמעס פאַרלאַנג, און נאָך דערצו ברענגסטו איהר צו טרעהרען אַלע ווייַלע, דאָס הייסט „כבוד אב ואם"? איז דאָס גוט? יאָ, אַ גרויסע פיידע איז גוט! טאַקע גוט! אָבער נאָך אַמאָהל, איז בראַטען שלעכט אָדער גוט? קאַטשקעס געפילטע, איז עס גוט אָדער שלעכט? פרעגען נאָך בעסער — איז כבוד אָפּגעבען עלטערען, איז עס שלעכט אָדער גוט? אַהאַ! איך זאָג אויך, אַז עס איז גוט, אָבער איהר דאַרפט מיר איצט פרעגען: רבי לעבען, איהר זאָגט דאָך נאָר אויב געבען כבוד עלטערען איז דאָס גוט אָדער שלעכט? אָבער מיר גיבען זיי דאָך ניט קיין כבוד, מיר גיבען זיי „כבד", און דאָס איז טייטש שווער. מיר מאַכען די עלטערען שווער זייער האַרץ, שווער זייער לעבען, שווער זייער געמיט, עס איז זיי פינסטער אין די ליכטיגע רומס. עס איז זיי ביטער די גרעסטע זיסקייט. די מאַמען ווערט פינסטער אין די אויגען, ווען די טאָכטער צינדט אָן די געז אָדער עלעקטריק אום שבת.

וואַכט אויף קינדער, טשובעט זיך אויס פון אייער שרעקליכען שלאָף, ניכטערט זיך אויס פון אייער „שכרות", עפענט אייערע אויגען און זעהט דעם ים טרעהרען פון אייער מאַמען. באַדענקט אייך וואָס איהר טהוט. איהר פאַרקירצט די יאָהרען פון אייערע עלטערען, איהר מאַכט זיי דעם „גן עדן" פאַר אַ „גיהנם". דענקט ניט, אַז דאָס רעדט צו אייך אַ פאַנאַטישער אומוויסענדער מענש. דער שרייבער פון דעם דרוש האָט אַ סך געשטודירט דעם יונגען און אַלטען דור, באַרייזט דריי טהייל פון דער וועלט, געזעהען זיך מיט מיליאָנען מענשען, פאַרבראַכט מיט צענדליגער טויזענטער, באַלעזען די הונדערטער ווערק היינטיגע די טויזענטער ספרים

הייליגע. אסך געזעהען און זעהר פיעל געהערט. ערפאהרען — געווים. ער, דער שרייבער פון דעם דרוש איז א מענש, וואס האט אויסגענומען מיט רעדען אפילו ביי דעם יונגען דור. נעהמט זיינע יווארטען.

איך מוז אייך נאך דערמאנען, אז געבען כבוד עלטערען איז ניט נאר, ווען די עלטערען לעבען. ניין! אפילו, ווען זיי זיינען שוין אוועק אויף דעם עולם האמת, דאן מוז מען אויך געבען „כבוד" עלטערען. דער דין איז „מכבדו בחייו ומכבדו במותו" — וואס דענקט איהר איז דער „כבוד אב ואם" נאכ'ן טויט זייערען? איך וויים וואס איהר דענקט, אז דערמיט וואס איהר טהוט אן א שווארצען פאס אויף אייער ארעם און די מעבטער א גאנצען שווארצען סוט, און אז מען איז מקבר איינעם פון זיי, אראפגעהענדיג פון סעמעטערי, אריינגעהמען די פריינד אין א „טריפה'ן" רעסטא־ראן און געבען זיי עסען, און קומען צו „מזמור שיר חנוכת קדיש", און אפזאגען איהם אויף אייער שפראך, בעקאיעקען אוו־יעמעקען אווקאיע דעקאל בעט דזשודא, און אוועקלויפען אין סטאר אדער אין שאפ און קומען „יום טוב" בעפאר מוסף אפזאגען „יזכור". אויב איהר גלויבט, אז דאס איז אפגעבען כבוד אב ואם נאך זייער טויט, האט איהר קינדערלאך א גרויסען מיסטייק. ווען איהר זאלט קענען פרעגען אייער טאטען אדער אייער מאמען וואלטען זיי אייך געהייסען די אלע זאכען ניט טהאן, אפילו דעם קדיש אויך ניט זאגען, ווייל איהר מאכט זיי אומגליקליך דערמיט.

הערט זיך איין וואס איך פרעג אייך. גלויבט איהר, אז מען דארף עס טהאן און עס איז א טובה פאר זיי? טא ווארום זאלט איהר ניט טהאן ווי מען דארף דענקט איהר, אז דאס איז גאר ניט, טא ווארום זאלט איהר די אלע זאכען אין גאנצען טהאן. איז דאס א חסד, דארף עס זיין ווי יעקב האט געבעטען: „ועשית עמדי חסד ואמת", אז אמת'ען חסד אבער ניט א חסד פון שקר. באַ־דענקט אייך וואס איהר טהוט. ווי מען דארף אפגעבען כבוד על־טערען ווען זיי לעבען און ווען זיי שטארבען, דאן וועט איהר באַ־קומען דעם שכר „בעולם הבא" און בעולם הזה דעם צוזאג פון דער תורה — „למען יאריכון ימיך" — אמן.

משלים, ציצים ופרחים

קכה
מיין הכשר

פסח צייט, און אין כלל דעם גאנצען חדש „ניסן" הערט מען נאָר אין די צייטונגען פון די הכשרים וואָס עס ווערט אדווערטייזט אויף יעדען ארטיקעל, אפילו אויף טהעע און צוקער און אויף „חמץ גמור", אפילו פאַלשע און ריכטיגען „עלכן", וואָס איז דען מיין נשמה, זי וויל אויך געבען א הכשר. דאַרום האָב איך מיר באַזונען און גיב טאקע איין הכשר, כאָטשבי זאָל די וועלט וויסען, אז איך בין אויך א שטיקעל קנאַקער צווישען די בערען „כחול חים" און דעם הכשר אדווערטייז איך אין דער „בימה" — על כן „מורי ורבותי", אידעלאַך, „גומלי חסדים", איהר זאָלט מיר ניט קריוודען און אַריינשיקען טשעקס פאַר דעם הכשר וואָס איך גיב אייך אויף פסח שמן, אַזאַ גוטען שמן, איהר קענט עס נוצען, אויף פליישיג און אויף מילכיג און עס וועט אייך דעם מאָגען ניט פאַרשאַטען חס ושלום. איהר קענט דעם שמן יוזען אין דער פריה און בייטאָג און אין אָוועגד, אין מיטען נאַכט, און טאָמער טהוט וועה אַ אבר, מאַכט ניט וואָס פאַר אַן אבר, גאַנץ גלייך... און דער שמן איז שוין גענווען געיוזט אויך ביי שלמה, מלך ישראל... פאַסט עס אונז געוויס צו געברויכען דעם שמן, און דאָס איז דער „שמן תורק" (דער מדרש זאָגט דאָס מיינט די תורה). אַ גוטען ריח האָט דער „שמן", אַז שלמה ע"ה האָט געזאָגט: „לריח שמניך טובים, שמן תורק שמך". אָט אויף דעם שמן גיב איך אייך אַ הכשר...

קכו
די מכות

עס וואָלט גאָר ניט געווען אַזוי שרעקליך די מכות, ווען ר' יהודה וואָלט ניט איבערגעלאָזען סימנים. מכות וואָס האָבען סימנים, איז שרעקליכע מכות.

קכז

מצה ומרור

וואו עס איז דאָ מצה (קריג), דאָרט מוז זיין „מרור" (ביטער) אין סאָסייעטי, אין שוהל, אין תלמוד תורה. קוים איז דאָרט דאָ „מצה" מוז זיין „מרור"... אַ ביטערער סוף. קיין ניט שעהנער אונטערגאַנג.

קכח

פסח — שבועות — סוכות

„פסח" איז געגליכען צו די ימי עליה — דער שעהנער פריה־לינג קומט, די פייגעלעך זינגען, און די גראָזען הויבען זיך אויף פון דער ערד, די בוימער האָבען שוין בליהונג, ניט געעפענטע, די בלעטעלאך לעבען אָפּ. דאָס איז „ימי עליה", און דארום זינגט מען פסח דעם הייליגען שיר איבער אַלע שירים דעם פריהלינג סאָנג „כשושנה בין החוחים" — אני הבצלת השרון, און ליבעס שירים, איז דאָס „יונתי בחגוי הסלע" — אַ בקשה את שהאבה נפשי — יונתי תמתי — א. ז. וו. „שבועות" „ימי עמידה", אַלעס איז שוין שטעהענדע פעלדער, דער זומער שטעהט שוין אויף זיין געוועהנליכען מצב, דארום לייענט מען „רות" פון שניידען די פעלדער. „סוכות" „ימי ירידה", עס וועלקען די בלעטער, עס ברע־כען די צווייגען, דער ווינט רוישט, פאַרוואָלקענט און כמאַרנע, אזוי ווי די עלטער. דארום לייענט מען „קהלת" הבל הבלים אמר קהלת, דאָס איז דער עלטער, וואו ער קוקט זיך אַרום, אַז עס איז אַלעס הבל...

קכט

ויהי שם לגוי

„ויהי שם לגוי" — „מלמד" — ווער עס איז אין רוסלאַנד גע־ווען אַ ריכטיגער „גוי" (גאַי) איז אין אַמעריקא אַ „מלמד". קומט אויס ריכטיג, אַז „ויהי שם (אין רוסלאַנד) לגוי", איז דאָ „מלמד".

קל
דער אפיקומן

די האַלבע מצה וועלכע מען לאָזט אונטערן קישען, דאָס באַווייזט אין מוסר, אַז דער מענש דאַרף עטוואָס זיך אָנגרייטען אויף דער לאַנגער רוהע, אָפּשפּאַרען אויף אונטערצולעגען צו קאָפּענס, אונטער דעם קאָפּ אויף דער צייט פון ליגען אין קבר, ביז „תחיית המתים״. אָבער טאַטע זיסער, היט דעם אַפּיקומן, דיין ווייבעלע זאָל ניט אוועקלאַטכענען אָדער דיין טעכטערל אָדער זוהנעלע...

קלא
ספירה

היינטיגע געשעפטען איז ווי אין ספירה. ספירה וואָס מעהר מען צעהלט בלייבט אַלץ וועניגער, און דערצו טאָר מען נאָך ניט זאָגען וואו מען האַלט...

קלב
„דבר נא באזני העם וישאלו״

קוקט איין אין מיין ספר, דער אידישער רעדנער, מספר 144, וועט איהר געפינען דאָרט אַ זעלטענע פאַנטאַזיע...

קלג
מצה שמירה

מען האָט געפרעגט ביי הגאון הגדול האמיתי ר׳ יצחק אלחנן זצוק״ל, קאָוונער רב, רבי! וואָס טהוט מען, אַז עס איז שווער צו קריגען „מצה שמירה״? האָט דער גאון געענטפערט: באַצאָהלט גיט דעם אינגעל וואָס גיסט וואַסער, דער קנעטעריקע, די וועלגערקעס און נעהמט אַ סאָלדאַט ביים טיש „יום טוב פסח״ און פּי־לייכט נאָך אַן אורח, וועט עס זיין מצה שמורה (אַ גוטער מוסר ליגט אין דעם).

קלד

מלא מצות כרימון

די חכמים זאָגען, אז אַ פּושע ישראל איז פול מיט מצות כרמון... און אין אמת איז דאַ אַ סך מצות, ווײַלכע אַ פּושע ישראל טהוט די מצוה בעסער ווי אַ פרומער. גוט עסען ערב יום כפּור, ניט לעגען תפלין תשעה באב, ניט לייענען קריאת שמע פּסח נאַכ'ן סדר... טרינקען, פּורים עסען המן טאַשען, אָדער אמאָהל מקיים זיין והשיב את הגזילה, און זאַ ווייטער.

קלה

וואָס טראַכטען די כהנים

אברהם: — זאָג מיר, וואָס טראַכטען די כהנים בעת זיי דור־בענען?

בעריל: — זיי טראַכטען מען זאָל זייערע שיך ניט גנב'ענען.

קלו

בהמות

בצאננו ובבקרנו נלך — מיר מוזען מיטנעהמען אונזערע בהמות אויך, האָט דער גרויסער דיפּלאָמאַט משה געזאָגט צו פּרעה. און ער האָט זעהר רעכט געהאַט. קיין פאַראיין אָדער סאָסייעטי קען ניט עקזיסטירען אָהן בהמות, וואָס בריקען אמאָהל און גיבען אויך זעהר אָפט מילך.

קלז

אַ גוי'שער מזל

אין אַ קליין שטעדטעל אין ליטא האָט פּאַסירט דאָס אַ גוי איז געשטאָרבען אין ניסן. אַ אידענע ווײַלכע איז פאַרבייגעגאַנגען דעם טויטען וואָגען האָט עס שטאַרק באַדויערט און געזאָגט: הלוואי וואָלט כאָטש אַ איד געוועזען האָבען דעם גליק צו שטאַרבען אין ניסן...

קלח

משה׳לעם קעסטעלע

יוכבד טהוט אריין איהר משה׳לען אין א קעסטעלע. דער קעסטעלע וואקעלט ארום אויף דעם וואסער און דאס קינד איז הונגעריק. ער ליגט און וויינט און שרייט. פרעה׳ס טאכטער ראטעוועט איהם. זי זעהט די בייבי איז פארשמאכט, פארטריקענט די ליפעלאך. זי גיט איהם זייגען. משה׳לע גיט א קוק אויף די ציגיינערקע דרעהט ער אפ זיין קעפעלע און זאגט אין זיך געווים: ניין, איך וועל ניט זייגען פון אזא טריפה ברוסט, וואס האט מילך באקומען פון טריפות עסען. זי האט געבראכט די צעהנדליגע מצרי׳שע פרויען און ער נעהמט ניט ביז יוכבד איז געקומען... היינט, קומט א גרויסער משה, א קארפענטער, א ביגלער, אן אפערייטאר, און פרעסט זיך אן מיט טריפות אליין אין די טריפה רעסטאראנטס. געדענקט, משה׳ס היינטיגע, ווי וועט איהר געראטעוועט ווערען, ווען די מצרים וועלען אייך טרעפען...

קלט

סאציאליסטען אפילו אויך צופרידען

די סאציאליסטען, ווי שלעכט זיי זיינען אין אידישקייט, דאך גלויבען זיי אין איין שטיקעל הגדה, וואס מען זאגט פסח ביים סדר, און דאס איז די שטיקעל הגדה „אלו נתן לנו את ממונם", „ולא נתן לנו את התורה", ווי גוט וואלט אונז געווען, ווען ער גיט אונז זייער געלט און ער וואלט ניט געגעבען אונז די תורה... דיינו.

קמ

וואס איז סדר

סדר (ארדענונג) ווי מען זעהט דעם סדר, פרעגט מען באלד מה נשתנה?

קמא

אחד מי יודע

אַמעריקאַנער „אחד מי יודע“: 1 — געלט, מעהר גאָר ניט; 2 — הענד, מעהר פאַדערט מען ניט; 3 — אַ קאָמיטעט פון אַ חברה צו באַזוכען דעם קראַנקען. ווארום 3? אז איינער וועט זאָגען שטי־צע, זאָלען צוויי זאָגען כנגד; 4 — פעדלער טרעפ; 5 דאָלאַר קראַנ־קען בענעפיט; 5 טאָג אַרבייט; 7 ענגלישע ווערטער ווייסט אַ גרינער; 8 שטונדען אַרבייט; 9 — דער סיזאָן ארומצוגעהן ליידיג; 10 לאַנדסלייט אַ חברה; 11 סענט פאַר אַ גרינעם דער דינער; 12 שורות אין דעם גט צו שיקען אין רוסלאַנד צו זיין ווייב; 13 — פטור פון חדר און פון תפלין — ודו״ק.

קמב

אָרימע מאַכען שנעלער פסח

איין אָרימאַן האָט געזאָגט אַ וואָך פאַר פסח צו איינעם, איך האָב שוין דריי זאַכען אויף פסח: אַ פינגער אויף עשרה מכות; אַ זייט צו זיצען אָנגעשפּאַרט; און אַ מויל צו עסען.

קמג

חד גדיא

„חד גדיא, חד גדיא, דזבין אבא בתרי זוזי חד גדיא, חד גדיא“ — אַ ציגעלע, אַ ציגעלע, וועלכע דער פאָטער האָט געקויפט פאַר צוויי גילדען; אַ ציגעלע, אַ ציגעלע אויף אַמעריקאַנער אַרט לע־בען די עלטערען מיט די קינדער, קומט עם אוים זעהר ריכטיג. ווי דער בעקעלע, דער אינגעלע זיינער, הויבט נאָר אָן צו ברענגען אַ פיידעלע, און ווי זיין ציגעלע, די מיידעלע, הויבט נאָר אָן ברענגען אַ פיידעלע, קויפען זיי שוין אָפּ דעם טאַטען פאַר די פאָר טאָלער, וועלכע זיי גיבען איהם, און ער זאָגט שוין גאָר נישט אַפילו אויף „חלול שבת“. ווער רעדט פון „תפלין“, און וואָס זיי ווילען טהוען זיי. אַזוי ווי דער טאַטעלע זעהט שוין גאָר ניט, הייסט עס „חד

גדיא" — איין ציגעלע. דער בעקעלע, דער איגנגעלע, אָדער „חד גדיא", איין ציגעלע, די מיידעלע, „דזבין אבא" זיי קויפען שוין אָפּ דעם טאַטעלען „בתרי זוזי" פאַר די צוויי גילדען, די פּאַר טאַלער — „חד גדיא" דער אינגעלע, „חד גדיא" די מיידעלע.

קמד

חד גדיא

„חד גדיא, חד גדיא, דזבין אבא בתרי זוזי, חד גדיא, חד גדיא" אָדער אויף דעם אַמעריקאַנער אַרט ווי מיר זעהען וואָס פאַר א פּנים עס האָבען די עלטערען ביי זייערע קינדערלאַך, ביי די „חד גדיא, חד גדיא דזבין אבא", זיי פאַרקויפען דעם טאַטען, דאָס הייסט זיי וואָלטען איהם פאַרקויפען, ווען זיי וואָלטען נאָר קענען „בתרי זוזי" פאַר א פּאַר טאַלאַר. ודוק.

קמה

ניט לייכט

עס איז ניט לייכט צו ענטפערען אַלעמענס פראַגען, ווייל אויף איין חכם איז דאָ א רשע, און א תם, און א שאינו יודע לשאול.

קמו

אָרימע זיינען פרום

אָרימע לייט זיינען זעהר פרום. פרומער קען שוין ניט זיין. אז פיער וואָכען פאַר פסח האָבען זיי שוין קיין חמץ ניט אין הויז.

קמז

פאַר ביזנעס לייט

„ואם לא תפדה וערפתו", די ריכטיגע איבערזעצונג פון דעם פאַר דעם ביזנעס מאַן איז — אויב דו לעזט ניט, האַק אָפּ — אַן עצה טובה פאַר יעדען ביזנעס מאַן.

קמח

אלע פרעגען

וויפיעל מיה מען מוז האבען פסח ביים סדר אום צו ערוועקען אין קינד א „שינוי“, אום ער זאל פרעגען „מה נשתנה“, אבער ווי מען זאגט „ברוך המקום ברוך הוא כנגד ארבעה בנים דברה תורה“, ווי באלד מען דערמאנט דעם ווארט תורה, איז שוין דא גלייך א חכם, א רשע, א תם, א שאינו יודע לשאול, און אלע פרעגען קשיות.

קמט

מצה און ישראל

מצה, אט ביסטו ווי דער אידישער לעבען. דער איד איז צו דיר געגליכען. מצה, מען קנעט, מען וועלגערט, מען שטעכט דיר, און וואס דינער ביסטו אלץ כשר'ער, וואס טרוקענער ביזטו אלץ בעסער. דאס אידישע פאלק איז אויך אזוי. מען קנעט זיי גענוג, מען וואלגערט זיי נאך צופיעל, מען רעדעלט, מען שטעכט, ווער עס וויל נאר און וואס דינער, און וואס טרוקענער, ביזטו אלץ מעהר כשר'ער.

קן

מרור

„מרור“ איז א זאך וואס די ארימע לייט האבען עס א גאנץ יאהר און די רייכע אפילו פסח ניט.

קנא

רעפארם מה נשתנה

רעפארם מה נשתנה — אלע נעכט פון א גאנץ יאהר עסען מיר נאר חמץ. „הלילה הזה חמץ ומצה“.

קנב

די קאָסטען פון פסח

אויף אלכסנדר מוקדון דערצעהלען די חכמים, אז ביי איהם איז געווען דער טרייעל צווישען די מצרים און די אידען. די מצרים האָבען געמאָהנט ביי די אידען, זיי זאָלען זיי אומקעהרען די געלט, וועלכע די אידען האָבען געליהען פון זיי... די אידען האָבען גע־בעטען דעם שכר פון דער ארבייט פון זעקס מאָהל הונדערט טויזענט מענשען, וועלכע האָבען געאַרבייט פיער הונדערט און דרייסיג יאָהר, זיינען די מצרים אנטלאָפען. ווען מיר וואָלטען יעצט האָבען די מצרים און זיי וואָלטען פאָדערען פון אונז די געלט, וואָלטען מיר געבעטען זיי זאָלען אונז אומקעהרען די געלט וואָס אונז האָט געקאָסט פון „יציאת מצרים" אָן ביז יעצט „פסח", דאָס וואָלטען אונז ניט די מצרים קענען באצאָהלען, אפילו ניט ענגלאנד, פראנקרייך, און אפילו ניט אמעריקא.

קנג

שקלים — זכור — פרה — שבת הגדול

איך האָב אמאָהל אין וויץ געזאָגט וועגען די „ד' פרשיות", דאָס הייסט „שקלים — זכור — פרה — שבת הגדול" — אין אמע־ריקא אז מען האָט נאָר „שקלים" דאן „זכור", דערמאָהנט מען זיך אָן איהם. ער איז פרעזידענט, און ער פיהרט די גרענדע. ער מעג אפילו זיין א „פרה אדומה" האַלט מען איהם פאַר א גדול.

קנד

תקיף הוא

„תקיף הוא", איז ער נאָר א תקיף — זיינען מיר מיט איהם שוין פאַרזאָרגט. „יבנה ביתו בקרוב" — וועט ער ווערען אין גיכען א לענדלאָרד.

קנה
צרות געבליבען

פאַר וואָס פּסח ביי דעם סדר לעגט מען אַרויף „מצה, זכר לחירות, מרור, וימררו", זיי האָבען אונזער לעבען פאַרביטערט. „חרוסת" זכר לטיט. אַלע זאַכען פון פריהערדיגען זיין אין מצרים און פון באַפרייט ווערען. טאָ וואָרום לעגט מען ניט אַוועק די געלט? יעדער איד איז דאָך פון ביזת הים רייך געוואָרען, האָט מען געדאַרפט אַרויפלעגען די גאַנצע געלט אויפן טיש...

דער תירוץ איז, די צרות האָבען מיר יעצט אויך ווי אַמאָהל, אָבער פון זייער געלט האָבען מיר ניט אפילו אַ פּעני... שחשת"ח.

קנו
אַ קעצעלע עסט אַ ציגעלע

„חד גדיא, חד גדיא", אַ וואונדער אַ גרויסער, ווי קען אַ קעצעלע אויפעסען אַ ציגעלע? נאָר דער תירוץ איז: אַ ציגעלע וואָס קאָסט צוויי גילדען קען אַ קעצעלע אויפעסען. די רבנים, וועלכע מען קויפט פאַר צוויי גילדען, אָדער מען קויפט זיי אָפּ פאַר צוויי גילדען... בעבור שנדר — די קען אַ קעצעלע אויך אויפעסען.

קנז
פּסח און תשעה באב

פּסח ביים סדר, האָט מיין פאָטער מיר געהייסען פרעגען פיער קשיות, וואָס הויבט זיך אָן מיט „מה נשתנה הלילה הזה" וגו — ערב „תשעה באב" זעה איך ווי מיין טאַטע נעהמט אַן אָפּגעקאָכטע איי און זעצט זיך אויף דער ערד און טונקט די איי אין אַשעס און עסט... זאָג איך צו אים, טאַטע, יעצט האָב איך אַ גרעסערע פראַגע ווי פּסח. פּסח ביים סדר, אַזאַ שעהן פאַרפּוצטע הויז, כוסות צו טרינקען, קניידלעך צו עסען, פיש געפילטע, טשיקען געקאָכטע, הלואי אימער אַזוי, האָסטו מיר געהייסען פרעגען מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות. היינט, די זון שיינט, אַזאַ שעהנער טאָג, פיין

וואָס קען געבען, נעמסטו און זעצסט זיך אויף דער ערד און עסט אן איי אין אַשעס געטונקט. גאָט אין הימעל, אָט יעצט דאַרף מען פרעגען „מה נשתנה היום הזה מכל הימים".

אָה, מיין קינד, מיין טייערער קלוגער קינד, די פראַגע איז גוט. נאָר איך באַדויער דיר. איך זעה, אז דו וועסט זיין אַ דרשן. דאָס איז אַ פראַגע אַ פּאַסענדע. וויים אָבער מיין קינד, אַמאָהל איי־בערצוגעבען אין אַ דרוש, אז אזוי איז ביי אידען, ווען עס איז אַ סדר (אָרדנונג) מען וויל מאַכען אָרדנונג ביי איהם אין הויז אָדער אין כלל, אין שוהל, אָדער ביים גאַנצען פאָלק, ווער עס וויל מאַכען אָרדנונג, אַ סדר הייסט עס, פרעגט מען באַלד „מה נשתנה", וואַ־רום דאַרף מען עס וואָס עפּעס איז דער און דער פון די אָרדנונג מאַכער, פאַר וואָס ניט יענער. אָבער ווען ביי אידען טרויערט מען, זיצען אויף דער ערד, עסען שמוץ, קלאָגען, וויינען — פרעגט קיי־נער „מה נשתנה" פאַר וואָס עפּעס מיר?

קנח

דער מענש

דער מענש איז אַ זייגער. דאָס געזיכט איז אַ ציפער בלאַט, דער נאָז איז אַ ווייזער, וועלכע ווייזט וויפיעל צייט עס איז פאַר־איבער. אַ „תלמיד חכם" האָט דעם מעכאַניזם אין קאָפּ, אַ פרע־סער איז מאָגען — אַ גוטער אין הארץ — און אַ רייכער אין קע־שענע. אַ נאַר איז אַ פאַלשער זייגערעל, אָהן מעכאַניזם.

קנט

אַ גוטער ענטפער פון אַ קינד

שעהם זיך סילי, האָט געזאָגט די מוטער צו איהר קליינער טעכ־טערעל, דו האָסט אַמאָהל געזעהן, אז מיינע הענט זאָלען זיין אזוי שמוציג ווי דיינע?

ניין, מוטער, איך האָב עס ניט געזעהן, אָבער דיין מוטער האָט עס יאָ געזעהן. (פיעל צו לערנען פון דעם ענטפער).

קס

דער רב עסט אָהן אַ העט

הערסט קלמן, איך בין נעכטען געווען ביים רב פרעגען אַ שאלה, האָב איך איהם געטראָפפען עסענדיג אָהן אַ העט. געה, געה, זלמן, איך וועל דיר ניט גלויבען. עס איז אַ ליגען. הער, קלמן, דו ווייסט אַליין אַז איך בין ניט קיין ליגנער און איך זאָג דיר נאָכ־אַמאָהל אַז איך האָב געטראָפפען דעם רב עסענדיג אָהן אַ העט, נאָר ער האָט געטראָגען אויפ'ן קאָפּ אַ יאַרמולקע.

קסא

קדחת אויף יענער וועלט

אַ גביר ניט קיין גרויסער צדיק, האָט געפרעגט אַן אָרימאַן אַ „תלמיד חכם", הערט מיין ליבער פריינד, אַז איך זאָל אייך געבען אַ נדבה וועל איך קריגען אין „גן עדן" פון לויתן?

ניין, מיין טייערער, ווייל אויף דער וועלט האָט דער גביר אַלעס, נאָר אויף יענער וועלט נעמט ער גאָר ניט מיט, קומט ער דאָרט מיט קדחת און דאָקטוירים זאָגען, אַז דער וואָס האָט קדחת טאָר קיין פיש ניט עסען.

קסב

דער קאַרגער גביר

אַ געמיינער בעל הבית האָט אָנגעטראָפפען דעם קאַרגען גביר פון זיין שטעדטעל. זייט אַזוי גוט, ר' בעריל און אַנטלייט מיר פינעף טאָלער.

ר' בעריל גביר זאָגט איהם, איך שוועה דיר, אַז איך האָב ניט ביי זיך אין דער היים? ענטפערט דער גביר, אין דער היים זיינען אַלע געזונט און איז אַנטלאָפפען.

קסג

ריידען אָהן אַ מאָס

פרויען האָבען ניין מאָס רייד. אָבער מענער ריידען גאָר אָהן אַ מאָס.

קסד

קרענקען אויף אַ ראָק

היינטיגע קרענקען אויף אַ ראָק... „רק אין יראת אלהים במקום הזה“ און „רק“ עם פעהלט, נאָר עם פעהלט.

קסה

משה זעהט און הערט

ווען משה איז אויפגעוואקסען האָט ער געזעהן ווי אַ מצרי שלאָגט אַ אידען און ער האָט טויט געשלאָגען דעם „מצרי“. ווען אידען האָבען געמאַכט דעם עגל, האָט ער געזאָגט איך הער... דער זעהען און הערען האָט איהם גרויס געמאַכט „לאפוקי“ היינטיגע משה'ם די רבנים, ניט זיי זעהען ניט זיי הערען. ניט איין מצרי שלאָגט אַ אידען איצט. ניט איין שוהל שטעלט אַריין אַ גאָל־דענע קאַלב אין שוהל, אַ חזן אָדער אַ רב אָהן אַ באָרד, אַ ז. וו.

קסו

ווי בינעזער מאַכען אַ לעבען

ביי די בינעזער האָט אַ מענשענס לעבען קיין בעטרעף ניט. ווען אַ רייכער בינעזער ווערט פעראורטהיילט צום טויט, קען ער גאַנץ לייכט, פאַר אַ קליינינקייט, דינגען אַן אַנדערען, וועלכער זאָל אנשטאט איהם אָבקומען די טויט שטראָף. און איך גלויב, דאָס פיעל אָרימע בינעזער מאַכען אַ גאַנץ פיינעם לעבען אויף אַזאַ אָרט...

קסז

למה נקרא שמו חזיר

מדרש — „למה נקרא שמו חזיר, שחוזר להתירו לעתיד לבא“. ווארום רופט מען דעם „מפרים פרסה“ און ניט „מעלי גירה“ מיט זיין נאמען „חזיר“, ווייל ער וועט קומען צו זיין הכשר, מען זאל איהם קענען עסען „לעתיד לבא“ ווי קען עס זיין? די תורה וועט ניט איבערגעביטען ווערען לעתיד לבא, זאגען מיר אין די דריי־צעהן „עקרים“. נאר עס איז אזוי — א היינטיגער חברה מאן גיט געלט, צדקה הייסט עס. די הענטלעך זיינען ניט פארמאכטע, נאר „מעלי גרה“ דאוונען וויל ער ניט, איז דאך מן התורה „טריפה“, און אז משיח וועט קומען וועט ער אנהויבען דאוונען, און וועט ער דאך שוין זיין „מעלי גרה“ און וועט דאן זיין א כשר'ער איד.

קסח

די קנייטשען פון פנים ביי א ביזנעסמאן זיינען די בוכהאל־טעריע פון זיין געשעפט.

קסט

אין די הויכע פענסטער (טאפ פלאר) אין ניו יארק וואוינען אלע קבצנים.

קע

ער האט זיי דערקענט

אויף איסט בראדוויסקאיא אוליצא זיינען געגאנגען צוויי אידען און גערעדט רוסיש. א דריטער, וועלכער איז געגאנגען און זיך צוגעהערט צו זייער געשפרעך, האט צו זיי געזאגט: צו וואס דארפט איהר ריידען רוסיש, אום מען זאל אייך דערקענען, אז איהר זייט אידען. בעסער רעדט העברעאיש, וועט מען וויסען, אז איהר זייט גוים...

קעא

אַ טאָג ווען אידען מעגען עסען טריפות

אַ גוי האָט געפרעגט, ווען איז שוין ווידער דער יום טוב אין וועלכען אידען מעגען עסען טריפה?... („יום כפור", אידישע רעסטאָראַנטס זיינען פאַרמאַכט געהען זיי און עסען ביים גוי).

קעב

„ובכן צדיקים"

אַ חסיד, אויף אַלע יום־טוב פלעגט ער פאָהרען צום רבי"ן. איין מאָל איז ער אויף ראש השנה ניט געקומען צום הייליגען רבי"ן. פרעגט איהם דער רבי, „מה נשתנה?" און טאקע דו בעריל זאָלסט ניט קומען צו זיין יום טוב ביים רבי"ן?

דער חסיד האָט געענטפערט, איך בין געווען אַ בעל שחרית, און האָב גענומען דערפאַר — פופציג רובעל.

אזוי גאָר, מיין טייערער בעריל, ווי טהוט מען דאָס? „ובכן תן פחדך" אויך פאַר געלט, אַלעס פאַר געלט, אפילו „ובכן תן פחדך" אויך פאַר געלט?

יאָ, רבי לעבען. איך האָב געקוקט אויף אייך, ווייל ווייטער שטעהט „ובכן צדיקים", אויך פאַר געלט. און קוקענדיג אויף אייך האָב איך געמאַכט דעם „ובכן תן פחדך" פאַר געלט, ווייל דער „ובכן צדיקים" איז פאַר געלט, און „יראו צדיקים וישמחו, חסידים יעלוזו" וכו'.

די בימה

גאַנצע רעדעס אויף יעדען שבת

פון יעדער פּרשה, פּונקט ווי עס איז גערעדט געוואָרען פון דעם מחבר אַליין, מאמרים, משלים, אַפילו די „שיחת חולין".

יעדער ספר — אַ רעדע

נאָך דעם דרוש קומען משלים, ציצים ופרחים

פון דעם מחבר הרב הדרשן והמטיף המפורסם

יהודה ליב לאַזעראָוו

מחבר פון דברי יהודה, דגל יהודה, קול יהודה, מטה יהודה, בית יהודה, אידישען רעדנער, ועוד.

חוברת י"ח — י"ט — כ'

RABBI L. LAZEROW

1541—78th Street, Brooklyn, N. Y.

ניו־יורק — תרפ"ד

לעוואנט פרעס

18[illegible] 2־טע סט., ניו יארק

פרשה משפטים

„ואלה המשפטים הה"ד מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל, אלו המשפטים לפי שאין מדותיו של הקב"ה כמדת בשר ודם — מדת בשר ודם מורה לאחרים לעשות והוא אינו עושה כלום, והקב"ה אינו כן מה שהוא עושה, הוא אומר לישראל לעשות ולשמור". (מדרש)

מיר וועלן איבערזעצען די טייטש ווערטער. די סדרה הייסט משפטים. און עס הייבט זיך אן די סדרה מיט די ווערטער „ואלה המשפטים", און דאס זיינען די משפטים. זאגט דער מדרש, דער־מיט איז רעכט דער פסוק וואס איז געשריבען אין „תהלים" „מגיד דבריו ליעקב חוקיו למשפטיו לישראל" דאס זיינען די „משפטים" ווייל דער פיהרונג פון גאט ב"ה איז ניט ווי די פיהרונג פון א מלך בלוט און פלייש. דער פיהרונג פון א מלך איז, ער הייסט אנ־דערע טהאן, און ער טהוט גאר ניט און גאט איז ניט אזוי. נאר וואס ער טהוט אליין, דאס הייסט ער טהאן צו די ישראל, צו טהאן און צו היטען.

איך וועל אין דעם דרוש טרייען שפיעלען אויפ'ן פיעדעל. זעהר אן אלטער פיעדעל. עס איז גאר ניט אפצושאצען די ווערדע פון דעם פיעדעל, ער איז גאנץ אלט, און איהר ווילט דאך שוין ווי־סען ווי קום איך צו קענען שפיעלען פיעדעל? ווי קומט צו מיר אזא גאנץ אלטער פיעדעל? וועל איך אייך ווייזען גלייך דעם פיעדעל!

„חצות לילה אקום להודות לך על משפטי צדקך. ודוד מי הוה ידע חצות לילה אימת? השתא משה רבינו לא הוה ידע, דכתיב כה אמר ה' כחצות הלילה, מאי כחצות, אלימא דאמר ליה

הקב"ה כחצות, ומי איכא ספיקא קמיה רקיעא ? אלא דא"ל למחר בחצות כי השתא, ואתא איהו ואמר כחצות, אלמא מספקא ליה ודוד הוה ידע ? דוד סימנא הוה ליה, דאמר רב אחא בר ביזנא אמר ר"ש חסידא, כנור היה תלוי למעלה ממטתו של דוד, וכיון שהגיע חצות לילה רוח צפונית מנשבת בו והיה מנגן מאליו." (ברכות ו')

יעצט וועלען מיר איבערזעצען דעם מאמר, אז איהר אלע זאלט איהר וויסען ווי מיר שפּיעלען פּיעדעל. דוד האט געזאגט אין "תהלים קי"ט) האלבע נאכט שטעה איך אויף צו דאנקען דיר אויף דיינע גערעכטע „משפטים". פרעגט די „גמרא", האט דען „דוד" געקענט וויסען ווען האלבע נאכט איז (קיין זייגער איז דאן ניט געווען). אז „משה רבינו" האט ניט געוואוסט, ווייל ער האט געזאגט: אזוי האט גאט געזאגט אין דעם ערד פון האלבע נאכט וועל איך ארויסגעהן אין „מצרים", אבער ער האט ניט געזאגט פּונקט האלבע נאכט, ווי דוד האט געזאגט „חצות הלילה". משה האט דאס געזאגט אין גאטעס נאמען. גאט האט געוויס איהם געוויס איהם געזאגט בחצות הלילה, אבער משה האט געזאגט „כחצות הלילה", זעהען מיר אז משה האט ניט געוואוסט און דוד האט געוואוסט. ווי קען דאס זיין ? ווי אזוי זאגט ער „חצות לילה אקום להודות לך ?" ענטפערט די „גמרא", אז דוד האט טאקע ניט געוואוסט, נאר ווי אזוי זאגט ער „חצות לילה ?", ווייל דוד האט געהאט א סימן. ער האט א פּיעדעל איינגעפּיקסט, געווים מיט אזא פּייפ וואס איז ארויסגעגאנגען אין דרויסען. דער פּיעדעל האט געהאנגען איבער זיין בעט און ווי עס איז געקומען האלבע נאכט האט דער צפון ווינט אריינגעבלאזען אין דער פּיעדעל און עס האט אנגעפאנגען שפּילען פון זיך אליין, און באלד פלעגט דוד אויפשטעהן און דאנקען גאט מיט שירות ותשבחות.

איך פארשטעה, אז פאר אייך אליין איז וואונדערליך דער מאמר, און דארום וויל איך טאקע פארשפּארען פרעגען פּראגעס, ווייל די אלע „קשיות" טהוט גאר ניט אויף. עס פארנעמט נאר די צייט אין ריידען און אין שרייבען, איז דאך געוויס איבעריג דאס, ווייל אחוץ אלעם, איז דאך די קאסטען פון דרוק זעהר גרוים.

איך האָב שוין איינינע מאָהל דערמאָנט אין מיינע ספרים און אויך אין אַ פּאָר דרשות אין דעם יעצטיגען ספר „הבימה“, אַז דער איד האָט אַ נאַטור דאָס ווען איהם איז גוט, געהט ער אַראָפּ פון וועג, פאַרגעסט די „תורה“ און אַלע „מצות“ פון דער „תורה“. די גרעסטע, אַזוי ווי שבת און תפלין און כשרות, אויך „טהרת המשפחה“, ווי אויך אפילו די „מצות“ פון מענש צו מענש — „כבוד אב ואם“, דאַכט זיך אַז אפילו די „אומות העולם“ האַלטען עס, כאָטש זיי האָבען ניט קיין „תורה“ פון גאָט אַליין, דאָס וואָס זיי האָבען איז אונזער תנ״ך, ניט זייער אייגענע, און אפילו בעפאָר עס איז געגעבען געוואָרען די „תורה“ האָבען אַלע נאַציאָנען „מקיים“ געווען „כבוד אב ואם“. אונזערע אידען, יעצטיגע צייט, זיינען דאָס אויך ניט „מקיים“.

אויך דער רעספּעקט פאַר עלטערע מענשען, פאַר אַ „תלמיד חכם“ און זאָ ווייטער, איז אַלעס בטל, און ער, דער „ישראל“, ווי נאָר עס געהט איהם גוט, אַזוי ווערט ער אוים מענש, אוים איד, אַזוי ווי אין דער איצטיגער צייט פון פרייהייט האָט ער געניסט איז ער געוואָרען דער „ישראל“ וואָס האָט די „תורה“ איבערגעגעבען צו אַלע נאַציאָנען. דער „ישראל“ וואָס איז געשפּרונגען אין פייער מיט „שמחה“, ווען מען האָט פון איהם געוואָלט צונעהמען די „תורה“ אָדער ער זאָל „עובר“ זיין אויף די „מצות התורה“, מיט אַ „שמע ישראל“ איז ישראל געשפּרונגען אין פייער און האָט זיך אויסגעלאָכט פון אַלע זייערע גליקען און שטאַרק אויסגעשריען זייט וויסען איהר מערדער, איהר קענט נאָר מיין קערפּער פאַרברענען אָבער ניט מיין נשמה — איך לאַך פון אייך און פון אַלע אייערע טובות. די וועלכע איהר האָט מיר פאַרשפּראָכען און דער גרויסער גאָט וועט נאָך ראַכע נעהמען פון אייך אויך פאַר דעם קערפּער מיינעם. „שמע ישראל ד׳ אלהינו ד׳ אחד“.

יעצטיגע צייט האָבען מיר ניט קיין טאָרקאַוואַמאַדעס, קיין איזאַבעלאַס, קיין פערדינאַנדס, און אַלע די וואָס האָבען געוואָלט פאַרניכטען דאָס אידישע פאָלק. נאָר גראָדע ווען ישראל האָט עס ניט אָט די אַלע, ווען ישראל איז פריי צו דינען זיין גאָט, ווען ישראל קען לערנען זיינע קינדער דעם אידישען וועג, דער וועג

וואָס איז באַלויכטען מיט דעם העלישען ליכט פון הימעל, דער וועג, וואָס קען אימער ברענגען צום גוטען, דער וועג, וואָס איז אויסגעטראָטען פון „אברהם, יצחק ויעקב", און די „שבטי יה", דער וועג וואָס האָט אויפגעהאַלטען ביז יעצט דעם אידישען פאָלק פון פאַרניכטונג. אין אַמעריקאַ איז פאַרלויפיג דער וועג ניט צו־שטערט פון שונאים וואָס לאָזען ניט געהן אין דעם וועג פון „ישראל", און ישראל איז דאָך אראָפּ אין גאַנצען פון דעם וועג. עס איז צושטערט געוואָרען דער וועג פון דער „תורה" און דריי מי־ליאָן אידען. מיין הארץ איז פאַרביטערט, מיין געדאַנקען ווערט געשטערט, מיינע הענט ציטערען, מיינע אַלע נערוועז ווערען צו־שטרייט, אַז איך מוז דעם אמת זאָגען.

ווי ווייט ישראל דער „עם הנבחר" איז אראָפּ פון וועג, דער יוגענד אין גאַנצען, דער אַלטער שלעפּט זיך נאָך עטוואָס, אָבער אויך ניט אין דעם ריכטיגען וועג. די שוהלען אפילו, זיינען ניט די שוהלען פון יענער זייט ים — אין היגע שוהלען, טיקעטס אום שבת, איז ניט ביים טהיר פון שוהל, לאָזט מען טיקעטס אין קענדי סטאָר, אין די שעהנסטע שוהלען, אין העכסט אָרטאָדאָקסישע שוהלען, פאַר קיין זאַך שטעלט זיך אָפּ דער פרעזידענט פון שוהל, אבי נאָר צו מאַכען געלד פאַר דער שוהל, א צורה ביי זיי א רב, א שעהנעם פנים האָט ביי זיי א „תלמיד חכם" — דאָס איז ביי די פרומע אידען. ווער מאַכט מחלוקת? ביי וועמען ליידעט דער רב? נאָר ביי די פרומע אידען. זיינען זיי פרומע? זיינען זיי דען אמת'ע אידען? זיינען זיי דען גאָטספאַרכטיגע אידען? ניין, טויזענד מאָל ניין... דאָס איז נאָר די אידען, וועלכע האָבען אין רוסלאַנד זיך געפונען, אונטער'ן טהיר, נאָר דאָ, דער שמעלץ־טאָפּ, זאַנגוויל'ס, ווערט איבערגעשמאָלצען, דער גאָרניט ווערט דאָ דער גאָר דער גאָר... איז דאָ א גאָרניט...

קיין מזוזה, נאָר א פּאָדקאָווע, און די מהדרין... א פּאָדקאָווע מיט ניין לעכלאָך... קיין תפלין אויפ'ן אָרעם, נאָר א שוואַרצען פּאַס אויפ'ן אָרעם נאָך זיין טאַטענ'ס טויט. קיין „כבוד אב ואם" ווען זיי לעבען, דערפאַר נאָכ'ן טויט א גרויסען שטיין. אַמעריקאַנער ערד איז א פעטע ערד, אַמעריקאַנער ערד קען מאַכען וואַקסען, אפילו פון רשעים ווערט אין א יאָהר גרויסע צדיקים.

דער טאטע, „דער לעבעדיגער היפאקריט", ווערט אויפ'ן שטיין פ"נ „איש צדיק" — דער טאטע לעבעדיגערהייט האט געהייסען אומוויסענדער, איצט הייסט ער אויפ'ן שטיין „איש חכם" — די גאנצע אידישקייט איז געבליבען אין יאהר־צייט ,יזכור, שטיין, „חנוך הקרקע", „חנוך הגדר", שווארצער סוט, שווארצער פאס, דורכלאזען די פערד מיט'ן טויטען וואגען דורך צוויי שורות לאַ־דזשען ברידער ביים בריק, און מען טרייסט מנחם אבל, ווען וויים איך ניט. די אבלים טאר מען נאך ניט טרייסטען, „ואל תנחמהו בשעה שמותו מוטל לפניו", דעם מת טרייסט מען גע־ווים ניט, נאר ווי איך דענק, טרייסט מען די פערד... פערדליך, זייט ניט אראפגעפאלען ביי זיך, וואס איהר פיהרט איצט א „בר מנן", באלד אין דריי שטונדען שפעטער וועט איהר פיהרען א לעבעדיגען בר מנן, א חתן צו דער חופה... וואס נאך איז איצטיגע פרומקייט? מאנטאג ניט מופען, נאר שבת... שבת אבענד ניט לייהען און בארגען יענעם. ניט אראפמופען פון זעקסטען פלאר אין דערזעלבער הויז, א פאר פלאר נידריגער. ניט נעהמען א שנור מיט'ן זעלבען נאמען פון זיין פרוי, כאטש איינע רופט מען „דבורה", די אנדערע רופט מען דארע... ניט שערען זיך אין ספירה די גאנצע וואך נאר שבת... אפזאגען דעם בר מנן פון חברה... פיש, פלייש, עופות אויף שבת... א נאמען געבען א מיידעל דורכ'ן שמש — „בר מצוה" א ספיטש... מפטיר דעם בר מצוה; יאר צייט — מפטיר; חתן — מפטיר (אויב ער קומט).

איך וויל ניט אנהויבען מיט אייך און שרייבען די איבעריגע אמעריקאנער פרומקייט... ווייטער ווייסען מיר דאך, שבת ווי עס איז; תפלין וואו זיי ליגען; ציצית ווער עס טראגט, טהרת המשפחה ווער עס היט, „כשר" ווער עס עסט, די קינדער אין חדר ווער עס גיט, און — בעסער שווייגען ווי רעדען... וואס איז דאס? ווארום איז דאס? ווי אזוי ווערט דאס? יא! דער איין תירוץ, די פרייהייט מאכט דאס. ווי דער איד האט פרייהייט אפ־צוהיטען זיין רעליגיאן, דאן וויל ער ניט. ווי דער איד ווערט גע־שטערט צו היטען זיינע מצות, צו לערנען זיין תורה — צו היי־טען זיין געבאט, דאן זאגט דער איד דווקא: אט יעצט וועל איך מקיים זיין אלעס. וויל מען שטערט מיר וועל איך געהן אין פייער

און וואסער און דווקא היטען אַלעס. און אויב מען וועט מיר באַפּען וועל איך גערן אין פייער צוליעב מיין גלויבען, צוליעב מיין „תורה", צוליעב אַלעס וואס הייליג איז...

דער איד׳ זיין נאַטור איז, אַז איהם איז ליכטיג, הויבט ער אַן גערן אין דער פינסטער... ווערט איהם פינסטער, וואס פינ־סטערער קען שוין ניט זיין, דאַן שטעהט ער אויף פון זיין פינ־סטערען שלאַף, און הויבט אַן דאַנקען גאָט, און ער דאַנקט איהם אויף זיינע משפּטים. דאַן אין די „צרות", רדיפות, פּאַגראַמען, נעהמט זיך ישראל צו זיינע „כלי זמר", צום „הקול קול יעקב", אָבער מיט חשק, פול מיט לעבען, שפּיעלט אין די „בתי מדרשים" קלינגען די טענער מיט׳ן שעהנעם נגון „תנו רבנן" — „מתניתין לא כסומכוס? מני מתניתין לא ר׳ מאיר?" שעהנער און ערהאַ־בענער ווי דער גרעסטער אָרקעסטער. שפּיעלט אין די בתי מדרשים, און מיט „חשק", מיט באַגייסטערונג, אַז עס הויבט אַן שפּיעלען אין דער הויך. מלאכים זינגען. „שרפים" טאַנצען, „אופנים וחיות הקודש", און אַלע זינגען מיט, אַז ישראל דאַווענט דאָ — דאַווענען די מלאכים דאָרט מיט גרויס געזאַנג. ישראל׳ס „תורה" קלינגט אין אַלע וועלטען אָבען ווען ווערט עס? ישראל׳ן איז שוין גע־וואָרען גוט פינסטער, וואס פינסטערער קען שוין ניט זיין.

„דוד מלך ישראל" איז דער אידישער סימבאַל, אויף גאולה, „משיח בן דוד" — אַז אידען איז שלעכט הייסט עס „דוד מלך ישראל" איז שלעכט. אין כלל „דוד המלך" איז דער „עם ישראל", דער „עם ישראל — דוד". ווען שטעהט ער אויף צו דאַנקען גאָט? ווען שטעהט אויף „ישראל" פון זיין פינסטערען שלאַף?... ווען איהם איז שוין גוט פינסטער, וואס פינסטערער קען שוין ניט זיין. די נאַכט איז געגליכען אימער צום גלות... „לילה" איז גלות. „על משכבי בלילות" — ווען ישראל׳ן ווערט שוין שטאַרק דער „גלות", ווען ישראל׳ן ווערט שוין פינסטער, וואס פינסטערער קען שוין ניט זיין, דאס הייסט האַלבע נאַכט... די שטאַרקסטע פינ־סטערניש, דאַן שטעהט אויף דער „עם ישראל" — פון זיין פינסטע־רען שלאַף. זאָגט דוד דאס איז דער אידישער פאָלק. „חצות לילה", האַלבע נאַכט, אין די שטאַרקסטע פינסטערניש, דאַן „אקום להודות לך" שטעה איך אויף דיר דאַנקען גאָט „על משפטי צדקך", אויף

דיינע גערעכטע „משפטים" און ישראל זאָגט דו ביסט גערעכט גאָט און דיינע „משפטים" זיינען גערעכט.

פרעגט די „גמרא" ווי אַזוי ווייס אָבער דוד, אַז עס איז שוין האַלבע נאַכט, אַז עס זיינען שוין די גרעסטע „צרות", מפרשים זאָגען, וואָרום האָט גאָט ב"ה אַרויסגענומען אידען פון „מצרים" בעפאָר דער צייט. געדאַרפט האָבען זיי זיין פיער הונדערט יאָהר און געוועזען זיינען זיי צוויי הונדערט מיט צעהן יאָהר? זאָגען די „ספרים", אַז די גרויסע „צרות" וועלכע זיי האָבען געהאַט, דאָס הייסט דער „קושי השעבוד", האָט משלים געוועזען די צייט, דאָרום האָט „משה" ניט געוואָלט געהן, ווייל ער ווייסט, אַז זיי האָבען נאָך ניט געפינישט זייער צייט, און וועגען די שטאַרקע צרות האָט משה נאָך ניט געוואוסט, אַז עס איז שוין האַלבע נאַכט, דאָס הייסט די „צרות" פאַרפול. ער האָט פאַרשטאַנען באַלד — אָט באַלד — אָבער אַז עס איז שוין גאָר פינסטער האָט ער ניט געוואוסט, דאָס הייסט, אַז עס איז שוין האַלבע נאַכט.

אַלזאָ, „השתא משה רבינו לא ידע", משה האָט ניט געוואוסט, אַז עס איז שוין האַלבע נאַכט. די גרעסטע פינסטערניש און ער האָט געזאָגט „כחצות" אַזוי ווי האַלבע נאַכט, אין דעם ערך שאַץ איך אָפּ די גרויסע פינסטערניש, אָבער באַשטימט האָט ער ניט געוואוסט און „ודוד הוה ידע", דער „עם ישראל" ווייס יאָ, און אי־מער האָט ער געוואוסט, אַז עס איז שוין געוואָרען האַלבע נאַכט, די גרעסטע פינסטערניש?

ענטפערט די גמרא, „אמת" טאַקע, אַז „דוד" און דאָס איז דער אידישער פאָלק ווייסט טאַקע ניט, אָבער דעם סימן האָבען זיי. „דוד סימנה הוה ליה" דער „עם ישראל" האָט אַ סימן, אַז עס איז האַלבע נאַכט „כנור היה תלוי למעלה ממטתו של דוד", אימער האָט געהאַנגען אַ פיעדעל איבער דוד'ס בעט. דער פיעדעל, די מיוזיק, וואָס עס הויבט זיך אָן צו שפּילען ביי די אידען אין אַלע בתי מדרשים, דער קלאַנג פון דער „תורה", דער קלאַנג פון די „חדרים", די שטימע פון די „ישיבות" און „תלמוד תורות" — דאָס איז דער פיעדעל וואָס שפּיעלט דאַרטען אַפילו אין הימעל, „למעלה" אין דער הויך „ממטתו של דוד", איבער דוד'ס בעט, „ממטתו של דוד", ווען דוד ליגט שוין אין בעט, קראַנק, דעם עם ישראל, איז

שוין אַפּגעזאָגט דער לעבען זייגער אין גאַנצען. אַלע „שונאים" זאָ־גען, אַז ער קען ניט מעהר לעבען, שוין אָפּגעלעבט, נאָר אַזוי פּיעל „צרות", נאָך אַזוי פּיעל אומגליקען. אַלע גרייטען שוין צו „הספּדים" פּאַר דעם טויטען אידישען פאָלק. „למעלה ממטתו של דוד", אין דער הויך שפּיעלט שוין, מען פרעהט זיך אין דער הויך פון ישראל'ס „ניגון", דעם שעהנעם „תנורבנן", אָבער ווען איז דאָס, „ממטתו של דוד", ווען דוד ליגט שוין אין בעט, אָהן קרעפטען, אָהן לעבען. הויבט זיך דאָן אַן שפּיעלען „וכיון שהגיע חצות לילה", ווי עס קומט האַלבע נאַכט, די גרעסטע פינסטערנים, שטעהט ער אויף. פון וואָס? צוליעב וואָס? שטעהט דאָן אויף ישראל?

„צפון" איז אין אַלע „ספרים" אַלס משל געגליכען צו „צרות". „מצפון תפתח הרעה". „אמת" טאַקע, אידעלעך ווייסען ניט, אָבער עס ווערט שוין פאַרשטענדליך פון זיך אַליין, אַז עס איז האַלבע נאַכט די גרויסע צרות, וואָס גרעסער קען שוין ניט זיין, ווייל „וכיון שהגיע חצות הלילה", ווי עס קומט האַלבע נאַכט, די האַלבע נאַכט, די גרעסטע פינסטערנים, די שטאַרקסטע צרות... דאָן „רוח צפונית", דער צפון ווינד. די צרות, „מנשבות בו", בלאָזט אריין אין דעם אידען אַזאַ פונק, און עס דערוועקט זיך אין איהם אַ העלישער פלאַם צו „עבודת הבורא", ער נעהמט זיך דאַן צום טראַדיציאָן און רעליגיאָן, און דאָן דאַרף מען ניט קיין „מגידים, דרשנים, רבנים, מטיפים, ומנגן האליו", עס הויבט אַן שפּיעלען פון זיך אַליין אַזאַ האַרמאָני אַזאַ מין כלי זמר, וואָס עס ווערט געשפּיעלט „בתחתונים ובעליונים ישראל!„ זיין גאַנצע היסטאָריע איז דערויף, זיין גאַנ־צען לעבען, איז נאָר אין דער היסטאָריע פאַרצייכענט. אַ פּאַר בלעטלעך גוט. דאָן דערצעהלט עס ווי עס ווערט ווידער שלעכט, און גלייך הונדערטער בלעטער פאַרשריבען ישראל'ס ליידען. און אַזוי לייענט איהר אין דער היסטאָריע, ווי ישראל דער אַנטזאַגטער פון זיין לעבען ,לעבט ווידער אויף. און ער וואַכט אויף פון זיין שרעקליכען שלאָף און שפּילט ווידער זיין פּיעדעלע. עס ווערט קיין מאָהל ניט אָפּגעריסען די סטרונע פון דעם פּיעדעלע, וועלכע איז צוזאַמענגעקניפּט — די כנסת ישראל מיט די גאָטהייט — און ווי ישראל סטאָפּט שפּיעלען ווערט אין דער הויך אַ דריק געטהאָן אין דער סטרונע. צרות, רדיפות, פאַנגט דאָן אַן ישראל שפּיעלען אויף

זיין פיעדעלע. דעם „הקול קול יעקב", דאן ווערט שוואך די „ידי עשו".

אלע ספרים אונזערע זאגען, אז מיר נעהמען זיך צום „קול". דאן קען אויף אונז ניט געוועלטיגען „עשו", און אז מיר אידען וואלטען אלע זיך נעהמען צו אונזערע „מצות" און לערנען די „תורה", וואלטען מיר אויסגעבעטען אלעס ביי דעם באשעפער פון דער וועלט. איינער האט מיר אמאהל געפרעגט אויף די רייד, וואס איך האב יעצט געשריבען, אז מיר אידען וואלטען אלעס געקענט אויסבעטען מיט אונזערע „תפילות" — סטייטש זאגט ער צו מיר. עס איז שוין קרוב צוויי טויזענט יאהר ווי מיר בעטען „ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים" און עס הערט זיך ניט און עס זעהט זיך ניט, טא וואס זאגט איהר?

אויף דעם האב איך איהם געענטפערט זעהר א שעהנעם משל וואס איך האב עס שוין געזעהן אין פיעלע ספרים, נאר איך וועל עס ארומרעדען „באריכות". א קליינער ביזנעס מאן, דערצו ניט קיין קליינער נאר, איז געקומען אין לאדז נאך סחורה ביי א גרויסען האלסיילער. נאך אלע זיינע ביזנעס, די, וועלכע ער האט בעדארפט מיט דעם האלסיילער מאכען, האט ער איהם איינגעלאדען צו דינער. אזוי ווי ער איז דאך פרעמד אין לאדז זאל ער עסען ביי איהם דינער. וואו וועט ער געהן אין א רעסטאראנט? דער ווידער, האט זיך ניט געלאזט בעטען און ווען זיי זיינען געזעסען ביי דעם טיש זעהט ער ווי דער גביר גיט א קלונג מיט דעם גלעקעל, דער וועלכער איז געשטאנען אויף דעם טיש צוגעפיקסט מיט אן עלעקטריק ווייער, גלייך איז אריינגעלאפען די דינסט און האט דערלאנגט נאך א געריכט און אזוי ווייטער. אימער א דריק דעם באטען און עס הערט זיך א קלונג און מען ברענגט גלייך א געריכט צום עסען.

פרעגט דער קליינשטעטעלנדיגער דעם גביר, זאגט מיר, ערקלערט מיר, וואס איז דער גלעקעל נוצבאר ביים טיש? גיט ער איהם צו דערקלערען, אז אזוי ווי די משרתים ווייסען דאך ניט ווען מען דארף דערלאנגען ביים טיש די מאכלים איז דער באטען וואס איך דריק קלינגט עס אן דארט אין קיטשען, ווייסען זיי צו דערלאנגען ווייטערע מאכלים. מיר וואונדערט אז איהר ווייסט עס נאך ניט. איהר דארפט עס איינריכטען אין אייער היים.

ווען דער קליינשטעטעלדיגער און דערצו גרויסער אָרעמאַן און ניט קליינער שוטה איז געקומען אין הויז, זאָגט ער צו זיין פרוי הער רבקה, מיר זיינען גליקליך. איך האָב אַזאַ מאַשינקע געקויפט איז לאָדז, איך וועל עס באַלד איינפּיקסען דאָ אויף דעם טיש און אונז וועט שוין ניט פעהלען די בעסטע מאכלים. דאָס איז אַזאַ אַפּאַראַט, אַז מען קלינגט אָן, און עס הערט זיך אין קיטשען, דאַן קומט אויף דעם טיש אַלע מאכלים פון דער וועלט, וואָס עס קען נאָר זיין אויף דער וועלט.

די אידענע זיינע, קיין גרויסע חכמניות, און ווידער אַ קשיא וואָס היינטיגע וועלט קען ערפינדען. זי האָט זיך אָנגעהערט וואָס מען דערצעהלט פון די פלאים פון היינטיגער צייט, ער האָט איינגעפיקסט דעם גלעקעל און ער האָט זיך געזעצט ביים טיש מיט עטליכע אורחים. וואָס האָט ער צו זשאַלעווען? אַ קלינג, וועט זיין פיש. אַ קלינג, וועט זיין שנאַפּס. אַ קלונג, געבראָטענס, א. ז. וו. נאָר די פרוי זיינע האָט ער באַפוילען זי זאָל זיין אין קיטשען. ער גיט אַ קלונג, מען ברענגט ניט. נאָך אַ קלונג, עס זעהט זיך גאָר ניט. ער האָט אָנגעפאַנגען קלינגען איינע נאָך דעם אַנדערען, איז איהר דאַרט ניט גוט געוואָרען הערענדיג די קלינגעריי, איז זי אַריינגעקומען אין דיינינג רום און זאָגט צו איהם, וואָס קלינגסטו שוטה? זאָגט ער, שטייטש, פאַר וואָס ברענגסטו ניט דעם ערשטען מאכל — די פיש?

זאָגט זי צו איהם: דו שלעפער, דו האָסט דען אין קיטשען פיש? איך האָב גאָר ניט אָנגעגרייט. יעצט פאַרשטעה איך גוט. די גבירים זיי גרייטען אָן אַלעם אין קיטשען, עס איז פאַראַן געגוג, דאַן אַז זיי קלינגען, איז דער קלונג נאָר ווי אַן אָנזאָג, אַז מען זאָל ברענגען צום טיש. אָבער דו, שלעפער, נאַרישער שלעפער, דו האָסט גאָר ניט אָנגעגרייט און דו קלינגסט, אַז דו וועסט קלינגען פון היינט ביז מאָרגען וועט דיר צוגעבראַכט ווערען דאָס, וואָס עס איז ניטאָ, וואָס דו האָסט ניט אָנגעגרייט.

טייערער פריינד, דו האָסט מיר געפרעגט אויף דעם וואָס איך האָב געזאָגט, אַז ישראל מיט זיין שטימע, דאָס הייסט, מיט זיין „תפלה" קען אַלעם אויפטהאָן. דאָס איז אַלץ גערעדט געוואָרען, אַז „ישראל" איז אַ גביר, ישראל לייגט „תפלין", ישראל האַלט „שבת",

ישראל האלט אלע „מצות", ישראל לערענט די „תורה", און „כלל ישראל" איז א איד ווי א איד דארף זיין, דאן ווען ישראל וואלט זיין אזוי רייך, דאן ווען ער וואלט נאר איין קלונג טהאן מיט דעם גלעקעל זיינעם, וואלט אלעס ווערען. דאס הייסט מיט שטימע, דעם „הקול קול יעקב". אבער ישראל אז דו ביסט אזוי ארעם. ישראל איז אין גאנצען אראפ פון וועג, ישראל איז יעצטיגע צייט אין גאנצען ארעם געווארען, אפילו די וואס אונז דוכט זיך, זיי ארבייטען „מעשים" פאר זייער שוהל, און גראדע די פרומע, וואס אייך דוכט זיך, מיין ליעבער פריינט, אז זיי זיינען פרומע, איז דאס נאר וואס אייך דוכט זיך, פונקט ווי איך האב געשריבען אין אנפאנג פון דעם „דרוש".

און דאן, אז ישראל זאגט „ותחזינה עינינו" און אלע זיינע „תפלות", אז עס איז ניט אנגעגרייט, קיין מצות און „מעשים טובים", ווי קען דער גלעקעל אליין, געבען פיש און פלייש? ווי קען דער גלעקעל אונז געבען די „ארץ זבת, חלב ודבש".

צוריק צו די פריהערדיגע רייד, ווען שטעהט אויף „ישראל", נאר אין דער האלבער נאכט, ווען עס איז שוין איהם פינסטער, שטארק פינסטער, וואס פינסטערער קען שוין ניט זיין „ישראל" אין דער ליכטיג, ווען עס איז איהם גוט, דאן פארגעסט ישראל אן זיין גאנצער הייליגקייט, וואס מעהר דער הימעלשער גיט איהם פרנסה, נחת פון קינדער, רייכקייט און אלעס גוטעס, דארף ער דאך מעהר דאנקען און ליובען זיין ליבען נאמען, טהוט דאס ניט ישראל, נאר פונקט פארקעהרט טהוט ער. דעם מדרש וואס איך האב געשטעלט אין אנפאנג דרוש, באווייזט אונז ווי מיר דארפען זיך פיהרען און צאהלען צו גאט מיט ליוב און געזאנג. „ואלה המשפטים", און די משפטים וואס איך זאג אייך אן אין דער פ' „משפטים", די זיינען די צווייטע העלפט תורה, וואס זי רופט זיך בין אדם לחבירו, און דאס זאלט איהר היטען. דיביידע זיינען גלייך, אט אזוי ווי די ערשטע העלפט וואס זי איז „בין אדם למקום" און איהר דארפט מיר פאלגען און טהאן אלעס, וואס איך האב אייך אנגעזאגט.

אפילו נאכ'ן שכל אליין דארפט איהר עס טהאן. הה"ד „מגיד דבריו ליעקב חוקיו (דאס איז בין אדם למקום, וואס איהר פאר-

שטעהט גאָר ניט) ומשפטיו לישראל", און די משפטים וועלכע איך האָב אייך אָנגעזאָגט (דאָס איז „בין אָדם לחבירו"), דאַרפט איהר היטען, אַפילו נאָכ'ן שכל אַליין. ווען איך וואָלט אייך ניט אָנגעזאָגט, ווייל „לפי שאין מדותיו של הקב"ה כמדת בשר ודם". ווייל גאָט ב"ה פיהרט זיך ניט מיט אייך אַזוי ווי אַ מלך וואָס ער איז בלוט און פלייש... „מדת בשר ודם", דער „מלך בשר ודם", זיין פיהרונג מיט די מענשען פון זיין לאַנד, איז אַזוי — „מצוה לאחרים לעשות והואאינו עושה כלים", ער פאַרזאָגט אַנדערע צו טהאָן אַזוי און אַזוי, אַז זיי זאָלען אויף דער און דער זאַך אַפּצאָהלען אַזאַ און אַזאַ סומע, אָבער ער טהוט עס גאָר ניט העלפען די מענשען, ווי אַזוי עס זאָל פאַר זיי מעגליך זיין צו צאָהלען אָדער עס צו טהאָן, „והקב"ה אינו כן", אָבער גאָט איז ניט אַזוי. „מה שהוא עושה", דאָס וואָס ער טהוט, דאָס וואָס ער גיט אייך, ער מאַכט פאַר אייך אַלעס פאַרטיג, ער גיט דיר ר' יצחק אַ הויז, ווייל ער וויל אַז דו זאָלסט מאַכען אַ „מעק"ה לגגיך", אַ מזוזה אויף דער טהיר, ניט קיין פערדעשע פאַדקאָווע... ער גיט דיר אַ „בן זכר", וויל ער אַז דו זאָלסט איהם אריינברענגען „לבריתו של אברהם אבינו", דוקא צו אַכט טאָג אַלט, און אַזוי ווייטער, אין אַלע מצות, מיין טייערער ישראל. „מה שהוא עושה הוא אומר לישראל לעשות", דאָס וואָס ער טהוט, דאָס הייסט וואָס ער טהוט פאַר דיר, פון די אַלע זאַכען פאַרזאָגט ער דיר צו טהאָן... אָבער אין אַמעריקאַ און אין אַלע לענדער וואו ישראל האָט פרייהייט, און גאָט האָט איהם געגעבען די פרייהייט, אום ער זאָל קענען אונגעשטערט דינען צו איהם. אַלעס ענדע איז ישראל כפוי טובה, און נוצט אויס די פרייהייט אויף געפעהרליכע שמוציגע זאַכען, אַפילו ביי גאָטעס דינסט, די וואָס האַלטען זיך נאָך פאַר פרומע, אַז זיי קומען נאָך אין שוהל, אָדער אין אַנדערע פערזאַמלונגען פון אידישקייט, זעהט מען אַרויס זייער „כונה", אויב דאָס איז „לשם שמים" אָדער ניט, ווי איך האָב שוין געשריבען, געשילדערט די אַלע חוצפה'דיגע מצות זייערע.

זעהט אידעלעך, פאַרלויפיג איז נאָך ליכטיג אונז דאָ אין לאַנד און די ליכטיגקייט האָט אונז בלינד געמאַכט. זעהט, טרייעט, אַז עס זאָל בלייבען ליכטיג אויף אימער, אימער, אָמן...

פרשה תרומה

„ויקחו לי תרומה הה"ד כי לקח טוב נתתי לכם תורתי אל תעזובו". (מדרש)

זיי זאָלען נעהמען פון מיינעט וועגען „תרומה". מיט דעם איז רעכט. א גוטע לעהרע האָב איך אייך געגעבען. מיין תורה" זאָלט איהר ניט פאַרלאָזען. וואָס האָט די „תרומה" צו תורה? אָט דאָס וועלען מיר טאַקע פאַרענטפערען גוט און קורץ. ווי איך האָב עס געזאָגט ביי א „חנוכת בית הכנסת".

טייערע, ליעבע ברידער, איך מוז אין דעם דרוש אביסעלע זיך מיט אייך צוקריגען ,מיט אייך אמעריקאַנער חברה'ת, מיט די בע־אַמטע און מיט די אַלע „בעלי בתים", די וועלכע בויען שוהלען, פראַכטפאָלע „בנינים" מיט די שעהנסטע אויסשטאַטונג, מיט שעה־נע פאָרניטשור, אפילו מיט א שעהנעם ארון קודש, און אויך מיט ווייכע קישעלאַך צום זיצען. הערט וואָס איך וועל אייך פרעגען, מיינע טייערע, מיינט איהר עס ערנסט טאַקע? ליעבט איהר טאַקע דעם רבש"ע, וועלכער רוהט אין שוהל, מיינט איהר עס טאַקע „לשמו?" נאָר פון גאָטעס וועגען?

אויב איהר ענטפערט מיר, אז איהר מיינט עס טאַקע פון „כבוד השכינה" וועגען, זאָלט איהר מיר קיין פאראיבעל ניט האָבען, זאָלט איהר מיר פאַר אומגוט ניט נעהמען, אז איך וועל אייך זאָגען, אז עס איז „כזב ושקר", „שקר וכזב". איהר מיינט עס גאָר ניט, איהר דיינקט עס גאָר ניט, וואָרום ווען איהר וואָלט עס גע־מיינט, וואָלט איהר ניט זיך באַגאַנגען אזוי שענדליך מיט אייער שוהל מיט אזוי פיעל נידעריגקייט ניט באַגאַנגען. ערשטענס, וואָלט איהר ניט געמאַכט די שוהל פאַר א בערזע, איהר וואָלט דאַרט ניט אוועקגעשטעלט אזעלכע חזנים, וואָס זיי מאַכען חוזק פון גאָט מיט זיין תורה צוזאַמען. איהר וואָלט ניט פאַרקויפט טיקעטס אום „שבת קודש", אויב די שוהל וואָלט געוועזען נאָר פון גאָטעס וועגען, וואָלט איהר געמאַכט א שטיקעל פלאַץ פאַר איהם אין

אייער שוהל, אבער אז איהר שטעלט אוועק א פאליסמאן ביי דער טיהר און צוויי טראסטים און פאדערען טיקעטס, און ווער עס האט ניט גיט איהר איהם א טיקעט (פאר געלט כמובן...) אז שוין גאר פיין שיקט איהר זיי נעהמען א טיקעט אין קענדי סטאר אדער ביי דעם סטענד, וואס זיינען אידען. פארשטעהט מען גאנץ גוט, אז דער רבש"ע אונזערער און דער בעשעפער פון דער גאנצער וועלט קען אין שוהל ניט אריינגעהן אהן א טיקעט, און דאס טהוען די שעהנסטע און גרעסטע ארטאדאקסישע שוהלען אין ניו יארק און ברוקלין.

צווייטענס, וואלט איהר ניט ערלויבט צו די מחותנים, וועלכע שטעלען ביי אייך א חופה, אז זיי זאלען זיך אין מקום קדוש קור־שען אנשים ונשים, בחורים ובתולות, בחור עם אשת איש...

דריטענס, וואלט איהר ניט ערלויבט אין שוהל האלב נאקע־טע פרויען צו קומען מיט אזא עזות'קייט, מיט די הארץ אין גאנ־צען אפגעדעקט, די הענט אין גאנצען נאקעט אין דעם היכל ד' צו דער חופה.

פיערטענס, וואלט איהר ניט דערלויבט אין בית־המדרש צו טאנצען אזעלכע שמוציגע טענץ, וואס א איד וואס האט עטוואס רעספעקט פאר דער תורה, וואלט עס ניט ערלויבען ביי זיך אין זיין הויז. וואס זאגט איהר פון גאטעס וועגען, און פון גאטעס וועגען עסט מען דארט כורך מיט א הכשר פון פעטריק.

און פילייכט זעצט זיך אוועק א קינד אויף א בענטש, געהט א טראסטי מיט א פארפוילטער נשמה און דערלאנגט א געשריי אויף דעם קינד: „געראַרעו היער באם". עס דארף זיך זעצען דא אויף דעם פלאץ א יזכור איד, וואס וועט עפעס געבען צו דער שוהל און טאקע אמאהל, גלייך נאך יזכור, גיט ער א טשעקעל.

נו, וואס זאגט איהר, פון גאטעס וועגען טהוט איהר עס? פון זיין ליעבען נאמען וועגען בויט איהר שוהלען? אויב איהר זאגט עס, איז עס בלאף.

יעצט זאלען מיר זעהן ווי הייליג די שוהלען זיינען און וואס עס ווערט געפאדערט פון אונז צו טהאן אין די שוהלען. וואס דארף איך אייך זאגען? איהר קענט בעסער איינקוקען אין דיז. און אז איהר ווילט גאר בקיצור, קוקט איין אין קיצור שלחן ערוך.

די שוהל איז הייליג. די שוהל דארף זיין יעצט אזוי הייליג ווי דער בית המקדש דאן. די שוהל מוז זיין דער הייליגסטער פלאץ פאר תורה און תפילה פאר די יונגע מעהר ווי פאר די אלטע. געוועהנליך דא איז דאך צו יעדער שוהל דא א בית המדרש. אין רוסלאנד א בית המדרש איז געוועזען נאר פאר תורה. א גאנ־צען טאג איז ער געווען אפען און דארט האט מען געלערנט. לפחות דא דארפען קינדער לערנען אין בית המדרש, אלעם ענדע. בויט מען אזוי שעהן די שוהלען, אז מען האט מורא אריינצולאזען א קינד דארט... קוקט זיך ארום וואס איהר טהוט בעפאר עס וועט איננאנצען צו שפעט ווערען... איהר ארטהאדאקסישע גע־מיינדעס באגראבט די אידישקייט, יעצטיגע צייט, פיעל מעהר ווי די רעפארמערס. דארט איז כאטש רעספעקט פאר זייער דאק־טאר־ראבינער, דארט איז כאטש רעספעקט פאר זייער שוהל... זיי וועלען ניט אריינלאזען אין שוהל אזעלכע ביזנעס ווי איהר ארטהאדאקסישע.

ווען השם יתברך האט געהייסען בויען א משכן, א בית הכנסת, און ער האט געהייסען נעהמען פון אלעמען נדבות, האט ער געזאגט משה'ן: רייד צו די אידען, דאס זיי זאלען נעהמען איינער פון אנדערען נדבות צום משכן „ויקחו לי תרומה" — אבער הה"ד „כי לקח טוב נתתי לכם תורתי אל תעזובו". געדענקט מיינע טייערע, איהר געהט בויען א „משכן", א שוהל, א „בית המדרש", אבער זייט וויסען, אז איך האב אייך געגעבען א תורה און איהר זאלט איהר ניט פארלאזען. אין שוהל, אין בית המדרש, מוז מען תורה לערנען... איהר פוצט אויס דעם ארון קודש, זייט וויסען, אז עס דארף זיין איינער אזא סארט איד אין שוהל, וואס ער איז העכער פאר דעם „ארון קודש", ער האט מעהר „קדושה" פאר דעם ארון קודש, דאס איז דער רב. דער קאסטען וואו עס ליגט די ספר תורה רופט איהר „קודש", ווייל אין דעם קאסטען ליגט די היי־ליגע תורה, טא ווי דארפט איהר רופען דעם רב'ס קערפער, וואס איז מעהר ניט ווי א קאסטען פאר זיין הייליגע נשמה, וואס אין זיין קאסטען דעם גוף, געפינט זיך מעהר ווי אין ארון קודש, וואָ־רום אין דעם ארן קודש איז נאר דא אין כתב „אשורית", „חמשה חומשי תורה", און אין דעם רב'ס גוף איז פאראן גאנץ תנ"ך און

ש"ס און פוסקים, און ווי פיעלע ספרי דרוש, און אזוי הייליגע ספרים, ווען איהר טהוט עס אזוי און איהר האלט דעם רב פאר קודש, און איהר פוצט אוים זיינע רוממ און איהם, און איהר האט רעספעקט פאר איהם, איז א סימן אז איהר האלט טאקע פון ארון קודש... ווען ניט זייט מיר מוחל, איז עס בלאפס, נאר ביזנעס, פאליטיה, און מעהר גאר ניט. בויט איהר א משכן, הה"ד כי לקח טוב נתתי לכם... תורתי (דאס איז דעם רב) אל תעזובו...

פאר צדקה

א גרויסע פראגע האט מיר אימער געבויערט מיין מוח ביז איך האב ערפאהרען א גוטען תירוץ. אט טאקע ביי דעם „משכן" בויען איז עפעס וואונדערליך געווען. גאט האט געהייסען בויען די וועגט פון „עצי שטים" ברעטער געשטעלט, געשלאסען איינע אין די אנדערע. די ברעטער זיינען באדעקט געווארען מיט גאלד, איז דאכט זיך רייך גענוג און שעהן גענוג, וואלט עס אזוי געבלי־בען, וואלט דאך טאקע געווען שעהן און פיין. אלעם ענדע האט ער פארזאגט, אז מען זאל באדעקען די ברעטער די גאלדענע מיט אזא מין קארפעט פון האר פון ציגען און אזוי שטארק באדעקען, אז די איבעריגע לענג פון די קארפעט זאל זיך שלעפען אחורי „המשכן", אז מען זאל גאר קיין גאלד ניט זעהן. מדרשים זאגען, אז אויף דעם פלאר איז געלעגען גאלד און דימענטען.

דעם חצר המשכן, דעם שעהנסטען פלאץ פון קופער „ואת יתדות החצר נחשת" דאכט זיך, אז דער חצר האט געדארפט זיין פון ריינע גאלד? פאר וואס איז דאס אזוי געווען?

איך דענק, מיט דער פאנטאזיע וואס איך וועל אייך ארויס־געבען דא, וועט זיין פארענטפערט, ווען השי"ת האט באפוילען משה רבינו, אז ער זאל זאגען צו די „בני ישראל", אז מען זאל געבען צום משכן "זהב, וכסף, ונחשת", און משה, דער „אדון הנביאים", האט געלאזט אויסרופען אין יעדען שבט, אז מען זאל געבען נדבות, גאלד, זילבער, קופער, און געווים איז אין דער „מדבר" געווען אידען מיליאנערען פון „ביזת מצרים" און „ביזת הים" און געווים זיינען די מולטי־מיליאנערען געווען אזעלכע

וואָס זיינען געוועזן ניט פון זעהר גרויסען יחוס און פרומע, אָדער מופלגים בתורה.

ווייל מיר קענען פארשטעהן, ווען משה האט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל לייהען געלט פון די מצרים און ניט אוועקצוגעבען, זיי־נען די "ארחי פרחי" געווים געוועזן פון די ערשטע און פון די לעצטע, דאָס הייסט פריהער אָנגעפאַנגען, די מצוה פון לייהען פאַר אַלעמען און שפעטער פאַר אַלעמען געפינדעשט. זיי האָבען געווים געאַרבייט ניט קיין יוניאָן שטונדען, נאָר געווים ביי 18 שטונדען אַ טאָג און אַפּטמאָהל אוועקגעטיים דערצו, און דאָס גליי־כען ביי די „ביזת הים" געווים נאָך מעהר, ווייל דער פסוק זאָגט דאָך ויסע משה את ישראל מים סוף" און רש"י הקדוש זאָגט „הוסיען בעל כרחם", ער האָט זיי געמוזט אָפּציהען פון ים איבער געוואַלד. זיי האָבען ניט געוואָלט פאָר קיין אָרט און ווייזע זיך לאָ־זען אָפּרייסען פון דאָרט, נאָר נאָך און נאָך נעהמען „ביזת הים". זיי האָבען די מצוה מקיים געוועזן מיט אַלע קליפערלאָך „בכל פרטיה ודקדוקיה", אַלזאָ וואָס מעהר ניט זעהר געהויבענע מענ־שעלאָך האָבען פון אַזאַ מצוה געהאַט הנאה.

דאַגעגען גראָדע דאָ, ביי דער מצוה פון לייהען געלט און ניט אוועקגעבען זיינען די פרומע געשטאַנען אַביסעלע נידעריגער. וואָס מעהר צדיק, אַלץ ווייניגער געליהען, און גאָר גרויסע צדיקים, וואָס האָבען גאָר ניט געליהען, זיי האָבען זיך געפונען אַ היתר. מילא האָבען זיי אַנדערע געזאָגט, איך האָב נאָך צייט, דאָרום קען זיין ,אַז עס זיינען געוועזן געווען וועלכע זיי האָבען גאָר אַרוי־בער געלאָזען די מצוה און גאָר ניט גענומען קיין גאָלד, זילבער, א. ז. וו.

און מיר וויסען דאָך, אַז די אויפגעקומענע „ארחי ופרחי", זיי, די געוואָרענע אַלרייטניקעס, זיי ווילען ניט וויסען פון קיין אידישקייט און פון אַ ריכטיגע צדקה, נאָר פאַר גאוה, עס זאָל דערפון קומען צו ביזנעס, עס זאָל געקלונגען ווערען אין אַלע צייַ־טונגען פון דער גאַנצער וועלט און מען זאָל וויסען, אַז ער איז אַ גביר, אַ מיליאָנער, אויף דעם אָרט גיבען זיי.

און ווען משה האָט אויסגערופען, גאָט הייסט געבען גאָלד און זילבער צום משכן, האָט חאַצקעל דער בעדער פון גושן, וואָס

ער איז געוועזן א גאנץ קליינער יחסן, פיעלע האבען ניט גע־וואלט אין סטריט אפילו מיט איהם ריידען, נאר פון די לייהער איז ער געוועזן דער גרעסטער, אלזא, איז ער יעצט געווען דער גרעסטער תקיף, א גאלד מאגנאט, און ער איז פון שבט ראובן, האט ער געכאפט א שטיק גאלד און ער האט עס געטראגען אין האנט. די גאלד איז געווען די ווערדע פון פערציג טויזענד דא־לאר, די האנט אין דער הויך מיט דעם שטיק גאלד, לויפט ער דורך די גאנצע „מחנה ישראל", ער האט געמאכט די וועג לענגער ווי ער האט נאר געקענט און יעדער פרעגט איהם: ר' חאצקעל (פריהערדיגער בעדער) וואו לויפט איהר און וואו טראגט איהר די גאלד?

שטייטש, איהר ווייסט גאר ניט, זאגט צו זיי חאצקעל. איהר מאכט זיך ניט וויסענדיג אדער איהר לאכט פון מיר. שטייטש, משה האט געהייסען געבען נדבות צום משכן, גיב איך א שטיק גאלד אין ווערט פון איבער פערציג טויזענד דאלאר, וואס זאגט איהר, עס איז ניט קיין קליינע נדבה, הא?

אלע האבען געוואוסט פון דער נדבה. אין די צייטונגען פון „עמון", און „מואב", סיחון ועוג", א. ז. וו. איז באלד געווען אן עקסטרא, אז כאצקעל דער גאלד מאגנאט האט געגעבען איבער פערציג טויזענד דאלאר גאלד צום משכן. זיין פיקטשור איז גע־וועזן אין די צייטונגען און עס קלינגט די וועלט.

חאצקעל גאלד מאגנאט איז אריינגעקומען צו „משה הבינו" און איהם דערלאנגט די גאלד, באמערקענדיג, משה אדון הנביאים, דו זעהסט וואס פאר א נדבה איך גיב צום משכן... משה, איך וויל, אז איך זאל זיין פון די ערשטע אין פנקס. מיין עליה זאל זיין „שלישי" אדער „שישי", און יום כפור „מפטיר יונה". און „פתיחת נעילה". דו הערסט משה וואס איך וויל. איך מוז זיין פון די ערשטע אין פנקס. משה ווייס גאר ניט וואס צו טהאן מיט איהם...

מיר וועלען איהם דא לאזען שטעהן מיט משה רבינו זיך דינ־גענדיג און מיר וועלען אייך דערצעהלען פון א צווייטען אידען, גראדע דעם היפוך פון חאצקעל בעדער. ער האט געוואוסט, אז גאט האט געהייסען געבען גאלד צום „משכן", אויך זילבער און קור־

פער און האר פון ציגען, נאר ער דער „שלומיאל“, לאמיר איהם רופען, איז א צדיק א איד און ער האט אלץ אפגעלעגט די מצוה פון לייהען געלט אויף שפעטער און אז עס איז געקומען די הייר לעניש צו אנטלויפען פון מצרים, האט ער געבאפט וואס ער האט געקענט פון זיינע בעבעכעס און ער לויפט. עס האט איהם אפילו באנג געטהאן, ער זאל ניט האבען קיין עבירה ח"ו ווייל ער האט ניט געפאלגט משה'ן, נאך דעם פארזאג פון דעם רבש"ע אליין, אבער ער האט זיך באלד געטרייסט אליין, ווייל ער האט געזעהען, אז משה אליין האט אויך ניט געטהאן די מצוה, ווי די חכמים דערצעהלען אונז „חכם לב יקח מצות זה משה וכו' והוא עסק בעצמות יוסף“. און געווים האט ער געטראפען נאך א סך אזעלכע.

אבער יעצט, ווען ער האט געזעהן מיט זיינע אויגען און געד הערט מיט זיינע אויערען ווי חאצקעל איז געגאנגען דורך דער גאנצער „מחנה ישראל“ און ער האט געוויזען די שטיק גאלד וואס ער גיט א נדבה צום משכן איז ער געווארען זעהר טרויעריג און ער איז אריין אין זיין געצעלט טרויעריג, מיט נאסע אויגען, בלאס ווי קאלך, אזוי ווי א „בר מנן“ — די ווייבעל זיינע, די „צדקניות“ האט זיך דערשראקען קוקענדיג אויף איהם און פרעגט איהם: „שלומיאל“, וואס איז מיט דיר דער מעהר? זאג דאך מיר „שלומיאל“, וואס האט פאסירט, אז דו ביסט אזוי נערוועז אדער צושראקען?

מיין טייערע צדקניות, איך בין ניט צושראקען, איך בין ניט ח"ו נערוועז, נאר איך וועל דיר דערצעהלען א געשיכטע וועט דיר אויך פארדריסען. דו געדענקסט חאצקעל בעדער, פון גושן, איך פלעג קיינמאל ניט וועלען ריידען מיט איהם און דו מיט זיין ווייבעל די חצופה, פלעגסט קיין מאהל זיך ניט וועלען באגעגעד נען, אבער ער איז שטיין רייך. פילייכט צעהן מאהל ניינציג אייזד לען מיט גאלד און זילבער האט ער זיך אנגעלאדען. היינט, וואו איז „ביזת הים“. אלזא, מיין טייערע, וואס זאל איך דיר פיעל ברייען, איך האב אבער מורא, אז חאצקעל האטביידע וועלטען. די וועלט האט ער דאך ווי באלד ער האט אזא עשירות, יענע וועלט האב איך מורא וועט ער אויך האבען, וואלסטו געזעהען

מיט וואָס פאַר אַ גאווה ער האָט געשלעפּט אַ שטיק גאָלד צו גע־
בען אַ נדבה צום „משכן", פערציג טויזענד דאָלאַר ווערט. ער
האָט עס געטראָגען אין די הענט און האָט אַלעמען דערציילט,
אַז ער לויפט צו „משה רבינו" איהם געבען די גאָלד. איז מיין
הארץ פארגליווערט געוואָרען. איך האָב געדענקט, אַז עס וועט
מיר כאַפּען אַ אַפּאָפּלעקסיע פאר יסורים, אַז איך האָב ניט צו גע־
בען צום משכן, ניט אַזוי גאָלד, אפילו ניט זילבער, וואָס זאָל איך
טהאָן. מילא, זיין „עולם הזה" בין איך איהם מוחל, אויף טוי־
זענדער כפרות דאַרף איך עס האָבען, אָבער זיין „עולם הבא",
וואָס ער וועט האָבען מיט וואָס ער האָט אַזאַ גרויסען חלק אין
משכן.

די צדקניות זיינע האָט אָנגעפאַנגען וויינען און ער האָט זיך
צואווינט, אַז דער איין הימעלשער האָט זיי געקענט נאָר ענטפער־
רען אויף זייער צער. פּלוצלונג האָט זי זיך אַ כאַפּ געטהאָן און
האָט אַ זאָג געטהאָן: שלומיאל! ווייסטו וואָס איך וועל דיר
זאָגען? „אמת" טאַקע, מיר האָבען קיין גאָלד צו געבען צום משכן,
אַפילו קיין זילבער, אָבער איך האָב אין אונזער געצעלט געזעהן
זיך וואַלגערענדיג איינינגע פּונטלעך קופּער, נעם דאָס, ווייל איך
האָב געהערט אין מחנה ישראל, אַז קופּער האָט אויך געהייסען
השי"ת געבען, נעם צוזאַמען וויפיעל דו קענסט די קופּער און
איך וועל אריינגנעהמען ביידע ציינגען אונזערע און איך וועל פון
זיי שפּינען וואָהל און מיר וועלען עס אוועקטראָגען צו משה
רבינו!

געדערט און געטהאָן. ער האָט צוזאַמען געקליבען אַ פינף
פונט קופּער און ער האָט עס איינגעוויקעלט אין אַ טוך קיינער זאָל
ניט באַמערקען וואָס ער טראָגט דאָרטען. זי האָט געמאַכט אַ
פינף פונט וואָהל און איינגעוויקעלט און זיי געהען ביידע. מען
זעהט זיי אין מחנה ישראל, מען פרעגט זיי וואָס טראָגט איהר?
וואו געהט איהר? זיי ענטפערען: אַט, וואו געהט אַזאַ איד אַז
אַרעמאַן. מען געהט. זיי זיינען שוין אריין צו „משה רבינו", זיי
האָבען נאָך געטראָפען כאַצקעל בעדער און זיי האָבען נאָך גע־
הערט ווי חאַצקעל בעדער בעט ביי משה'ן, אַז ער זאָל איהם פאַר־
שרייבען אין בוך פון די ערשטע און ער זאָל מאַכען אַ טאָפּעל

מצבה, אויסקריצען זיין נאמען. אט אזוי זאל זיין געקריצט: „הגביר המפורסם הנדבן הגדול המופלג והמשכיל חכם ונבון (בהלכות המרחצאות) וכ״ו, וכ״ו, וכ״ו״ — און זיי זעהען דאס און הערען דאס און עס האט זיי געכאפט א שרעק, און מיט אלע קרעפטען זיך איינגעהאלטען פון לאכען. זיי הערען אבער ניט, אז משה זאגט איהם צו, נאר ער שווייגט...

א שרעק איז אויף זייביידען אנגעפאלען, אז זיי דארפען, נאך אזא נדבה צוטראגען די פאר פונטלאך קופער און די וואהל... זיי האבען קוים דערלעבט, אז דער „משכיל ומופלג הבעדער הגדול״ איז שוין ארויסגעגאנגען, דאן זיינען זיי צוגעגאנגען מיט ציטער־ניש, מיט עהרענפורכט, בלאסע ווי טויטע, און וויינענדיג האבען זיי אויסגערעדט די ווערטער: אדונינו משה, גאט ווייסט דעם אמת, אז ווען מען וואלט אונז אנגענומען וואלטען מיר זיך אליין געלאזט איינבויען אין משכן. נאר ער, דערזעלבער גאט ווייס, אז מיר האבען ניט מעהר צו געבען נאך די פאר פונטלאך קופער און וואהל. „משה״, הייליגער נביא, האב רחמנות, נעהם צו די קליינע נדבה, אבער פארשרייבט ניט. ווער דארף עס וויסען, אפילו מיר וואלטען געהאט גאלד פאר מיליאנען וואלטען מיר אויך אוועק־געגעבען צום משכן ניט פארשרייבענדיג. זעה, מיר בעטען דיך פארצייכענען ניט פיליכט וועט וואו צוניץ קומען א שטיקעל קור־פער. משה האט באמערקט זייער צער און עס האט איהם גע־ריהרט ביז צו טרעהרען, קוקענדיג אויף דעם צדיק און צדקניות.

זיי זיינען ארויס און משה האט זיך פארטראכט מיט א ז א מין מחשבה און שטילערהייט געמורמעלט, וואס זאל איך טהאן. חאצקעל׳ס נדבה פארשרייבען אדער ניט? ווי ער האט מיך גע־בעטען. איך דערקען אן איהם, אז ער איז ניט אזא אי־אי־אי, ווי מאכט מען איהם אזא בעל־גאוה פאר אזא הויכע זאך ווי ער פארלאנגט.

אך, גאט אין הימעל, נאך ערגער איז מיר, אויב איך זאל טהאן דעם רצון פון דעם צדיק און זיין פרוי די צדקניות און גאר ניט פארשרייבען — זייער קליינע נדבה, ווי זיי רופען עס. אבער איך רוף עס גאר א גרויסע נדבה, מעהר ווי יענעמס — פערציג טויזענט דאלאר, ווייל איהם איז געבליבען נאך צעהנדליגע טוי־

זענדער מאהל אזוי פיעל און דעם אָרימען שלומיאל איז גאָר ניט געבליבען. פאַר וואָס זאָל איך ניט פאַרשרייבען, נאָר איך ווייס ניט ווי אזוי צו טהאָן... משה האָט זיך אויפגעהויבע זפון זיין פּלאַץ און האָט אויסגעשריען רבש"ע, דו יודע מחשבות, זאָג מיר וואָס זאָל איך טהאָן צו אזעלכע צוויי קאָנטראַסטען? קאָנטראַסט אין דער נדבה, קאָנטראַסט אין זייערע פאַרלאַנגען.

איז געקומען אַ נבואה צו משה'ן: משה! משה! זיי וויסען, אז די גאָלד פון חאַצקעל בעדער אין דער ערד אריין, מען דאַרף דאָך האָבען אַ פּלאַר אויך, אין בית הכסא אריין, די בעסערע מחשבות, אזעלכע גבירים וואָס גיבען אויך מיט ריינעם הארצען, עס איז טאַקע ווענינ דאָ, אָבער עס איז דאָ... מאַך די מנורה, דעם שלחן, נאָך בעסערע גאָר גוטע פון די אָרימערע קלאַס, וואָס גיבען שטילערהייט, אָהן רעש און טומעל שטיקעלער גאָלד, נעם דאָס צוזאַמען און מאַך דעם אָרון קודש, פון גבירים'לאַך, אביסעלע בעסערע פון חאַצקעל, מאַך אַ באַדעקונג צו די ברעטער.

אָבער די קופּער פון ר' שלומיאל, מאַך דעם גאַנצען פּוץ. „ואת יתדות החצר נחשת..." ער איז אַ צדיק, זי איז אַ צדקניות. און פון די וואָהל, וועלכע שלומיאל'ס פרוי האָט געבראַכט מיט נאָך אזעלכע זאָל מען מאַכען קאַרפּעט און באַדעקען די פּאַסקודנע גאָלד, אזוי פיעל באַדעקען, אז עס זאָל זיך גאָר ניט אָרויסזעהן אפילו זייער גאָלד... משה, דו הערסט, נאָר אויף דעם, משה, מיין טייערע עבד, איז דאָ אַמאָן וואָס הייסט בצלאל ער האָט שוין אזאַ הייליגען ריח, אז ער דערשמעקט שוין דעם אונטער־שיעד פון חאַצקעל'ס גאָלד ביז „שלומיאל'ס" קופּער, און ער שמעקט פון גאָל צו גאָלד, און זאָ ווייטער.

(איינינע ווערטער פאַר די הבנים, דרשנים, מטיפים, איהר האָט דאָ אַ טייערען אוצר, ווייסט ווי צו באַנוצען. ווען איהר רעדט ביי אַ חנוכת בית הכנסת אָדער פאַר אַ טשאַריטי. איך קען מיט מיין פעדער ניט טהאָן פאַר אייך וואָס אייער מויל. פון היינטיגע גרויסע קאָסטען צו דרוקען ספרים און פון אייערע גוטע הערצער ווי איהר באַצאָהלט פאַר ספרים, פון אַ מחבר וואָס האָט געמאַכט זיינע נעכט פאַר טעג און געשריבען פאַר אייך...).

פרשה תצוה

ואתה תצוה את בני ישראל ויקחו אליך שמן זית זך כתית למאור. (רש"י) כתית למאור ולא כתית למנחות.

אין מוסר וועל איך ערקלערען די שטיקעלע רש"י, באטש עס איז געווען אזוי, אז „כתית", דיין צושטויסענע, קלארע שמן, האט מען געניוצט צום לייכטען פאר'ן „נר תמיד", און למנחות ניט קיין „כתית". אבער דאך איז תורה די בת השמים, און אין דיין אין סיפור, אין אלעס, ליגט איינגעוויקעלט מוסר, מאראל, חכמה, טיעף אין די ווארטען.

מיר האבען שוין דא מעהרערע מאהל געשריבען אין דעם זינן, אבער וואס קען מען העלפען, אז עס איז דאך אן אמת. ליידער, ליידער, מוזען מיר עס רופען אמת... אז ווען דעם אידען איז גוט, דאן איז ניט גוט זיין נשמה, אז דעם אידען איז ליכטיג אין זיין הויז, איז פינסטער די נשמה. אז דער איד האט פרייהייט פאר'ן גוף, איז פארשקלאפט זיין נשמה, לעבט ער גליקליך אין מאטעריאלישען לעבען, איז ניט גליקליך נאר אומגליקיך זיין מאראלישער לעבען.

ווי איך האב איינינגע מאהל גערעט וועגען דעם, און פסח האב איך אמאל ערקלערט דעם מאמר „הגדה" און מיר מוזען צום סדר טהאן אין טהאט, ווי דער בעל הגדה דערצעהלט:

„זכר למקדש כהלל כן עשה הלל בזמן שבית המקדש היה קים היה כורך מצה ומרור ואוכל ביחד לקיים מה שנאמר על מצות ומרורים יאכלוהו".

הלל איז געווען בזמן הבית, הלל האט געזעהן דעם אידישען גלאנץ, הלל האט געזעהן דעם אידישען שטאלץ געבראכען...

הלל האט געווארענט דעם עם ישראל, זייט וויסען הייליגע ברי־דער, דאס עס מוז קומען א „חורבן" אויף דעם „בית המקדש", ווייל איהר פארשקלאפט אייער גייסט אין דער צייט, ווען אייך איז גוט, ווען איהר האט א לאנד, ווען איהר האט דעם בית המקדש, ווען איהר זייט „על שלחן מלכים", ווען איהר ווערט געדעכענט צווישען די פעלקער פאר א פאלק, ווען איהר זייט אויך מענשען מיט אלעמען צוגלייך, דאן ווען אייך איז גוט, אין מאטעריעלען זין, זייט איהר שלעכט אין מאראלישען זין. אין דער צייט ווען עס שיינט די „שמש ההצלחה" אין אייערע הייזער, דאן איז פאר־וואלקענט אייער גייסטיג לעבען, דאן מוז קומען די וואלקענדיגע טעג אויף אייער געצעלט אום איהר זאלט ניט אראפגעהן פון וועג אין גאנצען.

טייערע ברידער מיינע, נעהמט אין אייער געדאנקען דאס די פרייהייט פארשקלאפט די נשמה אייערע. געדענקט, געדענקט, איהר זאלט ח"ו ניט ארויפציהען אויף אייך די פינסטערע כמארע. געדענקט ברידער, איהר זאלט ניט מאכען פון מצה, וואס דאס איז דער סימבאל פון פרייהייט ("כי גרשו ממצרים וכ"ו") מאכט קיין „מרור", וואס „מרור" איז דער סימבאל פון „שעבוד", שקלא־פעריי („מרור על שום מה על שום שמררו את חייהם וכ"ו").

„כן עשה הלל", אזוי האט הלל געטהאן. „בזמן שבית המקדש היה קיים", אין דער צייט, ווען דער בית המקדש איז נאך נאך גע־שטאנען און אידען איז געווען גוט, „היה כורך מצה ומרור", האט ער צוזאמענגעלעגט „מצה" מיט „מרור", דאס הייסט ווייזען זיי די פרייהייט מיט די שקלאפעריי „ואוכל ביחד", און געגעסען צוזאמען, ווייזען אז די פרייהייט מוז ברענגען שעבוד, אז זייער „גאוה" מוז ברענגען „שפלות הכנעה", ווייל אז ניט וואלט קיין קיין זכר ח"ו ניט געבליבען פון אלעם וואס ביי אידען איז הייליג. זייט וויסען טייערע ברידער, האט הלל זיי געזאגט, זייט וויסען מיינע הייליגע, אז וואס אייך דוכט זיך פרייהייט, איז דאס גאר שקלאפעריי... זייט וויסען מיינע טייערע ברידער, אז די פריי־הייט איז צוזאמען מיט שעבוד, אז דאס מוז קומען, ווייל איהר האט פארשקלאפט אייערע נשמות דורך די קערפער פרייהייט.

„לקיים מה שנאמר על מצות" אויף די פרייהייט, „ומרוררים

יאכלהו" ודוק — אַט אַזוי איז דער איד, אַט אַזוי פיהרט זיך דער איד אין אַלע פרייהייט לענדער. אַט אַזוי איז דער אידל אין אַמע־ריקאַ, און אַט אַזוי איז דער איד אין אַלע לענדער וואו ער האָט פרייהייט און דארום קומט דער וואָלקען, דארום ווערען געעפענט די מיילער פון די כלבים, אַז אידען זיינען אין מצרים געקומען, יוסף איז דער פיהרער פון גאַנצען לאַנד, יוסף האָט די לאַנד גליק־ליך געמאַכט, יוסף האָט באַזעצט זיינע ברידער אין אַ גאַנצען סטייט פאַר זיך אַליין, יעדער האָט געקוקט אויף זיי מיט „יראת הכבוד" — די גרעסטע פרייהייט האָבען זיי פון לאַנד באַקומען. די אידעלאַך זיינען געוואָרען געעהרט און געשעצט אויף שריט און טריט, דאַן אין אַזאַ פרייהייט האָבען זיי אָנגעהויבען פאַרלירען די זיטען פון זייערע הייליגע אָבות „ותמלא הארץ אותם" אין אַלע אַרציות זאַכען זיינען אונזערע אידעלאַך דאָרט געוועזען פאַרקראָ־כען, דאַן האָט זיך אָנגעפאַנגען עפענען די מיילער פון די כלבים. מיט „הבה נתחכמה לו", ביז עס איז געקומען דערצו, אַז „ויעבודו מצרים את בני ישראל בפרך".

אַז עס איז שוין געוואָרען פול די מאָס מיט די צרות, ווידער פרייהייט, און ווידער „ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו".

פריינדע, ווי מיר ווייסען האָבען מיר קיין שלעכטעס געטהאָן צו אַמעריקאַ. ווי עס איז באַוואוסט צו די גאַנצע וועלט. עס וואָלט געווים אָהן אידען ניט געוועזען אַזאַ בראָדוויי אין ניו יאָרק. א. ז. וו., א. ז. וו. — אָבער די פרייהייט האָט אונז פאַרשקלאַפט די נשמה. הלואי וואָלט איך בעסער שטום ווערען און מיינע רייד זאָלען ניט מקוים ווערען, אָבער ליידער מיר זעהען שוין ווי עס האָט זיך שוין געעפענט די מיילער — און דער אַלטער „הבה נתחכמה לו" געהט שוין אָן ניט „בצנעה", נאָר טאַקע „בפרהסיא" און אין פיעלע פלעצער קומט מען שוין ניט אָפּ מיט בילען אַליין.

ברידער, כאַפּט זיך באַצייטענס. „זכר למקדש כהלל, כן עשה הלל", וכ"ו. — ברידער, טייערע גוטע ברידער, ערוואַכט זיך פון אייער שלאָף, שטעהט אויף פון אייער שלאָף. זעהט אַז עס האַלט שוין פון מצה צו ווערען מרור... בעסער איז „זכר למקדש כהלל", ווען דער בית המקדש איז נאָך דאָ, דאָס הייסט אויף היינטיגע צייט, ווען עס איז נאָך ניט פינסטער. מיר האָבען נאָך פרייהייט,

באטראכט „בן עשה הלל“, אט אזוי האט געטאן דער הייליגער אי־
דישער הלל. ווען האט ער זיך דערמאנט אן די „מרור“, אז עס קען
ח"ו קומען „מרור“ צייט „בזמן שבית המקדש היה קיים“, דוקא
אין די פרייע צייט.

דאס זעלבע און מיט די זעלבע ווערטער וועלען מיר אנקליי־
דען א מלבוש א גוטען. אויף די פאר ווערטער פון רש"י הקדוש,
וואס דאס שטאמט פון די חז"ל „כתית למאור ולא כתית למנחות“
אויב צו לייכטען, דאס הייסט אנצוצינדען ליכט אין בית המדרש
צום לערנען, אין די תלמוד תורות פאר אונזערע קינדער, ווען איז
דארט ליכטיג? ווען עס איז „כתית“ דין, צושטויסען די „שמן“.
די זתים, „נמשלו ישראל לזית“ וכו, זאגען אונזערע „חכמים“
(אין מנחות נ"ג) דעם זית וואס מעהר מען קוועטשט, מען רייבט
די זתים, אלץ איז מעהר און מעהר, בעסער די שמן צו לייכטען,
ווען ישראל דער זית איז נעבעך „כתית“, דאן איז ער למאור...

קורצע רעדעס בעפאָר יזכור

א.

„יזכור אלהים נשמת אָבי מורי" — „אָמי מורתי"

גאָט זאָל דערמאָנען צו גוטען די נשמה פון מיין פאָטער, די נשמה פון מיין מוטער, מיין פאָטער דער הבי מיינער, מיין מוטער די רביצין, אז איך שטעל זיך זאָגען יזכור, און איך דערמאָן דעם וואָרט מיין רבי, איז עס אמת, ווייל ער האָט מיט מיר געלערענט תורה, איז ער מיין רבי געוועזן. מיין מוטער האָט מיר מחנך געוועזען וויפיעל מעגליך עס איז געוועזען פאַר איהר און איבער איהרע מעגליכקייטען. אין דת היהדות, אַז איך דערמאָן „מורי", „מורתי", ערוועקט זיך אין מיר אַ הייליגער געפיהל צו אַלעם וואָס איז הייליג, ווייל דאָס וואָס זיי האָבען געוואָלט איז עס ביינאַהע מקוים געוואָרען...

אָבער לײדער, לײדער, דער היינטיגער טאַטע גיט זיין קינד קיין ערציהונג אין דת, נאָר ער לערענט איהם אויס ווי מען לערענט אויס אַ פּאַפּוגאַי (פּאָלי) רעדען די פּאָר ווערטער, וועלכע זי רעדט, ניט וויסענדיג וואָס זי רעדט. אזוי לערענט איהם אויס זיין פאָטער דעם ערשטען און לעצטען מפטיר צו „בר מצוה" און נאָכהער מאַכט ער די ברכה „ברוך שפטרני" און ווייל ער איז שוין טאַקע פטור פון זיין קינד'ס טהאַטען, וואָס דער קינד טהוט, איז ער שוין אליין דער „בר עונשין", איז ער, דער טאַטע הייסט עס, איהם טאַקע מחנך צו „חלול שבת" און ער ברענגט איהם שוין שבת פאַר נאַכט די פיידע. ווער רעדט פון תפלין, פון ציצית, פון אַ ברכה... אין גאַנצען אויסגעטאָן און ער וואַקסט אויס אַ רעגעלער ב א י א ן , באַד־יונג (ווייל אַזוי ווי אין באָד איז מען נאַקעט, אָהן קליידער, אַט אַזוי איז ער נאַקעט אָהן עפּעס אַ ברעקעל מצוה). דער זוהן ווערט עלטער, ער הייראַט, און ער מאַכט

א שאָפּ, און ער באַשעפטיגט א פּאָר מנינים אידען אום שבת. און דער זוהנעלע איז שוין א „ירבעם בן נבט" און דער טאטע זיינער שטאַרבט אָפּ און דער תכשיט געהט זאָגען יזכור, און ער דערמאָנט דעם וואָרט „אבי" מיין פאָטער און „מורי" מיין „רבי". נו, נו, א שעהנער רבי איז דאָס געוועזען, ווי דענקט איהר טהוט דער קינד א „נחת רוח" פאַר זיין פאָטער? איך דענק, אז ניט. מען שטעלט איהם אויף און מען פרעגט איהם: א טייערער, א גוטער, א ליבער רבי ביזטו געוועזען פאַר דיין קינד.

די מאַמע, וועלכע שיקט איהר קינד פעדלען מיט פייפערס אום שבת און נאָך איהר טויט וועט ער זאָגען „אמי מורתי", מיין מאַמע, די רעבעצען. אַי, א רעבעצען זי איז געוועזען פאַר איהר קינד, א זעלטענע רעבעצען, שרעקליך ווען מען שטעלט זיך עס פאָר אַזאַ שווינדערליכען בילד, וואָס דער תכשיט וועט אויפטהאָן פאַר זיין מאַמע. מעקט אוים פון מחזיר דעם וואָרט „מורי" און מורתי. איהר הערט, וואָס איך זאָג אייך, האַלט עס ניט פאַר גרינג. גלויבט איהר אין „השארת הנפש"? גלויבט איהר אין „שכר ועונש"? איך פרעג אייך נאָך אַמאָל, גלויבט איהר איןביידע „עקרים"?

אויב איהר גלויבט, זאָלט איהר אָנזאָגען, אז אייערע קינדער זאָלען ניט דערמאָנען דעם וואָרט „מורי" און דעם וואָרט „מורתי". איהר וועט מאַכען חוזק פון זיך אליין. באַרעכענט אייך די שאַנדע וואָס דאָס וועט זיין פאַר אייער „נשמה", מעקט אוים די ווערטער „מורי ומורתי". אויב איהר גלויבט (דאָ איז איצט די וועג צו רעדען וועגען א תלמיד תורה).

———

ב.

צווייטע רעדע בעפאר יזכור

(„בשכר זה תהא נפשו צרורה בצרור החיים)

— איך וועל אי"ה ערקלערהרען גאר פשוט וואס הייסט זיין זעלע, ד. ה. זיין נשמה זאל זיין פארבונדען מיט דעם בונד פון לעבען.

איך וועל אייך פארשטעלען א ריכטיגע פאסירונג, וואס עס האט פאסירט אין ווילנא, אין דער גרויסער אלטער שוהל. דארט איז געוועזען א גרויסער הייננ לייכטער מיט זיבען הונדערט רעהרען, אין וועלכען די פרויען פלעגען ברענגען גראשענע ליכט און דארט איינשמעלצען. אלזא, איז עס געוועזען זיבען הונדערט ליכטעלאך אנגעשטעקט אין דעם הענג לייכטער.

די ווילנער בעלי בתים האבען געמאכט א תקנה, אז שבת פארטאג, ביי דריי א זייגער זאלען זיי זיך צוזאמען קומען זאגען „תהלים" אין שוהל. אום עס זאל ניט זיין אין גאנצען אין דער פינסטער, האבען זיי זיך באזונגען צו מאכען, אז פון דעם הענג-לייכטער זאלען זיי האבען ליכט עטוואס, אזוי ווי די רערען איז איינע העכער עטוואס פאר דעם אנדערען, האבען זיי פון דעם אונ-טערשטען רער־אן אנגעבונדען א קאטען ביז דעם העכערען רער, און פון דעם העכערען צום צווייטען העכערען און זא ווייטער. דער קאטען איז געוועזען ביי דער ענדע פון ליכטעלע, אז ווי די ליכטלע האלט ביים אויסגעהן, זאל זיך דער קאטען אנציינדען, און אזוי ווי דער פייער אויף דעם קאטען פליהט ארויף, און אין דעם העכערען, נעכסטען רער איז דער קאטען געווען פארבונדען פון אויבען די ליכטעלע אן דעם ברעג קנייטעלע, האט זיך אנגצונדען די ליכטילע די צווייטע, און אזוי די דריטע, און אזוי כסדר, און אזוי ווייטער.

יעצט זאלען מיר זיך פארשטעלען. אויב דער קאטען איז געוועזען וואו אויף א פלאץ איבערגעריסען, דאן האט עס מעהר זיך ניט אנגעצונדען און ווען עס איז ניט אפגעריסען, איז אזוי כסדר געוועזען איינע פון די אנדערע, ווען עס האט זיך איינע אויסגעברענט, איז אנגעצונדען געווארען די צווייטע און דורכ-

דעם האבען זיי געהאט עטוואס ליכט, ווען זיי זיינען געקומען זאגען תהלים.

שלמה זאגט אין משלי „נר ד' נשמת אדם“, די נשמה הקדושה איז די ליכט פון גאט. אלזא, די נשמה ווערט גערופען „נר“, ליכט, און ווען די ליכטילע, די נשמה, דארף ווערען אויסגעלאשען דא — פון דער וועלט לאזט ער איבער זיינעם א קינד וואס ער האט פארבינדונג מיט דער נשמה זיינער, דער קאטען, די תורה ומצות, וועלכע ער לערענט דעם קינד, דאס איז דער קאטען, און אז ער שטארבט בעפאר ער געהט אוים ווערט עס איבערגעגאנגען צו דער נשמה פון זיין קינד, דארום זאגט דאס קינד יזכור... אבער דאס איז אלץ גערעדט, אז דאס קינד איז א איד, און ער פאר־בינדט דעם קאטען צו זיין קינד ווידער, דאן איז ניט פארלאשען.

אבער ח"ו, אז דער טאטע האט דעם קינד ניט געלערענט, נאר ער קומט צו יזכור, וואס איז די פעולה פון דעם, אז די נשמה פון פאטער האט ניט אנגעצונדען די ליכטעלע פון קינד, איז עס אפגעריסען, האט ער קיין פארבינדונג מיט איהם. נאך אמאהל, אז דער טאטע האט יא אנגעבונדען דעם קאטען צום קינד, און אז עס האלט ביים אויסגעהן זיין ליכט, געהט זי גאר ניט אויס, ווייל גראדע יעצט ברענט זי, ווארום זי האט דאך אנגעצונדען א ליכט אנאנדערען, הייסט זי דאך ניט פארלאשען... דאן זאגט דאס קינד „בשכר זה תהא נפשו צרורה בצרור החיים“, זיין זעלע איז פארבונדען מיט דעם בונד פון די לעבעדיגע. (דא קען מען רעדען אויף פיעלע זאכען, אנשטאלטען, און תורה, א. ד. גל.).

ג.

דריטע רעדע בעפאר יזכור

טייערע שוועסטער און ברידער, יונג און אלט, איך שטעל מיר אויף דעם הייליגען פלאטפארם, יעצט בעפאר יזכור, צו רע־דען צו אייך איינינגע ווארטען וועגען יזכור, און דאס הויפט פון מיין רעדען וועט זיין פאר דער יוגענד, ווייל פאר די אלטע דארף איך יעצט ניט רעדען, איך קריג זיי אלע שבת, אלע זונטאג, אויך אנדערע אלע טאג, אבער אייך, יונגע מענשען, זעה איך מעהר ניט ווי צו „יזכור" — און גלייך נאך יזכור אפילו בעפאר מוסף — זייט איהר שוין ניטא און איך האב קיין מורא ניט טאקע אייך א ביסעל מוסר צו זאגען יעצט, ווייל איהר וועט ניט אוועקגעהן, דאס איז דאך בעשטימט, ווייל ביי אייך איז טייער דער יזכור, ביי אייך איז ליעב דער יזכור, ביי אייך איז הייליג יזכור, מעהר ווי ביי די פרומע דער שבת, מעהר ווי ביי זיי די תפלין. איהר וואלט זיך מוסר נפש זיין פאר'ן יזכור. איך האב שוין געזעהן, אז א יונגער מאן, וועלכער האט געארבייט ווייט פון שוהל איז גע־קומען אויף א בייסיקעל צורייטען יזכור זאגען.

די ערשטע זאך וועל איך אייך אלעמען פרעגען, טאקע אייך יונגע קינדער, נאר אייך וועל איך פרעגען, איהר וועט אליין צו־געבען אז איך זאל אייך פרעגען: קינדער, יונגע קינדער, איהר גלויבט אין „שכר ועונש"? איהר גלויבט אין „השארת הנפש", דאס הייסט, איהר גלויבט אין דעם, אז די נשמה לעבט דארט און די נשמה האט א שטראף אויף יענער וועלט פאר איהרע שלעכטע טהאטען וואס דער מענש האט געטהאן אויף דעם „עולם"? איהר גלויבט, אז עס איז דא א גוטע באלוינונג פאר דעם מענ־שען, פאר זיינע גוטע טהאטען, וואס ער האט געטהאן „בעולם הזה"?

איך ווייס באשטימט, אז מעהר ווי העלפט פון אייך וועלען זאגען ניין. עס איז נארישקייטען. מען שטארבט אוועק איז אוועק־געשטארבען און דאטס אל — און וואו מען באגראבט, באגראבט מען. עס איז אלעם איינס, דעם גוטען, דעם שלעכטען, אלעם איינס. פיעלע וועלען זאלען אז דער מענש שטארבט געהט פון איהם ארוים

די עלעקטריק, און דאס אלעס, אבער וואו, וואס, ווען — „שכר".
„עונש" — עס איז גאר ניט.

אבער הערט מיר איין און איך זאג אייך, אז צו אלע שלעכ-
טעס וואס איהר טהוט אפ, זייט איהר נאך ליגנערס אויך. איהר
זאלט פאר אומגוט ניט נעהמען. אט איך וועל אייך אויפווייזען,
אז איהר זייט ליגנער מיט דעם אליין, וואס איהר זאגט, אז איהר
גלויבט ניט און איהר גלויבט יא... און אויב די וואס גלויבען
טאקע ניט, אייניגע אויב עס איז דא, איז מיט דעם א באווייז,
וואס איך וועל אייך אויפווייזען, אז איהר זייט ליגנער, דארפען
די וואס זאגען קיין ליגען ניט, דאס הייסט, זיי גלויבען טאקע ניט
ווערען באלד גלוביגע.

אט הערט, מיינע טייערע, איהר גלויבט טאקע ניט אין „שכר
ועונש", איהר גלויבט טאקע ניט אז דער מענש האט א נשמה און
די „נשמה" דארף אפגעבען „דין וחשבון", איהר גלויבט עס ניט?
זאג איך אייך, אז איהר גלויבט יא. עס איז ליגען, וואס איהר
רעדט. איהר באדענקט זיך ניט וואס אייער מויל רעדט. איהר באַ-
דענקט זיך ניט וואס איהר פלאפעלט, ווייל איך זעה דאך, אז
איהר קומט צו יזכור און איהר זאגט „יזכור" און פיעלע קענען
שוין ניט די „עברי" פון יזכור, זאגען זיי אין ענגליש, פארשטעהען
זיי דאך געווים וואס זיי זאגען.

און זאלען מיר אפטייטשען פאר אייך גאנץ איינפאך דעם
יזכור. „דו זאלסט געדענקען גאט די נשמה פון מיין פאטער, ער
הייסט מיט זיין נאמען (אומגעפעהר) „יחזקאל בר' בנחם צבי"
— דער דא איז געגאנגען אויף יענער וועלט, זאלסטו איהם דער-
מאנען און ווייל איך גיב צדקה פאר זיין נשמה, דאס הייסט פון
זיינעט וועגען און פאר דעם „שכר" זאל זיין נשמה רוהען אין
„גן עדן" מיט די נשמות פון „אברהם, יצחק און יעקב", „שרה,
רבקה, רחל ולאה", און אנדערע „צדיקים" און „צדקניות", די אין
גן עדן זיינען און מיר וועלען זאגען „אמן".

אט דאס איז דער טייטש פון „יזכור". הייגט, לאמיר ציטירען
יעדע זאך באזונדער. „גאט זאל דערמאנען"... (איז דא א גאט)
ער זאל דערמאנען די נשמה פון מיין פאטער". (איז דא א נשמה,
ניט קיין עלעקטריק). ער הייסט מיט זיין נאמען אזוי און אזוי.

(איהר הערט וואס איהר רעדט, אפילו איהר גיט איבער א סימן ווער אייער פאטער איז... הערט וואס איהר רעדט). דער וואס איז געגאנגגען אויף יענער וועלט (דא א יענע וועלט און געגאנגען, גאר ניט געשטארבען, און ווייל איך גיב „צדדה“ פאר זיין „נשמה“ — נאך אמאל, אז עס איז ניטא פאר וועמען צו געבען. וואס גיט איהר?) און פאר דעם „שכר“ (גלויבט איהר שוין אין „שכר ועונש“, הא? ניין פילייכט...) זאל זיין נשמה רוהען אין „גן עדן“ (עס איז ביי אייך איצט אויסגעוואקסען א גן עדן). מיט די נשמות פון אברהם, יצחק און יעקב, שרה, רבקה, רחל ולאה (דאס פארשטעהט זיך, אז די „אבות“ און אמהות זיינען געווים אין גן עדן...) און מיט אנדערע „צדיקים“ און „צדקניות“. די וועלכע אין גן עדן זיינען און מיר וועלען זאגען „אמן“. איהר גיט צו, אז די צדיקים זיינען אלע אין גן עדן און איהר באשטעטיגט מיט'ן אמן, וואס דען איהר זאגט עס נאר, אבער איהר דענקט ניט, טא ווער האט אייך געצוואונגען אוועקצואווארפען די ביזנעס און קומען אין שוהל דאס זאגען. איהר מיינט עס ריכטיג... נאר ווען איהר שטעהט אין סטריט און חכמה'עט זיך. זאגט איהר אז איהר גלויבט ניט, איז אלזא דאס וואס איהר זאגט אין סטריט, דאס איז ליגען...

יעצט, לאמיר רעדען אביסעלע מיט די יעניגע וואס גלויבען טאקע ניט... אזוי זאגען זיי און מאכען טאקע „חוזק“ פון אלעם וואס הייליג איז. איך וועל איך זאגען, אז עס דוכט זיך אייך, אז איהר גלויבט ניט, אבער איהר גלויבט יא. עס ליגט ביי אייך פארבארגען א פלאץ אין הארצען, אדער אן אדערעל וואו עס איז א ווארימער אידישער אדער, און דער אדער גלויבט, ער איז נאך ניט געשטארבען.

און איהר וועט מיר מוזען גלייך צוגעבען, אז עס איז אזוי. הערט זיך איין, אז איהר גלויבט ניט, טא ווער יאגט אייך, ווער טרייבט אייך יזכור זאגען... אז א גאנץ יאהר גלויבט איהר ניט, און אז מען וועט רעדען מיט אייך וועט איהר זאגען, אז נאכ'ן טויט קען מען אייך פארברענען, אוועקווארפען פאר כלבים אדער וואו מען וויל און אייך ארט עס ניט, אז ווי באלד אזוי, ווער יאגט אייך, ווער צווינגט אייך היטען יאהרצייט, ווער שיקט אייך זאגען

יזכור. דאָס איז דאָך כנגד אייער פּרינציפּ. איהר וואָלט זיך מוסר נפש זיין פאַר יזכור, דערמאָנען אייערע עלטערען און בעטען פאַר זיי גן עדן. איך האָב שוין דאָס פיעלע אפּיקורסים געפרעגט און זיי האָבען מיר געענטפערט, אַז זיי פאַרשטעהען עס טאַקע ניט ווער און וואָס יאָגט זיי צו געהן אין שוהל יזכור זאָגען... זיי פאַרשטעהען עס ניט... אָב פון דעם אַליין איז אַ באַווייז, אַז עס איז ניט אַזוי ווי איהר דענקט, אַז עס איז דאָ אַ העכערע זאַך ווי שטעהן אין ביזנעס שבת און מאַכען געלט און לויפען צו אַלע שמוציגע פאַרגעניגענס. איהר זאָלט זיך אַליין איבערדענקען...

אז איהר גלויבט יאָ, נאָר די אומשטענדען האָבען אייך גע־בראַכט דערצו — אַט אַזוי צו ווערען, ווי איהר זעהט אויס יעצט. ווי איהר האָט אַ פּנים היינט, ווי איהר האָט פאַרשקלאַפּט דעם גייסט אייערען צוליעב אייער קערפּער צופרידענצושטעלען איהם יעצט און ניט קלעהרען וועגען שפּעטער. איהר זייט פאַרבלענדעט פון דעם „יצר הרע״, דאָס איז די פאַרגעניגען פון דער וועלט נאָכ־צוקומען „בכל פּרטיה ודקדוקיה״.

אָבער היינט זייט איהר געקומען צו טהאָן אַ „נחת רוח״ פאַר אייערע עלטערען. ווייסט איהר וואָס איהר דאַרפט טהאָן? ווייסט איהר, אַז מיט׳ן זאָגען אַליין איז גאָר ניט. עס דאַרף זיין „מעשים״ און וואָס פאַר אַ מעשים קען איך ביי אייך פועל זיין, אַז איהר זאָלט ער טהאָן? וואָס וועט העלפען, אַז איך וועל אייך אויסרע־כענען וואָס אַ איד דאַרף טהאָן און איהר וועט עס ניט טהאָן? וואָס פאַר אַ פועל יוצא וועט אַרויס פון מיינע רייד?

נאָר איך וועל פאָדערען פון אייך אַז טהאָן אַזאַ זאַך וואָס איהר האָט אַליין יעצט געזאָגט, אַז איהר טהוט עס מיט אייער איי־גענעם ווילען. איהר האָט צוגעזאָגט פאַר די „נשמות״ פון אייערע עלטערען „צדקה״ צו געבען אום פאַר דעם שכר זאָלען זייערע נשמות זיין אין גן עדן מיט די „צדיקים״ — (בשכר זה, פון די צדקה, זאָל זיין נשמה רוהען אין גן עדן), דאָס האָט איהר געזאָגט אַליין מיט אייער מויל. קענט איהר דען אַנדערש מאַכען יעצט. ווילט איהר אַזוי ווייט פאַרשעהמען אייערע עלטערען און ניט גע־בען... בלאָפען פאַר די „נשמות הקדושים והטהורים״. ניין, דאָס קען ניט זיין... אַלזאָ, אַפּעליר איך צו אייער געוויסען, צו אייער

נאָמען מענש, צו אייער גוטען כאַראַקטער, איך אַפּעליר אין דעם נאָמען און אָנדענק פון די הייליגע נשמות צו וועלכע איהר האָט יעצט צוגעזאָגט צו געבען פאַר זיי צדקה, אַפּעליר איך צו אייך, אַז די צדקה דאַרף און איז מעהר בּאַרעכטיגט צו געבען אויף דעם פּלאַץ וואו אייער מויל האָט עס גערעדט, אין דעם פּלאַץ, וואו עס לערנען קליינע קינדער, אין דעם פּלאַץ וואו די „צדקה" געהט אוועק פאַר דעם צוועק, פאַר „תנוקות של בית רבן"... אין דעם פּלאַץ זאָלט איהר זאָגען ווי פיעל איהר זייט בּאַרייט צו געבען פאַר אייער פאָטערס און מוטערס „נשמות". מיר וועלען גלייך זעהען אויב אייער אייגענע מויל היט דאָס וואָס זי האָט צוגעזאָגט... ווען איהר האָט גערעדט צו אייערע עלטערען, די פון יענעם „עולם האמת", וואָס דאָרט איז ניטאָ קיין שקר, דאָרט איז ניטאָ קיין בּלאָפס, דאָרט איז ניטאָ קיין פאַלשקייט, אייערע עלטערנס נשמות, שטעהען און וואַרטען אויף דעם ענטפער פון אייך, און „בשכר זה", וועט טאַקע זיין זייערע נשמות „בגן עדן" ביז „תחיית המתים".

איך וועל אייך זאָגען, אַז איך האָב געזעהן אין אַ ספר, אַז מיט צדקה מאַכט איהר ליכטיג זייער „גן עדן" און אַפּילו דאָס אַליין האָב איך ערקלערט מיט אַ שכל, וואָס מיר זעהען עס אין אונזערע טעג, אַזעלכע וואונדער, וואָס מיר וואָלטען גאָר ניט געגלויבּט, ווען מען וואָלט אונז דערצעהלט, אַז די און די וואונדערליכע זאַך האָט יענער געזעהן ווען אונזערע אייגענע אויגען וואָלטען עס ניט געזעהן איינע פון די יעצטיגע אָדער פאַר אייניגע יאָהרען צוריק אַן ערפינדונג, איך האָב עס געזעהן אין די בּוערי, די צענדליגע פּלעצער וואו עס שטעהט אין אַ גרויסן רום שטאַטוען מיט אַן אויפשריפט: אַ פּעני אריינצוואַרפען: ווי מען וואַרפט אריין די פּעני ווערט איעווענינ אַנגעצונדען אַן עלעקטרישע ליכט און עס ווערט ליכטיג און איהר קוקט דורך אַ גלאָז און איהר זעהט מואווינג פּיקטשורס און נאָך אַזעלכע זאַכען. געוועהנליך יעצט, אַז דאָ איז פאַראַן, דורכט זיך אונז, אַז עס איז אַ נאַטור זאַך, עס מוז זיין אַזוי. אַז מען וואָלט עס דערצעהלט מיט הונדערט יאָהר צוריק, אַז דאָס איז דאָ אין ניו יאָרק וואָלט איהר אַליין געזאָגט, אַז איך וועל ניט גלויבּען דעם דערצעהלער, וועל איך אויך

ניט הייסען קיין אפיקורוס. דאך זעהען מיר עס, טא ווארום זאלען מיר ניט גלויבען, אז מיט דעם וואס מיר ווארפען אריין א צעהן דאלאר ביל אין „תלמוד תורה", ווערט עס ליכטיג דארט אין „גן עדן". עס קען זעהר זיין, דאס וואס יעצט ווילען אנדערע ניט גלויבען „גן עדן", „גיהנום", ווייל זיי זעהען עס ניט, קען זיין, אז מיט הונדערט יאהר שפעטער וועט מען עס פארשטעהען מיט'ן „שכל" אדער מען וועט עס זעהען מיט מאשינען.

ווארפט אריין, ווארפט אריין א גוטע „נדבה" אין תלמוד תורה עס זאל ליכטיג ווערען דארט, ווייל דער עלעקטריק ווייער איז ניט אפגעריסען פון דאנען צו דארטען. מיט א דריק דעם באטען פון אייער הארץ ווערט דארט ליכטיג...

משלים, ציצים ופרחים

קעג

איך בעט נאָר לחם לאכול

איינער א גרויסער עם הארץ האָט געבעטען גאָט אימער מיט אזא תפלה, רבש״ע, איך בעט נאָר דיר „לחם לאכול״ (ברויט צום עסען) „ובגד ללבוש״, און א קלייד אָנצוטהאָן, מעהר בעט איך דיר ניט. א טרונק בראָנפען וועל איך אליין קויפען. (אין אמעריקא איז נאָך בעסער. אפילו לחם לאכל איז אויך אליין. זיי דארפען ניט אז גאָט זאָל זיי געבען).

קעד

ביי בואי בשלום

די אָרימע לייט נעבעך, וואָס דאָ אין די שוהלען האָבען זיי א קליינע ווערט, און זיי שטעהען אין „מעריב״ זייט, ביים טהיר, זאָלען זיך ניט זאָרגען, ווען זיי זעהען נאָך פאר זייערע אויגען די גבירים, שטעהען אויבען אָן. זאָרגט זיך ניט, די וועלטעלע איז ניט אויף עביג. זייט וויסען, אז ביי „בואי בשלום״ שטעהען די אָרימע לייט אויבען אָן. (רעבענט זיך דורך און זעהט, אז מען געהט אוועק פון א לויה, זאָגט מען צום בר מנן: לך בשלום, ניט „לשלום״, נאָר „בשלום״. זייט וויסען אָרימע לייט, ביי „בואי בשלום״ שפעטער זיינט איהר די נגידים און די יעצטיגע נגידים וועלען דאָרט שטעהן גאַנץ נידריג ביים טהיר אין מעריב. רעבענט אייך גוט דורך, איז זיי איז דאָ צו באַוויינען מעהר ווי אויף אייך).

קעה

ווארום קלאפט מען זיך אין הארצען

ווארום א איד קלאפט זיך אין הארצען, ווען ער זאגט „סלח לנו", אדער „אנא ה' חטאתי עויתי ופשעתי לפניך", און ביי די על חטא'ס, דעם טעם וואס עס געפינט זיך אין ספרים ווייסען אלע. נאר א וויניגען טעם און פיליכט אן אמת אויך אין דעם. יעצט איז אריינגעצויגען עלעקטריק אין יעדער הויז. א קוועטש א באַ-טען, וועלכער געפינט זיך אין וואנט און עס ווערט ליכטיג. אזוי טהוט ער זאגענדיג „סלח לנו", א קלאפ אין הארצען און עס ווערט ליכטיג אין אלע עולמות און דאס באווייזט נאך אויף דעם, אויב דער ווייער איז וואו איבערגעריסען, קוועטשט מען ניט דעם באַ-טען, וויל עס וועט ניט העלפען, און אז מען קוועטשט דעם באַ-טען, איז א סימן אז דער ווייער איז נאך גאנץ, אז ער קלאפט נאך זיך אין הארצען, איז א סימן, אז ער איז נאך ניט אפגעריסען פון זיין סענטראל, פון הימעל, און אז ניט, ווערט טאקע ליכ-טיג...

קעו

ווען דו ביסט געבוירען

ווען דו ביסט געבוירען האבען אלע זיך געפרעהט, און דו האסט געוויינט. זעה מיין קינד, אז ווען דו וועסט שטארבען זאַ-לען אלע וויינען אויף דעם שאדען, וואס זיי האבען אנגעוואוירען מיט דיין טויט און דו זאלסט זיך פרעהען...

קעז

מיט א שטיין פרובירט מען גאלד

מיט א שטיין פרובירט מען גאלד — און מיט גאלד פרובירט מען א מענשען. (זעהר א קורצער ווארט, אבער א לאנגער, גאר א לאנגער ארומצורעדען)...

קעח

די וואָג

די וואָג וועלכע האָט צוויי טעלערס. אין איין טעלער דעם פונט, אין אנדער טעלער, דאָס וואָס מען וועגט. די וואָג־שאַל איז אזוי, אז די שווערער משא וועגט אראָפּ די גרינגערע. די שווערע אראָפּ, די גרינגערע ארויף — אזוי איז די יעצטיגע צייט. דער שווערער מענש פול מיט תורה און חכמה, דער איז אראָפּ... אראָפּ אין שאול „תחתיה" חס ושלום, קיינער קוקט זיך ניט אום אפילו, ער קען קיין פּרעזידענט ניט זיין. אבער דער גרינגער, א גרינגער מענשעלע, אלעס איז איהם גרינג צו טהאָן. קיין זאַך איז ניטאָ וואָס ער קען ניט, ער קען אלעס... גרינג פון תורה, פּוסט, גרינג פון יראה, פּוסט... גרינג פון חכמה — דער געהט אין דער הויך, הויך, גאַנץ הויך. וואָס גרינגער, אלץ העכער. פּרעזידענט, און נאָך, און נאָך.

קעט

די זוכער

איינער זוכט שטן אויף יעדע ליכט און איינער זוכט ליכט אויף יעדען שטן. (א גרויסער אונטערשיעד פריינדע, דאָס איז אין א דרוש גוט ארומצורעדען די שטן זוכער... יעדער נאָך זיין טאַלאַנט).

קפּ

צו וואָס דאַרף מען א סך ספרים?

צו ר' אייזעל חריף זצ"ל איז געקומען א גלוח, און פרעגט איהם: רבי, צו וואָס דאַרף מען האָבען אזוי פיעל ספרים?

פארשטעהסטו מיך, האָט דער חריף געענטפערט, אז א איד רייסט אוים א האָר פון באָרד לעגט ער עס אריין אין א ספר... דו האָסט דאָך געווים דאָס געזעהן פון דיין טאַטען אָדער זיידען. אלזאָ, ווי פיעל ספרים דאַרפען מיר האָבען, אז אזוי פיעל מענשען ווי צו ראַזירען די בערד און פאות.

קפא

די ווייבס יאָהרען

א רב אין א שטעדטעל איז קראַנק געוואָרען און דאָקטוירים האָבען געצווייפעלט אויב ער וועט אויפשטעהן פון זיין בעט. אין זיין קריזים האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אין שוהל די גאַנצע שטעדטעל און מען האָט „תהלים געזאָגט און אזוי „תפלות ובקשות", אַז השם יתברך זאָל געבען געזונד זייער צדיק. נאָכהער האָט אײנער געמאַכט א פאָרשלאַג, אַז יעדער אײנער זאָל שענקען פאַר'ן „צדיק" לעבען. ווער א טאָג, ווער א וואָך, האָט מען אָנגעהויבען געבען טעג, וואָכען, יאָהרען. א פאָר זיינען געוועזען וואָס האָבען געגעבען צו מאָנאַט פון זייער לעבען פאַר'ן רב. לויפט צו ירחמיאל דער שוסטער און שרייט אויס איך גיב אַוועק דעם רב צוואַנציג יאָהר לעבען. זיינען אַלע צושראָקענע געוואָרען. שטייטש, ווי גיט דאָס א מענש צוואַנציג יאָהר לעבען אוועק, אַז ער איז שוין פופציג? ווי גיט ער אַוועק צוואַנציג, איז דאָך שוין אָפּגעלעבט. פרעגען זיי איהם שטייטש? זאָגט ער האָט קיין מורא ניט, איך גיב ניט מיינע יאָהרען, נאָר דעם ווייבס יאָהרען.

אין אַמעריקאַ, אַז פיעלע פרויען וואָלטען אויף די תלמידי חכמים ניט רחמנות געהאַט, דאָס וואָס זיי רייסען אָפּ פון זייער קיטשען און טראָגען צו אָרימע „תלמידי חכמים", וואָלטען פיעלע ניט געהאַט אויפ'ן טאָג איבערצוקומען און אַנדערע מענער, אַז זיי דערוויסען זיך האָבען נעבעך די פרויען פון זיי קורצע יאָהרען.

קפב

זיי לויפען פון היץ

זומער, ווען די היץ איז זעהר גרויס, אַנטלויפען ניו יאָרקער אין קוני אײלאַנד ביים ים זיך באָדען. האָב איך אײנמאָהל געזאָגט, אַז ס'דאַכט זיך זיי, אַז זיי אַנטלויפען פון די היץ, און איך זאָג, אַז דאָרטען איז די היץ גרעסער, א סך גרעסער און גרעסער ווי אין שטאָדט. א באַווייז האָב איך, אַז ווי פיעל זיי נעהמען געלט מיט זיך אין קוני אײלאַנד, ווערט צושמאָלצען...

קפג

ער ווייזט מיר די שוהלען

איך בין געוועזען אין די וועסט, האט מיר אין א שטאדט דער פרעזידענט געפיהרט ווייזען די שוהל. ווייזט ער מיר די שוהל איז א רוסישע, די א ליטווישע, די א פוילישע, די א רו־מענישע, די א דייטשעסע, די א פארטוגעזישע, א. ז. וו.

פרעג איך איהם: מיין ליבער פרעזידענט, איהר האט מיר שוין אויסגעוויזען אלע גוים׳שע שוהלען, ווייזט מיר שוין א אידי־שע שוהל אויך...

אה, פריינדע, שוהלען זיינען דא אין אמעריקא, אבער וואו געפינט מען א אידישע שוהל... (צו פארברייטערען דעם ענין).

קפד

איך וועל אויסזאגען

ר׳ לוי יצחק בארדיטשעווער פלעגט דאך אימער „מלמד זכות" זיין אויף אידען, איבערהויפט אין ימים נוראים צייט, פלעגט ער אזוי זאגען: רבש"ע, דו זאלסט געבען די אידעלאך א גוט יאהר, געזונד און פרנסה, און אלעס וואס זיי בעטען ביי דיר. זיי בעטען ניט צופיעל, זיי פארלאנגען פון דיר קיין איבריגס ניט, און טשעפע זיך ניט צו זיי... און אויב דו וועסט זיך יא צו זיי טשעפען, זיי וויסען, אז איך וועל אויף דיר אויסזאגען... דו הערסט, איך וועל אויסזאגען. און דער צדיק פלעגט זיך צוואויינען ווי א קליין קינד... אנהויבען שרייען: איך וועל אויסזאגען, וואס, וואס, וועל איך אויסזאגען, אז דו וועסט זאגען אויף מיינע אידעלאך שלעכטעס, וועל איך זאגען אז דו לעגסט פסול׳ע תפלין. וועסטו מיך דאך טאטע אין הימעל, פרעגען פון וואנען איך וויים דאס, פון וואנען וויים איך דאס... איך וויים דאס פון א בפירוש׳ע גמרא טאטינקע... אז דיינע פרשיות פון דיינע תפלין זיינען פסול טאטינקע, ווייל די גמרא הקדושה זאגט, אז דו לעגסט תפלין, טאטינקע. פרעגט די גמורא הקדושה, וואס שטעהט אין דיינע תפלין טאטינקע? זאגט די גמרא הקדושה טאטעניו, אזוי ווי

אידעלאך שרייבען אין זייערע פרשיות „שמע ישראל וגו ד׳ אלקינו ד׳ אחד״, אזוי רימסטו זיך מיט זיי און שרייבסט אין דיינע פרשיות „ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ״, אלזא טאטעניו, אויב דו ווארפסט זיך ארום מיט זיי און זאגסט, אז זיי טויגען ניט, דאן טאטעניו איז פסול דיינע פרשיות, לעגסטו פסול׳ה תפלין טאטע־ניו... ודוק.

קפה

צוויי בוימער — צוויי מענשען

צוויי בוימער, צוויי מענשען, איינער האקט אונטער דעם בוים, און דאן איז איהם גרינג צו קלייבען די פרוכט, איינער לאזט דעם בוים שטעהן און אדרבה, ער וואסערט איהם, ער פוצט איהם, און קלייבט פון איהם פרוכט. דער ערשטער מעהר ווי דעם מאהל, וועט ער שוין קיין פרוכט ניט האבען, דער צווייטער, ווי אימער, אלץ מעהר און מעהר האבען. דער מענש איז א בוים, א בוים איז דער מענש. עס איז פאראן עלטערען, די וועלכע ווי דער קינד ווערט נאר „בר מצוה האקט ער איהם שוין אונטער און ער שיקט איהם שוין ארבייטען און ער וויל נאר עסען זיינע פרוכט גלייך. אמת, ער עסט, אבער נאר דא אויף דער וועלט, ער האט דעם בוימעלע, אונטערגעהאקט וועט ער שפעטער אויף דעם עולם האמת קיין פרוכט ניט האבען פון איהם. עס איז פאראן עלטערען די וועלכע זיי פוצען און פיינען דעם קינד זיי גיבען איהם נאך בילדען און לערנען און געוואוינען איהם צו תורה און דרך ארץ. איי, ער האט יעצט קיין פרוכט ניט, וועט ער האבען שפעטערע פרוכט דא און דארטען.

קפו

א טייערערווארט

אפילו דער גרעסטער נאר וויים וואס בעדייטעט דאס ווארט רייך... ס׳זיינען אבער פאראן גאנץ גרויסע חכמים וועלכע וויי־סען ניט די בעדייטונג פון דעם ווארט ארעם.

קפז

ער האט געלערנט א סך ספרים

איינער האט זיך באריהמט אז ער האט געלערנט א סך ספרים. האט איהם איינער געפרעגט: אמת, טאקע, אז דו האסט א סך ספרים געלערנט, אבער עס איז א גרויסע פראגע אויב די ספרים האבען דיר עפּעס אויסגעלערנט.

קפח

הגאון ר׳ דובער מייזעליש

הגאון ר׳ דובער מייזעליש איז געפאהרען נאך פעטערסבורג, צווייטען קלאס. דארט איז אויך געזעסען א פּאלקאווניק מיט זיין שעהנעם הונט, און ווי ער האט געזעהן אזא סארט אידען אין וואגאן, האט ער געוואלט איהם ערגערען. זאגט דער פאלקאווניק צו זיין הונט: קום אהער אייזיק; און דער האט גערופען דעם „כלב" נאר מיט אידישע נעמען. דער גאון האט גוטהארציג גע־שמייכעלט. פרעגט איהם דער פאלקאווניק, וואס שמייכעלסטו עפּעס, געפעהלט איך דיר ניט?

— אה, ניין, הער פּאלקאווניק, דו געפעלסט מיר זעהר, נאר איך שמייכעל דערויף, דו גלייבסט אזוי דיין הונט און דו פיהרסט איהם איבער, דו קוילעסט איהם אפ. ווארום טהוסטו דאס? רוף איהם ניט מיט א אידישען נאמען, אויב דו גלייבסט איהם. רוף איהם קריסטליכע נעמען, וועט ער זיך קענען דערדיענען צום טשין פּאלקאווניק.

קפט

שווייגען איז גאלד

שווייגען איז גאלד. די חכמים דריקען אוים „סייג לחכמה שתיקה", שווייגען איז גאלד, אבער נאר ווען אייער פריינד בעט ביי אייך איהר זאלט איהם לייהען א דאלאר, דאן איז שווייגען ניט קיין גאלד און ניט קיין זילבער, נאר אייזען און גאר קיין מעטאל ניט.

קצ

דער לעבען

א מינוט איז דיין לעבען, טא וויים ווי איהם צו בענוצען. נאך וואס זאל דיין קערפּער פּלאגען דעם גייסט.

קצא

בעלמער חכמים

ווען מען האט אין בעלעם געדארפט קויפען א פעלד פאר א בית עולם, האבען זיך די קהל'ס לייט ניט געקענט געבען אן עצה ווי גרוים זאל זיין דער פּלאץ. איז איינער געפאלען אויף א פּלאן און געהייסען אלע בעלי בתים זיך אויסלעגען אויפ'ן פעלד ווער מען זעהן וויפיעל פּלאץ זיי וועלען פארנעהמען...

קצב

א דאלאר וואס איז זעהר גרוים

דער דאלאר וואס מען צאהלט א חוב איז צוויי מאהל גרע־סער, ווי דער דאלאר וואס מען האט געליהען...

קצג

א חידוש וואס ביי דיר איז קלין

א אידינע קומט אריין אין שוהל און אויפהויבענדיג איהרע אוי־גען צום ארון קודש זאגט זי: „מה טובו אוהליך יעקב משכנותיך ישראל", ווי שעהן און ריין דיינע געצעלטען גאטעניו — נאר וואס איז דער חידוש, דו האסט דען קליינע קינדער וואס זאלען איינשמוצען.

קצג

שנעה און די נשמה

ווי קלאר איז דער פרישער שנעה פון דער הויז — ווי רייך איז די יונגע נשמה פון הימעל, דאך ווי שמוציג ווערען זיי אויף דער ערד.

קצה

אַ פּסל מיכה אין שוהל

אין אַמעריקא האָט מען אין יעדער שוהל אַ פּסל מיכה... שרעקט זיך נאָר ניט. ווי רעדט מען דאָס אַזוי? נאָך אַמאָהל זאָג איך אייך, עס איז דאָך אַזוי. מען דאַרף אַ רב אַרונטערנעהמען די ווײדזשעס מאַכט מען אַ ספּעשעל מיטינג. טרייט יעצט מיט אייער מויל אין ווערטער זאָגען שנעל ספּעשעל מיטינג, ספּעשעל מיטינג, אָבער שנעל, וועט איהר מיט אייערע אויערען הערען, אַז עס ווערט פון ספּעשעל מיטינג „פּסל מיכה“ — און אין אמת. וואָס עס ווערט אָפּגעטהאָן ביי די ספּעשעל מיטינגס, איז דאָס אַ ריכטיגער פּסל מיכה.

קצו

ניו יאָרק בלייבט אָהן שוסטערס

איך גלויב, אַז עס וועט קומען אַ צייט, אַז ניו יאָרק וועט בלייבען אָהן שוסטערס, אָהן שניידערס, ווייל אַלע שוסטער און שניידער ווערען מלמדים, אַז עס געהט זיי ניט אַמבעסטען ווערען זיי מלמדים. (אַ מוסר השכל, ווי ביי אידען איז אַלעס הפקר. אויף קוילענען אַ טשיקען דאַרף מען האָבען קבלה, אויף קוילענען אַ קינד דאַרף מען גאָר ניט. ווער עס וויל ווערט אַ מלמד).

קצז

די זיינען ריכטיגע מכות

איינער אַ ישוב'ניק, האָט געזאָגט די הגדה. ווען ער איז גע־קומען צו די שטיקעל הגדה מעשה ברבי אליעזר ורבי עקיבא וכו. האָט ער געזאָגט לאַנגזאַם באַזונדערע ווערטער, האָט זיין ווייב געמיינט, אַז ער צעהלט דאָס די מכות, האָט זי גענומען טינקען דעם פינגער אין כוס אוועקצוגעבען פּרעה'ן די „מכות“, האָט ער אָנגעשריען אויף איהר: דאָס איז „רבנים“ ניט קיין „מכות“. אַ צוציטערטע איז זי געוואָרען און האָט כמעט פאַר עגמת נפש גע־

קענט בלייבען אין אהנמאכט. די רבנים האט זי געמאכט פאר „מכות", נאכהער אז ער האט שוין געהאלטען טאקע אין זאגען „דם, צפרדע", און אזוי ווייטער, האט זי שוין ניט געטונקט, זי האט מורא געהאט פיליכט איז דאס אויך רבנים. זאגט ער צו איהר, נו, ווארום טינקסטו ניט? איך האב מורא, זאגט זי, פי־לייכט איז דאס אויך „רבנים". ניין, מיין טייערע, די פריהערדיגע זיינען טאקע אלע געווען רבנים, אבער די איצטיגע זיינען ניט „רבנים", נאר „מכות"...

קצח

א גוטער מיטעל

הער דאקטאר! האט געזאגט א גביר צום דאקטאר! — איך ווער פון טאג צו טאג דיקער. גיט מיר א מיטעל דערצו!

זאגט דער דאקטאר צו איהם, דאס איינציגע מיטעל דערצו איהר זאלט לעבען מיט צוואנציג סענט א טאג און די צוואנציג סענט זאלט איהר אליין פארדיענען.

קצט

וואס מוראשקעס מיינען

מוראקעס מיינען, אז זיי זיינען שטארקער פון דעם לייב, ווען זיי שטעלען זיך אוועק אויף זיין רוקען.

ר

זייער מיסטייק

ווען מאנכע מענשען וואלטען ווירקליך געווען אזוי גרויס ווי זיי דענקען פון זיך, וואלטען זיי געמוזט כסדר זיך וואלגערען אין גאס, ווייל קיין הויז וואלט פאר זיי געווען באקוועם.

די בימה

גאנצע רעדעס אויף יעדען שבת

פון יעדער פרשה, פונקט ווי עס איז גערעדט
געוואָרען פון דעם מחבר אליין, מאמרים,
משלים, אפילו די „שיחת חולין".

יעדער ספר — אַ רעדע

נאָך דעם דרוש קומען משלים, ציצים ופרחים

פון דעם מחבר הרב הדרשן והמטיף המפורסם
יהודה ליב לאַזעראָוו
מחבר פון דברי יהודה, דגל יהודה, קול יהודה,
מטה יהודה, בית יהודה, אידישען רעדנער, ועוד.

חוברת כ"א, כ"ב, כ"ג, כ"ד

RABBI L. LAZEROW
1541—78th Street, Brooklyn, N. Y.

ניו־יורק — תרפ"ד

איך גיב פאַר אייך אַרויס אַלע אוצרות, די וועלכע איך האָב געזאָגט פון ר"ח אלול ביז נאָך יום כפור. איך האָב שוין אין מיין זעלטענעם געלונגענעם ספר „דברי יהודה" געדרוקט גאַנצע דרשות. דאָס גלייכען אין מיין ספר „דגל יהודה" און אַ סך אין „מטה יהודה" געפינט זיך פון ימים נוראים, און אין „אידישען רעדנער". דאַרום איז אוממעגליך אָפּשטעלען גאַנצע דרשות, נאָר איך גיב פאַר אייך פעריל. „מאמרים, משלים, ציצים ופרחים", אַלעס איז נוצבאַר פאַר ימים נוראים. מיין פאָרזיכטגקייט איז נאָר, אַז איך זאָל ניט עטוואָס נעמען פון מיינע פריהערדיגע געדרוקטע ספרים. פיליכט וועט ווער כאַפּען, אַז די און די זאַך איז שוין געדרוקט געוואָרען אין אַן אַנדער פרעמדען ספר, גלויבט מיר, אַז איך האָב עס ניט געטאָן מיט מיין ווילען. וואו איך וויים זאָג איך „בשם אומרו". איך האָב אָנגעקוקט זעהר פיעל ספרים און איך קוק שוין ניט אין „ספרי דרוש" מעהר ווי פופצעהן יאָהר, געדענק איך ניט. איהר דאַרפט מיר „דן זיין לכף זכות", ווייל פאַר אייך האָב איך גוטעס געטהאָן מיט מיינע ספרים. פאַר זיך געוויס ניט. ווער קען נאָך וויסען ווי איהר אַליין, ווי עס ווערט געצאָהלט אַ אידישען מחבר. יעדער צאָהלט מיט „בקורת", אָבער ניט מיט געלט און ניט מיט דאַנק . . .

דער מחבר.

קורצע דרשות פאַר ימים נוראים

דרוש א', אלול

„אז תשמח בתולה במחול ובחורים וזקנים יחדיו
והפכתי אבלם לששון ונחמתים ושמחתים מיגונם."
(ירמיה ל"א, י"ב).

מיר געדענקען נאָך פון רוסלאַנד, פוילען, גאַליציען און רו־מעניען, אַז אין חדש „מנחם אב", פלעגט מען שוין רעדען, אַט באַלד קומט שוין „אלול". וואו מען איז געגאַנגען, אין סטריט אָדער אין פעלד, אין שטאָדט אָדער אין דאָרף, האָט זיך געהערט „אלול". אין שוהל, אין בית המדרש, אין קלויז, אין שטיבעל, ביי דעם רב און דיין, ביי דעם שוחט און מוהל, ביי דעם מלמד און באַהעלפער, ביים שניידער און שוסטער, אין די הייזער, האָט מען נאָר געהערט אלול קומט, מען דאַרף שוין ווערען פרומער. די פרוי דעם מאַן, דער מאַן די פרוי, די עלטערען צו קינדער, האָבען נאָר גערעדט, געמוסר'ט: עס קומט שוין „אלול".

און דאָס האָט געמיינט אַז אַנזאָג, מיט דעם וואָרט אלול, דערמאַנענדיג, אַז מען זאָל זיך צוגרייטען צום יום הדין, דעם צווייטען טאָג ר"ח אלול האָט מען איין שופר שטימע דערהערט. אַזאַ מין שרעק, אַז אַ שוידער האָט אַנגעכאַפּט יעדען איינעם.

דער ערשטער סיגנאַל פון שופר פון צווייטען טאָג ר"ח אלול איז געווען די סאַמאָנס צום משפּט, צום טרייעל פון דיני „ממנות", מיט „דיני נפשות" צוזאַמען פון גרוים ביז קליין, פון אָרים ביז רייך. אַלעמען האָט דער שרעק פאַרכאַפּט און יעדער פלעגט שוין אין „אלול" עפּעס טהאָן, גרייטענדיג צום יום הדין. די מזוזות לאַ־זען איבערזעהן, די תפלין דאָס גלייכען, ציצית נייע פאַר זיך מיט די קינדער. עפּעס דער דאַווגען, פלעגט מיר שוין קלינגען אַנדערש. דאַכט זיך דער זעלבער נגון און דאָך אַנדערש. עפּעס אומעטיג,

דער „סלח לנו“ גאר אנדערש געווען, עפעס ניט פארשטעהענדיג, האט די האנט א גרעסערען קלאפ געגעבען אין הארצען... דער „ברך עלינו את השנה הזאת“ איז ארוים מיט א קרעכץ און אפט־מאל מיט א טרעהר, יעדערער אין שטענדטעל פלעגט גיכער נעהמען אן אורח צום עסען ווי א גאנץ יאהר. קורץ דערפון מען האט גע־הערט „אלול“, „אלול“ — מען האט אויך געזעהן, אז אט־אט קומט דער „יום הדין“, „הגדול והנורא“.

איך בין געווען א קינד פון א יאהר עלף, בין איך געגאנגען הערען א מגיד. דאס איז געווען פינף טעג אין אב — האט ער גע־זאגט מיט אזא התלהבות, אז עס איז געווען הארצרייסענד, מיט א פייער, מיט ברען האט זיך געשאטען פון זיין מויל מוסר, אז מען דארף ניט ווארטען תשובה צו טהאן אין „אלול“ — נאר אין אב דארף מען תשובה טהאן, אנצייגענדיג זיינע מוסר אויף א מאמיר אין (ברכות ס"א) „אחורי ארי ולא אחורי אשה“ דער חדש „אב“ איז מזל „ארי“, דער חודש „אלול“ איז מזל „בתולה“. מען דארף בעסער תשובה טהאן, געהן אין גוטען וועג שוין נאך אין דעם חדש „אב“, וואס הייסט „ארי“ — דאס הייסט בעסער נאך געהן דעם „ארי“ דעם חדש אב — און ניט ווארטען אויף „אלול“ מזל „בתולה“ ולא אחורי אשה ודוק.

די הערערס האבען געקוואלען פון זיינע דבורים, יעדער האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ, א צייכען, אז עס איז גוט און ריכטיג און מען דארף טאקע אזוי טהאן.

היינטיגע, איי איי היינטיגע, זיינען פונקט פארקערט. לער־נען זיי דעם „מאמר“ אויך פארקעהרט, און זיי לערנען אזוי נאר: אחורי אשה, ולא אחורי ארי — — — פשוט.

היינטיגע צייט איז אלול א קליינער יחסן. זעהט איהר די חזנים זיינען גראדע אין אלול יחסנים. אפילו די אקטיארען ווערען „חזנים“. אפילו די עקטערלעך פון וואדעוויל ווערען אויך אבער גרויסע חזנים, און עס ווערט אויף איהם געשריבען אין צייטונג, אז די און די געמיינדע די אנשי ב... האבען אויפגענומען דעם וועלט בעריהמטען גרויסען חזן (פון מזל בתולה) ר' נחמן בן הרב ר' צמח, דעם גרעסטען טענאר שטימע פון היינטיגער צייט. קומט הערען זיינע זעלטענע סליחות 12 א זייגער ביינאכט (ווייל דאן

איז שוין פאַרמאַכט די וואָדעוויל). יאָ, פאַר די חברה איז גוט טאַקע דער „מזל בתולה" — אַ וואָוילער חדש פאַר זיי.

יאָ, עס אַזוי ניט צו זעהן אין שוהלען, ניט צו באַמערקען חס ושלום פון „סלח לנו", א. אַז. וו. — ניין, טויזענט מאָל ניין... נאָר עס ווערט פאַרקויפט טיקעטס פאַר ביידע טעג ראש השנה און פאַר יום כפור, ווייטער זעהט זיך זעהר ווייניג. איבערזעהן תפלין די וואָס ער האָט אין גאַנצען ניט... קויפען ציצית, דאָס וואָס ער טראָגט ניט, זעהט איהר אין ספרים סטאָר איז יאָ ביזי. אַ מחזור, אַ טלית, דאָס קויפט מען, איז דער מזל „בתולה", „אלול" הייסט עס, ניט פרעהליך אין אַמעריקא. יאָ! אמת טאַקע, אַז עלטערע אידען זיינען פרומער אביסעל אין „אלול", זיי באַגריסען די „בתולה", דעם מאָנאַט אלול, אָבער די יונגע גאָר ניט. דאָרט אין רוסלאַנד איז געוועזען אַמאָהל, אַלע זיינען בעסער געוואָרען אין מאָנאַט אלול... אַלט און יונג זיינען אַלע געגאַנגען אין איין וועג, אין שוהל אריין, אין בית המדרש אריין, אין קלויז, אין שטיבעל, אין מנין, א. ז. וו. אָבער דאָ איז נאָר די אַלטע, ניט אַלע, אָבער אַ סך, און מיט די אַלטע אַליין פרעהט זיך ניט די „בתולה". זי זאָגט: וואָס פאַר אַ שמחה איז מיר, אַז איך דאַרף טאַנצען מיט אַלטע. גיט מיר די יונגע... אַזוי ווי עס איז געוועזען אַמאָל.

„אַז" — דאַן, אַז עס וועט ווידער קומען די צייט, אַז די יונגע מיט די אַלטע וועלען בעסער ווערען צוזאַמען, „תשמח" וועט זיך פרעהען „בתולה", דער מאָנאַט אלול, ווען — ווען — ווען וועט עס זיין, אַז „במחול", אַז אַ שמחה מיט טאַנץ ארויסגעהן, אַז „ובחורים וזקנים יחדיו", אַז אויך די יונגע מיט די אַלטע וועלען זיין „יחדיו" אין שוהל, „יחדיו" אין איין גוטען געדאַנקען, „יחדיו" תשובה צו טהאָן, „יחדיו" היטען שבת, „יחדיו" עסען כשר „יחדיו" שטרעבען צו איין ציעל, „יחדיו" נאָר „יחדיו", דאַן אַז תשמח בתולה", מיר זאָלען עס דערלעבען צו זעהן. אָמן.

דרוש ב׳ אלול

„מה נאוו על ההרים רגלי מבשר.“
(ישעיה, נ״ב).

ווי שעהן, ווי אנגענעהם וועט זיין ,אז אויף די בערג פון ציון וועלען געהן די פיס פון אנזאגער. ווען דער נביא וואלט ניט געזאגט דעם ווארט „רגלי“, וואלט מען אויך געוואוסט, אז מען געהט מיט פיס, ניט מיט די הענט?

נאר דאך! אנטקעגען דעם דרוש, וואס איך האב בעפאר געשריבען וועלען מיר איצט דאגעגען שרייבען, אז עס איז נאך ניט אזוי שלעכט מיט אונזער פאלק און מיר קענען נאך זיך פרעהען, זאגאר ניט מיט׳ן פולען מויל, אבער דאך עטוואס.

דער מענש איז אן „עולם קטן“. אלעס וואס אין „כלל“. די וועלט איז אויך פאראן אין „פרט“ ביי דעם מענשען. די וועלט האט געבילדעטע מענשען, רבנים, גאונים, גרויסע דרשנים, מטיפים, דענקער, פילאזאפען ,אסטראנאמיקער, און אלער האנד געבילדעטע מענשען. זיי רופען זיך קאפ-מענשען אין „כלל“ פון דער וועלט, דעם מענשען׳ס קאפ איז דער דמיון. אין „פרט“.

די וועלט האט גוטע מענשען, „בעלי טובות“, „בעלי גמילות חסדים“, „בעלי צדקות“. זיי געפינען זיך ביי אלע וואהלטעטיגע געזעלשאפטען. מענשען מיט גוטע הערצער אין „כלל“ — דאס איז דער מענש, דער „עולם קטן“ זיין הארץ אין פרט. די „כלל“ וועלט האט אין זיך מענשען „בעלי מלאכות, קינסטלער און קלענערע פארטען ארבייט מענשען, שניידער־ שוסטער, שמידען, קארפענטערס, און זא ווייטער. דער מענש, דער עולם קטן אין פרט, דאס באווייזט זיינע הענט...

די וועלט אין „כלל“ האט אין זיך מענשען, אזעלכע וואס זיי טויגען מעהר ניט ווי פאר זייער בויך. עסען און טרינקען, זויפען און פרעסען, ווייטער ווילען זיי ניט וויסען, ניט פון דער וועלט, ניט פון יענער וועלט. זייער גאט איז זייער בויך, און דאס איז דער מענש, דער „עולם קטן“. זיין בויך דער סימן. די בויך בא־

ווייזט אויף די, וועלכע זיינען איבערגעגעבען נאָר צו זייער בויך, „ובטן רשעים תחסר".

אין „כלל" די וועלט האָט אַזעלכע מענשען, וועלכע זיינען גאָר נידעריגע, קליינע ברואים׳לאַך, פּראָסטע, גראָבע יונגען. די, וועלכע זיינען נאָך ביי איצטיגער צייט גאַנצע חכמים. זיי דאַרפען ניט קיין העכערען געפיהל וויסען, ווי נאָר אַרבייטען. פרעגט איהם: וואָרום אַרבייטסטו, וואָס עפּעס אַ גאַנצען טאָג זיצען, שוויצען אין שאָפּ?

קוקט ער אייך אָן אַזוי ווי איהר וואָלט זיין „חסר דעה", וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע, זאָגט ער אייך. איך אַרבייט אום איך זאָל עסען, איך זאָל קענען אַלעס קויפען צום עסען, פאַר דירה צאָהלען, פאַר קליידער און דאָס אַלעס. טרעפט איהר איהם, ווען ער עסט און פרעגט איהם וואָרום עסטו? זאָגט ער מיט אַ געלעכ־טער, איך זאָל קענען האָבען כח צו אַרבייטען. מעהר וויל ער גאָר ניט וויסען. מעהר דאַרף ער ניט וויסען, מעהר אינטערעסירט איהם ניט. רעדט צו איהם וועגען אַ צווייטע וועלט, איז גלייך מאַכט ער פון אייך אַ געלעכטער כאַ־כאַ־כאַ — אויך מיר אַן עסק. דאַוונען ווילט איהר זאָל איך? אַ צווייטע וועלט זאָגט איהר? איהר, מיס־טער לעבען, זייט געווען דאָרט?

און לאַכט און הירזשעט ווי אַ פערד, אַרבייט ווי אַ פערד, עסט ווי אַ פערד, דאַוונט ווי אַ פערד, קומט אין שוהל ווי דער פערד... אָט אַזעלכע מענשען אין כלל, אין פּרט פון דעם מענ־שען, איז דאָס זיינע פיס, די פיס, די וועלכע זיינען די נידריג־סטע גלידער פון אַלע זיינע „אברים". ווען דער מענש איז „גוסס", דאַן שטאַרבען אָפּ זיינע פיס בעפאָר אַלע „אברים". די דערביי שטעהענדע טאַפּען נאָר אַלע ווייעע די פיס, אויב זיי זיינען קאַלט, שוין אָפּגעשטאָרבען, אויב אָבער די פיס זיינען נאָך וואַרים, זיי זיינען נאָך ניט אָפּגעשטאָרבען, איז אַ באַווייז, אַז דער גאַנצער קערפּער לעבט.

די פיס אונזערע, די פּראָסטע „אברים", די נידעריגע „ברואים" — גראָבע, פּראָסטע מענשעלאַך, זיי שטאַרבען אָפּ פון אידענטום בעפאָר די הערצער, בעפאָר די הענט, געווים בעפאָר די קעפּ, אָבער

אַז זיי לעבען, דאָס הייסט, די פּיס, דאָן איז דער גאַנצער קערפּער געווים ניט געשטאָרבען.

אַ גאַנץ יאָהר, ווען איהר וועט אָנטרעפען די נידעריגע גלידער, די פּיס, דוכט זיך אייך, אַז זיי זיינען אין גאַנצען שוין טויט, קיין תפלין, קיין ציצית, קיין „שבת", קיין „תורה", קיין „תפלה", קיין „צדקה", אַבסאָלוט גאַר ניט... קיין „חברה", קיין „תלמוד תורה", קיין שוהל, דאָס איז אַלץ געוועדט אַ גאַנץ יאָהר, אָבער ווי עס קומט ר"ח אלול, אַזוי באַלד געהט מיין בריאה'לע אין אַ שוהל קויפען אַ טיקעט אויף „ימים נוראים" צום דאַווגען, פון די פיס, די קאַלטע, וואָס זיי זיינען אַ גאַנץ יאָהר געוועזען שוין כמעט אָפּ־געשטאָרבען. פּלוצלונג דערוואָרימען זיי זיך און לויפען גאָר נעה־מען אַ טיקעט, איז אַ סימן אַז דער גאַנצער גוף לעבט, אין „כלל" דער גאַנצער אידענטהום לעבט, ווי זיי געהען ווי אויפגעשטאַנענע פון אַ געפעהרליכער קרענק, אָפּגעשוואַכטע, אָבער זיי געהען, איז דער סימן פּאַרפאַל.

„הר" איז גערופען דער בית המקדש, ווי די חכמים זאָגען:

„לא כאברהם שקראו הר", זאָגט דער נביא, מיר איז קיין וואונדער ניט און איך ווער ניט אַנטציקט, ווען איך זעה, אַז די קעפּ און הערצער, און הענט געהען אין שוהל, ווייל קוקענדיג אויף די ני־דעריגע ברואים פּיס, אַז זיי געהען ניט, דענק איך, אַז די פּיס זיינען שוין קאַלטע, אָפּגעשטאָרבענע, קען דאָך ווייטער געהן צום קערפּער די קאַלטקייט, און זעהענדיג אַזוי פיעל אין אַמעריקא קאַלטע פּיס אַזוי פיעל, די, וועלכע געהען ניט דאַווגען, ווער איך צושראָקען, אָבער אַז איך דערזעה אין אלול אַז זיי געהען אין שוהל טאַקע ווי האַלב קאַלטע געשטאָרבענע, אָבער דאָך פרעהט עס מיך. „מה נאוו", ווי אָנגענעם, ווי זיס מיר איז, אַז איך דער־זעה, אַז „על ההרים", אויף די בערג פון ציון די בתי מדרשים, „רגלי", פּיס, נידעריגע ברואים, קאַלטע באַשעפעניש, אָבער דאָך זעה איך זיי „מבשר", זאָגט עס אָן אידעלאך זיי וויסען, אַז דער פּאָלק לעבט. טאַקע ער איז קראַנק, אָבער געשטאָרבען איז ער ניט.

דרוש ג׳ פאר ימים נוראים

„על חטא שחטאנו לפניך ביודעים ובלא יודעים."

ר׳ יעקב עמדין זצ"ל פרעגט, דאכט זיך, אז דער „סדר הוידוי" איז בעפאר דער „שוגד", נאכהער דער „מזיד", נאכהער „להכעים" אזוי ווי עס איז אפגעשטעלט דער סדר „הוידוי" אנא „חטאתי" (דאס איז אומגערן) „עויתי" (גערען) „ופשעתי" דאס איז („להכעים") אלזא, האבען מיר דאך אויך אזוי געדארפט זאגען: „על חטא שחטאנו לפניך" בעפאר „בלא יודעים" ניט וויסענדיג דאס איז „חטא" אומגערען, און נאכדעם „וביודעים" וויסענדיג דאס איז „עון", „מזיד" מיט גערין?

„אטה למשל אזני", מיט פינף און צוואנציג יאהר בעפאר זיינען אנגעקומען אין ניו יארק צוויי ברידער, ביידע שניידער בני שניידער אפילו דער זיידע זייערער איז אויך געווען א חייט, אבער עהרליכע און פרומע זיינען זיי געוועזען. איינער האט מעהר קיין קעלט גע־האט צו פאהרען איז ער געבליבען אין ניו יארק. דער אנדערער איז געפאהרען אין פילאדעלפיא און דארטען האט ער זיך אפגע־שטעלט. די ערשטע צייט האבען זיי זיך געשריבען. עס איז אוועק־געגאנגען א האלב יאהר צייט האט מען אויפגעהערט זיך צו שריי־בען. דעם ניו יארקער איז געגאנגען זעהר שלעכט, ער איז פשוט געווען א „מחוסר לחם", און מען קען זיך פארשטעלען, אין ניו־יארק מיט א פאמיליע, אז מען מאכט קיין לעבען ניט, און די קינ־דער זיינע קליינע. לעבענסמיטעל, רענט, שיכעלאך, זעקעלאך, קליי־דעלאך, אליין ווי מען קען, אבער די קיינוואָרג און רענט, דאס איז קיין תירוץ.

עס איז שוין אוועקגעגאנגען פינף יאהר זינט ער האט זיך ניט געזעהען מיט זיין ברודער. ער געהט אזוי פארטראכט אין עלען סטריט, ער קומט צו גרענד סטריט, גלייך אויפ׳ן קארנער, זעהט ער זיין פילאדעלפיער ברודער. זיי האבען זיך ארומגעכאפט. נאך אלעמען זאגט דער פילאדעלפיער ברודער, זאג מיר יאסעל, וואס ביזטו אזוי פארדארט און פארטריקענט, דו זעהסט דאך אויס אזוי ווי דו וואלסט געהאט די שלעכטע קראנקהייט, זאג מיר וואס איז

מיט דיר דער מעהר? זאג מיר ווי געהט עס דיר? עפּעס איז ניט גלאטלעך מיט דיר.

בעפּאר זאג מיר דו ווי געהט עס דיר אין פילאדעלפיא. מאכסטו ביזנעס, אדער דו ארבייטסט אין שאפּ? זאג מיר דוד, ווייל פון מיר ווערסטו גאר קיין נחת ניט האבען, ווען איך וועל דיר איבערגעבען ווי מיר געהט. זאג מיר דו, ווי דיר געהט דוד, עפּעס קיין „עין הרע" זעהסט אויס שעהן, דיק, אנגעגעסען, ווי קומט עס צו דיר אזא בייכעל... אונזערע „אבות אבותינו" האבען עס ניט געהאט.

מיר אין פילאדעלפיא געהט עס זעהר גוט. שוין דריי יאהר ווי איך האב געמאכט א שאפּ און אין שאפּ מיינעם שטעהט ביי פערציג מאשינען און עס ארבייטען ביי מיר ביי 60 מענשען. איך בין גוט אפּ. איך פארמאג א פופציג טויזענט דאלאר...

איצט, וואס איז מיט דיר יאסעלע, עפּעס זעה איך, אז ניט זעהר פרעהליך איז מיט דיר. דו זעהסט דאך מיר אויס אזוי ווי אין דער ערד ארייניצוליגען דיך.

הער זיך איין מיין ברודער, מיר איז ביטער, טויזענט מאל, טויזענט מאל מעהר ביטערער ווי דער טויט. איך בין דער אומגליקליכסטער פון אלע אומגליקליכע, און אזוי איז די געשיכטע. ער האט איהם איבערגעגעבען וואס מיט איהם האט פּאסירט ביז איצט. איך בין איצט נאך מעהר אומגליקליכער ווי די גאנצע צייט וואס ביז אהער איז מיר שלעכט געווען.

הער זיך איין יאסעל, דו זאלסט מיר נאר ענטפערען אויף איין פראגע וואס איך וועל דיר פרעגען, דו ארבייטסט שבת אדער ניט? אט דאס אלעס דארף איך וויסען. זאג מיר, ווייל איך וויים, אז דו ביסט אן איינגעשפּארטער.

וואס רעדסטו? וואס פרעגסטו? ביזטו חסר דעה צו ניט? וואס! איך וועל ארבייטען שבת? געדענקסטו דען ניט, וואס דער רבי האט אונז געלערענט וואס שבת קודש באטייט? און אז איך וועל אויסגעהן פון הונגער, וועל איך דען ארבייטען אום שבת? ניין! ניין! איך האב ניט געארבייט און איך וועל ניט ארבייטען אום שבת...

הער זיך איין יאסעל, זאגט דוד צו איהם, אט דערפאר ביזטו

אזא שלעפער. אט דערפאר ליידסטו אזוי. דו ווייסט גאר ניט וואס דער „יצר הרע" קען. פאלג מיר ווער א מענש און ארבייט שבת. זארף אוועק די נארישקייט פון דער היים, פון טאטען און דעם רבי אונזערען, נעם איך דיך באלד מיט אין פילאדעלפיא און דארט וועסטו ביי מיר ארבייטען, דו וועסט האבען פופציג דאלאר א וואך, סטעדי ארבייט. וואס זאגסטו, דו ביסט מסכים אדער ניט?

אזוי ברודערל, זאגט יאסעל צו איהם, אזא תכשיט ביסטו, אזא גוי געווארען אין אמעריקא. ניין, איך וויל דיר ניט קענען מיט דיינע דאלאר, אויף אזא מאדע לאך איך פון דיר. מיר איז שוין בעסער פון דיר. מיר קען נאך גאט העלפען און דו ביסט שוין א באגראבענער. דו ביסט דאך קיין איך ניט. זיי דיר געזונט. איך וויל דיך ניט קענען מעהר, און ער איז אוועקגעגאנגען. אין א פאר יאהר ארום האט ווייטער אנגעטראפען יאסעל זיין ברודער. יאסעל האט איצט אויסגעזעהן אין גאנצען אזוי ווי א מת. וואס איז מיט דיר יאסעל, ווי איז עס דיר?

מיר איז נאך ערגער, טויזענט מאל ערגער ווי דו האסט מיך געזעהן דעם ערשטען מאהל. עס איז ביטער. מיין פרוי איז אין האספיטאל. זי איז פשוט קראנק פון הונגער. א קינד איז געשטאר־בען, האט אויך געזאגט א דאקטאר, אז פון הונגער איז ער געשטאר־בען. שלעכט ברודער.

יאסעל, דאן ביסטו בייז געווארען אויף מיר, אז איך האב דיך געפרעגט אויב דו ארבייטסט שבת. איך פרעג איצט ווידער: דו ביסט נאך א שומר שבת אדער ניט? דו גלויבסט נאך אין די פאר־צייטיגע קלייניגקייטען, זאג מיר?

מיין ברודער דוד, איך ארבייט שוין שבת אויך, און דאך בין איך דער שלעפער וואס פריהער, און נאך מיט א צוגאב. דאן האב איך און מיין פרוי און קינדער געוועזען כאטש געזונט, און איצט קרענקען זיי אלע, און איך מיט זיי צוזאמען.

זעהסט יאסעל, דאס פארשטעה איך שוין גאר ניט, וואס עפעס מיין יצר הרע מאכט מיך רייך און דיך באגראבט ער נאך מעהר. דאס פארשטעה איך ניט. אה! יא! הער זיך איין יאסעל, וואס איך וועל איך נאך פרעגען איין קליינע פראגע, פון דעם וועל איך פאר־שטעהן ווארום דו ביסט ניט מצליח אפילו ווען דו ארבייטסט שבת.

הער! אז דו אַרבייטסט שבת שטעכט דיך אין האַרצען, פאַרדריסט דיר אָדער ניט?

וואָס פרעגסטו מיך אַזאַ נאַרישע פראַגע, וואָס הייסט עס שטעכט מיר אין האַרצען אָדער ניט? אמת, איך אַרבייט שוין אום שבת אויך, אָבער ווייל די נויט האָט מיר דערצו געבראַכט. איך גיה אַרום זונטאַג, מאָנטאַג, דינסטאַג אָהן אַרבייט, מאַכט זיך מיר אַ שטיקעל אַרבייט מיטוואָך פאַרנאַכט און דער קאַסטימער דאַרף עס ניט אַנדערש, ווי אויף זונטאַג. מוז איך צוליב מיין נויט פון פקוח נפש, פינדעשען אום שבת, אָבער אַז איך טהו נאָר איין די קאַטען אין מאַשין טראַכט איך מיר און בעט ביי גאָט, אַז איך וועל געהן אין סטרים זאָל מיר אַ קאַר אָדער אַן אויטאָמאָביל צומאַהלען אויף מעהל, ווייל איך בין מחלל שבת קודש. נו, שטעכט עס מיר אין האַרצען.

יאָסעל, יאָסעל, אָט דערפאַר וואָס דיר שטעכט אין האַרצען נאָך דיין שבת, דיין אידישקייט, וואָס דו קענסט ניט אָפּהיטען, דערפאַר טאַקע טויגסטו אויף כפּרות, און דערפאַר העלפט דיר ניט דער „יצר הרע". מיר שטעכט ניט אין האַרצען קיין שבת, אפילו יום כפור אויך ניט. (איך האָב אויף יום כפור דערמאָהנענדיג געשריבען אַפילו, קען דער לעזער דענקען, אַז דער מחבר ווייס ניט, אַז יום כפור איז קלענער פאַר שבת קודש. ניין, דער מחבר ווייס, אַז יום כפור איז „כרת" נאָר, און שבת „בסקילה", אָבער דאָך אפילו ציטערט מען. פאַר דעם טאָג ציטערען אַלע).

דעם נמשל וויל איך מאַכען גאַנץ קורץ. דער לעזער זאָל דעם געשפּרעד זייערען אין נמשל פאַרברייטערען הונדערט מאָהל ברייטער. פריינדע! ווי רופט מען דעם, וואָס איהם שטעכט אין האַרצען, דער וואָס ווינשט זיך דעם טויט מיט אַ „מיתה משונה", ווייל ער דאַרף נעבעך און מוז נעבעך אַרבייטען אין הייליגען טאָג. איהר מעגט ווערען אויף מיר אין כעס, איך קען זיך ניט העלפען. איך פיהל זיין וועהטאָג, ער ווייסט נאָך פון שבת קודש. איהם מוזט איהר ניט געבען דעם שטרענגען פסק פאַר „חלול שבת" אין אַזאַ לאַגע. אַז ער פרעסט דעם בגד און איהם פרעסט נאָך זיין האַרץ. ער שניידט די וואַרע און ווינשט זיך, אַז ער זאָל צושניטען ווערען. איך מאַך איהם פאַר אַ שוגג... איהר מעגט זיך קרומען פון

היינט ביז מאָרגען. איהם זאָג איך, אז ער איז דער גרינגער מחלל שבת, ער איז דער שוגג אליין... אויף איהם איז דער „על חטא שחטאנו לפניך ביודעים", וויסענדיג איהם שטעכט נאָך אין האַר־צען שטאַרק דעם שבת, „ביודעים" אַזעלכער וואָס וויים נאָך... זיין ברודער ווייסט שוין גאָר נישט. עס זיינען שוין אָפּגעשטאָרבען ביי איהם אַלע הייליגע געפיהלען. ער איז א רשע, ער איז דער הארבער „על חטא", „ובלא יודעים", ודוק.

פריינדע, וויפיעל האָבען מיר „ביודעים"... די זיינען נאָך היי־סע, לעבעדיגע אידען... אָבער מיר האָבען א סך ובלא יודעים". זיי פיהלען שוין גאָר ניט, זיי איז אַלעס איינס. די אַלע עלף מאָ־נאַט בעפאָר „אלול" ווי אלול, און אַלע צוועלף מאָנאַטען מיט אלול צוזאַמען איז ביי איהם גלייך. תשרי מאָנאַט, וואָס אין דעם איז דאָ ראש השנה און יום כפור. (פאַרברייטער וואָס איהר קענט. איך קען ניט).

דרוש ד׳

א מוסר השכל צו זאָגען ר"ח אלול אָדער אין אלול.

א סוחר, וועמעס ביזנעס עס איז געוועזען גלעזערנע, טייערע „כלים", ער האָט געדאַפט פאָהרען מיט א פוהר ווארע אויף א גרוי־סען מאַרק, א שטרעקע פון פיער רוסישע מייל. די וועג איז געווע־זען א שלעכטע, דורכאויס שטיינער, בערג און טאָלען. אויף דער שטרעקע איז געוועזען צוועלף קרעטשמעס אויפ'ן וועג און וואו איי־נער וויל קען ער זיך אָפּשטעלען רוהען.

דער סוחר האָט אָפּגערעדט מיט'ן „בעל עגלה" ער זאָל פאָהרען פאָרזיכטיג, ווייל עס איז טייערע גלעזערנע כלים, געפּאַקט אין וואָגען. דער „בעל עגלה" איז אָבער געוועזען א „שיכור", ער האָט ניט אכטונג געגעבען אויף די שטיינער וואָס ליגען אין וועג, און יעדע וויילע האָט זיך געהערט א קראַך פון די כלים. דער סוחר שרייט, עס העלפט ניט. ער האַלט אין איין יאָגען די פערד. עס איז געקומען צו דער ערשטער קרעטשמע האָט זיך דער סוחר געבעטען רחמים און מיט בייזען ער זאָל זיך אָפּשטעלען ביי דער קרעטשמע.

עס האָט ניט געהאָלפֿען. דער „בעל עגלה" האָט אַ שמיץ געגעבען די פערד און פֿאַרבייגעלאָפֿען.

און אַזוי יעדע קרעטשמע. זיי זיינען געקומען נאָהענט צו דער לעצטער קרעטשמע איז דער סוחר געוואָרען ווילד פֿאַר יסורים און איז צוגעלאָפֿען צו איהם און האָט אויסגעשריען: מיין טויט אָדער דיין טויט, ווייטער געהסטו ניט. דאָ מוז מען זיך אָפּשטעלען. דו האָסט מיר צובראָכען פילייכט אַלע כלים. ביי דער לעצטער קרעטשמע מוזען מיר זיך אָפּשטעלען. איך האָב מיט מיר דריי סאָרטען צעמענט. וואָסערע כלים עס זיינען צובראָכען וועל איך צוזאַמען קלעפּען.

דער מענש אויף דער וועלט איז אַראָפּ פֿון הימעל. זיין נשמה, „מתחת כסא הכבוד", דער מענש זאָל זיין אַ סוחר, ער זאָל איינהאַנדלען איידעלע זאַכען, ער זאָל האַנדלען מיט תרי"ג מצות. דער דער סוחר, דער מענש, מוז זיין פֿאַרזיכטיג ווי ער פֿאָהרט מיט זיין „בעל עגלה" דעם גוף אויפ'ן יאַריד, אויף דער וועלטעלע, גוט אַכטונג געבען „חס ושלום" ווי דער פֿערדעל, דער גוף, וויל איהם פֿיהרען. עס ליגט אויפ'ן וועג שטיינער („אם אבן הוא נמוח ברכות„) דאָס איז דער „יצר הרע", דער יאַריד איז ר"ה, יום כפור, ווען ער קומט צום גרויסען יאַריד „עשרת ימי תשובה", ער זאָל קענען אויספּאַקען זיינע זכיות און אויסבייטען פֿאַר חיי — בני ומזוני — עס איז אָבער אוממעגליך צו ברענגען אַלע כלים גאַנצע. עס איז דאָך אַ ריזיקאַלע וועג, האָט מען איהם געגעבען קרעטשמעס, וואו אַכטונג צו געבען און טאַקע צוועלף חדשים. יעדען חדש אַ טאָג בער־פֿאַר צו סטאָפּען ביי דער קרעטשמע, דאָס הייסט, יום כפור קטן און פיקסען אַלע אַלע די צובראָכענע כלים, דאָס איז אויך ווען מען פֿאָהרט לאַנגזאַם... דער „בעל עגלה" קוקט גאָרניט און האַקט זיך אימער אָן אָן אַ שטיין... דער „יצר הרע" עס קומט „ערב ראש חדש" לויפֿט ער פֿאַרביי... אָט אַזוי די אַלע עלף קרעטשמעס, חדשים... דאַרף דער סוחר, דער מענש, אָבער ניט לאָזען פֿאַרביילויפֿען, דעם לעצטען סטאָפּ, בעפֿאָר דעם יאַריד, און אַזאַ לויפֿען ווי מען לויפֿט אין אַמעריקאַ... סטאָפּ בעל עגלה! איך לאָז דיר ניט, ווייטער לויפֿען, איך ווייס זעהר גוט, אַז די מעהרערע, כלים זיינען צובראָכען... אָבער איך האָב דריי סאָרטען צעמענט צוזאַ־

מען צו קלעפּען די כּלים... „תשובה" אויב די כּלים זיינען צובראָ־כען אין גאַנצען, און מען קען זיי ניט פיקסען, מוז מע אַוועקוואַר־פען זיי און נעהמען פון היינט אָן כּלים גוטע, און שוין היטען זיך עס זאָל מעהר ניט צובראָכען ווערען... זיך אומקעהרען צוריק... „תשובה" און אויף די צובראָכענע כּלים איז דאָ אַ צעמענט „תפילה" בעטען ביי גאָט רחמנות וואָס זאָל מען טאָן ,אַז דער מענש האָט צו טהאָן מיט אַ שיכור'ן „בעל עגלה" קיין קלוגער, ניכטערער איז ניט עובר אויף איין „עבירה" „אין אָדם עובר עבירה א"א נכנס בו רוח שטות"... און נאָך אַ צעמענט אַ טייערען, האָב איך דאָס איז „צדקה", מיט דעם איז „מעבירין את רוע הגזירה אָמן...

ה.

דער ווייסער קיטעל, קען ניט ווייס מאַכען די שוואַרצע האַרץ. די האַרץ דאַרף מען רייניגען בעפּאָר מיט וואַסער. „עיני עיני יורדה מים" און דאַצו, זיך איינפּווידערען מיט צום — קול — און ממון.

ו.

„כל המוריד דמעות על אדם כשר, הקב"ה סופרן, ומניחן בבית גנזיו." (שבת ק"ח).

דעם אַנדערען טאָג „ראש חדש אלול" הייבט מען שוין אָן צו בלאָזען „שופר", דאָס איז דער אָנזאָג, אַז אַ געגוייער „חדש" איז דאָ ביז דעם „יום הדין, דאָס איז די „התראה" אַז מיר דאַרפען זיך גרייטען צום יום הדין, און מיר דאַרפען אויסקלינגען אַלע אונזערע פלעקען, וואָס עס איז אויף אונזערע בגדים געפאַלען אין דער צייט פון די אַוועקגעגאַנגענע עלף מאָנאַט.

„עורו ישנים משנתכם", זאָגט אונז דער שופר, און ווען עס געהט אַוועק אַ טאָג, ווען עס דערנענטערט זיך צום „יום הדין הגדול והנורא", דאַרפען אימער אַלץ מעהר און מעהר רייניגען זיך פון אַלע שמוץ און צו געהן ריין צום „יום הדין", ריין און שעהן, זיך שטעלען צום משפט, אויף „דיני ממנות" און „דיני נפשות", וואָס מיר זיינען באַשולדיגט און ניט פאַר זיך אַליין איז דער

„משפט“, נאר אויך אויף דער פרוי און קינדער און גאנצע פאַ־מיליע, אז מען זאל ניט „אפ'משפט'ן ח"ו צום טויט.

זעהר טייער זיינען די טעג פון דעם מאָנאט „אלול“. מיר קע־נען קומען ריין „ראש השנה“ צום טרייעל. גליקליך זיינען די יע־ניגע וואס קומען ריין ר"ה צום דין און לאזט א טרער און דער טרער פאלט אויף זיין הארץ, אז זי, די הארץ זיינע איז שוין א ריינע... אז זי, די הארץ זיינע, איז שוין א כשרה. „כל המוריד דמעות“, יעדער וואס לאזט זיינע טרערען פון זיינע אויגען, און דער טרער פאלט ארויף „על אדם כשר“, אויף א מענשען וואס איז שוין כשר, ער האט זיך גע'כשר'ט בעפאר דעם „יום הדין“ מיט תשובה און מעשים טובים. „הקב"ה סופרן ומניחן בבית גנזיו“, אט די טרערען לעגט גאט זיי אוועק אין זיינע „אוצרות“. די טרע־רען זיינען טייער, ליעב פאר אים. די טרערען ווערען אנגענומען אין זיינע אוצרות און ער נעהמט פון זיינע אוצרות ארויס פאר אונז געזונד און פרנסה, לעבען און נחת פון קינדער און גוטעס פאר דעם „כלל ישראל“. אמן.

דרוש ו' אלול

ווערט סובסקרייבער !

איך גיב אן עצה און פאלגט אוים מיין עצה טובה. אט איצט אין דעם מאָנאט ווערט פובליצירט א זעלטענער טייערער ספר. ער איז אין דרוק. זעהט, ווערט סובסקרייבער פאר דעם ספר. ער הייסט „ספר החיים“. דער שופר פון צווייטען טאג ר"ח אלול און אלע טאג זאגט אייך אן און בעט אייך, זעהט עס ליגט אין דרוק א ספר, ער ווערט געפינדעשט פיקס און פארטיג, ר"ה... צאהלט איין דריי דאלאר, קריגט איהר אויף אייער נאמען אריינגעשיקט אין הויז דער ספר החיים. די דריי דאלאר איז „ותשובה, ותפילה, וצדקה“, ווי קען מען בעטען „וכתבנו בספר החיים“, אז דער ספר איז ניט געפאדערט געווארען... זעהט ווערט סוב־סקרייבער...

דרוש ז׳

א טריין טיקעט קויפט

איך בין אמאהל געפאהרען פון ווארשא נאך פעטערבורג, א פולע קאר זיינען געוועזען אין דער קאר וואו איך בין געזעסען. אז מיר זיינען אפגעפאהרען איין סטאנציע, האבען מיר דערהערט א טומעל אין קאר. א איד האט זיך באהאלטען אונטער׳ן באנק און דער נאטשאלניק פון סטאנציע האט איהם געכאפט. מען האט איהם ביי דער צווייטער סטאנציע אראפגעפיהרט און ער האט געמוזט באצאהלען דאפעל, דערצו האט ער האט קיין פאספארט אויך ניט געהאט האט מען איהם אריינגעזעצט אין פריזאן, נאכהער געשמידט אין קייטען און געשיקט מיט עטאפ.

ברידער, עס ענדיגט זיך באלד דער טיקעט, וואס מיר האבען געקראגען פאר א יאהרען דורכצופאהרען אויף דער וועלט טריין די צוועלף סטאנציעס, די צוועלף מאנאט, ווי מיר זיינען געפאהרען, ווער אויף א הארטען באנק, ווער אויף א ווייכען, ווער עס ווערט נעבעך צוטרייסעלט און ווער עס זיצט „בהרחבה“. וועמען עס ווערט אראפגענומען זיין פרוי ביי א סטאנציע פון די צוועלף מאנאט סטאנציעס, אדער א קינד ח״ו, ווייל ער האט ניט איינגעקויפט געגוג טיקעטס... זעהט קויפט א טיקעט. מיט צום—קול—ממון קריגט איהר דעם טיקעט אויף אלע צוועלף סטאנציעס און איהר פאהרט רוהיג ביז דער גרויסער סטאנציע איבער א יאהר „ראש השנה.“

דרוש ח׳ אלול

„על פי שנים עדים יומת המת לא יומת על פי עד אחד.“

איך האב געזעהען אין ספרים דעם באור „על פי דרוש“, א „מוסר השכל“ אין דעם ענין פון „תשובה“. די חכמים זאגען אונז, „שאלו לנבואה נפש החוטאת מה תהא עליה וכו׳ תרדף רעה“, לחכמה וכו׳ האט זי עננטפערט „ימות“, לתורה וכו׳ — יביא קרבן להקב״ה — יעשה תשובה. אלזא די נבואה און חכמה זיינען בייגאהע

גלייך. די תורה זאגט, אז דער מענש זאל לעבען, נאר ער זאל ברענגען א קרבן, טויטען א בהמה, אבער השי"ת זאגט קיין בהמה דארף מען אויך ניט טויטען. א רחמנות אויף א „בהמה", נאר דער מענש דארף תשובה טהאן און דאס אלעס. „על פי שניים עדים". די "חכמה" און „נבואה" האט אפגע'פסק'ענט דעם מענשען צום טויט, אבער „לא יומת על פי עד אחד", דאס איז גאט ב"ה. מיט תשובה וועט איהם פארגעבען ווערען. איצט איז די פראגע, אז דער רבש"ע איז טאקע אזוי גוט צו אונז און ער בעט זיך, קינדערלאך מיינע, טהוט „תשובה", איהר ווערט גליקליך זיין, אז איהר וועט תשובה טהאן. טהוען מיר טאקע תשובה? מיר קומען צו די ערשטע סליחות טאקע צוליעב דעם חזן הערען. ניין, וועט איהר זאגען, מיר ווילען עס באלד ערקלעהרען. ווי קומט חזנות צו תשובה? מיר קלאפען זיך אין הארצען „על חטא שחטאנו לפניך", מיינען מיר טאקע „תשובה". „חרטה", אויף וואס מיר האבען געטהאן, און „קבלה" אויף ווייטער ניט קיין שלעכטעס צו טהאן און אנפאנגען גוטעס צו טהאן. אויב מיר טהוען אזוי, איז עס גוט, און מיר ווילען דערלעבען א שנת חיים.

דרוש ט'

טהוען מיר א ריכטיגע תשובה?

אין אלול, און אנדערע נאך בעפאר אלול, עפענען די שוהלען צו פארקויפען טיקעטס, צו הערען א חזן. נאך בעפאר דעם חודש אב האבען זיי שוין אנגענומען דעם חזן אויף וועלכען עס שרייבט זיך אויף דער „מודעה", נאך פיעל מיה איז אונז געלונגען צו באקומען דעם גרויסען חזן, מנגן ר' יקותיאל חטאת בן חטאת. ער וועט פארבעטען פאר אונז. קומט צו די ערשטע סליחות, באוואונדערט זיין ריזיגע טענאר שטימע (וועלכע ער האט אנטדעקט שרייענדיג, ווען ער איז געווען א רעגס-פעדלער, שרייענדיג אלטע זאכע... פרעג איך אייך צו וואס דארף מען אין גאנצען האבען אזא בריאה מיט א קאמער טאן, ימים נוראים.

עס דערמאנט מיר, וואס איך האב געהערט דערצעהלענדיג פון בעלמער חזן. זיין הויז האט זיך אנגעצונדען. שרייט צו איהם זיין

ווייב: געה ארוים און מאך א געוואלד מענשען זאלען צוזאמענ־לויפען און העלפען אונז ראטעווען די קינדער, די זאכען אונזערע.

יא, ענטפערט דער חזן. איך געה דאס טאקע טהאן, נאר איך זוך דעם קאמער טאן איך זאל וויסען מיט וואס פאר א שטימע צו שרייען פייער, פייער, קומט ראטעוועט!

די זעלבע פרעג איך, וואס האט צו טהאן „ונתנה תוקף" מיט א קאמערטאן, צו שרייען מי באש, ומי במים. אי, מענשען, מענ־שען, ווען איהר וואלט געדענקט אביסעלע מעהר פון תשובה, וואלט איהר ניט אויסקלייבען א חזן, אן אקטיאר, א חטאת, א מחלל שבת, און איהר זאלט איהם אוועקגעבען די גאנצע געלט, וואס עס ברענגט אריין ימים נוראים. זאגט מיר, איהר מיינט טאקע, אז דאס איז תשובה?... איהר מיינט טאקע, אז נאר קומען אין שוהל און הע־רען דעם חזן און קלאפען אין הארצען, אט דאס איז תשובה און איהר מיינט ניט, אז איצטיגע צייט איז שווער „תשובה" צו טהאן. נייז, עס איז גרינג „תשובה" צו טהאן, נאר אוועקווארפען די שמוץ און נעהמען גוטעס.

דרוש יו"ד

„העובר לפני התבה, היורד לפני התבה".

אמאהל רופען די חכמים דעם חזן „העובר לפני התבה" און אמאהל „היורד לפני התבה". פאר וואס זיינען זיי „משנה" פון „העובר" אויף „היורד". איך וועל עס ערקלעהרען אין איינינע ווער־טער אין העכסט מליצה און מוסר השכל. דער מענש איז דער העכ־סטער, דער בעסטער פון אלע באשעפענישען, העכער פאר'ן ח"י, געוויס העכער, טייערער פאר דעם צומח. דאס איז ווייל ער איז א מדבר און ער האט א תורה און ער פאלגט אויס די רייד פון דער תורה, אבער אויב ניט, איז ער נידעריגער פאר אלע ברואים, אפילו פאר'ן צומח.

דער „עמוד", די „תבה", ווי די חז"ל רופען עס, איז געמאכט פון „צומח". ווען דער מענש, דער מדבר, ער רעדט מיט זיין מויל וואס א איד דארף רעדען און אין כלל — ער טהוט אלעס, וואס א

מענש דארף טהאן. און נאך דערצו, וואס א איד איז מחויב צו טהאן, דאן איז ער העכער פאר דעם עמוד. אויף איהם ווערט גע־זאגט „העובר לפני התבה", ער מעג און פאר איהם פאסט צו געהן פאר'ן עמוד. אבער אויב ער איז פון די, וואס זיינען ניט „מדקדק" און זיי געהען ניט אין דעם וועג וואס די „תורה" האט געהייסען געהן, און ער קומט צום עמוד, שטעהט ער נידעריגער פאר'ן „עמוד". אויף איהם איז געזאגט „היורד לפני התבה", ער איז א „יורד" פאר דעם עמוד, נידעריגער א סך פאר דעם עמוד...

זאגט מיר פריינדע, איז עס ניט א שאנדע, אין דער צייט, וואס מיר דארפען קומען פאר'ן יום הדין בעטען רחמים פאר געזונד און לעבען, פרנסה, א. ד. גל. זאלען מיר אזוי שלעבט זיין און מיר זאלען חוזק מאכען פון זיך און פון וועמען איך וויל ניט דערמאנען גאר. איך וויל ניט שרייבען מעהר וועגען דעם. וויטער די זעלבע פראגע. טהוען מיר טאקע „תשובה" ? הייסט דאס די תשובה פילייכט וואס דער פרעזידענט מיט זיינע משרתים פארקויפען טיקעטס ר"ה פאר נאכט, נאך דער „שקיעה" און ער וויל ארייננברענגען אין שוהל נאך עטליכע דאלאר. איז ער ניט א צדיק ? אבער הייסט עס תשובה ?

דרוש י"א פאר ראש השנה

איזהו שוטה, המאבד מה שנותנין לו, והמקרע כסותו, והלן יחידי בבית הקברות.

(חגיגה ג').

ווער ווערט גערופען א שוטה, אז ער איז פטור פון די מצות, וואס איז אין משנה דערמאהנט, „חוץ מחרש שוטה וקטן", דער איז א „שוטה", אז ער פארלירט דאס וואס מען גיט איהם, ער האט קיין פארשטאנד צו היטען א זאך, און ער צורייסט זיינע בגדים, און ער נעכטיגט אליין אויף דעם בית עולם, אט דער איז פטור פון אלע מצות וואס עס איז גערעכענט אין משניות — דכל חייבין וכו' חוץ מחרש שוטה וקטן".

איך האב לאנג שוין געזעהן א זעלטענעם מוסר געדרוקט אויף

דעם מאמר, און איך האָב אָבער, אַז איך טהו אויף פיעל מעהר ווי דאָרט. דעם תמצית נעהם איך נאָר פון דאָרט. מיר דוכט, אַז אין „חות יאיר“ האָב איך עס געזעהען, נאָר דאָך וועל איך עס מאַכען גאַנץ קורץ, ווייל אויף ימים נוראים פעהלט קיין דרשן רייד, נאָר דעם מאמר...

דער רבש"ע האָט פיעל וועגען צו שטראָפען דעם מענשען, אַז ער זאָל זיך אַרומקוקען וואו ער האַלט און ער זאָל זעהען „תשובה“ טהאָן, ווייל די חכמים זאָגען אין (ברכות ה') „אם רואה אדם שיסורין באין עליו יפשפש במעשיו“, אין מדרש (ויקרא רבה פ' י"ז ד') „אין בעל הרחמים פוגע בנפשות תחלה, אלא עשיר בשירו“ וכ"ו. אזוי טהוט דער רבש"ע, אונזער בעל הרחמים. ער שטראָפט דעם מענשען מיט זיין רחמנות, אום ער זאָל תשובה טהאָן און ער זאָל ניט פאַרלירען זיין קונפטיגע ריכטיגע וועלט.

און דאָס ווייסען אַלע געוויס דעם מאמר „אין אדם עובר עבירה אלא אם כן נכנסה בו רוח שטות“, (סוטה ג'), אַלזאָ, ווייסען מיר אַ כלל, אַז ווען אַ מענש טהוט אַן „עבירה“, ווערט ער ווי „משוגע“, עפּעס אַ משוגעת קומט אין איהם אַריין. ער איז דאַן ניט דער קלו־גער מענש, נאָר ער איז דער סוטה, דער נאַר, אַ פּשיטא שוין, ווען איינער טהוט פיעל „עבירות“ ווערט ער גערופען סוטה, געדענקט דעם כלל.

דער באַשעפער אונזערער זעהט אַז דער מענשעלע, דער גרויסער סוטה, קען צו ווייט אַוועקגעהן, שיקט ער אַן אויף איהם „יסורים, עשיר בשירו“, וכו. גרויסע יסורים אין ביזנעס, ער פאַרלירט אַלעס וואָס גאָט האָט איהם געגעבען זיין ביזנעס, ער ווערט אַן אָרימאַן, אָדער אַ „חיה רעה“ אין מענשען געשטאַלט שיקט ער אַן אויף איהם, און מען מאַכט אַ האָלד־אָפּ און ער בלייבט אַן אָרימאַן. אַז ער וואָלט ניט געוועזען ווערט וואָלט מען איהם דאָס ניט געטהאָן. אַז ער ווערט אַן אַלעס און ער האָט נאָך קיין תשובה ניט געטהאָן, דער איז שוין אַ סוטה, ער בלייבט אַ סוטה, „איזהו סוטה“, וועל־מענש קען גערופען ווערען סוטה באַשטימט, „המאבד את מה שנותנין לו“, אַז ער פאַרליט אַלעס וואָס גאָט האָט איהם געגעבען און דאַן טהוט ער קיין תשובה, אָט איז ער אַ סוטה...

דאַן אַז איהם העלפט ניט, ווי דער „בעל הרחמים“ האָט גע־

מאכט צו איהם מיט רחמנות דווקא, ניט געקומען צו איהם מיט „דיני נפשות", נאר צו זיין געלט, דאן קומט שוין איהם נעקסט די שטראף ביי איהם אין הויז, פון טויט, זיין פרוי, אדער א קינד ח"ו און ער מוז קריעה רייסען. דאס איז אלץ איהם צו ווייזען דעם וועג פון „תשובה", אבער ח"ו אז איצט טהוט ער אויך ניט קיין „תשובה", דאן איז ער געווים פון די וואס מען רופט איהם סוטה, דער „רוח שטות" איז שוין אריין אין איהם צו שטארק. „והמקרע כסותו" און דער וואס דארף ח"ו צורייסען זיין קלייד, ווען ער האט קיין תשובה געטהאן, אויף די ערשטע פון „המאבד מה שנותנין לו", מוז ער זיין פון די „והמקרע כסותו", דער איז א סוטה. דער איז שוין א ריכטיגער „סוטה", ער בלייבט שוין א „סוטה" ביז מען טהוט איהם אריין אין קבר, ווייל „רשעים אפילו על פתחו של גיהנם אינם חוזרין" (עירובין י"ט) ער בלייבט שוין א סוטה ביז „והלן יחידו בבית הקברות".

טייערע שוועסטער און ברידער, היינט איז ר"ה, היינט איז דער „יום הדין הגדול והנורא", אויב מיר טהוען קיין תשובה ניט מיט'ן גאנצען הארצען, קען ח"ו זיין, אז יעמאנד פון אונז זאל באשטראפט ווערען מיט אומגליק פון ביזנעס און אנדערע ערגערע ח"ו. „לא יעלה ולא יבא", מיט קריעה רייסען און אנדערע ח"ו זיינען פון די וואס די עלטערען דארפען אליין זיין פון די „הלן יחידי בבית הקברות", זאלע מיר בעסער זיין ניט פון די „סוטים" און „תשובה" טהאן א ריכטיגע, אמת'ע תשובה, וועלען מיר האבען א „שנת חיים ושלום". אמן.

דרוש י"ב

„מהר יקדמונו רחמיך כי דלונו מאד"

אין דער שטאדט „ק" האבען געוואוינט צוויי ברידער,ביידע זיינען געוועזען שעהנע, אנגעזעהענע בעלי הבתים, גוט אפ. איינער האט געהאט דריי זיהן און צוויי טעכטער, דער אנדערער האט נאר געהאט איין מיידעל, וועלכע זיין פרוי האט איהם געבוירען זעכ־צעהן יאהר נאך זיין חתונה. ווען די מיידעלע איז אלט געווארען

זעקס יאָהר, איז די מוטער געוואָרען שטאַרק קראַנק און אין אַ קורצע צייט איז זי געשטאָרבען. אין אַ יאָהר אַרום איז דער פאַטער קראַנק געוואָרען מיט אַ געפעהרליכער קרענק פון וועלכער ער איז שוין ניט געזונד געוואָרען.

ווען ער האָט געזעהן, אַז זיינע כוחות לאָזען זיך שוין אויס, האָט ער געשיקט אַריינרופען זיין ברודער און ער האָ ט געזאָגט צו איהם: מיין ליבער ברודער, איך שייד זיך שוין פון דער וועלט. איך לאָז איבער מיין איין איינציגעס קינד, זי איז נאָך איצט גע־נויע זיבען יאָהר. איך וויל האָבען, דו זאָלסט מיר אין די לעצטע מינוטען מיינע פאַרשפּרעכען, אַז דו זאָלסט זיין דער פאָטער און די מוטער פון מיין קינד. איך לאָז איבער פאַר איהר צעהן טויזענט דאָלאַר. דאָס זאָלסטו אוועקלעגען אויף פּראָצענט און פון דעם פּראָ־צענט זאָלסטו איהר אויסהאַלטען פאַר קליידען און עסען, אויך בילדונג. און אַז זי וועט דאַרפען הייראַטען, זאָלסטו איהר אָפּגעבען די צעהן טויזענט דאָלאַר פאַר נדן, אום זי זאָל אַ גוטען שידוך טאָן.

ער האָט איהם אויף אַלעם ערנסט צוגעזאָגט און דאַן האָט ער געשלאָסען זיינע אויגען אויף עביג. דער ברודער איז זיך באַגאַנגען מיט זיין ברודער'ס קינד מערדערליך. ער האָט איהר קיין בילדונג ניט געגעבען, קיין קליידונג און אפילו עסען ניט ווי עס דאַרף צו זיין. זי איז שוין געוואָרען אַ קינד צעהן יאָהר אַלט, אָבער ליידער, זי איז אין סטריט קענטיג געוואָרען אַלס יתומה'לע פון איהר אויס־זעהן, פון בילדונג, פון קליידונג, ווי אַן אָפּגעלאָזענע קינד. אַז מען האָט איהם אויסגערעדט, איז אימער געוועזען זיין ענטפער, איך קלייב פאַר איהר חתונה, אַזוי האָט איהר טאַטע בצוואה געלאָזען.

די מיידעל איז געוואָרען פופצעהן יאָהר אַלט, איז זי געפעהר־ליך קראַנק געוואָרען, און אַלע פּראָפּעסאָרען האָבען געזאָגט, אַז זי מוז האָבען אַ גוטע קאַנטרי, דאָרטען און דאָרטען, וועט זי קענען געזונט ווערען, נאָר דאָס האָט געדאַרפט קאָסטען אַ טויזענד דאָ־לאַר. דער אָנקעל איהרער גיט ניט, מיט דער טענה, אַז די געלד מוז זיין אויף איהר נדן, ווען זי וועט געהן הייראַטען, אָבער ניט יעצט...

דאַן האָבען די שטאָדט לייט אָנגעפאַנגען שרייען שגץ, גזלן, וואָס רעדסטו. איהר פאָטער האָט איבערגעלאָזען געלד פאַר איהר,

אמת אויף נדן, אבער אז זי וועט שטארבען, פאר וועמען וועט מען דארפען דעם נדן ? ...

דאס זעלבע מיינע טייערע, שרה אונזער מוטער מיט אברהם׳ען האבען געהאט אויף דער עלטער זייער זוהן. זיי האבען זיך ארויפ־געארביים, געוועזען גאנץ רייך אין גייסט. זיי האבען א מיליארדען טהייל ניט געקענט פארנוצען זייער זכות... אז זיי האבען גע־דארפט שטארבען, האבען זיי איבערגעלאזען זייער רייכקייט "זכות אבות" פאר זייער קינד יצחק. יצחק — צו יעקב. יעקב — צו זיינע קינדער, פאר אונז אלעמען „זכות אבות". צו ארבען ארץ ישראל, די וועלכע גאט האט זיי פארשפראכען „לזרעך אתן את כל הארצות האל", און פון דעם זכות אבות לעבען מיר. אבער דער ריכטיגער זכות אבות צו דער חופה... דעם גאנצען פארמעגען... נו, פלאגט זיך דער עם ישראל איצט אין אלע לענדער, בארוועס און נאקעט, אהן פרנסה, אהן א היים, שריפות, פאגראמען, רויבערייען, געיאגט און געפלאגט, אויף וואס ווארט השי"ת. ביי איהם ליגט דאך איינגעלעגט די נדן, „זכות אבות", געוועהנליך קלייבט ער דאס אלעס אויף דער גאולה העתידה...

אבער דערווייל ווערט אלץ קראנקער ישראל, ער איז שוין אהן כוחות, אהן שבת, אהן תפילין, אהן ציצית, אהן מזוזה, אהן מילה בזמנה, אהן כשרות, אהן טהרת המשפחה, און א סך, א סך האבען שוין פון היץ קראנקהייט דעם שכל פארלוירען. זיי רעדען שוין פון היץ „על ד' ועל משיחו, על שכר ועונש", גאט אין הימעל, די אלע פראפעסארען האבע זבאטראכט דעם „עם ישראל" און „בהסכם כולם" זיינען זיי איינשטימיג, אז מיר מוזען בייטען דעם קלימאט פון אמעריקא המטמא צו אוירא דארץ ישראל מחכים... און אויב מיר וועלען די קאנטרי ניט האבען, איז צו זעהן אז מיר זיינען אין געפאהר... וואס טויג אונז אז דו האלסט דעם נדן אויף דער צייט. „עתיד הקדוש ברוך הוא לעשות שבע חופות. אז די כלה שטארבט... „מהר יקדמוני רחמיך" — וואס צום שנעלסטען! אויב ניט, זיי וויסען, „כי דלונו מאד", און דאס אלעס. עס איז שוין צו גרויס אונזער ארעמקייט. אויף דעם נידעריגסטען שטאפעל שטעהען מיר. האב רחמנות און העלף אונז אין גיכען אין דעם יום הדין. זעה! „מהר יקדמוני רחמיך, כי דלונו מאד".

דרוש י"ג

לוח הטעות

דער מענש איז ווי א ספר, וואס געהט ארויס פון דרוק, מוז זיך געפינען א גרייז כמעט אין יעדען פיידזש. אבער וואס טהוט דער מחבר פון ספר, מאכט ביי דער ענדע א טעות הדפוס... א „תקון טעות" מען פיקסט די פעלערען. דער מענש איז דאס גלייכען. ער מאכט גרייזען דורכ'ן יאהר, פעהלערען א סך, אנדערע ווייניגער, אבער דאך ביים ענדע יאהר מאכט ער א „תקון טעות" ער טהוט תשובה אין יענעם און יענעם פיידזש, ד. ה. טאג, געזינדיגט אזוי און אזוי, א. א. וו.

דרוש י"ד

„אבינו מלכינו חנינו ועניגו כי אין בנו מעשים צדקות עשה עמנו למען שמך."

איהר האט געוויס באמערקט, אז דעם לעצטען אבינו מלכנו זאגט מען שטיל, ניט ווי אלע... און מען מאכט איהם עפעס אוועק אונטער'ן נאז? מיר דאכט זיך, אז דעם „אבינו מלכנו" דארף מען גראדע בעטען גאט מיט כוונה?

איינער, א האלסיילער, וועלכער פלעגט געבען צו זיינע סטאר־קיפערס פון אומגעגענד ווארע און אלע זיינע צופרידען געוועזען פון זיינע באהאנדלונגען. ער פלעגט אויך געבען אויף קרעדיט, נאר ער איז געוועזען מיט זיינע קאסטימער פינקטליך. זיי האבען געמוזט צאהלען אין צייט אויב איינער האט פארשפעטיגט זיין צאהלונג דאן האט ער איהם שוין מעהר ניט געגעבען אויף בארג.

איין סוחר, א גרויסער ארימאן האט ניט געקענט צאהלען און ער האט געדארפט נאכאמאהל נעהמען אויף בארג, איז ער געקומען נעהמען ווארע ביי דעם האלסיילער. ער איז געשטאנען און ער האט אפגעווארט ביז אלע קאסטימער האבען גענומען די ווארע זייערע, אפגעצאהלט, אדער קרעדיט, אז עס איז געקומען צו איהם האט ער געבעטען ביי די סיילס לייטע די ווארע, וועלכע ער האט נויטיג.

זיי האָבען איהם געגעבען, אַז עס איז געקומען צום איינפּאַקען די וואַרע, איז ער צוגעגאַנגען צום האָלסיילער און ער האָט איהם איינ־געראַמט אַ סוד, גאַנץ שטיל, זיי וויסען איך בין דיר דאָך שולדיג. איך האָב ניט געקענט צאָהלען. מיינע ביזנעס איז געגאַנגען זעהר שלעכט. טהו מיר די טובה און גיב מיר די וואַרע, איך וועל דיר אי״ה אָפּצאָהלען אַלעס וואָס דיר קומט.

דאָס זעלבע, מיינע טייערע, עס איז דאָ רייכערע אידען, וועלכע זיינען אָפט שולדיג צו השי״ת, אָבער זיי צאָהלען אָפּ, זיי האָבען אַ חשבון הנפש אַלע יום כפּור קטן און צאָהלען אָפּ זייערע חובות. אַנדערע אָרימערע, בלייבען שולדיג צו השי״ת און זיי קור־מען מיט אַ גאַנצען צעטעל פאַרלאַנגען „א״מ זכרנו בזכרון טוב לפניך" — „כתבינו בספר חיים טובים"... „בספר פּרנסה", און זאָ ווייטער, און זיי האָבען נאָך ניט אָפּגעצאָהלט פאַר אַ יאָהריגע חובות זיי האָבען ניט באַצאָהלט מיט אַ ברכה אויף עסען, מיט דאַוונען און זאָ ווייטער, קומען זיי צו געהן נאָך די אַלע פאַרלאַנ־גען און זאָגען שטילערהייט צו אונזער גרויסען האָלסיילער פון אַלעס גוטען „אבינו מלכנו", פאָטער אונזערער און קעניג „חנינו ועניגו", האָב מיטלייד אויף אונז און דערבאַרים זיך און ענטפער אונז „כי אין בנו מעשים", מיר האָבען ניט געצאָהלט מיט קעש, מיט בעטען צדקה. „עשה עמנו למען שמך", — און זאָגען עס שטילערהייט, שעמעוודיגערהייט...

דרוש ט״ו

„היום הרת עולם וכו' אם כבנים, אם כעבדים".

אַ שעהנער, אַנשטענדיגער בעל הבית, מיוחס און גביר און בעל צדקה, האָט געהאַט אַ זוהן און ער איז געוועזען זעהר אַ שלעכ־טער, מיט שלעכטע מידות. אַז ער איז געוואָרען פופצעהן יאָהר, איז ער געוואָרען זעהר שלעכט. מיט אַ קאָמפּאַני פּיק־פּאָקעטס אַרומ־געגאַנגען. דער פאָטער האָט געטרייעט מיט גוטען און מיט בייזען איהם לערנען דעם גוטען וועג. עס האָט אָבער גאָר ניט געהאָל־פען, ביז ער האָט אַריינגעבראַכט דעם פאָטער צו אַזאַ געפעהר־

ליכען כעס, אז ער האט איהם ארויסגעטריבען און האט געשוואוירען ניט אריינצולאזען איהם מעהר אין זיין הויז.

זעהר פיעל מענשען האבען געבעטען פאר איהם, אז ער זאל איהם אריינלאזען צוריק, ווייל ער וואלגערט זיך אויפ'ן סטריט עס האט ניט געהאלפען קיינעמס בעטען. איינמאהל ניין...

דער בחור האט קיין אנדער „ברירה" ניט געהאט, און ווען פון שטאדט איז ארויסגעגאנגען א קאמפאני בעטלער, שלעפערס וואס געהען פון שטאדט צו שטאדט, איז ער מיטגעגאנגען, און אזוי האט ער זיך ארומגעשלעפט מיט זיי א יאהר, און דאן האבען די שלע־פערס גענומען זיך די וועג צוריק ביז זיי זיינען אנגעקומען אין דער שטאדט פון דעם בחור. די ארימע לייט, ניט קוקענדיג אויס־צולאזען קיין הויז האבען אויך באזוכט זיין פאטער'ס הויז, און דער בחור אויסקוקענדיג ווי א געבוירענער שלעפער אליין, האט זיך גאר ניט געמאכט וויסענדיג און ער איז אריינגעגאנגען מיט זיי אלעמען, נאך א נדבה, צו זיין פאטער.

דער פאטער האט אלעמען געגעבען און איהם האט ער ניט געגעבען קיין נדבה און האט נאך מיט גרוים כעס א געשריי גע־טהאן: געה פון דאנען, מיין שוועל זאלסטו ניט איבערטרעטען נאכאמאהל.

דאן האט זיך דער בחור צוואויינט זעהר שטארק מיט א היל־כענדען געשריי: פאטער מיינער, איך בין דאך ניט ערגער ווי די פרעמדע שלעפערס. וואס, דו פרעגסט גאר ניט ווער זיי זיינען אפילו, אויב זיי זיינען ארינטליכע מענשען, איז דאך „ממה נפשך", בין איך דיין קינד, האב רחמנות אויף דיין קינד, „כרחם אב על בנים", אויב ניט, דו ווילסט מיר ניט אנערקענען אלס דיין קינד, נו, בין איך דאך ניט ערגער ווי די פרעמדע...

דער איד ווערט גערופען א קינד צו השי"ת „בני בכורי ישראל" „בנים אתים לד' אלקיכם". אונזער טאטע איז זעהר רייך. ער בא־ריהמט זיך מיט זיין זאגען „לי הכסף ולי הזהב נאום ד'", און דער גביר, אונזער טאטע אין הימעל האט אונז געגעבען א רייכע לאנד, אבער מיר זיינען אוועק ווייט, ווייט פון זיין פארזאג, געשיקט אונז נביאים צו מוסר'ן אונז, געבעטען זיך ביי אונז: זייט גוטע קינדער צו אייער טאטע אין הימעל. עס האט ניט געהאלפען, ביז ער האט

אונז ארויסגעטריבען פון אונזער לאנד און אזוי שלעפען מיר זיך ארום „מעיר לעיר", א גאנץ יאהר, מיט אלע אויסוואורפען פון דער נאטור, אז ער קומט „ראש השנה" און ער טיילט איין די גאנצע וועלט. די „אומות העולם" מיט אלעם גוטען. ווער זיינען זיי? שלע־פערס, ארים אין גייסט, און אונז, זיין אייגען קינד גיט ער גאר ניט. שוין קרוב צוויי טויזענד יאהר זאגען מיר רבש"ע „היום הרת עולם", הייגט איז דער שטורעמדיגער טאג, ווען דו טהוסט משפט'ן און געבען נדבות צו די שלעפערס, ווארום „היום יעמוד במשפט כל יצורי עולמים" און אונז גיסטו ניט, איז דאך א פראגע „אם כבנים", אויב מיר זיינען ווי קינדער, מוז דאך זיין „כרחם אב על בנים". אויב ח"ו דו ביסט אויף אונז אין כעס, דו ווילסט ניט גע־בען, זיינען מיר דאך ניט ערגער פון די שלעפערס „ואם כעבדים עינינו, לך תלויות". (דעם נמשל מאך איך קורץ און יעדער קען אליין פארברייטערען).

דרוש ט"ז

„במה נצח אברהם אבינו את המלכים שקל עפרא והוי גירי."

מיר האבען זיך געגרייט א גאנצען מאנאט, דעם מאנאט אלול צו קומען צום יום הדין און בעטען הייגט „זכרינו לחיים", „בספר חיים" און אין כלל בעטען מיר, אז דער הימעלשער „אב הרחמים" זאל אונז געבען א „שנת חיים ושלום", א „שנת פרנסה", א יאהר נחת פון אונזערע קינדער, א יאהר פון שמחות, אבער השי"ת זאל אונז אייגהיטען פון שלעכטעס, פון טרויער אין אונזערע הייזער, פון נויט, פון פייער, פון וואסער און פון אלע מיני אנשיקעניש ח"ו, וואס עס קען טרעפען. יא, געגרייט האבען מיר זיך, ווער מעהר, ווער וועניגער און אפילו די, וואס האבען זיך מעהר געגרייט, האבען זיי דען אלעם ריכטיג געטהאן.

קען דען א מענש אלעם טהאן, אין זיין „תשובה", וואס ער וואלט געדארפט טהאן, ווען ער האט געזינדיגט אנטקעגען דעם הי־מעלשען פאטער, און דער „מלך מלכי המלכים", נאר מיר האבען אן עצה מיט וואס צו קומען בעטען פאר דעם אלמעכטיגען.

מיר זיינען דאך „זרע אברהם". וואס האט אברהם געטהאן, ווען ער איז געגאנגען ראטעווען זיין ברודער'ס זוהן לוט. קען איין מענש, און אפילו די איינציגע וואס זיינען מיט איהם מיטגעגאנגען אז זיי זאלען זיך אנטקעגענשטעלען אנטקעגען איינציגע מיליאן מענ־שען, אנקעגען פינף מלכים מיט גבורי החיל. וואס האט ער גע־דארפט טהאן? וואס האט ער געקענט טהאן? אמת טאקע, דער תלמוד זאגט, אז „במה נצח א"א את המלכים שקל עפרא והוי גירי", מיט וואס האט אברהם אבינו מנצח געווען די „מלכים"? ער האט גענומען ערד און געווארפען אויף זיי, איז עס געווארען פיילען. יא, עס איז גוט אזא פייט צו האלטען, אז יעדער זאמדעלע ווערט א פייל און צושמעטערט דעם „שונא", אבער „לכתחילה" פון וואנען האט דאס אברהם געוואוסט, אז עס וועט אזוי זיין. ווי אזוי געהט ער ארויס פייטען אזא מחנה. ער האט געוויס ניט געוואוסט, אז פון די זאמד וואס ער וועט ווארפען וועט ווערען פיילען? טא וואו איז דער תירוץ אויף אברהם לכתחילה. ווי געהט ער אליין מלחמה האלטען מיט אזא מחנה, וואס זיינען צוזאמען געשטעלט פון טויזענטער מחנות.

דארום דענק איך אימער, אז אן אנדער געדאנק ליגט דא אין דעם קורצען, טייערען, פערעלדיגען מאמר. אברהם איז אין זיין צייט געווען דער גרעסטער „עניו" פון דער וועלט, פון דער בריאה, ביז משה רבינו איז אזא עניו ניט געווען. משה איז א גרעסערער עניו. אבער ביז משה איז אזא עניו ווי אברהם ניט געווען.

און ער איז אימער פארעכענט ביי זיך וואס בין איך? ווער בין איך? אפילו קיין נידעריגער ווערימעל ניט, ווי דוד זאגט „ואנכי תולעת ולא איש". ניין, אברהם איז נאך נידעריגער ביי זיך ווי א ווערימעל און אפילו ניט ווי א גרעזעלע, איז ער ביי זיך גערע־כענט, נאר ווי א שטיקעל בלאטע, א ברעקעלע ערד, ווי אברהם זאגט צו גאט „ואנכי עפר ואפר".

און וואס אברהם דארף טהאן, ער דארף פייטען אנטקעגען „נמרוד". נו, איז ער אימשטאנד צו פייטען? מיט וואס זיגט ער? נאר גאנץ איינפאך. ער זאגט צו גאט: רבש"ע, איך בין דאך גאר ניט, ווער בין איך? וואס בין איך? „עפר ואפר" קען איך דען עפעס טהאן, און אז אברהם רעדט צו גאט אזוי, און גאט ווייסט

דאָך, אַז אברהם זאָגט „ואנכי עפר ואפר“, איז דאָס ניט סתם געזאָגט, אַזוי ווי מיר זאָגען אין ברכות פון „קריאת שמע“, „כי הם חיינו ואורך ימינו“, נו, איז דאָס ריכטיג געזאָגט, פאַרקויפט מען דען ניט די „קריאת שמע“ אַליין פאַר אַ טאָפּ לינזען, און ז. וו.

אַבער, אַז אברהם זאָגט איז געזאָגט. ער זאָגט „ואנכי עפר ואפר“ איז דאָס געזאָגט, און אַז ער זאָגט רבש“ע, דו ווייסט דאָך, וואָס קען איך טהאָן? העלף מיר, ער געהט ניט מיט זיין כח, נאָר מיט גאָט. העלפט איהם גאָט. אַנטקעגען די פינף „מלכים“ געהן פייטען קען ער דען? פרעגען די „חכמים“: „במה נצח א“א את המלכים“, אַז ער איז דאָך יאָ געגאַנגען פייטען אַנטקעגען אַ האַלבע וועלט, טאָ מיט וואָס האָט ער געזיגט? איז דאָך דאָס אַ זעלטענע פראַגע? און ער האָט דאָך טאַקע געזיגט, טאָ מיט וואָס? ווי אַזוי קען דאָס זיין צו זיגען אַנטקעגען אַזוי פיעל? ענטפערען זיי זייער טייער, אברהם האָט אַ שטאַרקען געוועהר, וואָס קיינער האָט עס ניט, זיין „ואנכי עפר ואפר“ — „שקל עפרא“. ער האָט גענומען דעם טיטעל זיינעם וואָס בין איך דען רבש“ע, אַ שטיקעל בלאָטע, טאָ העלף מיר. נו, ווייסט איהר וואָס ער איז געוואָרען מיט זיין „עפר“, אַז דער רבש“ע נעמט שוין פייטען. אברהם געהט „והוי גירי“, עס איז שוין געוואָרען פיילען...

רבש“ע, מיר זיינען געקומען איצט ביים יום הדין בעטען פאַר אונז, פאַר אונזערע פרויען, פאַר אונזערע קינדער, וואָס בעטען עפּעס אַ קליינע זאַך. ניין, גאָר קיין קליינע זאַך, נאָר חיי—בני—ומזוני— און מיר שטעהען דאָ און בעטען. און דאָרט, פאַר דיר שטעהען איצט די „מלאכים“ די צעהנדליגע טויזענטער און זייערען מקטרג אויף אונז. זיי פייטען געגען אונז, ווייל מיר זיינען געקומען דען מיט אונזערע „כלי זיין“ געשאַרפטע, בלאַנקע, די דריי סאָרטען כדי זיין אונזערע „ותשובה, ותפילה, וצדקה“ — ווי עס באַדאַרף צו זיין. ניין, מיר קענען און טאָרען דאָס ניט זאָגען. פיעלע פון אונזערע קינדער האָבען ניט מעהר ווי איינע... טאָ וואָס האָבען מיר צו טהאָן?

מיר זיינען זרע אברהם און מיר וועלען איצט נעהמען זיין מיטעל „שקל עפרא“ אַנטקעגען שונא און דו טהו פאַר אונז. מיר קענען גאָרניט טהאָן. אונזערע אומשטענדען האָבען אונז געבראַכט

צו אזא מצב, אז מיר זיינען טאקע געבליבען אָט אזוי, אָהן גייס־טיגע „כוחות“. (דאָ איז איצט די וועג אָפען פאַר׳ן דרשן מעורר צו זיין... אָבער ניט צו דרוקען, עס וועט צופיעל קאָסטען).

דרוש י״ז

„ואשה אחת מנשי בני הנביאים צעקה אל אלישע לאמר. עבדך אישי מת, ואתה ידעת כי עבדך הי ירא את ד׳ והנושה בא לקחת את שני ילדי לו לעבדים. ויאמר לה אלישע מה אעשה לך, הגידי לי מה ישלך בבית ותאמר אין לשפחתך כל בבית כי אם אסוך שמן וגו. (מלכים ב׳ ד׳).

איך וויים ניט אויב דעם מאמר וועל איך צוטרעפען דעם אמת, ווייל וואָס איך וויל שרייבען דעם בילד פון אמעריקאנער הייזער איז דאָס ניין און נייטציג טהייל ניט געמאָסטען אויף די צוויי זיהן פון „עובדיה“. אָבער דער בילד און וואָס איך וויל דאָ מאָהלען איז ריכטיג אפילו אז איך טרעף ניט.

די מאַמע, די „צדקניות“ עובדיה׳ס פרוי שרייט צום „נביא“ דו ווייסט דאָך, אז מיין מאַן איז געוועזען אזא גרויסער צדיק און איצט איז געקומען דער מאַהנער פון די חובות, וואָס מיין מאַן האָט זיך פארשולדיגט אויסצוהאַלטען די נביאים און ער דער מאַנער וויל צונעהמען מיינעביידע קינדער פאַר קנעכט. העלף מיר געט־ליכער וואונדערמאַן.

פרעגט איהר דער נביא, זאָג מיר מיין טייערע „מה יש לך בבית“, וואָס האָסטו אין הויז עפּעס א זאך, אז עס זאָל חל זיין די ברכה אויף דעם. איך זאָל קענענדיר א טובה טהאָן און דו זאָלסט האָבען צו באַצאָהלען די חובות.

מיין הער נביא זאָגט זי, „אין לשפחתך כל בבית כי אם אסוך שמן“, דיין דינסט האָט גאָר ניט אין הויז נאָר א קריגעלע אָיל, מעהר ניט.

מיינע טייערע, פון עובדיה הנביא מיט זיין פרוי און זייערע

צוויי זיהן וועלען מיר גאר ניט רעדען. הלואי אויף אונזערע קינ־דער געזאגט געווארען ווי זיי זיינען געווען.

נאר מיר וועלען טאקע רעדען נאר פון אונזערע קינדער. זאלען מיר זעהן וואס איז געבליבען ביי אונז אין די הייזער פון שבת, פון תפילין, ציצית כשרות, דאוונען, לערנען, אלע מצות התורה, וואס ער איז געווען ביז אונז און פאר אונז, נאך ביז אונזערע קינדער, נאך אמאהל וואס איז געבליבען אין די הייזער אונזערע איצטיגע צייט?

איך ווייס, ווען איך וועל אייך פרעגען טאטעס, מאמעס, „מה בבית", וואס איז ביי אייך געבליבען אין הויז? וועט די מאמע ענט־פערען (ווייל דער טאטע איהר מאן איז טויט) „אין לשפחתך כל בבית", עס איז ניט איבערגעבליבען אין מיין הויז אבסאלוט גאר ניט... אבער גאר ניט, טאקע גאר ניט, נאר א יאהרצייט לאמפ, צינדען זיי אן נאך זייער טאטען, און דאס אלעס... דאס איז אזא גלאז פארקילטע איל. „אין לשפחתך כל בבית", אבסאלוט גאר ניט געבליבען. „כי אם", נאר איין זאך, און דאס איז א סך „שמן", א פיטשערעל, א גלאז איל, און דאס אלעס. (פארברייטערט עס).

דרוש י"ח

„על חטא שחטאנו לפניך ביצר הרע".

פאר דעם זינד וועלכען מיר האבען פאר דיר געזינדיגט מיט'ן „יצר הרע". און וועלכע זינד זינדיגט מען אהן דעם יצר הרע? איך האב אמאל געזאגט אין א „צחות", אבער עס איז זעהר גע־בעלען געווען מיינע צוהערער. אין רוסלאנד, און נאך דערצו אין די קליינע שטעדטלעך, דארט האט דער יצר הרע געהאט א סך, א סך ארבייט. ער איז געווען אימער ביזי, טאג ווי נאכט, ווייל אנצורייזען וויכנע דוואשען אדער איהר מאן שלומיאל צו אן עבירה האט ער גערארפט צורייסען א פאר שטיוועל, און צום סוף איז ער אוועק מיט א נאז. וויכנע דוואשע האט זיך אויסגעלאכט פון יצר הרע מיט זיינע קונצען. שלומיאל האט איהם גאר אוועק געשלעפט אין בית המדרש, מקיים צו זיין דעם מאמר חז"ל אין

סוכה „אם פגע בך מנוול משכהו לבית המדרש“, נו וועט ער געהן דארטען?

קורץ דערפון, ער האט געארבייט טאג ווי נאכט. זיי האבען איהם געגעבען ארבייט. דא, אין אמעריקא, געהט ארום נעבעך דער יצר הרע פוסט און פאסט, א רחמנות אויף איהם, ער איז פאר־חלש'ט, קוים וואס ער קריכט ארום. ער האט „פשוט“ ניט קיין שטאך ארבייט, אז איידער ער קומט איינעם אנריידען צו אן עבירה, האט שוין יענער אבגעטהאן הונדערט עבירות אויף אמאל. אמע־ריקאנער סאסייעטיס, אלע רחמנים, נעמען איהם צו זיין פרנסה, זיי לאזען זיך גאר ניט צוריידען צו אן עבירה, זיי טהוען אב אליין, און ער האט דא אנגעווארען זיין גאנצע ארבייט. „על חטא שחטאנו לפניך“, פאר דעם זינד וואס מיר האבען געזינדיגט פאר דיר, „ביצר הרע“, מיט דעם „יצר הרע“, וואס מיר האבען איהם גע־מאכט פאר א ליידיג־געהער, ווייל מיר טהוען אליין אב אלע מעשים רעים, ודו"ק...

דרוש י"ט

„ויהי איש אחד מן הרמתים צופים ושמו אלקנה וגו'. ולו שתי נשים שם האחת חנה ושם השנית פנינה, ויהי לפנינה ילדים, ולחנה אין ילדים, ועלה האיש ההוא מעירו מימים ימימה להשתחוות ולזבות לה' צבאות בשלה ושם שני בני עלי חפני ופנחס כהנים לה', ויהי היום ויזבח אלקנה ונתן לפנינה אשתו ולכל בניה מנות ולחנה יתן מנה אחת אפים, כי את חנה אהב וה' סגר רחמה וגו': (שמואל א')

איך וועל נאר אבטייטשען די פאר פסוקים, און ניט פיעל פער־ברייטערען, ווייל עס איז אונמעגליך פאר מיר, צוליעב דעם דרוק. איך האב עס אמאל געזאגט „ראש השנה“ און דעם עולם איז עס זעהר געפעלען געווארען. דער איד איז פון גרויסען „יחוס“, פון אברהם, יצחק ויעקב. אין „פרקי אבות“ דריקט זיך דער תנא אויס, מיט דעם, „אברהם קנין אחד“, „ישראל קנין אחד“, פון די חמשה „קנינים“ איז אברהם און די אידען אין כלל.

„ויהי איש אחד“, דאָס איז דער „עם הנבחר“, „אחד, המיוחד“ פון אַלע פעלקער איז דער איד, ווייל ער שטאַמט פון „הרמתים צופים“, פון אַ הויכען „יחוס“, פון „אברהם אבינו“, וואָס „ושמו“ זיין נאָמען פון „אברהם אבינו“, און דער נאָמען פון ישראל איז אין כלל „אלקנה“, וואָס גאָט האָט זיי געקויפט, דאָס זיינען זיי פון די „חמשה קנינים“ — וואָס ליעבט דער מענש מעהר, ווי זיין פרוי? דארום ווע לען מיר אָנרופען דעם יצר הרע און דעם יצר טוב פאַר צוויי פרויען. „ולו שתי נשים“, צו דעם אידען איז פאַראַן צוויי פרויען. „שם האחת חנה“, דאָס איז דער יצר טוב, דער וואָס גיט דעם מענשען אַלעם גוטעס, פאַר זיין ריכטיגע, אמת'ע, אייביגע וועלטעלע גיט ער איהם חן „בעיני אלהים ואדם“ — „ושם השנית“ דער נאָמען פון די צווייטע פרוי — דער „יצר הרע“ איז „פנינה“, פעריל, דיימאָנדס, גאָלד און זילבער, געלט און אין כלל רייכקייט. דאָס רעדט אַז דער יצר הרע דעם מענשען אַ גאַנץ יאָהר.

דער עלטערער מענש, דער וואָס שטעהט שוין מיט איין פוס אין דער הויך און מיט דער צווייטער אויף דער ערד, דער האָט נאָך עפּעס ביזנעס מיט'ן יצר טוב, מיט „חנה“ — אויך ניט אַלע, אָבער אַ סך איז דאָך דאָ פון די עלטערע מענשען, וואָס דער יצר טוב איז נאָך מיט זיי אַ מחותן...

אָבער ליידער, ליידער, די יוגענד, זיי זיינען איבערגעגעבען צו „פנינה“, די דיימאָנדלעך, די אַלע לוקסוס פון דער וועלט, צו אַלע „תאוות“, צו אַלע נאַרישקייטען, צו אַלע דומהייטען. „חנה“ האָט קיין קינדער, אָבער אַ „צרה“ איז דאָס, אַ גרויסער אומגליק אויף אונזער פאָלק, אַז — „ויהי לפנינה ילדים“, אַ „צרה“ אַ געפערליכע צו פנינה'ן איז צוגעשטאַנען אַלע קינדער, צו פנינה'ן געהערט די גאַנצע יוגענד, „ולחנה“, צום יצר טוב „אין ילדים“... זי האָט ניט די יוגענד... נאָר אייניגע אַלטע, אָבגעלעבטע אידעלעך, און ליידער, ליידער, צו בעדויערען איז עס, אַז אפילו דער עלטערער דור, וואָס פערזאָרגט אונז מיט „מצוות“, מיט שוהלען מיט רבנים, מיט אידישקייט אין כלל, איז אפילו אויך ניט צוליעב חנה'ן — אין גאַנצען, דאָס שמעקט מיט מעהר ליעבע צו פנינה'ן —

ברייטער אָביסעלע, אַז דער עלטערער דור האָלט נאָך פון דער שוהל, איבערהויבט „ימים נוראים“, נו וואָס דיינקט איהר איז

שוין דאָס ריכטיג, אין גאַנצען יצר טוב, נייז, „חם ושלום", האָט ניט קיין טעות, אַז זיי וואָלטען מיינען „לשם שמים" וואָלטען זיי אָוועקגעשטעלט אַ חזן אַ „ירא שמים" ביים „עמוד". זיי מיינען עס ניט לשם שמים. אַ באַרבער וואָס באַרבערט אַ גאַנץ יאָהר שבת די מאָרדעס, אָדער אַן אַקטיאָר, וואָס קייעט קענדי אין דאַוונען... אָדער אַ רב אַ „גלות", אָדער פאַרקויפען טיקעטס אום שבת... צו הערען זינגען דעם חזן „ושמרו", „ישמח משה" און „תכנת שבת" —

און אין דער ריכטיגקייט, מוז איך אייך זאָגען, אַז אפילו ראש השנה און יום הכפורים מיינען אויך ניט די פרומע אין גאַנ־צען חנה'ן. זיי מיינען פנינה'ן, ביזנעס, געלט. אוי, אַן אומגליק, אַז אפילו אין דער צייט, וואָס ער שרייט אַז ער האָט ליעב חנה'ן, גיט ער דאַן מעהר חנופה, מעהר ליעבשאַפט ווייזט דער פרעזידענט צו פנינה'ן, צו געלט, צו פערעלעך, דיימאָנטלעך.

געוועהנליך „ועלה האיש ההוא מימים ימימה להשתחוות לה' צבאות בשילה", ווי דער איד זאָל אפילו זיין, געהט ער אָבער פון יאָהר צו יאָהר אין שוהל, „יום כפור", צו בוקען זיך צו „עלינו", „ואנחנו כורעים". „ושם", אין דאָרטען אין שוהל, געפינט זיך אַ רב און אַ חזן, וואָס זיי זיינען ביידע „בני עלי", „חפני ופנחס", איהר ווייסט מן הסתם אליין, וואָס די צוויי חברה־לייט, חפני און פנחס, האָבען געטהאָן מיט די קרבנות... און „את אשר ישכבון" וגו', דאָס פאַסט פאַר דעם רב דעם גלות... דאָס פאַסט פאַר דעם חזן דעם אַקטיאָר. נו וואָס זאָגט איהר? און דערמיט מיינען אונ־זערע אידעלעך, אַז זיי טוהען אַ נחת רוח חנה'ן. אָבער אין אמת, אַז „ויהי היום", ווען עס קומט שוין דער טאָג „יום כפור" איז טאַקע „ויזבח אלקנה", ער איז פרום און טהוט תפילה (תפילה במקום קרבן), אָבער דאַן איז אפילו, אַז „ונתן לפנינה אשתו ולכל בניה מנות"... ודו"ק.

אמת טאַקע אַז די דריי טעג, „ולחנה יתן מנה אחת אפים", און ער שרייט און קרעכצט „כי את חנה אהב"... נו אָבער, הלואי וואָלט כאָטש די יוגענד אויך אזוי געווען, אָבער „וה' סגר את רחמה" (אָט דאָ איז דער פּלאַץ צו ריידען וועגען אונזערע קינדער א. ז. וו.).

דרוש כ׳

„באין מליץ יושר מול מגיד פשע, תגיד ליעקב דבר חוק ומשפט, וצדקנו במשפט, המלך המשפט".

(פיוטן)

אויבערפלעכליך איז דאָס אַ גרויסע העזה, אַז ווען איינער האָט שוין ח"ו קיין איין מליץ טוב פאַר זיך, דורך אוים איז ער ארומ־געריגנגעלט מיט „מקטריגים", נו אַלזאָ — אַז „באין מליץ יושר", אַז עס איז ניטאָ קיין פערטהיידיגער, איינער אויך ניט, „תגיד ליעקב דבר חוק ומשפט", זאָג דאָך דו צו יעקב דעם געזעץ — „וצדקנו במשפט", און דו זאָלסט אונז גערעכט מאַכען ביים משפט?

אַז מען האָט איינעם אריינגעבראַכט לדין און אַלע האָבען איהם געפונען שולדיג, קיין איינער איז ניט געווען וואָס זאָל אויף איהם האָבען אַ זכות, איז דאָך דער דין, אַז „כולו חייב" איז „זכאי", איז ער ארוים ריין, דאָס בעטען מיר, אַז „באין מליץ יושר מול מגיד פשע", עס איז אַנטקעגען דעם „מגיד פשע", אַנט־קעגען דעם „מקטרג", ניטאָ קיין איין מליץ יושר איז כולו חייב — דאַרפען מיר דאָך אויך ארוים „זכאי", אַזוי איז דאָך דער דין. בעטען מיר דיך „תגיד ליעקב" זאָלסטו דאָך זאָגען צו יעקב „דבר חוק ומשפט", דעם געזעץ פון דעם דין „כולו חייב זכאי", ווארום ווער ווייס נאָך דעם דין ווי דו רבש"ע, ווער דאַרף נאָך היטען דעם דין מעהר ווי דו, דו ביזט דאָך „המלך השפט", אַלזאָ מוזטו אויך „וצדקנו במשפט"...

דרוש כ"א

„צרור עון אפרים צפונה חטאתו". (הושע יג, יב)

איהר געדיינקט פיליכט, פון רוסלאַנד, די גרענעץ שטעדטלעך, די וואָס האָבען זיך געגרענעצט מיט פרייסען, פלעגט אין יעדע סטאַרקע זיין פרייסישע סחורה און די רוסישע בעאַמטע, וועלכע זיינען געווען אַנגעשטעלט אַכטונג צו געבען אויף די סטאַרקעס,

עס זאָל זיך ניט געפינען קיין „טריפה סחורה" — די פלעגען קריי־
גען פון די סוחרים וואָכער־געלט, און עס איז געוועזן שאַ —

און אַז אַמאָל פלעגט דאַרפן אַראָפּקומען פון פּעטערסבורג
אַ הויכער באַאַמטער, דאַן פלעגען זיי אַליין געהן פון סטאָר צו
סטאָר אָנזאָגען די סוחרים, אַז עס זאָל זיך ניט געפינען קיין פרעמ־
דע סחורה און זיי פלעגען טאַקע באַלד אויספאָלגען דעם בעפעהל,
און אויסראַמען די אַלע פּרייסישע סחורה. דער פּעטערבורגער בע־
אַמטער פלעגט דורכגעהן און גאָר ניט געפינען. ווי ער פלעגט נאָר
אַוועקפאָהרען, דאַן פלעגען שוין די בעאַמטע באַלד אָנזאָגען, און
יעדער פלעגט אריינגעהמען פון בעהעלטעניש, וואו עס איז געלע־
גען איינגעבונדען אין זעק, און אריינגעהמען אין סטאָר צוריק און
אויסבינדען, און אויסלייגען אויף די שעלפס.

דאָס זעלבע שטעלט פאָר דער נביא הושע, אַז דער איד אַ
גאַנץ יאָהר האַנדעלט ער מיט טריפה סחורה, וויינינג מצות און
פיעל עבירות. דער זאָגט אַזאַ התנצלות, דער זאָגט אַן אַנדער
התנצלות, אָבער ווי עס קומט אלול, אַז אין דרייסיג טעג אַרום
וועט זיין אַ נאָכזוכונג פון יעדענס ביזנעס, ווי ער האָט זיך געפיהרט
דעם גאַנצען יאָהר. דאַן ווערט דער איד פרומער. ער הויבט אָן
איינפּאַקען די שלעכטע טריפה סחורה, וואָס עס קומט פון דייטש־
לאַנד... פון רוסלאַנד... פון רומעניען... אונגאַרן.. עסטרייך..
וואָס דער אידעלע האָט זיך איינגעקויפט טריפה סחורה ביי זיי...
אַנדערע אַביסעלע שפּעטער... אַנדערע גאָר שפּעט, ביי ראש
השנה... אָבער אין אַלגעמיין פּאַקט מען איין און מען בעהאַלט.
עס ווערט ריינער אַביסעלע אין אידישען געגענד...

אָבער ווי לאַנג איז דאָס איינגעפּאַקט... ביז עס איז פאַראיבער
ראש השנה און יום כפור... דאַן נעהמט זיך ישראל צוריק אויס־
פּאַקען די טריפה סחורה... „צרור עון אפרים" — אפרים'ס זינד
איז נאָר אויף אַ קורצע צייט פאַרבונדען, „צפונה חטאתו" — עס
איז נאָר בעהאַלטען זיין זינד, ניט אַוועקגעוואָרפען, אַז ער זאָל
ניט וויסען וואו זיי זיינען אַהינגעקומען, נאָר בעהאַלטען... און
בעהאַלטענדיג, איז פריהער „צרור", נאָר פערבונדען, אַז איינער וויל
די זאַך האָבען אויף שפּעטער, איז ווען ער בעהאַלט עס, האָט ער
דאָך מורא פיל ייכט וועט צו שאָדען ווערען, דארום פאַרבינדט ער

דאס... „צרור עון אפרים“, עס איז נאָר פערבונדען און בעהאַל־טען, ביז ער נעהמט עס ארוים פון בעהעלטעניש, און ער נעהמט עס ווידער אבבינדען. ודו"ק.

דרוש כ"ב

„גורל אחד לה' וגורל אחד לעזאזל“.

יום הכפורים איז געווען צוויי „חטאות“, איין „חטאת לה'“ און איין „חטאת לעזאזל“. יאַ מערקווירדיג, מיר האָבען יעצט אויך צוויי „חטאתים“,ביידע טאַקע „חטאתים“, אָבער דאָך זיינען זיי פערשיעדען איינע פון די אנדערע, דאָך, דאָך, זיינען ווייט איינער פון דעם אנדערען, ווייט, גאַנץ ווייט.

מיר האָבען אַ „חטאת“, אָבער איז דאָך לה', ער קומט יום כפור אין שוהל, ער איז טאַקע אַ גאַנץ יאָהר אחטאת, אָבער דאָך איז ער אַ חטאת לה', מען רופט איהם אויף צו דער ספר תורה, ער גיט אַ שעהנע נדבה פאַר דער שוהל, אַ שעהנע נדבה דעם רב, און אַלע כלי קודש. דער איז אַ „חטאת לה'“.

מיר האָבען אַן ערגערען סאָרט, ער וויל שוין גאָר נישט וויסען. אפילו ווען ער קומט ראש השנה ויום הכפורים אין שוהל, גיט ער ניט און וויל גאָר ניט ספענדען פאַר אַ דבר שבקדושה. דער איז אַ „חטאת לעזאזל“, ער ספענדעט געלט נאָר פאַר דעם טייפעל...

דער ערשטער איז נאָך גוט פאַר אונז. ער וועט נאָך זיין אַ מאָל אַ פרומער איד... פון אזא חטאת איז מעהר אמאָל נוצען ווי פון אַן „עולה“... פון די „עולה“ האָבען זיי גאָר ניט. קיינער האָט ניט... אפילו די כהנים אויך ניט. אויב יאָ, די פעל אמאָל האָבען זיי, אָבער דאָס איז ווייניג, דאָס איז אַ איד נאָר צו נאָט....

און פון אַ קרבן חטאת... האָט דער מזבח... האָט עס אויך דערפון דער כהן... אַ כלל, אפילו אַ „חטאת“ צו זיין איז אויך גוט, זיי אַ חטאת לה' — און זיי ניט אַ חטאת לעזאזל...

דרוש כ"ג

עטוואָס מוסר פאַר דער יוגענד.

ווען די מלחמה אין אַמעריקא האָט אויסגעבראָכען, און עס זיינען גענומען געוואָרען די יוגענד אין קריעג, האָט דער עקס פּרע־זידענט ווילסאָן ע"ה, ארויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז די יעניגע וואָס האָבען עלטערען און זיי זיינען אַלטע, שוואַכע, און זיי קענען אַליין זיך ניט סופּאָרטען, דאַרף דער זוהן ניט געהן אין מלחמה, אום זיינע עלטערען זאָלען ניט בלייבען אָן זייער סופּאָרטער.

יונגע קינדער, וואָס זאָל איך אייך זאָגען, און וואָס וועט דען העלפען מיין זאָגען. איהר זייט דאָך נאָך יום כפור די זעלבע ווי איהר זייט געוועזען בעפאָר יום כפור, אָבער איך וועל אייך זאָגען, אַז „מלכותא דרקיעא" איז אַזוי ווי „מלכותא דארעא" — די מלחמה איז גרויס, יעצט ביים יום הדין, די „מקטריגים" שטעהען אונזריי־דען, אַז מען זאָל אייך פערמישפּט'ן ח"ו, אָבער צו די קינדער וועל־כע האָבען זייערע עלטערען געשפּייזט מיט „כבוד", זיי האָבען אַ „לעגאַטע", ניט צו געהן אויף מלחמה. זיי וועלען ארויס „זכאי". (צו פערברייטערען די רייד).

דרוש כ"ד

„האוחז ביד מדת משפּט, וכל מאמינים שהוא אל אמונה, הבוחן ובודק גנזי נסתרות". (פּיוטן)

די גמרא זאָגט אין ראש השנה (י"ז) „ורב חסד מטה כלפּי חסד, והיכי עביד, חד אמר כובש כף המאזנים, וחד אומר נושא". איהר הערט, ווי גוט אונזער בעשעפער איז צו אונז, אַז אויף דעם וואָגשאָל ליגט אין איין זייט די „עבירות", און אין דער אַנדערער זייט ליגען די „מצות". נו געוועהנליך, איז די וואָג פון די עבירות שווערער, און וואָס טהוט אונזער הימעלשער „רחום וחנון", איז איי־נער זאָגט, אַז דער רבש"ע פּרעסט אַראָב די מצות, און דער אַנדער

זאָגט נייז, ניט אזוי טהוט ער, נאָר ער הויבט אויף די וואָג פון די עבירות, ממילא הענגט אראָב די וואָג פון מצות.

עס איז זעהר שעהן, ווי דער רחום וחנון טהוט. אָבער גוט בעטראַכטעט, איז עפּעס, אזוי ווי להבדיל אלף הבדלות, ווי אַמעריקאַנער גראַסעריס, ווען דער גראַסערי מאַן וועגט עפּעס, נעמט ער און קוועטשט ארונטער אביסעל די וואָג, און טאַקע, ווי אזוי טהוט אונזער בעשעפער עפּעס ניט ריכטיג. ער האָט דאָך אָנגעזאָגט אין דער תורה „הין צדק ואיפת צדק" וגו'?

נאָר, מיר וועלען ערקלעהרען גאַנץ איינפאַד, אז דער רבש"ע טהוט געווים ריכטיג. ער איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט. אַלעס איז ריכטיג. די חכמים זאָגען „מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה", „מחשבה רעה אין הקב"ה מצרפה למעשה", א גוטען געדאַנק, ווען ער טראַכט צו טהאָן א מצוה, און ער טהוט די מצוה, איז דער רבש"ע מצרף די „מחשבה" צו די „מעשה המצוה", אויב „נאנס ולא עשה", קריגט ער שכר פאַר „מחשבה" אליין. אלזאָ, אז מיר זיינען „בינונים" און דער וואָגשאָל איז גלייך, נעמט דער רבש"ע און טאָפּעלט די „מעשה המצוה", ווייל ער לייגט צו די „מחשבה", אָבער צו די עבירות איז דאָך ניטאָ קיין מחשבה, ווייל „מחשבה רעה אין הקב"ה מצרפה למעשה" און דאָס מוז ער אליין טהאָן, און דארום מוז ער אליין זיצען אויף דעם שטול פון משפט, ווייל די מלאָכים ווייסען ניט פון „מחשבה".

און דאָס זאָגט טאַקע דער פייטן „האוחז ביד" ער האַלט אַן מיט'ן האַנד „מדת משפט", די מאָס, „כובש" אָדער „נושא", הייבט אויף אָדער פּרעסט אראָפּ, סטייטש ווי אזוי טהוט ער דאָס? דאַכט זיך „וכל מאמינים שהוא אל אמונה" און אַלע גלויבען אז ער טהוט אַלעס ריכטיג, ער איז דער וואָהרער גאָט? טאָ ווי אזוי איז ער „אוחז ביד מדת משפט"? אין דער צייט, וואָס „וכל מאמינים שהוא אל אמונה?

ענטפערט דער פייטן, אז מיט דעם טאַקע אויך איז דער בעוויז, אז ער איז דער „אל אמונה", ווייל ער וויל בעצאָהלען פאַר „מחשבה" אויך, ווייל ער איז „הבוחן ובודק גנזי נסתרות", ער פּרובירט און ער זוכט דורך ביי יעדער ארבייט די בעהעלטעניש, וואָס קיין מלאָך ווייסט ניט, און דאָס איז מחשבה...

און טאקע דארום מוז ער זיצען אויף דעם „כסא דין" דוקא אליין, און דאס מיינט אויך דער פייטן טאקע, „האוחז ביד מדת משפט", פאר וואס ער אליין? ווייל ער איז דער „בוחן ובודק גנזי נסתרות".

דרוש כ"ה

ימים נוראים פון די ערשטע סליחות. די יעצטיגע בעדייטונג פון די קלעפ אין הארצען צו על חטא און אשמנו.

א קליין שטעדטעלדיגער איז אמאל געפאהרען אין ווארשא איינקויפען זיך פאר זיין ביזנעס וואארע. דעם ערשטען מאל איז זיין לעבען וואס ער האט געזעהן אזא גרויסע שטאדט, ווי ווארשא, דער וואונדער איז איהם געווען גרויס, פון יעדער זאך. איינמאהל, געהט ער אין אווענד אין א גאס און ער הערט קלאפענדיג אין א באראבאן (דראם) משונעדיגע קלעפ. פרעגט ער וואס דאס בעדייטעט. גראדע האט ער געפרעגט אזא איינעם וועלכער איז געווען זעהר ביזי — האט ער איהם געענטפערט, דאס ווייזט אז עס ברענט ערגעץ, איבער דעם קלאפט מען מיט'ן באראבאן. און יענער איז זיך אוועק אין זיין וועג.

אזוי, זאגט ער צו זיך, זעהר גוט, „אלמלא לא באתי אלא בשביל דבר זה דיי", אזוי ווי אונזער שטעדטעל ניצעוועט זיך איבער דריי מאל א יאהר דורך די פייערען, האב איך שוין א סגולה. ביי אן אנדערע האט ער געפרעגט, זאגט מיר, לעבען זאלט איהר, וואס קען קאסטען אזא באראבאן? האט מען איהם געזאגט, עס קען קאסטען הונדערט רובל.

ער איז געקומען אין זיין שטעדטעל, און ער איז באלד אריין צו די ראשי הקהל, און ער האט זיי געזאגט, זייט וויסען אז איך האב אויסגעפונען אזא מין „כלי" אין ווארשא, און עס קאסט הונדערט רובל, אז ווי עס ברעכט אויס א פייער, דארף מען נאר אוועקשטעלען די „כלי" אין מיטען גאס און מען קלאפט אין דער „כלי" און דער פייער ווערט באלד איינגעלאשען.

מען האט באלד געשאפען איהם די הונדערט רובל, און ער האט באלד געמאכט א רייזע נאך ווארשא און געבראכט זיי דעם באראבאן. דעם זעלבען אווענד האט אויסגעבראכען א פייער, האט דער מאן ארויסגעשלעפט דעם באראבאן און ער האט גענומען גרויסע שטעקענער און געקלאפט אין באראבאן. די גאנצע שטע־טעל האט זיך געשטעלט אין גאס און הערען און זעהען ווי ער קלאפט, אבער דער פייער האט זיך ניט דערשראקען פאר די קלעפ. און ווי זיי שטעהען שוין פון א שטונדע און ער קלאפט, איז שוין א פערטעל שטעדטעל אבגעברענט. איז צוגעלאפען איינער, גראדע א קלוגער, און ער האט בעמערקט ווי זיי שטעהען ארום דעם באראבאן און זיי טוהען גאר ניט, אבער טאקע אבסאלוט גאר ניט. האט ער דערלאנגט א געשריי, ווילדע, משוגעים, וואס שטעהט איהר?

זיי האבען איהם דערציילט ווי דער מאן האט זיי געבלאפט די גאנצע געשיכטע. זאגט ער צו זיי, פראים, אבער וואס פערשטעהט איהר ניט, אז דער באראבאן קען ניט איינלעשען א פייער, ער איז נאר אויף דעם גוט, אז א פייער מאכט זיך אין מיטען דער נאכט, דאן ווען אלע שלאפען, דאן געהט מען און מען קלאפט אין באראבאן, אום זיי זאלען זיך אויפכאפען פון זייער שלאף, זיי זאלען ניט פערברענט ווערען, און דאן לויפען אלע צום פייער און מען גיסט וואסער, מיינט איהר גאר אז דער באראבאן לעשט פייערען.

„מורי ורבותי“, איהר זאלט אויף מיר קיין פעראומגוט נעמען, אז איך וועל אייך זאגען, אז איהר זייט יענער קליינשטעטעלדיגער און ווי די גאנצע שטעדטעל. יעצט איז דער יום הדין הגדול והנורא מיר דארפען תשובה טהאן. עס ברענט א פייער אויף דער וועלט, א געפעהרליכער פייער. וויפיעל עלטערען ווערען אבגעריסען פון די קינדער, וויפיעל קינדער ווערען צוגענומען פון די עלטערען. אלזא, האט אונז השי״ת געלאזט וויסען פון דעם יום הדין הגדול והנורא, פון ראש חודש אלול אן, אז מיר זאלען תשובה טהאן, א ריכטיגע תשובה, אן אמת׳ע תשובה, אוועקווארפען די שלעכטע, און נעמען ווייטער גוטעס.

וואס טהוען מיר. פון די ערשטע סליחות אן הייבען מיר אן קלאפען אין הארצען. מיר מאכען די הארץ פאר א באראבאן, און

מען קלאפּט כסדר אין הארצען, קלעפּ, אָבער, קלעפּ! אַ מין קלעפּ. „שוטים", דער פייער ברענט, און איהר פּטר'ט זיך מיטן קלאפּען. געהט גיסט וואסער, „שערי דמעות לא ננעלו", די טויערען פון טרערען זיינען ניט פארשלאָסען. עס ווערט אָנגענומען „תשובה ותפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזרה". דער קלאפּען אליין העלפט גאר ניט...

דרוש כ"ו

א פּאָר ווערטער צוליעב אונזערע קינדער.

אין די קליינע שטעדט, אין רוסלאנד און אין פּוילען, אז א פייער האט אויסגעבראָכען, און אז די הויז האט שוין פערנומען פון אלע פיער זייטען, האט מען שוין איהר מיט וואסער ניט געגאָסען, ווייל עס וועט שוין ניט העלפען, האט מען אָבער גענומען גיסען וואסער אויף די דערבייאיגע הייזער, אז זיי זאָלען ניט פערכאַפּט ווערען פון פייער.

מיינע טייערע. דער יוגענד אונזערער איז שוין זעהר פער־ברענט, די נשמה זייערע. דאָס הייסט „שריפת נשמה וגוף קיים", די גרויסע קינדער זיינען שוין צו שטארק פערכאַפּט געוואָרען פון פייער, און ווייסט השי"ת אויב מיר קענען זיי שוין ראטעווען. אָבער מיר דארפען דאך שוין יעצט זעהען וואו מיר האלטען מיט זיי. אונמעגליך צו לעשען זיי. אָבער לאָמיר זיך נעמען צו די יונגע, ארויסראַטעווען, גיט זיי אַ בעסערען חנוך, ווי ביז יעצט, ווען ניט, ווען דער גאנצער „בית ישראל" פערברענט ווערען, ווי עס זעהט זיך, ווי עס טהוט זיך ביז יעצט.

געוואלד געשריען, קריעה צו רייסען, וואו זיינען אונזערע לע־שער, וואו זיינען אונזערע פייערלייט, אין אזא שריפה. קיינער רעדט ניט אַ גוט וואָרט פּאר אמעריקאנער יודענטהום, און דאָס זיינען אונזערע קליינע קינדער. עס איז ניט לאנג געוועזן אַ קאָנ־ווענשאָן פון אונזערע פייערלייט, האט מען אפילו ניט דערמאָנט וועגען דעם חנוך הבנים, מען האט אפילו ניט דערמאָנט, אז עס ברענט. זיי קלאפּען אליין אין באַראבאַן... פאר יענער זייט ים. יאָ,

עס איז זייער פיין. עס איז זייער גוט. עס איז זייער טייער. יעדער וואס טהוט דערפאר און יעדער וואס גיט דערפאר, געבענשט זאָ־לען זיי זיין „בזה ובבא" — אָבער, אָבער! וואס איז מיט אונזער פייער, עס האָלט דאָך שוין אזוי וויט, אז עס איז שוין באַלד פער־ברענט דער יונגער דור. א מיליאָן דאָלאר פאר אויסלאַנד! גוט. פאר וואס ניט צוויי מיליאָן דאָלאר זאמלען פאר מאשינען צו לעשען דעם אמעריקאנער קינד. מיט צוויי מיליאָן דאָלאר וואָלט מען דאָך געקענט העלפען די ישיבת רב הכולל, און בויען כאָטש נאָך צעהן אזעלכע „ישיבות". דאָס וואָלט א פייער געלאָשען. כאָטש צעהן פראָצענט פון אונזערע קינדער. ניין, ניין, איך וויים ניט וואָס איז מיט אונזערע לעשער.

נו, שטארקער רעדען, אמאָל אפילו גאר ניט לאַנג, אז מען האָט געלאָזען אריינקומען אין לאַנד, זיינען געקומען פון יענע ישיבות אהער, אָדער אפילו ניט קיין ת"ח, אָבער אזוי א פרומער, ערליכער איד. יעצט ב"ה ווייסען מיר דאָך שוין... נו, מיט וואס זיינען מיר בערוהיגט... מיט יענע ישיבות... יאָ! נאָך אמאָל, איך מוז אייך זאָגען, אפילו אז ניו יאָרק וואָלט דאָ געהאָט די גרעסטע פעקטאָרים פון תורה, וואָלטען מיר אויך געמוזט שאַפען א מיליאָן דאָלאר, ווייל רוסלאַנד, פוילען און אלע געגענדען זיינען אָרעם, איבערהויפט ארץ־ישראל. גוט! פיין! שעהן! זיס! אנגענעהם! אָבער פייערלייטע, וואו זיינען מיר. ווי לאַנג עס וועט ניט זיין כאָטש צעהן, אמווייניגסטענס, אזעלכע ישיבות ווי רב הכולל'ס ישיבה, איז גאָר ניט. ווער ווייסט פון תלמוד תורות מעהר ווי איך...

יונגע, אָרטאָדאָקסישע רבנים! איהר זייט דאָ אין לאַנד. רע־בענט אייך אויס, ווי לאַנג וועט איהר קענען זאָגען אייערע דרשות. איך מיין פאר וועמען וועט איהר זאָגען אין פינף און צוואנציג יאָהר ארום... אז די אימיגראציע האָט געסטאָפּט. וואו זייט איהר? לעשט די פערברענטע הויז. לעשט, גיסט וואסער, טהוט עפּעס, ניט פערקויפען ווייז... זייט ניט סאַלון קיפּערס, זייט פייער לעשער. איך וואָלט נאָך עפּעס אייך געזאָגט, נאָר ווייל דער ספר איז גראָדע אין זשאַרגאָן, ווייל איך ניט אז די „עמי הארצים" זאָלען וויסען.

עס קלינגט דער גלאָק... עס זאָגט אייך אז... דעם לעצטען

קלונג, אַז אפילו טשערי סטריט, און מאַנראָו און מעדיסאַן סטריט און די אַלע סטריטען, אַ פשיטה שוין ווייטער, ביי די „דרי מעלה", זיי אפילו די „דרי מטה" זיינען באַלד פערברענט, איז ניט „עניי עירך קודמין" איז ניט אין אַמעריקאַ אַ פינפטעל אידען פון דער וועלט דאָ? נו וואָס איז, איהר וועט זיך לאָזען מיט אַ שמייכעל... שמייכעלט, שמייכעלט, איך האָב מורא אַז דער פייער איז שוין אפילו ביי די פייערלייט...

איהר מוזט צוגעבען, אַז אין דעם בין איך אַ נאה דורש און אויך אַ נאה מקיים. איך האָב זיך אימער מוסר נפש געווען פאַר אונזערע קליינע קינדער. געאַרבייט, געגרינדעט תלמוד תורות. איהר ווייסט דאָך. קיין כבוד האָב איך ניט געהאַט דערפון. און קיין רייכקייט געוויס ניט געהאַט דערפון. איך איינער האָב גע־לאָשען אַזוי פילע. פרעגט אין תלמוד תורה „בית יהודה". טאָג און נאַכט געאַרבייט. אַז איך האָב אפילו בעזייטיגט מיין הויז, און אויף מיינע קינדער אַ צייט ניט געקענט אַכטונג געבען, ביז איך האָב געזעהען אַז עס ברענט שוין באַלד ביי מיר... יעצט מוז איך סטאָפּען. עס גיסט צופיעל טרערען פון מיינע אויגען... שטעהט אויף, פייער לעשער!...

דרוש כ"ח

„מכף רגל ועד ראש אין בו מתום, פצע וחבורה ומכה טריה, לא זורו ולא חובשו" וגו' (ישעיה א')

די דריי טעג, ראש השנה און יום כפור, איז נאָך עטוואָס צו זעהען אידישקייט אביסעל, אפילו ווי די זעלבע אידישקייט איז, האָב איך שוין געשריבען, אָבער דאָך, זעהט מען עפּעס, און אַ סך האַלטען זיך איין ביז שמיני עצרת, נאָך „הושענא רבה" האָט מען דאָך שוין געקריגען דעם צעטעל, מעהר דאַרף מען דאָך ניט.

אַלזאָ! איז מען ווידער ווי געווען, פון שמיני עצרת ביז דעם קינפטיגען ראש השנה, פיליכט מיינט דער פסוק, „שמיני עצרת" הייסט „רגל בפני עצמו", אַזוי זאָגען אונז די חז"ל. יעצט וועט אויסקומען אַזוי צו טייטשען „מכף רגל", פון דעם טריט פון „רגל

בפני עצמו", דאָס איז „שמיני עצרת", „ועד ראש", ביז איבער א יאָהר ראש השנה, „אין בו מתום" איז ניטאָ קיין גאַנצער גליעד, „לא זורו ולא חובשו", ניט מען לייגט תפלין, און קיין זאַך ווי פריהער, אלעס צוריק, ווי געוועז. (מיר דאַכט, אַז עס איז שוין פאַראַן אין איינע פון מיינע ספרים דער וואָרט, איך האָב שוין אַזוי פיעל געדרוקט אַז איך געדענק פיעל מאָל ניט איך האָב גע־שריבען).

דרוש כ"ט

„על זאת יתפלל כל חסיד אליך לעת מצוא רק לשטף מים רבים אליו לא יגיעו". (תהלים ל"ב ו')

איך וויל דאָ שרייבען אַ וויץ, וואָס ווערט געברענגט אין „לחמי תודה", און ווייל דער ספר איז „אחד בעיר", וועל איך איבערזעצ־צען. איך מעג אייך אויך זאָגען מיין מיינונג, אַז מיר אַליין געפעלט ניט דער וויץ... נאָר צוליעב די ריכטיגקייט אָבער, ווי יעצט איז, און פיליייכט וועט סתם איינעם העלפען דער מוסר, דאָס אַליין איז גענוג.

ראש השנה געהט מען צו אַ וואַסער און מען זאָגט דאָרט תחינות, וואָס זיינען געדרוקט אין די סדורים, און דאָס רופט זיך „תשליך". איז דאָס אַ גוטער מנהג אָדער אַ שעהנער מנהג, ווייס איך ניט. איך געה ניט אריין אין דער זאַך אַליין. פיעלע מאַכען דערפון געלעכטער אין זייערע ספרים. איך לאַך ניט. נאָך אַלע זאַכען, האָבען מיר דאָך געזעהן, אַז גדולי ישראל האָבען ניט גע־שטערט מקיים צו זיין דעם מנהג. מן הסתם איז עס אַ גוטע זאַך כאָטש „את חטאי אני מזכיר", איך געה ניט צו „תשליך" קיין מאָל. פאַר וואָס בין איך ניט מחויב צו ערקלעהרען. אָבער איין טעם וועט איהר באַלד זעהען, וועט איהר מיר צוגעבען אַז איך בין גע־רעכט, כאָטש דאָס וועט זיין נאָר איין טעם.

יעצט וועל איך אייך ערקלעהרען, און איהר זאָלט אויך אויפ־הערען געהן, סיידען אַז איהר וועט זיך באַגעהן אַביסעלע שעהנער און איידעלער מיט דעם מנהג, און אַלע אידישע מנהגים. איהר

נעהט אין סטריט, הערט איהר, ווי יקותיאל זאגט צו ירחמיאל. העלאו, העלאו, ירחמיאל, דו האסט זיך שוין אבגעשאקעלט?

זאגט ירחמיאל, ניין, ניין, וואס הייסט, אהן דער אידענע וועל איך געהן. איך געה נעהמען מיין אידענע און מיר וועלען געהן. זאל זי אויך אבשאקלען זיך, זאל זי אויך אריינווארפען די עבירות אין ריווער אריין.

אהא! דו ביסט גערעכט. איך געה אויך נעמען מיין אידענע און מיין טאכטער די כלה, מיט איהר חתן. ער האלט אפילו פון נאר ניט, נאר דאס, זאגט ער, טהוט ער אלע יאהר, וואס ארט עס איהם. ער איז שוין פון די „עם כבד עון", זאגט ער אז ער געהט זיך אויך אבשאקלען. ווארט אויף מיר ירחמיאל, איך קום גלייך צו געהן מיט זיי צוזאמען.

זיי זיינען טאקע געקומען. און מען געט, און מען זינגט, און מען מאכט חנ'דלאד, דוקא ירחמיאל'ס אידענע מיט יקותיאל'ן, און יקותיאל'ס אידענע מיט ירחמיאל'ן. ביידע געהען האלב נאקעט. נעווים דער חתן מיט דער כלה. געהענדיג טרעפט מען אן באקאנטע, און יעדער מאכט א געלעכטער. איהר געהט זיך אפשאקלען די עבירות, קומט מיט מיר, איך געה אויך. מיר וועלען באלד ווער־רען ריינע מענשען... רופט זיך אב דער חתן, אה! זעהר גוט, וועל איך קענען ווידער זינדיגען. מען געהט אויף וויליאמסבורג בריק. און דארט וואס עס טהוט זיך, ה' ירחם, מען געהט נעארעמט, און אפשר אזעלכע וואס בעלאנגען גאר ניט צוזאמען. שרייט א מיי־דעל צו א באי, דזשייק! שאקעל מיר אויך אב. דו הערסט דזשייק! מעהר וועל איך ניט מאריך זיין אין דעם.

דיינקט איהר טאקע, אז מען קען עבירות אבשאקלען און אריינ־ווארפען אין וואסער. אויב אזוי וואלט שוין וויליאמסבורג בריק לאנג צובראכען געווארען, פון אזויפיעל עבירות...

און גאר פשוט. די פראסטע מענשען דיינקען טאקע, אז מען קען אבשאקלען די עבירות. אה, נארישע מענשען, ווען מען טהוט תשובה, קען מען געווים אבשאקלען, אין בית המדרש, אין שוהל, אין סטריט, און ניט דוקא אין וואסער. און אז מע געהט אפילו צום וואסער מיט אימה, מיט זעלבסט רעספעקט פאר' יום הדין.

און מען טהוט דארט תשובה, קען אויך זיין אז מען געהט אוועק א ריינער מענש.

אבער די וואס דענקען, אז מיט געלעכטער און מיט ליצנות, און מיט זנות, געהן אהין, און דארט צום וואסער, נאר דער וואסער העלפט, אז מען שאקעלט אב נאך די פאלע, פאלען אריין די זינד אין וואסער. ניין! ער קומט צוריק, נאך מיט איין עבירה מעהר ווי בעפאהר...

די חכמים אונזערע דרשה'נען דעם פסוק, וואס איך האב גע־שטעלט אין אנפאנג, אויף כמה אופנים, איבערהויבט דעםווארט „מצא". איינע פון די דרשות איז „מצא" זו בין כסא לעשור", „זו עשרת ימי תשובה". זאגט דער פסוק „על זאת יתפלל כל חסיד לעת מצא", אויף דעם דארף יעדער חסיד מתפלל זיין ימים נוראים „לעת מצא", אבער ווער עס איז ניט מתפלל, ווער עס טהוט קיין תשובה ניט, נאר „רק לשטף מים רבים", ער מיינט נאר אז ער ווערט פטור פון זיינע עבירות, נאר דאן ווען ער גייט צו א לויפענ־דען וואסער, האט ער א גרויסען טעות, „אליו לא יגיעו", איז צו איהם גאר ניט נעגרייכט געווארען, ער האט גאר ניט אויפגעטהאן. עס איז ארויסגעווארפען אפילו זיין גאנג.

משלים, ציצים ופרחים

רא

די שטיינער אויפ׳ן הארצען

אלע זעהען די שטיינער אויפ׳ן פינגער און זעהען אבער ניט די שטיינער אויפ׳ן הארצען...

רב

דעם מענשענ׳ס קאפ

דעם מענשענ׳ס קאפ איז דער צווייטער ערד קוגעל וואס דרעהט זיך כסדר אהן אויפהער . . .

רג

ער שטעהט דא און געפינט זיך אנדערש וואו

משה רבינו האט געזאגט צו כל ישראל „כי את אשר ישנו פה עמנו היום, ואת אשר איננו פה עמנו היום". אויף פשוט הייסט עס: ער שטעהט און דאווענט און ער דאווענט מיט כוונה. דער איז „את אשר ישנו פה עמנו היום". אנדערע בעת זיי דאווענען אין ניו יארק, געפינט ער זיך מיט זיין מחשבה גאר אין פילא־דעלפיע, איז ער דאך דא ניטא. „ואת אשר איננו פה עמנו היום".

רד

ראה עניי ועמלי ושא לכל חטאתי

עס קומט אריין אן ארימאן צו דעם גביר. ווען דער ארימאן איז א געזונטער און ער געהט שעהן געקליידט מוז ער דעם גביר ־ערצעהלען זיין מצב, ווייל ווען ער זאל עס ניט טהאן, וועט דער גביר קיין מאהל ניט וויסען, אז ער איז א געדריקטער און גע־פלאגטער מענש.

אבער ווען איינער איז נעבעך א קאליקע, א קריפעל, און געהט

ניט מיט שעהנע קליידער, ווי דער גביר דערזעהט נאָר איהם ווערט זיין הארץ פארקלעמט און ער געהט איהם אנטקעגען און דער־לאַנגט איהם א שעהנע נדבה...

זאָגט דוד: רבש"ע, ווען איך וואָלט געגאַנגען שעהן געקליי־דעט, ווען איך וואָלט געוועזען געזונט און שטארק, וואָלט איך זיך געדארפט פארשטעלען (דברה תורה כלשון בני אדם), אָבער ליי־דער, „ראה עניי ועמלי", זעה ווי אָרים איך בין. עס האַלט שוין אזוי שלעכט, אז די קינדער גיט מען אפילו ניט אין א חדר... זעה ווי צוקריפּעלט איך בין, און ווי דו דערזעהסט מיר, „ושא לכל חטאתי", דארפסטו פארגעבען אַלע מיינע עבירות ודוק. (דובנער).

רה

המוציא מיט האָניג, און המוציא מחבירו

איינער האָט געלאַכט פון דעם מנהג, אז פון ר"ה ביז נאָך „הושענה רבה" באשמירט מען די המוציא מיט האָניג. האַ־האַ־הא, דאָס וועט עפּעס אויפטהאָן צו האָבען א גוט יאָהר? און דער חברה מאן האָט שוין אָנגעזעצט איינינע מאָהל. האָב איך געזאָגט צו איהם: שוטה איינער, אַלץ איך דאָך בעסער „המוציא" מיט האָ־ניג, ווי „המוציא מחבירו".

רו

געפינט פאַרטיגע

איינער קלאַפּט דעם בוים, דער צווייטער קומט און כאַפּט דעם עפּעל.

רז

די רשימה פון על חטא

אז אפּיקורס האָט געזאָגט, אז דער „על חטא" האָט אונז א גרויסע טובה געטהאָן. אזוי ווען עס זאָל זיך פארוועלען טהאָן אַן עבירה, וואָלט איך ניט וויסען וואָס פריהער צו טהאָן. אָבער איצט גיב איך א קוק אין דער רשימה פון עבירות וואָס איז דאָ אין סידור און איך קלייב מיר אויס וועלכע מיר געפעלט.

רח
קדשי קדשים און קדשי קלים

א הײנטיגער װאָס װיל כּסדר כאַפּען אױף אַ רב עפּעס, װאָס איהם דאַכט זיך אַ חטא, קומט אײן מאָהל און זאָגט: „רבי“, איך מוז אײך זאָגען, אַז אײערע רבנים, צוליעב פּרנסה, טהוען זײ אױך ניט גוט. זאָג איך װאָרום? פאַלט איהר אױס צו זאָגען, װײל יע־נער און יענער האָט געגעבען אַ הכשר דעם און דעם חטאת... זאָג איך אײך רבי, אַז אײערע הײליגע װערען אַפּגעקױלעט צו־ליעב אַ דאָלאַר, „קדשי קדשים“ אײערע, „שחיטתן בצפון“ װערען אַפּגעקױלעט צוליעב געלט, װאָס דאָס רופט זיך צפון. הער מײן טײערער, ערשטענס, גלױב איך דיר ניט. דו ביסט גאָר קײן עדות ניט און אױב דו ביסט כשר לעדות, ביסטו אײנער, געה צו אַלדע רוחות, און זאָל שױן זײן טאַקע אַזױ, אַז „קדשי קדשים שחיטתן בצפון“, אַז די הײליגע טהוען אַ שטיקעל פאַרברעכען צוליעב געלט, אָבער מעהר װי דעם הכשר, טהוט ער ניט צוליעב פּרנסה... אָבער זאָג מיר װאָס טהוסט דו צוליעב פּרנסה? „חילול שבת“, עסט טריפה, לעגסט ניט קײן תפלין און טוסט כל דבר אסור. טאָ זאָג־זשע װײטער די משנה: „קדשים קלים“, דאָס ביזטו, איז דאָך „שחיטתן בכל מקום„ װאו דו געהסט און דו שטעהסט.

רט
קלערט אױף גאָט

א פאַסטוך האָט זיך געלעגט אַפּרוהען אונטען אַן עפּעל בױם. ליגט ער און קלערט אױף דעם רבש״ע און טראַכט זיך װי ניט ריכטיג עס זײנען פיעלע זאַכען פון דער בריאה. קירבעס, אַזאַ גרױ־סע פּרוכט, װאַקסט אױף דער ערד. עפּעל אַזאַ קלײנע פּרוכט װאַקסט אױף אַזאַ שטאַרקען בױם. דערװײל װי ער ליגט אַזױ מיט׳ן פּנים אַרױף איז געװאָרען אַ װינטעלע און עס איז אַראָפּגעפאַלען אַ ן עפּעל און איהם גראַד געטראָפען אין זײן נאָז... האָט איהם צוקלאַפּט דעם נאָז מיט׳ן פּנים. אַה, רבש״ע, דו האָסט מיר שױן איצט פאַרענטפערט מײן פראַגע. װען עס װאָלט געװאַקסען קיר־בעס אױף אַזאַ בױם און דער קירבעס װאָלט מיר געפאַלען אין פּנים, װאָלט איך שױן פאַרשפּאַרט זיך אױפצוהױבען.

רי
זי רעכענט די חטאים

אַ פרוי איז געקומען דערצעהלען דעם רב, אַז איהר מאַן איז אַן אַפּיקורס. איך וועל אָנפאַנגען פון קליין ביז די גרעסטע עבירה וואָס ער טהוט. ער עסט „תשעה באב", ער טראָגט קיין „ציצית". נאָך ערגער, ער עסט פלייש אין די נײַן טעג, נאָך ערגער, ער עסט אַ פּיקעל אַ זויערע אום „ראש השנה", נאָך ערגער, ער עסט כריין מיט פלייש פּסח ביים סדר. נאָך ערגער, ער עסט ניט קיין זיסען עפּעל ראש השנה ביינאַכט.

ריא
אַפּיקורום האַלט פון מוקצה

אַ פאַרצייטיגער אַפּיקורס איז שבת אַריינגעגאַנגען צו זיינעם אַ גוטען פריינד, וועלכער איז אויך ניט געווען קיין גרויסער צדיק. האָט דער אַפּיקורס אָנגעסמוקט אַ סיגאַר. זעהענדיג, אַז ער סמוקט האָט ער איהם גאָר ניט געזאָגט, נאָר ער האָט אַראָפּגענומען די לייכטער פון טיש. זאָגט איהם דער אַפּיקורס, שטייטש, עס איז דאָך מוקצה. איך בין אַפילו אַ גאַסט, אָבער איך דאַרף אייך אויפ־מערקזאַם מאַכען, אַז שבת איז מוקצה אָסור צו מטלטל זיין.

שטייטש, פאַר וואָס רויכערט איהר? דאָס איז ערגער ווי מוקצה? ענטפערט איהם דער גאַסט, אַ סיגאַר רויכערען אום שבת קען איך דאָך ניט טהאָן דורך אַ גוי, איך מוז עס אַליין טהאָן. אָבער די לייכטער אַראָפּנעהמען פון טיש קען איך דאָך דורך אַ גוי.

ריב
אָרימאַן מיט'ן לעבעל ברויט

דעם אָרימאַנ'ס טענה צו אַ לעבעל ברויט:

מיין טייערער ליבלינג ביי מיר און ביי מיינע קינדער, וואָרום ווילסטו ניט קומען, מיין טייערער ליבלינג, נאָר צום גביר געהסטו?

מיין פריינד, אַז איך קום אַריין צום גביר, איך לעבעל ברויט — פיהרט ער זיך מיט מיר מיט גרויס דרך ארץ, מיט רעספּעקט. מען שניידט שעהנע שטיקלאַך, מען שמירט מיט פּוטער, מיט אַלערליי איינגעמאַכץ, מיט אַלע גוטע זאַכען עסט מען מיר. קורץ,

איך האָב כבוד און אָפּטמאָהל אין אַ צייט, אַז איך קום שוין צו גאַסט צו דיר, דאַן נעהמט מען מיר צו מיט אַזאַ כאַפּ, מען רייסט פון מיר שטיקער, מען שלינגט מיך טרוקענע, אין איין ווײַלע ביז איך שוין ניטאָ. דאָרום וויל איך ניט צו דיר קומען.

ריג
אלול איז ער פרומער

פרוי (צו דעם מאַן): — אַז דו האָסט שוין יאָ אָנגעצונדען דעם גען אויפען אום שבת, האָסטו דאָך געקענט מאַכען אַ גרעס־סערען פייער.

מאַן: — פאַרשטעהסטו מיך, אַז עס איז איצט „ראש חדש אלול", דאַרף מען ווערען פרומער און מאַכען אַ קלענערען פייער אום שבת.

ריד
אונזער פילאָזאָפיע

אונזער פילאָזאָפיע איז אַ שליסעל מיט וועלכען מיר עפענען דעם אַלטען שלאָס פון די אייביגע סודות. אונזער ארבייט איז אומזיסט מערסטען טהייל. אונזער שליסעל ווערט אויסגעדרעהט, אויסגעבויגען, גאַנץ אָפּט, צובראָכען און שלאָס בלייבט שלאָס.

רטו
די יעצטיגע תשובה

אַ פאַרמער (אַ רוסישער ישובניק) וועמעס עלטערען׳ס על־טערען זיינען געווען פאַרמערס. ער האָט פון שטאָדטישען לעבען גאַר ניט געוואוסט, איז ער איינמאָהל שטאַרק קראַנק געוואָרען. פון טאָג צו טאָג אַלץ ערגער, האָט זיי אַ שכן געזאָגט: מען מוז ברענגען אַ דאָקטאָר. זיי האָבען געבראַכט. דער דאָקטאָר האָט פאַר־שריבען אַ רעצעפּט און ער האָט אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלען גוט צו־שאָקלען בעפאָר זיי גיבען איהם אַ לעפעלע. אַזוי האָט זיין פרוי געטהאָן. זי האָט אריינגערופען פיער פויערים און זיי האָבען איהם ארויסגענומען פון בעט און האָבען איהם געשאָקעלט ביז זיין נשמה איז אַרויסגעגאַנגען. אַנשטאָט צו שאָקלען די מעדיצין וואָס זיי האָ־

בען איהם באדארפט געבען האבען זיי דעם קראנקען געשאקעלט. (פארברייטערען דעם ענין). אין די תשובה טעג, אין דעם פלאץ יואס מען דארף אנהויבען מעדיצין נעהמען און חרטה האבען אויף לשעבר, אויך קבלה אויף להבא און דער תהלים זאגען, לערנען און אז ער וויל אויך שאקלען זיך, טהוט ער אזוי: ער, דער קראנקער, דער חטאת שאקעט זיך און קיין מעדיצין ניט. פארשטעהט מען וואס דאס הייסט און וואס פון אזא שאקלען זיך קען ווערען.

רטז
וואס איז חרטה

וואס איז חרטה? — חרטה הייסט עס באוויזט, אז אי הארצען איז נאך דא א ווינקעלע וואו עס וואוינט עפעס יושר.

ריז
די פראשקעס אין וואסער

א פויער זייענדיג קראנק, האט געקויפט פראשקעס אין אפטייק. דער אפטעקער האט איהם געהייסען נעהמען די פראשקעס אין וואסער. איז ער אוועק צום טייך, האט זיך אויסגעטהאן און אריינגעהענדיג אין טייך האט ער איינגענומען די פראשקעס.

זיי לויפען אין מקוה און מיינען, אז דאס אליין וועט זיי העלפען. אין מקוה געה, און פראשקעס נעהם אין הויז... אין סטריט, אין שוהל...

ריח
דעם מוסר פון יום כפור

וואס פאר א הייליגער מוסר ספר יום כפר איז! ער שלאגט כפרות, ער שלאגט מלקות, ער שלאגט זיך בערך אכט הונדערט קלעפ אין הארצען, ער טהוט תשובה, ער האט חרטה, ער בעט, ער וויינט פאר גאט, ער זאל איהם פארגעבען אלע זיינע פעהלערען, וועלכע ער איז באגאנגען אין דעם פארגאנגענעם יאהר, און ער נעהמט אויף זיך ער זאל זיך בעסערען אין דעם קומענדען יאהר. מעהר ווי א מעת־לעת פאסט ער. א גאנצער מוסר ספר דער יום־כפור.

ריט
דער גרעסטער זיעג
זיך זעלבסט צו באזיעגען איז גאר, גאר, דער גרעסטער זיעג.

רכ
ניקאליי דער ערשטער אין ווילנא

ווען דער קיסר ניקאליי דער ערשטער איז דורכגעפאהרען ווילנא און ער איז צוריק פאהרענדיג געשטאנען צוויי טעג אין ווילנא, דאן האט ער באזוכט א צערקווע (טשיורטש). דער נאראד איז געוועזען געפעהרליך גרויס. ביי דעם פלאץ האט געטראפען אן עקסידענט. א פויער האט צוטרעטען אויף טויט אנאנדער פויער, און א פאר בלאק ווייטער האט א פויער ניט אראפגענומען דעם היטעל. און ווען דער פאליסמאן האט איהם געווארענט האט ער אויך ניט געפאלגט. צוליעב די ביידע טרעפעניששען האט זיך דארט געמאכט אן עולם און פאליציי האט דעם עולם געטריבען און עס איז געוועזן אוממעגליך זיי צו ברענגען צו אן ארדנונג. ניקאליי האט עס באמערקט, האט ער געפרעגט וואס דאס באדייט, האט מען איהם דערצעהלט די ביידע טרעפונגען. האט ער געהייסען זיי ביידען באלד געבען זייער שטראף. דעם וואס ער האט צוטרעטען א מענשען, זאל ער צוגעפיהרט ווערען צו איהם און ער זאל איהם אנקוקען, און דער וואס האט זיין העט ניט ארונטערגענומען, דעם זאל מען גלייך הענגען אין סטריט.

אז איינער פון זיינע פליגעל אדיוטאנטען האט אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם משפט וואס עס זעהט אוים פונקט פארקעהרט, האט ער געענטפערט: עס איז פארקעהרט אין אייערע אויגען אבער ניט אין מיינע. דער וואס האט געטויטעט א מענשען ווילענדיג מיך זעהן, און דער נאראד איז געוועזן זעהר גרויס, האט ער געקלעטערט אויף ווענט און ער האט זיך פארלוירען, ניט דענקענדיג אז ער קען הרג'ענען און גע'הרג'עט ווערען, אבער די עבירה איז מיט ליעבשאפט צו מיר געטהאן געווארען. אבער דער יעניגער, ווען אלע שטעהען מיט יראת הכבוד פאר מיר אהן די העטס און ער נעהמט ניט אראפ די העט, און ווען דער פאליסמאן האט איהם געווארענט, האט ער אויך ניט געפאלגט, איז ער נאך א קליינער

מורד במלך? איהם קומט דער טויט אויפ׳ן ארט. (און עס איז טאקע ריכטיג גע׳פסק׳ענט אויך. איהר וועט אליין פארברייטערען דעם נמשל, אנטקעגען די וואס טהוען עבירות בזדון, און די וואס טהוען שלא בזדון).

רכא
געהען ניט צו תשליך

די וואס האבען פארבראכט דעם גאנצען זומער ביי די ברעגעס פונ׳ם ים געהען ניט צו תשליך, ווייל זיי ווייסען, אז ביים וואסער קען מען זינדיגען מעהר ווי איבעראל.

רכב
בענשען אין שטעל א תפלה

אין שוהל יום כפור צו מנחה איז געקומען א יונגערמאן, אויף ויינע ליפען איז געווען צו דערקענען, אז ער האט ניט לאנג צוריק מיטאג געגעסען (דינער בלע״ז), גיט ער א פרעג אן עלטערען אידען וועלכע תפילה האלט מען איצט? דער איד האט גענומען א סידור, און האט איהם אויפגעמישט בענשען. צו הויזע האט איהר געגעסען און ניט געבענשט, איצט באטש בענשט.

רכג
יום כפור און פורים

מיר האבען א סך וואס ווילען ניט פאסטען יום כפורים, און דאך די זעלביגע מאכען א גוטען שנאפס און פארבייסען מיט א המן טאש אום פורים.

רכד
דער גביר און איך ערב יו״כ

ביי מיר אין הויז איז אמאהל „ערב יום כפור״ אריין א גביר אדיר, ער האט מיר עפעס געדארפט פרעגען. ער האט מיר געטראפען זעהר אויפגעלעגט, פרעהליך. פרעגט ער מיר שטייטש, ערב יום כפור און אזוי פרעהליך? פרעג איך איהם, זאגט מיר וויפיעל דארפט איהר פארדיענען היינטיגען יאהר אום איהר זאלט קענען ריכטיג דורכקומען? א מיליאן דאלאר ביזנעס דארף איך מאכען,

דאַן וועל איך זיין ריכטיג אויף דורכצוקומען. הייגט, הערט מיר צו. וויפיעל איך דאַרף האָבען ביזנעס פאַר פיער טויזענט דאָלאַר אין גאַנצען, וועל איך לעבען גוט און גאַר גוט. אַז איך דאַרף אַזוי ווייניג, אַז איך וועל זיך נאָר איין קרום געבען צו „נעילה“, וועט עס מיר דער עוויגער געבען. איהר דאַרפט אַזאַ גרויסען פּאַרמעגען ציהען פון איהם, דאַרפט איהר זיך קרומען פיער און צוואַנציג שעה און גוט, גוט בעטען, אַז ער זאָל אייך געבען. (אַם ענדע איז פונקט פאַרקעהרט. די אָרימענקע, וואָס טראָבלען ניט דעם אַל־מעכטיגען מיט פיעל הוצאות, זיי דאַרפען בעטען אַלע טאָג דריי מאָהל, און די גבירים, וואָס ציהען אַזאַ פאַרמעגען דאַוונען גאָר־ניט, חוץ יום כפּור...)

רכה

מיעד פון געהן צו תשליך

אייניקעל: — זיידענקע, פאַר וואָס זייט איהר אַזוי מיד און און מאַט, זאָגט מיר?

זיידע: — איך בין געגאַנגען צופיעל צו תשליך, מיין קינד.

אייניקעל: — אַזוי ווייט איז דער טייך פון אייך? מיר דוכט זיך, אַז ער נאָהענט.

זיידע: — ניין, מיין קינד, דער טייך איז ניט ווייט, נאָר איך בין געגאַנגען צו תשליך ניינציג מאָהל, האָט דאָס מיר זעהר פאַר־שאַדט.

רכו

ווער עס גלויבט ניט

ווער עס גלויבט אין קיין זאַך ניט, דעם זאָלסטו אויך קיין זאַך ניט גלויבען...

רכז

קינדערלאַך שרייט אָב אייער טאַטען

(משל יקר לראש השנה). אַ פאָטער פון אַכט קינדער איז גע־פעהרליך קראַנק געוואָרען. באַלד פון אָנפאַנג האָט דער קליין שטעדטעלדיגער דאָקטאָר געזאָגט, אַז מען דאַרף פון וואַרשאַ האָ־

בען דעם גרויסען פּראָפעסאָר. עס איז אוועקגעגאַנגען איינינע טעג, די קראַנקהייט איז פיעל ערגער געוואָרען. ער איז געוואָרען א חולה מסוכן... זיי אַליין זאָלען ברענגען דעם פּראָפעסאָר איז אוממעגליך געוועזען פאר זיי. נאָר צו זייער אומגליק האָבען זיי געהאַט א גליק, וואָס דער גביר פון שטעדטעל איז אויך קראַנק געוואָרען און דער פּראָפעסאָר ווערט פון זיי גערופען, וועלען זיי האָבען דעם גליק איהם צו קריגען פאר זייער פאָטער, און דאָך האָט עס נאָך געמוזט נעהמען איינינע טעג. דערווייל איז דער קראַנקער געוואָרען ערגער און ערגער און א מעת־לעת בעפאָר דער פּראָפעסאָר איז געקומען איז ער געוואָרען א גוסס. דאַן זיינען די קינדער מיט זיין פרוי צוגעלאָפען און זיי האָבען אָנגעהויבען שרייען און די מוטער האָט געשריען צו די קינדער: שרייט אָפּ אייער טאַטען ביז דער פּראָפעסאָר וועט קומען...

(נמשל שרייב איך קורץ) ראש השנה איז דער יום הדין, ווייס גאָט אין הימעל וואָס פאר א צרה עס דאַרף ר"ל קומען אויף וועמען. קיין גרויסע פּראָפעסאָרען ווי דער כהן גדול האָבען מיר ניט, וואָס זאָל קענען פאַרגעבען דעם פאָלק, לאָמיר כאָטש אָפּשרייען די גזירה ביז דער גרויסער פּראָפעסאָר קומט יום הכפורים.

רכח
מעדיצין און יהי רצון

עס קומט מיר אויס, אַז מיט די היינטיגע וואָס קומען אין שוהל פון סליחות צייט ביז נאָך יום כפור און קלאַפּען זיך על חטא, און תשובה טהוען זיי ניט, פּונקט אַזוי, ווען איך בין געוועזען אַלס קינד זעהר שטאַרק ניט געזונד און דער דאָקטאָר האָט מיר געגעבען מעדיצין, וועלכע מען האָט געדאַרפט נעהמען יעדע שטונדע א לעפעלע, זאָגט מיר אָן מיין מאַמע: ווייס מיין קינד, אַז דער עיקר רפואה איז, אַז מען זאָגט בעפאָר איינגעהמען די מעדיצין דעם „יהי רצון שתהי לי לרפואה". די מעדיצין איז געוועזען זעהר ביטער צו נעהמען, האָב איך טאַקע אַזוי געטהאָן. איך האָב אָנגעגאָסען אַלע שטונדע א לעפעלע און אָפּגעזאָגט דעם „יהי רצון", און די מעדיצין אויסגעגאָסען. אויף מאָרגען בין איך געוואָרען נאָך מעהר קראַנק. די היץ האָט אין מיר געברענט. געבראַכט דעם דאָקטאָר,

געמאַסטען מיר די היץ, אַ צעשראָקענער איז ער געוואָרען. עס קען ניט זיין, ער האָט די מעדיצין ניט גענומען, ווייל די היץ האָט גע־דאַרפט סטאַפּען. ער גיט אַ קוק אין באַטעל, עס איז ניטאָ, האָט ער מיר געצוואונגען צו זאָגען דעם אמת. איך האָב אויסגעזאָגט, אַז איך האָב גענומען דעם „יהי רצון“, אָבער די מעדיצין האָב איך געגאָסען אַלע שטונדע אויף דער ערד. איהר קענט פאַרשטעהן ווי דער דאָקטאָר איז נתפּעל געוואָרען פון „יהי רצון“. אמת, עס קען זיין, אַז דער יהי רצון איז גוט, אָבער מעדיצין דאַרף מען נעהמען.

אַזוי מיינע פריינדע, זיי קומען און זאָגען, און זאָגען, און קלאַ־פּען אין הארצען, און זאָגען, און זאָגען, און שרייען „חי וקים“ און נאָר מיט'ן זאָגען דעם „יהי רצון“ קומען זיי אָפּ. אָבער קיין מעדיצין נעהמען זיי ניט.

רכט
פרימער פאַר'ן רב

היינטיגע יום כפור אידען און איבערהויפּט די יונגע לייט זיי־נען פרומער פאַר'ן רב. דער רב שטעהט אויפ'ן פלאַץ און זיי שטע־העט אויף שפּילקעס.

רל
זיי האָבען געעפענט דעם אָרון קדש

אין רוסלאַנד, נאָך פאַר'ן צאַר ניקאָליי, ווען עס איז געוואָרען די מלחמה מיט יאפּאַן און עס איז אַרויסגעשיקט געוואָרען צו־זאַמענצונעהמען אַלע סאָלדאַטען, וועלכע זיי זיינען שוין לאַנג באַ־פרייט, וועלכע האָבען שוין קינדער, און אַז זיי זיינען צוזאַמענ־געקליבען געוואָרען אין גאַס, די פרויען, די קינדער, שטעהען דער־ביי ווי זייער מאַן און פאָטער פון קליינע עופה'לאַך שיידעט זיך מיט זיי אויף אייביג. די געשרייען האָבען געקענט דעם הימעל שפּאַל־טען. אַז זיי האָבען געזעהן, אַז מען שיקט זיי גלייך אַוועק האָבען זיי געבעטען, אַז מען זאָל זיי ערלויבען אריינצוגעהן אַלע אידישע סאָלדאַטען אין שוהל דעם לעצטען מאָהל און געזעגענען זיך מיט'ן שוהל. מען האָט זיי ערלויבט אויף איין שטונדע און אַז אַלע סאָל־דאַטען זיינען אין שוהל אריין און די פרויען און קינדער זייערע,

אויך פון פיעלע זייערע עלטערען, פארשטעהט מען וואס דארטען איז פארגעקומען. אַי, מיין מאן... אַי, מיין פאטער, אַי, מיין קינד.

און איין סאלדאט איז ארויף און אז עפען געטאן דעם ארון קודש און האט אין נאמען פון אלעמען גענומען זיך געזעגענען מיט'ן ארון קודש, מיט די ספרי קודש, די געשרייען איז אומבאשרייבליך.

(דעם נמשל שרייב איך קורץ). מיר האבען א סאמענס גע־קראגען שוין אין אלול, זייט גרייט צו מלחמה. זייט גרייט צום יום הדין. ווייסט גאט אין הימעל אויב עלטערען פון קינדער וועלען ניט דארפען אויף אייביג זיך שיידען. קינדער פון עלטערען, מענער פון פרויען. די ערשטע התראה פון צווייטען טאג אלול ביז היינט, וואס עס איז די לעצטע מינוט, פאר תקיעות, דעם יום הדין איז גלייך זאלען מיר עפענען דעם ארון קודש.

רלא

טויטע געהען צו סליחות

אמאהל אין די קליינינקע שטעדטלאך האט מען געזאגט, אז טויטע געהען אין סליחות צייט אין די שוהלען. איך האב עס גאר קיין מאהל ניט געגלויבט ביז איך בין געקומען אין אמעריקא, האב איך געזעהען יום כפור א פולע שוהל מיט טויטע. עסען ווי לעבע־דיגע, נאר טויטע דאך. „רשעים" הייסען טויטע. „רשעים בחייהם נקראין מתים".

רלב

גוט מארגען — א גוטען טאג

(משל) די היינטיגע, וואס קומען ימים נוראים אין שוהל אריין און קלאפען זיך אין הארצען אפּ אלע „על חטא'ס" און אויף מאר־גען נאך יום כפור זיינען זיי מעהר ניטא און זיינען ווידער ווי געוועזן, האב איך געזעהן א משל, מיר דוכט אז דאס איז דעם דוב־נער'ס, ריכטיג צוגעפאסט פאר זיי.

עס איז געווען א רייכער פארמער, וועלכער האט געהאט א בחור, וואס איז געשטאנען אין שידוכים. אבער אומוויסענד אין „הלכות דרך ארץ" איז ער געווען פונקט להבדיל ווי א בהמה. דער פארמער איז געוועזען גוט אפּ, דארום האבען שדכנים אויסגעזאר־

בייט אַ שידוך פאַר זיין בחור גראָד אַ שטאָדטישע מיידעל מיט נדן און פון שעהנעם יחוס.

אַז דעם פּאַרמער'ס זוהן האָט געדאַרפט קומען זיך זעהען מיט דער כלה האָט דער שדכן מיט אַ מאַנאַט בעפאָר אָנגעהויבען איהם לערנען ווי ער זאָל זיך באַנעהמען אין שטאָדט. איבערהויפּט, ווען ער וועט קומען אין דער הויז פון'ם מחותן, און דאָס איז דער „סדר הלימוד". אַז דו קומסט אַריין אין דער פּריה אין הויז, זאָלסטו זאָגען גוט מאָרגען, אַז דו געהסט אַוועק זאָלסטו זאָגען אַ גוטען טאָג, און אַז דו זעהסט זיך מיט מענשען, זאָלסטו פרעגען ווי געהט עס? ווי איז ביזנעס? וואָס מאַכט איהר? אַז דו קומסט בייטאָג, זאָג גאָט העלף, אַז דו געהסט אַוועק, אַ גוטען טאָג, אַז דו קומסט אין אַבענד, גוטען אָווענט, אַז דו געהסט אַוועק, אַ גוטע נאַכט. דער „חתן" האָט דאָס געשטודירט אַזוי כסדר ביז ער האָט געזאָגט, אַז ער וויים דעם גאַנצען סדר ריכטיג ווי עס בעדאַרף צו זיין, אַז אַז עס איז געקומען דער טאָג וואָס ער האָט געדאַרפט דאָרט געהן, האָט ער אַ סך מאָהל איבערגעשטודירט. עס געהט ווי וואַסער.

און ווען דער חתן איז אַריין אין הויז און עס זיינען געזעסען די אַלע מחותנים און סתם געלאַדענע געסט, איז ער צו יעדען צו־געגאַנגען און אָנגענומען זיין האַנט „שלום עליכם", וואָס מאַכט איהר? גוט מאָרגען, אַ גוטען טאָג, גאָט העלף, אַ גוטען טאָג, גוטען אָווענט, אַ גוטע נאַכט, וואָס מאַכט איהר? ווי געהט עס? ווי איז ביזנעס? האָט ער אַלעם אויף אַמאָהל אָפּגעזאָגט און פאַרטיג. מען קען זיך פאָרשטעלען ווי עס איז און וואָס דאָרט איז פאָרגע־קומען.

איך זעה, אַז איהר האָט אַלע אַ שמייכעל געטהאָן, איהר האָט געלאַכט פון דעם פאַרמער'ס בחור. לאַכט ניט, מיר האָבען איצט אַ סך אַזעלכע פאַרמערס. אַ גאַנץ יאָהר ווייסען זיי גאָר ניט וואָס צו טהאָן, ניט דאַווגען, ניט תפילין, ניט ציצית, ניט שבת, און סך־הכל גאָרניט. קומען זיי צו געהן „יום כפור" אין שוהל, גוט מאָר־גען, וואָס מאַכסטו רש"ע, ווי געהט עס, על חטא שחטאנו און כסדר, אַ גוטען טאָג, אַ גוטע נאַכט, און זייט אייך אַלע אידען גע־זונד אויף אַ גאַנץ יאָהר, גוט באַי. (מען קען אַ סך מעהר רעדען דעם וויציגען משל).

רלג

דער יתום און די שטיעף־מאמע

עס איז געוועזען א גרויסער גביר, אן איידעלער חשוב'ער מענש, און דאס גלייכען זיין פרוי די אשת חיל. זיי האבען נאר פארמאגט איין קינד, א טייערער, קלוגער גוטער קינד. אז ער איז שוין געוועזען אלט צוועלף יאהר איז זיין מוטער קראנק געווארען אויף אזא קראנקהייט פון וועלכער זי האט שוין פון בעט זיך נים אויפגעהויבען.

אז זי האט געשפירט, אז איהרע שטונדען זיינען געצעהלטע. האט זי געשיקט ארייגרופען איהר איין איינציגען קינד און זי האט איהם געזאגט: מיין טייערער קינד, דו ביסט נאך יונג, און איך מוז דיך איבערלאזען. איך שטארב נאך היינט אוועק, מיין קינד, אט אין דעם חדר, וואו איך ליג איצט און דו שטעהסט לעבען מיין טויטען בעט. אט דא זאלסטו אפט אריינקומען און דו זאלסט דער־מאהנען דיין מאמען. דו זאלסט אימער, ווען דיר וועט גוט זיין אדער ח"ו שלעכט זיין אט אין דעם חדר אויסגיסען דיינע ליידען און פיליכט וועל איך דיר קענען העלפען פון הימעל.

זי איז אפגעשטארבען. אבער די וועלט פיהרט זיך ווי דער מנהג איז, אז א טויטען פארגעסט מען באלד און אזוי איז מיט אונזער גביר אויך געוועזען. ער האט אין א האלב יאהר ארום גע־הייראט און גענומען אן אמת'ע "יפת תואר", אבער אן אמת'ע שלעכטע, א וואהרע אשה רעה, א מרשעת, און זי האט איהר שטיף קינד געשלאגען מכת רצח. און איהם געפיהרט בזויה'דיג. אלע ענוים האט ער אויסגעליטען פון איהר, און אפילו עסען האט ער אויך ניט באקומען ווי איהרע צוויי קינדער, וועלכע זי האט אריינ־געבראכט. דער גביר פלעגט אוועקפאהרען אין כסלו און צוריק־קומען פלעגט ער אין אלול, אין אלע לענדער איינצוקויפען ווארע און שיקען אין זיין ביזנעס כסדר. אזוי איז געווען זיי מנהג. און ווען ער פלעגט קומען, פלעגט ער ברענגען פרעזענטען פאר איהם און פאר זיין קינד, און פאר איהרע קינדער אויך.

און ווען ער איז געקומען, איז די ערשטע זאך האט זי איהם דערצעהלט, דאס זיין זוהן איז ניט גוט. ער האט א גרויסע מויל, ער שלעפט זיך ארום מיט טרעמפס, ער און ער. האט דער פאטער

אויף איהם געשריען און געזידעלט. עס האָט גאָר ניט געהאָלפען זיין פארטיידיגען זיך און אזוי אַלע טאָג האָט זי איהם פאר'מסור'ט און אַלע שקרים ארויפגעוואָרפען אויף איהם ביז דער פאָטער האָט איהם פאַרהאַסט און דאַן איז געבליבען פאַר איהם פריי די וועג איהם צו פּלאָגען.

איינמאהל, ווען דער גביר איז געקומען פון זיין רייזע איז ער צוגעקומען מיט אַלעמען צוגלייך צו נעהמען די פּרעזענטען, וואָס ער האָט געבראַכט און ער האָט צוטהיילט יעדען איינעם זיין פּרעז־ענט און אַז זיין קינד איז צוגעקומען צו איהם נעהנטער, פּאַפּאַ, וואו איז פאַר מיר? האָט דער גביר אויסגעשריען: אַוועק פון מיר דו אומפארשעמטער יונג. איך האַלט ניט דיר מעהר פאַר אַ קינד. דו ביסט זעהר אַ שלעכטער קינד, פאַר דיר האָב איך קיין פּרעז־ענט ניט געבראַכט.

דאַן איז ער אריינגעגאַנגען אין דעם רום, וואו זיי מוטער האָט איהם געהייסען אריינקומען און ער האָט זיך איצט דערמאָהנט ווי גוט עס איז איהם געווען, אַז זיי מוטער האָט געלעבט, ווי שלעכט עס איז איהם איצט, פאַר דער שטיף מוטער.

האָט ער יאָמערליך אָנגעפאַנגען וויינען: מוטער, מוטער, ווען דו שטעהסט אויף פון דיין קבר און דו וואָלסט אַ קוק געטאָן אויף דיין קינד און געזעהן אין וואָס פאַר אַ לאַגע דיין קינד איז, ניט געננוג וואָס מיר איז שלעכט, מיר איז פינסטער און ביטער דורכצולעבען אַ טאָג, ווייל די שלאַנג, די שטיף מוטער שלאָגט מיר, רייסט פון מיר שטיקער פלייש, און גיט מיר ניט עסען, און אויב יאָ, ווערט מיר געגעבען פונקט ווי צו דעם הונט פון הויז. חוץ די אַלע צרות, האָט זי נאָך מיט איהרע ליגענס, וואָס זי האָט אויף מיר איבער דערצעהלט צום פּאַפּאַ, האָט ער מיר פאַרהאַסט. מאַמע, מאַמע, אַז דו וואָלסט געקענט זעהען ווי ער באהאַנדעלט מיך. ער האָט געבראַכט פּרעזענטען פאַר איהרע קינדער, אפילו פאַר די דינסטען, און אַז איך בין שוין אַפילו צוגעגאַנגען, פּאַפּאַ און פאַר מיר, האָט ער אָנגעפאַנגען שרייען: אַוועק פון מיר אומפארשעמ־טער, דו ביסט ניט מעהר מיין קינד.

(דעם משל קורץ) דער גביר, דער מלך מלכי המלכים, אמאָהל זיינען מיר געוועזען דער באַליעבטער קינד זיינער. דער „בני בכורי

ישראל" און ער האָט אונז אויסגעקליבען פון אַלע אומות, געגעבען אונז די תורה און ער האָט אונז געגעבען „ארץ ישראל" אונזער מוטער, און ווען אונזער מוטער איז אוועקגענומען געוואָרען פון אונז, האָט זי אונז אָנגעזאָגט, ישראל מיין קינד, זיי וויסען „ישראל", איך געה פון דיר אוועק, דו וועסט אָנקומען צו אַ שטיף מאַמען, אומעטום וועסטו זיין אַ שטיף קינד, נאָר אַז דיר וועט זיין שלעכט זאָלסטו אריינקומען אין גאָטעס הויז און עפענען דעם ארון קודש און דו זאָלסט אַביסעל זיך קענען אויסוויינען.

ישראל האָט דערלעבט, אַז ער איז אַ שטיף קינד, ישראל זעה צו מיט דיינע אויגען ווי עס ווערט אַלע יום כפור געבראַכט פרעזענטען צו אַלע שטיף קינדער. וואָס גאָט האָט זיי ניט אויסגעקליבען פאַר זיינע קינדער. נייע מלוכות, מיט נייע הערשאַפט, און ישראל זיין אייגען קינד קריגט ניט אפילו קיין פרעזענט, און אַזוי ווי ער וואָלט זיין אָפּגעשטויסען פון גאָטעס האַנט. היינט איז יום כפור, היינט איז דער טאָג וואָס אונזער פאָטער אין הימעל קומט צו גאַסט. לאָמיר זיך אויסוויינען ביי דעם אָפענעם „ארון קודש" ווי לאַנג וועלען מיר זיין שטיף קינדער.

רלד
איהם אָפּגעטאָן

אַן אַפּיקורס האָט געוואָלט עסען אום יום כפור, האָט די ווייב איהם אָפּגעטהאָן און ער זאָל ניט קענען עסען. זי האָט צוגעכאַפּט די קוואָרט אום ער זאָל ניט האָבען מיט וואָס זיך צו וואַשען.

רלה
איך האָב געשלאָגען מיט'ן טאַטען

קום מאַטעלע שלאָגען כפרות! אָה, מאַמע, איך האָב שוין געשלאָגען כפרות מיט'ן טאַטען. עס איז נאָר אַ וויץ, אָבער בלוט גיסט זיך פון די אויגען ניט קיין טרעהרען, אַז אפילו אַ וויץ איז אָנגעמאָסטען אויף אונז.

ליידער, ליידער איז דען ניט אמת, אַז אַ סך, זעהר פיל קינדער האָבען שוין לאַנג געשלאָגען כפרות מיט זייער טאַטען, מיט די מאַמען איז ווי עס איז — מיט איהר קומט מען דורך.